STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02591

# ALE VERK

## Sholem Aleichem

*Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע ווערק
פֿון
# שלום עליכם

פֿאַרלאַג איקוף
בוענאָס איירעס
1955

OBRAS COMPLETAS DE

# SCHOLEM ALEIJEM

TOMO IX

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
EDITORIAL "ICUF"
BUENOS AIRES, 1955

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

# אַלע ווערק

פון

# שלום עליכם

## באַנד IX

ערשט בוך

**אָרעמע און פריילעכע**

צווייט בוך

**אָרעמע און פריילעכע**

# אָרעמע און פֿריילעכע

ערשט בוך

# אינהאַלט:

דער פּאַרכשופטער שנײַדער — — — — — — — — — — — — 11
פינף און זיבעציק טויזנט — — — — — — — — — — — — 60
דער דײַטש — — — — — — — — — — — — — — — — 109
די פרײלעכע קאָמפּאַניע — — — — — — — — — — — — 122
עולם הבא — — — — — — — — — — — — — — — — 171

# דער פאַרכשופטער שנײַדער

## אַרויסגענומען פון אַן אַלטן פנקס און באַפּוצט

### א.

איש חיה בזלאָדיובקי — אַ מענטש איז געווען אין זלאָדייעווקע, אַ שטעטל, וואָס ליגט אין דער סביבה פון מאַזעפּעווקע, נישט ווײַט פון כאַפּלאַפּאָוויטש און קאָזאָדאָיעווקע, צווישן יאַמפּעלי און צווישן סטרישטש, פונקט אַף דעם וועג, וואָס מע פאָרט פון פּישי־יאַבעדע דורך פּעטשי־כוואָסט קיין טעטרעוועץ און פון דאָרטן קיין יעהופּעץ; ושמו שמעון אליהו — און זײַן נאָמען איז געווען שמעון־אלי, און גערופן האָט מען אים „שמעון־אלי שמע־קולנו", מחמת באַם דאַווענען אין שול האָט ער געהאַט אַ טבע שרײַען, אַרבעטן, זינגען ציקלען זיך אַף קולי־קולות. ויהיה האיש חייט — און געווען איז דער מענטש אַ שנײַדער, נישט חלילה פון די געהויבענע שנײַדערס, וואָס נייען נאָכן „טאַבעלטיר", וואָס מע רופט דאָס „זשורנאַל", נאָר אַ שנײַדער אַ לאַטניק, אַ גרויסער מומחה, הייסט דאָס, אַף לייגן אַ לאַטע, פאַרצירעווען אַ לאָך, מע זאָל נישט דערקענען, אָדער איבערניצעווען וואָס פאַר אַ מלבוש איר ווילט אַף דער לינקער זײַט, ממש מאַכן פון אַלט נײַ. נעמען, למשל, אַן אַלטן כאַלאַט און איבערמאַכן אים אַף אַ קאַפּאָטע, פון אַ קאַפּאָטע — אַ פּאָר תחתונים, פון די תחתונים אויסשטיקעווען אַ לײַבל, און פונעם לײַבל נאָכדעם עפּעס אַנדערש — מיינט נישט, אַז דאָס איז אַזאַ גרינגע אַרבעט! און אַף דעם איז „שמעון־אלי שמע־קולנו" געווען איין בריה אין דער וועלט, און מחמת זלאָדייעווקע איז זייער אַן אָרעם שטעטל, וואָס דאָרטן

מאַכן נײַע מלבושים איז עפּעס נישט אַזאַ געװײנטלעכע זאַך, האָט מען דעריבער געהאַלטן פון שמעון־אליִן אין זלאַדייעװקע אַן עולם ומלואו. איין חסרון נאָר, װאָס ער האָט נישט געקאָנט אויסקומען מיט די נגידים, ליב געהאַט אַרײַנקוקן אין קהלשע זאַכן, זיך אָנעמען אָן דער קריװדע פון די אָרעמע לײַט, ריידן גאַנץ אָפנטלעך אַף די בעלי־טובות, װאָס זײַנען זיך עוסק אין צרכי־צבור, און דעם בעל־טאַקסע מאַכן מיט דער בלאָטע בפרהסיה, זאָגן אַף אים, אַז ער איז אַ געלט־צאַפּער, אַ בלוטזייגער, אַ מענטשנפרעסער, און אַף די שוחטים מיט די רבנים, װאָס האָבן געשלאָגן בלאָט מיטן בעל־טאַקסע — אַז ס'איז איין כנופיא, אַ כתה פון גנבים, רמאים, קוילערס, רוצחים, גזלנים, אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַרײַנ־געפלויגן געװאָרן ביז דעם זיידן תרח, מיטן פעטער ישמעאל אונטער־געשלאָגן!...

צװישן בעלי־מלאכות, חברה „פּועל־צדק", האָט זיך „שמעון־אלי שמע־קולנו" גערעכנט פאַר אַ „יודע־נגן"; אַף זייער שפּראַך האָט דאָס געהייסן: אַ מענטש, װאָס פאַרשטייט אין די קליינע אותיותלעך, מחמת שמעון־אלי פלעגט שיטן מיט פּסוקים, מיט גאַנצע שטיקער גמרא און מיט מדרשים, װאָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן: „עמך"... „קטנתי"... „אָגיל ואשמח"... „היום הרת עולם"... „ויתרוצצו ויתפּוצצו"... „װאָס טיבע יוצר המאורות"... „ככתוב, װי אין פּסוק שטייט געשריבן"... וכדומה אַזעלכע לשון־קודשדיקע װערטער, װאָס זײַנען בײַ אים תמיד געװען גרייט. און דערצו האָט ער נאָך געהאַט נישקשה פון אַ קולכל, אַפילו אַביסל צו אַ הילכיקס און גאַרגלדיקס. נאָר ער איז געװען קלאָר אין אַלע נוסחאות מיט אַלע ניגונים מיט אַלע תפילות אַף אויסװייניק, און האָט ליב געהאַט דעם עמוד מיט סכנת־נפשות, און איז געװען גבאי אין שנײַ־דערשן שולכל, געכאַפּט פּעטש װי האָלץ, צום מײנסטן שמחת־תורה צו „אתה־הראית", װי געװײנטלעך.

„שמעון־אלי שמע־קולנו", כאָטש ער איז געװען כל ימיו אַ ביטע־רער אָרעמאַן, מע קאָן זאָגן — כמעט אַן אביון, נאָר אַראָפּפאַלן בײַ זיך דערמיט האָט ער פײַנט געהאַט. „אדרבה, — האָט ער געזאָגט — װאָס מער קבצן מער לעבעדיק, װאָס מער הונגעריק מער געזונגען, װי די גמרא זאָגט: יאה עניותא לישראל כטשערעװיטשקע קראַסני לדיװוקע חיורא"...

הקיצור הדבר: שמעון־אלי איז געווען דאָס, וואָס מע רופט אָן אַן „אָרעמס און אַ פרייליכס". געווען איז ער אַ נידעריקער, אַ פּאַרזעעניש, אַרומגעשטעקט מיט נאָדלען און מיט שטיקלעך וואַטע אין די געקרײַזלטע שוואַרצע האָר; געהאַט האָט ער אַ קליין צאַפּן בערדל, אַביסל אַ צוגע־פּלעטשטע נאָז, די אונטערשטע ליפּ אַביסל צעשפּאָלטן, און אויגן גרויסע, שוואַרצע און שטענדיק שמייכלענדיקע, און געגאַנגען איז ער תמיד מיט אַ טענצל און מיט אַ לידל אונטער דער נאָז: „היום הרת עולם — גאָר נישט געזאָרגט!"...

ו י ה י ל ו ב נ י ם ו ב נ ו ת — און ער איז געווען אַ מטופּל מיט קינדער פון אַלערליי וווקס, צום מײנסטן טעכטער, צווישן זיי עט־לעכע דערוואַקסענע; ו ש ם א ש ת ו — און זײַן ווײַב האָט געהייסן ציפּע־בײלע־רייזע, און זי איז געווען זײַן „כנגדו", דאָס הייסט, פּונקט דער היפּך פון אים: אַ הויכע, אַ רויטע, אַ געזונטע, אַ ייִדענע אַ קאָזאַק. פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס נאָך דער חופּה, האָט זי אים גענומען אין די הענט אַרײַן און נישט אַרויסגעלאָזט אים, און איז געגאַנגען אין ספּאָ־דעק,־דאָס הייסט: זי איז געווען דער מאַן, נישט ער! ער האָט פאַר איר געהאַט גרויס דרך־ארץ. זי פלעגט אַף אים עפּענען אַ מויל, פלעגט ער פאַרציטערט ווערן; און אַמאָל, אונטער פיר אויגן, אַז ס'איז אויסגעקומען, פלעגט זי אים אָפּשטעקן אַ פּאַטש אויך... דעם פּאַטש פלעגט שמעון־אלי באַהאַלטן אין קעשענע און זאָגן בשעת מעשה אַ ווערטל מיט אַ פּסוק.

— היום הרת עולם — גאָר נישט געזאָרגט! אין דער הייליקער תורה שטייט געשריבן: „ו ה ו א — און ער, דער מאַן הייסט דאָס, י מ ש ו ל — זאָל טון טאָן געוועלטיקן, ב ך — אין דיר", איז פאַר־פאַלן! עס מעגן קומען כל מלכי מזרח ומערב, וועט זיך זיי נישט העלפן!...

ויהי היום — טרעפט זיך אַ מעשה. ציפּע־בײלע־רייזע קומט צו גיין איינמאָל זומער מיטן קאָשעק פונעם מאַרק, טוט אַ שמיץ דאָס בינטל קנאָבל מיטן ביסן פּעטרישקע מיט די קאַרטאָפלעס, וואָס זי האָט אײַנ־געקויפט, און רופט זיך אָן מיט כעס:

— לאָז דאָס גיין אין דער ערד אַרײַן! שוין נמאס ומאוס געוואָרן אַלע טאָג, אַלע טאָג זיך ברעכן דעם מוח, צו־טראַכטן, וואָס קאָכט מען וואָרעמס. מע באַדאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער! ווידער אַ מאָל טייגלעך מיט פאַסאָלעס און אָבער אַ מאָל טייגלעך מיט פאַסאָלעס, גאָט

זאָל נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד! אָט, למשל, נחמה־ברכה, אַזאַ קבצנטע, אַזאַ עניטע, אביונטע, אַזאַ דלפנטע, באַדאַרף זי האָבן אַ ציג! פֿאַר וואָס? וואָרעם זי האָט אַ מאַן לייזער־שלמה, טאַקע אַ שנײַדער, נאָר פֿאָרט אַ מענטש! אַ קלייניקייט אַ ציג? פֿאַראַן אַ ציג אין שטוב, איז פֿאַראַן אַ גלעזל מילך פֿאַר די קינדער; מע קאָן אָפּקאָכן אַ מאָל אַ קאַשע מיט מילך, אָפּשטופּן אַ וואָרעמעס, יוצא זײַן מיט אַ וועטשערע, אַ מאָל אַ קריגל פֿיד־סמעטענע, אַ שטיקל קעז און פּוטער — אַ חיות!

— ביסט נעבעך אוודאי זייער גערעכט! — מאַכט שמעון־אלי גע־לאַסן. — פֿאַראַן אַ מדרש: כ ל י ש ר א ל י ש ל ה ם ח ל ק — איטלעכער ייִד באַדאַרף האָבן אַ ציג. ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן...

— וואָס טויג מיר דײַן פּסוק? — צעשרײַט זיך ציפּע־בײַלע־רייזע. — איך זאָג אַ ציג, זאָגט ער גאָר אַ פּסוק! מיר דאַכט, אַז איך וועל דיר געבן אַ פּסוק, וועט דיר ווערן פּסוקדיק אין די אויגן! מיט פּסוקים גאָר האָדעוועט ער מיך, דער שיינער ברויטגעבער מײַנער, דער שלים־מזל! הערסטו? איך וועל דיר די גאַנצע תורה דײַנע אוועקגעבן פֿאַר איין באָרשטש אַ מילכיקן!...

וכדומה נאָך אַזעלכע מינים „אָנצוהערענישן" האָט אים געגעבן ציפּע־בײַלע־רייזע עטלעכע מאָל אין טאָג, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז שמעון־אלי האָט איר צוגעזאָגט און געגעבן האַנט תקיעת־כּף, אַז זי מעג שלאָפֿן רויִק, עס וועט שוין זײַן, מיט גאָטס הילף, אַ ציג. דער עיקר — בטחון. „היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט!...

פֿון דעמאָלט אָן האָט שמעון־אלי אָנגעהויבן קלײַבן אַ גראָשן און אַ גראָשן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַ סך נייטיקע זאַכן, פֿאַרמשכּנט די שבתדיקע קאַפּאָטע אַף אויסצאָלן וואָכגעלט און צונויפֿשלאָגן זיך עט־לעכע קערבלעך, און ס'איז געבליבן, אַז ער נעמט די ממתקים און גייט זיך דורך קיין קאָזאָדאָיעווקע קויפֿן אַ ציג. וואָס עפּעס קיין קאָזאָדאָיעוו־קע? איז דערינען געווען צוויי טעמים: ראשית, איז קאָזאָדאָיעווקע אַן ערטל פֿון ציגן, וואָס דער נאָמען אַליין באַווײַזט שוין דערויף: קאָזאָדאָ־יעווקע איבערגעזעצט אַף ייִדיש קומט אויס „ציגמעלקנדיקע". והשנית, האָט ציפּע־בײַלע־רייזע געהערט דערציילן פֿון אירער אַ שכנה, וואָס זי רעדט נישט מיט איר שוין פֿון עטלעכע יאָר, אַז יענע האָט געהערט פֿון

איר שוועסטער, וואָס איז נישט לאַנג געווען בײַ איר צו גאַסט פֿון קאַזאַ־דאַיעווקע, אַז דאָרט איז פֿאַראַן אַ ייִד אַ מלמד, רופֿט מען אים „חיים־חנה דער קלוגער" בלשון סגי־נהור, דערפֿאַר, וואָס ער איז אַ גרויסער שוטה; האָט דער חיים־חנה דער קלוגער אַ ווײַב, רופֿט מען זי „טעמע־גיטל די שטילשווײַגנדיקע", דערפֿאַר וואָס זי האָט אין זיך נײַן מאָס רייד; האָט די טעמע־גיטל די שטילשווײַגנדיקע צוויי ציגן, און ביידע מעלקן זיך. פֿרעגט זיך אַ קשיה: פֿאַר וואָס קומט איר צוויי ציגן, און נאָך מעלקנדיקע דערצו? אַ גרויסער אומגליק וואָלט געווען, כלעבן, זי זאָל נישט האָבן איינע אפֿילו! פֿאַראַן, ברוך השם, ייִדן, וואָס פֿאַרמאָגן נישט קיין האַלבע ציג אפֿילו — נו, אם כן? שטאַרבן זיי דען?

— ביסט זייער גערעכט! — זאָגט שמעון־אלי צו זײַן ווײַב. — הערסטו, דאָס איז שוין אַן אַלטע טענה, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: אַ ס ק אַ ק ו ר ד ע, ד ב אַ ר ב אַ נ ט ע...

— שוין! ער איז שוין ווידער דאָ מיט זײַן פּסוק! — שלאָגט אים איבער זײַן ווײַב. — מע רעדט פֿון אַ ציג, קומט ער מיט אַ פּסוק! דו גיי זיך דורך בעסער אַהינצו, צום קאַזאַדאַיעווקער מלמד, און זאָג אים אַזוי און אַזוי: מיר האָבן געהערט, אַז ס'איז בײַ אײַך פֿאַרהאַן צוויי ציגן און ביידע מעלקן זיך. וואָס באַדאַרפֿט איר צוויי מעלקנדיקע ציגן? אויף כּפּרות? ווילט איר דאָך מסתּמא איינע פֿון זיי פֿאַרקויפֿן — פֿאַרקויפֿט זי מיר! וואָס וועט אײַך אַרן?... אַזוי טאַקע זאָלסטו מיט זיי ריידן, דו פֿאַרשטייסט?

— איך פֿאַרשטיי, וואָס דען, איך פֿאַרשטיי נישט? — זאָגט שמעון־אלי. — פֿאַר מײַן געלט באַדאַרף איך זיך נאָך בעטן? פֿאַר געלט קריגט מען אַלץ אין דער וועלט — כ ס ף ו ז ה ב מ ט ה ר ח ז י ר י ם. שלעכט איז נאָר, זעסטו, אַז ס'איז חלילה נישטאָ די מטבע, דעמאָלט איז עני חשוב כמת, מכאַט רש"י: ניטאָ פּאַפּע — גיי ליולי; אָדער ווי מע זאָגט: אָן פֿינגער קאָן מען קיין פֿײַג ניט שטעלן, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: אַ ס ק אַ ק ו ר ד ע, ד ב אַ ר ב אַ נ ט ע, ד פּ אַ ר ש מ אַ כ ט ע...

— ווידער אַ מאָל אַ פּסוק, און אָבער אַ מאָל אַ פּסוק! עס פּסוקט מיר שוין אין קאָפּ! אײַנגעזונקען זאָלסטו ווערן! — זאָגט צו אים ציפּע־ביילע־רייזע און באַגראָבט אים נײַן איילן אין דער ערד, און טײַטשט

מיט אים איין אַ מאָל הונדערט, אַז ער זאָל זיך פריִער פרווון באַ חיים־חנה דעם מלמד, טאָמער וועט דאָס גיין. אי וואָס, טאָמער וויל יענער ניט? פאַר וואָס זאָל ער נישט וועלן? פאַר וואָס קומט אים צוויי ציגן, און נאָך מעלקנדיקע דערצו? פאַראַן, ברוך השם, ייִדן אױף דער וועלט, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין האַלבע ציג אַפילו — נו, אם כן? שטאַרבן זיי דען?...

און אַזוי וויַיטער, אַלץ די אייגענע טענות.

## ב.

הבוקר אור — ס'איז נאָר טאָג געוואָרן, האָט זיך אונדזער שניַידער געפעדערט, אויפגעשטאַנען און אָפּגעדאַוונט, גענומען מיט זיך דאָס שטעקל מיטן גאַרטל און איז אַוועק אין וועג אַריַין בשלום צו־פּוס.

געווען איז דאָס זונטיק, אין אַ שיינעם, ליכטיקן, לויטערן, וואַרעמען זומערטאָג. שוין לאַנג געדענקט נישט שמעון־אליִ אַזאַ אַן אויסגעצייכנטן, אויסגעשפּילטן טאָג. שוין לאַנג איז שמעון־אליִ נישט געווען אין פעלד, אױף דער פריַיער לופט. שוין לאַנג האָבן זיַינע אויגן נישט געזען פאַר זיך אַזאַ אַן אויסגעצוואָגענעם גרינעם וואַלד, אַזאַ שיינע גרינע קאָלדרע, ווי דאָס פעלד איז באַשאָטן מיט אַלערליי קאָלירנדיקע שפּריינקעלעך. שוין לאַנג האָבן זיַינע אויערן נישט געהערט אַ פּישטשען פון פייגעלעך, אַ פלאַטערן פון קליינע פערכלעך. שוין לאַנג האָט זיַין נאָז נישט געשמעקט אַזאַ געשמאַקן ריח פון גרין גראָז, פון רויער ערד. שמעון־אליִ שמע־קולנו האָט פאַרבראַכט כל ימיו אין אַן אַנדער וועלט; זיַינע אויגן האָבן געזען פאַר זיך תמיד אַנדערע בילדער: אַ פינצטערע גרוב, באַ דער טיר אַן אויוון, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, און אַ פּאָמעניצע אַ פולע ווי אַן אויג; באַם אויוון, באַ דער פּאָמעניצע — אַ בעט פון דריַי ברעטלעך; אױפן בעט — קינדערלעך אַ סך, קיין עין־הרע, איינס קלענער פונעם אַנדערן, האַלב־נאַקעטע, גאַנץ־באָרוועסע, נישט קיין געצוואָגענע, שטענדיק הונגעריקע... זיַינע אויערן האָבן געהערט פאַר זיך שטענדיק אַנדערע קולות: „מאַמע, ברויט! מאַמע, בולקע! מאַמע, עסן!"... און איבער אַלע קולות — אַ קול פון ציפּע־ביילע־רייזע: „עסן? נישט עסן זאָלן איַיך ווערעם, ליבער גאָט, אינאיינעם מיטן טאַטן איַיערן דעם שלים־מזל! פאַרכאַפּט זאָלט איר נישט ווערן, רבונו של עולם, מיט אים אינאיינעם!"... וכדומו אַזעלכע זיסע קולות. זיַין נאָז איז געוווינט געווען צו אַנדערע

ריחות: אַ ריח פון נאַסע וועגט, וואָס ווינטער נעצן זיי און זומער שימלען זיי; אַ ריח פון זויערטייג מיט קלײַען, פון ציבעלעס און פון קרויט, פון רויע ליים, פון געשאָבענע פישלעך און פון קישקעלעך; אַ ריח פון אַלטע בגדים, וואָס לאָזן זיך הערן אונטערן הייסן פּרעסל מיט אַ גערדיכטער פּאַרע און מיט אַ מאָדנעם טשאַד...

אַרויסגעריסן זיך אַף אַ ווײַלע פון יענער אָרעמער וויסטער פינצטער־רער וועלט אַף דער דאָזיקער נײַער, פרײַער, ליכטיקער, שמעקנדיקער שײַן, האָט זיך אונדזער שמעון־אלי געפילט ווי אַ מענטש, וואָס איז אין אַ הייסן זומערטאָג אַרײַנגעשפּרונגען אַ נאַקעטער אין ים אַרײַן; דאָס וואַסער טראָגט אים, די כוואַליעס שלאָגן אים, ער טוקט זיך, ער טוקט זיך, ער ציט אין זיך די לופט מיט דער פולער ברוסט — ס'איז מחיה נפשות, ממש אַ גן־עדן!...

— למשל, וואָס וואָלט גאָט געאַרט — קלערט זיך שמעון־אלי — וואָס וואָלט גאָט געאַרט, ווען איטלעכער בעל־מלאָכה, אַשטייגער, זאָל זיך קאָנען אַלע טאָג, לאָז זײַן כאָטש איין מאָל אין דער וואָך, אַרויסגיין אהערצו־צו, אַפן פרײַען פעלד, אַ ביסל געניסן פון גאָטס וועלטל? אי אַ וועלטל, אַ וועלטל!... — און שמעון־אלי הייבט־אָן אונטערזינגען און פאַרטײַטשן אַף זײַן שטייגער: — א ת ה י צ ר ת — דו האָסט, גאָט, באַשאַפן, ע ו ל מ ך — דײַן וועלטל, מ ק ד ם — אַף יענער זײַט שטאָט; ב ח ר ת ב נ ו — האָסט אונדז אויסדערוויילט, די ייִדעלעך, מיר זאָלן זיצן דאָרטן אין זלאַדייעווקע אין דער ענגשאַפט, קאָפּ־אַף־קאָפּ, אין אַ דערשטיקעניש; ו ת ת ן ל נ ו — און דו האָסט אונדז געטאָן געבן... אוי, צרות האָסטו אונדז געגעבן מיט ווייטיקן, מיט דלות, קדחת מיט רביעית האָסטו אונדז געגעבן, ב ר ח מ י ך ה ר ב י ם ־ ב י ם ־ ב י ם ־ ב י ם !...

אזוי זינגט זיך שמעון־אלי שטילערהייט אונטער דער נאָז, און עס גלוסט זיך אים אַ וואָרף טאָן זיך דאָ, ווי ער שטייט און גייט אין פעלד, אַפן גרינעם גראָז, כאָטש אַ ביסעלע געניסן פון גאָטס וועלטל, — דער־מאָנט ער זיך, אַז ער האָט אַן אַרבעט, און זאָגט צו זיך אַליין: — „ע ד כ א ן א ו מ ר י ם ב ש ב ת ה ג ד ו ל — געַנוג, שמעון־אלי, צו זינגען. ה ל ך ל ע ו ל מ ו — שפּאַן, ברודער, שפּאַן! אָפּרוען וועסטו זיך שוין, אם ירצה השם, אין דער דעמבענער קרעטשמע. דאָרט האָסטו

א שטיקל שאר־בשרי, דאָדי רענדאָר. דאָרט קריגט מען צו יעדער צײַט א ביסל משקה, ווי אין פסוק שטייט: ותלמוד תורה כנגד כולם — א ביסל מהכתיתי איז בילכער פון אַלץ"... און שמעון־אלי שמע־קולנו שפּאַנט ווײַטער.

ג.

באמצע הדרך — פּונקט אין דער מיט וועג, צווישן די צוויי שטעט זלאָדייעווקע און קאָזאָדאָיעווקע, שטייט א פעלד־קרעטשמע, וואָס מע רופט זי „די דעמבענע". די דאָזיקע קרעטשמע האָט אין זיך א כח, עפּעס נאָר א מאַגניט, וואָס זי ציט צו זיך אַלע בעלי־עגלות מיט אַלע פאַרשוינען, סײַ די וואָס פאָרן פון זלאָדייעווקע קיין קאָזאָדאָיעווקע, סײַ די וואָס פאָרן פון קאָזאָדאָיעווקע קיין זלאָדייעווקע — מע מוז זיך אָפּשטעלן אין דער „דעמבענער" כאָטש אױף עטלעכע מינוט! קיינער ווייס ניט דעם סוד דערפון נאָך עד היום. א טייל זאָגן, אַז ס'איז דערפאַר, ווײַל דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע, דאָדי דער רענדאָר, איז זייער א ליבלעכער פאַרשוין און א גרויסער מכניס־אורח, דאָס הייסט, פאַר געלט האָט איר געקאָנט קריגן דאָרטן תמיד א רעכט גלעזל משקה מיט די שענסטע פאַרבײַסנס; און א טייל זאָגן, אַז ס'איז דערפאַר, ווײַל דאָדי איז געווען פון יענער חברה, וואָס מע רופט זיי „טרעפעדס", אָדער „נביאים", וואָס אַליין האַנדלען זיי נישט מיט קיין גנבות, נאָר זיי קערן זיך אָן מיט אַלע באַרימטע גנבים אַ נאָענטער רב שמעלקע... און מחמת קיינער ווייס דאָס נישט פאַר קלאָר, לכן באַדאַרף מען מאַכן דערפון א שווײַג...

דאָדי איז געווען אַ ייִד אַ מוכסן, אַ גראָבער, אַ האָריקער, מיט א גרויסן בויך און מיט א בולבעוואַטער נאָז, און א קול האָט ער געהאַט פון א שור־הבר. אים איז אָפּגעגאַנגען, ווי מע זאָגט, קאַפּוויטיק; פּרנסה האָט ער געהאַט מיטן פולן מויל, בהמות עטלעכע, אױף דער עלטער געבליבן אָן אַלמן און געווען א לײַדיקער מענטש. א גראָבער נפש: א סליחה און א הגדה און א בענטשערל איז בא אים געווען אַלץ איינס. און דערפאַר פּלעגט זיך מיט אים שמעון־אלי דער שנײַדער שעמען: ס'איז אים נישט אָנגעשטאַנען די מעשה, וואָס ער, שמעון־אלי, א יודע־נגן און גבאי אין שולכן, זאָל האָבן א מוכסן, אַן עם־הארץ פאַר א קרוב... און

דאָדי פון זײַן זײַט פּלעגט זיך שעמען, וואָס ער האָט א „שנײַדער א פּאָלגע" פאַר א קרוב... זיי האָבן זיך געשעמט איינער מיטן אַנדערן. פונ־דעסטוועגן, אַז דאָדי האָט דערזען שמעון־אַלין, האָט ער אים אָפּגעגעבן א גאַנץ ברייטן ברוך־הבא, מחמת דאָדי דער רענדאַר האָט פּשוט מורא געהאַט, נישט אַזוי פאַרן קרוב אַליין, ווי פאַרן קרובס פּיסק.

— אָ, א גאַסט, א גאַסט! וואָס מאַכט עפּעס א ייִד שמעון־אַלי? וואָס מאַכט עפּעס דײַן ציפּע־ביילע־רייזע? וואָס מאַכן עפּעס דײַנע קינדער?

— עט, מ ה א נ ו מ ה ח יי נ ו — וואָס זאָלן מיר מאַכן? — האָט אים דער שנײַדער געענטפערט מיט א פּסוק, ווי זײַן שטייגער איז. — מ י ב ר ע ש ו מ י ב מ ג פ ה — אַמאָל אַזוי, אַמאָל אַזוי, אַבי מען איז געזונט, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: א ס ק א ק ו ר־ד ע, ד ב א ר ב א נ ט ע, ד פ א ר ש מ א כ ט ע, ד ק א ר־נ אָ ס ע . . . וואָס מאַכט איר עפּעס, מײַן טײַערער קרוב? וואָס הערט זיך עפּעס בא אײַך אין דאָרף? ז כ ר נ ו א ת ה ד ג ה — איך גע־דענק נאָך אייערע וואַרעניקעס פון פאַראַיאָרן מיטן ביסל משקה, דאָס איז דאָך בא אײַך דער עיקר. אַרײַנקוקן אין א ספר האָט איר דאָך פײַנט. ל מ ה ר ג ש ו ג ו יי ם — וואָס טויג אײַך א ייִדיש וואָרט! ע, רב דאָדי, רב דאָדי! ווען דער טאַטע אײַערער, דער פעטער גדליה־וואָלף עליו השלום, זאָל איצטער אויפשטיין און א קוק טאָן אויף זײַן דאָדיקן, ווי ער זיצט דאָס אַביסל אין דאָרף צווישן אַלע גויִים, להבדיל, וואָלט ער נאָך א מאָל איבעראַנײַס געשטאָרבן. אַי, האָט איר געהאַט א טאַטן, רב דאָדי! געווען א כשרער ייִד, לאָז ער מיר מוחל זײַן: ער פּלעגט טרינקען פון א פינצטערער כלי... הקיצור, א י ן ל ך אָ ד ם ש א י ן ל ו פּ ע ק ל — פון וואָס מע זאָל נישט ריידן — אָפּן טויט מוז מען אַרויף... גיט שוין אַהער א ביסל בראָנפן, ווי דער תנא רב פּימפּאָם זאָגט: ק א פּ אָ ט ע ב מ ש כ נ ת א ש וו יי נ ק יי ך ב ג ר ו נ ם — פאַרזעץ די קאַפּאָטע און נעם א ביסל בראָנפן"...

— שוין? דו האָסט שוין אָנגעהויבן מיט דײַן לאָקשן־קוילעטש?

— מאַכט דאָדי און טראָגט אים אונטער א ביסל בראָנפן. — דו זאָג בע־סער, שמעון־אַלי, ווּהין פאָרט דאָס א ייִד?

— א ייִד פאָרט נישט, — זאָגט שמעון־אַלי און מאַכט א כוסה —

א ייִד גייט צו פוס. ווי מיר זאָגן אין הלל: ר ג ל י ה ם ו ל א י ה ל כ ו — האָסט פיס, ביסטו נישט קראַנק צו שפּאַנען"...

— אויב אַזוי, — מאַכט דאָדי — זאָג זשע מיר, סערדצע, וווהין שפּאַנט אַ ייִד?

— אַ ייִד שפּאַנט — זאָגט שמעון־אלי און מאַכט נאָך אַ כוסה — קיין קאָזאָדאָיעווקע שפּאַנט ער, האַנדלען ציגן, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: ע ז י ם ת ע ש ה ל ך — ציגן זאָלסטו קויפן...

— ציגן? — פרעגט אים דאָדי פאַרחידושט. — ווי קומט אַ ייִד אַ שנײַדער האַנדלען מיט ציגן?

— עס רעדט זיך אַזוי „ציגן"! — מאַכט שמעון־אלי. — מיינען מיין איך אַ ציג, טאָמער וועט מיר גאָט צושיקן, הייסט דאָס, אַ ציג אַ רעכטע. נישט טײַער. דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט; נאָר מײַן ווײַב זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט דאָס, איר קענט דאָך זי, אַז זי שפּאַרט זיך אײַן! זי האָט זיך פאַרעקשנט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ה כ צ ע ק ת ה — זי וויל אַ ציג! און אַ ווײַב, זאָגט איר דאָך, באַדאַרף מען פאָלגן, דאָס איז דאָך אַ בפירושער „מדרש־פליאה", האָ? איר געדענקט דעם „מדרש־פליאה"?

— אין די זאַכן — זאָגט דאָדי — ווייסטו שוין בעסער פון מיר; דו ווייסט דאָך, אַז איך בין מיט... מיט... מדרש אַ קנאַפּער מחותן!... איך פאַרשטיי נישט, מײַן טײַערער קרוב, נאָר איין זאַך: ווי קומסטו זײַן אַ מבין אַף ציגן?

— וואָס טיבע יוצר המאורות! — זאָגט שמעון־אלי שוין מיט פאַרדראָס. — ווי קומט אַ רענדאַר זײַן אַ מבין אַף אַ סדילקיווער סליחה? פונדעסטוועגן קומט פּסח צום סדר, קלאַפּט איר מיט גאָטס הילף דעם ריינעם „ברכי־נפשי" און זאָגט „זה כפרתי זה הליפתי", ווי עס געהער צו זײַן... וואָס? אפשר נישט אַזוי?...

דאָדי דער רענדאַר האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך; ער האָט פאַרביסן אַ ליפּ און האָט זיך געטראַכט: „וואַרט, וואַרט, דו שנײַדערוק, דו פּאַלגע! ביסט מיר עפּעס הײַנט צו גײַציק, און דו באַווײַזט זיך מיר הײַנט צו פיל אַרויס מיט דײַן תורה! וועסט שוין באַ מיר האָבן אַ ציג, וועסט זיך קראַצן!"... און שמעון־אלי האָט זיך געהייסן אָנגיסן נאָך אַ מאָל פון יענעם ביטערן טראָפּן, וואָס איז אַ רפואה צו אַלע צרות.

פון אמת קאָן מען נישט אוועקגיין: שמעון־עלי האָט ליב־געהאַט אַ ביסל בראָנפן, נאָר קיין שכור איז ער נישט געווען — חס וחלילה! ווען האָט ער דען געהאַט אַף אַ טרונק בראָנפן?... איין חסרון האָט ער נאָר גע־האַט, וואָס קוים האָט ער גענומען אַ ביסל בראָנפן, אַזוי האָט ער באַלד געמוזט נעמען נאָך אַ ביסל, און פון אַזעלכע צוויי ביסלעך פלעגט ער שוין ווערן מבוסמדיק־פריילעך, די בעקלעך רויטלעך, די אייגעלעך מיט אַ גלאַנץ, און די צונג — די צונג האָט זיך בײַ אים אויפגעבונדן און געקלונגען אָן אָן אויפהער.

— אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט „צעך", — מאַכט שמעון־אלי — „צעך", שער און אײַזן. אונדזער פאָלק עמך האָט אין זיך אַ מעלה, וואָס איטלעכער האָט ליב כבוד, און כבוד איז דאָך, זאָגט איר, לעבער... אַ ליאַדע שוסטערל וואָלט אַ בעלן געווען זײַן גבאי־ראשון באָטש איבער אַ פּאָמעניצע... זאָג איך צו זיי: ברידערלעך, ק ט נ ת י מ כ ל ה ח ס ד י ם — איך דאַרף עס אַף כּפּרות, קלייבט אײַך אויס אַ שוס־טער פאַר אַ גבאי: ל א מ ע ו ק צ ך ו ל א מ ד ו ק צ ך — איך בין אײַך מוחל דעם כבוד, איך וויל נישט קיין פּעטש!... זאָגן זיי: בלאָטע! אַז צעך טוט אָפּ, איז פאַרפאַלן!... זאָג איך: עס קומט אויס ווי אין פסוק שטייט: ש מ ל ך ל ך ק צ י ן ת ה י ה ל נ ו — פעטש זאָלסטו כאַפּן און גבאי זאָלסטו זײַן... נאָר שאַ, איך האָב מיך אַ ביסל פאַרדעדט, און האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך האָב אַף זיך אַ ציג: ע ו ד ה י ו ם ג ד ו ל — דער טאָג שטייט נישט! אַ גוטן טאָג, רב דאָדי, ח ז ק, ח ז ק ו נ ת ח ז ק — זײַט מיר געזונט און שטאַרק און מאַכט וואַ־רעניקעס!

— פאַרגעס זשע ניט, — מאַכט צו אים דער רענדאַר — אם ירצה השם, צוריקוועגס, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, למען השם, זיך אָפּשטעלן בײַ מיר.

— אם ירצה השם, אם ירצה השם, בלי נדר ומסקנא! — זאָגט שמעון־אלי. — אוודאי, ווי דען איז אַנדערש? מען איז דאָך נישט מער ווי אַ „בשר־ודאָם". ווי זאָגט איר: „אָדם אַ מענטש, צפור אַ פויגל, קאַטשקע רוק זיך"... איר גרייט נאָר צו, רב דאָדי, אַ רעכט ביסל משקה מיט פאַרבײַסן, דאָס הייסט מאַהריטש, ווי אונדז שטייט אָן — אונדזער פאָלק שער און אײַזן עמך!

## ד.

ויצא שמון־אליהו מדעמבינע — און „שמעון־אלי שמע־קולנו" איז אַרויסגעגאַנגען פון דער דעמבענער קרעטשמע מגילופין, גאַנץ פריילעך, ויבוא — און ער איז געקומען בשלום, געזונטערהייט, קיין קאָזאָדאָיעווקע. און אַז ער איז געקומען קיין קאָזאָדאָיעווקע, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פרעגן, ווו זיצט דאָ ערגעץ רב חיים־חנה דער קלוגער, וואָס האָט אַ ווײַב טעמע־גיטל די שטילשווײַגנדיקע מיט צוויי מעלקנדיקע ציגן? נאָר לאַנג נאָכפרעגן זיך האָט ער נישט באַדאַרפט, וואָרעם דאָס שטעטל קאָזאָדאָיעווקע איז נישט אַזאַ כרך פון די כרכי הים, וואָס מע זאָל דאָרטן קאָנען, חלילה, פאַרבלאָנדזשעט ווערן. דאָס גאַנצע שטעטל ליגט פאַר די אויגן, ווי אַף אַ טעלער: אָט זײַנען די יאַטקעס מיט די קצבים, מיט די העקערס און מיט די יאַטקע־הינט; אָט איז דער מאַרק, ווו ווײַבער דרייען זיך אַרום אין זאָקן פון איין גויע צו דער אַנדערער, טאַפּן אַלע איין האָן:

— טשועש, טשועש! אַ שאָ טאָבי זאַ קורקע?

— יאַקאַ קורקאַ? צע פּיווען, אַ נע קורקאַ!

— נעכײַ בודע פּיווען! אַ שאָ טאָבי זאַ קורקע? *)

אָט נאָך צוויי שפּאַן איז דער שולהויף, ווו אַלטע ווײַבער זיצן איבער מולטערלעך און פאַרקויפן באַרלעך, סעמעטשקעס און בעבלעך, ווו מלמדים קנעלן, קינדער שרײַען און ציגן, ציגן אָן אַ שיעור, שפּרינגען, שלעפּן שטרוי פון די דעכער, אָדער זיי זיצן אַף דער ערד מיט די אויסגעגלעטע בערדלעך, וואָרעמען זיך אַקעגן דער זון און מעלה־גרהן. און אָט איז שוין די באָד מיט די שוואַרצע פאַררויכערטע ווענט. אָט איז דער טײַך, וואָס אויבן איז ער באַדעקט מיט גרינס, ווי מיט אַ סכך, פול מיט פּיאַווקעס און מיט זשאַבעס, וואָס קוואַקען. דער טײַך שײַנט אַקעגן דער זון, בלישטשעט ווי מיט דימענטן און שטינקט מיט סכנת־נפשות... און דאָרט,

*) — הער נאַר, וואָס ווילסטו פאַר דער הון?
— וואָסער הון, ס'איז נישט קיין הון, ס'איז אַ האָן!
— זאָל זײַן אַ האָן! וואָס ווילסטו פאַר דער הון?

אַף יענער זײַט טײַך, איז נישטאָ גאָרנישט, אַ חוץ ערד און הימל — אוים קאָזאָדאָיעווקע!

אַז דער שנײַדער איז אַרײַנגעקומען צו רב חיים־חנה דעם קלוגן, האָט ער אים געטראָפֿן בײַ דער אַרבעט, ווי ער איז געזעסן מיטן גרויסן טלית־קטן און מיט דער שפּיצעכיקער יאַרמעלקע איבער דער גמרא און געלערנט מיט די תּלמידים מיט אַ ניגון אַף קולי־קולות די גמרא בבא־קמא: ההוא ברחא — דאָזיקע ציג, וואָס זי האָט דערזען אַ מין עסנוואַרג פֿון אויבן אַפֿן פֿעסל, האָט זיך די ציג צוגעכאַפּט צום עסנוואַרג"...

— צפרא טבא למאריה דחיטה דקופא דמחטא! — רופֿט זיך אָן שמעון־אלי שמע־קולנו אַף תּרגום־לשון און זעצט דאָס בײַלד איבער אַף פּראָסט ייִדיש: אַ גוטער מאָרגן זאָל זיך אַרײַנכאַפּן, רבי, צו אײַך און צו אײַערע תּלמידים! איר האַלט מיט זיי, הער איך, סאַמע בײַ אַזאַ ענין, וואָס איך אַליין טאַקע האָב מיך מטריח געווען אַהער צו אײַער זוגתי מרת טעמע־גיטל, מכח אַ ציג הייסט דאָס; דהיינו, איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפֿט, נאָר מײַן ווײַב זאָל לעבן, ציפּע־בײלע־רייזע הייסט דאָס, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל: הכצקעתה — זי וויל אַ ציג! און אַ ווײַב, זאָגט איר דאָך, באַדאַרף מען פֿאָלגן, ס'איז דאָך אַ בפֿירושע גמרא: אַסקאַקורדע, דבאַרבאַנטע, דפּאַרשמאַכטע, דקאַרנאָסע...
וואָס קוקט איר מיך אָן? אל תּסתּכּל בגלעזל אלא בפּלעשל — קוקט נישט דערויף, וואָס איך בין אַ ייִד אַ בעל־מלאכה; יגיע כּפּיך אַשריך! מסתּמא האָט איר געהאָרכט פֿון מיר, איך בין שמעון־אלי חייט מק"ק זלאָדייעווקע, חברה־מאַן אין צעך און גבאי אין שולכן, כאָטש איך דאַרף עס אַף כּפּרות, לאַ מעוקצך ולאַ מדוקצך — איך בין אײַך מוחל, זאָג איך צו זיי, דעם כּבֿוד און איך וויל נישט קיין פּעטש! זאָגן זיי: „בלאָטע! אַז צעך טוט אָפּ, איז פֿאַרפֿאַלן; שמלך לך קצין תּהיה לנו — פּעטש זאָלסטו כאַפּן און גבאי זאָלסטו זײַן!... איך האָב מיך אַ ביסל פֿאַרדרייט און שיר ניט פֿאַרגעסן אײַך אָפּגעבן שלום. שלום עליכם אײַך, רבי! שלום עליכם אײַך, קינדער, צאן־קדשים, שקצים ורמשים, קונדייסים, עכברושים! סע זאָל זיך

אײַך אַזוי װעלן טאַנצן, װי איר װילט לערנען — אױאַ, איך האָב גע־טראָפֿן?...

דערהערט אַזעלכע דבורים, האָבן חברה תלמידים אָנגעהויבן קנײַפּן איינס דאָס אַנדערע אונטערן טיש און שיסן מיט די נעזער. זיי זײַנען דװקא געװען העכסט צופֿרידן מיטן גאַסט; זיי װאָלטן זיך מחיה געװען, אַז גאָט זאָל זיי צושיקן אָפֿט אַזעלכע געסט. נאָר חיים־חנה דער קלוגער איז נישט געװען צופֿרידן; ער האָט פֿײַנט געהאַט, מע זאָל אים איבער־שלאָגן אין מיטן. האָט ער אַרײַנגערופֿן זײַן װײַב טעמע־גיטל און האָט זיך אומגעקערט צוריק מיט זײַנע תלמידים צו דער ציג, װאָס זי האָט זיך צו־געכאַפּט צום עסנװאַרג, און מע האָט געזונגען אױף אַ קול: „חייבא רבא — האָט רבא געפּסקנט, אַז זי דאַרף באַצאָלן פֿאַרן עסנװאַרג און פֿאַרן פֿעסל דעם גאַנצן היזק"...

שמעון־אלי שמע־קולנו האָט אַרױסגעזען, אַז מיטן מלמד האָט ער ניט װאָס צו ריידן, האָט ער זיך גענומען צו דער מלמדקע, און בשעת דער מלמד האָט דאָ געלערנט מיט זײַנע תלמידים מכּת דער ציג פֿון דער גמרא, האָט שמעון־אלי דער שנײַדער געהאַלטן אַ שמועס מיט טעמע־גיטל די מלמדקע מכּת איר ציג.

— איך בין, װי איר זעט מיך, אַ ייִד אַ בעל־מלאָכה. — האָט צו איר געזאָגט שמעון־אלי דער שנײַדער. — אפשר האָט איר געהאָרכט פֿון מיר — איך בין שמעון־אלי חייט מק"ק זלאָדייעװקע, חברה־מאַן אין צעך און גבאי אין שנײַדערשן שולכן. כאָטש איך דאַרף דאָס אױף כּפּרות! לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אײַך מוחל, זאָג איך, די פֿעטש, איך װיל נישט קיין כּבוד!... געקומען בין איך, הייסט דאָס, צו אײַך טאַקע מכּח איינער פֿון אײַערע ציגן, דאָס הייסט, איך װאָלט קיין ציג נישט געקױפֿט, נאָר אַזױ װי מײַן װײַב זאָל לעבן, ציפּע־בײלע־רייזע הייסט דאָס, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: הכצעקתה — איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַ ציג! און אַ װײַב, זאָגט איר דאָך, באַדאַרף מען פֿאָלגן, ס'איז אַ בפֿי־רושע גמרא...

טעמע־גיטל, אַ קליין װײַבעלע מיט אַ נעזל װי אַ פֿאַסאָליע, װאָס זי טוט דאָס אַלע מאָל אַ װיש מיט צװיי פֿינגער, האָט אים אױסגעהערט אַ ביסל, און באַלד איבערגעשלאָגן אין מיטן:

— זײַט איר געקומען, הייסט דאָס, צו מיר אָפּהאַנדלען באַ מיר אײנע פון מײַנע ציגן? וועל איך אײַך זאָגן אַזוי, מײַן ליבער ייִד: ערשטנס, האַלט איך נישט באַ פאַרקויפן קיין ציג, וואָרעם, לאָמיר זיך נישט נאַרן, צו וואָס זאָל איך דאָס טאָן? צוליב געלט? וואָס איז געלט? געלט איז קײַ־לעכיק! געלט גייט אַוועק און אַ ציג בלײַבט אַ ציג, ובפרט נאָך אַזאַ ציג! ס'איז דען אַ ציג? אַ מאַמע, זאָג איך אײַך, נישט קיין ציג! קיין עין־הרע, איר גרינג מעלקן זיך! איר מילך־געבן! הײַנט איר עסן, וואָס זי עסט! זי עסט דען עפּעס? איין מאָל אַ טאָג אַ „פּילע" פון קלײַען, און דאָס אי־בעריקע שטרוי פונעם דאַך פון בית־המדרש... נאָר גאָר נישט, אויב מע זאָל מיר באַצאָלן אַ רעכטן מקח, בין איך מיך מיישב: געלט איז, ווי זאָגט איר, אַ יצר־הרע, פאַר געלט קאָן איך קויפן אַן אַנדער ציג, כאָטש אַזאַ ציג ווי מײַן ציג איז שווער צו קריגן. ס'איז דען אַ ציג? אַ מאַמע, נישט קיין ציג... נאָר שאַ! וואָס טויג ווערטער? אָט פיר איך אײַך אַרײַן די ציג, וועט איר זען!...

און טעמע־גיטל לויפט־אַוועק, פירט־אַרײַן די ציג און ווײַזט אַ פול קריגל מיט מילך, וואָס זי האָט ערשט הײַנט אָנגעמאָלקן.

דערזען מילך, האָט זיך דער שנײַדער אַזש אָנגעהויבן באַלעקן, און רופט זיך אָן:

— זאָגט זשע מיר, מײַן ליבע ייִדענע, מה יקר? דאָס הייסט, כ מ ה מ ע ל ו ת ט ו ב ו ת — וויפיל קאָנט איר זיך הייסן אָנמעסטן פאַר אײַער ציג, אַשטייגער? מחמת ווי באַלד נישט אין גלײַכן געלט, וועל איך נישט קויפן. ווייסט איר, פאַר וואָס? ווײַל, ערשטנס, באַדאַרף איך זי אַף כּ־כּ־כפּרות, נאָר אַזוי ווי מײַן ווײַב זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט דאָס, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ה כצ ע ק . . .

— וואָס איז שײַך וויפל? — האַקט אים איבער טעמע־גיטל אין מיטן דעם „הכצעקתה" און טוט אַ וויש דאָס נעזל. — זאָגט איר אײַער מקח, לאָמיר האָרכן! דאָס קאָן איך אײַך זאָגן: הערט איר? אַז וויפל איר וועט באַצאָלן, האַנדלט איר אַ מציאה! ווייסט איר, פאַר וואָס? וואָרעם אַז איר קויפט אַוועק באַ מיר די ציג, האָט איר אַ ציג...

— הערסטו! — שלאָגט איר איבער דער שנײַדער אין מיטן. — אָט דערפאַר וויל איך דאָך זי קויפן, וואָס זי איז אַ ציג, נישט קיין פּי־

פערנאָטער! דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציג גאָר נישט געקויפט, איך באַדאַרף זי אַף נײַן און נײַנציק כּפּרות, נאָר אַזוי ווי מײַן ווײַב זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט דאָס, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: הכּצעק...

— הערסטו! אָט דאָס זאָג איך דאָך! — פאַלט אים אַרײַן טעמע־גיטל אין די רייד אַרײַן און הייבט אָן ווידער אַ מאָל אויסרעכענען די מעלות פון איר ציג. לאָזט זי נישט דער שנײַדער און שלאָגט איר איבער אין מיטן, און אַזוי שלאָגן זיי איבער איינס דאָס אַנדערע אַזוי לאַנג, ביז זייערע טענות גיסן זיך צונויף אינאייינעם, און עס קומט אויס אַ מיש־מאַש, אַ קאַשע מיט באָרשטש און מיט לאָקשן: „אַ ציג? אַ מאַמע, נישט קיין ציג... איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט... אַ „פּילע" פון קלײַען... זי האָט זיך אײַנגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: הכּצעקתה... געלט איז קײַלעכיק... אַן עין־הרע, איר גרינג מעלקן זיך... ציפּע־ביילע־רייזע הייסט דאָס... זי עסט דען עפּעס... איין מאָל פאַר אַלע מאָל: הכּצעקתה... דאָס איבעריקע — שטרוי פונעם דאַך פון בית־המדרש... אַ ווײַב באַדאַרף מען פאָלגן... אַ ציג? אַ מאַמע, נישט קיין ציג!"...

— טאָמער וואָלט שוין געוועזן גענוג אײַך צו ציגן, טאָמער? — שלאָגט זיי איבער חיים־חנה דער קלוגער אין מיטן און דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום ווײַב. — האָסטו געהערט אַ ביסל? מע האַלט אין מיטן אַן ענין האַלט מען, מכּה „נזיקין", און זיי: ציג־ציג! ציג־ציג! ממה־נפשך, אָדער פאַרקויף זיי די ציג, אָדער פאַרקויף זיי נישט די ציג. ציג־ציג! ציג־ציג! סע ציגט מיר שוין אין קאָפּ ציגט מיר!

— גערעכט! — רופט זיך אָן שמעון־אלי. — ווו תּורה, דאָרט איז חכמה! ממה־נפשך, וואָס באַדאַרף מען דאָ לאַנג ריידן? לי הכּסף ולי הזהב — מײַן געלט, אײַער סחורה. זאָגט שלשה דברים, אַ וואָרט און צוויי און אַ מאָריטש, ווי אין מחזור שטייט געשריבן: מחספּס מפּצפּצים — איז דער פּשט...

— וואָס טויג מיר אײַער פּשט? איר זאָגט מיר בעסער, וואָס גיט איר מיר פאַר דער ציג? — מאַכט טעמע־גיטל שטילערהייט, בייגט זיך אײַן, ווי אַ קעצעלע, און טוט אַ וויש די ליפּן הין און צוריק.

— אַ משל כּחרס הנשבר! — זאָגט שמעון־אלי אויך שטילערהייט.

— וואָס הייסט, איך זאָל זאָגן? וואָס בין איך פאַר אַ זאָגער וואָס? איך

זע, אז ס׳איז א ל ת ק ש ו ל ב ב כ ם — ארויסגעוואָרפן מײַן טרחה; איך וועל בא אײַך, אפּנים, הײַנט קיין ציג נישט קויפן! האָט קיין פּאַראיבל נישט, וואָס איך האָב אײַך דעקוטשעט!...

און שמעון־אלי דרייט זיך אוים מיטן פּנים צו דער טיר און האלט בלומרשט בא אוועקגיין.

— זעט נאָר זעט! — מאכט טעמע־גיטל און טוט אים א נעם באַם ארבל — וואָס האָט איר אזוי קיין צײַט נישט, דער טײַך ברענט? ממה־נפשך, עפּעס האָט איר דאָך אָנגעהויבן ריידן מכח א ציג...

בקיצור, די מלמדקע האָט געזאָגט א י ר מקח, דער שנײַדער האָט געזאָגט ז ײַ ן מקח; זי האָט אראָפּגעוואָרפן, ער האָט ארויפגעוואָרפן, א רענדל אראָפּ, א רענדל ארויף — מע האָט זיך אויסגעגלײַכט. שמעון־אלי האָט אויסגעציילט די ממתקים, גענומען די ציג אפּן גאַרטל, טעמע־גיטל האָט באשפּיגן דאָס געלט, וואָס זי האָט געלייזט פאַר דער ציג, צו־געווינטשעוועט דעם שנײַדער, ס׳זאָל זײַן מיט מזל־ברכה, בשעת מעשה עפּעס געשעפּטשעט שטילערהייט און געקוקט אלע מאָל אפּן געלט און אף דער ציג און האָט ארויסבאגלייט דעם שנײַדער מיט א סך ברכות:

— גייט געזונט, און זײַט געזונט, און פאַרנוצט געזונט, און לאָז גאָט געבן, זי זאָל זײַן אזוי ווי זי איז געווען ביז אהער, נישט ערגער — בעסער האָט קיין שיעור נישט, און זי זאָל זיך בא אײַך האלטן און האלטן, מעלקן און מעלקן, נישט אויפהערן זיך מעלקן!...

— אָמן, גם אתם! — מאכט דער שנײַדער און וויל זיך לאָזן גיין צו דער טיר, וויל די ציג נישט גיין, דרייט מיט די הערנער, שפּאַרט זיך אײַן מיט די הינטערשטע פּיסלעך און מאכט אויף א הילכיק קולכל און ציקלט זיך, ווי א יונג חזנדל, וואָס גייט דעם ערשטן מאָל צום עמוד: מ ה ה ה ה ה פּשעי! ו מ ה ה ה ה ה חטאתי!... ווי איינער רעדט: ווּהין שלעפּט איר מיך?...

דעמאָלט איז שוין אויפגעשטאַנען רב חיים־חנה דער קלוגער מיט זײַן כבוד, און מיטן קאַנטשיק אונטערגעהאָלפן ארויספירן די ציג פון שטוב. און די חברה תלמידים האָבן זי אונטערגעטריבן:

— היי, קאָזע! קאָזע! פּאַשאָל, קאָזע!...

און דער שנײַדער איז אוועק אין זײַן וועג אַרײַן.

## ח.

ו ת מ א ן — און זי האָט נישט געוואָלט, די ציג הייסט דאָס, גיין מיטן שנײַדער קיין זלאָדייעווקע, בשום אופן ואופן! זי האָט זיך געריסן צוריק אַהיים מיט אַלע כּחות! עס האָט איר אָבער גאָר נישט געהאָלפן. שמעון־אלי האָט זי געשלעפּט פאַרן גאַרטל און האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן איר דרייען זיך און איר בריקען זיך און איר מעקען, וואָס זי מעקעט. ער האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— עס שטייט בײַ אונדז: ב ע ל כ ר ח ך א ת ה ח י — איי־בער נויט שלעפּסטו אַף זיך דעם גלות, מעגסט יאָ וועלן, נישט וועלן — מע פרעגט בײַ דיר קיין עצות נישט. איך בין אויך אַמאָל, נישט הײַנט געדאַכט, געווען אַ פרײַ פייגעלע, אַ בחור כּהלכה — אַ פײַנער, אַ יונג מיט אַ קאַמזויל און מיט סקריפּקעס, טשאַקנדיק און קנאַקנדיק; וואָס איז מיר אָפּגעגאַנגען? קאַפּוויטיק? האָט גאָט געזאָגט: ל ך ל ך מ א ר צ ך — קריך, שמעון־אלי, אין זאַק אַרײַן! האָב חתונה פאַר ציפּע־בײַלע־רייי־זען! האָב קינדער! ווער פאַרשוואַרצט אַף דײַנע יאָר און טעג! כ י ל כ ך נ ו צ ר ת — דערויף ביסטו אַ שנײַדער!...

אַזוי האָט שמעון־אלי געטענהט צו דער ציג און איז געגאַנגען גע־שווינט, כּמעט געלאָפן. אַ וואָרעם ווינטל האָט אים צעבלאָזן די פּאָלעס פון דער געלאַטעטער קאַפּאָטע און האָט פאַרגנבהט זיך אים אונטער די פּאות און אַ גלעט געטאָן אים באַם בערדל, צוגעטראָגן אים צו דער נאָז אַ געשמאַקן ריח פון מיענטע, פון ראָמאַשקעס און פון אַנדערע פעלדבלו־מען און קרײַטער, וואָס האָבן אַ ריח פון בשמים, און וואָס זײַן נאָז איז צו זיי כּלל נישט געוווינט געוואָרן; און פאַר גרויס התפּעלות האָט ער אָנגעהויבן צו דאַווענען מנחה, זאָגן „פּטום־הקטורת", אויסרעכענען אַלע גוטע זאַכן: „הצרי והצפּורן, החלבנה והלבונה", און אַלע איבעריקע גע־ווירצן, גאַנץ פײַן, מיט זייער אַ שיינעם ניגון, און ער האָט פאַרקאַטשעט זיך „אָפּטשעפּען" אַ מנחה, אַפּן חזנישן שטייגער, גאָר אַף אַן אַנדער אופן! פּלוצעם... פון וואַנען נעמט זיך דער שטן מקטרג, דער יצר־הרע, און רוימט אים אײַן אַ סוד אין אויער אַרײַן:

— הער נאָר אויס, שמעון־אלי, דו יאָלד איינער! וואָס האָסטו זיך

דאָ אזוי צעזונגען אפן ניכטערן הארצן? שוין באַלד נאכט, און דו האָסט נאָך אין דײַן מויל נישט געהאַט, א חוץ צוויי גלעזלעך בראָנפן! הײַנט האָסטו דאָך עפּעס געגעבן דײַן קרוב דאָס הייליקע וואָרט, אז צוריק־וועגס, אם ירצה השם, מיט דער ציג, וועסטו זיך אָפּשטעלן בא אים עפּעס צובײַסן! געזאָגט א וואָרט — איז פאַרפאַלן. א מויל איז נישט קיין כאַלעווע!

און שמעון־אלי האָט אָפּגעכאַפּט די שמונה־עשרה גאָר בקיצור, זיך אָפּגעקלאַפּט תחנון, און איז אַרײַן צו דאָדי רענדאַר מיט א שמחה:

— א גוטן אָוונט אײַך, מײַן ליבער קרוב רב דאָדי, איך קאָן אײַך אָנזאָגן א בשורה, מזל טוב, עם לבן גרתי — איך האָב שוין אײַנגעהאַנדלט א ציג, אָבער א ציג פון ציגנלאַנד, א ציג אשר לא ציגונו אבותינו! איר מעגט זי אָנקוקן און זאָגן אײַער מבינות — איר זײַט דאָך עפּעס יאָ א יודע־ספר! אָנו, טרעפט, כמה לקו במצרים — וויפל האָב איך באַדאַרפט משלם זײַן?

דאָדי האָט זיך גענומען מיט דער האַנט באַם קאָזעראָק, זיך פאַר־שטעלט פון דער זון, וואָס האָט געהאַלטן בא אונטערגיין מיט א גאָלדענעם פּאַס אין עק הימל, און האָט באַטראַכט די ציג, ווי א גרויסער מבין, און האָט זי אָפּגעשאַצט פונקט צוויי מאָל אזוי פיל, וויפל דער שנײַדער האָט באַצאָלט. דערפון איז שמעון־אלי געוואָרן אזוי אויפגעלייגט, אז ער האָט דערלאַנגט דעם רענדאַר א זעץ אין פּלייצע:

— רב דאָדי סערדצע! געזונט זאָלט איר מיר זײַן, צדקת כדברך — איר האָט הײַנטיקס מאָל דווקא נישט געטראָפן. אזוי פיל גליקלעכע יאָר אונדז ביידן!

דאָדי דער רענדאַר האָט אויפגעשטעלט א פּאָר ליפּן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אָן ווערטער: מפּו־פּו־פּו! ווי איינער רעדט: „א מציאה! א מציאה פון א גנב!"

און שמעון־אלי האָט אײַנגעבויגן דאָס קעפל אַף א זײַט, זיך א כאַפּ געטאָן מיטן מיטלסטן אויסגעבויגענעם פינגער באַם זשילעט, גלײַך ווי ער וואָלט באַדאַרפט אַרויסכאַפּן פון דאָרט א נאָדל און אַרײַנזעצן אין איר אין דער גיך א פּאָדעם.

— נו, רב דאָדי? וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, עמך? פאַרשטייען מיר

אַן עסק? האַ? איר זאָלט נאָך זען, קיין עין־הרע, ווי זי מעלקט זיך, וואָלט איר אַ מיתה משונה איינגענומען דאָ אַפֿן אָרט!

— אַ מיתה משונה נעם שוין בעסער איין אַליין! — רופֿט זיך אָן צו אים דאָדי.

— אָמן, גם אתם! — זאָגט שמעון־אלי. — אויב איך בין יאָ באַ איַיך אַזאַ־נ־אָנגעלייגטער גאַסט, נעמט זשע, זיַיט מוחל, רב דאָדי, די ציג, און באַשטאַט זי ערגעץ אין שטאַל, מע זאָל זי חלילה נישט אוועק־לקחנען, און איך וועל דערוויַיל אַ דאַוון טאָן מעריב, מנחה האָב איך גע־כאַפּט אין וועג, און נאָכדעם וועלן מיר מאַכן „שהכל נהיה בדברו", און טאַקע עפּעס צוביַיסן אויך, ככתוב, ווי אין דער מגילה שטייט: א י ן ק ו צ י ם ב פ ר ו צ י ם — פֿאַרן עסן גייט קיין טאַנץ נישט. שטייט אַזוי געשריבן אין דער מגילה, צי ניין?

— וואָס איז שייך? — מאַכט דאָדי — מסתמא אַז דו זאָגסט, סע שטייט — שטייט דאָס; דערוויַיף ביסטו דאָך עפּעס אַ ייִד פֿון תורה.

אָפּגעדאַוונט מעריב און אויסגעשפּיגן צו „עלינו", רופֿט זיך אָן דער שניַידער צום רענדאַר:

— אַז דער צער פֿון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס, איז ה ל ע י ט נ י־ נ אָ מ ן ה א ד ו ם ה ז ה — גיסט אָן, זיַיט מוחל, פֿון יענעם גרינעם פּלעשל, און לאָמיר נעמען צו קאָפּעלעך שפּירעט, און לאָמיר זיַין געזונט. געזונט דאָס איז ראשית חכמה, ווי מיר זאָגן אַלע טאָג אין דאַווענען: ה ש כ י ב נ ו ל ש ל ו ם . . .

געגומען אַביסל בראָנפֿן און פֿאַרביסן, האָט זיך אונדזער שניַידער צערעדט פֿאַר פֿיַיער און פֿאַר וואַסער, מכח זלאָדייעווקע, מכח קהל, שול־זאַכן, צעך, שניַידעריַי, שער און איַיזן אונדזער פֿאָלק עמך, בשעת מעשה געמאַכט אַ תל פֿון זלאָדייעווקער גבאים מיט די נגידים, מיט זייערע „פּאַראַדקעס", געשוואָרן, אַז זיַין נאָמען זאָל נישט הייסן שמעון־אלי, אויב מע קאָן זיי נישט אוועקגעבן אַלע „אַף סימביר"...

— הערט איר, רב דאָדי? — אַזוי האָט ער אויסגעלאָזט זיַין דרשה מיט אַ תורה, ווי זיַין שטייגער איז: — ב ו ר כ ר ה ו י פ ר פ ר ה ו — עס וועט אַ רוח אין זייער פֿאָטער און מוטער אריַין, די בעלי־טובות אונדזערע מיין איך!... זיי ווייסן נאָר צאַפּן בלוט, שינדן דעם אָרע־מאַן, אַראָפּנעמען די הויט! פֿאַר דריַי קאָרבן צאָל איך, הערט איר, אַ

פּערטעלע אַ וואָך! נאָר גאָר נישט, איך בין נישט קיין „קופּץ בהאָץ״, ווי זאָגט איר, לאָזן זיי איבערגיין אַף אַנדערע הענט! י ב ו א י ו נ ה — עס וועט קומען אַף זיי אַ צײַט! נישקשה, זיי האָבן נאָך באַ גאָט קיין קוויטל נישט אַרויסגענומען! מײַן ווײַב זאָל לעבן, ציפּע־בײַלע־רייזע הייסט דאָס, זאָגט מיר אַפילו, אַז איך בין אַ שלים־מזלניק, אַ לעמעשקע אַ צעקוועטשטע, וואָרעם איך זאָל וועלן, האָב איך אַף זיי אַ בײַטש... נאָר ווער הערט אַ ווײַב? עפּעס האָב איך דאָך אויך אַ שטיקל דעה! באַ אונדז אין דער הייליקער תורה שטייט בפירוש: ו ה ו א י מ ש ו ל ב ך — איר ווייסט דעם פּשט פון די דאָזיקע ווערטער? ס׳איז דאָך צוקער־זיס! הערט זיך אײַן אַקאָרשט אין איטלעכס וואָרט: ו ה ו א און ער, דער מאַן הייסט דאָס, י מ ש ו ל — זאָל טון טאָן געוועלטיקן!... נאָר וואָס דען? ה ה י ל ו ת ל נ פ ו ל נ פ ו ל ת פ ו ל — איר האָט אָנגע־הויבן גיסן, גיסט שוין אָן נאָך אַביסל בראָנפן, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט: אַ ס ק אַ ק ו ר ד ע, ד ב אַ ר ב אַ נ ט ע . . .

וואָס ווײַטער־ווײַטער האָט באַ שמעון־אלין די צונג אָנגעהויבן זיך פּלאָנטען, די אויגן קלעפּן זיך, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט אַף אַ ווײַלע כאַפּן אַ דרעמל, און דאָס קעפּל האָט זיך אים אָנגעבויגן אַ ביסל אַף אַ זײַט, די הענט האָט ער צו־נויפגעלייגט אַפן האַרצן, צוגעהאַלטן דאָס צאַפּן־בערדל מיט דרײַ פינגער, און האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרטיפט אין זייער־זייער טיפע מחשבות. ער זאָל בשעת־מעשה נישט געוועזן צופײַפן מיט דער נאָז, אונטערכאָרכלען מיטן האַלדז און בלאָזן דורך די ציין: טצ־טצ־טצ! — וואָלט קיינער אין דער וועלט נישט געזאָגט אַף אים, אַז ער שלאָפט. און כאָטש ער האָט געדרעמלט, פון דעסטוועגן האָט דער מח באַ אים געאַר־בעט גאַנץ געשמאַק, און עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער איז אין דער היים באַ זײַן וואַרטשיק. אַפן טיש ליגט אויסגעשפּרייט פאַר זײַנע אויגן אַ מין מלבוש, וואָס איז שווער צו טרעפן, וואָס דאָס איז. זאָל איך זאָגן, ס׳איז אַ פּאָר תחתונים — וווּ איז דער קראָק? קיין סימן פון קראָק! זאָל איך זאָגן, ס׳איז אַ לײַבל אַזעלכעס — פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזעלכע לאַנגע אַרבל? אלא וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פּשט, אַז ס׳איז לא הא ולא הא, נישט קיין לײַבל און נישט קיין הויזן — וואָס זשע דען איז דאָס? עפּעס מוז דאָך עס זײַן!... שמעון־אלי קערט דאָס איבער

אף דער לינקער זײַט — ס'איז גאָר אַ קאַפּאָטע, און נאָך וואָסער אַ קאַ־פּאָטע! אַ שפּאָגל־נײַע, אַ גלאַטע, אַן אַטלעסענע, ער האָט נאָך אף זײַן לעבן אַזאַ קאַפּאָטע אונטער דער נאָדל נישט געהאַלטן! נאָר ס'איז נישט זײַן עסק; ער נעמט־אַרויס דאָס מעסערל פֿון זשילעט־קעשענע און זוכט אַ נאָט און וויל אָנהייבן טרענען די קאַפּאָטע. אַ גליק, וואָס סע באַווײַזט זיך ציפּע־ביילע־רייזע און הייבט אים אָן שילטן, באַגראָבן אין דער ערד אַרײַן.

— דעם בויך, די קישקעס זאָל מען דיר שוין טרענען, דו שלים־מזל איינער, דו גרינע אוגערקע, דו שיינע פּאַסאָליע מײַנע! דאָס איז דאָך דײַן קאַפּאָטע די שבתדיקע, וואָס איך האָב דיר געמאַכט פֿון מײַן געלט, וואָס איך האָב אָנגעקליבן פֿון דער ציג!...

און שמעון־אלי דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַ ציג מיט גאָטס הילף, און עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט! ער האָט אף זײַן לעבן נישט גע־זען אַזוי פֿיל קריגלעך מיט מילך! אַזוי פֿיל וואָרעטשקעס מיט קעז! און פּוטער, פּוטער גאַנצע מאַקרעטעס! הײַנט מאַסלינקע, פּידסמעטענע, זויער־מילך מיט גאַנצע שטיקער „קריהע”, און פּוטערגעבעקס עפּעס אָן אַ שיעור, פּלעצלעך אַזעלכע מילכיקע, געבאַקן אף פּוטער און פֿון אויבן באַשאָטן מיט זאַמד־צוקער און מיט צימערינג. און דער ריח, דער ריח! עפּעס אַ מאָדנער ריח, אַ באַקאַנטער ריח, פּע!... ער פֿילט, ווי עפּעס קריכט אים אַפֿן האַלדז צווישן קאָלנער, און אונטערן אויער, און אַפֿן פּנים, און עפּעס קיצלט אים און שטינקט אים גלײַך אין נאָז אַרײַן... ער טאַפּט מיט די פֿינגער און טאַפּט אָן אַ וואַנץ... ער עפֿנט אויף איין אויג, דאָס אַנדערע אויג, ער כאַפּט אַ קוק אין פֿענצטער — אוי־ווײ, אַ צרה, אַ שלאַק, עס שאַריעט אף טאָג!...

— וואָט טיבע יוצר המאורות! גוט געכאַפּט אַ דרעמל! — מאַכט שמעון־אלי צו זיך אַליין און טוט אַ רײַב מיט די פּלייצעס. ער וועקט אויף דעם רענדאַר, פֿלים־אַרוים אין הויף אַרײַן, עפֿנט די שטאַל, נעמט די ציג אַפֿן גאַרטל און לאָזט זיך גיין אַהיים געשווינט, פֿײַל אויסן בויגן, ווי אַ מענטש וואָס האָט מורא, ער זאָל חלילה נישט פֿאַרשפּעטיקן מי יודע וואָס!...

## ז.

ו ה א ש ה — און דאָס ווײַב ציפּע־ביילע־רייזע, אַז זי האָט געזען, אַז דער מאַן זוימט זיך אַזוי לאַנג, האָט זי גאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז. זי האָט אָנגעהויבן איבערצוטראַכטן, אפשר האָט זיך חלילה געטראָפן אַן אומגליק, גזלנים זײַנען אָנגעפאַלן אַף איר מאַן אין וועג, צוגענומען בײַ אים די עטלעכע קערבלעך, אים געקוילעט און פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ גרוב, און זי איז געבליבן, חס ושלום, אַן אייביקע עגונה מיט, קיין עין־הרע, אַזוי פיל קינדער, כאָטש נעם וואַרף זיך אַרײַן, שונאי־ציון, מיט זיי אין טײַך אַרײַן!... אַזעלכע, און כדומה אַזעלכע, מחשבות האָט נעבעך ציפּע־ביילע־רייזע יענע נאַכט איבערגעטראַכט, און האָט אפילו נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג; און אַז עס האָט אויסגעקרייט דער ערשטער האָן אַף טאָג, האָט זי געכאַפּט אַף זיך דאָס קליידל און איז אַרויס אין דרויסן און האָט זיך געזעצט אַף דער שוועל אַרויסקוקן אַף איר מאַן, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבן, ער וועט קומען... „אַ שלום־מזל גייט אָוועק!" — האָט זי זיך געקלערט און זי האָט זיך צוגעגרייט אים אָפּשפּילן אַ פּרימאַרגן, ווי ער איז ווערט געווען. נאָר אַז זי האָט דערזען בײַ אים הינטן צוגעבונדן בײַם גאַרטל אַ ציג, איז איר באַלד אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ, און זי האָט זיך אָנגערופן צו אים מיט גוטן:

— וואָס אַזוי לאַנג, דו קאַנאַריקל מײַנס, מאַנדלבייגעלע? איך האָב דאָך געמיינט, ביסט שוין חלילה אין דער ערד אַרײַן, שיינער תכשיט מײַנער, אָדער אַזוי עפּעס אַן אומגליק געטראָפן, חס ושלום.

און שמעון־אלי האָט זיך צעגאַרטלט, אָוועקגעשטעלט די ציג אין הויז, און האָט אָנגעהויבן שיטן מיט ווערטער, ווי פון אַ זאַק; ער האָט איר פאַרדרייט די ציין.

— הערסטו, מײַן ווײַב, האָב איך דיר געקויפט אַ ציג — פון ציגנלאַנד; דאָס איז אַ ציג אשר לא ציגונו אבותינו! ווי לאַנג שמײַסט מען זיי, די היגע בעל־הביתטעס, ווי לאַנג זיי האָבן נאָך אַזאַ ציג נישט געזען אין חלום אפילו! אַז עסן עסט זי מכות, סך־הכל איין מאָל אין טאָג אַ „פּילע" פון קלײַען, און דאָס איבעריקע — אַ ביסל שטרוי פונעם דאַך פון בית־המדרש; און מילך גיט זי, קיין עין־הרע, ווי אַ קו, מעלקט זיך צוויי מאָל

אין טאָג — איך האָב אַליין געזען אַ פֿול מעלק־שעפֿל, איך זאָל אַזוי זען באַ דיר אַלדאָס גוטס! ס׳איז דען אַ ציג? ס׳איז אַ מאַמע, נישט קיין ציג! אַזוי זאָגט זי, טעמע־גיטל הייסט דאָס. אַ מציאה פֿון אַ גנב, כּלעבן, קוים־קוים, אויסגעדונגען פֿאַר זיבנטהאַלבן קאַרבן! וויפֿל, מיינסטו, האָב איך זיך געדונגען, איידער איך האָב זי אויסגעדונגען? אַ סך־הכּל האָט זי גאָרנישט געוואָלט פֿאַרקויפֿן קיין ציג, קוים אײַנגערעדט! אַ גאַנצע נאַכט געהאַקט האַלץ...

און ציפּע־ביילע־רייזע האָט זיך געטראַכט בשעת מעשה: „נחמה־ברכה — אַ מכּה איר אַ גרויסע! זי מיינט, אַז נאָר זי איז אַ בעל־הביתטע, נאָר זי האָט אַ ציג, און ווײַטער קיינער נישט! איך האָב מורא, אַז עס וועט איר אַרויס די אויגן, אַז זי וועט דערזען, אַז ציפּע־ביילע־רייזע שמעון־אליס ווײַב האָט אויך אַ ציג... און בלומע־זלאַטע? און חיה־מייטע? כּלומרשט גאָר גוטע שוועסטער! עס זאָל זיי אָנגיין כּאָטש האַלב, וואָס זיי ווינטשן מיר, רבונו של עולם!”... אַזוי האָט זי זיך געטראַכט און האָט אײַנגעהייצט אין אויוון, גענומען דערוויילע צוגרייטן רעטשענע לאָקשן אָף אָנבײַסן, און שמעון־אלי האָט אָנגעטאָן טלית ותפילין און האָט זיך אָוועקגעשטעלט דאַווענען, און געשמאַק, מיט האַרץ — ער האָט שוין לאַנג נישט געדאַווענט אַזוי ווי אַצינד! ער האָט געזונגען די הללויהס, געמאַכט חזנישע שטיק, צוגעקנאַקט מיטן פֿינגער און האָט אויפֿגעוועקט מיטן זינגען אַלע קינדער. די קינדער זײַנען געוואָר געוואָרן פֿון דער מאַמען, אַז דער טאַטע האָט געבראַכט אַ ציג, און מע קאָכט לאָקשן מיט מילך, איז געוואָרן ששון ושמחה, און מען איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די בעטלעך אין איינע העמדלעך און מע האָט זיך גענומען פֿאַר די הענטלעך, און מע האָט געכאַפּט אַ טענצל, בשעת מעשה צוגעזונגען אַ לידל, וואָס איז באַ זיי נאָר־וואָס באַשאַפֿן געוואָרן:

אַ ציג, אַ ציג, אַ ציגעלע!
דער טאַטע האָט געבראַכט אַ ציגעלע!
דאָס ציגעלע וועט געבן מי־לעך!
די מאַמע וועט קאָכן לאָק־שן!...

געקוקט אָף די קינדער, ווי זיי זינגען און טאַנצן, איז שמעון־אלי געוואָרן ברייטער ווי לענגער. ער האָט זיך געטראַכט: „קינדער נעבעך, זשעדנע אַ ביסל מילך... נישקשה, איר וועט שוין הײַנט, אם ירצה השם,

זײַן זאַט... אַלע טאָג אַ גלעזל מילך, און קאַשע מיט מילך, און צו דער טיי מילך — אַ ציג איז טאַקע אַ געזונט אין די ביינער!... וואָס איז מיר אָנגע־דערט פישל בעל־טאַקסע? איך הער אים, ווי דעם קאָטער! ער וויל נישט געבן קיין פלייש, נאָר ביינער? לאָז ער זיך ווארגן מיט די ביינער! וואָס דאַרף איך זײַן פלייש, אַז איך האָב, קיין עין־הרע, מילך?... אַי, שבת? — אַף שבת קויפט מען פיש. ווו שטייט דאָס, אַז אַ ייִד מוז עסן פלייש? איך האָב אין ערגעץ נישט געזען אַזאַ דין!... אַלע ייִדן זאָלן מיך וועלן פאָלגן, וואָלטן זיי אַלע געקויפט ציגן; דעמאָלט וואָלט אונדזער בעל־טאַקסע שיין אויסגעזען מיטן בײַכל! עס וואָלט שוין דעמאָלט אַ רוח אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן!"...

אַזוי האָט זיך געטראַכט „שמעון־אלי שמע־קולנו" און האָט צונויפ־געלייגט די תפילין, און האָט זיך געוואַשן, געמאַכט המוציא און צוגע־גרייט זיך צו דער מילכיקער סעודה. עפּנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן ציפּע־ביילע־רייזע ימיט אַ ליידיק טעפּל, רויט ווי פײַער, אין כעס מיט סכנת־נפשות, און אַ רעגן פון קללות און חרמות האָט זיך אָנגעהויבן שיטן אַף שמעון־אליס קאָפּ! נישט קיין קללות זײַנען דאָס געווען — שטיינער זײַנען געפאַלן פונעם הימל, פּעך און שוועבל האָט זיך געגאָסן פון ציפּע־ביילע־רייזעס מויל:

— דעם טאַטן דײַנעם דעם שכור זאָל עס אַרויסוואַרפן, דיך אַרײַנ־וואַרפן! אַ שטיין, אַ ביין זאָל פון דיר ווערן! כּף־הקלע זאָלסטו גיין! גע־שאָסן זאָלסטו ווערן פון אַ ביקס! הענגען און טרינקען, ברענען און בראָטן, שנײַדן און בראָקן! גיי זע, דו גזלן, דו רוצח, דו משומד איינער, וואָס פאַר אַ ציג דו האָסט מיר געבראַכט! אַ ווינסטער, אַ פינצטערער חלום אַף דײַן קאָפּ און אַף דײַנע הענט און פיס, רבונו של עולם, זיסער פאָטער, האַרציקער געטרײַער!...

דאָס איבעריקע האָט שוין שמעון־אלי נישט געהערט. ער האָט אָנ־געכאַפּט דאָס היטל און איז אַרויס פון הויז אָנקוקן דאָס אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן.

אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן צו דער ציג און דערזען דעם שיינעם תכשיט, ווי ער שטייט צוגעבונדן צום פלעקל פון דער טיר און מעלה־גרהט זיך קאַלטבלוטיק, איז ער געבליבן שטיין אין דער הינערפלעט, נישט געוווּסט, וואָס טוט מען? וווּהין גייט מען? געשטאַנען, געטראַכט, גע־

טראַכט, און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין: „ת מ ו ת נ פ ש י ע ם פ ל ש ת י ם — עס וועט אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַרײַן, דעם מלמד מיט דער מלמדקע! זיי האָבן געפֿונען, מיט וועמען צו טרײַבן קאַטאָ־וועס! איך וועל זיי געבן אַ קאַטאָוועס, וועט זיי זײַן וויסט און פֿינצ־טער דאַכט זיך, גאָר אַ נעבעכל אָט דער מלמד, מישט זיך כּהומרשט נישט אין געשעפֿט, און צום סוף אַזאַ מעשה! נישט אומזיסט האָבן די תּלמידים געכיכיקעט בשעת דער רבי האָט מיך אַרויסגעמשלחט מיט דער ציג און די רביצן האָט מיר צוגעווינטשעוועט, זי זאָל זיך באַ מיר מעלקן און מעלקן... איך וויל זיי געבן אַ מעלקן! איך וועל באַ זיי אַרויסמעלקן דאָס דם־התמצית פֿון די קאָזאָדאָיעווקער כּלי־קודש, טונעיאַדצעס, קאַטאָוועס־טרײַבער!...

אַזוי האָט זיך געטראַכט „שמעון־אלי שמע־קולנו" און האָט זיך גע־לאָזט גיין צוריק קיין קאָזאָדאָיעווקע מיט דער דעה, ער זאָל זיי אָפּשפּילן אַ וויוואַט, ווי זיי זײַנען ווערט!

געגאַנגען פֿאַרבײַ דער דעמבענער קרעטשמע און דערזען דעם רענ־דאַר אויף דער טיר מיטן לולקעציבעקל אין די ציין, האָט זיך אונדזער שנײַ־דער צעלאַכט נאָך פֿון דערווײַטן.

— וואָס איז פֿאַר אַ שמחה אויף דיר, — פֿרעגט אים דאָדי — וואָס דו לאַכסט אַזוי?

— טוט אַ קוק, זײַט מוחל, אפשר וועט איר אויך לאַכן? — זאָגט צו אים דער שנײַדער און הייבט אָן לאַכן נאָך שטאַרקער, גלײַך ווי צען שדים וואָלטן אים געקיצלט. — נו, ווי געפֿעלט אײַך, אַשטייגער, רב דאָדי, אַזאַ שלאַק? כּ ל ה א ד ם כּ ו ז ב — ווו ערגעץ אַ צרה דאַרף עס טרעפֿן מיך! איר פֿאַרשטייט אַ מעשה? איך האָב דאָס געהאַט אַ פּסק פֿון מײַן ווײַב זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט דאָס; זי האָט מיר געגעבן ב ר כ ב ו ב ס ו ס י ם — אויף שיסל און אויף טעלער, און דווקא אָפּן ניכטערן האַרצן, עס זאָל נאָר פֿאַלן אָפּן מלמד מיט דער מלמדקע! מאַלט אײַך, איך וועל זיי נישט שווײַגן, עס וועט זײַן ע י ן ת ח ת ע י ן — אַ פּאַטש פֿאַר אַ פּאַטש! איך האָב פֿײַנט, אַז מע טרײַבט מיט מיר אַזעל־כע קאַטאָוועסלעך. אַנו, גיט נאָר לעת־עתּה, רב דאָדי, פֿאַר האַרצווייטיק אַ גלעזל שפּירעט, דורכשווײַנקען דעם האַלדז, איך זאָל כאָטש כּח האָבן צו ריידן און די נשמה זאָל נישט קליאַקנען... לחיים, רב דאָדי, לאָמיר זײַן

יידן, דאָס איז דער עיקר, ככתוב, ווי עס שטייט געשריבן: ה י ו ם ה ר ת ע ו ל ם — נאָר נישט געזאָרגט! זײַט זיכער, איך וועל זיי שוין אָפּשפּילן אַ פּרימאָרגן. איך וועל זיי באַווײַזן, ווי אַזוי מע טרײַבט קאַטאָ־ וועס מיט צעך, שער און אײַזן אונדזער פאָלק עמך!

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז אַ קאַטאָוועס? — מאַכט דער רענדאַר גאַנץ תמ'עוואַטע און פּיפּקעט מיטן לולקעלע. — אפשר איז בײַ אײַך דאָרט אַרויס אַ טעות אין די רייד?

שמעון־אלי איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פאַר כעס.

— משל כחרס הנשבר! וואָס רעדט איר? איר ווייסט, וואָס איר רעדט? איך קום צו זיי לכתחילה קויפן אַ ציג, און רייד מיט זיי ברחל בתך הנאַקעטע: אַ ציג! זאָגט איר גאָר דאָס!...

דאָדי פּיפּקעט מיטן לולקעלע, קנייטשט מיט די פּלייצעס און צעפירט מיט די הענט, ווי איינער רעדט: „וואָס בין איך שולדיק? איך בין דאָך אוודאי גאָט די נשמה שולדיק!"...

און שמעון־אלי כאַפּט די ציג און לאָזט זיך גיין קיין קאָזאָדאָיעווקע, ו ח מ ת ו ב ע ר ה ב ו — און עס ברענט אין אים אַ פײַער.

ז.

ו ה מ ל מ ד — און דער מלמד האָט זיך געטאָן זײַן מלאכה, דאָס הייסט, ער איז געזעסן און געקנעלט מיט זײַנע תלמידים, געלערנט אַלץ יענעם ענין פון „נזיקין", און זייער געשריי האָט זיך געלאָזט הערן איבערן גאַנצן שולהויף: כ ש כ ש ה ב ז נ ב ה — ז י ה אָ ט אַ ז ע ץ געטאָן מיטן ווײדל, די בהמה, ו ש ב ר ה א ת ה כ ד — און זי האָט צעבראָכן דאָס קריגל"...

— על ישראל ועל רבנן ועל תלמידיהון — אַ גוטער מאָרגן זאָל אײַך זײַן, רבי, מיט אײַערע תלמידים! — זאָגט שמעון־אלי. — איר מעגט מפסיק זײַן אויף אַ מינוט, נישקשה, די בהמה וועט נישט אַנטלויפן און דאָס צעבראָכענע קריגל וועט שוין במילא גאַנץ נישט ווערן. וואָס טויג מיר גרויס — איר האָט מיר אָפּגעטאָן אַ רעכט שפּיצל, טאַקע אויף קאַטאָוועס, נאָר וואָס דען? א ה ב ת י כ י י ש מ ע ל י — איך האָב פײַנט אַזעלכע קאַטאָוועסלעך! איר האָט דאָך געהערט מסתמא די מעשה פון

יענע צוויי יידן, וואָס זײַנען געווען ערב שבת אין מרחץ אַף דער אייבער־שטער באַנק? רופט זיך אָן איינער צום אַנדערן: „נאַ דיר מײַן בעזעמל און שמײַס מיך אָפּ". איז זיך מיישב יענער און טיילט אים אײַן, ווי עס געהער צו זײַן, צעקאַרדאַשעט דאָס לײַב ביזן בלוט אַרײַן. זאָגט צו אים דער גע־שמיסענער: „די מעשה דערפון איז אַזוי. אויב דו האָסט זיך געוואָלט מיט מיר אָפּרעכענען דאָ, אַף דער אייבערשטער באַנק, בשעת איך ליג אַ נאַקעטער און דו האָסט אַ בעזעמל אין האַנט, — מהכתיתי, ביסטו גערעכט; נאָר טאָמער מיינסטו דאָס אַף קאַטאָוועס, זאָג איך דיר, אַז איך האַלט נישט פון אַזעלכע קאַטאָוועסלעך!"...

— אַקעגן וואָס איז דער משל? — פרעגט אים דער מלמד, טוט־אויס די ברילן און קראַצט זיך מיט זיי אין אויער.

— דער משל — מאַכט שמעון־אלי — איז טאַקע אַקעגן אײַך אַליין מיט דער שיינער ציג, וואָס איר האָט מיר אַרײַנגערוקט בשגגה, דאָס הייסט אַף אַ געלעכטער. פון אַזאַ געלעכטער, הערט איר, קאָן אײַך אַרויס־וואַקסן אַ געלעכטער אָפּן פּופּיק! מיינט נישט, אַז איר האָט צו טאָן מיט גלאַט עפּעס אַ פּאַלגע; איך בין שמעון־אלי חייט מק"ק זלאַדייעווקע, חברה־מאַן אין צעך און גבאי אין שנײַדערשן שולכן, שער און אײַזן אונדזער פּאַלק עמך!

באַ די לעצטע ווערטער איז שמעון־אלי אַזש אונטערגעשפּרונגען, און דער מלמד האָט אָנגעטאָן צוריק די ברילן און האָט באַטראַכט דעם שנײַ־דער, ווי אַ מענטשן, וואָס רעדט פון היץ, און דער גאַנצער חדר האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער.

ל מ ה ה ר ע ו ת ל ע ם ה ז ה — וואָס קוקט איר מיך אָן, ווי אַ בייזער מאַרשעלעק? — רופט זיך אָן דער שנײַדער שוין מיט כעס. — איך קום צו אײַך צו גיין און קויף באַ אײַך אַ ציג, גייט איר און רוקט מיר אַרײַן דער רוח ווייס וואָס!

— סע געפעלט אײַך נישט די ציג? — פרעגט אים דער מלמד בתמימות.

— די ציג, זאָגט איר? ס'איז אַזוי אַ ציג, ווי איר זײַט גובערנאַטאָר!

דער גאַנצער חדר שיסט אויס אַ געלעכטער, און עס קומט אָן טעמע־גיטל די שטילשווײַגנדיקע, און דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה: שמעון־אלי רעדט און טעמע־גיטל רעדט אים איבער; דער רבי זיצט און

קוקט, די תלמידים לאַכן; זיי ריידןביידע אַזוי לאַנג, ביז טעמע־גיטל ווערט אין כעס, כאַפּט דעם שניידער פאַרן האַנט און שלעפּט אים.

— קומט, קומט צום רבּ! לאָזן כאַטש ייִדן זען, ווי אַ זלאַדייעווקער שניידער טשעפּעט זיך! טראַכט אוים אַ בלבול!

— קומט! — זאָגט שמעון־אלי. — אדרבה, לאָזן מענטשן זען, ווי ערלעכע ייִדן, כּלי־קודש כּלומרשט, דערטאַפּן אַ פרעמדן מענטשן און מאַכן פון אים אַ האַנטשירקע, ווי מיר זאָגן אין לאַנג־והוא־רחום: ל ל ע ג ו ל ק ל ע מ ע נ י ש... קומט טאַקע איר אויך, רבי־לעבן! — מאַכט ער צום מלמד. און רב חיים־חנה טוט אָן דעם פליסענעם קאַשקעט אַף דער יאַרמעלקע און עם בלײַבט, אַז זיי גייען צום רב אַלע פיר, דאָס הייסט: דער שניידער, די מלמדקע, דער מלמד און די ציג.

אַז די קאָמפּאַניע איז געקומען צום רב, האָבן זיי געטראָפן דעם רב אין אַ ציצן כאַלאַטל ווישן די הענט און זאָגן „אשר יצר" פּאַוואָלינקע, מיט כוונה, נישט געכאַפּט, געקוועטשט איטלעכם וואָרט באַזונדער: נקבים, נק־בים! חלולים, חלו־לים!... און אַז ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלצדינג אַרום און אַרום, האָט ער צונויפגענומען דאָס כאַלאַטל און האָט זיך באַזעצט אַף זײַן שטול, וואָס איז געוועזן אָן אַ געזעסל, נאָר פּיסלעך מיט פּערענטשעם אַלטע, גלאַנצנדיקע און שאָקלענדיקע, ווי אַלטע ציין בײַ אַן אַלטן מענטשן, וואָס וואַלטן שוין לאַנג באַדאַרפט אַרויספאַלן, נאָר זיי האַלטן זיך אַף נסים.

אויסגעהערט ביידע צדדים, וואָס האָבן נישט געלאָזט ריידן איינער דעם אַנדערן, האָט דער רב געשיקט רופן דעם דײַן מיטן שוחט, מיט די איבעריקע פאָרנעמסטע לײַט פון שטאָט, די „שבעה טובי העיר", און האָט זיך אָנגערופן צום שניידער בזה הלשון:

— דערציי׳ל, זײַ מוחל, נאָך אַ מאָל די מעשה פון אָנהייב ביזן סוף, און נאָכדעם וועט זי דערציילן.

און שמעון־אלי דער שניידער האָט זיך נישט געפוילט איבערחזרן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די אייגענע מעשה פונעם אָנהייב אָן, אַז ער הייסט שמעון־אלי חיים מק"ק זלאַדייעווקע, חברה־מאַן אין צעך און גבאי אין שולכן, כאָטש ער טענהט מיט זיי: קטנתי מכל הצרות — איך דאַרף עם אַף כפּרות, לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אײַך מוחל די פּעטש און וויל נישט קיין כבוד! זאָגן זיי: שמלך לך קצין תהיה לנו — פּעטש

זאָלסטו כאַפּן און גבאי זאָלסטו זײַן... הקיצור, ער האָט זיך אָוועקגע־לאָזט אַהער קיין קאָזאָדאָיעווקע נאָך אַ ציג; דאָס הייסט, ער וואָלט קיין ציג נישט געקויפט — ער באַדאַרף זי אַף נײַן און נײַנציק כפּרות; נאָר אַזוי ווי ער האָט אַ ווײַב זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט דאָס, האָט זי אים נישט געלאָזט אָטעמען: הכצעקתה — זי וויל אַ ציג... און אַ ווײַב, זאָגט איר, באַדאַרף מען פאָלגן, איז ער געקומען צו רב חיים־חנה דעם גמרא־מלמד און דינגט בּאַ אים אַ ציג און רעדט אויס „ברחל בתך הנאָקעטע": אַ ציג. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מע האָט בּאַ אים צוגע־נומען די עטלעכע קערבלעך און מע האָט אים אַרײַנגערוקט דער רוח ווייס וואָס, אַף קאַטאָוועס הייסט דאָס, און ער, שמעון־אלי, האָט פײַנט אַזעלכע קאַטאָוועסלעך!... איר האָט דאָך געהערט מסתמא די מעשה מיט יענע צוויי יידן, וואָס זײַנען פּרײַטיק אין באָד...?

און שמעון־אלי דער שנײַדער חזרט איבער דעם משל פון דער באָד נאָך אַ מאָל, און דער רב מיט די דיינים מיט די שבעה טובי העיר לאַכן.

— האָבן מיר אויסגעהערט איין צד. — רופט זיך אָן דער רב. — אַצינד לאָמיר הערכן דעם אַנדערן צד.

שטייט־אויף רב חיים־חנה דער קלוגער, רוקט־אָן דאָס היטל אַף דער יאַרמעלקע און הייבט־אָן בזה הלשון:

— שמעו־נא, רבותי! די מעשה איז אַזוי געווען די מעשה: איך בין געזעסן און געלערנט מיט די תלמידים בין איך געזעסן, סדר נזיקין האָב איך געלערנט, בבא־קמא — יאָ, בבא־קמא... קומט־אַרײַן אָט דער ייִד פון זלאָדייעווקע אָט דער, און זאָגט, אַז ער איז אַ זלאָדייעווקער, פון זלאָ־דייעווקע זאָגט ער, און גיט אָפּ שלום גיט ער מיר אָפּ, און דערציילט מיר אַ גאַנצע מעשה דערציילט ער מיר, אַז ער איז אַליין אַ זלאָדייעווקער, פון זלאָדייעווקע הייסט דאָס, איז ער, און האָט אַ ווײַב האָט ער, הייסט זי ציפּע־ביילע־רייזע הייסט זי — יאָ ציפּע־ביילע־רייזע הייסט זי... אַזוי, דאַכט זיך?

דער מלמד בייגט זיך אָן צום שנײַדער, און דער שנײַדער, וואָס האַלט זיך די גאַנצע צײַט באַם בערדל, שטייט מיט צוגעמאַכטע אויגן, דאָס קעפּל אַביסל אַף אַ זײַט, און שאָקלט זיך און זאָגט אַף זײַן לשון:

— אמת ויציב ונכון! זי הייסט אַלע דרײַ נעמען: ציפּע און ביילע און רייזע. אַזוי האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן, און אַזוי

רופט מען זי פון זינט איך קען זיך מיט איר שוין פּאוואָלינקע אַ יאָר דרײַסיק. נאָר לאָמיר האָרכן, וואָס וועט איר ווײַטער זאָגן, ידידי? איר פּאָררעדט נאָר נישט די ציין! איר רעדט בעסער עסק, ע ל ה ר א ש ו ־ נ י ם ו ע ל ה א ח ר ו נ י ם — וואָס איך האָב גערעדט און וואָס איר האָט גערעדט, ווי שלמה המלך זאָגט: „ א י ן ח ד ש ת ח ת ה ש מ ש ” — קיין חכמות גייט נישט אָן...

— איך ווייס גאָר נישט איך! — מאַכט דער מלמד דערשראָקן און באַווײַזט אַף דער מלמדקע. — זי האָט מיט אים גערעדט זי, זי האָט מיט אים געהאַנדלט זי. איך ווייס גאָר נישט איך!

— אַצינד — זאָגט דער רב — לאָמיר האָרכן, וואָס וועט זי עפּעס זאָגן?

און דער רב באַווײַזט מיטן פינגער אַף דער מלמדקע, און טעמע־גיטל די שטילשווײַגנדיקע ווישט זיך אָפּ די ליפּן, שפּאַרט זיך אונטער מיט אַ האַנט, און מיט דער אַנדערער האַנט הייבט זי אָן צו טענהן גיך, אָן אָן אָפּשטעל, און דאָס פּנים בשעת מעשה פלאַמט איר ווי אַ פײַער.

— הערט זשע אויס, ייִדישע קינדער, די מעשה דערפון איז אַזוי: אָט דער ייִד, דער זלאָדייעוועקער שנײַדער הייסט דאָס, זאָל מיר מוחל זײַן, איז... איז אָדער אַ משוגענער, אָדער אַ שכור, אָדער איך ווייס אַליין ניט וואָס! איר האָט געהערט אַ מעשה? אַ ייִד קומט צו מיר צו גיין אַזש פון זלאָדייעוועקע אָט דער דאָזיקער, און טשעפּעט זיך ווי אַ קלעק, איין מאָל פּאַר אַלע מאָל, איך זאָל אים פאַרקויפן אַ ציג, איך האָב געהאַט צוויי, און דערציילט מיר דערבײַ אַ פּזמון, אַז ער וואָלט קיין ציג נישט געקויפט, ער באַדאַרף זי אַף כּי־כּפּרות, נאָר אַזוי ווי ער האָט אַ ווײַב, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט זי, האָט זי זיך אײַנגעשפּאַרט איין מאָל פּאַר אַלע מאָל — אַ ציג! און אַ ווײַב, זאָגט ער, באַדאַרף מען פאָלגן, איר פאַרשטייט אַ משל? טענה איך: וואָס גייט דאָס מיך אָן? איר ווילט בײַ מיר אָוועקקויפן אַ ציג, פאַרקויף איך אײַך, דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציג גאָר נישט פאַר־קויפט פאַר קיין געלט, וואָרעם וואָס איז געלט? געלט איז קײַלעכיק. געלט גייט אַוועק און אַ ציג בלײַבט אַ ציג, ובפרט נאָך אַזאַ ציג — ס'איז דען אַ ציג? ס'איז אַ מאַמע, נישט קיין ציג! קיין עין־הרע, איר גרינג מעלקן זיך, איר מילך געבן, הײַנט איר עסן משטיינס געזאָגט, זי עסט דען עפּעס? איין מאָל אין טאָג אַ „פּילע” פון קלײַען, דאָס איבעריקע אַ ביסל שטרוי

פונעם דאָך פון בית־המדרש. נאָר צוריק שמועסנדיק האָב איך מיך מיישב געווען אַזוי: איך האָב דאָך, קיין עין־הרע צוויי ציגן, און געלט איז אַ יצר־הרע... בקיצור, דאָ האָט זיך שוין אַרײַנגעמישט מײַן מאַן, זאָל לעבן, און מיר זײַנען דורכגעקומען מיטן שנײַדער פאַרן מקח — מיינט איר, וויפֿל? נישט מער זאָלן מײַנע שונאים פאַרמאָגן, רבונו של עולם! און איך האָב אים אָפּגעגעבן די ציג, אַף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן אַזאַ ציג. ס׳איז דען אַ ציג? אַ מאַמע, נישט קיין ציג! קומט ער צו גיין, דער שנײַדער, מיט אַ בלבול, ס׳איז נישט קיין ציג, זאָגט ער! שאַ, ווייסט איר וואָס? אָט שטייט זי. גיט, זײַט מוחל, אַהער אַ מעלקשעפֿל, וועל איך זי אויסמעלקן פֿאַר אײַך אין די אויגן!

און זי האָט אָנטלײַען בײַ דער רביצן דאָס מעלקשעפֿל און האָט אויסגעמאָלקן די ציג פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, צוגעטראָגן דאָס שעפֿל מיט מילך איטלעכן באַזונדער, פריִער, געוויינטלעך, דעם רב, נאָכדעם די דיינים, און נאָכדעם די שבעה טובי העיר, און דעם איבעריקן עולם, און ס׳איז געוואָרן באַם רב אין שטוב אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער — הימל עפֿן זיך! דער האָט געזאָגט: מע באַדאַרף קנסענען דעם זלאָדייעווקער שנײַדער, ער זאָל שטעלן משקה! דער האָט געזאָגט: קנסענען אַליין איז נאָך ווינציק — מע באַדאַרף בײַ אים צונעמען די ציג! און דער האָט געזאָגט: ניין, די ציג איז אַ ציג, לאָז ער זיך עלטערן מיט איר אין עושר און אין כבוד; מע באַדאַרף אים מכבד זײַן מיט גוטע עטלעכע פּאַנטאָפֿל און אַרויסוואַרפֿן מיט דער ציג אינאיינעם צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

דערזען אַזאַ מעשה, האָט זיך שמעון־אלי פּאַוואָלינקע אַרויסגערוקט פונעם רבס שטוב און האָט געמאַכט פּליטה.

## ח.

ו י ש א ה ח י י ט א ת ר ג ל י ו — און דער שנײַדער האָט גענומען די פּיס אַף די פּלייצעס און איז אַוועק מיט דער ציג אַהיים גיך און געשווינט, ווי אַ מענטש, וואָס לויפֿט פון אַ שׂרפה. ער האָט זיך אַרומ־געקוקט, צי מע יאָגט אים חלילה נישט נאָך, און האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז אַרויס „ח נ ם א י ן כ ס ף — טרוקן אָן פּעטש"...

דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ דער דעמבעװער קרעטשמע, האָט זיך שמעון־

אלי געקלערט: „מכות וועסטו בא מיר ווים דעם אמת!” און ער האט פארלייקנט פאר דאדין די גאנצע מעשה.

— נו, וואס הערט זיך? — פרעגט אים דאדי כלומרשט נייגעריק.

— וואס זאל זיך הערן? — זאגט שמעון־אלי. — פאר מיר האט מען דרך־ארץ! מיט מיר טרייבט מען נישט קיין קאטאוועס, כ י א ד ם א נ י ו ל א פ א ר ד — איך בין דאך עפעס נישט קיין יונגעלע! איך האב דאס א ביסל געעפנט אף זיי א פה־קדוש, זיך פארהערט א ביסל מיטן מלמד אין תורה, לאזט זיך אוים, אז איך ווייס בעסער פון אים, וואס אין די קליינע אותיות טוט זיך... בקיצור הדבר, זיי האבן מיך איבערגעבעטן און געגעבן מיר די ציג, וואס איך האב געקויפט. אט איז זי. נאט אייך זי אף א מינוט, ככתוב, ווי אין פסוק שטייט: ה נ פ ש ק ח ל ך ו ה ר כ ו ש ת ן ל י — נעמט אייך דעם נפש און מיר גיט א ביסל בראנפן.

„געגנוג ער איז א גדלן, איז ער נאך א ליגנער אויך!” — טראכט זיך דאדי דער רענדאר. — „מע באדארף מיט אים מאכן נאך א מאל דאס אייגענע שפיל און הערן, וואס וועט ער זאגן ווייטער?”

און צום שניידער האט ער געזאגט:

— איך האב פון דיינעטוועגן, שמעון־אלי, א גלעזל אלטן „ווישניק”, אויב דו האסט חשק.

— פונעם יין המשומר? — מאכט שמעון־אלי און באלעקט זיך אזש. — מהכתיתי, ווייזט אהער, וועלן מיר אייך זאגן א מבינות; איך ווייס, אז בא אייך דארף זיין א גוט גלעזל ווישניק, נאר לאו אדם כוזב — נישט איטלעכער איז דערויף א מבין.

אויסגעטרונקען דאס ערשטע גלעזל, האט זיך בא אונדזער שניידער אויפגעבונדן די צונג און ער רופט זיך אן צום רענדאר:

— זאגט נאר, מיין ליבער קרוב, איר זייט דאך עפעס א ייד, וואס קאטארי איר זייט נישט קיין נאר, כלעבן, און איר קערט זיך אן מיט אלערליי מענטשן; זאגט מיר נאר, איר גלייבט אין כשוף? פארבלענדעניש?

— דהיינו? — פרעגט אים דאדי תמעוואטע.

— דהיינו — זאגט שמעון־אלי — א דבוק, א לץ, א נישט־גוטער, א גלגול?...

— אקעגן וואָס זאָגסטו דאָס? — מאַכט דאָדי מיט אַ תמעוואַטן פּנים און פּיפּקעט מיטן לולקעלע.

— איך שמועס עס גלאַט אַזוי אַקעגן דרינען. — זאָגט „שמעון־אלי שמע־קולנו" און הערט נישט אויף צו ריידן פון גלגולים, פון מכשפים, פון מכשפות, שדים און רוחות, לצים, שרעטעלעך, וואָווקעלאַקעס. דאָדי הערט־צו בלומרשט מיט קאַפּ, פּיפּקעט מיטן לולקעלע; נאָכדעם שפּײַט ער אויס און רופט זיך אָן צום שנײַדער:

— דו ווייסט, שמעון־אלי, וואָס איך וועל דיר דערציילן? איך וועל הײַנטיקע נאַכט, דאַכט מיר, מורא האָבן שלאָפן. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, פאַר מתים האָב איך תמיד מורא געהאַט, נאָר פון הײַנט אָן הייב איך שוין אָן גלייבן אין גלגולים און אין לצים אויך...

— אַ בריה האָט איר? — מאַכט צו אים דער שנײַדער· — פּרוּווט נישט גלייבן! — אַנו, לאָז זיך נאָר אַרײַנכאַפּן צו אײַך עפּעס אַ רעכטער לץ און אָנהייבן פּראַווען זײַנע רעכטע שטיק: איבערקערן אײַך די דייזשע באָרשטש, אויסגיסן דאָס וואַסער, אויסטרינקען אַלע קריגלעך, איבער־ברעכן אײַך אַלע טעפּלעך, פּאַרקניפּן די ציצית פונעם טלית־קטן, אַרײַנ־וואַרפן אײַך אַ קאַץ אין בעט אַרײַן, און די קאַץ זאָל ליגן בא אײַך אַפן האַרצן, ווי צען פּוד משא, און איר זאָלט זיך נישט קאָנען רירן, און אַז איר וועט אויפשטיין, זאָל אײַך די קאַץ קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי אַ זינדיקער מענטש...

— גענוג! גענוג! — מאַכט דער רענדאַר, שפּײַט־אויס און פאַר־וואַרפט מיט די הענט. — גענוג דיר שוין צו דערציילן אַקעגן נאַכט אַזעלכע מעשיות!

— זײַט מיר געזונט, רב דאָדי, האָט קיין פאַראיבל נישט, וואָס איך האָב אײַך אַ ביסל דעקוטשעט; איר ווייסט אַליין, אַז איך בין נישט שול־דיק, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט: ל א ה י ו ד ב ר י ם — ניע מיעלאַ באַבאַ כלאָפּאָטע... אַ גוטע נאַכט!

## ט.

כ ש ב א ה ח י י ט — אַז דער שנײַדער איז געקומען אַהיים, איז ער אַרײַן אין שטוב אַרײַן מיט אַ ירגזון, גאַנץ ברייטלעך, און האָט גע־

וואָלט געבן אַ פּעטשאַטעק זײַן ווײַב, ווי זי איז ווערט; נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן מיט אַלע כחות. ער האָט זיך געטראַכט: „עט, אַ ייִדענע בלײַבט אַ ייִדענע! לאָז מײַנס איבערגיין!" און פון דרך־שלום וועגן האָט ער דערציילט פאַר זײַן ווײַב אַ שיינעם ליגן.

— הערסטו, ציפּע־ביילע־רייזע מײַן ברודער? פאַר מיר האָט מען, אַפּנים, פאַרט דרך־ארץ. מילא, וואָס דער מלמד מיט דער מלמדקע האָבן פון מיר געהאַט — בין איך דיר מוחל; איך האָב זיי געגעבן, וויפל עס איז אין זיי אַרײַן! און חוץ לזה האָב איך זיי אָוועקגעשלעפּט צום רב, האָט דער רב אָפּגעפּסקנט, אַז זיי באַדאַרפן צאָלן קנס, וואָרעם אַז אַזאַ ייִד, ווי שמעון־אלי, קומט צו זיי האַנדלען אַ ציג, באַדאַרף זײַן באַ זיי דער גרעסטער כבוד, וואָרעם אָט דער שמעון־אלי, זאָגט דער רב, איז אַ ייִד קאַטאָרי וועלכער...

ציפּע־ביילע־רייזע האָט אָבער מער נישט געוואָלט אויסהערן די שבחים, וואָס מע לייגט אָף איר מאַן. זי האָט שוין געוואָלט אָנקוקן וואָס גיכער די אמתע ציג, וואָס איר מאַן האָט געבראַכט; האָט זי געכאַפּט דאָס טעפּל און איז אָוועק אין הויז אויסמעלקן די ציג. און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ציפּע־ביילע־רייזע איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב אַרײַן שוין אָן ווערטער; זי האָט אָנגענומען שמעון־אלין מחילה פון הינטן באַם קאָלנער און האָט אים מיט דרײַ גוטע סטוסאַקעס אַרויסגעוואָרפן מיט דער שיינער ציג אינאיינעם „צו אַלדי שוואַרצע וויסטע פינצטערע יאָר!"...

געבליבן אין דרויסן מיט דער שיינער ציג, האָבן זיך אַרום דעם שנײַדער צונויפגעקליבן אַ גאַנץ רעדל ייִדן, ווײַבער און קינדער, און האָבן אויסגעהערט די חדושים, וואָס שמעון־אלי האָט זיי דערציילט, אַז די דאָ־זיקע ציג, וואָס ער האַלט אָפן גאַרטל, איז נאָר דאָרט, אין קאָזאָדאָיעווקע, אַ ציג, וואָס מעלקט זיך און גיט מילך, נאָר קוים קומט ער מיט איר אַהער, אַזוי ווערט זי אויס ציג... שמעון־אלי האָט געשוואָרן מיט כל השבועות, מע מעג גלייבן אַ משומד, אַז ער אַליין האָט געזען מיט זײַנע אויגן, ווי מע האָט זי אויסגעמאָלקן באַם רב אין שטוב און אָנגעמאָלקן אַ פול מעלק־שעפל מיט מילך... אַ סך מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די ציג גאַנץ ערנסט, איבערגעפרעגט די מעשה נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, און שטאַרק געחדושט זיך... אַנדערע האָבן געלאַכט, געמאַכט חוזק און

געזאָגט ווערטלעך, און אַנדערע האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויסגעשפּיגן און אַ זאָג געטאָן:

— אַ שיינע ציג! ס'איז אַזוי אַ ציג, ווי איך בין אַ רביצין.

— וואָס דען איז דאָס?

— אַ גלגול! איר זעט ניט, אַז ס'איז אַ גלגול?...

דאָס וואָרט „גלגול” ווערט אונטערגעכאַפּט פונעם גאַנצן עולם; עס ווערן דערציילט אַלערליי מעשיות פון גלגולים, וואָס האָבן זיך געטראָפן דאָ אין זלאָדייעווקע, אין קאָזאָדאָיעווקע, אין יאַמפּעלע, אין פּישי־יאַבער־דע, אין כאַפּלאַפּאָוויטש, אין פּעטשי־כוואָסט — אויף דער גאַנצער וועלט! ווער ווייס נישט די מעשה מיט לייזער־וואָלפס פערדל, וואָס מע האָט דאָס געמוזט אַרויספירן הינטער דער שטאָט, הרגענען און מקבר זיין אין תכריכים?... צי, אַשטייגער, ווער האָט נישט געהערט די מעשה מיטן פּערטל עוף, וואָס בשעת מע האָט דאָס דערלאַנגט שבת צום טיש, האָט דאָס אָנגעהויבן צו רירן מיטן פליגעלע?... וכדומה אַזעלכע אמתע מעשיות.

אַז שמעון־אלי האָט זיך געלאָזט גיין וויַיטער, האָבן אים אַ גאַנצע קאָמאַנדע פון חדר־יינגלעך באַגלייט מיט כבוד. זיי האָבן אים נאָכ־געשריִען:

— הורראַ, שמע־קולנו! הורראַ, מעלקנדיקער שניַידער!

דער גאַנצער עולם האָט זיך געהאַלטן באַ די זייַטן פון געלעכטער.

דאָ האָט שוין שמעון־אלין אָנגענומען פאַרן הארצן; געגנוג ער האָט אַזאַ אַן אומגליק, מאַכט מען נאָך פון אים חוזק! איז ער אַוועק מיט דער ציג איבער דער שטאָט, האָט געמאַכט אַ גוואַלד צווישן חברה „פּועל־צדק”: סטיַיטש, וואָס שוויַיגט מען? ער האָט זיי דערציילט די גאַנצע מעשה, וואָס מע האָט אים אָפּגעטאָן אין קאָזאָדאָיעווקע, זיי באַוויזן די ציג... האָט מען באַלד געשיקט נאָך בראָנפן, און ס'איז געבליבן, מע זאָל גיין צום רב, צו די דיינים און צו די איבעריקע „שבעה טובי העיר”, מע זאָל שריַיען פאַר זיי, אַיינלייגן די וועלט: סטיַיטש, ווו איז דאָס גע־הערט געוואָרן אַזאַ רציחה, מע זאָל דערטאַפּן אַן אָרעמען ייִדן אַ שניַידער, באַ אים אויסנאַרן די לעצטע עטלעכע קערבלעך, אים פאַרקויפן כלומרשט אַ ציג און אַריַינשטופן אים דער רוח ווייס וואָס? און נאָך מאַכן פון אים

חוזק שוין דאָס אַנדערע מאָל? אַזאַ מעשה האָט זיך דאָך נישט פאַרלאָפן אַפילו אין סדום!

און חברה „פּועל־צדק" זײַנען געקומען צום רב, צו די דײַנים און צו די איבעריקע „שבעה טובי־העיר", האָבן געשריִען פאַר זיי, אײַנגעלייגט די וועלט: סטײַטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ רציחה, מע זאָל דערטאַפּן אַן אָרעמען ייִדן אַ שנײַדער, אויסנאַרן בײַ אים די לעצטע עטלעכע קערבלעך, אים פאַרקויפן כלומרשט אַ ציג און אַרײַנשטופּן אים דער רוח ווייס וואָס שוין דאָס אַנדערע מאָל? אַזאַ מעשה האָט זיך דאָך נישט פאַרלאָפן אַפילו אין סדום!...

און דער רב מיט די דײַנים מיט די איבעריקע „שבעה טובי העיר" האָבן אויסגעהערט די טענות, האָבן זיך צונויפגעקליבן אויף דער נאַכט אַלע בײַם רב אויף אַן אַסיפה, און ס'איז געבליבן, מע זאָל טאַקע דאָ אויפן אָרט אָנשרײַבן אַ רעכטן בריוו צו די קאָזאָדאָיעווקער רבנים, דײַנים און די איבעריקע „שבעה טובי העיר" און די זלאָדײעווקער רבנים, דײַנים און די איבעריקע „שבעה טובי העיר" האָבן זיך אָוועקגעזעצט און האָבן אָנגעשריבן אַ בריוו צו די קאָזאָדאָיעווקער רבנים, דײַנים און די „שבעה טובי העיר" אויף לשון־הקודש אין זייער אַ שיינער מליצה. אָט איז דער בריוו אות באות:

„לכבוד צו די רבנים, דײַנים, חכמים גאונים מפורסמים, זײַלן פון דער וועלט, וואָס דאָס גאַנצע הויז פון ישראל איז אָנגעלענט אויף זיי. פריד זאָל זײַן צו אײַך און פריד זאָל זײַן צו אַלע ייִדן פון דער הייליקער קהלה אין קאָזאָדאָיעווקע און אַלדאָס גוטס זאָל טאָן רוען אויף זייערע קעפּ, אָמן.

„היות כפי אונדזערע אויערן האָבן געטאָן הערן, אַז ס'איז געטאָן געוואָרן זייער אַ גרויסע עוולה צו איינעם פון אונדזערע שטאָט־לײַט, רב שמעון־אלי ב"ר בענדיט־לייב חייט, וואָס מע רופט אים שמעון־אלי שמע־קולנו, היינו: צוויי פון אײַערע לײַט, המלמד רב חיים־חנה מיט זײַן פּלונית מרת טעמע־גיטל שתחיה, האָבן אויסגענאַרט מיט קלוגשאַפט בײַ אונדזער שנײַדער געלט, סך זיבעטאַלבן רובל זילבער, וואָס זיי האָבן אַרײַנגעטאָן צו זיך אין די כלים און האָבן אָפּגעווישט די ליפּן און זאָגן: מיר האָבן נישט געטאָן קיין אומרעכט — און אַזוי טוט זיך נישט בײַ ייִדן! מיר אַלע, וואָס שטייען אונטן געחתמעט, זאָגן עדות, אַז דער דאָזיקער שנײַדער איז אַן אָרעמער בעל־מלאכה און אַ מטופּל מיט קינדער,

וואָס איז זיך מפרנס ערלעך מיט אייגענער האָרעוואַניע, און דוד המלך האָט דאָך שוין לאַנג געזאָגט אין תהלים: יגיע כפיך כי תאכל — די מידקייט פון דײַנע הענט, אַז דו וועסט טאָן עסן, וועט דיר זײַן אַז וויל און גוט, זאָגן אונדזערע חכמים: דער פשט איז: וויל אַף דער וועלט און גוט אַף יענער וועלט. בכן, טוען מיר אײַך בעטן, איר זאָלט באַלד חוקר ודורש זײַן דערויף, וואָס ס'איז געטאָן געוואָרן, און אײַער משפט זאָל אַרויס ווי די זון, און איר זאָלט מקיים פּסק זײַן איינס פון די צוויי: אָדער מע זאָל אומקערן דעם שנײַדער זײַן געלט בשלימות, אָדער מע זאָל אים אַרויסגעבן זײַן ציג, וואָס ער האָט געקויפט, מחמת די ציג, וואָס ער האָט געבראַכט צו פירן, איז נישט קיין ציג!... דאָס קאָן אײַך די גאַנצע שטאָט גיין שווערן אַ שבועה דאורייתא... און לאָז זײַן שלום צווישן ייִדן, ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: נישטאָ נאָך אַזאַ געבענשט כלי פאַר ייִדן ווי שלום. שלום זאָל זײַן צו אײַך, שלום צום ווײַטערסטן און צום נאָענטסטן, שלום צו אַלע ייִדן, אָמן!

„נאום הרב בהרב ז"ל... ונאום הרב בהרב ז"ל... ונאום ברוך קאַפּאָטע, זרח פּופּיק, פּישל וויקידײַלאָ, חיים קוויטש, ניסל קאַטשען, מאָטל שאָ־לעבעץ, יהושע־העשל קישקיש".

י.

בלילה ההוא — אין יענער נאַכט האָט געשײַנט די לבנה און האָט אַראָפּגעקוקט אַראָפּ אַף זלאַדייעווקע מיט אירע פינצטערע האַלב־אײַנגעפאַלענע הײַזלעך, וואָס שטייען צונויפגעקוועטשט, אָן הויפן, אָן ביימלעך, אָן פּאַרקאַנס. ווי אַ בית־עלמין זעט אויס באַנאַכט די שטאָט, אַן אַלטער בית־עלמין מיט אַלטע מצבות, וואָס אַ סך פון זיי שטייען אָנ־געבויגן כורעים, און אַ סך וואָלטן שוין לאַנג אײַנגעפאַלן, ווען זיי זאָלן נישט זײַן אונטערגעשפּאַרט מיט קלעצער. און כאָטש די לופט איז דאָרט נישט אַזוי פויגלדיק, און די ריחות פונעם מאַרק און פונעם שולהויף זײַנען עפּעס הויך ווי אַ מויער, — פון דעסטוועגן זײַנען אַלע מענטשן אַרויס, ווי טאַראַקאַנעס פון די לעכער, ייִדן און ווײַבער, אַלטע לײַט און

קליינע קינדער, „כאַפּן אַ לופטל" נאָך דעם הייסן ברענענדיקן טאָג. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַף די שוועלן אַ ביסל שמועסן, פּלאַפּלען דברים בטלים, אָדער גלאַט אַזוי קוקן אַרויף אין הימל אַרײַן, באַטראַכטן די צורה פון דער לבנה, מיט די מיליאָן־מיליאַסן שטערן, וואָס אַז מע זאָל זײַן מיט אַכצן קעפּ, איז אוממעגלעך זיי איבערצוציילן!

אין יענער נאַכט האָט זיך שמעון־אלי דער שנײַדער אַרומגעדרייט איינער אַליין אין אַלע הינטערגעסלעך מיטן תכשיט, וואָס ער האָט אײַנ־געהאַנדלט אין קאָזאָדאָיעווקע, זיך געהיט פאַר די ווײַסע־חברהניקעס, מע זאָל אים נישט דערזען. ער האָט גערעכנט, אַז עס וועט ווערן טאָג, זאָל ער זיך ווידער לאָזן אין וועג אַרײַן, און דערווײַל האָט ער זיך אַרײַנגע־כאַפּט צו האָדל דער אַקציזניטשקע אין שענקל, נעמען פאַר האַרצווייטיק אַ ביסל בראָנפן און אויסריידן זיך אַ ביסל דאָס האַרץ, זיך האַלטן מיט איר אַן עצה מכח דעם אומגליק, וואָס ער האָט אַף זיך גענומען.

האָדל די אַקציזניטשקע איז געווען אַ ווײַבל אַן אַלמנה, אַ „מאַנצ־בילשער קאָפּ", אויסגעבונדן מיט גאַנץ „נאַטשאַלסטווע" און אַ גוטע שוועסטער מיט אַלע בעלי־מלאכות אין שטאָט. פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען „אַקציזניטשקע"? איבער אַ מעשה, וואָס זי איז מיידלווײַז געווען זייער אַ שיינע, אַ יפת־תואר; האָט אַן אַקציזניק, זייער אַ רײַכער, זי דער־זען איינמאָל דורכפאָרנדיק פאַרבײַ זלאָדייעווקע, בשעת זי האָט געטראָגן גענדז צום שוחט; האָט זי דער אַקציזניק אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן:

— מיידל, וועמענס ביסטו?

האָט זי זיך פאַרשעמט, צעלאַכט און איז אַנטלאָפן געוואָרן; האָט מען איר פון דעמאָלט אָן אַ נאָמען געגעבן „די אַקציזניטשקע"... אַנדערע זאָגן, אַז דער אַקציזניק איז געווען באַ איר נאָכדעם אין דער היים, גע־רעדט מיט איר טאַטן, נחמיה ווינאָקור, געוואָלט פאַר איר חתונה האָבן, זי נעמען ווי זי שטייט און גייט און נאָך צוצאָלן איר טאַטן אין בײַטל אַרײַן. איז שוין כמעט געווען „תנאים", האָט דאָס שטעטל זי גענומען אין די מײַלער אַרײַן, איז צעקראָכן געוואָרן דער שידוך, און זי האָט גאָר חתונה געהאַט נאָכדעם אַ שטילע חתונה פאַר עפּעס אַ שלים־מזל, אַ חולה־נופלדיקן; האָט זי שטאַרק געוויינט, נישט געוואָלט גיין צו דער חופה, האָט זיך דעמאָלט די גאַנצע שטאָט געוויגט. מע האָט געזאָגט, אַז זי איז גאָר געווען פאַרקאַכט אינעם אַקציזניק, און מע האָט געמאַכט

א לידל אף איר, וואָס ווײַבלעך און מיידלעך זינגען דאָס נאָך עד היום אין זלאַדייעווקע: דאָס לידל הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„די לבנה האָט געשײַנט,
האַלב נאַכט איז געווען —
און האָדעלע זיצט בײַ דער טיר...״

און עס לאָזט זיך אויס מיט די ווערטער:

„איך האָב דיך ליב, דושינקע,
גאָר אָן אַן עק,
איך קאָן אָזש נישט לעבן אָן דיר!״

אָט דאָס איז געווען האָדל די אַקציזניטשקע, און פֿאַר איר האָט דאָס אונדזער שנײַדער אויסגעגאָסן זײַן ביטער האַרץ: דערציילט אַלצדינג, וואָס בײַ אים אױף דער נשמה טוט זיך, און געבעטן, זי זאָל אים געבן אַן עצה: וואָס טוט מען?

— וואָס טוט מען? איר זײַט דאָך עפּעס יאָ, ווי דוד המלך זאָגט אין שיר־השירים: שחורה אני ונאוה — ווער ס׳איז שיין, איר זײַט ביידע זאַכן... גיט מיר אַן עצה: וואָס טוט מען?

— וואָס זאָל מען טאָן? — זאָגט צו אים האָדל און שפּײַט־אויס. — איר זעט דען נישט, אַז ס׳איז אַ גלגול? וואָס וועט איר זיך האַלטן מיט דער באָמבע? נעמט און וואַרפֿט אים אַרויס צו אַלדי שוואַרצע יאָר! איר קאָנט נאָך האָבן, חס־ושלום, דעם אייגענעם פּסק, וואָס מײַן מומע פּערל האָט געהאַט, לאָז זי זײַן ווײַט אָפּגעשיידט פֿון מיר, זי איז שוין אױף דער אמתער וועלט.

— דהיינו? — פֿרעגט שמעון־אלי דערשראָקן.

— דהיינו, — זאָגט האָדל מיט אַ זיפֿץ — מײַן מומע פּערל, עליה השלום, איז געווען אַן ערלעכע ייִדענע, אַ כשרע. אונדזער משפּחה זײַנען אַלע ערלעכע... כאָטש דאָ, אין דעם וויסטן זלאַדייעווקע, פֿאַרברענט זאָל דאָס ווערן, האָט מען ליב באַריידן איטלעכן באַזונדער, געוויינטלעך, הינטער די אויגן, וואָרעם אין די אויגן זײַנען זיי גרויסע חליפֿתניקעס, קוצעניע־מוצעניע... בקיצור, מײַן מומע פּערל, עליה־השלום, איז איינמאָל געגאַנגען אין מאַרק, זעט זי: עס ליגט אַ קנײַלעכן באַוול אױף דער ערד. איז זי זיך מיישב: אַ קנײַלעכן באַוול קומט צו־נוץ; בייגט זי זיך אָן און הייבט דאָס אויף. זי נעמט דאָס קנײַלעכן באַוול און לאָזט זיך גיין, טוט

דאָס איר אַ שפּרונג אין פּנים אַרײַן און אַ פֿאַל אױף דער ערד. בייגט זי זיך אָן מסתמא נאָך אַמאָל און הייבט דאָס אויף, טוט דאָס איר ווידער אַ שפּרונג אין פּנים אַרײַן און אַ פֿאַל אױף דער ערד. בייגט זי זיך ווידער אַמאָל אָן, נעמט דאָס ווידער אַ מאָל, טוט דאָס איר ווידער אַ שפּרונג אין פּנים און פֿאַל אױף דער ערד. איז זי זיך מיישב און טוט אַ שפּײַ אָפּן קנײַדלעכן באָוול (כאַפּט דאָס דער וואַטנמאַכער!), און וויל שוין גיין אַהיים. זי טוט אַ קוק — דאָס קנײַדלעכן באָוול קאַטשעט זיך איר נאָך; זי פּרובט זיך לויפֿן — דאָס קנײַדלעכן באָוול קאַטשעט זיך. בקיצור, זי איז געקומען אַהיים אַ טויטע נעבעך, געפֿאַלן חלשות, און האָט נאָכדעם אָפּ־געקרענקט אפשר אַ יאָר כסדר. וואָס, מיינט איר, איז דאָס געווען, אַשטײַ־גער? אנו, טרעפֿט?...

— עט! כולם אהובים, כולם ברורים — אַלע ווײַבער זײַנען אױף איין שניט! — זאָגט שמעון־אלי. — ס׳איז באָבסקע מעשיות, פּוסטע מילן, באַצרעס, פּידרוך מיט לאַקריצע! מע זאָל זיך וועלן צוהערן, וואָס ווײַבער פּלעטשען, וואָלט מען באַדאַרפֿט מורא האָבן פֿאַרן אייגענעם שאָטן, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: נ ש י ם ד ע ת ן ק ל ו ת — ווײַבער זײַנען געענדז... נאָר גאָר נישט, היום הרת עולם — נישט גע־זאָרגט! האָט אײַך אַ גוטע נאַכט.

און שמעון־אלי דער שנײַדער לאָזט זיך גיין ווײַטער.

די נאַכט האָט זיך אויסגעשטערנט. די לבנה האָט געשפּאַצירט צווישן שטיקער וואָלקן, וואָס זעען אויס, ווי הויכע טונקעלע בערג, באַלייגט מיט זילבער. מיט אַ האַלבן פּנים האָט די לבנה אַראָפּגעקוקט אױף דער שטאָט זלאַדייעווקע, וואָס האָט געהאַלטן אין רעכטן שלאָף. אַ טייל בעלי־בתים, וואָס האָבן מורא פֿאַר וואַנצן, האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט מיטן בעטגעוואַנט אין דרויסן, זיך איבערגעדעקט מיט די געלע לײַלעכער אי־בערן קאָפּ, געכראָפּעט גאַנץ געשמאַק און געזען זיסע חלומות: חלומות פֿון פּדיון אָפּן יריד, פֿון לייזונג אַ סך, פֿון אַ פֿאַרדינסטל אַ גראָבס; חלומות פֿון אַ פּריץ זייער אַ ווילן, פֿון אַ געשעפֿטל אַ גוטס; חלומות פֿון אַ שטיקל ברויט פֿון פּרנסה בכבוד און פֿון כבוד אַליין — פֿאַרשיידענע חלומות!... מע זעט נישט אױף דער גאַס קיין לעבעדיקן נפֿש; מע הערט נישט קיין פּיפּס אין ערגעץ, — אפֿילו די יאַטקע־הינט, וואָס האָבן זיך געגנוג אָנגעבילט און אָנגעמאַרדעוועט דורכן טאָג, האָבן זיך אײַנגעגנאָרעט

צווישן די קלעצלעך, באהאלטן די מאָרדעס צווישן די לאַפּעס — און שאַ! זעלטן־זעלטן כאַפּט זיך אַרויס באַ זיי אַ האַלבער „האָו", בשעת עס חלומט זיך זיי עפּעס אַ ביינדל, וואָס אַנדערע הינט שאַרפן זיך דערויף די ציין, אָדער בשעת עס דאַכט זיך זיי, אַז אַ פליג האָט זיך פאַרקליבן אין אויער אַרײַן און רוימט זיי איַן אַ סוד... זעלטן־זעלטן פליט דורך אַ נאַ־רישער זשוק מיט צעלאָזטע פליגל, דרייט זיך און שוועבט אין דער לופטן אַף איין אָרט, זשומעט ווי אַ סטרונע פון אַ באַס און מאַכט: ז ש ש ש ש! טוט אַ פאַל אָן דער ערד און ווערט אַנטשוויגן... אַפילו דער שטאָט־שומר, וואָס אַלע נאַכט גייט ער אַרום, היט די קליטן און קלאַפּט מיט צוויי שטעקלעך: קלאַ! קלאַ!... קלאַ! קלאַ!... האָט הײַנטיקס מאָל, ווי אַף צו־להכעיס, אויסגעטרונקען, האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט און איז גע־שמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן... אין דער דאָזיקער שטילער נאַכט דרייט זיך אום שמעון־אלי דער שנײַדער איינער אַליין איבער דער גאַנצער שטאָט, און ער ווייס נישט, צי זאָל ער גיין, צי זאָל ער שטיין, צי זאָל ער זיצן... און ער גייט־אַרום און רעדט צו זיך אַליין שטילערהייט:

— ואתא שונרא ואכלה לגדיא — נע מאַלאַ באַבאַ בלאָפּאָטע — קופּילע סאָבי קאָנאַ!... לאָז קומען אַ פּאָהיבעל אַף דער דאָזיקער ציג! אַ ציג?... ח־ח־ח־חד גדיא! חד גדיא!

ער צעלאַכט זיך און שרעקט זיך איבער פאַר זײַן אייגענעם געלעכ־טער. בשעת מעשה גייט ער דורך פאַרבײַ דער „קאַלטער שול", וואָס האָט אַ שם מיט אירע מתים, וואָס דאַוונען דאָרטן אַלע שבת־צו־נאַכטס, אָנגע־טאָן אין ווײַסע קיטלען און אין טליתים, און עס דאַכט זיך אים, ווי ער הערט עפּעס אַ מין געזאַנג: אָר־אָר־אָו! ווי אַ ווינט, וואָס בלאָזט אין קויִ־מען אַרײַן ווינטער באַנאַכט... ער טרעט־אָפּ פון דער „קאַלטער שול", לאָזט זיך גיין אין דער גויעשער גאַס, דערהערט ער אַ קול „פּ צ ס ס ס!" דאָס פײַפט אַ פוהאַטש, וואָס האָט זיך פאַרקליבן גאַנץ אויבן, אַפן שפּיץ קלויסטער... עס פאַלט אַף אים אָן אַ שרעקלעכע מרה־שחורה, אַ פּחד, מיט סכנת־נפשות! נאָר ער שטאַרקט זיך, ער מאַכט זיך אַ האַרץ און וויל זאָגן עפּעס אַ פּסוק, אַזעלכן, וואָס מע זאָגט באַנאַכט, אַז מע זאָל קיין מורא נישט האָבן; האָט ער אָבער פאַרגעסן דעם פּסוק, אַרויסגעפלויגן פונעם קאָפּ! און מעשה־שטן, קומען אים אָקעגן דווקא אַלערליי מוראַדיקע בילדער פון באַקאַנטע, וואָס זײַנען שוין לאַנג אַף דער אמתער וועלט...

און ער דערמאָנט זיך אָן אַ סך שרעקלעכע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אַף זײַן לעבן: מעשיות מיט שדים, מיט רוחות און מיט לצים אינעם געשטאַלט פון קעלבלעך... מעשיות מיט שרעטעלעך, וואָס לויפן ווי אַף רעדלעך, מיט וואָווקעלאַקעס, וואָס גייען אַף די הענט, מיט מינים באַשעפענישן, וואָס קוקן אַף איין אויג... מעשיות מיט לעבעדיקע מתים, וואָס גייען־אום אין עולם התוהו, אָנגעטאָן אין תכריכים... שמעון־אלי פּועלט באַ זיך, אַז די דאָזיקע ציג, וואָס ער פירט זיך מיט איר אַרום, איז נישט קיין ציג, נאָר אַ גלגול, אָדער אַ לץ, וואָס אָט באַלד שטעלט ער אים אַרויס אַ צונג אַף צען אַרשין, אָדער ער טוט אַ פּאַטש מיט די פליגל און טוט אַ געשריי איבער דער גאַנצער שטאָט: „קו־קאַ־רי־קו!"... שמעון־אלי פילט, אַז עס הייבט זיך אים דער מח; שטעלט ער זיך אָפּ אַף אַ ווײַלע, בינדט־אָפּ דעם גאַרטל; ער וויל פּטור ווערן פון דער באַמבע. ווער? וואָס? דער שיינער בחור שטייט, ער וויל נישט אָפּטרעטן פונעם שנײַדער אַף אַ מינוט אפילו! שמעון־אלי פּרוּווט זיך לאָזן גיין אַ פּאָר טריט — ער גייט אים נאָך; ער נעמט זיך רעכטס — גייט ער רעכטס; ער נעמט זיך לינקס — ער גייט לינקס...

— שמע ישראל! — שרײַט־אויס שמעון־אלי נישט מיט זײַן קול און לאָזט זיך לויפן אין דער וועלט אַרײַן. און אַזוי ווי ער לויפט, דאַכט זיך אים, אַז עמעצער יאָגט אים און מעקעט אים נאָך אַף אַ דין ציגן קולכל און רעדט צו אים, ווי אַ מענטש, און זינגט, ווי אַ חזן:

— מ ־ ־ ־ לך ממית ומחיה!... ונ־אַ־אַ־אַ־אַ־מן אתה להחיות מתים!...

## יא.

ב ב ו ק ר — אין דער פֿרי, אַז ייִדן זײַנען אויפגעשטאַנען גיין דאַווענען, ווײַבער — אין מאַרק אַרײַן, און מיידלעך — צו דער טשערעדע, האָט מען געפונען שמעון־אלי דעם שנײַדער זיצן אַף דער ערד, און נעבן אים די שיינע ציג זיצט, די פיסלעך אונטער זיך, מעלה־גרהט און שאָקלט מיטן בערדל. מע גייט צו צום שנײַדער, מע רעדט צו אים — ער ענטפערט נישט אַ וואָרט; ער זיצט און קוקט, ווי אַ ליימענער גולם... איז באַלד געוואָרן אַ רעדל, אַן אָנגעלאָף פון דער גאַרער שטאָט, אַ גערעדערײַ, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער ביזן הימל: שמעון־אלי... ציג... שמע־קולנו...

גלגול... לץ... וואָוקעלאַקע... נישט־גוטער... פאַרשטעלט... געפּירט — געפאָרן רײַטנדיק אַ גאַנצע נאַכט... געמוטשעט... פאַרמוטשעט״... בשעת מעשה זײַנען געפלויגן גענוג ליגנס: איטלעכער האָט דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען אים פאָרן רײַטנדיק...

— ווער איז געפאָרן אויף וועמען? — פרעגט אַ ייִד און שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ אין רעדל אַרײַן. — שמעון־אַלי אויף דער ציג, צי די ציג אויף שמעון־אַלין?

דער גאַנצער עולם שיסט־אויס אַ געלעכטער.

— אַז אָך און וויי איז צו אײַך מיט אײַער געלעכטער! — רופט זיך אָן אַ ייִד אַ בעל־מלאכה. — ייִדן מיט בערד! באַווײַבטע! טאַטעס פון קינדער! שעמען מעגט איר זיך אין אײַער ווײַטן האַלדז אַרײַן! וואָס האָט איר זיך צונויפגעקליבן אַהער צו לאַכן? איר זעט נישט, אַז דער שנײַדער איז אויס מענטש, נעבעך טויט־קראַנק? בעסער פירט אים אָפּ אַהיים און שיקט רופן דעם רופא, נישט שטיין אָט־אַ־דאָ און שטשירען די ציין, אַ רוח אין אײַער טאַטנס טאַטן אַרײַן!!!

די דאָזיקע ווערטער האָט דער בעל־מלאכה אויסגעשאָסן, ווי פון אַ האַרמאַט, און דער עולם האָט אויפגעהערט צו לאַכן. דער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך וואַסער, דער איז אַוועקגעלאָפן צו יודל דעם רופא. מע האָט גענומען שמעון־אַלי דעם שנײַדער, מחילה, אונטער די הענט און מע האָט אים אָפּגעפירט אַהיים און אַרײַנגעלייגט אין בעט אַרײַן. באַלד איז געקומען צו לויפן יודל דער רופא מיט זײַן גאַנץ קלאַפּערגעצײַג און האָט אים געגעבן „גרויס ראַטוניק״: ער האָט אים געשטעלט באַנקעס און פּיאַווקעס און געשלאָגן צו דער אָדער, געצאַפּט בלוט אָן אַ שיעור.

— וואָס מער בלוט מע וועט אים אָפּצאַפּן, — אַזוי האָט יודל אַליין געזאָגט — וועט אַלץ זײַן בעסער, מחמת אַלע שלאַפקייטן, ניט דאָ גע־דאַכט, נעמען זיך פון אינעווייניק, פון די „געבליטן״. — אַזוי האָט יודל דער רופא געגעבן צו פאַרשטיין די „חכמת הדאָקטאַריע״, און האָט צוגע־זאָגט, אַז אויף דער נאַכט, אם ירצה השם, וועט ער אַרײַנקומען נאָך אַ מאָל. און אַז ציפּע־ביילע־רייזע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן, ווי ער ליגט נעבעך, דער שלים־מזל, אויף דעם צעבראָכענעם טופּטשאַן, מיט אַ סך שמאַטעס אײַנגעדעקט, די אויגן אַרויף, די ליפּן פאַרשמאַכט, רעדט פון היץ, עס קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, — האָט זי אָנגעהויבן

צו ברעכן די הענט, שלאָגן זיך קאָפּ אָן וואַנט, וויינען, יאָמערן און קלאָגן מיט דעם נוסח, וואָס מע באַוויינט אַ טויטן:

— ווי איז מיר, ווינד איז מיר, אַ דונער איז מיר אַ גרויסער! אַף וועמען לאָזטו מיך איבער מיט מײַנע קליינע קינדער?!...

און די קינדער, נאַקעטע און באָרוועסע נעבעך, האָבן זיך צונויפגעקליבן אַרום דער אָרעמער מאַמע און האָבן איר געהאָלפן וויינען. די עלטערע האָבן געוויינט שטילערהייט, באַהאַלטן די פּנימער, געשלונגען די טרערן; און די קלענערע, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך, האָבן גלאַט געוויינט אַף אַ קול, וואָס ווײַטער אַלץ העכער און העכער; און אַפּילו גאָר דאָס קלייניטשקע, אַ יינגעלע פון אַ יאָר דרײַ, מיט אַן אויסגעמוטשעטע געל פּנימל, האָט זיך צוגערוקט צו דער מוטער מיט זײַנע אויסגעבויגענע קרומע פיסלעך און מיטן גראָבן בײַכעלע, ביידע הענטלעך אַרײַנגערוקט אין קעפּל און האָט גענומען גאָר אַ הויכן טאָן: „מאַמע, וויל עעסן!!!" דאָס אַלצדינג אינאיינעם איז געווען אַזאַ מין געזאַנג, וואָס אַ פרעמדער מענטש האָט נישט געקאָנט בשום אופן שטיין דערבײַ; ווער ס'איז אַרײַנגעקומען צום שנײַדער אין שטיבל אַרײַן, איז ער באַלד אַרויסגעלאָפן פון דאָרטן אַ צעטראָגענער, מיט אַ צעבלוטיקט האַרץ און מיט אַ צעבראָכן געמיט, און אַז מע האָט אים אַ פרעג געטאָן: וואָס טוט עפּעס שמעון-אלי? — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „אַז אָך און ווי איז אים!"... עטלעכע ווײַבער, נאָענטע שכנות, זײַנען געשטאַנען די גאַנצע צײַט מיט פאַרוויינטע פּנימער, מיט רויטע נעזער, געקוקט ציפּע-ביילע-רייזען גלײַך אין די אויגן אַרײַן, געמאַכט בשעת-מעשה משונה מאָדנע פּיסקעס, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט: „אַז אָך און ווי איז צו דיר, ציפּע-ביילע-רייזע!"

אַ חידוש נפלא! פופציק יאָר האָט שמעון-אלי שמע-קולנו אָפּגעלעבט אין זלאָדייעווקע אין אָרעמקייט, אין דחקות, געלעגן, ווי אַ וואָרעם, אין דער פינצטער, קיינער האָט פון אים נישט גערעדט, קיינער האָט נישט געווּסט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז. אַצינד, אַז ער איז פאַרשלאָפט געוואָרן, האָט ער זיך מיט אַ מאָל אַרויסבאַוויזן מיט אַלע זײַנע מעלות טובות; מען איז מיט אַ מאָל געוואָר געוואָרן, אַז שמעון-אלי איז געווען אַ זעלטענע, אַ גוטע, אַ כשרע נשמה, אַ גרויסער בעל-צדקה, דאָס הייסט: ער פלעגט רײַסן בײַ נגידים און טיילן די אָרעמע לײַט, זיך קריגן פאַר זיי

מיט דער גאַנצער שטאָט און זיך שלאָגן ביזן בלוט אַרײַן, זיך טײלן מיט יענעם מיטן לעצטן ביסן, און נאָך און נאָך אַ סך מעלות און שבחים האָט מען נאָכדערצײלט נאָך דעם אָרעמען שנײַדער, ווי מע דערצײלט נאָך, אַשטײגער, נאָך אַ טויטן בשעת דער לוויה, און מען איז אים געגאַנגען מבקר־חולה זײַן כמעט פֿון דער גאַנצער שטאָט, און מע האָט אים געראַטעוועט מיט כל המעגלעכקײטן, ער זאָל, חלילה, נישט שטאַרבן פֿאַר דער צײַט...

## יב.

ו ה פ ו ע ל י ם — און די בעלי־מלאכות פֿון דער שטאָט זלאָדייעווקע האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אויף אַן אסיפֿה בײַ האָדל די אַקציזניטשקע, געשטעלט בראָנפֿן, געשריִען, געפֿילדערט, געאַרבעט מעשׂים, געזידלט די נגידים, געוויינטלעך, הינטער די אויגן, זײ געמאַכט מיט דער בלאָטע.

— זלאָדייעווקע — אַ שײנע שטאָט, ברענען זאָל זי! וואָס שווײַגן זײ, די נגידים אונדזערע, אַ וויסטן סוף זאָלן זײ האָבן?!... איטלעכער באָדט זיך אין אונדזער בלוט, און ס׳איז נישטאָ קײנער, ווער ס׳זאָל זיך אָננעמען אונדזער קריוודע! געלט אין דער קאָראָבקע ווער צאָלט? — מיר! אַ צרה, אַ שלאָק, אַ שוחט, אַ באָד, להבדיל, — בײַ וועמען רײַסט מען די הויט? — בײַ אונדז! וואָס שווײַגט איר, ייִדן? לאָמיר גײן צו די רבנים, דײנים און די שבעה טובֿי העיר זײ טרײַבערן די קישקעס! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ הפֿקרות, מע זאָל לאָזן קוילען אַ גאַנצע משפּחה?! הבה נתחכמה!!!...

און חבֿרה „פּועל־צדק" זײַנען אַוועק צום רבֿ און האָבן דאָרט געמאַכט אַ גוואַלד. האָט זײ דער רבֿ איבערגעלײענט דעם ענטפֿער, וואָס ער האָט נאָר־וואָס באַקומען דורך אַ בעל־עגלה פֿון די קאָזאָדאָיעווקער רבנים, דײנים און די שבעה טובֿי העיר.

אָט וואָס ס׳איז געשטאַנען אין בריוו:

„לכּבֿוד צו די רבנים, דײנים, חכמים מפֿורסמים, בערג זאָלן אַקעגן טראָגן פֿריד צו די גילדענע הענגלײַכטער בק״ק זלאָדייעווקע, אָמן.

„תּיכּף ווי מיר האָבן מקבל געווען אײַערע רייד, וואָס זײַנען געווען ווי האָניק צו אונדזערע מײַלער, האָבן מיר זיך צונויפֿגעזאַמלט אַלע אין

חוקר ודורש געווען די זאַך אַקוראַט, און האָבן געפונען, אַז אומזיסט האָט מען געטאָן חושד זײַן איינעם פון אונדזערע לײַט; נישט מער, אַז דער שנײַדער אײַערער איז אַ שאַלקהאַפּטיקער מענטש, ער האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול און אָנגעפירט אַ רכילות צווישן צוויי קהילות. ער איז ווערט, מע זאָל אים קנסענען! מיר, וואָס שטייען געחתמעט אונטן, קאָנען אײַך עדות זאָגן און גיין שווערן, אַז מיר האָבן געזען מיט אונדזערע אויגן, ווי די ציג מעלקט זיך, הלוואַי זאָלן זיך אַלע ייִדישע ציגן אַזוי מעלקן! הערט אים נישט, דעם שנײַדער, וואָס ער וועט אײַך דערציילן פּזמונות! איר זאָלט זיך נישט קערן צו די ווערטער פון די פאַרדאַרבענע לײַט, לאָזן פאַרשטאָפּט ווערן די מײַלער, וואָס ריידן שקרים! שלום זאָל זײַן צו אײַך און שלום זאָל זײַן צו אַלע ייִדן פון איצט און ביז אייביק און אייביק.

„די רייד פון אײַערע יינגערע ברידער, וואָס וואַלגערן זיך אינעם שטויב פון אײַערע פיס:

„נ א ו ם ה ר ב ב ה ר ב ז ״ ל ... ו נ א ו ם ה ר ב ב ה ר ב ז ״ ל ... ו נ א ו ם ה ע נ ע ך ג אָ ר ג ל, י ק ו ת י א ל ש מ אַ ר אָ ו ו י ד ל ע, ש ע פּ ס ל ק אַ ר ט אָ פ ל, פּ י ש ל ק אַ ט ש אַ ל ק י, ב ע ר ל ב ר אָ נ פ ן, ל ײ ב ו ו אָ ר ע ט ש אָ ק, א ל י פּ ע־ ט ע ל ע ל ע ״.

אַז דער רב האָט איבערגעלייענט פאַר די בעלי־מלאכות דעם דאָזיקן בריוו, זײַנען זיי געוואָרן נאָך מער אָנגעצונדן. „אהא! קאָזאָדאָיעווקער שקצים! מע מאַכט נאָך פון אונדז חוזק?! באַדאַרף מען זיי באַווײַזן דרך־ארץ. שער און אײַזן אונדזער פאָלק — עמך!״... און מע האָט באַלד גע־מאַכט אַ נײַע אסיפה, געשיקט נאָך בראָנפן, און ס׳איז געבליבן, מע זאָל נעמען די שיינע ציג און מען זאָל גיין גלײַך קיין קאָזאָדאָיעווקע איבער־קערן דעם מלמד מיט דעם הדר מיט דער גאַנצער שטאָט!

אומר ועושה — געזאָגט און געטאָן. חברה האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ שטיק זעכציק בעלי־מלאכות: שנײַדערס, שוסטערס, סטאָליערס און קאָ־וועלעס, קצבים, העקערס, אנשי־חיל, געזונטע יונגען, איינס אין איינס, אָנגעוואָפנטע מיט כלי־זיין — ווער מיט אַ הילצערנעם אַרשין, און ווער מיט אַן אייזערן פּרעסל, ווער מיט אַ קאָפּיט פון אַ שטיוול, ווער מיט אַ האַק און ווער מיט אַ האַמער, און ווער מיט גלאַט אַזוי פון בעל־הבתיש־

קייט: אַ קאַטשאַלקע, אַ ריבאײַזן, אָדער אַ קאָלאָדאַטש־מעסער, — און ס'איז געבליבן, מע זאָל גיין גלײַך אין קאָזאָדאָיעווקע אויף מלחמה, להרוג, לאבד ולהשמיד — הרגענען, פאַרלירן און פּאַרטיליקן! איין מאָל פאַר אַלע מאָל — האָבן חברה געזאָגט: — תמות נפשי עם פּלשתים — דער טויט זאָל זיי זײַן און אַן עק זאָל דאָס האָבן!

— שאַט, רבותים! — רופט זיך אָן איינער פון דער חברה פּועל־צדק. — איר זײַט שוין גרייט אָפּן פידפאַלעק, פּאַרטיק אָרום און אַרום, ו א י ה ה ש ה — ווּ איז די ציג?

— יאָ, זעט־נאָר, ווּ איז ערגעץ אַהינגעקומען דער גלגול?

— אַנטרונען געוואָרן!

— נישט קיין נאַרישער גלגול! כּלעבן, ווּהין האָט ער געקאָנט אַנטלויפן?

— מסתמא אַהיים, צום מלמד, וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט?

— משוגע וועט ער ווערן! דו רעדסט, ווי אַ בהמה!

— ביסט אַליין אַ פערד; ווּ דען האָט ער געקאָנט אַנטלויפן?

— בקיצור, וואָס טויגן די טענות? שרײַ הײַנט, שרײַ מאָרגן, והילד איננו — נישטאָ קיין ציג...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

## יג.

כ ע ת — אַצינד לאָזן מיר איבער דעם פאַרבישופּטן שנײַדער זיך ראַנגלען מיטן מלאך־המות און חברה בעלי־מלאכות זיך גרייטן צו מלחמה, און מיר גייען־אַריבער צום גלגול, דאָס הייסט, צו דער ציג.

דער גלגול, אַז ער האָט דערזען די בהלה, וואָס איז געוואָרן אין שטעטל, האָט ער זיך מיישב געווען: וואָס טויג אים דער מסחר? וואָס נוצט אים זײַן צוגעבונדן צום שנײַדער, אַרומשלעפּן זיך מיט דעם שלים־מזלניק הין און צוריק און פּגרן פון הונגער? אמער, וועט ער בעסער לויפן אין דער וועלט אַרײַן, ווּ די פיס וועלן טראָגן! אַבי ניט זײַן נע־ונד! און אונדזער חברה־מאַן האָט געמאַכט פּליטה גאָר אויף אַן אַנדער אופן, געלאָפן משוגענערווײַז, גאָר ניט געפילט די ערד אונטער זיך, ניט געקוקט אויף דרך־ארץ, געשפּרונגען איבער ייִדן און ווײַבער, אַנגעמאַכט

אַן אומגליק, אַ חורבן אין מאַרק — סכנות־נפשות! איבערגעקערט טיש־לעך מיט ברויטלעך און פלעצלעך, מולטערס מיט ווײַנשל און מיט ווײַמ־פערלעך, געשפּרונגען איבער טעפּ און גלאָזוואַרג, געשלײַדערט, געשמיצט און געבראָכן — טראַך־טאַראַראַך! צווישן די ווײַבער איז געוואָרן אַ בהלה, אַ קוויטשערײַ: „וואָר איז?... אַ שלים־מזל!... אַ ציג!... אַ באַשע־פעניש!... אַ גלגול!... אַ קלאָג צו מיר!... אוי, אַן אומגליק!... וווּ איז ער? אָן איז ער!... כאַפּט אים!... לאָז מען אים כאַפּן! כאַפּן!"... און אַ גאַנצע כאַליאַסטרע ייִדן מיט פאַרקאַטשעטע פּאָלעס און ווײַבער מיט אונטער־געשטעקטע קליידלעך, מחילה, האָבן זיך געלאָזט לויפן איינער איבערן אַנדערן. נאָר אומזיסט: אונדזער חברה־מאַן האָט דערפילט וואָס הייסט פ ר ײַ ה יי ט, האָט ער זיך געלאָזט לויפן ווו די אויגן טראָגן.

און דער שנײַדער נעבעך?... און דער היוצא־לנו־מזה?... און דער מאַי־קאַ־משמע־לן פון דער מעשה? — וועט פרעגן דער לעזער. צווינגט מיך נישט, קינדער! דער סוף איז געווען נישט קיין גוטער סוף. אָנגעהויבן האָט זיך די מעשה זייער פריילעך, און אויסגעלאָזט האָט זי זיך, ווי דאָס רוב פריילעכע געשיכטעס, אוי־ווײ, זייער טרויעריק... און מחמת איר קענט דעם מחבר פון דער געשיכטע, אַז ער איז בטבע נישט קיין מרה־שחורהניק און האָט פײַנט קלאָגעדיקע און האָט ליב בעסער לאַכנדיקע מעשיות, און מחמת איר קענט אים און ווייסט, אַז ער האָט פײַנט „מאָראַל" און זאָגן מוסר איז נים זײַן זאַך, — לכן געזעגנט זיך מיט אײַך דער פאַרפאַסער מתוך שחוק, לאַכנדיק, און ווינטשט אײַך, אַז ייִדן, און גלאַט מענטשן אַף דער וועלט, זאָלן מער לאַכן איידער וויינען. לאַכן איז געזונט. דאָקטוירים הייסן לאַכן...

געשריבן אין יאָר 1900

# פינף און זיבעציק טויזנט

## אַ פּעקל

איר זאָגט „פּעקלעך?"... אַלץ הייסט באַ אײַך „פּעקלעך"!... מיר דאַכט, אַז זינט גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, און זינט ייִדן זײַנען אַ פאָלק, האָט מען נאָך פון אַזאַ „פּעקל" נישט געהערט און נישט געזען אין חלום אַפילו! אויב איר האָט צײַט, רוקט זיך צו, זײַט מוחל, און הערט מיך אויס מיט קאָפּ, וועל איך אײַך דערציילן פון אַלף ביז תיו, מיט אַלע ברעקלעך און מיט אַלע פּיטשעווקעס, אַ מעשה מיט פינף און זיבעציק טויזנט. איך פיל, אַז ס'איז מיר ענג אָט־אַ־דאָ־אָ, סע קוועטשט מיך, סע ברענט אין מיר אַ פײַער, איך מוז, איך מ ו ז דאָס אַרויסגעבן פון זיך!... איר פאַרשטייט, צי ניין?... נאָר איין זאַך וועל איך פון אײַך בעטן: אַז איך וועל זיך אָפּשטעלן, אָדער פאַרקריכן קיין בויבעריק, זאָלט איר מיר דערמאָנען ווו איך האַלט, וואָרעם פון דער חתונה אָן, פון די פינף און זיבעציק טויזנט הייסט דאָס, האָט מיר אָנגעהויבן, ניט פאַר אײַך גערעדט, זשומען אינעווייניק אין קאָפּ, און סע מאַכט זיך מיר הײַנט אָפּט, אַז איך פאַרגעס ווו איך האַלט... איר פאַרשטייט, צי ניין?... זאָגט נאָר, האָט איר נישט באַ זיך קיין פינף און זיבעציק טויזנט... טפו! מיין איך אַ ציגאַר טיטון?

קוריץ און גוט, ווו האַלט איך? באַ די פינף און זיבעציק טויזנט הייסט דאָס... הײַנטיקן ערשטן מײַ האָב איך, ווי איר זעט מיך, געוווּנען די פינף און זיבעציק טויזנט. דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס איז דאָ פאַראַן

צו האָרכן? קאַרג מענטשן פֿאַרהאַן, וואָס געווינען געלט? למאַי אָט האָט איינער אַ ניקאָלאַיעווער, זאָגט מען, אויסגענומען די רי"ש אַלפֿים? צי אָט האָט אַן אַדעסער יונגערמאַנטשיק, אַ בוכהאַלטער פֿון אַ קאַנטאָר, געוווּנען פֿערציק טויזנט קאַרבן — און שאַ, שטיל, פֿייַן, שיין, מהכתיתי... אמת, אַף די גרויסע געווינסן קוקט אַרויס די גאַנצע וועלט, הונדערט זעקס און דרייסיק מיליאָן מענטשן זייַנען אונדז מקנא. איר פֿאַרשטייט, צי נייִן? נאָר די מעשה איז, וואָס אַ געווינס צו אַ געווינס איז ניט גלייַך. די מעשה מיט דעם געווינס איז אַ מעשה נפֿלא, אַ געקייטלטע מעשה, אַ מעשה אַף אַ מעשה, און אַ מעשה בתוך מעשה, און אַ מעשה איבער אַ מעשה. מע באַדאַרף זיך, הערט איר, גוט אונטערצוגאַרטלען, מע זאָל זי אויסהאָרכן ביזן סוף און פֿאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך.

קודם כל באַדאַרף איך מיך פֿאַר אייַך פֿאָרשטעלן, ווער איך בין. איך וועל מיך פֿאַר אייַך ניט גיין באַרימען, אַז איך בין דער גרויסער למדן, מיטן גרויסן עושר, מיטן גרויסן פֿילאָזאָף. איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר — אַ ייִד אַ בעל־הבית הייסט דאָס, מיט אַן איי־גענער שטוב, מיט אַ שטיקל נאָמען און מיט אַ שטיק ווערדע באַ זיך אין שטעטל. איר פֿאַרשטייט, צי נייִן?... אמת, אַמאָל האָב איך געהאַט געלט, טאַקע גאָר אַ סך געלט, — וואָס איז שייַך צו זאָגן אַ סך? בראָדסקי האָט אַוודאי אַ סך מער; נאָר גאָרנישט, עטלעכע טויזנט קערבלעך האָב איך געהאַט, האָט זיך, ווי זאָגט איר, גאָט אַרומגעקוקט אַף מיר, עס האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט, פֿאַרשטייט איר מיך, מיט אַ מאָל רייַך ווערן, האָב איך אַ האַנדל געטאָן אין די הונגעריקע גובערניעס מיט ברויט, און בין געבליבן, ווי מע זאָגט, אָן אַ פּירער. אַ שטיקל גליק כאָטש, וואָס נישט דערונטער. מיינט איר דאָך מן הסתם, אַז ווי באַלד איך האָב אָנגעוואָרן דאָס געלט, בין איך געוואָרן חלילה באַ זיך געפֿאַלן? קענט איר מיך נישט! איך בין, פֿאַרשטייט איר, אַזאַ נפֿש, וואָס געלט שפּילט באַ מיר אַזאַ ראָלע, ווי וואָס זאָל איך אייַך זאָגן? ווי אָט דאָס אַש פֿונעם פּאַפּיראָס. לחלוטין גאָרנישט, אָבער טאַקע גאָלע גאָרנישט! וואָס איז שייַך צו זאָגן גאָרנישט? געלט איז אַוודאי אַ גוטע זאַך, נאָר גיין זיך שלאָגן איבער דעם, מפֿקיר זייַן דאָס לעבן — דאָס נישט. שלעכט איז נאָר, אַז ס'איז נישטאָ דאָס, וואָס מע באַדאַרף, אַז מע קאָן זיך נישט שטעלן ווי סע געהער צו זייַן, אַז מע קאָן נישט געבן די נדבה מיט דעם נדר, וואָס איך וואָלט וועלן געבן. איר

מעגט מיר זיכער גלייבן, אַז איך זע בשעת מע גייט־צו צו יענעם בעל־הבית און מע מאָנט בא אים אַ דרײַערל אױף דער שטאָט, און בא מיר נישט, עקט זיך מיר דאָס חיות. איר פֿאַרשטייט, צי ניין? איך וועל גיכער כאַפּן אַ פּסק פונעם ווײַב, פאַר וואָס ס'איז נישטאָ אױף שבת, איידער אָפּזאָגן אַן אָרעמאַן, בשעת עס באַמבלט זיך נאָך אַ פּערציקער אין בײַ־טעלע. איר פֿאַרשטייט, צי ניין?.. אָט אַזאַ מין משוגענער בין איך! האָט איר ניט בא זיך אַ פּערציקער... טפו! מיין איך אַ שוועבעלע אױף צו פֿאַררייכערן?

קורץ און גוט, ווו זשע האַלט איך? האָב איך אָנגעוואָרן די עטלעכע גילדן און בין געבליבן, הייסט דאָס, אָן אַ פּערציקער. אַז איך האָב אָנגע־וואָרן די עטלעכע גילדן און בין געבליבן אָן אַ פּערציקער, רוף איך מיך אָן איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן צו מײַן ווײַב: „הערסטו, צפּורה, וואָס איך וועל דיר זאָגן? מיר זײַנען ריין". מאַכט זי צו מיר: „וואָס הייסט, מיר זײַנען ריין?" זאָג איך: „מיר האָבן שוין נישט אַ פּערציקער!" איז דאָך עס אַ ייִדענע, הייבט זי דאָך אָן מסתמא צו ליאַרעמען: „ווײ איז מיר, וויסט איז מיר, פינצטער איז מיר, אַ שלאַק איז מיר, יעקבֿ־יוסיל, וואָס רעדסטו, ווו איז דײַן געלט?"... „שאַ, שאַ, זאָג איך, וואָס פּילדערסטו אַזוי? ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז ס'איז מײַן געלט? ה' נתן וה' לקח, אָדער, ווי זאָגט איר: נע בילאָ או מיקיטאַ הראָשי אי נע בודע! ווו שטייט דאָס, זאָג איך, געשריבן, אַז יעקבֿ־יוסיל באַדאַרף זיצן אין פיר דירות און האַלטן צוויי דינסטן און אַרויסגיין מיט דער שיינער שבתדי־קער קאַפּאָטע? למאַי, זאָג איך, אָט זײַנען פאַראַן ייִדן, וואָס גייען־אויס פֿון הונגער, — נו, אם כן, שטאַרבן זיי דען? אַז מע זאָל וועלן, זאָג איך, גיין מיט דעם גאַנג, למאַי דאָס, למאַי יענץ, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט"... און נאָך כדומה אַזעלכע ווערטער מיט משלים האָב איך איר געבראַכט, און זי, מײַן ווײַב הייסט דאָס, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איך בין געֶרעכט, איר פֿאַרשטייט, צי ניין?... דאָס באַדאַרפט איר וויסן, אַז איך האָב מײַן אייגנס אַ ווײַב, וואָס איך באַדאַרף מיך מיט איר כלל ניט שעמען — זי פֿאַרשטייט אַן עסק; לאַנג טענהן באַדאַרף מען נישט. זי האָט באַלד אויפגעהערט צו פּילדערן און צו ליאַרעמען און האָט נאָך, אדרבה, גענומען מיר אויסריידן דאָס האַרץ, אַז מסתמא איז דאָס אַ באַ־שערטע זאַך, אַז גאָט איז אַ פֿאָטער, ער וועט מסתמא אויספֿירן... און

טאקע נישט־לאנג געטראכט, גענומען און פארדונגען די דירה א שכן, אליין זיך באזעצט אין איין שטיבל מיט א קיך, די דינסטן, מחילה, אפ־געשאפט, דאס ווייב, זאל מאריך ימים זיין, האט פארקאטשעט די ארבל און זיך אליין אוועקגעשטעלט באם אויוון און איך האב מיך אליין אויפ־געריבן חמישי: „יעמוד רב יעקב־יוסיל קבצן!" זיך פארשריבן, ווי זאגט איר, פאר אן ארעמאן. וואס איז שייך זאגן אן ארעמאן? פאראן, מאלט אייך, גרעסערע ארעמע־לייט פון מיר; פארט, ווי זאגט איר, א שטיקל נחלה, א שטוב, וואס מע קאן ציען פון איר די פרנסה. דער חסרון איז נאר, וואס ס'איז פיר וואכן אין חודש. אין א חודש זאל מער ניט זיין ווי צוויי וואכן, וואלט מען מיט דער הוצאה אפשר אויסגעקומען אקוראט; און אזוי בלייבן איבער צוויי וואכן אפן אנדערן חודש, איז נישט גוט, וואס זאלט איר קלערן! נאר גארנישט, ווי זאגט איר: מיט צרות ווערט מען געוווינט. ס'איז גאר נישטא קיין בעסערס און קיין רווקערס, זאג איך אייך, ווי אן ארעמאן: מען איז פטור, פארשטייט איר מיך, פון קאפדרייעניש, פון צאלעניש, לייעניש, בארגעניש, לויפעניש, עולם־התוהו! איז דאך אבער פאראן א גאט אף דער וועלט, זאגט ער: „וואס טויג דיר, יעקב־יוסיל, לעבן בארוט, אן צרות? א בילעט האסטו? נא דיר פינף און זיבעציק טויזנט און ווער פארשווארצט!"... איר פארשטייט, צי ניין?... האט איר נישט בא זיך קיין בילעט... טפו! מיין איך א פאפיראס טיטון?

קורץ און גוט, ווו זשע האלט איך? באם בילעט הייסט דאס. א בי־לעט? אט־אזוי־א האט זיך מסתמא א ייד א בילעט און נעמט אוים די פינף און זיבעציק טויזנט? ווארט־צו א קאפעטשקע! ערשטנס, אף וואס האלט א ייד א בילעט? ער זאל אים קאנען פארזעצן און נעמען געלט. גיי זשע, דו שוטה, יעקב־יוסיל, טראג־אריין דעם בילעט אין א באנק און נעם געלט! איז דער תירוץ: ראשית, איז נישטא בא אונדז אין שטעטל קיין בענק, והשנית, וואס איז מיר די באנק? א באנק קאן דען נישט אנ־זעצן, אז זי וויל?... די וועלט איז נישט הפקר, מע כאפט נישט פון די הענט, און ווער דארף עס מיין בילעט? איר פארשטייט, צי ניין? אזוי האב איך מיר בשעת מעשה געטראכט, און אפשר האב איך בשעת מעשה גאר נישט געטראכט, און האב מיר מיישב געווען: איך האב א שכן, וואס זיצט בא מיר אין דער דירה טאקע, א יונגערמאן א בעל־הלוואה, זייער א פיי־נער יונגערמאן, א יונגערמאן, וואס קען שיין לערנען, א לייטישער יונג־

גערמאַן — פֿאַר וואָס זאָל איך נישט אָפּלייגן דעם בילעט באַ אים? לאָז ער מיר נאָר געבן אַף אים צוויי הונדערטער, וועל איך אוודאי נעמען, — פֿאַר וואָס זאָל איך נישט נעמען? בין איך אַרײַנגעגאַנגען צו מײַן שכן, בירנבוים הייסט ער, און רוף מיך אָן צו אים: „פּאַני בירנבוים, אפשר וועט איר מיר געבן צוויי הונדערט קערבלעך אַף מײַן בילעט?״ מאַכט ער: „איך וועל אײַך געבן צוויי הונדערט קערבלעך אַף אײַער בילעט״. זאָג איך: „וויפֿל וועט איר מיר רעכענען פּראָצענט?״ זאָגט ער: „וויפֿל זאָל איך אײַך רעכענען פּראָצענט?״ זאָג איך: „איך וויים, וויפֿל איר זאָלט מיר רעכענען פּראָצענט? רעכנט מיר באַנקאָווע פּראָצענט״. מאַכט ער: „איך וועל אײַך רעכענען באַנקאָווע פּראָצענט״... בקצור, מיר האָבן זיך אויס־געגלײַכט מיטן פּראָצענט און איך האָב אים אָוועקגעגעבן דעם בילעט אַף פֿינף חדשים און האָב גענומען די צוויי הונדערט קערבלעך. איר פֿאַר־שטייט, צי ניין? גיי זשע, דו שוטה, יעקב־יוסיל, און נעם־אַרויס באַ אים אַ צעטל, אַז דו האָסט באַ אים אַזאַ און אַזאַ בילעט פֿון אַזאַ און אַזאַ סעריע מיט אַזאַ און אַזאַ נומער! ניין. גייט ער, בירנבוים הייסט דאָס, און נעמט, אדרבה, באַ מ י ר אַרויס אַ צעטל, אַז איך האָב באַ אים אַנטליִען אַף פֿינף חדשים צוויי הונדערט קאַרבן אַף אָט אַזאַ און אַזאַ בילעט, מיט אַזאַ און אַזאַ נומער, מיט אַזאַ און אַזאַ סעריע; און באַם איך צאָל אים נישט אָפּ צום זמן די צוויי הונדערט קערבלעך, איז אַזאַ און אַזאַ בילעט מיט אַזאַ און אַזאַ נומער און מיט אַזאַ און אַזאַ סעריע זײַן בילעט, און איך האָב צו אים קיין טענות נישט... איר פֿאַרשטייט, צי ניין? וואָס האָב איך מיר בשעת מעשה געקלערט? איך האָב מיר גע־קלערט: וואָס האָב איך דאָ מורא? ממה־נפשך, עס וועט קומען צום זמן און איך וועל אויסקויפֿן דעם בילעט, איז דאָך אוודאי גוט; אלא נישט, וועל איך אים באַצאָלן די עסקא, וואָס אים קומט, וועט ער מיר וואַרטן — פֿאַר וואָס זאָל ער מיר ניט וואַרטן? וואָס אַרט דאָס אים, אבי עסקא! איר פֿאַרשטייט, צי ניין?

כך הווה. ס'איז געקומען צום זמן, האָב איך דאָך מסתמא דעם בי־לעט נישט אויסגעקויפֿט; ס'איז אָוועקגעגאַנגען די פֿינף חדשים מיט נאָך פֿינף חדשים, און אָט אַזוי פֿאַוואָלינקע האָט זיך אָוועקגעצויגן צוויי יאָר מיט פֿינף חדשים; פּראָצענט, געוויינטלעך, צאָל איך אים, דאָס הייסט, אַמאָל געצאָלט און אַמאָל נישט געצאָלט, — וואָס האָב איך

מורא? ער וועט פֿארקויפֿן מײַן בילעט? ער וועט נישט פֿארקויפֿן מײַן בי־לעט! למאי זאָל ער פֿארקויפֿן מײַן בילעט? אזוי האָב איך מיר בשעת־מעשה געטראַכט, און אפשר האָב איך בשעת מעשה גאָר ניט געטראַכט... און די צײַט דערווײַל איז נישט גוט, קיין געשעפֿטן איז ניטאָ, וואָכן זײַנען אין חודש אַלע איבעריקע, מע מוטשעט זיך, וואָס זאָל מען טאָן? אבי, ווי זאָגט איר, יאָרן, קיין צרות איז מען נישט זשעדנע... ביז הײַנ־טיקן פֿאַר־פּסח...

הײַנטיקן פֿאַר־פּסח האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ געשעפֿטל: איך האָב געהאנדלט עטלעכע וואגאָן הירזש, ס׳איז געוואָרן חשוב הירזש, האָב איך פֿארקויפֿט די הירזש און האָב דווקא פֿארדינט אַף די הירזש, דאנקען גאָט, שיינע עטלעכע קערבלעך, און האָב געהאַט אַ פּסח, מעגט איר מיר גלייבן, אַז בראָדסקי — בראָדסקי איז גאָרנישט אקעגן מיר! אַ קלייניקייט, אַ מענטש איז נישט שולדיק קיינעם אַ פּרוטה ניט, און פֿארמאָגט נאָך זײַן אייגנס אַ פּאָר הונדערט קערבלעך אויך, הײַנט ווער איז צו מיר גלײַך, איר פֿארשטייט, צי ניין? נעם זשע, דו שוטה, יעקב־יוסיל, טראָג־אַרײַן בירנבוימען די צוויי הונדערטער און קויף־אויס דעם בילעט! ניין, בין איך מיך מיישב: וואָס האָב איך נישט קיין צײַט? בירנבוים וועט ניט אנטלויפֿן מיטן בילעט; איך וועל נאָך צײַט האָבן אויסקויפֿן דעם בילעט נאָך פּסח, אָדער אַניט — וועל איך אײַנצאָלן פּראָצענט וויפֿל סע קומט און ארויסנעמען אַ קוויטל אַפֿן בילעט. אזוי האָב איך מיר בשעת מעשה געטראַכט, און אפשר האָב איך בשעת־מעשה גאָר נישט געטראַכט. איר פֿארשטייט, צי ניין? און בין אוועקגעגאַנגען און האָב פֿארן געלט געהאנדלט זעק, און האָב אָפּגעלייגט די זעק אין אַן אמבאַר; האָט גאָט געטאָן אַ נס, מע האָט אָפּגעשלאָגן דעם שלאָס פֿונעם אמבאַר — ס׳איז געוועזן הײַנטיקן נאָך פּסח איז דאָס געוועזן, פּונקט דעם דרײַסיקסטן אַפּריל, די נאַכט וואָס אקעגן ערשטן מײַ, ווען סע שפּילט דער בילעט — און מע האָט אוועקגעגנבעט די זעק, און איך בין ווײַטער געבליבן אָן אַ פּערציקער.

— צפּורה, זאָג איך צו מײַן ווײַב, ווייסטו וואָס איך וועל דיר דער־ציילן אַ נײַעס? מיר זײַנען שוין ווידער ריין.

— וואָס הייסט, זאָגט זי, מיר זײַנען ריין?

— מיר האָבן שוין ניט, זאָג איך, איין זאַק אפילו.

— וואָס הייסט, זאָגט זי, ווּ זײַנען אהינגעקומען די זעק?

— מע האָט זיי, זאָג איך, הײַנטיקע נאַכט אַרויסגעטראָגן פונעם אַמבאַר.

הייבט זי דאָך אָן מסתמא צו ליאַרעמען און צו פּילדערן. ווי דער שטײַנער איז פון אַזאַ ייִדענע. רוף איך זיך אָן צו איר:

— שאַ־שאַ, צפּורה, שרײַ ניט אַזוי, ביסט ניט אײנע באַ גאָט! עלעהיי, זאָג איך, לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז ס'איז פאַרברענט געוואָרן די שטוב, און מיר זײַנען אַרוים נאַקעט־הויל, ווי די מאַמע האָט אונדז גע־האַט, — וואָלט דיר דעמאָלט געווען בעסער?

— ס'אַ גוטער משל! — זאָגט זי — דעריבער באַדאַרף מען אוועק־גנבענען די זעק?

— וואָס געהער זיך אָן, זאָג איך, דאָס מיט דעם? אָט וועסטו גע־דענקען מײַן וואָרט, זאָג איך, עס וועלן זיך געפינען די זעק...

— פון וואַנען, זאָגט זי, וועלן זיי זיך צו דיר נעמען? די גנבים וועלן דיר אונטערוואַרפן די גנבהשע זעק, דערפאַר וואָס דו הייסט יעקב־יוסיל?... זיי האָבן, אַפּנים, מער נישט וואָס צו טאָן?...

— ע, ביסט אַ נאַרר! — זאָג איך — וואָס גאָט קאָן טאָן, קאָן אַ מענטש גאָר נישט צוטראַכטן אפילו...

כך הווה. די זעק זײַנען דאָך מסתמא געווען פאַרפאַלן, ווי אין וואַ־סער אַרײַן. ווער מיר זעק? וואָס מיר זעק? איך בין גאָר אַרומגעפלויגן, ווי אַ משוגענער, געהאַט צו טאָן מיט פּאָליציע, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, גענישטערט אין אַלע מײַזנלעכער. גאָר ווער? וואָס? גיי זוך דעם פאַראַ־יאָריקן שניי, דעם נעכטיקן טאָג! איר פאַרשטייט, צי ניין? דער קאָפּ איז אין דער ערד, דאָס האַרץ איז ניכטער, אין מויל איז טרוקן, אויף דער נשמה איז וויסט און פינצטער, — שטיי איך מיר אַזוי אין מאַרק באַ אונדז אויף דער בערזע, באַ דער אַפּטייק — הייסט עס, און עס פּליט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ, — ס'איז געווען אין דער פרי, אַרום זייגער צוועלף איז דאָס געווען: „סטייטש, ס'איז דאָך עפּעס הײַנט אַ יום־הדין, ערשטער מײַ, דער בילעט שפּילט, אַ קשיא אויף גאָט? מיר האָבן אַ גרויסן גאָט און אַ שטאַרקן! ער קאָן דאָך, אויב ער וויל נאָר, באַגליקן מיך מיט מײַן גאַנ־צער משפּחה!"... און דאָ דערמאָן איך מיר אָן די געגנבעטע זעק, פאַר־געס איך, אַז ס'איז ערשטער מײַ און אַז איך האָב אַ בילעט, וואָס שפּילט,

און לאָז מיך ווידער אַמאָל זוכן די זעק, עפּעס האָט זיך געפונען אַ שטיקל סליד פון די זעק, — און אַזוי דעם גאַנצן טאָג מיט דער גאַנצער נאַכט, ביז אַף מאָרגן, דעם צווייטן מײַ. אַליין בין איך פאַרטאַרעראַמט, אַ גאַנץ מעת־לעת אין מויל נישט געהאַט, שוין זייגער איינס, דאָס האַרץ גייט מיר אונטער, איר פאַרשטייט, צי ניין? איך קום אַהיים, פאַלט נאָך אָן אַף מיר דאָס ווײַב:

— טאָמער וואָלסטו געגאַנגען זיך וואַשן און עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן? טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג זעק? דײַנע זעק ליגן מיר שוין אָט־אַ־דאָ־אָ! כאַפּט דער ריח די זעק! מע באַדאַרף זיך טאַקע נעמען דאָס לעבן פון די זעק? אַזוי ווי מיט די זעק, אַזוי אָן די זעק! נאַ דיר אָן עסק מיט זעק! זעק־זעק! זעק־זעק!

— ווייסטו וואָס, מײַן ווײַב? — זאָג איך צו איר — טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג זעק? סע זעקט מיר שוין אַזוי אויך גענוג אין קאָפּ, קומסטו צו גיין און זאַלצסט מיר אַף די ווונדן: זעק־זעק! זעק־זעק!... איר פאַרשטייט, צי ניין? אפשר געפינט זיך בײַ אײַך נאָך אַ זאַק... טפו! מיין איך נאָך אַ פּאַפּיראָס?

קורץ און גוט, ווי זשע האַלט איך? בײַ די זעק הייסט דאָס. מילא, פאַרפאַלן די זעק. וואָס זאָל מען טאָן? די נשמה אויסשפּײַען קאָן מען נית. איך וואַש מיך און זעץ מיך צום טיש — ווער? וואָס? עס קריכט ניט אַן מויל אַרײַן.

— וואָס איז מיט דיר, יעקב־יוסיל? — פרעגט מיך מײַן ווײַב זאָל לעבן. — ווער איז דיר איבערגעגאַנגען דעם וועג הײַנטיקן טאָג?

— איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיר איז! — זאָג איך און וואַרף־אַוועק אין מיטן עסן און לייג מיך צו אַביסל אַף דער סאָפע. אַזוי ווי איך ליג מיר, אַזוי טראָגט מען מיר אַרײַן דאָס בלאַט פון דער פּאָסט. נעמ־זשע, דו שוטה, יעקב־יוסיל, און טו אַ קוק אין בלאַט, ס׳איז הײַנט דער צווייטער מײַ, אפשר האָט דײַן בילעט עפּעס געוווּנען? — ווער? וואָס? פרעגט מיך בחרם, צי ס׳איז הײַנט דער צווייטער מײַ, צי ס׳איז הײַנט דער צוויי און צוואַנציקסטער יוני, צי גאָר ראש־חודש קרעמעניץ! איר פאַרשטייט, צי ניין? און איך נעם דאָס בלאַט און הייב־אָן צו לייענען, געוויינטלעך, פון מה־טובו. בקיצור, איך ליג מיר אַזוי און לייען אַלערליי נײַסן: געשאָסן — געהאַנגען, געשטאָכן — געקוילעט, די ענגלענדער מיט

די בורן — עס קריכט מיר מסתמא אין איין אויער אַרײַן, פונעם אַנדערן אַרויס. וואָס מיר ענגלענדער, ווער מיר בורן, אַז באַ מיר האָט מען אָוועקגעגנבעט די זעק? אַ כפרה אַלע ענגלענדער מיט אַלע בורן פאַר מײַנע זעק! אַזוי האָב איך מיר בשעת מעשה געטראַכט, און אפשר האָב איך בשעת מעשה נישט געטראַכט גאָרנישט, און מיש מיר דאָס בלאַט פון איין זײַט אויף דער אַנדערער, פון דער אַנדערער אויף דער דריטער — איך טו אַ קוק: טיראַזש!... פליט מיר דורך פלוצעם אַ מחשבה: אפשר האָט מײַן בילעט אויסגענומען כאָטש ת״ק קערבלעך? אַצינד וואָלט דאָס מיר צו מײַנע זעק דווקא געווען צוגעפּאַסט, ווי געוווּנטשן! און איך נעם און קוק־איבער פון אונטן אַרויף אַלע ת״ק׳ער — נישטאָ; טויזנטער — נישטאָ; פינפטויזנטער, אַכטטויזנטער, צענטויזנטער — אוודאי נישט! אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז איך בין געקומען צו די פינף־און־זיבעציק טויזנט. און אַז איך בין געקומען צו די פינף־און־זיבעציק טויזנט, האָט מיר עפּעס מיט אַ מאָל זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן און אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ: סעריע 2289, נומער 12! איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס׳איז מײַן נומער! נאָר ווײס איך! ווי קומט צו מיר, שלים־מזל, אַזאַ גרויס געווינס? איך קוק זיך גוט אײַן אין די ציפערם — רבונו־של־עולם! ס׳איז פּאָרט מײַן נומער! איך וויל אויפשטיין — קאָן איך נישט; איך בין ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צו דער סאָפע. איך וויל אַ געשריי טאָן: „צפּורה!״ — קאָן איך נישט; די צונג איז מיר עפּעס מיט אַ מאָל ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צום גומען: איך האָב זיך אָנגענומען מיט אַלע כוחות, בין אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום טישקעסטל, אַ קוק געטאָן באַ זיך אין בוך. יאָ, ווי איך בין אַ ייִד: סעריע 2289, נומער 12!...

— צפּורה, — זאָג איך צו מײַן ווײַב און די הענט ציטערן מיר און די ציין אין מויל קלאַפּן. — דו ווייסט? עס האָבן זיך געפונען די גנבהשע זעק...

קוקט זי מיך אָן ווי אַ משוגענעם.

— וואָס רעדסטו? דו ווייסט וואָס דו רעדסט?

— איך זאָג דיר, — מאַך איך צו איר — גאָט האָט אונדז אומגעקערט אונדזערע זעק בכפל כפלים און מיט פּראָצענט... אונדזער בילעט

האָט אויסגענומען און מיר האָבן געוווּנען, זאָג איך, אַ פולע היטל מיט געלט!

— דו זאָגסט דאָס ערנסט, יעקב־יוסיל, צי דו לאַכסט פון מיר?

— וואָס הייסט, — זאָג איך, — איך לאַך? איך זאָג דאָס גאַנץ ערנסט, אונדז קומט מזל־טוב, מיר האָבן געוווּנען געלט!

— וויפל־זשע האָבן מיר געוווּנען? — מאַכט זי צו מיר און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי אײנער רעדט: „אַנו, לאָז דאָס נאָר זײַן אַ ליגן, וועסטו זיך פון מיר נישט נאַרן!"

— אשטייגער, כדומה למשל, וויפל האָסטו אַ השגה זאָלן מיר גע־ווינען?

— איך ווייס? — זאָגט זי, — עטלעכע הונדערט קערבלעך מסתמא?

— פאַר וואָס ניט — זאָג איך — עטלעכע טויזנט?

— וויפל הייסט עטלעכע טויזנט — זאָגט זי — פינף? צי זעקס? צי אפשר טאַקע אַלע זיבן?...

— אַף מער — זאָג איך — האָסטו, אַפּנים, קיין השגה ניט?

— צען טויזנט? — זאָגט זי.

— האָב שכל, — זאָג איך — נעם אַ ביסל העכער!

— פופצן טויזנט?

— נאָך העכער!

— צוואַנציק? פינף־און־צוואַנציק?

— נאָך העכער!

— יעקב־יוסיל, — זאָגט זי — זאָג, מוטשע ניט!

— צפורה! — זאָג איך און נעם זי אָן בײַ דער האַנט און קוועטש זי, — מיר האָבן געוווּנען אַן עושר מיט געלט! אַ גאַנצן גביר האָבן מיר געוווּנען! אַזוי פיל געלט, וואָס עס האָט זיך דיר קיינמאָל נישט פאָרגע־שטעלט אין חלום אפילו!

— נו, זאָג זשע, זאָג, וויפל האָבן מיר געוווּנען, יעקב־יוסיל, צי ניט בײַ דער נשמה!

— מיר האָבן געוווּנען — זאָג איך — אַ פּויטעקע, אַ סך געלט, אַן אוצר, אַ סומע פון פינף־און־זיבעציק טויזנט קאַרבן! דו הערסט, צפורה? פינף־און־זיבעציק טויזנט!

— גלויבסטו, גאָט! — זאָגט זי און כאַפּט זיך אויף און

הייבט־אָן אַרומלויפן איבערן שטוב און ברעכן די הענט, — געבענטשט זאָל זײַן דער נאָמען דײַנער. וואָס דו האָסט זיך אַרומגעקוקט אַף אונדז אויך אַמאָל און האָסט אונדז באַגליקט! אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, אַ דאַנק דיר!... האָסטו נאָר גוט אַכטונג געגעבן, יעקב־יוסיל, האָסט חלילה קיין טעות ניט? געלויבט ביסטו, גאָט, דערבאַרעמדיקער פאָטער, האַרציקער־געטרײַער! די גאַנצע משפּחה וועט זיך מחיה זײַן, גוטע פרײַנט וועלן זיך פרייען, שונאים וועלן צעפּוקעט ווערן! אַ קלייניקייט — אַזוי פיל געלט, קיין עין־הרע! וויפל זאָגסטו, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיבעציק טויזנט?

— פינף־און־זיבעציק טויזנט! — זאָג איך. — גיב מיר צפּורה, די קאַפּאָטע, לאָם איך גיין.

— וווּהין וועסטו גיין?

— וואָס הייסט וווּהין זאָל איך גיין? צו בירנבוימען באַדאַרף איך אַרײַנגיין, דער בילעט ליגט דאָך בײַ אים פאַרזעצט... און קיין צעטל האָב איך פון אים נישט...

אַז איך האָב איר אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, איז זי געוואָרן אַלערליי קאָלירן, מײַן ווײַב הייסט דאָס, און נעמט מיך אָן פאַר ביידע הענט און רופט זיך אָן צו מיר:

— יעקביוסיל, ווי גאָט איז דיר ליב, גיי נישט גלײַך. באַטראַכט זיך פריִער, וואָס דו טוסט און וווּהין דו גייסט און ווי אַזוי דו זאָלסט מיט אים ריידן. פאַרגעס ניט, ס׳איז פינף־און־זיבעציק טויזנט!

— דו רעדסט ווי אַ יִידענע! — זאָג איך, — און אַז פינף־און־זי־בעציק טויזנט איז וואָס? וואָס בין איך עפּעס, אַ יִינגעלע?

— פאָלג מיך, — זאָגט זי — יעקב־יוסיל, באַטראַכט זיך פריִער, האַלט זיך אָן עצה מיט אַ גוטן פרײַנט, גיי נישט גלײַך אַהין, איך וועל דיך ניט לאָזן!

קורץ און גוט, איר ווייסט דאָך, אַז אַ ווײַב שפּאַרט זיך אײַן, פירט זי אויס אירס. מיר האָבן אַרײַנגערופן אַ גוטן פרײַנט, דערציילט אים די גאַנצע געשיכטע. אויסגעהערט די מעשה, מאַכט ער, אַז זי איז גערעכט, מײַן ווײַב הייסט דאָס, וואָרעם פינף־און־זיבעציק טויזנט איז נישט קיין שפּילעכל; דערווײַל ליגט דער בילעט בײַ יענעם, און קיין צעטל אַף אים איז נישטאָ, געלט איז אַ יצר־הרע, אַ קשיא אַף אַ מעשה — טאָמער קומט אים אָן אַ שלעכטע מחשבה, ס׳איז פינף־און־זיבעציק טויזנט!

איר פאַרשטייט, צי ניין? וואָס זאָל איך אײַך זאָגן — זיי האָבן מיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַזאַ מרה־שחורה, אַז איך האָב שוין אַליין אויך אָנגעהויבן מורא האָבן און איבערקלערן מי יודע וואָס... ווי אַזוי זשע טוט מען דאָ? איז געבליבן, איך זאָל נעמען מיט זיך צוויי הונדערט קערבלעך (געלט איז געוואָרן מיט דער רגע, וואָרעם אַז מע געווינט פֿינף־און־זיבעציק טויזנט ווערט מען שוין אַ בטוח) און זאָל מיטנעמען מיט זיך אַ מענטשן, דער מענטש זאָל דערווײַל שטיין הינטער דער טיר, און איך זאָל מאַכן מיט מײַן בירנבוימען אַ שמועס, באַצאָלן אים זײַן חוב מיט פּראָצענט און אויסקויפֿן דעם בילעט. איז דאָך ממה־נפֿשך: וועט ער אָפּגעבן דעם בילעט, איז דאָך אוודאי גוט; אַלאַ נישט, וועל איך כאָטש האָבן אַן עדות... איר פֿאַרשטייט, צי ניין? „דאָס איז אָבער אַלצדינג גוט, — טראַכט איך מיר — אויב ער ווייס נאָך ניט, אַז דער בילעט האָט געוווּנען די פֿינף־און־זיבעציק טויזנט. וואָס טוט מען אָבער, אַז ער האָט אויך אַ בלאַט, און האָט אויך געזען, אַז דער נומער האָט געוווּנען די פֿינף־און־זיבעציק טויזנט. און וואָס טו איך, אַז ער זאָגט, אַשטייגער, ווי יענע יידענע מיטן טעפּל: „ערשטנס, האָב איך אײַך שוין לאַנג אָפּגעגעבן אײַער בילעט; צווייטנס, איז אײַער נומער גאָר נישט דער נומער; און דריטנס, האָב איך בײַ אײַך קיינמאָל קיין בילעט נישט גענומען!"... איר פֿאַרשטייט, צי ניין? סײַדן אפֿשר גאָט האָט אַ נס געטאָן, ער ווייס נאָך ניט פֿון קיין געווינס.

— גערענק זשע, יעקב־יוסיל, ס'איז נישט קיין קלייניקייט — די גייסט איצטער אַף פֿינף־און־זיבעציק טויזנט! מע זאָל בײַ דיר נישט דערקענען אַפֿן פּנים קיין סימן, קיין זכר פֿון קיין פֿינף־און־זיבעציק טויזנט! און וואָס סע זאָל זיך מיט דיר נישט טרעפֿן, זאָלסטו גערענקען, אַז דאָס לעבן איז טײַערער פֿון פֿינף־און־זיבעציק מאָל פֿינף און זיבעציק טויזנט!

אַזוי מאַכט צו מיר מײַן ווײַב זאָל געזונט זײַן און נעמט מיך אָן פֿאַר ביידע הענט און זאָגט מיר, איך זאָל איר געבן דאָס וואָרט, דאָס הייליקע וואָרט, אַז איך זאָל זײַן רויִק... רויִק? איר פֿאַרשטייט, גיי זײַ רויִק, אַז דאָס האַרץ קאָכט אין מיר, און די גערדאַנקען שלאָגן, און איך קאָן מיר נישט מוחל זיין: „סטײַטש, סטײַטש, יעקב־יוסיל שוטה, נעמסט און גיסט אַוועק אַ בילעט פֿון פֿינף־און־זיבעציק טויזנט אַ בירנבוימען, אַ ווילדפֿרעמדן, און נעמסט נישט אַרויס בײַ יענעם קיין צעטל, קיין אײַנגעטונ־

קטע פּען! איר פאַרשטייט, צי ניין?... געפינט זיך נישט באַ אײַך קיין אײַנגעטונקטע פען... טפו! מיין איך קיין פּאַפּיראָס טיטון?

קורץ און גוט? ווּ זשע האַלט איך? באַ בירנבוימען הייסט דאָס. שיין וואָלט געווען, טראַכט איך מיר, ווען מײַן בירנבוים זאָל האָבן געהאַט לאַנג דורכגעקוקט דאָס בלאַט און ווייסט שוין פון די פינף־און־זיבעציק טויזנט גלײַך מיט מיר, און אפשר נאָך פריִער פון מיר, און איך קום צו אים און זאָג אים: „גאָט העלף אײַך, פּאַני בירנבוים"... „גוט יאָר. וואָס וועט איר עפּעס זאָגן?"... ווּ איז מײַן בילעט, פּאַני?"... „וואָסער בי־לעט?"... „דער בילעט, סעריע 2289, נומער 12, וואָס איך האָב באַ אײַך פאַרזעצט"... קוקט ער מיך אָן ווי אַ תם... אַט אַזעלכע מחשבות פליִען מיר דורך אין קאָפּ, און אין האַרצן ווערט מיר ענג, אין האַלדז שטיקט מיך. נישטאָ קיין „דעבאַניע", קיין פּיצל אָטעם! צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? איך קום צו בירנבוימען: ווּ איז בירנבוים? — ער שלאָפט... ער שלאָפט? איז דאָך אַ סימן, אַז ער ווייסט נאָך ניט פון קיין פּותר און פון קיין חלום. געלויבט ביסטו גאָט!... איך קום אַרײַן צו אים אין שטוב אַרײַן, טרעף איך דאָס ווײַב זײַנס, פייגעלע רופט מען זי, אין קיך. ס'איז אַ רויך און אַ היץ און אַ טוואָן ביזן האַלדז.

— ברוך הבא, אַ גאַסט, רב יעקב־יוסיל! — מאַכט צו מיר פייגעלע און בעט מיך אַרײַן אין שטוב אַרײַן, און באַזעצט מיך גאַנץ אויבנאָן, און פרעגט, וואָס איז די מעשה, וואָס מע זעט מיך ניט?

— איך ווייס פאַר וואָס מע זעט מיך ניט? איך ווייס אַליין נישט!

— זאָג איך און קוק איר בשעת מעשה אין די אויגן אַרײַן און טראַכט מיר: „זי ווייס שוין, צי זי ווייס נאָך ניט? דאַכט זיך, אַז זי ווייס נאָך ניט?... און אפשר ווייס זי שוין?"...

— וואָס זשע מאַכט איר עפּעס, רב יעקב־יוסיל?

— וואָס זאָל איך מאַכן? — זאָג איך — מסתמא האָט איר געהערט פון מײַן „פּעקל"?

— פון וואָסער „פּעקל"?

— סטײַטש, איר האָט גאָר נישט געהערט — זאָג איך — די מעשה מיט די זעק, וואָס מע האָט באַ מיר אָוועקגעגנבעט?

— אַט דאָס איז דאָס „פּעקל"? — מאַכט זי. — דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטע מעשה! איך האָב געמיינט עפּעס אַ נײַס.

„עפּעס אַ נײַעס?... צי מיינט זי נישט די פינף־און־זיבעציק טויזנט?"

— אַזוי טראַכט איך מיר און קוק איר גלײַך אין די אויגן אַרײַן און קאָן באַ איר אין די אויגן נישט איבערלייענען גאָרניט, גאָלע גאָרניט, קיין פּיצל ניט אפילו!

— אפשר וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי, רב יעקב־יוסיל, וועל איך הייסן צעבלאָזן דעם סאַמאָוואַר ביז מײַן מאַן וועט אויפשטיין.

— אַ גלעזל טיי? מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? — מאַך איך צו איר און דאָס האַרץ גייט מיר אונטער, קיין „דעחאַניע" איז נישטאָ, קיין פּיצל אָטעם, אין מויל איז טרוקן, אין שטוב איז היים, דער שוויס רינט, און זי, פייגעלע הייסט דאָס, רעדט צו מיר — לאָם איך אַזוי וויסן אַ בייזע ועטשערע מיט אײַך אינאיינעם, ווי איך ווייס וואָס זי רעדט! אַז דער קאָפּ איז מיר גאָר דאָרטן, אין יענעם אַלקיר, ווּוּ בירנבוים ליגט און שלאָפט און כראָפּעט אַזוי געשמאַק, איר פאַרשטייט, צי נײַן?

— פאַר וואָס טרינקט איר ניט? — מאַכט זי צו מיר, פייגעלע הייסט דאָס.

— וואָס דען טו איך? — זאָג איך און דריי מיטן לעפעלע אין גלאָז.

— איר דרייט מיטן לעפעלע — זאָגט זי — שוין אַ שעה כסדר, און טרינקען טרינקט איר נישט.

— אַ דאַנק, — זאָג איך — איך טרינק נישט קיין קאַלטע, מיין איך קיין הייסע טיי; איך האָב ליב, זאָג איך, אַז די טיי שטייט זיך אָפּ און ווערט גוט היים, מיין איך גוט קאַלט, דאָס הייסט, אַז זי ווערט גוט אָפּ־געהיצט, מיין איך אָפּגעקילט...

— עפּעס זײַט איר מיר זייער צעטראָגן, רב יעקב־יוסיל! — מאַכט זי צו מיר. — איר זײַט אַזוי צעטראָגן, אַז איר ווייסט גאָר נישט וואָס איר רעדט. שוין זשע באַדאַרף מען זײַן אַזוי צעטראָגן, אַז מע גנבעט אוועק די זעק? גאָט וועט העלפן, די זעק וועלן זיך נאָך געפינען. איך האָב געהערט, מע זאָגט, ס'איז פאַראַן אַ סליד... שאַ, מײַן מאַן רירט זיך שוין, ער שטייט שוין אויף. אָט גייט ער!

ארויסגעקומען איז מײַן חברה־מאַן אַ פאַרשלאָפענער מיט אַ זײַדן יאַרמעלקעלע אפן קאָפּ, זיך געריבן די אויגן און געקוקט אַף מיר פון צפון־זײַט.

— וואָס מאַכט אַ ייִד, רב יעקב־יוסיל?

די ערשטע מחשבה מײַנע איז געווען: „ער ווייס? צי ער ווייס ניט? דאַכט זיך, אַז ער ווייס ניט? און אפשר יאָ?"

— וואָס זאָל מען מאַכן? — זאָג איך. — איר האָט דאָך געהערט מײַן אומגליק מיט די זעק?

— די מעשה האָט שוין אַ באָרד; דערציילט אונדז עפּעס נײַס... געפינט זיך נישט באַ דיר, פייגעלע, אַביסל אײַנגעמאַכטס, ס'איז מיר פּאַסקודנע אין מויל פונעם שלאָף — מאַכט בירנבוים און פאַרקרימט זיך.

„נו, ווי באַלד עס ווילט זיך אים אײַנגעמאַכטס, איז אַ סימן, אַז ער ווייס נאָך גאָר נישט ניט"... — אַזוי קלער איך מיר און איך פאַרבינד מיט אים אַ שמועס דער רוח ווייס פון וואָס, עס קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. אינעווייניק אין בויך גענזלט מיך, אין האַלדז שטיקט מיך, איך פיל, אַז עס עקט זיך מיר דאָס חיות, אָט פאַל איך אום, אָט הייב איך אָן צו שרײַען אויף אַ קול: „ג וואַ ל ד, ייִ ד י ש ע קינדער, פינף און זיבעציק טויזנט!" איר פאַרשטייט, צי ניין?... ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט, איך בין אַרויף אויף אַ שמועס מכח פּראָצענט.

— איך קאָן אײַך, פאַני בירנבוים, געבן אַביסל פּראָצענט, זאָג איך, דאָס הייסט, איך קאָן אײַך באַצאָלן דאָס פּראָצענט, וואָס אײַך קומט אויפן בילעט.

— אָך, מהכתיתי, מיטן גרעסטן כבוד! — מאַכט ער און פאַרזוכט אַ לעפעלע אײַנגעמאַכטס.

— וויפל זשע וועט אײַך קומען, זאָג איך, פּראָצענט הייסט דאָס?

— איר ווילט ווייסן, מאַכט ער, אַ חשבון, צי איר ווילט טאַקע צאָלן געלט?

— ניין, — זאָג איך — איך מיין טאַקע, הייסט דאָס, צאָלן געלט ממש.

— פייגעלע! אַנו, גיב נאָר אהער דאָס בוך...

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, בין איך פון טויט לעבעדיק געוואָרן: „ער ווייס נעבעך ניט פון וואָס צו זאָגן!"...

באַצאָלט דאָס פּראָצענט, רוף איך זיך אָן צו אים:

— פארשרײַבט זשע טאקע, זײַט מוחל, פאני בירנבוים, בא אײַך אין בוך הייסט דאָס, אז איר האָט מקבל געווען בא מיר פּראָצענט פאר מײַן בילעט סעריע 2289, נומער 12.

— פארשרייב, מאכט ער, פייגעלע, פארן בילעט סעריע 2289, נומער 12.

„ער הייבט נישט אָן צו וויסן!” — קלער איך מיר און פארבינד מיט אים א שמועס מכחן בילעט, אז עס לוינט גאָר ניט צו האָבן א בי־לעט און צאָלן פאר אים פּראָצענט; און וואָס וועט זײַן מיטן בילעט אף ווײַטער?...

— אקעגן וואָס, הייסט דאָס, זאָגט איר דאָס? — מאכט ער צו מיר און טוט א קוק אף מיר מיט איין אייגל פון צפון־זײַט.

פונעם דאָזיקן קוק האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין הארצן; ס'איז מיר נישט געפעלן דער קוק, איר פארשטייט, צי ניין? נאָר איך האָב מיך באלד פארכאפּט און האָב א זאָג געטאָן:

— פארשטייט איר, פאני בירנבוים, איך זאָג דאָס אקעגן דעם, וואָס סע פאלט הוצאות אפן בילעט. איר וואָלט, כלעבן, געמעגט נעמען בא מיר אף ווײַטער מיט א פּראָצענט ווינציקער; פאָרט, ווי זאָגט איר, אַלטע באקאנטע און נאָענטע שכנים.

— ניין, — זאָגט ער, — אלצדינג יאָ, נאָר דאָס ניט. ווילט איר אזוי, איז רעכט, אניט — באצאָלט מיר מײַן געלט און פארזעצט אײַך אים ער־געץ אנדערש.

— טאקע הײַנט? — זאָג איך און דאָס הארץ קלאפּט מיר, ווי א האמער: טיק־טיק־טאַק! טיק־טיק־טאַק!

— אפילו באלד! — מאכט ער.

— נאט זשע אײַך אײַער געלט! — זאָג איך און נעם און לייג אים אנידער זײַנע צוויי הונדערטער, און דאָס הארץ — אָט־אָט שפּרינגט דאָס ארויס!

— נעם געלט! — מאכט ער צו פייגעלען און אליין בייגט ער זיך אָן צו דער גלאָז טיי און פארבײַסט מיט א לעפעלע אײַנגעמאכטס. נאָכן לע־פעלע נעמט ער נאָך א לעפעלע, און נאָך יענעם לעפעלע — נאָך א לע־פעלע און נאָך א לעפעלע. איך וואָלט שוין וועלן דערלעבן זען א בילעט, און צום סוף עסט ער גאָר אײַנגעמאכטס! מיך קאָסט יעדע מינוט, יעדע

רגע בלוט און געזונט! מע קאָן אָבער קיין חזיר נישט זײַן: יענער האָט ליב אײַנגעמאַכטס — לאָז אים וויל באַקומען. טרײַבן יענעם האַלז־און־נאַקן פּאַסט אויך נישט, מוז מען זיצן אין געהאַקטע ווונדן און וואַרטן ביז ער וועט מאַכן אַן עק מיטן אײַנגעמאַכטס. איר פאַרשטייט, צי ניין?... געפינט זיך נישט בײַ אײַך אביסל אײַנגעמאַכטס.. טפו! מיין איך אַ פּאַפּי־ראָס טיטון?

קורץ און גוט, ווי זשע האַלט איך? מײַן חברה־מאַן עסט אײַנגעמאַכטס. אָפּגעגעסן דעם אײַנגעמאַכטס און אָפּגעווישט די ליפּן, רופט ער זיך אָן צו מיר:

— רב יעקב־יוסיל, געלט האָב איך בײַ אײַך אָפּגענומען, פּראָצענט האָט איר מיר באַצאָלט, אצינד באַדאַרף איך אײַך, הייסט דאָס, געבן אײַער בילעט?

— אַ פּנים האָט דאָס! — מאַך איך כלומרשט קאַלטבלוטיק און פּאַל שיער חלשות פאַר פרייד.

— דער חסרון אָבער — מאַכט ער — איך קאָן אײַך הײַנט דעם בילעט נישט געבן.

ווי ער האָט מיר אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, האָב איך דער־פילט, אַז עס האָט זיך מיר עפּעס אַ ריס געטאָן אינעווייניק אין האַרצן; איך בין מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן פונעם זיבעטן הימל גלײַך אַף דער ערד. ווי אַזוי איך האָב מיך געהאַלטן אַף די פיס — פאַרשטיי איך נישט.

— וואָס איז די מעשה, פּאַני בירנבוים, פאַר וואָס קאָנט איר מיר נישט געבן מײַן בילעט?

— דערפאַר, — זאָגט ער — וואָס איך האָב אים נישט בײַ זיך.

— וואָס הייסט — זאָג איך — איר האָט אים נישט בײַ זיך?

— ער ליגט בײַ מיר — זאָגט ער — אַף מײַן רעכענונג אין באַנק.

דערהערט די דאָזיקע דבורים, איז מיר געוואָרן אביסעלע גרינגער אַף דער נשמה, און איך האָב מיך פאַרטראַכט.

— וואָס האָט איר זיך — מאַכט ער צו מיר — אַזוי פאַרטראַכט?

— גאָר נישט, זאָג איך, איך שטיי און טראַכט, ווי אַזוי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

— גאַנץ פּשוט — מאַכט ער: — איך פאָר מאָרגן אין שטאָט אַרײַן, ברענג איך אײַך דעם בילעט,

— אויך געפֿועלט! — זאָג איך און הייב מיך אויף און געזעגן זיך אָפּ, און לאָז מיך גיין כלומרשט צו דער טיר און קער מיך אום באַלד צוריק.

— געפֿעלט אייַך בעסער, פֿאַני בירנבוים, וואָס פֿאַר א שטיק סוחר איך בין? דאָס געלט האָב איך אייַך אָפּגעגעבן, פּראָצענט אָפּגעצאָלט, דער בילעט ליגט באַ אייַך, — גיט זשע מיר כאָטש א קוויטל אָפּן בילעט!

— אַף וואָס נוצט אייַך א קוויטל? — מאַכט ער — איך בין באַ אייַך נישט קיין בטוח אַף צוויי הונדערט קערבלעך אָן א קוויטל?

— און אפשר זייַט איר אויך געזעגנט? — זאָג איך און לאָז מיך גיין צו דער טיר און קער מיך אום ווידער א מאָל צוריק.

— ניין, — זאָג איך צו אים — עס פּאַסט עפּעס נישט, ס'איז נישט מעשה סוחר; אז מע האָט באַ יענעם א בילעט, באַדאַרף מען האָבן א קוויטל... פֿאָלגט מיך, פֿאַני בירנבוים, גיט מיר א קוויטל. פֿאַר וואָס זאָלט איר מיך נישט געבן קיין קוויטל?

פּלוצעם הייבט זיך אויף מייַן בירנבוים, גייט־אַוועק צו זיך אין אַל־קיר אַרייַן הינטערן פֿאָרהאַנג און טוט א רוף פֿייגעלען צו זיך.

— פֿאַני! — רוף איך זיך אָן צו אים. — איך ווייס אַף וואָס איר רופֿט צו זיך פֿייגעלען. איך ווילט איר הייסן, זי זאָל שיקן די דינסט קויפֿן דאָס בלאַט, ס'איז הייַנט דער צווייטער מייַ, ווילט איר א קוק טאָן, צי האָט דער בילעט נישט געוווּנען קיין געלט? למאַי זאָלט איר זיך אומ־זיסט מטריח זייַן? איך וועל אייַך בעסער אַליין אָנזאָגן די בשורה, אז מייַן בילעט האָט, דאַנקען גאָט, געוווּנען שיין געלט!

מייַן פּאַרשוין איז געוואָרן אַלערליי קאָלירן.

—טאַקע באמת? — זאָגט ער — לאָז אייַך גאָט העלפֿן! וויפֿל זשע האָט ער געוווּנען?

— ער האָט געוווּנען — זאָג איך — היפּשלעך, אַף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן, און דערפֿאַר טאַקע וויל איך באַ אייַך א קוויטל, איר פֿאַרשטייט, צי ניין?

— איך זאָג דאָך אייַך — מאַכט ער: — לאָז אייַך גאָט העלפֿן אפֿילו די רי"ש אלפֿים — איך פֿאַרגין אייַך, גלייבט מיר, מיטן גאַנצן האַרצן! פֿאַרט וויפֿל האָט דער בילעט געוווּנען? וואָס האָט איר מורא אויסצוזאָגן?

— פֿאַני בירנבוים! — זאָג איך — וואָס טויג אונדז לאַנגע מחזקות

מיט איבעריקע רייד? דער בילעט האָט געווּנען פינף און זיבעציק טויזנט קאַרבן, און ער ליגט ביי אײַך, פּראָצענט האָב איך אײַך באַצאָלט, דאָס געלט האָב איך אײַך אָפּגעגעבן, — גיט מיר אָפּ מײַן בילעט! איר זאָגט, איר האָט ניט דעם בילעט, ער ליגט אין באַנק, גיט מיר ארויס אַ קוויטל, און אָן עק לאָז דאָס האָבן!

וואָס טויג אײַך — בא מײַן פאַרשווין האָבן זיך מיטאַמאָל איבערגעקערט די אויגן און דאָס פּנים איז אים געוואָרן אָנגעצונדן. איך האָב ארויסגעזען, אַז ס'איז מיט אים נישט פריילעך, רוף איך אים אָפּ אַף אַ זײַט און נעם אים אָן בא די הענט און זאָג צו אים:

— ליבער פרײַנט! האָט רחמנות אַף מיר און אַף זיך, זאָגט וואָס ווילט איר. מיר וועלן דורכקומען. מוטשעט מיך נישט, איך שטיי קוים אַף די פיס. זאָגט וויפל ווילט איר, און גיט מיר אַרוס אַ קוויטל אָפּן בילעט. ס'איז נאַריש, איך וועל אָן אַ קוויטל פון דאַנען נישט אַוועקגיין, וואָרעם ס'איז פינף און זיבעציק טויזנט קאַרבן!

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? — מאַכט ער און די אויגן ברענען בא אים ווי פײַער. — מיר וועלן זיך פאַרלאָזן אַף מענטשן: וואָס מענטשן וועלן זאָגן, אַזוי וועט זײַן.

— וואָס טויג אונדז — זאָג איך — מענטשן? לאָמיר בעסער אַליין זײַן מענטשן. פאָלגט מיך, בירנבוים, ווי גאָט איז אײַך ליב, זאָגט וואָס ווילט איר. לאָמיר נישט דערלאָזן צו קיין לײַטיש געלעכטער און צו סקאַנדאַלן!

— נאָר מענטשן! — זאָגט ער. — וואָס מענטשן וועלן זאָגן, אַזוי וועל איך טאָן...

איך האָב ארויסגעזען, אַז איך וועל מיט אים גאָר נישט מאַכן, האָב איך אויפגעעפנט די טיר און רוף מיך אָן צו מײַן פאַרשווין, דעם עדות הייסט דאָס: „זיידל! אַצינד קאָנסטו גיין!" מײַן זיידל האָט געכאַפּט די פיס אַף די פּלייצעס און איז אַוועק און האָט אויסגעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז יעקב־יוסילס בילעט האָט אויסגענומען פינף־און־זיבעציק טויזנט, און אַז דער בילעט ליגט בא בירנבוימען און בירנבוים גיט דעם בילעט נישט אַרויס!... איר פאַרשטייט, צי ניין?... מער האָט מען נשט באַדאַרפט האָבן: עס איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין האַלבע שעה, איז די שטוב בא בירנבוימען געוואָרן פול, די גאַס פאַרפּלייצט,

עס איז געוואָרן אַ רעש, אַ טומל, אַ הו־האַ: „בילעט"... „יעקב־יוסיל"... „בירנבוים"... „פינף־און־זיבעציק טויזנט"... חברה האָבן זיך אָנגענומען מײַן קריוודע, עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געקלאַפּט אין טיש, אַנדערע האָבן צוגעזאָגט געבן פּעטש, ברעכן ביינער, צעטראָגן די שטוב אַף פּיץ־פּיצלעך, נאָר נישט אַף קאַטאָוועס. ביז ס'איז געבליבן, אַז מע פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אַפן גביר. ווי אַזוי דער גביר וועט פּסקענען, אַזוי וועט זײַן. און מיר האָבן זיך געלאָזט, גאַנץ קהל הייסט דאָס, צום גביר.

אונדזער גביר, דאַרפט איר וויסן, איז אַ מענטש אַ שטילער, אַ לײַטי־שער און אַן אָרנטלעכער מאַן ביז גאָר. בסך־הכל האָט ער גאָר פײַנט אַזעלכע מעשיות מיט בוררותן! נאָר אַז גאַנץ קהל איז אַרײַנגעפאַלן צו אים מיט אַ גוואַלד: „ראַטעוועט!" אַניט, צעטראָגט מען אים די שטוב! — האָט ער קיין אַדער ברירה נישט געהאַט און האָט געמוזט איבערנעמען אַף זיך די חתונה. און מיר האָבן זיך צעשריבן, אַז מיר פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אַף אים, און טאַקע אַף זײַן נאָמען האָט נעבעך בירנבוים איבער־געשריבן דעם בילעט, און ס'איז געבליבן, אַז, אם ירצה השם, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן פאָרן מיר אַלע אין שטאָט אַרײַן אַרויסנעמען דעם בילעט פון באַנק, און וויפל דער גביר וועט הייסן באַצאָלן בירנבוימען, אַזויפיל וועל איך באַצאָלן. איר פאַרשטייט, צי ניין?... נאָר איר מיינט דאָך מסתמא, אַז דערמיט האָט דאָס אַן עק? טע־טע־טע! אָט דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה. איך האָב, פאַרשטייט איר מיך, אַ שותּף צו מײַן בילעט. ווּ האָט איר געזען, אַ ייִד זאָל האָבן אַליין אַ גאַנצן בי־לעט? — ווער איז מײַן שותּף? מײַן שותּף איז טאַקע מײַנער אַן אייגענער ברודער, העניך הייסט ער, און זיצט זיצט ער אין אַ קליין שטעטל, ניט ווײַט פון אונדז, און דורך אים, הייסט דאָס, האָב איך טאַקע דעם דאָזיקן בילעט פאַרזעצט בײַ דעם דאָזיקן בירנבוים; דאָס הייסט, פאַרקערט מיין איך, דורך מיר, הייסט דאָס, האָט ער, דער ברודער מײַנער, פאַרזעצט דעם דאָזיקן בילעט בײַ דעם דאָזיקן בירנבוים... איר פאַרשטייט, צי ניין? נאָר דרינען איז אַ גאַנצע מעשה, וואָס איך מוז אײַך דערציילן אַקוראַט, איר זאָלט פאַרשטיין.

קוריץ און גוט, ווּ זשע האַלט איך? בײַ מײַן ברודער העניך, הייסט דאָס. מילא, האָב איך מײַן אייגנס אַ ברודער העניך ביז הונדערט און

צוואַנציק יאָר — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? ס'איז דאָך נישט שײַך צו ריידן אַף אַן אייגענעם ברודער, ווי זאָגט איר: „שנײַץ די נאָז און שמיר דאָס פּנים". נאָר גאָרנישט, כאַטש פּאָקרישקע... מיר האַלטן עפּעס נישט איינס פון דאָס אַנדערע, איר פאַרשטייט, צי ניין?... וואָס איך האָב, מאָלט אײַך, געטאָן פון זײַנעטוועגן — זאָל דאָס מיר אָקעגן קומען. איך מעג מיך באַרימען, אַז איך האָב אים געשטעלט אַף די פיס. פריִער גאָט, נאָכ־דעם איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ לײַט. איך באַדאַרף מיך פאַר אײַך ניט אויסשטעלן, איר פאַרשטייט, צי ניין?... איז, דאַכט זיך מיר, אַז ער שיקט מיר אַרײַן אַ בילעט און בעט מיך, איך זאָל דעם בילעט פאַרקויפן, אָדער פאַרזעצן, און קריגן אַף אים צוויי הונדערטער און אַרויסשיקן אים דאָס געלט, — מעג איך דאָס טאָן, צי ניין?... אי, פרעגט אים בחרם: וואָס בילעט? וועד בילעט? גיי האָב אין זינען דעם בילעט, סטראַכיר אים, פּראָ־צענט צאָל, — וואָס גייט דאָס אים אָן, אַשטייגער? און אַז גאָט האָט געהאָלפן, דער בילעט האָט געוווּנען, — ווער האָט זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט מיט בירנבוימען? ווער האָט שיער דעם שלאָק באַקומען, איי־דער ער איז אַרויף מיט אים אַף אַ שטיקל דרך? און לסוף, אַז ס'איז געקומען צו עפּעס, טענהט ער, דער ברודער מײַנער: „ווער האָט דיך גע־בעטן, דו זאָלסט חלשן פאַר מײַן בילעט?... איר הערט דבורים? געפעלט אײַך, אַשטייגער, אַזאַ מין טענה פון אַ גראָבן יונג?... האָט דאָך דאָס מיך, געוויינטלעך, גוט פאַרדראָסן און פאַרבראָטן באַם האַרצן: „ע, אַז דו ביסט יאָ אַזאַ גראָבער נפש, ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז דער בילעט איז דײַ־נער?" „וועמענס דען, זאָגט ער, בילעט איז דאָס?" „וועמענס ער איז איז ער, זאָג איך: לעת־עתה באַדאַרף מען פאַרן דעם בילעט אַרויסראַטעווען פון פרעמדע ידים, וואָרעם ס'איז ניט קיין שפּילכל, זאָג איך, ס'איז פ י נ ף ־ א ו ן ־ ז י ב ע צ י ק ט ו י ז נ ט ק א ר ב ן!"... איר פאַרשטייט, צי ניין?... נו, וואָס קומט מיר דערפאַר? באַדאַרף מען מיר מאַכן סקאַנדאַלן? קלאַפּן אין טיש אַרײַן? ברעכן בענקלעך?... הערט איר, אַז די וועלט זאָגט, אַז פון אַ חזירשן עק קאָן מען קיין שטרײַמל ניט מאַכן, איז טאַקע, אַפּנים, אַן אמת... איך האָב מיך מיישב געווען: וואָס וועל איך דאָ מיט מײַן ברודער האַריקען זיך אומזיסט? הונדערט זעקס און דרײַסיק מיליאָן מענטשן זײַנען אונדז מקנא אַפּן געווינס — צום סוף קריגן מיר זיך, אייגענע ברידער: מ ײַ ן בילעט, ד ײַ ן בילעט — פע, חלשות!

מע באַדאַרף זען קודם כל   ב אַ וו אָ ר ע נ ע ן   דעם בילעט; דאָס איז, דאַכט מיר, אביסל בילכער. האַ? וואָס זאָגט איר? ניט אזוי?... נו, גיי טענה מיט אַ פּראָסטן מענטשן! איך מיין טאַקע מײַן ברודער הענעך מיין איך, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד.. וואָרעם ווען ער זאָגט מיר פריִער, וו אָ ס  אַ י ם  ק וו ע ט ש ט, יען ער דערציילט מיר פריִער, אַז דאָס איז נישט גלאַט אזוי אַ בילעט, ווי אַלע בילעטן, אַז דאָס איז אַ  מ ע ש ה  מ י ט  אַ  ב יי נ ד ל, — וואָלט איך דאָך גע־ ווּסט וואָס איך האָב צו טאָן!... ערשט ווען האָט זיך מײַן ברודער הענעך אויסגעקוועטשט מיטןביינדל? — העט־העט שפּעטער, אַז דער בילעט איז שוין לאַנג אריבער אפן גבירס נאָמען, און דער סליעדאָוואַטעל האָט אפן דאַזיקן בילעט, הייסט דאָס, אַנידערגעלייגט, מחילה, אַן ארעסט טאַקע אין באַנק, און אונדז האָט מען גענומען איטלעכן באַזונדער צום סמיק, דאָס הייסט, דער סליעדאָוואַטל האָט אונדז געשיקט בעטן צו זיך, מיר זאָלן זיך מטריח זײַן אים דערציילן אַקוראַט די מעשה מיטן בילעט: „פון וואַנען האָט זיך, זאָגט ער, גענומען צו מיר דער דאָזיקער בילעט? און וואָס פאַר אַ מחותן, זאָגט ער, איז דאָ בירנבוים? און וואָס געהער זיך, זאָגט ער, אָן אהער דער גביר?" — אַ גאַנצע חתונה! איר פאַרשטייט, צי ניין?... אי, וואָס געהער זיך אָן אהער דער סליעדאָוואַטעל? צו וואָס דאַרף ער וויסן די דאָזיקע אַלע מעשיות? — הערסטו, אָט דאָס איז דאָך טאַקע די רעכטע מעשה מיטן ביינדל! דאָס איז אַ מין ביינדל, הערט איר, וואָס נישט אהער, ניט אהין, מיט אזאַ ביינדל קאָן מען זיך דערווערגן!... איר ווילט וויסן, פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס דאָזיקע ביינדל? דאָס דאָזיקע ביינדל האָט זיך גענומען פון עפּעס אַ מאָנאַך, אַ גלח. איר פאַרשטייט, צי ניין?... עפּעס אַ מאָנאַך, אַ גלח פאַראַן דאָרטן, וווּ מײַן ברודער הענעך זיצט, האַנדלט מיט אים דער ברודער מײַנער אפן וואָרט שוין פון כמה וכמה יאָרן, לײַט באַ אים געלט און פאַרקויפט אים סחורה, און זיי לעבן צווישן זיך, ווי די בעסטע גוטע פרײַנט. איר פאַרשטייט, צי ניין?...

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, — אזוי דערציילט דער גלח, און גיי גלייב אים אף זײַנע הייליקע נאמנות, — דער אָחי מײַנער קומט צו אים צו גיין און זאָגט צו אים: „פּאַטערל, איך באַדאַרף האָבן אַ גמילות־

חסד א פּאָר הונדערטער, ס'איז באַ מיר יריד!"... מאַכט צו אים דער כּומר:

— ווּ זאָל איך דיר נעמען, אַז איך האָב קיין געלט נישט?

— ס'איז קיין שום תּירוץ נישט! — זאָגט צו אים דער אָחי מײַנער.

— איך באַדאַרף האָבן צוויי הונדערט קאַרבן ווי אין לעבן אַרײַן!

— אַ מאָדנער ייִד דו ביסט! — זאָגט צו אים דער כּומר. — איך זאָג דאָך דיר, אַז קיין געלט האָב איך נישט. אַ בילעט, אויב דו ווילסט, אַ ווינגרעשנע, קאָן איך דיר לײַען, און דו גיי קריג דיר אויף אים געלט...

איר פאַרשטייט, צי ניין? אָט דאָס איז טאַקע דער דאָזיקער בילעט, וואָס האָט געוווּנען, הייסט דאָס, די פינף־און־זיבעציק טויזנט. אַזוי זאָגט דער גלח, הייסט דאָס, און גיי גלייב אים אויף זײַנע הייליקע נאמנות. אַצינד, אַז דער בילעט האָט געוווּנען, — קומט דאָך מסתּמא דער גלח צו לויפן צו מײַן ברודער און זאָגט אים אַזוי און אַזוי: דער בילעט האָט, דאַנקען גאָט, געוווּנען היפּשלעך געלט... מאַכט צו אים דער אָחי מײַנער: „יאָ, מע זאָגט, אַז ער האָט געוווּנען געלט"... מאַכט צו אים דער כּומר: „נו, וואָס זשע וועט זײַן?" מאַכט צו אים דער אָחי מײַנער: „וואָס זאָל זײַן?"... בקיצור, אַהין־אַהער, מילא ווערטלעך אָן אַ זײַט — ער זאָגט אים דאָס, ער ענטפערט יענץ; ער פרעגט אים פּדרוך, ענטפערט ער אים בווידעם; קיין שוואַרץ אויף ווײַס, אויף פּאַפּיר, איר פאַרשטייט, צי ניין, האָבן זיי ביידע נישט. מילא, מײַן אָחי האָט כאָטש אַ בילעט, און דער כּומר וואָס האָט? עגמת־נפש האָט ער!... וואָס טויג אײַך, ס'איז געבליבן — ער בעט באַ אים, דער גלח הייסט דאָס, כאָטש עטלעכע טויזנט קאַרבלעך. נעם זשע, דו גראָבער מענטש, דו הענעך איינער, פאַרשטופּ אים דאָס מויל מיט עטלעכע טויזנט קערבלעך, און לאָז זיך יענער נישט טעשפּען! טענהט אָבער דער אָחי מײַנער: „פאַרוואָס קומט אים? דער בילעט איז דאָך מײַנער; איך זאָל אַזוי האָבן, זאָגט ער, אַלדאָס גוטס, ווי איך האָב אים אָוועקגעקויפט באַ אים שוין אַ מעשה פון דרײַ יאָר!"... וואָלט אפשר אָפּגעלאָפן גלאַט; איז דאָך אָבער אונדזערע ייִדעלעך זאָלן זײַן געזונט! און דאָס שטעטל אַליין איז אַ גוט שטעטל — אפשר האָט איר געהערט פון דעם? פּישי־יאַבעדע הייסט דאָס, דאָס שטעטל, כּשמה כּן היא, אַ שטאָט פון יאַבעדני־קעס, מוסרים, פאַרברענט זאָל זי ווערן אין אַ זומער־טאָג! וואָס טויג אײַך, מען איז אַוועק צום גלח און מע האָט אים אויפגעקלערט, אַז ער קאָן

דאַ מאַכן גימל, און מע האָט אים אַרויסגעפירט, ער זאָל נישט מאַכן קיין לאַנגע שהיות, פאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן גלײַך צום פּראָקוראָר און אײַנגעבן אַזוי און אַזוי, אַז ייִדן, הייסט דאָס, האָבן בײַ אים אויסגענאַרט אַ בילעט, און דער בילעט האָט געוווּנען פינף־און־זיבעציק טויזנט, און מע גיט אים נישט אָפּ דעם בילעט... איר פאַרשטייט, צי ניין?... וואָס טויג אײַך, דער גלח האָט זיך דווקא נישט געפוילט און האָט געטאָן אַלצדינג וואָס מען דאַרף, נאָך מער ווי מען באַדאַרף, און מען האָט אָפּן בילעט, מחילה, אַנידערגעלייגט אין אַרעסט, און סע פאַרבינדט זיך פּאַוואָלינקע אַ גאַנצער עסק, טאַקע גאָר נישט אַף קאַטאָוועס... אָט האָסטו דיר אַזאַ מין שלאַק, טאָמער איז קאַרג! נאַ דיר גאָר אַ ביינדל, אַ גלח!... מײַן אָחי האָט שוין אַפילו מיט אים נאָכדעם געענדיקט פאַר צען טויזנט, נאָכדעם — פאַר פופצנטויזנט קאַרבן, האָט דער גלח חרטה געקריגן. מע האָט אים אַזוי צעדרייט, פאַרשטייט איר, אַז ער ווייס שוין אַליין נישט וואָס ער זאָל וועלן... אָט דאָס האָט איר אײַך די מעשה מיטן ביינדל, איר פאַרשטייט, צי ניין?...

קורץ און גוט, ווו זשע האַלט איך? בײַם ביינדל, הייסט דאָס. גאָט האָט אונדז באַשערט אַ רעכט ביינדל, וואָס זאָלט איר קלערן, נישט אײַנצושלינגען און נישט אויסצושפּײַען! ניט אַהער און ניט אַהין! איז דאָך אָבער פאַראַן אַ גאָט אַף דער וועלט, אַ גרויסער גאָט, ווי זאָגט איר, וואָס מיט איין האַנט שטראָפט ער, מיט דער אַנדערער היילט ער, — האָבן זיך געפונען מענטשן, גוטע ברידער, מחותנים, גוטע פרײַנט, און גלאַט מענטשן, מע האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין דער מיט, געדרייט, געפּרוּווט אַף אַלע זײַטן, הין און צוריק, פון מײַן ברודער צום גלח, פונעם גלח צו מײַן ברודער, פון מיר צו בירנבוימען, פון בירנבוימען צו מיר, און פון אונדז ביידן צו מײַן ברודער, און פון אונדז אַלע דרײַ ווידער צום גלח — אַ דרייעניש, אַ לויפעניש, אַ געפּאָרעכײַ, אַ גערעדערײַ, אַ געשפּאַרערײַ, — בקיצור, מע האָט אונדז קוים מיט צרות מיט לייד אויסגעגלײַכט. וואָס אויסגעגלײַכט? ווי אַזוי אויסגעגלײַכט? — פרעגט נישט, אַבי אויסגעגלײַכט! ווי זאָגט איר: פון קריוודע קאָכט מען וועטשערע, אָדער, ווי מײַן אָחי האָט געזאָגט, אַז מע האָט אים צונויפגעפירט מיטן גלח:

— וואַשע פּרעפּאָדאָביע, — זאָגט ער — יאַק נע פּסק, טאָ פּסאַקעץ, נעכאַי בודע יחלוקו...

— נעבאי בורע יחלוקו! — זאָגט אים דער גלח. — אַלע טי, הענעך, מאָשעניק!...

— לחיים, פאַטערל, זאַ וואַשע זדאָראָוויע! — זאָגט צו אים מײַן אַחי און טראָגט אים אונטער אַ גלעזל, און מיר אַלע נעמען צו גלעזלעך, און מע טרינקט־אויס און מע צעקושט זיך — פֿײַן, שיין, צופרידן... שײַך זאָגן צופרידן? ווי קאָן מען זײַן צופרידן, אַז איטלעכער פֿון אונדז האָט געהאַט כמעט באַ זיך אין האַנט די פֿינף־און־זיבעציק טויזנט און האָט זיי אַרויסגעלאָזט אַפֿן ווינט — פֿפו! איר ווילט וויסן, ווי אַזוי? גאָט אײַך אַ פּראָסטן חשבון: מילא, פֿון מיר שמועסט מען ניט: האָב איך נ י ט פֿינף־און־זיבעציק טויזנט, אַ שיינע־ריינע כפרה! נאָר איך פֿרעג אײַך: וואָס וואָלט געטאָן, אַשטייגער, מײַן ברודער הענעך, ווען איך זאָל אים נישט געוועזן געבן קיין דעפּעש, אַז אונדזער בילעט האָט אויסגענומען די פֿינף־און־זיבעציק טויזנט? און אַנדערער אָף מײַן אָרט, אַז ער דערזעט אַזאַ געווינס, ווייסט איר וואָס ער טוט? ער ווישט אָפּ די ליפּן און מאַכט אַ שווײַג. וואָס מיר ברודער? ווער מיר הענעך? — וואָרעם לאָז זיך אים דאַכטן, אַז איך האָב גאָר פֿאַרקויפֿט דעם בילעט! אָדער עלעהיי איך האָב אים פֿאַרזעצט באַ בירנבוימען און האָב אים נישט אויסגעקויפֿט צו דער צײַט, — און אַ צעטל פֿון מיר האָט דאָך בירנבוים, אַז איך האָב אײַנגעליינט באַ אים אַזאַ און אַזאַ בילעט פֿון אַזאַ און אַזאַ סעריע, און באַם איך קויף נישט אויס צו דער צײַט, איז אַזאַ און אַזאַ בילעט פֿון אַזאַ און אַזאַ סעריע — איר פֿאַרשטייט, צי ניין?... נאָר וואָס דען?... אַז ס׳איז מיר גאָר נישט געקומען אָף דער מחשבה, איך זאָל אַזוי ריין זײַן פֿון שלעכטס! וואָרעם, ווי איר זעט מיך אָטאָ, בין איך אַזאַ ייִד, וואָס קאַטאָרי געלט שפּילט באַ מיר גאָר אַ קליינע ראָליע! וואָס איז דען, אײַ־גנטלעך, געלט? געלט איז בלאָטע, אַבי גאָט העלפֿט, ווי מײַן ווײַב זאָגט, מען איז געזונט און מע האָט אַלצדינג, וואָס מע באַדאַרף... נאָר גאָרניט, פֿאַרדראָסיק איז דאָס, פֿאַרט, ווי זאָגט איר, פֿ י נ ף־א ו ן־ז י ב ע צ י ק ט ו י ז נ ט! איר פֿאַרשטייט, צי ניין?...

אַצינד נעמט בירנבוימען. בירנבוים איז דאָך טאַקע גאָט די נשמה שולדיק; ער האָט דאָך טאַקע נעבעך אַרויסגעלאָזט די פֿינף־און־זיבעציק טויזנט ממש פֿון די הענט! גלאַט ער איז אַן ערלעכער, אַ לעצט־אָרנטלע־כער יונגערמאַן, און וויל נישט נהנה זײַן פֿון אַ פֿרעמדן בילעט; ער וויל

נאָר, מע זאָל אַ פרעג טאָן מענטשן, וו אָ ס מ ע נ ט ש ן וו ע ל ן ז אָ ג ן, איר פאַרשטייט, צי ניין? ווײַטער וואָלט דאָך געוועזן, ווי זאָגט איר, אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשר לעפל, וואָרעם ער האָט דאָך טאַקע פון מיר אַ צעטל, אַז באַם איך קויף נישט אויס באַ אים דעם בילעט צו דער צײַט, איז אַזאַ און אַזאַ בילעט פון אַזאַ און אַזאַ סעריע — איר פאַרשטייט, צי ניין? נעמט דער דאָזיקער בילעט און געווינט פּונקט די פינף־און־זיבעציק טויזנט! נו, פרעג איך אײַך, קאָן נישט די גאַל צעזעצט ווערן?... האָט איר שוין, הייסט דאָס, צוויי אומגליקלעכע נפשות אַף דער וועלט, וואָס האָבן כמעט פון קעשענע פאַרלאָרן צו פינף־און־זיבעציק טויזנט קאַרבן — וואָס? ניט אַזוי?...

דער דריטער אומגליקלעכער נפש איז מײַן ברודער הענעך נעבעך. ער גייט גלאַט אַרום ווי אַ נגזל, אַ געקווילעטער האָן, און ס'איז טאַקע אַ ביטערער רחמנות אַף אים, וואָס ער נעמט אַזוי ווינציק געלט, וואָרעם ער איז דאָך טאַקע געווינט געוואָרן אַלע יאָר, און אפשר צוויי מאָל אין יאָר, אַז ביעלטן שפּילן, נעמען־אויס פינף־און־זיבעציק טויזנט, נישט ווינציקער! גייט ער אום און שרײַט: „וואָס האָבן זיי צו מיר? וואָס ראַבעווען זיי מיך? אַלעמען גיב געלט! דעם גלח גיב, דעם ברודער גיב, בירנבוימען גיב — זיי ווילן מיך מאַכן פאַר אַ קבצן!” איר פאַרשטייט, צי ניין?...

דער פערטער, דער גלח הייסט דאָס, איז דאָך אוודאי אַן אומגליקלעכער גלח! ער שווערט, און מע מוז אים גלייבן אַף זײַנע הייליקע נאמנות, אַז ער פאַרשטייט ניט, פאַר וואָס יִדן טיילן זיך מיט זײַן געלט? „מילא הענעך, זאָגט ער, מעג זיך טאַקע זײַן אַ מאַשעניק, און סע קומט אים אוודע גיין אין חדר אַרײַן, — איז ער אָבער פאָרט אַ היימישער מענטש און אַ גוטער ברודער... אָבער דאָס גאַנצע איבעריקע „קהל”, זאָגט ער, — וואָס פאַר מחותנים איז „קהל” צו מײַן בילעט?!... איר פאַרשטייט, צי ניין? גיי רייד מיט אַ גלח און גיב אים צו פאַרשטיין, וואָס הייסט אָרנטלעך: אַז דער איז אַ ברודער, וואָס האָט געהאַט ביד צונעמען אינגאַנצן אַזוי, אַז קיין האָן זאָל אפילו נישט קרייען, און דער איז אַ לעצט־אָרנטלעכער יונגערמאַן, וואָס האָט פון מיר אַ צעטל, אַז אַזאַ און אַזאַ בילעט פון אַזאַ און אַזאַ סעריע — איר פאַרשטייט, צי ניין? ער מיינט דען עפּעס, בירנבוים הייסט דאָס? ער מאָנט דען געלט? ער האָט דען עפּעס טענות? חס וחלילה! ער וויל נאָר, מע זאָל אַ פרעג טאָן

מענטשן, וואס מענטשן וועלן זאָגן! אַ מענטש, וואָס האָט זיך אײַנגעליבט אין מענטשן, אַ מענטשלעכער מענטש — איר פאַרשטייט, צי ניין?...

הכלל, פיר מענטשן האָבן געוווּנען, הייסט דאָס, צו פינף־און־זיבעציק טויזנט אַף אַ חלק, און פיר מענטשן האָבן פאַרלאָרן צו פינף־און־זיבעציק טויזנט — פיר אומגליקלעכע געקוילעטע מענטשן!... נאָר גאָרנישט, אויסגעגלײַכט זיך — איז פאַרפאַלן. מסתמא איז דאָך עס אַ באַשערטע זאַך... וואָס זשע בלײַבט־איבער צו טאָן אַצינד? אַצינד באַדאַרף מען, הייסט דאָס, נעמען און זיך צעטיילן מיטן בילעט, דאָס הייסט, מע באַדאַרף גיין אַלע פיר אין באַנק אַרײַן, אַרויסנעמען דעם בילעט, אָפּנעמען דאָס געווינס, אָפּגעבן איטלעכן זײַנס און זאָגן מזל־טוב און טרינקען מאָהריטש. איאָ? האָט זשע צײַט אַביסל, פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט. ערשטנס, ליגט דאָך אָפּן בילעט עפּעס אַ חתימה פונעם סליעדאָוואַטעל, באַדאַרף מען דאָך קודם כל באַפרײַען, הייסט דאָס, דעם בילעט. ווײַל דער גלח נישט באַפרײַען דעם בילעט ביז מע וועט אים נישט באַוואָרענען מיט זײַן חלק. איר פאַרשטייט, צי ניין?... ווי אַזוי זשע באַוואָרנט מען אים מיט זײַן חלק? באַדאַרף מען דאָס בילעט, הייסט דאָס אַראָפּנעמען פונעם גבירס חשבון און איבערלייגן אים אַף מײַן ברודער הענעכס און אָפּן גלחס נאָ־מען. ווײַל דער גביר נישט הערן, נישט זען. באשר ער טענהט, דער גביר הייסט דאָס, און איז דווקא גערעכט:

— וואָס בין איך פּאַר אַ מחותן צו אַ פרעמדן בילעט? ווי קאָן איך הייסן איבערגעבן אַ פרעמדן בילעט פון פינף־און־זיבעציק טויזנט, וואָס סע ליגט אַף אַן אַרעסט, אַז איך ווייס נישט וועמענס בילעט דאָס איז? פריִער איז ער געווען בירנבוימס מיט יעקב יוסילס, היינט הער איך, אַז ער איז גאָר אַ הענעכס מיט אַ גלחס, שפּעטער וועלן זיך אַלע מאָל אַרויס־באַווײַזן נײַע בעלי־בתים, נײַע הענעכס מיט נײַע גלחים — וואָס וועל איך טאָן, אַז זיי וועלן נאָכדעם מאָנען בײַ מיר איטלעכער באַזונדער צו פינף־און־זיבעציק טויזנט? וווּ וועל איך נעמען, קינדערלעך, אַזוי פיל געלט אַף צו באַצאָלן? איך בין דאָך ניט בראָדסקי!

איר פאַרשטייט, צי ניין? האָט זיך אָנגעהויבן אַן עסק מיט אַדוואָ־קאַטן. און אַדוואָקאַטן זײַנען דאָך פּונקט ווי די דאָקטוירים: וואָס איינער זאָגט, זאָגט דער אַנדערער קאַפּויר. געלט נעמען זיי אַלע און געבן עצות,

איטלעכער אַן אַנדער עצה. איין אַדוואָקאַט זאָגט, אַז דער גביר מעג ווייער שיין איבערגעבן דעם בילעט וועמען ער וויל... און דער אַנדערער זאָגט: ער טאָר ניט בשום אופן איבערגעבן דעם בילעט... קומט דער דריטער און זאָגט, אַז ער מ ו ז איבערגעבן, אַניט — קאָן ער האָבן אַף זיך אַ „פּעקל", למאַי ער גיט ניט איבער... קומט נאָך אַן אַדוואָקאַט און זאָגט: לאָז זיך דער גביר גלאַט אַזוי אָ פּ ז אָ ג ן פונעם בילעט, וועט דאָס זײַן ווי געוווּנטשן... קומט נאָך איינער און זאָגט: הס מלהזכיר! באַם ער זאָגט זיך אָפּ פונעם בילעט, דער גביר הייסט דאָס, בלײַבט דער בילעט הענגען אין דער לופטן, קאָן ער נאָכדעם האָבן אַף זיך אַ רעכט „פּעקל"!... קומט נאָך אַן אַדוואָקאַט און זאָגט: אַדרבה, טאָמער זאָגט ער זיך נ י ט אָפּ, האָט ער ע ר ש ט אַף זיך אַ „פּעקל"!... קומט אַ נײַער אַדוואָקאַט און זאָגט אַ נײַעם דין: דער גביר, זאָגט ער, מעג זיך יאָ אָפּזאָגן, ניט אָפּזאָגן — ער וועט סײַ־ווי־סײַ האָבן אַף זיך אַ פּעקל... איר פאַרשטייט, צי ניין? נאָר מיר דאַכט, אַז ער האָט ש ו י ן אַף זיך אַ גוט „פּעקל", וואָרעם, אַ חוץ וואָס מע דולט אים אַלע מינוט דעם ספּאָדעק, פּאָרט ער נעבעך אַלע וואָך אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן, אונדזער גביר הייסט דאָס, פון איין אַדוואָקאַט צום אַנדערן, צאָלט געלט און בעט, מע זאָל אַף אים רחמנות האָבן, געבן אַן עצה, ווי אַזוי ער זאָל פּטור ווערן פון דער דאָזיקער באָמבע? ס'איז אַ גאָטס רחמנות, זאָג איך אײַך, און אַ חרפּה, אַ בזיון פאַר לײַטן. מע נעמט אַ מענטשן, אַן ערלעכן, אַ שטילן מענטשן, וואָס טשעפּעט ניט קיין פליג אַף דער וואַנט, און מע הענגט אים אָן אַזאַ באָמבע, אַ לונג־און־לעבער אַף דער נאָז — און האַלט זיך געזונטערהייט!... טאָמער ווייסט איר, פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וואָס קומט אים אַזאַ באָמבע? דערפאַר וואָס מענטשן האָבן זיך אַרײַנגעלייגט, געוואָלט אַ ייִדן אַ טובה טאָן, איר פאַרשטייט, צי ניין?... האָט איר ניט באַ זיך נאָך אַ באָמבע... טפו! מיין איך נאָך אַ פּאַפּיראָס?

קורץ און גוט, ווו זשע האַלט איך? באַ דער באָמבע הייסט דאָס, וואָס מע האָט אָנגעהאַנגען אונדזער גביר... ווילט איר דאָך מסתמא וויסן, וואָס הערט זיך מיט דער באָמבע? גאָר ניט, די באָמבע איז אַ באָמבע! לעת־עתה הענגט זי נאָך אין דער לופטן... דער גביר העצקעט זיך אַלע וואָך הין און צוריק אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן צו די אַדוואָקאַטן, די אַדוואָקאַטן נעמען געלט און געבן עצות — דער אַזוי, דער אַנדערער אַט

אַזוי, און דער דריטער ניט אַזוי און ניט אַזוי, נאָר פּונקט קאַפּויער, ווי געוויינטלעך... וואָס דער סוף דערפון וועט זײַן — ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל, וואָרעם קיין מענטשלעכער פאַרשטאַנד קאָן דאָס גאָרנישט משיג זײַן, וואָס דערפון קאָן ארויס; וואָרעם טאָמער דערגייט דאָס חלילה צו אַ משפּט, ווייס מען ניט, מיט וואָס עס קאָן זיך ענדיקן... איר פאַרשטייט, צי ניין? דערווײַל ווער ליגט נײַן איילן אין דער אַדמה? יעקב־יוסילע?! אַז די שטאָט, — וואָס זאָג איך די שטאָט? — די גאַנצע וועלט האָט מיט מיר צו טאָן! איטלעכער טײַט אַף מיר מיט די פינגער: „אָן גייען די פינף־און־זיבעציק טויזנט!"... פון געשעפט איז מען אָפּגעריסן; אין קעשענע איז נישטאָ אַ דרײַערל, נאָך ערגער ווי פריִער; מײַן ווײַב שעמט זיך ארויסצוקומען אין מאַרק ארײַן — מע רופט זי „די נײַע נגידית"... מיך האָט מען דעם ערשטן שבת אין שול מכבד געווען מיט „ששי" גאָר אַף אַן אַנדער אופן. מען האָט שוין אַפילו געמאַכט אַ חשבון פון די פינף־און־זיבעציק טויזנט, וויפל איך *באַדאַרף* געבן אַף דער שטאָט, וויפל איך *זאָל* צעטיילן אָרעמע קרובים, און *וואָס* איך וועל טאָן מיטן איבעריקן. דער האָט געזאָגט, אַז איך וועל מסתמא ווערן אַ בעל־הלוואה; און *דער* האָט געדרונגען, אַז גיכער וועל איך האַנדלען מיט ברויט, אַזוי ווי איך האָב *אַמאָל* געהאַנדלט; און *דער* האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס בעסטע איז פאַר מיר אַ קאַנטאָר: מיט אַ קאַנטאָר, זאָגן זיי, מאַך איך די בעסטע געשעפטן בײַ אונדז אין שטאָט, וואָרעם וואָסער קאַנטאָר בײַ אונדז פאַרמאָגט דען מיט אַ מאָל אַ קאַפּיטאַל פון פינף־און־זיבעציק טויזנט? מע מיינט מעות מזומנים מיינט מען, טאַקע וואָס מזומנים הייסט! איר פאַרשטייט, צי ניין?... וואָרעם בײַ אונדז אין שטעטל זײַנען די ייִדן גרויסע אַפּיקורסים; קיינער גלייבט גאָר נישט, אַז ס'איז ערגעץ פאַראַן במזומנים מער ווי אַ פינפאונצוואַנציקער אַן אייגענער... אונדזער שטעטל, דאַרפט איר וויסן, איז אויך אַ רעכט שטעטל, דער רוח האָט דאָס ניט גענומען! דאָס איז אַ שטעטל, פאַרשטייט איר מיך, פון די שטעטלעך, וואָס מע פרעגט אַף זיי!... פאַראַן לײַדיקגייערס גענוג, וואָס האָבן נישט וואָס צו טאָן, גייט מען ארום פון שמונין צו בונין און מע רעדט־אָפּ פון דער גאַנצער וועלט. קיין אייגענע געשעפטן איז נישטאָ, האָט מען אין זינען יענעמס. מע קלײַבט זיך צונויף אין מאַרק בײַ דער אַפּטייק, אַף דער „בערזע" הייסט דאָס, און מע

האַלט אין איין שאַצן יענעמס עסקים: מע האָט מ ו ר א, טאָמער פאַר־דינט יענער; און אַז יענער דערלייגט, איז מען זיך מחיה, עס קומט צו אַ שטיק געזונט... היינט פאַרשטייט איר, וואָס פאַר אַ כמאַרע עס האָט זיך אָנגערוקט אַף דער שטאָט, אַז מע האָט דערהערט פון די פינף־און־זיבעציק טויזנט? פון יענעם טאָג אָן מאַכט זיך זיי שוין נישט צו דאָס מויל פון אינדערפרי ביז באַנאַכט. מע ווערטלט זיך און מע שטעכט זיך. איינער דעם אַנדערן עסט־אויס די גאַל, קריכט־אַריין מיט די פיס אין האַרצן.

— פאַר וואָס האָט א י ר בעסער נישט אויסגענומען די פינף־און־זיבעציק טויזנט? זיי וואָלטן דאָך איַיך איצטער שטאַרק צונוץ געקומען!...

— לְמאַי א י ר נישט? איר באַדאַרפט זיי אַ סך נייטיקער פון מיר!...

בכדי עס זאָל דעם איבעריקן עולם פאַרדריסן, האָט איינער אַ בעל־חשבון אויסגערעכנט, אַז איך בין דער גרעסטער גביר אין שטאָט. „עס איז אַ פּראָסטער חשבון — זאָגט ער: — פינף־און־זיבעציק טויזנט האָב איך געוווּנען, אַ קערבל זעקס־זיבן טויזנט באַטרעפט די דירה מיַינע — האָט איר אַ קיימאַ־לן פון פינף־און־אַכציק, קרוב צו מאה אלף קאַרבן. נו, און אַז אַ ייִד, וואָס פאַרמאָגט הונדערט טויזנט קאַרבן, מעג מען, דאַכט זיך, אַף אים זאָגן, אַז ער פאַרמאָגט צוויי, וואָרעם אַז מע שאַצט אַ ייִדן אין רי״ש אלפים, פאַרמאָגט ער דאָך קיין הונדערט טויזנט אויך נים! אַלזאָ, בין איך, הייסט דאָס, אַ ייִד פון רי״ש אלפים, דאָס הייסט, דער גרעסטער גביר אין שטאָט! אי, ס'איז פאַראַן נאָך גרעסערע גבירים פון מיר? איז דער תירוץ: פון וואַנען ווייס מען? ווער איז געווען בא זיי אין קעשענע און ווער האָט געציילט זייער געלט? אפשר זיַינען זיי נאָך דערונטער? איר פאַרשטייט, צי ניין?... אַ סך מענטשן האָט דאָס טאַקע אָנגערירט ביז דער ביין. זיי האָבן נעבעך נישט געקאָנט דאָס אַי־בערטראָגן: ווי נעמט דאָס מיט אַ מאָל אַ געמיינער ייִד, פּלוצעם אין מיטן דרינען, און ווערט, אָן קאָפּווייטיק, אַ גביר פון פינף־און־זיבעציק טוי־זנט?... פאַראַן בא אונדז איינער, אַן אַלטער בחור, אַ רייַכער און אַ קאַר־גער, האָבן חברה אומיסטן אונטערגעשיקט אַ שליח, איינעם אַ „מענדל־באָרד", ער זאָל אים אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז יעקב־יוסיל האָט געווו־נען די פינף־און־זיבעציק טויזנט; איז אים געוואָרן, ניט פאַר איַיך גע־דאַכט, אַזוי שלעכט, אַז מע האָט געמיינט, ס'איז אָן עק פונעם יונגנ־

מאַן! אַ ביטערער רחמנות — ער איז נעבעך עטלעכע טעג כסדר אַרומ־געגאַנגען אָן אַ קאָפּ! און אַצינד, אַז ער האָט דערהערט די געשיכטע מיט מײַן ברודער הענעך און די מעשה מיטן בײַנדל, איז אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט: „לאָז שוין בעסער זײַן, זאָגט ער, דעם גלח; פאַר וואָס קומט אַ ייִדן אַזוי פיל געלט?"... איר פאַרשטייט, צי ניין?... נאָר איר מיינט, אַז אײגענע פאַרגינען שוין? אַזוי לאַנג שמײַסט מען זיי! זיי זאָלן קאָנען דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער!... מאָלט אײַך, ווען עס פאַלט אַרײַן צו מיר טאַקע די פינף־און־זיבעציק טויזנט, וואָלטן געווען אַנדע־רע ווערטער; דעמאָלט וואָלטן מסתמא אַלע הנאה געהאַט: אי אייגענע, אי פרעמדע. נאָר אַז עס האָט זיך שוין געמאַכט אַזוי, איז שוין ווידער אַנדערע ווערטער... נישקשה, די משפּחה מעג זיך נייען אַ בײַטל — באַ מײַן ברודער הענעך וועט מען צעפּירן די הענט. ער איז אַ רעכטער נדבן, מײַן הענעך זאָל געזונט זײַן; ער, אַז ער וועט אָנהויבן געבן „נתינות", וועט זײַן וואָס צו זען. ס'איז אַ סברה, אַז ער האָט שוין אַסיגנירט פון פינף־און־זעכציק ביז צוויי־און־זיבעציק רובל אויף חתונה מאַכן אָן אָרעמע שוועסטער; און דעם אַלטן טאַטן האָט ער מנדר געווען אַ גאַנצן הונדער־טער אַ האַרטן: לאָז ער וויסן, הייסט דאָס, דער אַלטער טאַטע, אַז זײַן זון האָט אויסגענומען די פינף־און־זיבעציק טויזנט. איר פאַרשטייט, צי ניין?... דאָס זײַנען די היימישע קרובים. און די וואָס פון דערווײַטן האָבן זיך גלאַט אַ לאָז געטאָן צו מיר פון דער גאָרער וועלט, דער מיט אַזאַ „פּעקל", און דער מיט אַזאַ „פּעקל"... אַ סך האָבן אויף דעם חשבון אָנ־געהויבן טאָן שדוכים, חתונה מאַכן קינדער. אייניקע האָבן זיך געגעט צור־ליב דעם, וואָס זיי וועלן נאָכדעם קאָנען גרייכן צו עפּעס גרעסערס... מילא, איז דאָס כאָטש קרובים; ווי זאָגט איר: פון אייגענע מוז מען לײַדן. איר פאַרשטייט, צי ניין? אָבער פון פרעמדע, פון ווילד־פרעמדע וואָס בין איך נאָך מחויב צו טראָגן? פאַר וואָס קומט דאָס מיר? פאַר ווע̇מענס זינד?... ווי איך האָב ערגעץ אַ שונא, הערט איר, ווינטש איך אים אַזאַ געווינס פון פינף־און־זיבעציק טויזנט! איר מעגט מיר גלויבן בנאמנות, אַז דאָס אָפּגעבן מזל־טוב, וואָס איטלעכער גיט מיר אָפּ, מיט דעם אונטערשמייכ־לען זיך, מיט די חניפהלעך פון איטלעכן באַזונדער — בין איך שוין ניט אימשטאַנד איבערצוטראָגן! מענטשן, וואָס איך קען זיי נישט און ווייס זיי נישט, קומען צו מיר צו גיין זיך מיט מיר אָן עצה האַלטן.

— מיר האָבן געהערט, זאָגן זיי, פון אײַך, רב יעקב־יוסיל, מיר האָבן שוין לאַנג פון אײַך געהערט, אַז איר זײַט אַ קלוגער מענטש. מיינט נישט, זאָגן זיי, אַז מיר מיינען עפּעס דערמיט אַ מיין, וואָס גאָט האָט אײַך באַגליקט די פינף־און־זיבעציק טויזנט — חלילה וחס! גלאַט אַזוי, זאָגן זיי, מיר זײַנען געקומען צו אײַך אַביסל אויסריידן זיך דאָס האַרץ...

איר פאַרשטייט, צי ניין?... איינער איז געקומען צו מיר עפּעס פון אַ מאָדנער שטאָט, איך האָב שוין פאַרגעסן ווי זי הייסט, פון אַ ווײַטער מדינה, וואָס מײַן זיידנס באָבע איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען. עס עפנט זיך די טיר, עס קומט אַרײַן פּלוצעם אַ ייִד, לייגט אָפּ דאָס פּעקל.

— שלום עליכם!

— עליכם שלום! פון וואַנען איז אַ ייִד?

— פון אויסרײַסן. דאָס זײַט איר רב יעקב־יוסיל?

דאָס בין איך יעקב־יוסיל. וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— זײַט איר דאָס טאַקע אַליין, הייסט עס, אָט דער רב יעקב־יוסיל, וואָס האָט אויסגענומען די פינף־און־זיבעציק טויזנט? דאָס בין איך אומיסטן, זאָגט ער, געקומען צו פאָרן אַהער; דאָס הייסט, איך פאָר במילא פאַרבײַ, האָב איך דערהערט די מעשה מיט די פינף־און־זיבעציק טויזנט, האָב איך מיך מיישב געווען: טאַ, לאָם איך אַראָפּפאָרן אַהער אויף אַ טאָג; איך וויל אָנקוקן מיט מײַנע אויגן דעם דאָזיקן גליקלעכן, וואָס האָט געוווּנען די פינף־און־זיבעציק טויזנט. ס'איז נישט קיין קלייניקייט — ס'איז פינף־און־זיבעציק טויזנט!!...

איר פאַרשטייט, צי ניין? גיי, דערצייל איטלעכן באַזונדער אַ מעשה מיט אַ בירנבוים, וואָס וויל מענטשן, און מיט אַ ברודער, וואָס הייסט הענעך, און מיט אַ ביינדל, און מיט אַ גביר, און מיט אַ באָמבע, און מיט אַדוואָקאַטן, און מיט רוחות, און מיט שדים!... איך זאָל האָבן, הערט איר, די גליקלעכע יאָר, וואָס ס'איז פריִער, פאַר די פינף־און־זיבעציק טויזנט, געווען בעסער ווי אַצינד, נאָך די פינף־און־זיבעציק טויזנט, און רויִקער אַוודאי! איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת: איך בין שוין איצטער נישט זיכער מיטן לעבן אויך. אָט בין איך געווען נישט לאַנג אין דער גרויסער שטאָט בײַ די אַדוואָקאַטן דאָרטן, האָט מיך איינער אַ חברה־מאַן פאַרנאַרט צו זיך אַהיים אויף פּאָדאָל, כלומרשט אויף טיי; איך קום צו אים

אַף פּאָדאָל, באַנאַכט איז דאָס געווען, טרעף איך דאָרטן נאָך איינעם אַ חברה־מאַן, אַ ייִדן מיט דווקא אַ שיינער באָרד, זיצן איבער אַ ספֿר; גיט ער מיר אָפּ שלום, שטייט־אויף פֿאַרדרויכערן אַ פּאַפּיראָס, פֿאַרלעשט די לאָמפּ, און מיר בלײַבן אין דער פֿינצטער... איר פֿאַרשטייט, צי ניין? עס וואָלט כּדאַי געווען, כּלעבן, ס׳זאָל ניט זײַן אַזוי שפּעט און איר זאָלט זיך אַזוי נישט כאַפּן אין וועג אַרײַן, אײַך דערציילן די דאָזיקע מעשה אויך, און אַף יענער מעשה זיצט נאָך אַ מעשה, אָדער ווי זאָגט איר: אַף אַ בלאָטער אַ פּרישטש און אַף אַ מכּה אַ בלאָטער. איר פֿאַרשטייט, צי ניין?...

קורץ און גוט, ווי זשע האַלט איך, הייסט עס? באַם סוף פֿון דער מעשה. אַ סוף, מיינט איר? האָט צײַט אַביסל, נישט געכאַפּט, ס׳איז ערשט אַן אָנהייב. וואָס זאָג איך אַן אָנהייב? עס הייבט נאָך גאָר נישט אָן צו זײַן אַן אָנהייב אַפֿילו! און ווער איז שולדיק? איך אַליין טאַקע! שײַך זאָגן איך בין שולדיק? וואָס בין איך שולדיק? איך ווייס? איך בין דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, ווי זאָגט איר, אַ בשר־ודם, נאָר אַז ס׳איז באַשערט אַן אומגליק, העלפֿט זיך עפּעס? וואָס בין איך שולדיק, למשל, אַז איך... נאָר שאַ! מע טאָר נישט כאַפּן די פֿיש פֿאַר די לאָקשן, מײַן איך פֿאַרקערט — די לאָקשן פֿאַר די פֿיש. לאָם איך אײַך בעסער דערציילן פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט, די גאַנצע מעשה פֿונעם אָנהייב, דאָס הייסט, נישט פֿונעם אָנהייב, נאָר פֿונעם לעצטן אָנהייב, דאָס הייסט, פֿון דעם, וואָס איר מיינט, אַז ס׳איז שוין דער סוף... על כּל פּנים, אַז גאָט האָט געהאָלפֿן, מיר האָבן זיך דעמאָלט, אויב איר געדענקט, מיט צרות, מיט אַנגסטן אײַנגעטיילט מיטן בילעט, הייסט דאָס, איטלעכן באַזונדער זײַן חלק, — געוויינטלעך, נישט אַזוי גיך טוט זיך עס ווי סע רעדט זיך; מע האָט זיך געגנוג אָנגערעדט, אָנגעהאַריקעט מיט איטלעכן באַזונדער. אַז דער גלח טענהט: פֿאַר וואָס קומט אונדז געלט, מיר און בירנבוימען, אונדז ביידן הייסט עס? און מײַן ברודער הענעך איז אַ בעלן, איך זאָל מיך פֿאַרלאָזן אַף ז ײַ ן יושר און אַף ז ײַ ן גוטן ווילן און אַף ז ײַ ן השגה. און מײַן חברה־מאַן, בירנבוים הייסט עס, שרײַט, אַז ער וויל גאָרנישט — ער וויל נאָר מענטשן, האָרכן וואָס מענטשן וועלן זאָגן. איר פֿאַרשטייט, צי ניין? האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין דעם דאָזיקן עסק מעקלערס, און דווקא דרײַ מיט אַ מאָל; צוגעהאָרעוועט,

אויסגעגלייכט — אַן עק, אַ סוף. און ס'איז געבליבן, אויב איר געדענקט, — וואָס זשע, הייסט דאָס, איז געבליבן? ס'איז געבליבן, אַז מיר זאָלן זיך צונויפקלייבן אַלע פיר, הייסט עס, אוועקפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, אַרויסנעמען דעם בילעט, אָפּנעמען דאָס ביסל מינץ, צעטיילן זיך מיט די חלקים, נאַ ד י ר, ג י ב מ י ר — און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע! יאָ, ווען זשע איז דאָס גערעדט געוואָרן? נאָפּשיקלאַד, אַז ס'איז פאַראַן אַ בילעט. אָבער אַז ס'איז קיין בילעט נישטאָ? שייך זאָגן, ס'איז קיין בילעט נישטאָ? אַ בילעט איז פאַראַן אַ בילעט, נאָר, אויב איר געדענקט, ווו ליגט ער, דער בילעט? פאַרצוויאָקעוועט אין אַ באַנק ערגעץ, אויף אַ פרעמדן נאָמען, און פון אויבן, אויפן בילעט הייסט עס, אויב איר געדענקט, ליגט, איך בעט איבער אייער כבוד, אַן אַרעסט פונעם סליע־דאָוואַטעל — גיי נעם־אַרויס אַזאַ בילעט! וואָס זשע טוט מען? באַדאַרף מען קודם כל, אויב איר געדענקט, זען, מע זאָל צעררייבן דעם עסק — לאָז דערוויילע, הייסט עס, ווערן אויס עסק, וועט מען שוין נאָכדעם זען וואָס מע האָט צו טאָן. איר פאַרשטייט, צי ניין? ווער זשע באַדאַרף צע־רייבן דעם עסק, סע זאָל ווערן אויס עסק? פאַרשטייט זיך, אַז דער גלח. זאָגט אָבער דער גלח, אויב איר געדענקט: לאָז מען אים פריִער באַוואָ־רענען, דאָס הייסט, איבערגעבן דעם בילעט אויף זיין נאָמען, וועט ער זען, מע זאָל צעררייבן דעם עסק. איז ער, דאַכט זיך, אויך גערעכט? ווער זשע דאַרף דאָס איבערגעבן דעם בילעט אויף זיין נאָמען, אַז ער זאָל צעררייבן דעם עסק? פאַרשטייט זיך, אַז דער גביר אונדזערער. קומען מיר מסתמא צו אונדזער גביר און בעטן אים, ער זאָל זיין אַזוי גוט און איבערגעבן דעם בילעט, וועט מען צעררייבן דעם עסק. טענהט דער גביר ווידער די אייגענע טענה, אויב איר געדענקט, און איז אויך גערעכט: „וואָס האָט איר צו מיר? — זאָגט ער. — וואָס האָט איר מיר אָנגעהאַנגען אַ פרעמדן עסק?" טענהן מיר: „גערעכט זייט איר טאַקע; נאָר וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז אָן אייך קאָן מען נישט צעררייבן דעם עסק?" זאָגט ער: אם כן, וואָס בין איך שולדיק? צעררייבט אייך יאָ דעם עסק און צעררייבט אייך נישט דעם עסק, — וואָס איז מיין עסק?"... איר פאַרשטייט, צי ניין?... האָט איר ניט באַ זיך אַן עסק... טפו! מיין איך אַ פּאַפּיראָס?

קורץ און גוט, ווו זשע האַלט איך, הייסט דאָס? באַ צעררייבן דעם עסק. עצות אהער, עצות אהין — ס'איז געבליבן: לאָדן זיך. און וויבאַלד

לאָדן זיך, באַדאַרף מען פרעגן אַן אַדוואָקאַט. און וויבאַלד פרעגן בּאַ אַן אַדוואָקאַט, באַדאַרף מען פאָרן אין שטאָט אַריין. הייבט זיך אָן: בּאַ וואָסער אַדוואָקאַט זאָל מען פרעגן? זאָגט ד ע ר , מע זאָל פרעגן בּאַ ד ע ם אַדוואָקאַט, און י ע נ ע ר זאָגט, מע זאָל פרעגן בּאַ י ע־נ ע ם אַדוואָקאַט. פרעגט מען דאָך מסתמא בּאַביידע אַדוואָקאַטן, אַ ברירה האָט מען? זאָגט דאָך מסתמא ד ע ר אַדוואָקאַט פּונקט דעם היפּך, וואָס י ע נ ע ר אַדוואָקאַט; זאָגט דער דריטער אַדוואָקאַט בּוי־דעם; איז דאָך ביטער — גייט מען צו אַ פערטן אַדוואָקאַט... בּקיצור, איך באַדאַרף אײַך דערציילן וואָס אַדוואָקאַטן זײַנען? אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים — דאָס איז איין מכּה; אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים זײַנען לכתחילה באַשאַפן געוואָרן, זיי זאָלן זאָגן איינס דאָס אַנדערע אויף צו־להכעיס. וואָס יענער זאָגט, באַדאַרף דער זאָגן פּונקט קאַפּויר, ווי, להבדיל, דער תּרגום. איך האָב אַ גוטן ברודער, זאָגט ער: וואָס איז דען, אייגנטלעך, דער תּרגום? דער תּרגום, זאָגט ער, איז אַ צו־להכעיסניק; דער תּרגום דאַרף זאָגן לאַקירדע. למשל, אַז דער חומש זאָגט „ויאמר" — קומט דער תּרגום און זאָגט „ואמר"; און אַז דער חומש זאָגט „לאמר", איז, דאַכט מיר, וואָס קאָן דאָס דיר שאַטן, רב תּרגום, אַז ס'וועט שטיין לאמר? ניין, לווינט אים נישט! נאָר ל־מי־מר! — און גיי טו אים עפּעס! איר פאַרשטייט, צי ניין? אַז איין אַדוואָקאַט זאָגט, אַז מיר אַלע פיר זאָלן אײַנגעבן אַ פּאַפּיר אויף דער באַנק און אויפן גביר, למאַי זיי גיבן אונדז ניט אַרויס דעם בילעט, — דאַכט זיך, אַ גלײַכער אײַנפאַל, האַ? קומט דער אַנ־דערער אַדוואָקאַט און זאָגט: אַז אײַנגעבן באַדאַרפן נאָר צוויי, איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, און נאָר אויפן גביר אַליין, למאַי ער הייסט נישט די באַנק, זי זאָל איבערגעבן דעם בילעט. דאַכט זיך, אויך נישט קרום, האַ, וואָס זאָגט איר? זאָגט אָבער דער דריטער אַדוואָקאַט: וואָס פאַר אַ מחותּן בין איך מיט דער באַנק? די באַנק קען מיך? זי האָט געהאַט מיט מיר עסקים? אײַנגעבן לאָז בירנבוים אַליין, און נישט אויף דער באַנק, נאָר אויפן גביר אַליין, וואָרעם וואָס איז שולדיק די באַנק, אַז ער אַליין, בירנבוים הייסט עס, האָט ערשט ניט לאַנג געהייסן די באַנק, זי זאָל אַרי־בערטראָגן דעם בילעט פון זײַן חשבון על חשבון הגביר? דאַכט זיך, גערעדט ווי אַ מענטש, האַ? קומט נאָך אַן אַדוואָקאַט און דרינגט, אַז אײַנגעבן באַדאַרף ניט איך און ניט בירנבוים — אײַנגעבן באַדאַרף גאָר

דער גלח מיט מײַן ברודער, הענעך הייסט עס! דאכט זיך, ס'איז אויך מיט א גאנג, האָ? קומט אַן אנדער אדוואָקאט און פאלט גאָר אָף אזא מין המצאה: מע באדארף זיך, זאָגט ער, גאָר ניט לאָדן, וואָרעם לאָמיר זען, פון וואנען, זאָגט ער, האָט זיך גענומען אין באנק א בילעט אָפּן גבירס נאָמען? בירנבוים האָט אים ארײַנגעטראָגן. ווו האָט בירנבוים גענומען א בילעט? בא יעקב־יוסלען, בא מיר הייסט עס. ווו האָב איך אים גענומען? בא מײַן ברודער, הענעך הייסט דאָס. בא וועמען האָט אים גענומען מײַן ברודער, הענעך הייסט עס? אנטלײַען, מיין איך געקויפט באָם גלח. ער זאָגט געקויפט, דער גלח זאָגט געלײַען — וואָס מאכט דאָס אויס, א פאר־פאלענער עסק. על כן, זאָגט ער, לאָז דער גלח מאָנען דעם בילעט בא מײַן ברודער הענעך, מײַן ברודער הענעך בא מיר, איך בא בירנבוימען, און בירנבוים — בא וועמען? בירנבוים בא דער באנק. אי, די באנק טענהט דאָך: זי קען שוין נישט בירנבוימען, זי קען גאָר דעם גביר? טאָ לאָז בירנבוים מאָנען באָם גביר, און דער גביר לאָז מאָנען בא דער באנק. אי, דער גביר האָט מורא, טאָמער — וואָס? טאָמער לאָדט מען אים? איז פאראן, זאָגט ער, אן עצה: לאָז בירנבוים ארויסגעבן א צעטל, קוויטירן הייסט עס, דעם גביר, איך זאָל קוויטירן בירנבוימען, און מײַן ברודער הענעך זאָל קוויטירן מיך, און דער גלח זאָל קוויטירן מײַן ברודער הע־נעך. נו, ווי געפעלט אײַך אַן אײַנפאל? וואָס קאָן שוין זײַן גלײַכער דער־פון? געפינט זיך נאָך אַן אדוואָקאט א חכם און פרעגט א קלאָץ־קשיא: שאט, פון וואנען ווייסן מיר, זאָגט ער, אַז דער בילעט ענדיקט זיך שוין מיטן גלח? טאָמער ליגט ערגעץ באהאלטן אָפּן בוידעם נאָך א נפש, וואָס וועט אויפשטיין מאָרגן, וועט ברענגען עדות מיט פאפירן און וועט טענהן: „דער בילעט איז מײַנער! קינדער, ווו איז מײַן בילעט!״ וואָס זשע וועט זײַן? וועט ער מאָנען שוין נישט קיין בילעט, נאָר פינף־און־זיבעציק טויזנט! בא וועמען? נישט בא קיינעם, נאָר באָם גביר! אי, דער גביר האָט א צעטל פון בירנבוימען, בירנבוים — פון מיר, איך — פון מײַן ברודער הענעך, מײַן ברודער הענעך פונעם גלח? לאָז דער גביר גיין, זאָגט ער נאָכדעם לאָדן בירנבוימען, בירנבוים מיך, איך מײַן ברו־דער הענעך, מײַן ברודער הענעך דעם גלח — פונקט די אייגענע מעשה, וואָס מיטן חד־גדיא: ציגעלע־קעצעלע, קעצעלע־הינטעלע, הינטעלע־שטע־קעלע, שטעקעלע־פײַערל, פײַערל־וואסערל, וואסערל־אָקסעלע, אָקסעלע־שוחטל — איר פארשטייט, צי ניין?... איז ווידער שלעכט! וואָס־זשע טוט

מען? באדארף מען גיין צו א נײַעם אדוואקאט, צו קאפּערניקאָוון אליין, און פון קאפּערניקאָוון צו נאך א גרעסערן אדוואקאט, צום „גאָלדענעם ווײַזער". וואס טויג אײַך, מיר האבן נישט דורכגעלאָזט קיין איין אדוואָ־קאט, מיר האבן זיך מיט זיי, מיט די דאָזיקע אדוואקאטן הייסט עס, אזוי פאראַדוואקאטעט דעם קאפּ, אז ווו מיר זײַנען געשטאנען און ווו מיר זײַ־נען געגאנגען האט מען געהערט נאָר אדוואקאט און אדוואקאט און אד־וואקאט. האט איר נישט בא זיך אן אדוואקאט... טפו! מיין איך א פּאַ־פּיראָס?

קורץ און גוט, ווי זשע האלט איך, הייסט עס? בא די אדוואקאטן. גאָט האט געהאָלפן, די אדוואקאטן האבן געפונען אן עצה — פּאָרט אד־וואקאטן! וואס זשע איז די עצה? די עצה איז אזא מין עצה: אז איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, זאָלן קודם־כל, פריִער פאר אלע היומס, אײַנגעבן א פּאפּיר, צעשרײַבן זיך באם נאטאריוס הייסט עס, אז מיר זײַ־נען נישט שײַך צום בילעט כלל וכלל, קיין מחותנים נישט הייסט עס, און אז דעם דאָזיקן בילעט האט מיר צוגעשיקט מײַן ברודער הענעך, וואס ער האט אים גענומען, געקויפט הייסט עס, באם גלח, אף צו פאַרזעצן, און איך האב אים פאַרזעצט בא בירנבוימען און גענומען אף אים רי"ש קערבלעך, — ווי די מעשה איז געווען, דאָס הייסט, דעם רעכטן, דעם ריי־נעם, דעם אמתן אמת! דאכט זיך, פּראָסט און פּשוט, אָן שפּיצלעך, אָן חכמות און אָן אויבער־הסברות — וואס קאָן זײַן בעסער, ווי דער אמת? איז אָבער קיינער דערויף פריִער נישט געפאלן, איר פארשטייט, צי ניין?... נאָר שאט, איר זײַט נאך נישט פאַרטיק. וואס הייסט, מיר וועלן נעמען, איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, און וועלן ארויסגעבן אף זיך אזא בײַטש? און וואס וועט זײַן מיט אונדזערע חלקים? וואס ווען מיר טאָן, אז מע וועט אונדז נאכדעם זאָגן „ישקני"?... זיך גיין פארלאָזן אף מײַן ברודערס יושר און אפן גלחס נאמנות? אי, מיר האבן זיך צעשריבן מיט זיי אף פּאפּיר און געטרונקען לחיים? בלאָטע! א בויגן פּאפּיר קאָסט א גראָשן, און לחיים קאָן מען טרינקען אלע טאָג, אבי ס'איז נאָר פאַ־ראַן, ווי זאָגט איר, אביסל בראָנפן. וואס זשע האבן מיר געוואָלט, איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס? א באוואָרעניש — מע זאָל אונדז באוואָרענען אונדזערס, וואס אונדז קומט... איר פאַר־שטייט, צי ניין?... אָט דאָ האט זיך ערשט אָנגעהויבן די רעכטע חתונה:

באוואָרענישן? פֿאר וואָס קומט זיי באוואָרענישן? געגוג זיי נעמען אומ־זיסט געלט, גיב זיי נאָך באוואָרענישן!" האָט דאָך עס אונדז אָנגענומען באָם הארצן: „סטייטש, פֿאר אונדזער ערלעכקייט, איר אָזעלכע און אָזעלכע! גענוג מע טוט אײַך אַזאַ טובה, — מע וואָלט דאָך געקאָנט צו־נעמען בא אײַך אינגאנצן די פֿינף־און־זיבעציק טויזנט, אַז קיין האָן זאָל אפילו נישט קרייען, — האָט איר נאָך טענות!?... „קומט אײַך, הייסט דאָס, א דאנק, א קניפּ אין בעקל?"... אזוי זאָגט דער ברודער מײַנער, הענעך הייסט דאָס. האָט דאָך עס מיר פֿארדראָסן! א וואָרט פֿאר א וואָרט, פּיטש־פּאטש, ווי געוויינטלעך צווישן ברידער... הקיצור, געפּועלט — מע וועט אונדז שוין געבן א באוואָרעניש. וואָס פֿאר א באוואָרעניש? קוויט־לעך? — א קוויטל איז א סוכה־שער. וועקסלעך? אַן עבירה וועקסל־פּאפּיר. וואָס דען? — מזומן געלט, ווי מײַן באָבע עליה־השלום פֿלעגט זאָגן: „דאָס בעסטע מילכיקס איז א שטיקל פֿלייש". ווּ זשע קריגט מען מזומן געלט, אַז קיין מזומן געלט איז הײַנטיקע צײַטן נישטאָ בא קיינעם. שײַך זאָגן בא קיינעם? פֿאראַן געלט, און א סך, נאָר בא די בראָדסקים. „הכלל, ס'איז פּוסטע דבורים! ביז מען וועט נישט לייגן קיין באוואָרעניש, וועל איך נישט חתמענען!" „וואָס פֿאר א באוואָרעניש?" „וואָס פֿאר א באוואָ־רעניש איר ווילט, אַבי א באוואָרעניש, די וועלט זאָל פֿון מיר נאָכדעם נישט לאַכן, זאָגן, אַז יעקב־יוסיל איז געווען א בהמה". איר פֿארשטייט צי ניין?... דאָס איז אײַך איין מאָל אוועק. און מײַן חברה־מאַן, בירנבוים הייסט עס, האָט זיך טאקע גענומען פּשוט ווידער א מאָל צו דער אלטער טענה: מ ע נ ט ש ן !„, באשר, זאָגט ער, אַזוי ווי ער גיט איצטער, זאָגט ער, ארויס פֿון זיך אַזאַ מין געשריפֿטס, א ר ע צ י פּ י ס , הייסט עס אַף אייביק, לכן וויל ער, מע זאָל זיך מיט אים פֿארלאָזן אַף מענטשן, וואָס מענטשן וועלן זאָגן, אַזוי וועט זײַן. „ווידער א מאָל מענטשן? — זאָג איך. — מע האָט דאָך א יי ן מאָל געענדיקט, — וואָס טויגן אײַך מענטשן?" „פֿארשטייט איר מיך, זאָגט ער, בירנבוים הייסט עס, איך וויל, מע זאָל א פֿרעג טאָן מענטשן, אפשר וועלן מענטשן געפֿינען, אַז סע קומט מיר גאָרנישט, — למאי זשע זאָל איך נעמען אומ־זיסט געלט?"... איר פֿארשטייט, צי ניין?... איך שרײַ ב א וו אָ ר ע נ י ש, און ער טענהט מ ע נ ט ש ן . „באוואָרעניש וועט, זאָגט ער, זײַן נ אָ כ ד ע ם ; פֿריִער לאָז מען פֿרעגן מ ע נ ט ש ן". „איר האָט

זיך שוין ווידער אמאָל, זאָג איך, צעמענטשלט? סע מענטשלט מיר שוין, זאָג איך, אין קאָפּ פון אײַערע מענטשן! בעסער אין זינען האָבן, זאָג איך, אַ באַוואָרעניש; אַ באַוואָרעניש איז בילכער"...

קורץ און גוט, ווי זשע האַלט איך, הייסט עס? באַם באַוואָרעניש. מע האָט אונדז, לאָז זיך אײַך דאַכטן, באַוואָרנט, פאַרבונדן איינס דאָס אַנדערע, ווי עס געהער צו זײַן, זיך צעשריבן פון אַלע זײַטן הייסט עס, און דווקא באַם נאָטאַריוס, און מע האָט אײַנגעגעבן די אַלע פּאַפּירן אַהין ווו מע דאַרף, און מע האָט אָנגעהויבן גיין צו אַדוואָקאַטן, שרײַבן פּאַ־פּירן, אַזאַ פּאַפּיר און אַזאַ פּאַפּיר, העצקען זיך אַלע מאָנטיק און דאָנער־שטיק אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן, לייגן הוצאות, צאָלן בעטל־געלט, שלאָפן מיט וואַנצן, אַבי סע הייסט „האָטעל" (אַכסניא לוינט זיי ניט!), עסן פּאָרציעס, געפּרעגלטע טאַראַקאַנעס, אַבי סע הייסט „בראַטען" (ראַ־סלפלייש לוינט זיי נישט!), שוויצן ווי אין אַ שוויץ־באָד, בראָטן זיך אויף דער זון, פּוצן די שטיינער, ווערן טויב און דול פונעם קלאַפּן און פונעם טראַסקען און פונעם הו־האַ, טאָמער ווייסט איר וואָס? אַ גדולה — פינף־און זיבעציק טויזנט! נעכײַ־בי וואָלט דאָס שוין געווען, אַן עק לאָז דאָס האָבן, ווי זאָגט מײַן ווײַב זאָל לעבן: „אַ קופּערנער גראָשן אויף דער וואָר איז טײַערער פון אַ גאָלדן רענדל אין חלום. דײַנע פינף־און־זיבעציק טויזנט, זאָגט זי, האָבן מיר שוין געמאַכט פינף און זיבעציק לעבער אין האַרצן. איך וואָלט דיר מוחל געווען דעם כבוד — צו וואָס האָב איך עס, זאָגט זי, באַדאַרפט?"... „ע, ביסט אַ יידענע, זאָג איך, און אַ יידענע בלײַבט אַ יידענע"... אַזוי זאָג איך צו איר, און פילן פיל איך, אַז זי איז גערעכט, וואָרעם וואָס האָב איך דערפון, אַז אין מאַרק אַרײַן נעמען קאָן מען דאָס נישט? זיך נאָר געקויפט אומזיסטע שונאים: דער איז מיר גלאַט מקנא, און דער פאַרגינט מיר ניט, האָט מורא, טאָמער נעם איך געלט, פאַר וואָס קומט יעקב־יוסלען אַזוי פיל געלט, איר פאַרשטייט, צי ניין?... וואָס זאָלט איר קלערן, עס האָט זיך גענוג בלוט אָפּגעצאַפּט, ביז מע האָט דערלעבט הערן דאָס גוטע וואָרט, אַז דער עסק איז שוין אַ צערי־בענער עסק, אוים עסק! און עס איז גענוג די אויגן אַרויסגעקראָכן, ביז מע האָט דערלעבט זען דעם בילעט אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזלדיקער שעה! נאָר איר מיינט, אַז אָט אַזוי גיך האָבן מיר דערזען דעם בילעט? פּאַוואָלינקע, נאָר נישט געכאַפּט. פריִער האָט מען באַדאַרפט, ס'זאָל אײַ־

בערגיין די צײַט, דער חודש הייסט עס, וואָס טאָמער גיט עמעצער אײַן, אַז ער איז נישט צופֿרידן מיטן משפּט. דעם דאָזיקן חודש ווייס איך ניט, אויב איך בין געשלאָפֿן איין נאַכט אַפֿילו. עס האָבן זיך מיר געפּלאָנטעט אַלץ אַזעלכע ווילדע־משונה חלומות, אַז ניט איין מאָל פֿלעג איך מיך, איר פֿאַרשטייט, צי ניין, אויפֿכאַפּן אין מיטן באַנאַכט און שרײַען נישט מיט מײַן קול: „צפּורה, איך פֿלי!"... „ווּהין פֿליסטו? — זאָגט זי צו מיר. — וואָס איז פֿאַר אַ פֿלִיען אַף דיר? שפּײַ אוים דריי מאָל און דערציייל מיר, וואָס האָט זיך דיר געחלומט?" „עס האָט זיך מיר געחלומט, זאָג איך, אַ שיינער חלום; עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך האָב פֿליגל און איך פֿלי, און עס פֿלִיען מיר נאָך ווילדע ברואים, מיני מאָדנע באַשעפֿענישן, שלאַנגען און עקדישן, און ווילן מיך נאָר דורס זײַן"... דאָס איז איין מאָל געווען. דאָס אַנדערע מאָל האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך זיץ אַף אַ זאַק, אַ גרויסן, אַן אָנגעבלאָזענעם זאַק; דער זאַק איז אַ גומענער זאַק און אַ רויטער, און באַ דער זײַט שטייט אָנגעצייכנט אַף אים מיט גרויסע ציפֿערן: 75.000... ס'איז שבת באַטאָג, זומער־צײַט, איר פֿאַרשטייט, צי ניין, די גאַנצע שטאָט יִדן און ווײַבער גייען־אַרום אַפֿן שפּאַציר, שטעלן זיך אָפּ אַלע ווײַלע און קוקן, קוקן אַף מיר מיט אויגן... פּלוצעם — טראַך! — עס הערט זיך אַ קנאַק; דאָס האָט געלאָפּנעט דער גומענער זאַק, און איך פֿאַל, פֿאַר מיט אַ געשריי: „צפּורה, געלאָפּנעט!" „גאָט איז מיט דיר! ווער? ווער האָט געלאָפּנעט? לאָזן מײַנע שונאים לאָפּנען!"... אַזוי זאָגט צו מיר מײַן ווײַב און וועקט מיך אויף פֿונעם שלאָף און איז מיר מסתמא פּותר־לחלום צו גוטן, ווי געווינטלעך אַ ווײַב.

קורץ און גוט, ווו זשע האַלט איך, הייסט עס? באַם בילעט אַרויסנעמען. אַז ס'איז געקומען צום גיין דעם בילעט אַרויסנעמען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַער עסק: מי ומי ההולכים — ווער זײַנען, הייסט עס, די גייערס? איטלעכער באַזונדער איז באַ זיך אַוודאַי זייער אַ גרויסער בטוח, נאָר אײַנגאַנצן פֿאַרגלייבן זיך אַף יענעם בין איך אויך נישט מחויב — ס'איז צו אַ גרויסער נסיון, ס'איז פֿינף־און־זיבעציק טויזנט קערבלעך! איר פֿאַרשטייט, צי ניין?... בכן איז געבליבן, איך גלייב דיר ניט, דו גלייבסט מיר נישט — — לאָמיר בעסער גיין אַלע זאַלבענאַנד. דהיינו, וואָס הייסט אַלע זאַלבענאַנד? אַ פֿאַרשווין צען. פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען צען פֿאַרשווין? רעכנט־אויס,

וועט איר זען: איך בין ניט איינס, בירנבוים איז ניט צוויי, דער גלח איז ניט דרײַ, מײַן ברודער, הענעך הייסט עס, איז נישט פיר, דרײַ אדוואָ־קאַטן (איינער פונם גלחס צד, איינער פון מײַן ברודערס צד, אַ טאַראַש־טשער אדוואָקאַט, און איינער פון מײַן צד מיט בירנבוימס צד, אַ טשער־קאַסער אדוואָקאַט) — האָט איר שוין אַ קיימאַ־לן פון קיין עין־הרע זיבן פּאַרשוין; הײַנט די דרײַ מעקלערס, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעלייגט אין גע־שעפט און אויסגעגלײַכט אונדז, — אָט האָט איר אײַך פּונקט צען פּאַר־שוין, אַ מנין הייסט עס... איז אַפילו תחילת געווען אַביסל פּריקרע; מײַן ברודער, הענעך הייסט עס, האָט זיך געשמיצט און געוואָרפן, למאַי עס גייען אַזוי פיל מענטשן, אַ גאַנצע כאַליאַסטרע! גענוג, זאָגט ער, וואָלט געווען, דאַכט זיך, מיר זאָלן גיין אינצווייען, ער מיטן גלח הייסט עס... ס'איז אים נישט אָנגעשטאַנען די מעשה, אַפּנים, וואָס קיינער וויל זיך ניט פאַרלאָזן אַף זײַן יושר מיטן גלחס נאמנות. עס האָט זיך אָבער געהאָלפן, מאָלט אײַך, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי, וואָרעם איטלעכער האָט געהאַט אַן אַנדער טענה, און איז געווען גערעכט. למשל, איך האָב אויסגעוויזן, אַז איך מ ו ז גיין, וואָרעם איך בין אַ ברודער — נישט מחמת כבוד, נאָר מחמת דעם, וואָס איין ברודער דעם אַנדערן מעג אָנפּײַפן; וואָס וועל איך אים נאָכדעם טאָן? גיין לאָדן צום ונתנה־תוקף? ס'איז דאָך אַ ברודער!... און מײַן בירנבוים האָט געטענהט, אַז וויבאַלד אַן אייגענער ברודער וויל ניט גלייבן, מעג ער, אַ ווילד־פרעמדער, פאַר זײַן ערלעכקייט אוודאי ניט פאַרלאָזן זיך אַף נסים! ער איז אַזוי אויך, זאָגט ער, גענוג יוצא... און מען קאָן ניט זאָגן, ער זאָל זײַן אײַנגאַנצן אומגערעכט... די דרײַ אדוואָ־קאַטן שמועסט מען ניט, אַז זיי מ ו ז ן זײַן דערבײַ, וואָרעם מע וועט נאָך באַדאַרפן, זאָגן זיי, שרײַבן און שרײַבן... איז געבליבן, הייסט עס, נאָר די מעקלערס; זאָגן די מעקלערס, אַז גיין, באַדאַרפן זיי אויך גיין, און דווקא אַלע דרײַ, וואָרעם זיי זײַנען שוין, זאָגן זיי, געשלאָ־גענע הינט, געניטע מענטשן הייסט עס; זיי זײַנען דורכגעגאַנגען, זאָגן זיי, אַ גוטע שקאָלע; זיי האָבן דורכגעמאַכט דעם קורס פון דער בערזע אין יעהופּעץ, ווייסן זיי שוין וואָס באַדײַט מעקלער־געלט, „קאַרטאַזש" הייסט עס; דאָס איז אַזאַ געלט, ווי רח"ש, וואָס מע מוז, זאָגן זיי, זײַן באַם ער־שטן טעלער־ברעכן, איר פאַרשטייט, צי ניין?... אָפּגערעדט האָבן מיר נאָר, אַז צונויפקומען זיך לאָזן מיר כאָטש ניט אַלע מיט אַ מאָל, נאָר איינציק־

ווייז; און אזוי איטלעכער באזונדער האט זיך געפעדערט זיין דער ער־שטער, לכן זיינען מיר אלע געווען בא דער באנק כאור הבוקר, זיך ארומגעדרייט אין דרויסן א היפשע ווײַלע, ביז מע האט אונדז אויפגעעפנט די טיר, און מיר זיינען אריינגעגאנגען אפנעמען דעם בילעט. נו, און דאס פארשפאר איך דאך אייך דערציילן וו א ס א באנק איז. א באנק האט פיינט כאפן זיך — זי האט זיך צײַט. וואס גייט איר אן בילעט, יעקב־יו־סיל, פינף־און־זיבעציק־טויזנט, גלחים, הענעכס, בירנבוימס, מעקלערס, וואס ווילן נעבעך פארדינען, און גלאט מענטשן? ווייס איך — אפילו נישט אין דער לינקער פאה! דער פארדרייכערט זיך א פאפיראס, דער רעדט דברים בטלים, דער טרינקט א גלעזל טיי, דער פארשניצט א שטיפטל, דער לייענט א גאזעט — אריינגעשטעקט די נאז טיף־טיף און הייבט נישט אויף דעם קאפ, כאטש גיב אים א קרענק! מיר דרייען זיך ארום, מיר געניצן, הוסטן, מיר וואלטן שוין גערן דערלעבן די מינוט, די רגע — איז נישטא דער בוכהאלטער. געקומען דער בוכהאלטער — נישטא דער קא־סיר. געקומען דער קאסיר — נישטא דער דירעקטער. ווו איז דער דירעק־טער? ער שלאפט נאך. דער בעל־הבית פון דער באנק, הייסט עס, ליגט זיך און שלאפט. וואס גייט אים אן, אשטייגער, בילעטן, יעקב־יוסיל, פינף־און זיבעציק־טויזנט, גלחים, הענעכס, בירנבוימס, מעקלערס, וואס ווילן נעבעך פארדינען, און גלאט מענטשן? וויפל קאן ער, אשטייגער, נעמען דא געהאלט, אזא מין דירעקטער? אוודאי זעקס טויזנט קארבן, און אפשר אכט, און פאר וואס ניט אלע צען? קארג הארעוועט ער נעבעך?... איך וואלט זיך דא געשטעלט פאר האלב, כלעבן, פאר א דריטל, און וואלט אפשר מער געארבעט פון אים, געטרייַער אוודאי!... אזוי שטיי איך מיר בשעת מעשה און טראכט און אפשר האב איך בשעת מעשה גארנישט גע־טראכט, איר פארשטייט, צי ניין?... און בתוך כך קומט אן דער דירעקטער. אנגעקומען דער דירעקטער, האבן מיר זיך מסתמא א לאז געטאן צו אים אלע מיט א מאל. ער האט זיך עפעס ווי איבערגעשראקן און א מאך גע־טאן מיט דער האנט. זיינען צוגעגאנגען צו אים נאר די אדוואקאטן, אלע דרייַ הייסט עס, און דער גלח, און האבן אים דערלאנגט די פאפירן, איר פארשטייט, צי ניין?... האט זיך דער דירעקטער פארשלאסן בא זיך מיט די פאפירן, און מיר האבן גענומען ווארטן און ווארטן, ווארטן, און ווארטן; אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מיר האבן זיך דערוואַרט: דער דירעק־

טער איז אַרויסגעגאַנגען מיט עפּעס אַ גראָבן פּריץ און האָט זיך אוועקגעשטעלט צו אונדז, מחילה, מיטן הינטן, ריידן, — רעדט ער נאָך. וואָס גייט אים אָן בילעטן, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיבעציק טויזנט, גלחים, הענעכס, בירנבוימס, מעקלערס, וואָס ווילן נעבעך פּאַרדינען, און גלאַט מענטשן?... פּלוצעם דרייט ער זיך אויס צו אונדז מיטן פּנים: „וואַשי בומאַגי גאָטאָווי, סטופּאַיטיע א'ו קאַססו — שוין פּאַרטיק, הייסט עס, אײַערע פּאַפּירן, גייט צום קאַסיר"... נישט געקאָנט זאָגן פריִער, איר פּאַרשטייט, צי ניין?... גענומען די פּאַפּירן, האָבן מיר זיך אַ לאָז געטאָן צום קאַסיר און דערלאַנגט אים די פּאַפּירן, געמיינט, אַט דאָ זײַנען מיר שוין פּאַרטיק; צום סוף — ווער? וואָס? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! דער קאַסיר איז פּאַרנומען, ער ציילט געלט, פּאַפּירלעך, הונדערטערס און ת"קערס אַזוי ווי מיסט, און גאָלד, גאָלד גאַנצע קופּקעלעך, אַ פולער טיש! וויפל קאָן דאָ זײַן געלט? ווייי איז מיר, ווען איך פאַרמאָג אַ צענטחלק כאָטש, לאַך איך מיך אויס אָפּן גאַנצן בילעט!... אָט אַזוי שטיי איך מיר בשעת מעשה און טראַכט; און ער, דער קאַסיר הייסט עס, האַלט אין איין ציילן דאָס גאָלד, ער זאָל עס אַפילו אונדז שענקען אַ קוק! וואָס גייט אים אָן, אַשטייגער, בילעט, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיבעציק טויזנט, גלחים, הענעכס, בירנבוימס, מעקלערס, וואָס ווילן נעבעך פּאַרדינען, און גלאַט מענטשן?... דאָס גאָלד בײַ אים אין די הענט פליִט — פליט מיט אַ משונה־זיסן קלאַנג, מיטן קלאַנג פון גאָלד. אַ „גאָלדענער קלאַנג", איר פּאַרשטייט, צי ניין?...

קורץ און גוט, ווי זשע האַלט איך, הייסט עס? בײַם ביסל גאָלד. אױבערגעציילט דאָס גאָלד, הייבט ער אויף אָף אונדז די ברילן, טוט אַ נעם בײַ אונדז די פּאַפּירן און אַ מיש, ווי מע ציילט געלט, הונדערטערס אַשטייגער, מיט אַ מאָדנעם קנאַק מיט די פינגער! עפנט אויף דאָס טישקעסטל, נעמט־אַרויס פון דאָרטן אַ גאַנץ גרויסן פּאַקעט; עפנט־אויף אַ קאָנווערט, רײַסט אים אויף, נעמט־אַרויס פון דאָרטן דעם בילעט, דעם אמתן בילעט הייסט עס, און טוט אַ פרעג: „ווער נעמט?"... האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ מאָל צען פּאָר הענט. „ניין! — רופט זיך אָן דער קאַסיר — אַזוי פיל הענט קאָן איך דעם בילעט נישט געבן; קלײַבט אײַך אויס איינעם פון אײַער קאָמפּאַניע"... האָבן מיר, איר פּאַרשטייט, צי ניין, אויסגעקליבן איינעם פון אונדזער קאָמפּאַניע, דעם עלטסטן פון די דרײַ

אדוואָקאַטן. דער עלטסטער פון די דריי אדוואָקאַטן האָט גענומען דעם בילעט פאַוואָלינקע אין ביידע הענט אַריין, ווי מע נעמט אַ קינד בשעת יידישן, און האָט אים צוגעטראָגן פריער צום גלח, נאָכדעם צו מיין ברודער, העניך הייסט עס, נאָכדעם צו מיר און צו בירנבוימען, אונדז ביידן הייסט עס, מיר זאָלן זען, צי איז דאָס דער זעלבער בילעט טאַקע, צי ניין?... האָט דער גלח געזאָגט, אַז ער האָט אים דערקענט נאָך פון דער וויַטן באַם קאַסיר אין די הענט; ער האָט אַף אים, זאָגט ער, אַ גוטן סימן. וואָס פאַר אַ סימן? — וויל ער נישט זאָגן... און מיין ברודער, העניך הייסט עס, האָט געשוואָרן באַ אַלדאָס גוטס, אַז ווען מע וועקט אים, למשל, זייגער צוויי באַנאַכט און מע טראָגט אים צו דעם דאָזיקן בילעט, דערקענט ער אים מיטן קוק! איר פאַרשטייט, צי ניין?... און איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, האָבן דווקא דעם בילעט נישט דערקענט — למאי זאָל איך זאָגן אַזאַ זאַך, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן? מיר האָבן נאָר גוט באַטראַכט די סעריע מיטן נומער 12 הייסט עס — דאָס איז דאָך דער עיקר, ווי זאָגט איר, האַ? און מיר האָבן זיך געלאָזט פון דאָרט גלייך אין גאָסודאַרסטווענע באַנק אַריין, אָפּשקאָנטירן דעם בילעט, אָפּנעמען די ממתקים הייסט עס, די פינף־און־זיבעציק טויזנט. געגאַנגען זיינען מיר אַלע אינאיינעם, און דווקא צו־פוס, כאָטש ס'איז אַרויף־באַרג. דער עלטסטער פון די אַקוואָקאַטן האָט געהאַלטן דעם בילעט אויבן־אויף, גאַנץ שטאַרק, מיט ביידע הענט, ער זאָל אים חלילה נישט פאַרלירן, אָדער מע זאָל אַף אים, חס ושלום, נישט איבערטראַכטן, אַז ער וויל מאַכן די קונץ, איבערבייטן — אַ קשיא אַף אַ מעשה, אַזאַ שלים־מזלדיקער בילעט, איר פאַרשטייט, צי ניין?... און געגאַנגען זיינען מיר שוין נישט נאָר זאַלבעצענט — מיר זיינען שוין געווען מער ווי צוויי מנינים. פון וואַנען האָבן זיך גענומען, קיין עין־הרע, אַזוי פיל מענטשן? וועל איך אייך זאָגן: ערשטנס, גלאַט אַזוי, גוטע באַקאַנטע פון מיין שטעטל זיינען געראַדע געווען דעם טאָג אין דער גרויסער שטאָט, און דערזען, מיר גייען שוין מיטן בילעט אין גאָסודאַרסטווענע באַנק אַריין אָפּנעמען די פינף־און־זיבעציק טויזנט, זיינען זיי אונדז געגאַנגען אַביסל באַגלייטן, און טאַקע אין איינוועגס אַ קוק טאָן, ווי אַזוי מע נעמט דאָס גרויסע געווינס, וואָרעם נישט אַלע טאָג קאָן מען אַזעלכס זען. הקיצור, וואָס זאָלט איר קלערן, מיר האָבן געהאַט אַ שיינע לוויה, און אַ שיינעם

ברוך־הבא אין גאָסודאַרסטווענע באַנק. דער יעפּרייטער, וואָס שטייט בײַ דער טיר, האָט זיך אַפילו תּחילת אַביסל דערשראָקן, אַז ער האָט דערזען פאַר זיך, קיין עין־הרע, אַזוי פיל ייִדן מיט אַ גלח אין מיטן; פון דעסט־וועגן האָט ער אונדז גאַנץ פײַן אויפגענומען און אַרײַנגעגעבן איינציק־ווײַז אין באַנק אַרײַן. צוגעגאַנגען מיטן בילעט אַהין וווּ מע דאַרף און געזאָגט וואָס מיר באַדאַרפן, האָט מען אונדז צוגעפירט צו איינעם אַ טשי־נאָווניק מיט אַ ווײַסער גלאַנצנדיקער ליסינע, ווי אַ מילכיקער טעלער, און מע האָט אים איבערגעגעבן אונדזער בילעט און מע האָט אים עפּעס אַ זאָג געטאָן, וואָס — ווייס איך נישט. יענער וואָס מיט דער ליסינע, וואָס איז געזעסן אויף יענער זײַט גראַטעס, האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַ וואָרף געטאָן אויף אונדז אַ שאַרפן קוק דורך די ברילן און געטאָן זיך זײַן אַרבעט: ער האָט געהאַלטן אין די הענט אַ שאַרף מעסערל, איר פאַרשטייט, צי ניין, און האָט מיטן מעסערל געקראַצט אין אַ בוך, געקראַצט און גע־קראַצט, אָן אַן אויפהער. ער קראַצט, און מיר שטייען אין געהאַקטע וווּנדן און קוקן, ווי ער קראַצט, און דער גאַנצער איבעריקער עולם שטייט און קוקט אויף אונדז און באַטראַכט אונדז פון קאָפּ ביז די פּיס, און ער, דער טשינאָווניק מיט דער ליסינע, הערט נישט אויף צו קראַצן, און אַרום און אַרום אויף אַלע טישן זיצן נאָך טשינאָווניקעס און ציילן געלט, — נאָר וו אַזוי, מיינט איר, געלט? אַזוי ווי פּאַלאָווע, ווי מיסט! גאָלד — גאַנצע סטערטעס! דער קאָפּ דרייט זיך אַזש, דער „גאָלדענער קלאַנג״ הילכט אַזש אין די אויערן, און סע שעמערירט אין די אויגן! „ווער האָט דאָס אויס־געקלערט, טראַכט איך מיר, אָט דאָס געלט, וואָס איבער דעם ווערן מענטשן אַזוי פאַרשוואַרצט, שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט, און איינער דעם אַנדערן וואָלט נאָר אײַנגעשלונגען לעבעדיקערהייט — נישטאָ קיין ברו־דער, קיין שוועסטער, קיין פאָטער, קיין קינד, קיין שכן, קיין גוטער פרײַנט, קיין טײַערס אויף דער וועלט, נאָר געלט און געלט און געלט!״... אַזוי טראַכט איך מיר, און אפשר האָב איך בשעת מעשה גאָר נישט גע־טראַכט, איר פאַרשטייט, צי ניין?... און ער, דער טשינאָווניק, הייסט עס, הערט נישט אויף צו קראַצן, וואָרעם וואָס גייט אים אָן, אַשטייגער, בילעט, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיבעציק טויזנט, גלחים, הענעכס, בירנ־בוימס, מעקלערס, וואָס ווילן נעבעך פאַרדינען, און גלאַט מענטשן?... נאָר אַלצדינג אויף דער וועלט איז דאָך ביז אַ צײַט; גאָט האָט רחמנות

געהאַט, דער טשינאָווניק האָט אויפגעהערט צו קראַצן, צונויפגעלייגט דאָס שאַרפע מעסערל, באַהאַלטן דאָס אין זשילעט־קעשענע, ארויסגענומען א קלאָר־ווייסע פעטשיילע, גוט אויסגעשנײַצט די נאָז, ווי מע באַדאַרף; נאָכדעם האָט ער א נעם געטאָן דעם בילעט, פשוט ווי מע נעמט א פּראָסטן בויגן פּאַפּיר פאַר א גראָשן, געעפנט עפּעס א בוך, א ספר־הזכרונות, און געקוקט — געקוקט, א קוק אין בוך און א קוק אפן בילעט, א קוק אפן בילעט און א קוק אין בוך. „ער האָט, אפנים, מורא, דער דאָזיקער חכם, אז דער בילעט איז א געמלאָכהטער בילעט״... — אזוי טראַכט איך מיר. — „קראַץ־קראַץ! — טראַכט איך מיר. — שמעק־שמעק! ס'איז אן אמתער בילעט נעבעך, ניט קיין פאַלשער!״... פּלוצעם זע איך, ווי ער נעמט דעם בילעט, טוט אים א וואָרף אונדז כמעט גלײַך אין פּנים אַרײַן מיט די דאָזיקע ווערטער (איך געדענק זיי אזוי ווי אצינד געדענק איך זיי):

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אז דער דאָזי־קער בילעט האָט געוווּנען די פינף־און־זיבעציק טויזנט?

איר פאַרשטייט, צי ניין? ווער האָט אונדז גע־זאָגט? ? ? ? ווי געפעלט אײַך אזא משל?!

— וואָס הייסט, — זאָגן מיר, — ווער האָט אונדז געזאָגט? דער בילעט אַליין האָט אונדז געזאָגט, אז ער האָט געוווּנען די פינף־און־זיבעציק טויזנט; די סעריע 2289 נומער 12!

— יאָ, — מאַכט ער צו אונדז גאַנץ ערנסט — דאָס איז אמת, די סעריע נומער 2289 נומער 12 האָט טאַקע געוווּנען פינף־און־זיבעציק טויזנט, און אײַער בילעט איז 2298 נומער 12. א קליין טעותל, מא־ליענקאיא אָשיבאָטשקא...

געפעלט אײַך עפּעס אזא נײַס? מילא, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? תחילת, אז ער האָט אונדז אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, זײַנען מיר געוועז אַלע ווי צעמישט. מיר האָבן גערעכנט: אָדער ער איז דול, אָדער מיר זײַנען משוגע, אָדער סע חלומט זיך אונדז א חלום. און מיר האָבן גענומען קוקן איינס אף דאָס אַנדערע. נאָכדעם האָבן מיר זיך ערשט דערמאָנט א קוק טאָן אין בילעט אַרײַן — יאָ, ווי מיר זײַנען ייִדן! סעריע 2298 נומער 12! איר פאַרשטייט, צי ניין?...

וואָס זאָל איך אײַך דערציילן ווײַטער, מײַן ליבער פרײַנט? איך בין

דאָס גאָרנישט אימשטאַנד אײַך איבערצוגעבן אַ צענטחלק אַפילו, איר זײַט דאָס נישט אימשטאַנד צו באַשרײַבן, און קײנער איז נישט אימשטאַנד זיך פאָרשטעלן דאָס בילד, די קאַרטינע, וואָס איז פאָרגעקומען דעמאָלט אין באַנק, בשעת מיר זײַנען געבליבן שטײן אַלע אָן לשון. געקוקט אײנס אַף דאָס אַנדערע. אַף די פּנימער איז געווען אָנגעצײכנט — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? ס'איז גאָרנישט געווען קײן פּנימער פון מענטשן, איר פאַרשטײט, צי נײן, ס'איז געווען חיות און בהמות איז דאָס געווען, אינעם געשטאַלט פון מענטשן, בהמות בצורת אדם הײסט עס. אײנער דעם אַנדערן זאָל קאָנען דורס זײַן, וואָלט ער אים דורס געווען מיטן קוק, מיט די אויגן! דאַכט זיך, וואָס? וואָס האָט מען אײַך געטאָן אַזעלכעס? עס האָט זיך אײַך געחלומט אַ חלום פון פינף־און־זיבעציק טויזנט? נו, אם כן, באַדאַרף מען זיך נעמען דאָס לעבן? שוין זשע האָט דאָס לעבן קײן שום ווערדע ניט, אַ חוץ געלט? משוגעים, איר פאַרשטײט, צי נײן?... אַף קײנעם האָט מיך נישט פאַרדראָסן, הערט איר, ווי אַף מײַן חברה־מאַן, אַף בירנבוימען הײסט עס. מילא, די איבעריקע חברה האָבן כאָטש פאַרענטפערט זיך, אַרויפגעלײגט די באָד אײנס אַף דאָס אַנדערע: דער גלח האָט אַרויפגעלײגט אינגאַנצן אַף מײַן ברודער הענעך, און מײַן ברודער הענעך האָט געזאָגט: פרעגט אים בחרם, עס האָט זיך אים אַפילו נישט געחלומט קײן פינף־און־זיבעציק טויזנט, און ער וואָלט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ווען איך, יעקב־יוסיל הײסט עס, זאָל אים נישט געווען קלאַפּן קײן דעפּעש און אָפּגעבן מזל־טוב, איר פאַרשטײט, צי נײן? „שײן האָסטו, זאָגט ער, געקוקט, ברודער מײַנער, אין בלאַט!"... „פאַרוואָס האָסטו, זאָג איך, ניט געקוקט?" „דו ביסט געווען, זאָגט ער, דער גאַנצער ברעכער, בײַ דיר איז געווען, זאָגט ער, דער בילעט, דו ביסט, זאָגט ער, ד ע ר ר ע כ ט ע ר ב ע ל־ה ב י ת!"... איר הערט אַ מעשה? פריִער, אַז ס'איז געווען די פינף־און־זיבעציק טויזנט, האָט מען מיך געוואָלט אָפּלײקענען גאָר אינגאַנצן, און איצט, אַז עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך, בין איך שוין ד ע ר ר ע כ ט ע ר ב ע ל־ה ב י ת. איר פאַרשטײט, צי נײן? נאָר גאָר נישט. איך, יעקב־יוסיל, דאָס כּפּרה־הינדל, נעם אַף זיך די גאַנצע באָד; לאָז זײַן א י ך בין דער גאַנצער חייב! אַי, ווו זײַנען געווען א ײַ ע ר ע אויגן, בהמות? איר האָט דאָך אויך געזען גלײַך מיט מיר אָ מאָל נײַנצן די אַלע פּאַפּירן, מיט

די קוויטאַנציעס, מיט די סטראַכאַווקעס, ווי סע שטייט בפרוש סעריע 2298, נומער 12, און געוווּנען האָט גאָר די סעריע 2289 נומער 12, — פאַר וואָס איז אײַך נישט אײַנגעפאַלן אַ קוק צו טאָן, אַז די 9 שטייט פריִער פאַר דער 8? און אַז דער בילעט איז שוין געווען בײַ אײַך אין די הענט, זײַט איר, דאַכט זיך, ניט קליין געווען אַ קוק צו טאָן נאָך אַ מאָל אין דער טאַבעלע, וואָס פאַר אַ סעריע האָט געוווּנען די פינף־און־זיבעציק טויזנט: צי די סעריע 2298, צי די סעריע 2289? אין באַנק אַרײַן, זעט איר, האָט איר זיך נישט געפוילט גיין אַ גאַנצע כאַליאַסטרע — וואָס איז? איר האָט געמיינט, אַט נעמט איר געלט? איר פאַרשטייט, צי ניין?... נאָר אַף קיינעם האָט מיך אַזוי ניט געברענט, זאָג איך אײַך, ווי אַף דעם חברה־מאַן, בירנבוים הייסט עס. איר האָט אים באַדאַרפט אָנקוקן, ווי ער איז זיך געשטאַנען בײַ דער זײַט, ווי אַ ווילד־פרעמדער, גלײַך ווי מיט אים געהער זיך דאָס נישט אָן גאָר ניט. אָט ערשט, דאַכט זיך, האָט ער גע־אַרבעט מעשים: מענטשן! מענטשן! ער וויל זיך פאַרלאָזן אַף מענטשן! און איצט שטייט ער, ווי אַ כשר לעמעלע, נעבעך גאָט די נשמה שולדיק!... האָט דאָס מיך שוין אָנגענומען, איר פאַרשטייט, צי ניין, באַם האַרצן, און איך האָב מיך מיישב געווען: לאָם איך מיר כאָטש קילן דאָס האַרץ פאַר מײַן בלוט, וואָס ער האָט מיר אָפּגעצאַפּט דעמאָלט, דעם צווייטן מײַ, אויב איר געדענקט, בשעת איך בין געשטאַנען פאַר אים און געבעטן זיך, ווי בײַ אַ גזלן, ער זאָל מיר אַרויסגעבן דעם בילעט.

— פאַני בירנבוים! — רוף איך מיך אָן צו אים. — אַצינד האָט איר צײַט זיך פאַרלאָזן אַף מענטשן; אָט שטייען מענטשן אין באַנק, קיין עין־הרע, אַ סך! וואָס שווײַגט איר? איר ווילט שוין נישט קיין מענטשן? אויס מענטשן?...

דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען, איר פאַרשטייט, צי ניין, און גע־קוועלט. פון וואָס מע האָט געקוועלט — קאָן איך אײַך נישט זאָגן: צי דאָס קוועלן איז געווען פון דעם, וואָס איך רוף מײַן חברה־מאַן, בירנבוי־מען הייסט עס, אַף מענטשן? צי ס'איז גלאַט געווען אָנגעלייגט באַם עולם, וואָס פון די פינף־און־זיבעציק טויזנט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך? קאָן איך אײַך זאָגן, איר פאַרשטייט, צי ניין, און שווערן בײַ וואָס איר ווילט, אַז עס הייבט מיך נישט אָן צו אַרן דאָס געלט — לאָז דאָס ברענען אַפן פײַער! אַרן אַרט מיך נאָר, פאַר וואָס אַז בשעת מע האָט נאָר

ג ע מ יי נ ט , אַז יעקב־יוסיל האָט פינף־און־זיבעציק טויזנט, איז יעקב־יוסיל געווען „רב יעקב־יוסיל"; און איצט, אַז מען איז געוואָר געוואָרן, אַז יעקב־יוסיל האָט, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ פײַג, נישט קיין פינף־און־זיבעציק טויזנט, — איז אַן עק, אויס רב יעקב־יוסיל!... וואָס, פּאַרכעס, אין אײַער פּאָטער און מוטער אַרײַן! וואָס האָב איך דאָ חוטא־בעגל געווען? יאָ פינף־און־זיבעציק טויזנט, ניט פינף־און־זיבעציק טויזנט — וואָס איז דאָ די נפקא־מינה?... הערט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, פּאַני שלום־עליכם? איר מעגט זיך טאַקע איבערנעמען מיט אײַערע יידעלעך און מיט דער גאַנצער וועלט! ס'איז, הערט איר, פּע, אַ פּאַסקודנע יועלט, און אַ פּאַלשע וועלט, און אַ פּאַרפּירטע וועלט, און אַ נאַרישע וועלט! נאָר זײַט זיך מודה, עס קלינגט אײַך נאָך נישט אין די אויערן און עס דרייט זיך נאָך נישט אַף אײַך דאָס היטל פון מײַנע פינף־און־זיבעציק טויזנט? האָט נאָר קיין פּאַראיבל נישט, וואָס איך האָב אײַך אָפּשר אָפּגעדולט אַ קאָפּ, און זײַט מיר געזונט, איר פּאַרשטייט, צי ניין, און לאָז גאָט געבן בעסערע געשעפטן.

געשריבן אין יאָר 1902.

# דער דייטש

בין איך אליין, ווי איך האָב אײַך געזאָגט, אַ דראַזשנער, פֿון דראַזשנע הייסט דאָס, אַ קליין שטעטל אין פּאָדאָליער גובערניע, גאָר אַ קליין שטעטל; הײַנט איז שוין דראַזשנע כּלומרשט אַ שטאָט מיט אַ באַן, מיט אַ סטאַנציע, מיט אַ וואָקזאַל... אַז דראַזשנע איז געוואָרן אַ סטאַנציע, האָט אונדז די גאַנצע וועלט מקנא געווען: אַ קלייניקייט אַ באַן! מע האָט געמיינט, דאָס וועט ווערן אַ מחיה, אַ מקום פּרנסה, מע וועט זשעברען פּולע זשמעניעס מיט גאָלד, מע וועט גליקלעך ווערן! ייִדן זײַנען זיך צונויפגעפֿאָרן פֿון די דערפֿער אַרוים אין שטאָט אַרײַן; בעלי־בתּים האָבן גענומען איבערבויען די הײַזער, שטעלן נײַע קלייטן; די טאַקסע פֿון פֿלייש האָט מען געהעכערט; מע האָט שוין אָנגעהויבן קלערן מכּח אַ נײַעם שוחט, מכּח נאָך אַ בית־המדרש און מכּח אָפּנעמען פֿעלד אַף צו פֿאַרברייטערן דאָס אַלטע בית־עולם — בקיצור, ס'איז געוואָרן „ליהודים". אַ ווערטל? אַ באַן, אַ סטאַנציע, אַ וואָקזאַל! בעלי־עגלות האָבן זיך אַפֿילו תּחילת אַביסל געבונטעוועט, געווען שטאַרק ניט צופֿרידן פֿונעם עסק, נאָר ווער פֿרעגט זיי? מע האָט אויסגעלייגט רעלסן, אַראָפּגעבראַכט וואַגאָנעס, אַנידערגעשטעלט אַ וואָקזאַל, אויפֿגעהאַנגען אַ גלעקל, צוגעשלאָגן אַ ברעטל: „סטאַנציע דראַזשנאַ" — און רעדט צו דער וואַנט!

אַז ס'האָט אָנגעהויבן גיין די באַן, רופֿט זיך אָן צו מיר מײַנע: „וואָס רעכנסטו צו טאָן, יונהלע?" (יונה רופֿט מען מיך). „וואָס זאָל איך, זאָג איך, טאָן? דאָס וואָס אַלע ייִדן טוען; אַלע דראַזשנער ייִדן דרייען זיך בײַ דער באַן, וועל איך מיך אויך דרייען בײַ דער באַן!"...

און האָב גענומען דאָס שטעקל און בין אַרוים אַפן וואָקזאַל און בין גע־וואָרן מיט גאָט זײַנער הילף אַ „פּראָוויטל”. וואָס הייסט אַ „פּראָוויטל”? אַ פּראָוויטל הייסט: יענער האַנדלט אַ וואַגאָן תבואה און באַדאַרף דעם וואַגאָן תבואה אַנגרוזען און אָוועקשיקן, איז דערויף געשטעלט געוואָרן אַ „פּראָוויטעל”. נאָר אַזוי ווי כמעט אַלע דראַזשנער ייִדן זײַנען געוואָרן פּראָוויטעלעס, איז נישט גוט, מוטשעט מען זיך, דרייט מען זיך; אַמאָל קויפט מען באַם גוי אַ זעקל תבואה און מע פאַרקויפט דאָס מיד לֵיד; איז אָדער מע פאַרדינט, אָדער מע דערלייגט; און אַמאָל טוט מען אַ כאַפּ פון דער זײַט אַ מעקלערײַ, אַבי סע לאָזט זיך, אַ דאָס, אַ יענץ — שלעכט, ניטאָ וואָס צו טאָן! אַי, ס'איז פריִער אויך ניט געווען וואָס צו טאָן? איז כאָטש ניט געווען קיין באַן, איז דער פּאַדראַס, ווי זאָגט איר, נישט גע־ווען אַזוי גרויס; צו וואָס האָט אונדז געטויגט די סטאַנציע מיטן וואָקזאַל, מיטן גלעקל, מיטן גאַנצן טאַרעראַם?

טרעפט זיך אַ מעשה — איך שטיי מיר אַזוי איינמאָל אַפן וואָקזאַל אַביסל פאַרזאָרגט און באַגלייט אַרוים דעם „פּאָטשטאָווע פּאָיעזד”. ס'איז שוין נאָכן דריטן קלונג, דער לאָקאָמאָטיוו האָט שוין גוט אָנגעפּײַפט און פונעם קוימען זעצט אַ רויך, — איך טו אַ קוק, אַף דער פּלאַצפאָרמע שטייט אַ פּריצל, אַ הויכס און אַ דאַרס, מיט קעסטלדיקע הויזן, מיט אַ הויכן קאַפּעלוש און מיט אַ סך טשעמאָדאַנעס; ער שטייט אויסגעצויגן דעם האַלדז און קוקט זיך אַרום, ווי אַ זינדיקער מענטש, אַף אַלע זײַטן. „אָט דאָס פּריצל קער עפּעס באַדאַרפן ‚האָבן’”, — טראַכט איך מיר און פּיל, עס האָט מיך ווי עמעצער אַ טאָרע געטאָן פון הינטן: „יהודי, גיי־צו צו אים און טו אים אַ פרעג, אפשר דאַרף ער עפּעס?” און אַזוי ווי איך האָב מיר נאָר געריִרט פון אָרט, אַז ער טוט זיך ניט צו מיר אַ לאָז, הייבט אויף דעם קאַפּעליוש און מאַכט צו מיר אַף דײַטש, ציט אויס מיט אַ ניגון:

— גוט מאָ־יען, מיין העררו!

— אַ גוט יאָר זאָל אײַך זײַן! — זאָג איך צו אים אויך אַף דײַטש און אַביסל אַף ייִדיש, און דאָס איבעריקע מיט די הענט. און איך פרעג אים, פון וואַנען ער פאָרט? מאַכט ער צו מיר: צי ווייס איך נישט עפּעס אַ רעכטע קוואַרטיר, אַ „שטאַנציאָן”, פון זײַנעטוועגן?

— אוודאי! — זאָג איך. — פאַר וואָס זאָל איך נישט ווייסן? —

און אין הארצן טראכט איך מיר: „אוי־וואַ! אַ עבירה, וואָס ס'איז בײַ מיר ניט קיין אכסניה. ס'זאָל אָבער זײַן בײַ מיר אַן אכסניה, וואָלט איך דאָך אים פאַרפירט צו זיך, ס'איז אַ ווילער דײַטש, מע וואָלט געקאָנט אַרום אים עפּעס פאַרדינען"... און באַלד פליט מיר דורך צוריק אַ מחשבה: „טפש! עס שטייט דען אָנגעצייכנט בײַ דיר אויפן שטערן, אַז ס'איז בײַ דיר ניט קיין אכסניה? עלעהיי, לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז ס'איז בײַ דיר יאָ אַן אכסניה!" און איך רוף מיך אָן צו אים אַביסל אויף ייִדיש, אַביסל אויף דײַטש און דאָס איבעריקע דערמאַך איך מיט די הענט:

— אויב זיי וואָלן, מײַן האַרד, לאָזן זיי הייסן נעמען אַ בעל־עגלה, וועל איך זיי טאָן דערפירן אויף דער בעסטער אכסניה, שטאַנציאָן הייסט דאָס, פּערוויסאַרט!

דערהערט פון מיר אַזעלכע דבורים, ווערט דער דײַטש מלא גדולה און מאַכט צו מיר, באַווײַזט מיט דער האַנט אויפן מויל:

— האַבען זיי וואָס צו עסען? שפּײַזען?

— די בעסטע שפּײַזן! — זאָג איך צו אים. — זיי וועלן אם ירצה השם, האָבן האַנאָווע (הנאה), הערר דײַטש, וואָרעם מײַן פלונית, מײַן פרוי הייסט עס, איז אַ זעלטענע באַלאַבאַסטע (בעל־הביתטע); איר באַקן און איר קאָכן האָט אַ שם, אירע פיש מעג עסן דער מלכות, דער קעניג אחשורש הייסט דאָס...

— יאָ וואָהל! — מאַכט ער צו מיר מיט אַ שמחה און די אויגן בשעת מעשה לויכטן אים און דאָס גאַנצע פּנים שײַנט אים, ווי די זון.

„אַ חכם אַ דײַטש!" — טראַכט איך מיר און מאַך נישט קיין לאַנגע מחזקות און אַ באַשטעל אַ בויד און איך פאַרפיר אים גלײַך צו מיר אַהיים.

געקומען אַהיים, גיב איך איבער באַלד מײַן ווײַב אַלצדינג, אַז גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַן אורח אַ דײַטש — גאָר אַן אַנטיק. נאָר אַ ייִדענע פאַרשטייט דען עפּעס? הייבט זיך דאָך אָן מסתמא מיך באַגראָבן, וואָרעם איך האָב אָנגעטראָפן פונקט אויף דער בייזער שעה, ווען מען ראַמט אין שטוב: „וואָס פאַר אורחים, וואָס פאַר געסט פלוצעם אין מיטן דריי־נען?"... „ייִדענע בלאַ, זאָג איך צו איר, דבר ניט אויף אונדזער צונג, מחמת דער אָדון איז מבין בלשון אשכנז!" הערט זי מיך עפּעס, אַז זי האַלט סאַמע אין מיטן ראַמען? קערט זי מיטן בעזעם גלײַך אין פּנים אַרײַן און וואָרטשעט. זי וואָרטשעט, און איך מיטן דײַטש שטייען בײַ דער טיר,

ניט אַהין, ניט אַהער. קוים מיט צרות, איך האָב איר אײַנגערעדט, אַז ס'איז נישט קיין אומזיסטער אורח, ס'איז — פּאַר געלט, און מע קאָן נאָך, אדרבה, אַרום אים עפּעס כאַפּן, אָפּלעקן אַ ביינדל... זײַט איר שוין פּאַרטיק? אַז איך האָב זי שוין גוט איבערגערעדט, מאַכט זי צו מיר: „ווּ זשע וועל איך אים באַלייגן — אין דער ערד?" „שטיל זאָל זײַן, — זאָג איך צו איר — נאַרישע ייִדענע, מע זאָגט דאָך דיר, זאָלסט ניט דברן, וואָרעם דער אָדון איז מבין כל דבור!" ערשט דעמאָלט האָט זי פאַרשטאַנען וואָס מע מיינט, און מיר האָבן אים אָפּגעטרעטן אונדזער אַלקער, און מײַן ווײַב האָט גענומען אין איין כהרף־עין צעבלאָזן דעם סאַמאָוואַר און געשטעלט זיך קאָכן וועטשערע. תחילת, אַז מײַן דײַטש האָט דערזען דעם אַלקער, האָט ער אַפילו אַביסל פאַרדרייט מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט: „עס וואָלט געמעגט זײַן אַביסל בעסער!" נאָר וואָס פאַרשטייט קירע־דײַטש? אַבי מע האָט אַרײַנגעטראָגן דעם סאַמאָוואַר, פאַרפאַרעט טיי, און דערצו האָט ער אַרויסגענומען אַ גוט פלעשל ראָם און געמאַכט אַ שנאַפּס (און מיר אויך געגעבן אַ שנעפּסל), איז שוין געוואָרן רעכט; און ער האָט זיך צעלייגט מיט די טשעמאָדאַנעס, ווי באַ זײַן טאַטן אין ווײַנגאָרטן, און מיר זײַנען געוואָרן חבר.

נאָך דער טיי מאַך איך מיט אים אַ רייד, אַהין־אַהער, וואָס טוט ער הי? מיט וואָס האַנדלט ער? טאָמער דאַרף ער עפּעס קויפן, פאַרקויפן? לאָזט זיך אויס, אַז דאַרפן דאַרף ער גאָרנישט. עפּעס מאַשינעס, זאָגט ער, באַדאַרפן דורכגיין, — ווייס איך, אַ נעכטיקער טאָג, — און בשעת מעשה כאַפּט ער אַלע מאָל אַ קוק אין אויוון אַרײַן און פרעגט זיך נאָך אַלע מינוט, צי ס'איז נאָך נישט פאַרטיק דאָס עסן? „אַפּנים, זאָג איך צו אים, הערר דײַטש, זייִ האַלטן גוט פון דער אַכילה?" ענטפערט ער דאָך מיר מסתמא פּדרוך, וואָרעם אַ דײַטש פאַרשטייט דען וואָס מע רעדט צו אים? אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מע האָט אים געגרייט צום טיש און דערלאַנגט די וועטשערע — אַ פרישע יויך אַ מחיהדיקע מיט מאַנדלען, מיט אַ גאַנץ עוף מיט מאַנעגרײַפּלעך און מיט מערעלעך און מיט פּעטרישקע און מיט... מיט... (מײַנע, אַז זי וויל נאָר, קאָן זי!). „ברוכים היושבים!" — זאָג איך צו אים, און ער ענטפערט מיר נישט קיין חצי דבור, זיך צוגעכאַפּט צום עוף, ווי נאָך אַ תענית. „ברוכים־היושבים־קומט־ניט־עסן־עסט־געזונט!" — מאַך איך צו אים ווידער אַמאָל, און ער זופּט די יויך

געשמאַק, ער זאָל דאָס אפילו ענטפערן דאָס צווייטע וואָרט, כאָטש זאָגן א דאַנק, — ווער? וואָס? „אַ גראָבער נפש, טראַכט איך מיר, און אַ גרויסער זולל־וסובאַניק!"

הכּלל, ער האָט אָפּגעגעסן, פאַררייכערט אַ לאַנגע פּיפּקע און זיצט און שמייכלט. איך זע, מײַן דײַטש קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן, זוכט, אַפּנים, אַן אָרט אויף דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן און די אויגן באַ אים קלעפּן זיך, טראַכטן מכח נאַכטלעגער. האָב איך אַ ווונק געטאָן צו מײַנער: „ווי מאַכט מען אים אַ געלעגער?" זאָגט צו מיר מײַנע: „וואָס הייסט ווי? טאַקע אין מײַן בעט". און זי מאַכט נישט קיין לאַנגע שהיות און גייט צו צום בעט און הייבט אָן מאַכן אַ געלעגער, פונאַנדערגעשלאָגן דאָס בעטגעוואַנט, ווי עס געהער צו זײַן (מײַנע, אַז זי וויל, קאָן זי) — איך טו אַ קוק, מײַן דײַטש איז עפּעס נישט צופרידן, עס געפעלט אים נישט, אַפּנים, וואָס סע פליִען פעדערן, מחמת ער פאַרדרייט מיט דער נאָז און הייבט אָן ניסן מיט סכנת־נפשות. מאַך איך צו אים: „וואַקסן זאָלט איר, הערר דײַטש!" מיינט איר, אַז ער ענטפערט מיר אַ דאַנק? ווער־וואָס? „אַ גראָבער נפש, טראַכט איך מיר, און אַ ווילדער מענטש". מײַנע האָט אים געמאַכט אַ געלעגער ביז דער סטעליע, סע מעג ליגן דער קיסר (מײַנע, אַז זי וויל נאָר, קאָן זי!), אַ גאַנצע „העסבעט", און מיר האָבן זיך מיט אים גאַנץ פײַן אָפּגעזעגנט, געווינטשט אים אַ גוטע נאַכט און געגאַנגען שלאָפן.

תּחילת, אַז מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן, הער איך, מײַן דײַטש שלאָפט, קיין עין־הרע, גאַנץ געשמאַק, כראָפּעט מיט אַ מאָדנע שטימע, סאָפּעט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, פײַפט און כאָרכלט, ווי אַ געקווילעטער אָקס, און פּלוצעם כאַפּט ער זיך אויף און קרעכצט און אויקעט און פאָרשקעט און קראַצט זיך און שפּײַט און וואָרטשעט, און קערט זיך איבער אויף דער אַנדערער זײַט, טוט אַביסל אַ כראָפּע און אַ סאָפּע און אַ פײַף און אַ כאָרכל, און כאַפּט זיך ווידער אויף מיט אַ קרעכץ און מאַכט אַן אוי און מיט אַ פאָרשקע און מיט אַ קראַצן זיך און מיט אַ שפּײַען און מיט אַ וואָרטשען; און אָט אַזוי עטלעכע מאָל, ביז ער שפּרינגט אַראָפּ פונעם געלעגער, און איך הער, ווי עס פליט דאָס בעטגעוואַנט אין דער ערד אַרײַן, איין קישן נאָכן אַנדערן, מיט אַ מין כעס און מיט משונה־מאָדנע ווילדע ווערטער: „צום טײַוול! סאַקראַמענטאָ! דאָננערררר־וועטעררר!"

איך לויף־צו, איך טו א קוק דורך א שפּאַרינקע אין דער טיר — מײַן דײַטש שטייט אַף דער ערד אָדם־נאַקעט, וואַרפט דאָס בעטגעוואַנט פונעם בעט, שפּײַט קלעק און שילט זיך אַף זײַן שפּראַך, מע זאָל גאָר באַהיט ווערן. „וואָס איז די מעשה, זאָג איך, הערר דײַטש?" און עפן־אויף די טיר. ווערט ער מלא רציחה און פאַלט־אָן אַף מיר מיט קולאַקעס, וויל מיך דורס זײַן, כאַפּט מיך פאַר א האַנט און פירט מיך צו צום פענצטער און ווײַזט מיר, ווי ס'האָט אים צעביסן דאָס גאַנצע לײַב, און טרײַבט מיך אַרויס און פאַרמאַכט די טיר. „א משוגענער דײַטש, — רוף איך מיך אָן צו מײַנער — און א גרויסער מפונק! ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, זאָג איך, אַז עס בײַסט אים, איז הימל עפן זיך!"... „ווי קומט דאָס? ס'איז מיר א חידוש! — זאָגט מײַנע. — ערשט אַף פּסח גערייניקט דאָס בעטגעוואַנט און געפּאַרעט דאָס בעט מיט קעראָסין"...

אין דער פרי, איך האָב געמיינט, מײַן דײַטש וועט דאָ ווערן ברוגז און וועט אַנטלויפן פון אונדז ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, צום סוף — ווער־וואָס? ווידער א „גוט־מאָיען" און ווידער געשמייכלט, און ווידער געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געהייסן זיך קאָכן עסן, און דערווײַל צו דער טיי געהייסן זיך אָפּקאָכן ווייכע אייער, מאַצינקעס, — וויפל, מיינט איר, אייער? כמעט א צענדליק! און צום עסן גענומען א רעכטן שנאַפּס און מיר א שנעפּסל און חי געלעבט! געקומען באַנאַכט — ווידער דאָס אייגענע שפּיל: פרײַער געבראָפּעט, געפּײַפט און געסאַפּעט און געכאָרכלט, און נאָכדעם געקרעכצט און געאויקעט, געפּאָרשקעט און געקראַצט זיך און געשפּיגן און געוואָרטשעט, און אויפגעכאַפּט זיך און אַראָפּגעוואָרפן דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט און געשפּיגן קלעק און געבייזערט זיך און געשאָלטן אַף זײַן לשון: „צום טײַוול! סאַקראַמענטאָ! דאָנערררר־וועטערררר!"... און אויפגעשטאַנען אין דער פרי — ווידער „גוט מאָיען", ווידער געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געשמייכלט, און ווידער געגעסן, און ווידער געמאַכט א שנאַפּס און מיר א שנעפּסל — אַזוי עטלעכע טעג כסדר, ביז ס'איז געקומען די צײַט, די מאַשינעס זײַנען למזל דורכגעגאַנגען, און ער האָט באַדאַרפט אָוועקפאָרן.

אַז ס'איז געקומען די צײַט פון זײַן אָוועקפאָרן און דער דײַטש האָט גענומען זיך פּאַקעווען אין וועג אַרײַן, מאַכט ער צו מיר, איך זאָל אים דערלאַנגען א רעכענונג. זאָג איך: „וואָס האָבן מיר זיך דאָ צו רעכענען?

ס'איז, זאָג איך, אַ קורצער חשבון, הערר דײַטש, עס קומט פון אײַך פונקט אַ כף־האַער"... שטעלט ער אויס אַ פּאָר אויגן, ווי איינער רעדט: „האָ? איך פאַרשטיי ניט!"... מאַך איך צו אים אַף דײַטש: „זיי וועלן מוחל זײַן באַצאָלן אַ פינפאונצוואַנציקער, פינף און צוואַנציק קערבלעך, רובל הייסט דאָס!" און באַווײַז אים אַף די פינגער צען און צען און פינף. מיינט איר דאָך, אַז ער ווערט נתפּעל? הס מלהזכיר! ער פּיפּקעט מיט דער פּיפּקע און שמייכלט און זאָגט צו מיר, אַז ער וואָלט נאָר וועלן וויסן פּ אָ ר װ אָ ס קומט פון אים פינף און צוואַנציק רובל? און ער נעמט אַ שטיפטל מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און בעט מיך, איך זאָל אים אויסרעכענען יעדע זאַך באַזונדער. „ביסט טאַקע אוודאי אַ חכם אַ דײַטש, — טראַכט איך מיר — נאָר שכל האָב איך מער פון דיר; וואָס איך האָב אין פּיאַטע, פאַרמאָגסטו נישט אין קאָפּ!"... „שטעלט, זײַט מוחל, זאָג איך צו אים, הערר דײַטש, פאַר דער אַכסניה, שטאַנציאָן הייסט דאָס, זעקס טעג, זעקס מאָל אָנדערהאַלבן, איז נ יי ן קאַרבן; זעקס מאָל צוויי, איז צוועלף סאַמאָווארן, צוועלף האַלבע גילדן, איז נ ײַ נ צ י ק קאָ־פּיקעס; זעקס מאָל כמעט צען אייער אין דער פרי און צען אייער אַף דער נאַכט, איז הונדערט צוואַנציק, צוויי שאָק אייער, אַ קערבל אַ שאָק, איז צוויי קאַרבן; זעקס יויכן, זעקס עופות, צו פינף גילדן אַן עוף, אַ חוץ גרײַפּלעך, מאַנדלען, פּעטרישקע, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, איז אַ גלײַכער חשבון זעקס קאַרבן; זעקס נעכט, זעקס לאָמפּן — זעכציק קאָ־פּיקעס; שנאַפּס האָט איר געטרונקען אייגענעם — צוויי קאַרבן; קיין טיי און צוקער האָט איר ניט גענומען — אַ קערבל, איז דרײַ קאַרבן; קיין ווײַן האָט איר נישט באַגערט — איין קאַרב, איז פיר קאַרבן; קיין ביר איז ניט געווען — זיבעציק קאָפּיקעס. האָט איר אינאיינעם אַ קיימאַ־לן, אַזוי גרויס, ווי כמעט פינף קאַרבן. נאָר בכדי ס'זאָל אויסקומען צו אַ גלײַכן חשבון, שטעלט פינף מיט פופציק. נו, רב דײַטש, איז אינאיינעם ניט קיין פינף און צוואַנציקער?" — אַזוי מאַך איך צו אים גאַנץ ערנסט, און איר מיינט, ער האָט מיר געזאָגט אַ קרום וואָרט? חס ושלום; געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע און געשמייכלט און אַרויסגענומען אַ כף־האַער און אַ וואָרף געטאָן, ווי מע וואַרפט אַרויס אַ דרייערל, זיך גאַנץ פײַן אָפּגעזעגנט און אַוועק מיטן באַן. „וואָס זאָגסטו עפּעס, מײַן ווײַב, אַף אַזאַ מין

דײַטש?״ — „גאָט זאָל צושיקן, זאָגט זי, אַלע וואָך אַזעלכע דײַטשן, וואָלט געווען דווקא נישקשהדיק״...

דער דײַטש איז אַוועקגעפֿאָרן. ס׳איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין דרײַ טעג, קומט צו גיין דער בריווטרעגער און דערלאַנגט מיר אַ בריוו, נאָר ער הייסט זיך פֿריִער באַצאָלן פֿערצן קאָפּיקעס. פֿאַר וואָס איז פֿערצן קאָפּיקעס? — מע האָט פֿאַרגעסן, זאָגט ער, אָנקלעפּן אַ מאַרקע. באַצאָלט די פֿערצן קאָפּיקעס און אויפֿגעעפֿנט דעם בריוו — אויף דײַטש געשריבן, איך פֿאַרשטיי ניט אַ וואָרט! איך הייב מיך אָן אַרומטראָגן מיטן בריוו צו דעם, צו יענעם — קיינער קאָן נישט לייענען קיין דײַטש. אָן אומגליק! אויסגעלאָפֿן דאָס גאַנצע שטעטל, קוים מיט צרות געפֿונען אַ פּראָוויזאָר פֿון דער אַפּטייק, וואָס קאָן לייענען דײַטש, האָט ער מיר דאָס בריוול איבערגעלייענט און פֿאַרטײַטשט, אַז דאָס שרײַבט צו מיר איינער אַ דײַטש און דאַנקט מיר זייער פֿאַר דער ווילער רויִקער שטאַנציאָן, וואָס ער האָט בײַ מיר געהאַט, און פֿאַר אונדזער גאַסטפֿרײַנטלעכקייט מיט אונדזער ליבהאַרציקייט, וואָס ער וועט דאָס אייביק נישט פֿאַרגעסן... „מהיכא תיתי, — קלער איך מיר — זייער שיין; אַז דו ביסט צופֿרידן, טוט מיר הנאה״. און צו מײַנער רוף איך מיך אָן: „וואָס זאָגסטו אויף דעם דײַטש, קיין עין־הרע, נישט קיין קליינער נאַר?״ — „גאָט זאָל צושיקן, זאָגט זי, אַלע וואָך אַזעלכע נאַראָנים, וואָלט געווען דווקא נישקשהדיק״...

עס גייט אַוועק נאָך אַ וואָך, איך קום צוגיין פֿונעם וואָקזאַל, טראָגט מיר מײַנע אַקעגן אַ בריוו און זאָגט, אַז דער בריווטרעגער האָט זיך געהייסן דערצאָלן אַכט און צוואַנציק קאָפּיקעס. „וואָס עפּעס אַכט און צוואַנציק קאָפּיקעס?״ — „אַזוי, זאָגט זי, וואָרעם ער האָט אַנדערש נישט געוואָלט״. איך עפֿן אויף דעם בריוו — ווידער אויף דײַטש. איך לויף אַוועק צו מײַן פּראָוויזאָר און בעט אים, ער זאָל מיר איבערלייענען דעם בריוו. לייענט ער מיר, אַז דער זעלבער דײַטש איז נאָר־וואָס איבערגעפֿאָרן די גרענעץ, און אַזוי ווי ער פֿאָרט אַהיים צו זײַן פֿאָטערלאַנד, דאַנקט ער מיר זייער פֿאַר דער ווילער רויִקער שטאַנציאָן, וואָס ער האָט בײַ מיר געהאַט, און פֿאַר אונדזער גאַסטפֿרײַנטלעכקייט מיט אונדזער ליבהאַרציקייט, וואָס ער קאָן דאָס אונדז אייביק נישט פֿאַרגעסן!... „מײַנע צרות אויף זײַן קאָפּ!״ — טראַכט איך מיר, און קום אַהיים, פֿרעגט מיך מײַנע: „וואָס איז פֿאַר אַ בריוו?״ זאָג איך: „ווידער אַמאָל פֿונעם דײַטש! ער

קאָן אונדז גאָר נישט, זאָג איך, פאַרגעסן די טובה, דער משוגענער דײַטש!" — „אַז גאָט, זאָגט זי, זאָל צושיקן אַלע וואָך אַזעלכע משוגענע דײַטשן, וואָלט דווקא געווען נישקשהדיק"...

עס גייען אַוועק נאָך צוויי וואָכן, ברענגט מען מיר פון דער פּאָסט אַ גאַנץ גרויסן בריוו, און ער הייסט זיך דערצאָלן זעקס און פופציק קאָפּי־קעס. וויל איך דאָך ניט; זאָגט צו מיר דער בריווטרעגער: „ווי איר ווילט זיך!" און נעמט דעם בריוו צוריק. טוט דאָך מיר אָבער באַנג, עס ווילט זיך זייער וויסן פון וואַנעט איז דער בריוו, טאָמער עפּעס אַ נייטיקע זאַך? באַצאָלט זעקס און פופציק קאָפּיקעס, איך עפן אויף דעם פּאַקעט, איך טו אַ קוק — ווידער אַף דײַטש. גיי איך שוין מסתמא גלײַך צו מײַן פּראָווי־זאָר און בעט אים, ער זאָל מיר מוחל זײַן, וואָס איך דול אים אַלע מאָל דעם ספּאָדעק. וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין געשטראָפט, איך קאָן ניט לייענען קיין דײַטש? נעמט ער, דער פּראָוויזאָר, און לייענט מיר אַ גאַנצע מגילה, ווידער פונעם דײַטש, אַזוי ווי ער איז שוין איצטער געקומען אַהיים און האָט זיך געזעגן מיט זײַן געליבטער פאַמיליע, מיט זײַן „פרוי" און קינדער, האָט ער זיי דערציילט אַלצדינג, ווי אַזוי ער איז געקומען צו אונדז אין דראַזשנע, און ווי אַזוי ער האָט זיך באַגעגנט מיט מיר אַפן וואָקזאַל, און ווי אַזוי איך האָב אים פאַרפירט צו זיך אַהיים, געגעבן אים אַזאַ ווױלע, אַזאַ רויִקע שטאַנציאָן, — לכן דאַנקט ער אונדז זייער און זייער פאַר אונדזער גאַסטפרײַנטלעכקייט און פאַר אונדזער ליבהאַרצי־קייט, וואָס ער וועט דאָס אונדז נישט פאַרגעסן אייביק, ווײַל ער וועט לעבן: „טפו זאָל ער ווערן!" — זאָג איך און בטל־אוים צו אים אַלע בייזע וויסטע חלומות, און מײַנער וויל איך שוין גאָר ניט דערציילן פונעם בריוו און מאַך זיך שוין גאָר ניט וויסנדיק.

עס גייען אַוועק נאָך דרײַ וואָכן, קומט מיר אָן פון דער פּאָסט אַ „פּאָוויעסטקע" אַף אַ רובל מיט צוועלף קאָפּיקעס. „וואָס איז דאָס פאַר אַ רובל מיט צוועלף?" פרעגט מיך מײַנע. „לאָז מיך אַזוי וויסן, זאָג איך, בייז!" און לויף אַוועק אַף דער פּאָסט און הייב זיך אָן נאָבפרעגן, פון וואַנען האָב איך עס אַ רובל מיט צוועלף? זאָגט מען מיר, אַז נישט איך האָב אַ רובל מיט צוועלף — אדרבה, דאָס דאַרף איך נאָך באַצאָלן אַ רובל מיט צוועלף. „פאַר וואָס איז?" — „פאַר אַ בריוו", — זאָגט מען מיר. „פאַר וואָסער אַ בריוו?" — זאָג איך — אפשר, פונעם

דײַטש?״ — ענטפערט מען מיר ניט!... מילא, עס העלפֿט עפּעס טענות? איך האָב באַצאָלט אַ רובל מיט צוועלף און האָב אָפּגענומען דעם בריוו, — אַ גאַנצן פּאַקעט. איך עפֿן־אויף דעם בריוו — ווידער פֿון אים, פֿונעם דײַטש! איך קום צום פּראָוויזאָר: „האָט קיין פּאַראיבל ניט, זאָג איך, פּאַני, איך האָב שוין, זאָג איך, ווידער, אַן אומגליק, אַ דײַטשן בריוו״. דער פּראָוויזאָר, אויך נישט קיין קליינער טפּש, וואַרפֿט־אַוועק אַלע אַר־בעט און לייענט מיר ווידער אַ גאַנצע מגילה, אַלץ פֿונעם דאָזיקן דײַטש, ימח שמו זאָל ער ווערן! וואָס שרײַבט ער? ער שרײַבט: אַזוי ווי ס׳איז בײַ אים הײַנט אַ „פֿײַערטאָג״, אַ יום־טוב הייסט דאָס, עס זיצן בײַ אים געסט, די גאַנצע משפּחה האָט זיך צו אים צונויפֿגעקליבן, האָט ער זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע פֿון אַלף ביז תיו, ווי אַזוי ער איז געקומען צו פֿאָרן אין אַ קליין שטעטל קיין דראַזשנע, ווי אַזוי ער איז געבליבן דעמאָלט אָפּן וואָקזאַל אַליין אין אַ פֿרעמד לאַנד, נישט צו פֿאַרשטיין אונדזער שפּראַך, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט מיר באַגעגנט און ווי אַזוי איך האָב אים פֿאַרפֿירט צו זיך, אָפּגעגעבן אים אַזאַ ווילע, אַזאַ רויִקע „שטאַנציאָן״, ווי אַזוי מיר האָבן אים פֿרײַנטלעך אויפֿגענומען, אָפּגע־טרעטן אים דעם בעסטן חדר, געגעבן אים עסן און טרינקען און אַזוי ערלעך און אָרנטלעך באַהאַנדלט, — לכן קאָן ער זיך נישט אײַנהאַלטן און מוז אונדז נאָך אַ מאָל אָפּדאַנקען פֿאַר אונדזער גאַסטפֿרײַנטלעכקייט און גוטהאַרציקייט, וואָס ער קאָן דאָס אונדז ניט פֿאַרעסן אייביק און אייביק... „אַ צו־להכעיסניק אָט דער דײַטש! — טראַכט איך מיר. — מער קיין בריוו וועל איך שוין פֿון דער פּאָסט ניט אָפּנעמען, עס מעג זײַן מיט גאָלד!״

עס גייט אַוועק נאָך אַ חודש, נאָך צוויי — נישטאָ מער קיין בריוו, אַן עק! איך האָב שוין כמעט אָנגעהויבן צו פֿאַרגעסן אינעם דײַטש. פּלוצעם קומט מיר אָן פֿון דער באַן אַ פּאָוויעסטקע אַף פּאָסילקע פֿון אַ פֿינפֿאונצוואַנציקער. „וואָס קאָן דאָס זײַן פֿאַר אַ פּאָסילקע אַף אַ פֿינף־און־צוואַנציקער?״ — קלער איך מיר און ברעך מיר דעם קאָפּ, און מײַנע זיצט און ברעכט זיך דעם מח, און מיר קאָנען נישט צוקלערן גאָרנישט. פֿאַלט מיר איין אַ געדאַנק: אַזוי ווי איך האָב פֿרײַנט אין אַמעריקע, קער דאָס זײַן מסתמא פֿון זיי עפּעס אַ מתנה, אַ שיפֿסקאַרטע, אָדער אַ בילעט, אָדער אַ לאָטעריי־צעטל. איך בין נישט פֿויל און קום אַף דער באַן און

ווייל ארויסנעמען די פּאָסילקע, זאָגט מען מיר, איך זאָל מוחל זײַן באַ־צאָלן צוויי רובל מיט פיר און צוואַנציק קאָפּיקעס, וועט מען מיר ארויס־געבן די פּאָסילקע. העלפט זיך ניט, מוז מען קריגן צוויי רובל מיט פיר און צוואַנציק קאָפּיקעס און באַצאָלן און ארויסנעמען די פּאָסילקע. אָפּגע־נומען די פּאָסילקע, זייער אַ שיין קעסטעלע, גוט פאַרפּאַקט, קום איך צו לויפן אַהיים און הייב אָן צעפּאַקעווען דאָס קעסטעלע, פאַלט נישט ארויס פון דאָרטן קיין פּאָרטרעט? מיר טוען אַ קוק אויפן פּאָרטרעט — וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר! ס'איז ער, דער דײַטש דער שלים־מזל, מיטן לאַנגן האַלדז און מיטן הויכן ספּאָדעק און מיט דער פּיפּקע אין מויל! צום פּאָרטרעט איז געלעגן צוגעלייגט אַ בריוועלע, אויף דײַטש געוויינטלעך, ווידער די אייגענע מעשה מסתמא: דאָס דאַנקט ער אונדז פאַר דער שטאַנציאָן און פאַר אונדזער גאַסטפרײַנטלעכקייט און ליבהאַרציקייט, וואָס ער קאָן דאָס אייביק און אייביק נישט פארגעסן. אָן אײַנגעגעסענער דײַטש קאָן! ברע־נען זאָל ער!... מאָלט אײַך, וואָס מיר ביידע האָבן אים בשעת מעשה אָנ־געוווּנטשן און אָנגעבענטשט, זאָל אים אָנגיין כאָטש האַלב, רבונו של עולם!

ס'איז אַוועקגעגאַנגען נאָך עטלעכע חדשים — אַן עק, אויס דײַטש! דאַנקען גאָט, פּטור געוואָרן פון אַ שלאַק, אין דער ערד מיטן קאָפּ! איך האָב מיך פּשוט מחיה געווען!... זײַט איר שוין פארטיק? האַרט זשע אויס, ס'איז נאָך נישט קיין סוף. אַנומלטן קומט מיר אָן פּלוצעם באַנאַכט אַ דע־פּעש, איך זאָל, למען השם, קומען צו פאָרן קיין אָדעס, און וואָס גיכער, צו איינעם אַ מענטשן אַ סוחר מיטן נאָמען גאָרגלשטיין; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „וויקטאָריע" און באַדאַרף מיך זייער נייטיק האָבן מכּה אַ געשעפט. „אָדעס? גאָרגלשטיין? האָטעל וויקטאָריע? אַ גע־שעפט? וואָס זאָל דאָס באַדײַטן?" — אַזוי זאָג איך צו מײַנער... הייבט דאָך מיך מסתמא מײַנע אָן צו טרײַבן, איך זאָל פאָרן, וואָרעם „אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז דאָס, זאָגט זי, טאַקע אַ נייטיקע זאַך? אפשר אַ קאָמיסיע, אפשר תּבואה?"... נאָר ס'איז גרינג אויסצורײדן — פאָרן קיין אָדעס; אַ פאָר קיין אָדעס קאָסט עפּעס הוצאות! נאָר ווײַבאַלד געשעפט, איז עפּעס אַ תּירוץ? בקיצור, איך האָב געקריגן עטלעכע קערב־לעך, האָב מיך אויפגעזעצט אויפן באַן און פאָר קיין אָדעס. געקומען קיין

אדעס, הייב איך זיך אָן פֿונאַנדערפֿרעגן, ווו איז דאָ ערגעץ האָטעל וויק־טאָריע? איך האָב מיך דערפֿרעגט צו האָטעל וויקטאָריע. „נישט פֿאַראַן דאָ בא אײַך, זאָג איך, איינער אַ גאָרגלשטיין?״ פֿאַראַן, זאָגט מען מיר, אַ גאָרגלשטיין; נאָר וואָס דען? ער איז איצט נישטאָ אין נומער; איך זאָל זיך מטריח זײַן צען אַזייגער אַף דער נאַכט. איך קום צו גיין צען אַזיי־גער אַף דער נאַכט — נישטאָ גאָרגלשטיין; איך זאָל קומען צען אַזייגער אין דער פֿרי וועל איך אים טרעפֿן. איך קום צען אין דער פֿרי — ווו איז גאָרגלשטיין? נישטאָ גאָרגלשטיין; ער איז נאָר־וואָס געווען און זייער געבעטן, אַז ס'וועט קומען דער ייִד פֿון דראַזשנע, זאָל מען אים זאָגן, ער זאָל מוחל זײַן קומען אָדער דרײַ באַטאָג אָדער צען אויפֿדערנאַכט. איך קום דרײַ באַטאָג, איך קום צען בא דער נאַכט — נישטאָ קיין גאָרגלשטיין! וואָס טויג אײַך, איך האָב זיך אָפּגעוואַלגערט אין אַדעס זעקס טעג מיט זעקס נעכט, געגעסן צרות, מכות געשלאָפֿן, קוים מיט ווערעם, מיט אַנגסטן, איך האָב זיך דערוואַרט אַף דעם גאָר־גלשטיין. דער דאָזיקער גאָרגלשטיין ווײַזט־אויס אַ לײַטישער מענטש, מיט אַ שיינער באָרד אַ שוואַרצער; ער האָט מיך זייער פֿײַן אויפֿגענומען, מיך געבעטן זיצן. „דאָס זײַט איר — מאַכט ער צו מיר האַלב ייִדיש, האַלב דײַטש — דער ייִד פֿון דראַזשנע?״ — „דאָס בין איך — זאָג איך — דער ייִד פֿון דראַזשנע. וואָס איז דען?״ — „בא אײַך האָט געהאַלטן פֿאַר־אַ־יאָרן ווינטער ש ט אַ נ צ י אָ ן איינער אַ דײַטש?״ — „בא מיר, — זאָג איך, — וואָס איז דען?״ — „גאָרנישט, — מאַכט ער — אָט דער דײַטש איז מײַנער אַ שותּף אין מאַשינעס. איך האָב פֿון אים אַ בריוו פֿון לאָנדאָן, שרײַבט ער מיר, אַז איר וועט זײַן בא מיר אין אַדעס, זאָל איך אײַך, למען השם, איבערגעבן פֿון אים זייער אַ פֿרײַנטלעכן גרוס און אײַך אָפּדאַנקען פֿאַר אײַער ווױלער רויִקער ש ט אַ נ צ י אָ ן, וואָס ער האָט בא אײַך געהאַט און פֿאַר אײַער גאַסטפֿרײַנטלעכקייט און גוטהאַר־ציקייט און מיט אײַער ערלעך אָרנטלעך באַהאַנדלען אים, וואָס ער קאָן דאָס אײַך בשום אופֿן קיינמאָל, קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, ווײַל ער וועט לעבן!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אָן אומגליק האָט זיך אַף מיר גענומען! איך רעכן, אם ירצה השם,

נאָך יום־טוב, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן אַריבערפֿעקלען זיך פֿון דראַזשנע ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט, אַנטלויפֿן ווי די אויגן וועלן מיך טראָגן, צו אַלדי שוואַרצע יאָר — אַבי פּטור ווערן פֿונעם שלים־מזל, פֿו־נעם דאָזיקן דײַטש, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערן!!...

געשריבן אין יאָר 1902

# די פּריילעכע קאָמפּאַניע

## דערציילונג

### א.

אין אַ הייסן זומערטאָג, אין איינע פון די גרויסע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, וועלן מיר זאָגן אין י ע ה ו פּ ע ץ, האָט געשפּאַצירט מיט אַ ציגאַר אין די ציין אַ שוואַרצער יונגערמאַן מיט רויטע בעקלעך פון אַ יאָר... איך קאָן אײַך נישט זאָגן אַקוראַט פון וויפל יאָר, וואָרעם איך האָב זײַן פּאַס נישט געזען. אַמאָל, אַז מע האָט נאָך בײַ אונדז געטראָגן בערד, האָט מען נאָך דער באָרד גרינג געקאָנט שאַצן יענעמס יאָרן. הײַנט, אַז שערן און גאָלן די באָרד איז געוואָרן בײַ ייִדן, ברוך־השם, אַ וואָכעדיקער גאַנג — אַדרבה, נאַט אײַך אַ געגאָלטע מאָרדע און זײַט אַ בריה, טרעפט וויפל איז זי אַלט?... אַנדערע איז גאָר שווער צו דערקענען אַפילו, צי זיי זײַנען ייִדן, דאָס הייסט, אַז מע קוקט זיך גוט צו צו זיי, דערקענט מען זיי אַפילו גרײַלעך. מע דערקענט זיי נאָך דער נאָז, נאָך די אויגן, נאָכן קוק. אַ ייִד קוקט גאָר אַנדערש; אַ ייִד, אַז ער קוקט אױף אײַך, לייענט איר איבער אין זײַנע אויגן: „ווער זײַט איר? עפּעס זײַט איר מיר קעטנלעך? און וואָס איז אײַער טועבטס?" זאָגט — אפשר קאָנען מיר איינס דאָס אַנדערע צונויץ־קומען?" אָט אַזוי קוקט אַ ייִד... נאָר מיר קערן זיך אום צוריק צו אונדזער פּאַרשוין, צום שוואַרצן יונגנמאַן.

דער שוואַרצער יונגערמאַן איז זיך געגאַנגען פּאַוואָלינקע, נישט

ארויסגעלאָזט די ציגאַר פון מויל, ווי אַ מענטש, וואָס האָט נאַרוואָס אָפּ־געגעסן אַ פֿײַנעם מיטאָג, פאַררייכערט אַ ציגאַר און מאַכט „מאָציאָן".
אויך דאָס פּנים זײַנס איז געווען זייער פֿײַן אויסגעפּוצט, די בעקלעך רויט, די וואָנצעס אַרויפגעדרייט אַרויף, נאָר די מלבושים זײַנען געווען אַביסל געכאַפּט, דהיינו: די אַרבל פונעם פּידזשאַק האָבן אַביסל צופיל געגלאַנצט, די הויזן זײַנען געווען אַביסל אויסגעטרעטן, און די שטיב־לעטן, כאָטש זיי זײַנען אַמאָל געווען גרויסאַרטיק, לאַקירטע שטיבלעטן מיט שיינע קנעפּלעך, האָבן איצטער, אויף דער עלטער, אַביסל אונטערגעפּו־צעוועט, חלילה נישט צעריסן, נאָר שטאַרק צעטראַסקעט, און די אָפּצאַסן אַביסל אויסגעדרייט. אויך דאָס קאַפּעלושל האָט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס באַדאַרף זײַן נישט קיין גרויסער נגיד, וואָרעם אַ חוץ וואָס דער פאַסאָן איז שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע, איז דאָס קאַפּעלושל אַליין געווען צוגעלעגערט און אָפּגעבאַרעט אַביסעלע און די טאַשמע פער־שמאָלצט מיט פעטן — זייער־זייער אַ געמיין קאַפּעלושל.

דער דלות האָט שוין אַזאַ טבע, אַז קוים כאַפּט ער זיך אַרײַן צו אייִ־נעם, איז קודם כּל לייגט ער זיך באַ אים אָפּן קאַפּעלוש און אויף די שפּיץ־שטיוול, און נאָכדעם פערקלײַבט ער זיך צו אים אין אַ בײַטל אַרײַן, ריי־ניקט־אויס פון דאָרטן ווי ערגעץ אַ מטבע אָן אַלטע, אָן אָפּגעריבענע, לאָזט איבער אַ צוויי קנעפּלעך מיט אַ „רעצעפּיס" פון דער פּאָסט און ווײַבט אויס אַ לעכל, אַז טאָמער וועט זיך מאַכן אַ מאָל אַ מטבע, זאָל זי אויך אַרויסקריכן.

ווערליק דער דאָזיקער פּאַרשוין איז געגאַנגען רויִק, געציילטע טריט, און געדרייט מיטן שטעקל און צוגעזונגען שטילערהייט אַ גאַנץ פֿײַנעם ניגון און אַלץ געקוקט אַרויף אין די פענצטער אַרײַן, האָט מען געקאָנט זיכער מיינען, אַז דאָס איז אָדער אַ רײַזנדער, וואָס איז אַראָפּגעקומען אַהער פון אַ פרעמדער מדינה און האָט נישט וואָס צו טאָן — איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען אַביסל אָנקוקן די שטאָט, אָדער דאָס איז אַ היגער תּושב, וואָס זוכט אַ געראָטן פּלאַץ אויף צו שטעלן אַ מויער, וואָס זאָל האָבן אַ ברייטן הויף מיט אַ פאָנטאַן און מיט כאָטש אַ שטיקל גאָרטן צו דער גאַס. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך נעבן אַ טויער, דערזען אַ צוגעקלעפּט צעטל מיט זיבן גרײַזן:

„עס גיט זיך אָפּ ביליק אַ צוזאַמענוואָהנונג, גילטיג פאַר אַ בחור".

אפֿן פּנים פֿון אונדזער העלד האָט זיך באַוויזן אַ צופֿרידן שמייכעלע. די משמעות, אַז ער איז אַ בחור און זוכט אַ וואָלוועלע ווינונג, און עס אַרט אים נישט צו וווינען מיט נאָך עמעצן.

אָנגעקלונגען צום „סטרוזש" און אַרויפֿגעקלעטערט מיט אים אַפֿן פֿינפֿטן שטאָק, איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ קליין פֿינצטער חדרל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טויבנשלאַק אַף אַ בוידעם, און האָט געטראָפֿן אַ הויכן, טרוקענעם פּאַרשוין מיט אַ בראָנזן גלאַנצדיק פּנים, מיט אַ ליסינע אַפֿן קאָפּ און מיט אַ גרוי־געשאָרן בערדל, זיצן באַם פֿענצטער אַף אַ צע־בראָכן בענקל און דרייען פּאַפּיראָסן. דער אַלטער פּאַרשוין איז געגאַנגען אָנגעטאָן... דאָס הייסט, ער איז ניט געגאַנגען און ניט אָנגעטאָן — ע ר איז געזעסן אויסגעטאָן, כּמעט, קאָן מען זאָגן, ווי אָדם הראשון אין גן־עדן, אויב איר וועט ניט רעכענען פֿאַר קיין מלבושים אַ צעבראָסטעט, צעריסן, העמדל ביז די קני, און אַף די לאַנגע טרוקענע באַוואַקסענע באָרוועסע פֿיס אַ פּאָר מאָדנע מעשטעס, וואָס זײַנען גע־מאַכט געוואָרן אָדער פֿון באַבולע פּאַפּיר, אָדער פֿון אַן אַלטן זאַק — פֿון לעדער געווים נישט.

דער דאָזיקער אַלטער איז נישט אויפֿגעשטאַנען פֿאַרן אַרײַנגעקומע־נעם גאַסט, האָט ניט געטראָגן אַקעגן דעם שלום־עליכם, און אַפֿילו נישט אויפֿגעהויבן די אויגן, נאָר געבעטן זיצן און אויסגעצויגן אַ לאַנגע, אַ טרוקענע, באַוואַקסענע און אַ ציטערנדיקע האַנט און האָט אַ זאָג געטאָן, נישט קוקנדיק אַפֿן אורח:

— זיצט.

דער אַרײַנגעקומענער פּאַרשוין פֿון זײַן זײַט האָט אויסגעטאָן דעם קאַפּעלוש און האָט זיך אַ נייג געטאָן צום האַלב־נאַקעטן בעל־הבית. נאָכ־דעם האָט ער אָנגעהויבן זוכן מיט די אויגן, וווּ ער זאָל זיך אַנידערזעצן, און מחמת ס'איז מער ניט געווען ווי איין בענקל, און דאָס בענקל איז דאָך געווען פֿאַרנומען — לכן האָט ער זיך אַביסל אַרומגעדרייט און גע־פֿאַלן אַף אַ שכל, אַז איידער בלײַבן שטיין איז גלײַכער זיך זעצן אַף אַ בעטל פֿון די דרײַ בעטלעך, וואָס שטייען באַ די ווענט. דער דאָזיקער פּלאַן איז נגעפֿעלן דעם בעל־הבית אויך, וואָס האָט ניט אָפּגעריסן די אויגן פֿון דער אַרבעט, און ער האָט זיך געווענדט צום אַרײַנגעקומענעם פּאַרשוין מיט די דאָזיקע ווערטער:

— האָט נאָר קיין פּאַראיבל נישט, וואָס איך נעם אײַך אויף „אין כאלאט"; ס'איז שרעקלעך היים אין דרויסן, און דאָ אונטערן דאַך איז נאָך הייסער, א ריינער גיהנם! איר ווילט מסתמא דינגען באַ מיר די קווארטיר? פיר קארבן א חודש, מײַן בעטל, אײַער בעטגעוואַנט, איין מאָל אין טאָג היים וואסער פונעם סאמאָוואר. געלט אלע וואָך אָפּ צופריער. וואָס איז אײַער טועכטס?

— מײַן טועכטס? — מאכט צו אים דער אורח אונטער דער נאָז. — המ... איין מאָל אין טאָג היים וואסער? און איך האָב גערעכנט צוויי מאָל.

— וואָס דארפט איר צוויי מאָל? איר זײַט דען א שטוב־מענטש? איר דרייט זיך דאָך ארום מסתמא אין גאַס.

— דרייען דרייט מען זיך — מאכט צו אים דער אורח — עס טרעפט אָבער, מע קומט אמאָל אהיים פארפרי, גלוסט זיך א טרונק.

— טרינקט מען וואסער.

— א דאנק אײַך פאר דער עצה.

— נישטאָ פאר וואָס.

אזוי ענטפערט אים דער האלב־נאַקעטער בעל־הבית, ווארפט נית אוועק די ארבעט אָפּ קיין רגע און האָט נאָך איין קוק נישט געטאָן אפן גאַסט.

— וויפל זײַנען מיר דאָ, הייסט עס? — פרעגט אים דער גאַסט און קוקט, ווי אזוי האָבן אהער געקאָנט ארײַן דרײַ בעטלער?

—מיר וועלן זײַן, הייסט דאָס, אזוי גרויס, ווי דרײַ שכנים און איי־נער א בעל־הבית.

— דרײַ שכנים און איינער א בעל־הבית? איך זע נאָר דרײַ בעטלעך. ווּ זשע שלאָפט איר?

— פאר מיר זאָרגט איר זיך? עהע־הע! איך וועל מיר שוין געפינען אַן אָרט. איך קאָן שלאָפן אפן טיש אויך.

דער אורח איז געבליבן זיצן איבערראשט. ער איז געווען זייער נייגע־ריק צו וויסן, ווי אזוי וועט זיך דאָס דער דאָזיקער אלטער לייגן אפן טיש, און ווּ וועלן זיך, למשל, אהינטאָן זײַנע לאַנגע פיס? ער האָט אים באַ־טראכט, ווי א מענטשן, וואָס רעדט פון וועג, און האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאלטן און האָט אים טאקע פאַרט א פרעג געטאָן:

— איך וואָלט אַ בעלן געווען וויסן, ווי אַזוי קאָן אַזאַ הויכער מענטש שלאָפֿן אַף אַ קורצן טיש?

— איר ווייסט נישט, ווי אַזוי? מע רוקט־צו צו דעם טיש נאָך אַ צוויי טישן, קומט שוין אויס גוט.

— איר האָט דאָך אָבער נאָר איין טיש.

— איז טאַקע נישט גוט.

„אָן אַלטער ליץ!" — טראַכט זיך דער גאַסט און טוט אַ פֿרעג דעם בעל־הבית:

— ווען, הייסט דאָס, באַדאַרף מען צאָלן די ערשטע ראַטע פֿאַר דער ערשטער וואָך?

— אויב די קוואַרטיר איז פֿאַר אײַך, איז טאַקע באַלד קלאַפּ און צייל, ווי זאָגט ער: אַ מיתה משונה אַפֿן אָרט.

דער גאַסט, וואָס איז אַליין אויך געווען נישט קיין מרה־שחורהניק און האָט אַליין נים פֿײַנט געהאַט צו טרײַבן קאַטאָוועס, איז געווען אַנט־ציקט פֿון דעם דאָזיקן מאָדנעם נפֿש, וואָס האָט די גאַנצע צײַט נישט אויפֿ־געהויבן די אויגן אַ קוק צו טאָן אַף אים, און אַפֿילו דעמאָלט, ווען ער האָט אַרויסבאַקומען אַ זילבערן קערבל און אַנידערגעלייגט אים דעם אויפֿגאָב, האָט דער בעל־הבית דאָס קערבל צוגערוקט מיט איין פֿינגער צו זיך און אַלץ נישט אויפֿגעהויבן די אויגן אַפֿן גאַסט און זיך גענומען ווידער צו די פּאַפּיראָסן.

דאָס האָט שוין דעם גאַסט פֿאַרדראָסן, און ער איז אויפֿגעשטאַנען און אָפּגערעקאָמענדירט זיך פֿאַר אים:

— אַרקאַדי שווייצער.

— בראָנזענטאָלער! — האָט אים דער בעל־הבית אָפּגעענטפֿערט קורץ, נישט אויפֿגעהויבן די אויגן אַפֿן גאַסט און דערלאַנגט אים אַף צו געזעגענען זיך צוויי לאַנגע, דאַרע, טרוקענע האַריקע פֿינגער.

שוין געשטאַנען בײַ דער טיר, האָט זיך אַרקאַדי שווייצער אויסגע־דרייט צום בעל־הבית:

— זאָגט זשע מיר, מײַן ליבער בראָנזענטאָלער, ווער זײַנען יענע צוויי שכנים מײַנע?

בראָנזענטאָלער האָט אַלץ געדרייט די פּאַפּיראָסן און נישט געטאָן דעם גאַסט צוליב אַ קוק צו טאָן אַף אים.

— איר דארפט טאַקע נייטיק וויסן דעם יחוס זייערן? אַז איר וועט ווערט זײַן בײַ גאָט און האָבן די זכיה, וועט איר אַפּדערנאַכט זיך באַקע־נען מיט זיי. איינער הייסט „נאָל", דער אַנדערער „שמאָל", און מיט אײַך און מיט אונדז ביידן אינאיינעם וועט דאָס אויסקומען „נאָל, שמאָל עט קאָמפּאַניע". זײַט איר שוין צופרידן? אַדיעו! איר קאָנט זיך מטריח זײַן ברענגען אײַער באַגאַזש.

## ב.

ארקאַדי שווייצער איז אַוועקגעגאַנגען אַף דער אַלטער סטאַנציע נאָכן באַגאַזש, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קליין רענצל, נאָר פעסט גע־פּאַקט, אָנגעשטאָפּט מיט... וואָס קאָן זיך, למשל, געפינען בײַ אָט אַזאַ מין חברה־מאַן אין רענצל? איך וויים נישט, ווי אַזוי איר, — איך האָב פון תמיד אָן שטאַרק חשק אַ קוק טאָן יענעם אין רענצל אַרײַן, — און פון זינט איך האָב געלייענט די מעשה פון דעם פּאַריזער פּאָרל, איז בײַ מיר דער חשק געוואָרן נאָך גרעסער. אויב איר האָט צײַט, וועל איך אײַך דערציילן די דאָזיקע מעשה אין קורצן:

די געשיכטע קומט פאָר אין פּאַריז.

אַן „ער" מיט אַ „זי".

ער פון בערלין, זי פון ווין.

ער אַ חתן, זי אַ כלה. דאָס הייסט, זיי האָבן געזאָלט ווערן חתן־כלה, זײַנען זיי זיך צונויפגעפאָרן קיין פּאַריז אַף אָנקוקן זיך.

געקומען צו פאָרן אין איין צײַט, זײַנען זיי פאַרפאָרן אין איין האָטעל און אָפּגעשטעלט זיך אין פאַרשיידענע נומערן, געוויינטלעך, און מחמת זיי האָבן זיך ניט געקענט, האָבן זיי גאָרנישט געוווּסט איינס פונעם אַנדערן.

באַדאַרף זיך טרעפן אַ מעשה (אַף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא): זיי האָבן ביידע געהאַט אַלץ איינע רענצלעך פון איין פאַבריק מיט אַלץ איינע שליסעלעך, און די מענטשן, וואָס האָבן אַראָפּגעטראָגן דעם באַגאַזש, האָבן זיך פאַרביטן מיט די יוצרות, אַרײַנגעטראָגן צו אים איר רענצל, און צו איר — זײַן רענצל.

אויסגעטאָן זיך און אָפּגעוואַשן זיך, ווי עס געהער צו זײַן, האָט

זיך יעדער פון די צוויי אָפּגעשלאָסן דאָס רענצל, געוואָלט איבערטאָן זיך, ווי עס פּאַסט פאַר חתן־כּלה. און שטעלט אײַך פאָר זייער איבעראַשונג, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון דאָרטן די מלבושים: ער — נקבהשע, און זי — מאַנצבילשע! זיי זײַנען ביידע שיר נישט געפאַלן חלשות! נאָר אַלע מענטשן אויף דער וועלט זײַנען דאָך נײַגעריק... אַז דער ערשטער שרעק איז איבערגעגאַנגען, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין די רענצלעך אַרײַן נאָך טיפער און האָבן אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון דאָרטן משונה־מאָדנע זאַכן, אַרויסשלעפּן פּעק מיט פּאַפּירן, בריוועלעך אַלערליי — און פרעמדע בריוועלעך ווילט זיך דאָך דווקא לייענען! — און מען איז געוואָר געוואָרן איינס אפן אַנדערן אַזעלכע סודות, וואָס ווען זיי געפעלן זיך, טוען אַ שידוך, האָבן חתונה און לעבן־אָפּ אַ האַלבע מאה יאָרן, וואָלטן זיי ניט דערגאַנגען קיין צענטחלק אפילו... בקיצור, זיי האָבן זיך צעפאָרן, ער קיין בערלין, זי קיין ווין — אויס שדוך.

אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צו אונדזער אַרקאַדי שוווּיצערס רענצל.

דאָרט איז געווען אַביסל וועש, אַ פּאָר פּאַפּירענע קאָלנערס מיט מאַנקעטן, עטלעכע פּודעלעך פון אויסגערייכערטע פּאַפּיראָסן, אַ סדורל מיט אַ תהילימל מיט אַ פּאָר קליינע תפילימלעך (אַ ייִדישע נשמה טאָר מען ניט שאַצן!), און אַ גאַנצער פּאַק מיט צונויפגעטאַשטע, גוט־צונויפגעלייגטע און מיט רויטע פאָדעם־זײַד פאַרבונדענע טעשלעך קאָרטן.

פון דעם דאַרפן מיר לערנען דעם פּשט, אַז אַרקאַדי שוווּיצער האָט נישט פײַנט קיין קערטל. נאָר צו וואָס טויג האַלטן בײַ זיך אין רענצל אַזאַ משא מיט קאָרטן? איז די משמעות, אַז אַרקאַדיס געשעפט, דאָס הייסט זײַן פּרנסה, איז קאָרטן — און מיר האָבן נישט געהאַט קיין טעות. זיך גוט נאָכגעפרעגט בײַ זײַנע באַקאַנטע, זײַנען מיר געוואָר געוואָרן, אַז ער דרייט זיך אַרום קאָרטן און דערפון טאַקע לעבט ער. דער פּירוש פון די דאָזיקע ווערטער איז ניט גלאַט; מע באַדאַרף עס פאַרשטיין, און מיט דער צײַט וועלן מיר דאָס, אם ירצה השם, וויסן. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן שפּעטער צו זײַן פּראָפעסיע. דערווײַל וועלן מיר זיך באַקענען מיט די איבעריקע שכנים.

אַז אַרקאַדי האָט געבראַכט צו טראָגן דאָס רענצל אויף דער נײַער קוואַרטיר, איז שוין געווען פאַרנאַכט. אין חדר האָט שוין געטשאַדעט אַ פאַררייכערט לעמפּל און באַם טיש איז געזעסן און געשריבן אַ מאָדנער

נפש מיט א בלאס פנים, מיט הונגעריקע אויגן, מיט אונטערגעבויגענע שי־טערע, שטארק־אנגעשמירטע האר. אנגעטאן איז ער געווען אין א טשע־שונטשאווע פידזשאק מיט מאדנע ברייטע ארבל, א קלאר־ווייסן קאלנער פון פאפיר מיט א שניפס א שארף־רויטן, ווי פייער, מיט דינע שמאלע ווייסע הויזן אף א פאר קליינינקע פיסעלעך.

„אפנים, דאס מוז זיין איינער פון די דריי שכנים, פון דער חברה „נאל, שמאל עט קאמפאני". — האט זיך ארקאדי געטראכט.

אריינגעקומען און אפגעלייגט דאס רענצל אף א בעטל, האט זיך אר־קאדי שווייצער פארגעשטעלט פארן נפש מיטן רויטן שניפס און מיט די ווייסע תחתונים, און דער נפש מיטן רויטן שניפס און מיט די ווייסע תחתונים האט זיך אויפגעכאפט, אויסגעטאן אף דער גיך די ברילן, א טרייסל געטאן מיט די אונטערגעבויגענע אנגעשמירטע האר.

— דאס זייט איר אונדזער נייער שכן? זיצט, זעצט זיך, פאר וואס זיצט איר ניט? — און ער טראגט אים אונטער דאס איין־און־איינציקע בענקל.

דער רויטער שניפס, די פעטע אונטערגעבויגענע נאר שיטערע האר, די מאדנע ברייטע ארבל פונעם טשעשונטשאוון פידזשאק, די ווייסע תחתונים, דאס הייזעריקע קול פונעם נפש און דערצו נאך דאס אונ־טערשפרינגען זיינס — דאס אלצדינג אינאיינעם האט געהאט דעם זיבעטן חן, און אונדזער ארקאדי האט באדארפט זיין שטארקער פון אייזן, ער זאל זיך איינהאלטן פון אויסצושיסן אים א געלעכטער גלייך אין פנים אריין.

— איר שרייבט א בריוול? שרייבט, שרייבט! — האט ער צו אים געזאגט און אפגערוקט פון זיך דאס בענקל.

— איך שרייב נישט קיין בריוול, איך שרייב א בוך. איך שרייב כסדר. איך בין א שרייבער, פארשטייט איר מיך, א מחבר. — האט אים יענער געגעבן צו פארשטיין אף זיין הייזעריקער שטימע, אונטערגעטאנצט און צוגעטרייסלט מיט די שיטערע אונטערגעבויגענע הערלעך. און דא האט ארקאדי באמערקט א פאר קליינע ווייסע הענטלעך מיט דינע קליינע פינגערלעך, וואס האבן אויסגעזען נאך קלענער אונטער די ברייטע ארבל פונעם טשעשונטשאוון פידזשאק.

— איר זײַט אַ שרײַבער? וואָס זשע שרײַבט איר איצטער? זעט נאָר, איר זאָלט אונדז דאָ ניט באַשרײַבן.

דער שרײַבער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ צעשאָטן הייזעריק געלעכטער און אַרויסגעוויזן קליינע שוואַרצע ציינדלעך, ווי בײַ אַ קינד, וואָס האָט קאַליע צײַן דערפֿאַר, וואָס סע עסט אַ סך צוקערקעס.

— איך בין ניט פֿון די שרײַבער, וואָס באַשרײַבן יענעם. איך בין נערן, אַז יענער טשעפּעט מיך נישט.

אַזוי האָט אים געענטפֿערט דער מחבר, און איך מיין, אַז ס'איז געווען לחלוטין איבעריקע ווערטער, דען ווען אַפֿילו ער זאָל דאָס ניט זאָגן, וואָלט מען אַליין געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ מענטש, וואָס איז גערן, אַז יענער טשעפּעט אים ניט. אַזעלכע מענטשעלעך באַווײַזן זיך גיך אַרויס מיט זייער כאַראַקטער: „אָט אַ דאָס ב י ן איך און א ז ו י מאָלט מיך". אַזעלכע מענטשעלעך זײַנען געטרײַ איבערגעגעבן דער גאַנצער וועלט, און די גאַנצע וועלט שאַפֿט מיט זיי, עקספּלאָאַטירט זיי. איר קאָנט פֿון זיי פֿלעכטן שטריקלעך, טאָן מיט זיי וואָס איר ווילט. אַזעלכע מענטשעלעך זײַנען גרויסע ביישנים; זיי וועלן אײַך קיינמאָל ניט באַקלאָגן זיך אויף זייער פֿינצטער מזל; זיי, אַז זיי וויינען, וויינען זיי נאָר אויף יענעמס צרות, קומען־אָפּ פֿאַר פֿרעמדע זינד, האָבן ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, קאָנען אויסגיין אין מיטן העלן טאָג פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, כאַפּן זיך אָן אָן אַ שאַרף פֿון אַ שווערד, טוליען זיך צו יענעם און קלעפּן זיך אָן אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז שווער זיי אָפּצורײַסן און אָפּצוטרײַבן פֿון זיך, ווי אָן אמת געטרײַ הינטל...

## ג.

דאָס איז אַ כּלל אויף דער וועלט, אַז הילף קומט מערסטנטייל אומגעריכט. גאָט ווייס וואָס מיט אונדזער פֿאַרשוין וואָלט געווען, ווען סע קומט ניט אָן פֿלוצעם בראַנזשענטאַלער און דער מחבר הערט נישט אויף צו לייענען אים גאַנצע שטיקער פֿון דער „חלירע". איך ווייס אַ מעשה, וואָס אַ יונגער מענטש, אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, האָט געחלשט בײַ אַ מחבר אונטער די הענט. פֿון דעמאָלט אָן, אַז דער מענטש דערהערט דעם נאָמען מחבר, אַנטלויפֿט ער ווי דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט.

— טשײַדעלע! גאָט האָט אײַך שוין צוגעשיקט אַ קרבן, און איר מוטשעט אים מיט אײַערע מעשיות? אַנו, לייגט נאָר אַוועק די „חלירע", און לאָמיר בעסער נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דער בעל־הבית זיך געווענדעט צום מחבר און האָט אַ וואָרף געטאָן אַפן טיש אַ פּעקל — דאָרט איז געלעגן אַ פלעשל „מאָנאָפּאָלקע", אַ ברויטל מיט אַ טאַראַנקע מיט אַ פּאָר ציבעל־קעס. און ערשט דעמאָלט האָט דער מחבר אים באַטראַכט, כמעט גאָר ניט דערקענט אינעם אָנטאָן. אַף אים איז געווען אַ שוואַרצע שבתדיקע קאַפּאָטע, אַ ווײַס העמד, געלע שיך מיט רויטע שפּראָנצקעס, און אַפן קאָפּ — אַ ברייטער ווײַסער שטרויענער קאַפּעלוש מיט אַ פּענסנע אַף די אויגן — אַ גאַנצער פּראַנט! דאָס טונקל־בראָנזענע פּנים מיט די שאַרפע ווינקלען האָט גע־גלאַנצט אונטערן ווײַסן קאַפּעלוש און אויסגעזען, ווי אַן אויסגעגאָסענע סטאַטוע.

דער בעל־הבית בראָנזענטאָלער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די יום־טובדיקע מלבושים און געבליבן אינעם אינדערפריִעדיקן קאָסטיום פון אדם הראשונען, אַרײַנגעשטעקט די לאַנגע דאַרע האָריקע פיס אין די משונה־מאָדנע מעשטעס און בשעת מעשה אַ זאָג געטאָן:

— אַנו, טשײַדעלע, זײַט אַ בעל־הביתטע, מאַכט טיי!

דער מחבר מיטן רויטן שניפּס און מיט די ווײַסע תחתונים, וואָס דער בעל־הבית רופט אים „טשײַדעלע", האָט במחילת כבודו זיך אָנגעבויגן און אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט אַ קליין בײַכיק סאַמאָוואַרל און איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם דאָס אויפשטעלן, און דאָס סאַמאָוואַרל האָט אויסגעזען בײַ אים אַף די הענט, ווי אַ קליין קינד בײַ אַ געטרײַער מוטער. בשעת גיין האָט דער מחבר אונטערגעטאַנצט און צוגעטרייסלט מיט די שיטערע אונטערגעבויגענע הערלעך, און אַרײַנגעקומען, האָט ער זיך גע־נומען צו די גלעזער, אַוועקגעשטעלט איטלעכע זאַך אַף איר אָרט מיט די קליינע ווײַסע הענטלעך, ווי אַן אמתע בעל־הביתטע. גיך איז געוואָרן אויפגעשניטן דאָס ברויט מיטן פישל, און אַלע דרײַ האָבן זיך געזעצט אַרום טיש, דער בעל־הבית אַפן בענקל און זײַנע צוויי שכנים אַף די בעטלעך, און מע האָט זיך געזעצט טרינקען טיי, פריִער גענומען צו קאַפּלעך „מאָנאָפּאָל" און פאַרביסן מיט טאַראַן גאַנץ געמיטלעך, גלײַך ווי מע וואָלט געווען צווישן זיך אַלטע באַקאַנטע שוין פון כמה וכמה יאָרן.

— אַ צינד, טשײַדעלע, דערציילט אונדז, וואָס הערט זיך עפּעס נײַס אױף דער וועלט?

אזוי האָט זיך אָנגערופֿן בראָנזענטאָלער צום מחבר, נאָכדעם אז ער האָט פאררייכערט אַ פּאַפּיראָס, דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געטאָן אױף דעם נײַעם שכן, וואָס האָט פאררייכערט אַ גראָבע ציגאַר, וואָס דער רויך פון איר וואָלט געווען אַ גוטע סגולה אױף ארויסצוטרײַבן פליגן.

— הערט איר? — מאַכט דער בעל־הבית צום נײַעם שכן. — איך וואָלט געמעגט שווערן, אז איך האָב אײַך געזען בײַ סעמאַדעניִן אין „ביליארד”?

אונדזער שכנס רויטע בעקלעך זײַנען געוואָרן נאָך רויטער. ס'איז אים, אפנים, נישט אָנגעשטאַנען דאָס ערטל, ווו מע האָט אים דאָרטן געזען, האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט:

— מעגלעך, עס קאָן זייער געמאָלט זײַן. באַטאָג מאַכט זיך, נישטאָ וואָס צו טאָן, כאַפּט מען זיך ארײַן אױף אַ האַלבע שעה זען, ווי מע שפּילט אין ביליאַרד.

— און מיר דאַכט זיך, אז איך האָב אײַך אַליין געזען עטלעכע מאָל מיט אַ לאַנגן שטעקן אין די הענט ארומדרייען זיך ארום גרינעם טיש, און דווקא אָן אַ קאַפּאָטע. איך פאַרשטיי ניט, וואָס איז דאָ פאַראַן צו שעמען זיך? אַ פּרנסה גלײַך מיט אַלע פּרנסות.

דאָס האָט אונדזער בעל־הבית געטראָפֿן, ווי מע זאָגט, פּונקט אין קאַרב ארײַן. אין דער לעצטער צײַט האָט ארקאַדי שווייצער נעבעך געלעבט נאָר פונעם ביליאַרד. דאָס הייסט, אייגנטלעך, איז זײַן פּרנסה געווען, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, קאָרטן, נאָר קאָרטן מיט ביליאַרד, באַדאַרפט איר וויסן, קערן זיך אָן שטיקלעך אייגענע, אָפּטמאָל גאַנץ נאָענטע מחותנים, למשל, ווי אַ מלמד שמעקט מיט שדכנות, אַ בעל־טאַקסע מיט קצב, אַ קרעמער מיט באַנקראָט, אַ באַנקיר מיט גנבה, וכדומה, וכדומה, וכדומה.

ווי אַ מענטש אַ בעל־פּרנסה, האָט אונדזער ארקאַדי שווייצער פײַנט געהאַט אַליין צו שפּילן אין ביליאַרד. דאָס שפּיל אַליין איז אים שוין לאַנג נמאס געוואָרן, דען עס קאָסט אים געננוג געלט. זײַן עובדא איז געווען זיצן און קוקן, ווי יענער שפּילט, און „האַלטן מאַזאָ פאַר יענעם”.

— „האַלטן מאַזאָ” אױפן ביליאַרד — דאָס איז אַ מין געשעפט, ווי

אַלע געשעפטן אַף דער בערזע, און מיר רעכענען נישט פאַר איבעריק זיך אָפּשטעלן דערויף אַף אַ צוויי מינוט.

שטעלט אײַך פאָר אַ גרויס, שטאַרק אָנגערייכערט און פאַרברודיקט חדר, מיט עטלעכע לאַנגע טישן, מיט גרינע באַצויגן, און מענטשן, צו מייגסטן יונגע לײַט, דרייען זיך אַרום פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט לאַנגע גלאַטע שטעקנס, צילן זיך אין די געטאַקטע ווײַסע ביינערנע גאַלקעס, און ווער עס האָט געמאַכט מער גאַלקעס, דער האָט „געענדיקט די פּאַרטיע" און נעמט צו דאָס געלט.

שפּילן — שפּילן, צום מייגסטן, נאָר צוויי, און דער גאַנצער איבעריקער עולם, פאַרשיידענע מינים פאַרשוינען, זיצן אַרום און באַ די ווענט און קוקן אַף דאָס שפּיל, און מע לייגט־אײַן געלט פאַר די שפּילערס, ווער פון די צוויי וועט פריִער ענדיקן די פּאַרטיע, — דאָס ווערט אָנגערופן האַלטן מאַזאָ.

צווישן די שפּילערס זײַנען פאַראַן גרויסע ספּעציאַליסטן, וואָס גיבן יענעם עטלעכע אויגן „פאָר", געווינען די ערשטע פּאַרטיע און נאָכדעם הייבן זיי אָן שטאַרק פאַרשפּילן, געבן פאַלשע געגג („קלאָפּ־שטאָס"), מאַכן כלומרשט אומגערן אַ ציטער מיט דער האַנט („מענדראַזשע"), און דערמיט כאַפּט מען „פּיזשאָנעס" (אומשולדיקע טײַבעלעך) און מע נאַרט אויס באַם עולם דאָס ביסל מינץ. די חברה, וואָס פירן צוגויף די דאָזיקע שפּילערס, ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען „בעלי־בתים", אָדער „נאַוואָדטשיקעס".

איינער פון די דאָזיקע „נאַוואָדטשיקעס" איז געווען, עס זאָל אײַך צו קיין חרפּה ניט זײַן, אונדזער פײַנער אורח אַרקאַדי שווייצער, וואָס איז די לעצטע צײַט ניט אַרויסגעקראָכן פונעם ביליאַרד, זיך געווייקט דאָרטן טאָג ווי נאַכט, זיך אָנגעגעסן מיטן רויך און זיך אָנגעהערט מיט די שיינע ווערטלעך, מיטן נבול־פּה און מיט די מחלוקתן און מיט די קללות און די סקאַנדאַלן, וואָס דאָרטן קומען־פאָר. דאָס איז געווען פאַר אונדזער אַרקאַדין אַ גרויסער אַראָפּפאַל, אַן אמתע ירידה, קאָן מען זאָגן, דען ער איז געווען, אייגנטלעך, אַ קאָרטן־שפּילער. דאָס האָבן אים די צרות זײַנע געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן אַזוי נידעריק און ווערן אַ „נאַוואָדטשיק" צווישן ביליאַרדטשיקעס. נאָר וואָס טוט נישט אַ ייִד צוליב פּרנסה? און דערמאָנט זיך אונדזער אַרקאַדי שווייצער אָן יענע גוטע יאָרן, בשעת ער

האָט „געפּירט אַ גרויסע שפּיל", געפּאָרן מיט חברה אויף די פּאַראַכאָדן, גע־כאַפּט אַ האָז און אים אויסגערייניקט די קעשענעס ביז לפּק; און נאָכדעם אין די האָטעלן געלעגן וואָכן־לאַנג, ניט אָנגעקוקט די ליכטיקע שיין און נאָר געשפּילט און געשפּילט און געשפּילט; און נאָכדעם, אין די קלובן, געוואָרפן אַ באַנק אין „דיאַבעלעק": פינפאונצוואַנציק פאַר צוואַנציק, פופ־ציק פאַר פערציק, און הונדערט פאַר אכציק, און צוויי הונדערט פאַר הונ־דערט זעכציק, און פיר הונדערט פאַר דריי הונדערט צוואַנציק, — און אונדזער אַרקאַדי לאָזט־אַרויס אַ טיפן זיפץ פונעם האַרצן.

— וואָס זיפצט איר אַזוי? אויף גלות ישראל, צי אויף דעם, וואָס סע גייט אייך ניט אין דער שפּיל?

— וואָסער שפּיל? ווער שפּילט היינט? — מאַכט אַרקאַדי מיט אַזאַ מינע, ווי אַ מענטש, וואָס איז אַמאָל געווען קיסר און האָט פאַרלאָרן די מלוכה. — מיטן מלאך־המות שפּילט מען זיך היינט! אַמאָל איז געווען אַ שפּיל, אוי אַ שפּיל! ווו זיינען אהינגעקומען די יאָרן, וואָס מע פלעגט „פּאָנטירן" הונדערט קאַרבן אויף אַ קאָרט? צוויי הונדערטער אויף אַ קאָרט? דריי הונדערטער אויף אַ קאָרט?

— אַזוי גרויס האָט איר געשפּילט? — פרעגט אים בראָנזענטאָלער און הייבט ערשט אָן אים רעכט צו באַטראַכטן.

—אָט דאָס הייסט בא אייך גרויס? — מאַכט אַרקאַדי מיט גדלות, גלייך ווי מע וואָלט גערעדט פון זיינע שיפן, וואָס זיינען געגאַנגען אויפן ים, אָדער פון זיין יובילייַ, וואָס ער האָט זיך מיט דעם אויסגעפּיינט קעגן דער וועלט. — אָט דאָס וועט אָנגערופן בא אייך גרויס? און פינף מאות אויף איין קאָרט פּאָנטירן האָט איר אַמאָל געזען? אַזוי ווי היינט געדענק איך עס: מיר זיינען געזעסן אַ גוטע חברה קלאַפּערס; איך טו אַ קוק — אין „בענקל" ליגט אַ פּוליטיקע פון כמעט טויזנט „איינציקע". מיין חברה־מאַן קוקט אויף מיר: „טשטאָ אוגאָדנאָ?" זאָג איך צו אים: „קאַרטו!" מאַכט ער צו מיר נאָכדעם: „סקאָלקאָ פּריקאַזשעטיע?" טו איך אַ קלאַפּ אין טיש אַריין: „קאַרטו!"...

און אַרקאַדי שטעלט זיך פאָר, אַז ער איז אין קלוב און „פּאָנטיר'ט" אויף אַ קאָרט, און דאָס פּנים פלאַמט אים און די אויגן פייערן, און ער טוט אַ זעץ מיטן קולאַק אין טיש אַריין אַזוי שטאַרק, אַז דער מחבר פאַלט שיִר ניט אַראָפּ פונעם בעט אויף דער ערד; ער כאַפּט זיך אויף אַ טויטער און

קוקט מיט שרעק אַפן נײַעם שכן... דאָס געפעלט בראָנזענטאָלערן אַזוי שטאַרק, אַז ער צעלאַכט זיך און רופט זיך אָן צו אַרקאַדין:

— וואָס זאָגט איר, איך בעט אײַך, אַף אונדזער מחבר? „טשײַדעלע" האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן — ווייסט איר, פאַר וואָס? ווײַל ער נייט מיר תמיד אויסגעפּוצט, ווי אַ דײַטשעלע, איז פון דײַטשעלע באַ מיר געוואָרן טשײַדעלע. איאָ, סע פּאַסט אים?

— אָנגעמאָסטן, ווי איך בין אַ מענטש! — מאַכט אַרקאַדי און ווענדט זיך צו טשײַדעלען: — טראָגט געזונט און פּאַרניצט געזונט און זאָלט אים צערײַסן געזונטערהייט, ווי מײַן באָבע טאָלצע פלעגט זאָגן, בעת מע האָט מיר איבערגעניצעוועט פון איר ווינטערדיק וואַטן־קליידל אַן אַרבע־כנפות אַף שבועות.

אַלע דרײַ לאַכן, און טשײַדעלע באַווײַזט זײַנע קליינע, שוואַרצע ציינדלעך.

— אַזוי גרויס האָט איר געשפּילט? המ... — זאָגט ווײַטער בראָזענטאָלער און לאָזט שוין נישט אַראָפּ קיין אויג פון זײַן נײַעם שכן, און לאָזט־אַרויס אַ גאַנצן קנויל מיט רויך פונעם מויל, וואָס באַנגענט זיך מיטן רויך פון אַרקאַדיס ציגאַר. דער רויך קנײַקלט זיך און פילט־אָן דאָס קליינע פינצטער חדרל, און די לופט ווערט אַזוי געדיכט, אַז פון דער שײַן פונעם שיינעם לעמפּעלע איז קוים־קוים וואָס מע זעט איינס דאָס אַנדערע.

## ד.

— נו, און געלט? אַף צו פירן אַזאַ שפּיל באַדאַרף מען דאָך עפּעס האָבן פּאָדעם! — מאַכט צו אים בראָנזענטאָלער און באַטראַכט אים, ווי אַ גרויסער פּראָפעסאָר דעם חולה, דאָס הייסט, קוים־קוים וואָס ער טוט אַף אים אַ קוק מיט איין אויג.

— געלט פרעגט איר? — ענטפערט אים אַרקאַדי און נעמט־אַרויס די גראָבע ציגאַר פון די ציין: — געלט פרעגט איר? אַזוי ווי שטערן אין הימל! קאָרג „פּיזשאָנען", קאָרג „פּרײַערס", קאָרג אידיאָטן פאַראַן אַף דער וועלט? ווי די געבראָטענע טײַבעלעך פליִען זיי גלײַך אין מויל אַרײַן, ווי די שרעטעלעך טראָגן זיי אײַך דאָס געלט גלײַך אַקעגן, בעטן זיך,

חלשן: נאט, נעמט־צו בא אונדז די נשמה, אבי שפּיל מיט אונדז!... אָט אַזעלכע אידיאָטן זײַנען דאָס! איך ווייס עס גאַנץ גוט, דען איך בין אַליין געווען אַ רעכטער אידיאָט, ביז איך האָב אָנגעשמעקט און געכאַפּט דעם סטרי און האָב אָנגעהויבן מאַכן אַ קערבל גאָר באופן אחר! אי יאָרן, יאָרן! ס'איז געווען, הערט איר, יאָרן! (בשעת מעשה פאַרטראַכט זיך ארקאַדי שווייצער און לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ פונעם האַרצן). יענע יאָרן וועלן זיך אַזוי גיך, האָב איך מורא, נישט אומקערן. אין אדעס איז דאָס געווען! אי אדעס, אדעס! אַ שטעטל! לעבן זאָל דאָס טאַקע ביז משיח וועט קומען! אין דעם אדעס, פאַרשטייט איר מיך, בין איך אויפגעוואַקסן, אָנגעקומען אַהין פון בעסאַראַביע, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער, און געשמייכלט צו אַ בולקע. דען וואַקסן וואַקס איך, דאַרפט איר וויסן, פון סאַמע יחוס — דעם גרויסן „שומר־בגדימס" אַן אייניקל; אויף אונדזער לשון הייסט עס, אַז מײַן זיידע רב אהרן איז געווען אַ שומר אין באָד, געהיט דאָס אָנטאָן פון די בעלי־בתים, און האָט באַקומען דערפאַר גאַנצע צוויי גילן אַ וואָך, אַ חוץ פּעטש, דען וויפל טליתים־קטנים זײַנען בא אים פאַרפאַלן געוואָרן מיט, להבדיל, תחתונים! געווען אַ רירעוודיקע זאַך, זאָל ער מיר מוחל זײַן, אונטער דער נאָז געקאָנט בא אים אוועק־טראָגן! יענעם זאָגן: וואָס טוסטו, מבייש שטעלן, אָנטאָן אַ בזיון — חס ושלום! בא אים, הייסט דאָס, באַם זיידן רב אהרן, זכר לברכה, האָב איך זיך אויפגעהאַלטן, דען דער טאַטע מײַנער איז געווען ווײַט אונטער זיבן שלעסער; ער איז געזעסן מיט גרויס כבוד באַזונדער אין אַ חדר, איבער אַ בלבול מן הסתם, און אַ סאָלדאַט בא דער טיר האָט אים געהיט פון אַ גוט אויג, ער זאָל ניט אַריבער, חס ושלום, איבערן פּלויט און מאַכן אַ ויברח, און די מאַמע מײַנע זאָל לעבן האָט זיך געלערנט קאָכן און באַקן בא אַ פרעמדן אויוון, דאָס הייסט, נישט חס ושלום צוליב מצווה, נאָר פּשוט פאַר אָנדערהאַלבן קאַרבוינים אַ וואָך. האָט זי אפילו געוואָלט, איך זאָל אויך זײַן מיט איר אין קיך, מיט איר אינאיינעם עסן קעסט, האָט אָבער די בעל־הביתטע (אפילו אַ גאַנץ שיינע נגידות מיט פּערל) נישט געקאָנט איבערטראָגן מײַן אַפּעטיט; איך עס, זאָגט זי, קיין עין־הרע, פאַר דרײַ, און מע האָט מיר געגעבן דעם וועג. איך האָב געמוזט אָנקומען צום זיידן רב אהרן, זכר לברכה, מיט אים אינאיינעם זיצן אין באָד און אכטונג געבן אויף די בגדים. איז דער חסרון אָבער, וואָס דאָס האָט לאַנג ינשט געקאָנט

געדויערן, מחמת איך בין געווען, לא עליכם, א גרויסער נצרך אף מזומנע קאפיקעס, און האב ניט געהאט, איר זאלט זאגן, א פרוטה של נחושת. האב איך מיך מיישב געווען און האב אנגעהויבן מאכן א רעוויזיע איבער די בעל־הבתישע קעשענעס, שלעפן, איך בעט איבער אייער כבוד, פון פרעמדע הויזן און אנטלייען, אבי ס'איז נאר געווען פון וואנען, א מטבע, — אז גאט וועט מיר העלפן, וועל איך מסתמא אפגעבן... בקיצור, וואס זאל איך אייך לאנג ברייען? איך האב אזוי לאנג געטרייבערט קעשענעס, ביז מע האט מיך געפאקט מיט א גרויסן סקאנדאל און מע האט צוליב מיר דעם זיידן אפגעזאגט פון דער שטעלע, און איך האב געמוזט זאגן מיין שטעטל „אדיע", און אוועק קיין אדעס, און בכדי ס'זאל מיר נישט זיין שווער די נסיעה, האב איך די שטיוועלעך פארקויפט און טאקע געהאט דערוויייל וואס צו עסן, ווי זאגט איר: צידה לדרך... געקומען קיין אדעס אזא „בן־בקר", ווי איך, א בר־מצווה־בחורל פון א יאר זעכצן־זיבעצן; א שיינער יונג בין איך געווען, האב איך באלד פארטראכטן א שטעלע, נישט, חס־ושלום, בא אפרתן אין קאנטאר, נאר אין א געשעפט פון בערשטלעך מיט שוואקס, דאס הייסט, איך האב מיך געשטעלט בא א שטיוולפוצער פאר א שטיוולפוצער, און האב מיט גאטס הילף גושא חן געווען בא דער וועלט, דען אפפוצן א פאר שטיוול באדארף מען קאנען, די ארבעט באדארף גיין גיך און געשווינט, א שפיי אף איין בערשטל און א רייב מיטן אנדערן בערשטל — און הלך משה־מרדכי!... וואס טויג אייך, איך האב צונויפגעשלאגן די עטלעכע גראשנס און האב א שפיי געטאן אף מיין בעל־הבית דעם עקספלאטאטאר און אליין געעפנט א געשעפט, דאס הייסט, איינגעהאנדלט א פאר בערשטלעך מיט שוואקס מיט א שיין פוס־קעסטל א לייטיש, און פאשאל אף דער „רישעליע" ארבעטן. און געארבעט האב איך, קאן מען זאגן, אף אלע כלים, געקליבן די גראשנס, זיך צונויפגעשלאגן ביז א זייגער אן אייגענעם פון זהב טהור — ריין זילבער, און דער מאמע קיין בעסאראביע אוועקגעשיקט א דרייערל, לאז זי וויסן, אז זי האט א זון אין אדעס — און ארויסגעשטעלט א פייג דער גאנצער וועלט. איז דאך אבער פאראן א גרויסער גאט, באדארף איך עסן קעסט אין א יידישן טראקטיר, און דארטן אין דעם טראקטיר באדארף זיין א בעל־הביתטע א יפהפיה מיט איר הייליקן נאמען רייזל, נאר גערופן האט מען זי ראזע. באדארף איך איר מסתמא געפעלן ווערן אין שלייער, גייט זי און רעדט מיך אפ פון

מײַן געשעפט און נעמט מיך צו צו זיך און קרױנט מיך פֿאַר אַ װױקידײַלאָ...

— פֿאַר אַ װאָס? — רופֿט זיך אָן בראָנזענטאַלער, און טשײַדעלע נאָך אים:

— פֿאַר װאָס האָט מען אײַך געמאַכט?

— פֿאַר אַ װױקידײַלאָ. אַ װױקידײַלאָ װײסט איר ניט װאָס הײסט?
— מאַכט אַרקאַדי שטאַרק פֿאַרװוּנדערט מיט אַזאַ מינע, װי אַ מענטש, װאָס דערהערט, אַז יענער װײס ניט װאָס הײסט אַ מוציא מיט האָניק. — סטײַטש, אַ װױקידײַלאָ װערט אָנגערופֿן אַזאַ פּאַרשױן, װאָס אַז מע דאַרף אײנעם געבן דעם װעג, נעמט מען אים אָן באַם קאַרק און מע גיט אים מיט דער קני פֿון הינטן און מע זאָגט אים: „זה התרנגול ילך"... הײַנט פֿאַר־שטײט איר שױן, װאָס דאָס הײסט? און אַ װױקידײַלאָ בין איך געװען דװקא ניט קײן שלעכטער, און האָב נושא חן געװען באַ איר אין די אױגן. קורץ, די דאָזיקע ראָזע איז געװען אין מיר פֿאַרליבט, װי אַ קאַץ אין די נײַן טעג, און האָט זײער געגאַרט צו מיר, איך זאָל פֿאַר איר חתונה האָבן. האָב איך איר געזאָגט: חתונה האָבן — מהכתיתי, זײער פֿײַן; נאָר װאָס דען? איך װיל אַ „תּוספות כּתובה", דאָס הײסט, טאַקע משלשל זײַן במזומנים כאָטש אַ טױזנט „אײנציקע". האָט זי מיך אָנגעקוקט װי אַ משוגענעם. נאָר װער האָט אױסגעפֿירט? געװײנטלעך, איך, ניט זי. און חוץ לזה האָב איך אױסגענומען מיט איר אַ תּנאַי, אַזױ װי איך מיש מיך נישט אין אירע געשעפֿטן, אַזױ טאָר זי זיך ניט מישן אין מײַנע גע־שעפֿטן. און מײַנע געשעפֿטן זײַנען געװען ביליאַרד און קאָרטן. בײַטאָג האָט מען געאַרבעט אױף ביליאַרד, באַנאַכט — אין קאָרטן. נאָר װי אַזױ, מײנט איר, געאַרבעט? די פֿײַנסטע מענטשן מיט די שענסטע קינדער פֿלעגן אַרײַנקומען צו אונדז אין געשעפֿט אַרײַן, זיך געלערנט שפּילן אױף ביליאַרד, און אַז מע שפּילט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג אױף ביליאַרד, מוז מען נאָכדעם באַנאַכט פֿאַרבײַסן מיט אַ קערטל. זאָגט אפֿשר, אַז נײן?

נישט בראָנזענטאַלער דער בעל־הבית, נישט טשײַדעלע דער מחבר האָבן געקאָנט זאָגן, אַז נײן, און זײ האָבן געבעטן דעם נײַעם שכן, ער זאָל זײ דערצײלן װײַטער, און אַרקאַדי שװײצער טוט זײ צוליב, פֿאַררײכערט אַ פֿרישע ציגאַר און דערצײלט װײַטער.

## ה.

— איך וואָלט אײַך, אייגנטלעך, באַדאַרפֿט דערציילן, ווי אַזוי איך האָב מיך געשיידט מיט מײַן יפֿהפֿיה, און פֿאַר וואָס איך האָב מיך געשיידט, און וואָס פֿאַר אַ מין שפּיצל זי האָט מיר אָפּגעטאָן. האָב איך אָבער מורא, אַז די מעשה וועט זײַן אַביסל צו לאַנג, לכן לייג איך דאָס אָפּ, אם ירצה השם, אויף הושענא־רבה, און הלך משה מרדכי — איך גיי מיר ווײַטער. הקיצור, איך האָב מיך אָפּגעזעגנט מיט מײַן פּלונית בת פּלונית און בין אַוועקגעפֿאָרן ווײַטער, און האָב מיך אַראָפּגעכאַפּט אַהערצו, און האָב מיך באַזעצט אָט־אָ־דאָ אין יעהופּעץ, און האָב אָנגעהויבן זוכן אַ געשעפֿט. וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט קאָן, אַשטייגער, מאַכן אַזאַ נפֿש, ווי איך? אַז אַף אַ מלאכה בין איך פֿוילכלעך; שרײַבן און רעכענען האָט מײַן טאַטע פֿאַרגעסן מיך לערנען; האַנדלען מיט ווייץ און מיט קאָרן אָדער מיט פּאַפּירן אַף דער בערזע האָב איך מורא געהאַט, טאָמער, חלילה וחס, די שעה זאָל ניט זײַן, איך פֿאַרהאַנדל מיך אַזוי, אַז איך מוז מיך נאָכדעם שטעלן — טוט מיר באַנג, איך זאָל מיר ניט פֿאַרשמירן מײַן נאָמען, וואָס כ׳האָב אַף דער וועלט. „כאַפּט דער רוח דאָס געלט, אַבי דער נאָמען זאָל איבערבלײַבן”, — ווי כ׳האָב געזאָגט אַמאָל אַ באַקאַנטן באַנקיר נאָכדעם, אַז ער איז געבליבן אָן אַ פֿירער און האָט נאָך געלייזט פּעטש אויך... אַרומגעדרייט, אַרומגעדרייט אַזוי לאַנג, ביז איך האָב מיך פֿאָרט צוגעשלאָגן צו מײַנעם, ווי זאָגט איר: כל עורב למינהו — איטלעכער טרינקער געפֿינט זיך זײַן ווײַן; איך האָב מיך באַקענט מיט אַ פּאָר הײַזלעך, דווקא אין בעל־הבתישן גראַד, און האָב אָנגעהויבן אַהינצוצו אַרײַנקומען. איך זע — מע קלײַבט זיך צונויף אַלע נאַכט, הײַנט איך צו דיר, מאָרגן דו צו מיר, כלומרשט „אימענינעס”, מע רופֿט צונויף געסט אַ דרײַסיק־פֿערציק פּאַרשוין, צווישן זיי, מערסטנטייל, פּיזשאָנטשיקעס, יונגע־לײַטלעך הייסט עס אַזעלכע, וואָס פֿליִען גלײַך אין מויל אַרײַן, ווי די געבראָטענע טײַבעלעך: „נאַט, שלינגט אונדז אײַן געזונטערהייט, און לאָז אײַך וווּיל באַקומען”... דער בעל־הבית, געוויינטלעך, ווייס שוין וואָס ער האָט צו טאָן. זעצט ער אויס די ליבע געסט בײַ די גרינע טישלעך און פֿאָרט זיי צונויף ממזריש, און אַליין איז ער אויפֿגע־

ליגט שרעקלעך, און אויך די בעל־הביתטע איז שטאַרק האָפּערדיק, טראַגט־אונטער איטלעכן באַזונדער טיי מיט אײַנגעמאַכטס, און די שפּיל גייט ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן, ווי אין קלוב... און שטעלט אײַך פֿאָר, אַז מיך האָט מען דאָס דערטאַפּט פֿאַרן פּיזשאַז, און מע זעצט מיך אַוועק מיט עפּעס מאָדנע מיני פֿאַרשווינען באַ איין טישל, צווישן זיי איינער אַ קאַפּיטאַן מיט גילדענע קנעפּ און מע נעמט מיך צו דער אַרבעט, אָבער אַזוי ווי סע געהער צו זײַן! פֿויל איך מיך נישט, הייב מיך אויף פֿון טיש און רוף־אַוועק דעם בעל־הבית אַף אַ זײַט און זאָג צו אים אַזוי: „הערט זשע אויס, מײַן ליבער פּעטער בלעם, איר זאָלט וויסן זײַן, אַז איך בין אַ געשלאָגענער הונט. אײַער קאַפּיטאַן הייבט מיר נישט אָן צו געפֿעלן"... — „וואָס הייסט, מאַכט ער, מיט וואָס געפֿעלט ער אײַך ניט?" — „דען, זאָג איך, ער איז אַזוי אַ קאַפּיטאַן, פּונקט ווי איך בין אַ גובער־נאַטאָר". — „פֿון וואַנען, זאָגט ער, נעמט איר דאָס?" „פֿון די ידים, זאָג איך, ער מאַכט מיר, זאָג איך, צו געשווינד מיט די ידים; איך האָב מורא, זאָג איך, אַז ס'איז באַ אים צו אָן אויסגעשריבענע האַנט". — „וואָס־זשע, זאָגט ער, ווילט איר?" — „וואָס, זאָג איך, זאָל איך ווען? איך וויל מאַכן אַ סקאַנדאַל, ווײַטער גאָר נישט". — „איר זײַט, זאָגט ער, משוגע, צי חסר־דעה? וויפֿל האָט איר פֿאַרשפּילט?" — „וועט איר מיר, זאָג איך, אומקערן? בלאָטע!" — „וואָס דען, זאָגט ער, ווילט איר?" — „איך וויל, זאָג איך, ס'זאָל טאַקע זײַן יחדיו, חצי שלי וחצי שלך, ווי מײַנער אַ גוטער ברודער זאָגט, בעת ער וויל יענעם באַגראָבן, הייבט ער אָן צו ריידן אַף דייטש: „לעבען אונד לעבען לאַססען"...

באַ די ווערטער האָט זיך אַרקאַדי צעלאַכט גאַנץ געשמאַק מיט אַ קוויטש, ווי זײַן שטייגער איז, און דערזען, אַז קיינער לאַכט ניט, האָט ער גענומען פֿאַרענטפֿערן זיך:

— מיינט ניט, אַז איך בין, חס ושלום, אַ געבאָרענער שוליער, אַ קאָרטנשפּילער, אַ בײַטלשנײַדער. דאָס הייסט, קיין צדיק אין פּעלץ בין איך אויך ניט, איך דאַרף מיך פֿאַר אײַך ניט אויספּײַנען, קיין שידוך מיט אײַך טו איך ניט און קיין געלט וועט איר מיר נישט לײַען, דען איך האָב מורא, אַז איר זײַט אַליין, מחילה, בקבצנו... נישט מער, אַז אַנדערער אַף מײַן אָרט האָט ליב די זאַך באַפּוצן, און איך רייד אָפֿנטלעך. באַ מיר איז דער אמת אין דרויסן אויבן־אויף, ווי אַף אַ טעלער. די נויט,

פארשטייט איר, האָט מיך געבראַכט דערצו, איך זאָל זיך אַריינלאָזן אין דעם וויסטן ברויט, ווי מײַנער אַ גוטער באַקאַנטער זאָגט: „סע ליגט — נעם, אַניט — ווערט אַן אַנדערער צונעמען"... הקיצור, איך האָב מיך אַזוי לאַנג געדרייט צווישן באַקאַנטע אויף אימעניגעס, ביז ס'איז איינמאָל אַרויסגעשפּרונגען אַ סקאַנדאַל. מע האָט אָנגעטראָפן אויף איינעם, למשל, אַזאַ „בחורעץ", ווי איך, האָט ער געבראַכט צו פירן אַ קאָקאַרדע, האָב איך מיך מיישב געווען און האָב באַלד געמאַכט אַן אָפּטריט און בין נעלם געוואָרן אויף אַ קליינער צײַט, דען איך, פאַרשטייט איר מיך, האָב פײַנט, אַז מע טשעפּעט זיך צו מיר: ווער איך בין? און וואָס איך טו? און פון וואַנען איך לעב? דען, אַז מען זאָל וועלן, הערט איר, אַזוי איטלעכן באַזונדער נעמען צום עקזאַמען — מעגט איר מיר גלויבן, אַז העכער אַ האַלבע שטאָט גייט אַוועק אַרעסטאַנטסקע ראָטע. זאָגט אפשר, אַז ניין?

נישט בראָנזענטאָלער דער בעל־הבית, נישט טשײַדעלע דער שכן זאָגן ניט, נישט יאָ, נישט ניין: זיי ווילן אויסהערן די ביאָגראַפיע פון־נעם נײַעם שכן ביזן סוף, און דער נײַער שכן טוט זיי צוליב און דער־ציילט ווײַטער:

— לאַנג אַרומגיין אַזוי אָן אַרבעט איז אָבער אויך קיין תכלית ניט. און אַגב איז דער יצר־הרע פון קאָרטן אַזוי גרויס, אַז דער, וואָס האָט איין מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון קאָרטן, קאָן זיך אָן אַ קערטל נישט באַגיין. סע צײַט, ווי דעם שכור צײַט עס צו אַביסל בראָנפן. איך האָב אַזוי לאַנג זיך אײַנגעהאַלטן און געפּאַסט, ביז איך האָב מיך באַקענט מיט איינעם אַ פּלאָקנשיסער, און דווקא אין ביליאַרד, וואָס האָט מיר אויפגעפּנט די אויגן, באַוויזן אַ נײַע וועלט, וואָס זי הייסט „קלוב", און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פאַר מיר דאָס אמתע לעבן, דער אמתער גן־עדן! אַ ווערטעלע אויסצורײדן — קלוב! איך קאָן מיר קומען ווען איך וויל, שפּילן מיט וועמען איך וויל, וואָס איך וויל, און אויף וויפל איך וויל! ווילט איר — שטייט איר בײַ דער זײַט און קוקט און „שמירט זיך צו" וויפל אײַער האַרץ גלוסט; ווילט איר — זעצט איר זיך אַנידער, קאָן, און וויפל איר ווילט, אַזוי פיל „ענטפּערט" איר. טרעפט איר — איז גוט; אלא ניט — ווערט איר באַגראָבן, איז לא פדלתם — האָט איר נישט געטאַנצט מיטן בער. קיינער פרעגט אײַך ניט, ווער איר זײַט, און פון וואַנען עס קומט צו אײַך געלט, און צי האָט איר געוווּנען, צי פאַרלאָרן —

נישט קיינעמס עסק! כל זמן עס באַמבלט זיך באַ אײַך די מטבע און איר האָט וואָס צו שטעלן — שטעלט איר. אַז ניט — קאָנט איר אײַך גיין בשם אלקי ישראל וווּהין איר ווילט, די וועלט איז פֿאַר אײַך אָפֿן. אָט וואָס סע הייסט „קלוב"! איר קאָנט אין איין טאָג אוועקגעבן וואָס איר האָט, פֿאַרלירן די לעצטע פּאָר מכנסים, דערפֿאַר אָבער, אַז סע גייט אײַך אוועק דאָס בלאַט און עס קומען אָן די „פּאַסען", זאָלט איר דעמאָלט טאָן אַזוי ווי איך האָב געטאָן, בעת ס'האָט מיר געפֿידלט. איר זאָלט, הערט איר, שנײַדן, בראָקן, האַקן, שינדן פֿון זיי די פֿעל, טרענען די קישקעס פֿון די ממזרים, אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַרײַן!

אַרקאַדי האָט זיך אַזוי צעהיצט, אַז ער דערלאַנגט אַ זעץ מיטן קולאַק איבערן טיש, און דער מחבר פֿאַלט שיר ניט אום פֿאַר דערשרעק.

— אַביסעלע שטילער — זאָגט צו אים בראָנזענטאָלער — איר שרעקט מיר איבער אַלע מאָל טשײַדעלען אַף טויט.

און אַרקאַדי פֿאַרענטפֿערט זיך:

— סע פֿאַרדריסט מיך, פֿאַרשטייט איר מיך, למאַי איך האָב זיי אָפּגעגעבן צוריק דאָס ביסל גאָלד. איך האָב געהאַט ביד אַרויס פֿון דאָרט מיט אַ שיינעם קאַפּיטאַל, און נישט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל, זיך קויפֿן אַ פֿערד־און־וועגעלע מיט גומילאַסטיקענע רעדלעך, מיט אַ שיין פֿעלצל, אַרײַנלייגן די הענט אין די קעשענעס, ווי אַנדערע טוען, און ווערן אַ שיינער בעל־הבית אין יעהופּעץ... נאָר דער רוח זאָל מיך ווייסן, וואָס מיט מיר איז. פֿאַרשפּיל איך — אַרט מיך ניט, נאָר טאָמער הייב איך אָן צו געווינען, מיין איך שוין, אַז דאָס זײַנען געקומען די „פּאַסען", און איך וויל נאָר דערגרונטעווען זיך ביזן דרײַצנטן „פּאַס", און איך רײַס מיך, דראַפּע מיך אַף די גלײַכע ווענט, און הייב אָן שיסן מיט האַרמאַטן פֿינף־און־צוואַנציק פֿאַר צוואַנציק! פֿופֿציק פֿאַר פֿערציק! און הונדערט פֿאַר אַכציק! און צוויי הונדערט פֿאַר הונדערט זעכציק! און פֿיר הונ־דערט פֿאַר דרײַ הונדערט צוואַנציק! און אַכט הונדערט פֿאַר זעקס הונ־דערט פֿערציק! און...

— ש ש ש . . . — מאַכט צו אים בראָנזענטאָלער און האַלט אים צו דאָס מויל. — איר קאָנט אַזוי פֿאַרפֿאָרן אין אַלף הששי אַרײַן!

אַרקאַדי געפֿינט זיך ווי באַליידיקט:

— איר מיינט, אַפּנים, איך בין אײַך מגזם, דערצייל אײַך בבאַ־

מעשיות פון טויזנט איין נאכט? וואס איר ווילט קאנט איר אף מיר זאגן — קיין ליגנער בין איך קיינמאל נישט געווען. איך זאל נישט דער־לעבן צו זען די אלטע מאמע מיינע — ס׳איז בא מיר די בעסטע שבועה, דען זי איז בא מיר טייער, איך שיק איר נאך היינט אויך א קערבל א וואך, עס מעג דונערן און בליצן, — און איך זאל טאקע אזוי מצליח זיין, און עס זאלן מיר אזוי גיך אנקומען די דרייצן פאסען, ווי איך זאג אייך אמת! דער גאנצער אומגליק איז, וואס ס׳איז נישטא דער מזומנער כף־הא׳ער, און איך גיי שוין מער נישט אין קלוב! ס׳איז, פארשטייט איר מיך, אויסגעגאנגען פאדעם, און בין נאך דערצו א בעל־חוב גמילות־חסדים גוטע ברידער — די האר זיינען נישט מיינע! אוועקגעטראגן אין לאמבארד דעם גוטן זייגער פון זהב טהור מיטן גילדענעם רינג מיט ווי איך האב געהאט ערגעץ א זאך, וואס מע קאן פארזעצן... און נאך אלע היומס, זאג איך אייך, לאם איך נאר באקומען דעם ערשטן פינף־און־צוואנציקער, — און איך וועל אים, אם ירצה השם, מיט גאטס הילף, באקומען — מאך איך א פארמעגן פון אריבער מאה אלפים! איר קוקט מיך אן, ווי א משוגענעם? איא? אט וועל איך אייך וויזן גאר א קורצן חשבון, וועט איר אליין זען, אז אזא נפש, ווי איך, קאן מאכן פון איין כף־הא׳ער די ריינע הונדערט טויזנט איינציקע, און נאך מיט א סמי־טשיק! איר ווייסט, וואס סע באטרעפט דרייצן פאסען פון א פינף־און־צוואנציקער? אנו, נעמט נאר אקארשט, זייט מוחל, א טינט און פען!

— א טינט און פען? דערויף איז טשיידעלע בא מיר דער מאכער, — זאגט בראנזענטאלער, און דער מחבר נעמט די פען, טונקט איין אין טינטערל, קוקט אף ארקאדין, און ארקאדי הייסט אים שרייבן:

— שרייבט, זייט מוחל, 25 און 50, און 100 און 200, און 400 און 800, דען יעדער „פאס" איז צוויי מאל אזוי פיל, און 1.600 און 3.200, און 6.400 און 12.800. האט איר ערשט צען פאסען. היינט 25.600 און 51.200 און 102.400, — פארשטייט איר שוין, ווו איך האלט?

ארקאדי צעלאכט זיך, ווי זיין שטייגער, מיט א קוויטש, לייגט־ארייַן די ציגאר אין די ציין און די הענט אין די קעשענעס, גייט־אפ א פאר טריט צוריק און בלייבט שטיין מיט איין פוס ארויסגעשטעלט אף צופריער אין מיטן חדר און שאקלט זיך צו בעת מעשה מיטן גאנצן

קערפּער, און ער זעט אויס ווי אַ באַראַן, וואָס האָט גאָרוואָס טאַקע גע־האָט די דרײַצן פּאַסען און געמאַכט די שיינע עטלעכע קערבלעך.

ווער עס האָט אין יענער מינוט נישט געזען דעם נײַעם שכן אַר־קאַדי שווייצער, דער האָט אַף זײַן לעבן נישט אָנגעקוקט קיין גליקלעכן מענטשן אַף דער וועלט!

## ו.

— אַזוי? — זינגט־אויס בראָנזענטאַלער, דער בעל־הבית, און ציט זיך אויס ווי לאַנג ער איז — אַצינד פאַרשטיי איך שוין אײַער ·קוק; איר זוכט, הייסט דאָס, דעם נעכטיקן טאָג, מיין איך, דעם דרײַצנטן פּאַס? איר ווילט, הייסט דאָס, דערגרונטעווען די שפּיל ביזן דנאָ? אוודאי, אוודאי, מע קאָן נישט זאָגן, אַ געשעפט איז דאָס, נאָר ניט אַזוי ראַיעל, ווי איר מיינט.

ארקאַדי שווייצער געפינט זיך ווי באַליידיקט.

— ניט ראַיעל, זאָגט איר? גוט איז אײַך, אַז אײַערע פאַבריקעס אַרבעטן דאָרטן, אײַערע שיפן אַפן ים גייען זיך, די מילן מאָלן, און אַליין זיצט איר אַפן גרייטן און שנײַט קופּאָנעס פון די ביכלעך פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. האָט קיין פאַראיבל ניט, פּאַני, וואָס איך וועל אײַך פרעגן, אַש־טיינער, נאַפּשיקלאַד, כדומה למשל, וואָס איז, אייגנטלעך, אײַער געשעפט?

— מײַן געשעפט? עהע־העו! — ציט אויס דער בעל־הבית אַף אַן אַרשין. — מײַן געשעפט? אַ סך האָבן זיך שוין געבראָכן די מוחות, גע־וואָלט וויסן, מיט וואָס איך פאַרנעם זיך; דער אָקאָלאָדאָטשניק האָט וויפל מאָל געוואָלט דערגרונטעווען זיך, נאָר מכות וועט עמעצער גאָר פּאָלן דערויף!

— וואָס־זשע? איר שרײַבט מזוזות? צי איר טרײַבט אַרויס שדים? צי איר מאַכט פאַלשע פערציקער? מיר מעגט איר זאָגן, נישקשה, ווי אין אַן אײַזערנעם קאַסטן מיט אַ גלאָק!

— עט, איך האָב פאַר אײַך ווינציק וואָס מורא, לאָז זיך אײַך דאַכטן! נאָר דער חסרון, וואָס ס'איז ניטאָ בא וואָס אָנצונעמען.

— אָבער אַ נאָמען באַדאַרף דאָך עס האָבן!

— הערשטו, אַט דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס סע האָט קיין נאָמען ניט! וואָס פאַר אַ נאָמען, אשטייגער, קאָן מען דאָס געבן, טשײַדרעלע, וואָס שווײַגט איר?

דאָס קליינע מחברל, וואָס בראָנזענטאָלער האָט אים אַ נאָמען געגעבן טשײַדרעלע, כאַפּט זיך אויף, ווי פונעם שלאָף, שפּרינגט־אַראָפּ פונעם בעטל מיט אַ טענצל, ווי זײַן שטייגער איז, דרייט זיך אויס אויף איין פוס, מאַכט צו־רעכט די ברילן און רופט זיך אָן צום בעל־הבית:

— אײַער געשעפט וואָס פאַר אַ נאָמען מע קאָן געבן? סע האָט קיין שום נאָמען נישט.

— אָ! זעט איר? — מאַכט דער בעל־הבית און ווײַזט אָן מיט די אויגן אויפן מחברל. — איר האָט געזען, ווי טשײַדרעלע האָט זיך נאַר־וואָס אויסגעדרייט אויף איין פוס און איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט? פונקט אַזוי דריי איך מיך אַרום אַ געשעפט, אַ גרויס געשעפט, שוין פון כמה וכמה יאָרן; איך דריי מיך און שטיי אויף איין אָרט.

— אַ? אויב אַזוי, פאַרשטיי איך שוין! — פאַרכאַפּט אַרקאַדי שווייצער מיט אַ געלעכטער. — איר זײַט אַ מעקלער פון די מעקלערס, וואָס פאַרקויפן דעם שפּיץ פון די יעהופּעצער בערג, דעם שאָטן פון די ביימער פונעם בויבעריקער וואַלד, און בײַטן דעם נעכטיקן טאָג אויפן אַדעסער לימאַן, און פירן־דורך אַ באַן גלײַך פון מאַזעפּעווקע צו דער לבנה? אַט אַזוי זשע רעדט! וואָס זשע מאַכט איר אָנשטעלן? אחינו אתה, נאַט אײַך אַפּ שלום, דען אַז איך וויל, זאָג איך, אַז איך בין אויך אַ מעקלער. איך האָב אויך אַ צוויי־דרײַ אַפּיסן באַ זיך אין קעסטל פון די רײַכע אימעניעס, מיט די שיינע וועלדער, מיט די גרויסע פּאַלאַצן, מיט די קלוגע פערד, מיט די ריינע סאַזשלקעס, מיט די אמתדיקע דגים און מיט די ווילדע קאַטשקעס, וואָס שווימען־אַרום פון אויבן אויפן וואַסער...

— טיע־טיע־טיע! — שלאָגט אים איבער בראָנזענטאָלער אין מיטן — אַ ייִד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט. זע־נאַר, ווי ער האָט זיך דאָס אביסל צעלאָזט, ווי אַ בעל־דרשן! עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין מעקלער און וועל ניט זײַן קיין מעקלער, און בין אפילו נישט געלעגן נעבן מעקלערס. מײַן געשעפט איז ירושה. מיר לאָדן אַ ירושה, אַ גרויסע ירושה לאָדן מיר.

— אַ ירושה? — כאַפּט אים אונטער אַרקאַדי. — פון וועמען איז?

טאָקע פון אײַערן אַ זיידן? מסתמא אַ מאַיאָנטעק אַ גרויסער, פון עט־לעכע דערפער מיט שאָף און רינדער, מיט וואַסער־מילן אייגענע, מיט בריקלעך, מיט קרעטשמעס, מיט הײַזער אַ גוזמא און מיט קלייטן געמויערטע, — וואָס דען קאָן זײַן, איך בעט אײַך, אַ יִדישע ירושה?

— שוין? איר האָט שוין ווידער צעלאָזט דאָס צינגל אײַערס? אַז איר ווילט מיך אויסהערן אַקוראַט, זאָלט איר מיך ניט איבערשלאָגן. פאַר וואָס האָב איך אײַך ניט איבערגעשלאָגן, בעת א י ר האָט גערעדט?

אַזוי זאָגט בראָנזענטאָלער, פאַרציט זיך געשמאַק מיטן פּאַפּיראָס, שפּאַרט זיך אָן אָן טיש, ציט־אויס די לאַנגע פיס און הייבט־אָן צו דערציילן, און ביידע שכנים הערן זיך צו מיט קאָפּ:

— באַשטייט באַשטייט די ירושה אונדזערע דווקא פון מזומן געלט, און באַטרעפן באַטרעפט זי אַרום און אַרום בסך־הכל, שוין מיט פּראָצענט און מיט פּראָצענט דפּראָצענט, אַזוי גרויס ווי נײַן־און־נײַנציק מיליאָן.

— האַ? נײַן־און־נײַנציק מיליאָן? — שרײַט־אויס אַרקאַדי שווייצער און שפּרינגט אַזש אונטער פון התפעלות. — דאָס איז דאָך עפּעס, ווי איז מיר, אַ מין פּויטיקע, וואָס וואָלט אונדז גענוג געווען אין דרייען אַפּן גאַנצן לעבן, און עס וואָלט נאָך געבליבן אַביסל די קרובים און אַביסל אַף עולמות. וואָס, ניט אַזוי?

בראָנזענטאָלער לאָזט אים ריידן, ענטפערט אים ניט דאָס אַנדערע וואָרט, פאַרציט זיך מיטן פּאַפּיראָס און דערציילט ווײַטער:

— זײַנען מיר אַף די נײַן־און־נײַנציק מיליאָן, הייסט דאָס, דרײַ יורשים: איין ברודער מיט צוויי שוועסטער, צו דרײַ־און־דרײַסיק מיליאָן אַף אַ חלק.

— וואָס רעדט איר? — כאַפּט אים אונטער אַרקאַדי. — מיר דאַכט, אַז אַ ברודער נעמט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אַ שוועסטער, הײַנט ווי אַזוי קומט באַ אײַך אויס דער חשבון צו דרײַ־און־דרײַסיק מיליאָן אַף אַ חלק?

— מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, פּאַני שווייצער, אַז מע זאָל מיך ניט איבערשלאָגן? פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונדז די דאָזיקע

ירושה — איז דערינען א גאנצע מעשה: איך בין גאר אליין בטבע, ווי איר קוקט מיך אן, א ייד א חלפן...

— אוי! — כאפט זיך אויף שווייצער. — גאט זאל מיר טאקע אזוי העלפן, ווי איך האב געקלערט, אז איר באדארפט זיין א חלפן! דאס פנים איז בא אייך ווי בא א חלפן. אלע חלפנים האבן עפעס מאדנע טרוקענע פנימער און זעען־אויס ווי עפעס הילצערנע מענטשן מיט שטרויענע קעפ.

— איך בעט אייך, — זאגט צו אים דער בעל־הבית — איר וועט אמאל אנשטומט ווערן, צי ניין? דאס מויל מאכט זיך אייך גאר נישט צו אף קיין מינוט! אפנים, ס׳איז בא אייך אזא מין חולאת?

ארקאדי שווייצער ענטפערט אים דערויף גאר ניט; ער פארשטופט דאס מויל מיטן ציגאר, זעצט זיך צו און מאכט א מינע פון א סמאטיק, ווי א מענטש, וואס האט זיך געגעבן דאס ווארט שווייגן, און דער בעל־הבית קאן דערציילן זיין געשיכטע שוין אן א שום איבערשלאג.

## ז.

— שא, ווו זשע האלטן מיר? יא. בין איך, הייסט דאס, געווען א ייד א חלפן, געשטאנען מיט א טישל אין מארק און צעביטן קליין געלט, און דערפון געצויגן דאס שטיקל ברויט. איז אבער דער חסרון, וואס פון חלפנות אליין קאן מען ניט לעבן; גיי, ווארט, קוק־ארוים אף א יידן, ביז ער וועט קומען אמאל אויסבייטן א קערבל אף מיניץ, וועט מען פאר־דינען א הארטן צווייער. וואס־זשע טוט מען? באדארף מען זיין דערצו א שטיקל . . .

— גנב — העלפט אים אונטער ארקאדי שווייצער — וואס דען? ערלעך איז שווערלעך, ווי מיין באבע טאלצע, עליה השלום, פלעגט זאגן בשעת אראפנעמען וואקס פון די ערב יום־כפורדיקע ליכט...

— ווער בעט אייך, איר זאלט מאכן א פירוש אף מיינע ווערטער? — זאגט צו אים בראנזענטאלער. — איך זאג, אז פון חלפנות אליין איז שווער צו לעבן, מוז מען זיין דערצו א שטיקל סוחר: קויפן א מאל אן אלטע מטבע אין גלייכן געלט, אמאל א חפץ, אן אלטן הדס, א זילבערנע גאלקע פון א שטעקל, אביסל ברוך, און אט אזוי ווערט מען פון א חלפן א שטיקל קרעמער, דאס הייסט, מע דינגט־אפ א לאך און מע שלאגט צו

א בלעטל: „קויפט און פארקויפט", — ווערט שוין גוט. עס קומט אריין א מאל א פריץ, א פריצה, א ייד, א שווארץ יאר, ער קויפט, פארקויפט, בייט־אויס שילע נא שווייקע, צי מע פארדינט, צי מע דערלייגט — גאר ניט, מע האנדלט. ויהי היום, איינמאל, פארנאכט איז דאס געווען, זיץ איך מיר אזוי פארטראכט, קיין פדיון איז ניטא, עפנט זיך די טיר און עס קומט־אריין צו מיר אין געשעפט אריין עפעס א פריץ א מאגנאט, הויך ווי עוג מלך הבשן, כמעט אונטערגעשפארט מיטן קאפ דעם בוידעם, מיט צוויי מוראדיקע וואנצעס, מיט א מין נאז...

— אשר לא נאזו אבותינו! — כאפט אים אונטער ארקאדי, — און בראנזענטאלער שטעלט־אנידער אף אים די אויגן, און דאס בראנזענע פנים ווערט בא אים ווי פארשטארבן, ווי איינער רעדט: „וואס איז דאס פאר א מין שפראך?"

— ס'איז לשון־קודש — גיט אים ארקאדי צו פארשטיין גאנץ ערנסט.

— גוט, וואס איר האט אויסגעזאגט, אז ס'איז לשון־קודש, אניט, וואלט מען געקאנט מיינען, אז ס'איז פראנצויז. — רופט זיך אן דער מחבר טשיידעלע, און ארקאדי צאלט אים אפ אפן ארט:

— גוט מארגן, געלי, רעטעך טראג איך! ווער פרעגט אייך, גרינער אגרעס, זויערע קיסליצע, בהמה בצורת קעלבל?

— א דאנק פאר א קאמפלימענט! — זאגט אים טשיידעלע און טוט זיך א בייג צו אים.

— ניטא פארוואס. — ענטפערט אים ארקאדי מיט א בייג צוריק.

— יידן! טאמער וואלט איר אויפגעהערט זיך איבערשיסן מיט ווער־טער? — זאגט צו זיי דער בעל־הבית און דערציילט ווייטער:

—שא, ווו־זשע האלטן מיר? יא. קומט אריין צו מיר אין קלייטל א הויכער פריץ, זעצט זיך אוועק און באטראכט מיין קראם, פרעגט זיך נאך אף איטלעכער זאך, וואס קאסט דאס, וואס קאסט יענץ, רעדט מיט מיר אף פויליש, פארשטיי איך, אז ס'איז א פאליאק, נאר קויפן קויפט ער גאר ניט. „פון וואנען איז א פריץ?" — פרעג איך אים. זאגט ער: „איז ווארשאוויא". „וואס טוסטו הי?" זאגט ער: „ניץ ניע ראביא" — גאר נישט, הייסט דאס. אף מארגן — נאך אמאל דאס אייגענע: אריינגעקור־מען, געזעסן, געקוקט, געבעבעט, — גאר נישט. אף איבערמארגן ווידער

דאָס אייגענע, און אַזוי אַלע טאָג. „ווי געפעלט דיר די שטאָט, פּאַני גראַביע?" — פרעג איך אים. זאָגט ער: „זייער אַ פײַנע שטאָט, און ניט אַזוי די שטאָט, זאָגט ער, ווי די מענטשן, און ניט אַזוי די היגע מענטשן, ווי די היגע ייִדן; פון ייִדן האַלט ער אַן עולם ומלואו, מחמת ייִדן זײַנען זאָגט ער, זייער אַ פײַן פאָלק; „איזראַעליטי יעסטאָ באַרדזאָ שליאַכעטנע נאַציאַ", — זאָגט ער, טאַקע מיט דעם דאָזיקן לשון, ווי איר זעט מיך אַ ייִדן! דאָס ערשטע מאָל אַף מײַן לעבן הער איך, אַז אַ פּריץ, און נאָך אַ פּאָליאַק דערצו, זאָל האַלטן פון ייִדן, ליב האָבן זיי, רופן אונדז גאָר „איזראַעליטי", ניט „זשידזשי", זיך אינטערעסירן מיט אונדז, לויבן אין טאָג אַרײַן אונדזער אַמאָליקע ייִדישע מלוכה, מיט אונדזערע מלכים, מיט אונדזערע נביאים, און ווער שמועסט שלמה המלך — דער איז, זאָגט ער, געווען „באַרדזאָ ניע גלופּי טשלאָוויק", דאָס הייסט, גאָר קיין נאַר נישט, טאַקע מיט דעם דאָזיקן לשון, ווי איר זעט מיך אַ ייִדן! בקיצור, דער פּריץ איז געוואָרן בײַ מיר אַ היימישער פּריץ און זייער־זייער אַן אָפטער גאַסט. איך ווייס אַליין נישט, פאַר וואָס, נאָר מיר זײַנען געוואָרן מיט אים נפש אחת, זיך ליב געקריגן פשוט איינס דאָס אַנדערע, אָנגעהויבן אַרײַנקומען איינס צום אַנדערן, ער צו מיר אַלע פרײַטיק־צו־נאַכטס אַף שבתדיקע פיש, איך צו אים שבת באַטאָג אַף אַ גלעזל טיי. ווער ער איז און וואָס ער איז — האָב איך נישט אָנגעהויבן צו וויסן. איך האָב נאָר געהערט, אַז ער איז אַ גראַף, און רופן רופט מען אים דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

— אָהאָ! — מאַכט אַרקאַדי שווייצער. — ער כאַפּט שוין אַ ביסל דעם אָנבליק פון אונדזער משה־מענדי־מרדכי־אהרן־פּייסי־דבורה־משה־מענדים, וואָס מע דאַרף פרייִער גוט איבערבײַסן, מע זאָל דאָס קאָנען אויסריידן אין איין אָטעם. מילא בקיצור, ווי אַזוי, זאָגט איר, רופט מען אים, אײַער אָדון?

— דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי רופט מען אים, און ווײַנען וווינט ער הינטער דער שטאָט בײַ זײַנע צוויי שוועסטער, וואָס מע רופט זיי בײַ אונדז „די באַרישנים" און וואָס ביידע אינאיינעם זײַנען אַלט אַריבער אַ מאה. די דאָזיקע מיידלעך זיצן שטענדיק פאַרשפּאַרט, האָבן מורא פאַר אַ מענטשן, קיין בן־אָדם האָט נאָך נישט געהאַט בײַ אונדז די זכיה זיי צו זען, און איך אויך נישט, און איטלעכס מאָל, ווען איך האָב מיט אים געוואָלט מאַכן אַ שמועס פון זײַנע שוועסטער — פלעגט ער נאָר אַ מאַך

טאָן מיט דער האַנט, זיך נעמען צום לאַנגן ציבעק און פאַרשלאָגן די רייד. איינמאָל זיץ איך מיט אים אַזוי שבת באַטאָג און מיר טרינקען טיי, רופט ער זיך אָן צו מיר פּלוצעם פון דער העלער הויט: „זאָג מיר נאָר, פאַני מאָשקע, וויפל שאַצטטו מיך?" זאָג איך: „איך פאַרשטיי ניט וואָס דו מיינסט, פאַני גראַביע". מאַכט ער צו מיר: „וויפל, מיינסטו, אַש־טייגער, פאַרמאָג איך?" זאָג איך צו אים: „וויפל דו פאַרמאַגסט, ווינטש איך דיר, דו זאָלסט פאַרמאָגן צען מאָל אַזוי פיל". מאַכט ער צו מיר ווײַטער: „אַלע נאַפּשיקלאַד?" דאָס הייסט, ער וויל, איך זאָל אים נאָר שאַצן וויפל ער פאַרמאַגט! בין איך מיך מיישב: עס קאָסט מיך געלט? איך כאַפּ מיך אַרויס מיט די רי"ש אלפים! אַז מײַן פריץ הייבט זיך נישט אָן צו קאַטשען, ווי גרויס ער איז, און טרייסלען זיך און לאַכן אַף אַזעלכע קולות, אַז איך האָב געמיינט, ער וועט, חלילה, פּלאַצן פאַר געלעכטער. „טי יעסטעם וויעלקים דורנים, מאָשקע!" מאַכט ער צו מיר נאָכדעם, אַז ער האָט זיך שוין גוט אָנגעלאַכט; דאָס הייסט, אַז איך בין אַ גרויסער נאַר. „איך פאַרמאָג, זאָגט ער, אַף מײַן חלק אַליין נישט מער און נישט ווייניקער פון דרײַ און דרײַסיק מיליאָן. און מיר אַלע דרײַ, איך מיט מײַנע צוויי שוועסטער, הייסט דאָס, פאַרמאָגן מיר נײַן־און־נײַנציק מיליאָן!" און נישט לאַנג געטראַכט, גייט ער צו צום שיפלאָד און נעמט מיר אַרויס אַ פּאַק מיט פּאַפּירן און טראָגט מיר אונטער די פּאַפּירן גלײַך אין פּנים אַרײַן און זאָגט צו מיר: „נאַ באַטש!" זע, הייסט דאָס! וואָס זאָל איך זען? איך זע פּאַפּירן מיט שטעמפּלען אַ סך, נאָר וואָס דאָס איז — ווייס איך נישט! „דו זעסט, זאָגט ער צו מיר, אָט די דאָזיקע חתימה? דאָס איז די חתימה פונעם פּרעזידענט אַליין, פון אַמעריקאַ, צוגעשיקט גלײַך אַף מײַן נאָמען פון סאַן־פראַנציסקאָ, פון קאַליפאָרניע". מילא, קאַ־ליפאָרניע הײַנט, קאַליפאָרניע מאָרגן, אַז איך ווייס נישט מיט וואָס מען עסט דאָס! „ווייסטו וואָס, פאַני מאָשקע, מאַכט ער צו מיר, לאָמיך דיר באַטש דערציילן, ווער איך בין — וועסטו פאַרשטיין וואָס דאָס איז פאַר פּאַפּירן און ווער איז דער גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי". אַזוי זאָגט ער צו מיר, דער פריץ הייסט דאָס, און פאַררייכערט דעם לאַנגן לולקע־ציבעק און הייבט מיר אָן צו דערציילן אַ גאַנצע מעשה.

— אפנים, אַז דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה? — זאָגט אַרקאַדי שווייצער און שפּאַרט זיך אָן מיטן קאָפּ אַף דער לינקער האַנט

און טוט א ווונק צום מחבר: — פּאַני פּיפּערנאָטער! מע האָט דאָך אײַך געלאָזט בעטן, איר זאָלט ניט שלאָפן און האָרכן מיט קאָפּ.

— הלוואי וואָלט איר אַזוי געהאָרכט מיט קאָפּ און ווינציקער גע־רעדט! — ענטפערט אים טשײַדעלע, און בראָנזענטאָלער דערציילט די געשיכטע פונעם גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

## ח.

— שאַ, וואו־זשע האַלטן מיר? יאָ, באַם גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמ־ביצקי. קומען קומט ער אַרויס, זאָגט ער, פון די אמתע דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקים, פון די ערשטע אַלטע פּוילישע מאַגנאַטן, געבונדן מיט די פּאָטאָצקים, מיט די ליובאָמירסקים און מיט די זאַמאָיסקים, געשפּילט אַמאָל די גרעסטע ראָלע אין דער וועלט, געהאַט אייגענע אימעניעס גרויסע אַף טויזנטער קאָמפּעדראַטנע ווערסטן, מיט וועלדער אַזעלכע, וואָס קיין פוס פון קיין מענטשן איז דאָרט נאָך קיינמאָל נישט געווען, מיט די שענסטע פּאַלאַצן, גערטנער, אָראַנזשערייען, מיט די בריענענדיקע פערד, מיט די שיינע קאַרעטעס, מיט די גרויסע טײַערסטע הינט, און אַז מען איז באַ זיי אַרויסגעפאָרן, זאָגט ער, נאַפּאָלאָוואַניע, אָדער נאַ־שפּאַציר, איז אַ יעגער פון פאָרנט, אַ יעגער פון הינטן, זעקס פערד נאַ־שפּיץ — ערדצי־טערניש! הײַנט די קעלערס זייערע מיט די בעסטע ווײַנען, מיט די אַלטע בראָנפנס, מיט די גוטע סטאַרקעס, מיט די אמתע קאָניאַקן, מיט די עכטע פּוילישע מעדן און געשמאַקע נאַליווקעס, וואָס אַז מען עפנט אויף אַ פלעשל, שפּרינגט־אַרויס דער קאָרעק און סע גייט אַזש אַ רויך...

בשעת מעשה באַווײַזט בראָנזענטאָלער מיט דער האַנט, ווי אַזוי עס שפּרינגט אַרויס דער קאָרעק: פּאַץ! און אַרקאַדי שווייצער רופט זיך אָן:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איך בין אײַך מוחל די קאַרעטעס מיט די פערד, מיט די גרויסע טײַערסטע הינט, מיט די יע־גערס פון פאָרנט און פון הינטן, פאַר איין פלעשל פּוילישן מעד אָדער נאַליווקע פון יענע אַלטע פּוילישע מעדן מיט די נאַליווקעס. צי איר ווילט דווקא אַ גלעזל ווײַן, און אפשר ווימאַראַזיג דערצו?

— עס מעג זײַן אַ פּראָסט גלעזל שטאַרקע, — מאַכט בראָנזענטאָ־לער און דערציילט ווײַטער:

— היינט געלט, מזומן געלט און באַנקאָווע בילעטן, זאָגט ער, איז געווען אַזוי פּיל, אַז אַף שניידן קופּאָנעס האָט מען געהאַלטן באַזונדערע מענטשן, וואָס זיינען געזעסן מיט שערלעך פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט און מע האָט געשניטן און געשניטן און געשניטן.

בשעת מעשה באַוויזט בראָנזענטאָלער מיט צוויי פינגער, ווי אַזוי מע האָט געשניטן די קופּאָנעס, און אַלע דריי שטעלן זיך פאָר אַ גאַנצן באַרג מיט קופּאָנעס, און אַרקאַדי שווייצער רופט זיך אָן:

— פּונקט ווי בא מיין עלטער־זיידן פון דער מאַמעס צד; ער איז געווען, זאָגט מען, אַזאַ גביר און האָט געהאַט אַזוי פּיל בהמות מיט שאָף מיט ציגן, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך, מע זאָל זיי מעלקן; האָט מען אויסגעגראָבן פון זייערטוועגן אַ גרוב און מע האָט זיי אַריינגעלייגט אין גרוב אַריין, זיי זאָלן זיך אַליין מעלקן און טאַקע דאָרטן מיט די פּיס אויסשלאָגן פּוטער...

— איך זע אין איַיך, — זאָגט צו אים דער בעל־הבית מיט פּאַר־דראָס — אַז איר מיינט, מע דערציילט אייַך פזמונות, מעשיות פון טויזנט איין נאַכט?

— חס וחלילה! — מאַכט אַרקאַדי. — וואָס הייסט, איך וועל אַזעל־בעס מיינען? וואָס בין איך עפּעס, אַ יינגעלע? דערציילט, דערציילט, מיר האָרכן איַיך מיט קאָפּ!

— שאַ, וווּ זשע האַלטן מיר? יאָ, זיינען זיי געווען, הייסט דאָס, אוננגעהייער רייַך און געשפּילט די גרויסע ראָלע ביז... ביזן פּוילישן מיאַטעזש, האָט מען בא זיי צוגענומען אַלע זייערע מאַיאָנטקעס מיטן טיטול גראַף, געוואָרן אויס גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי, נאָר פּשוט — פּאַני דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

—פּאַן יוזש נע אַסעסאָר? שרה, נעם־צו די פּיש! — מישט אַריין אַרקאַדי אַ וואָרט, און בראָנזענטאָלער בעט אים, ער זאָל ניט האָבן קיין טבע פון איבערשלאָגן, בשעת יענער רעדט.

— שאַ, ווו־זשע האַלטן מיר? יאָ, האָט מען בא זיי צוגענומען אַלצ־דינג, און זיי האָבן נעבעך געמוזט אָפּטרעטן, גענומען אַף זיך דעם גלות, צעקראָכן געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, דער אַהער, דער אַהין, און געבליבן זיינען זיי נאָר אין דרייען: ער, הייסט דאָס, און זיינע צוויי שוועסטער, מיידלעך, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן בא זייערן אַן אַלטן

פעטער, אויך א דאמבע־דעמבא־דמעביצקי, און פון יענעם פעטער האבן זיי געהערט, אז ער האט א יינגערן ברודער סטאניסלאוו דאמבע־דעמבא־דעמביצקי אין אמעריקא ערגעץ, אין קאליפארניע, גייט אים דארטן זייער גוט, און ער רופט זיי אלע אהין, קיין קאליפארניע, נאר זינט דער דאזיקער פעטער זייערער איז אוועקגעשטארבן, האבן זיי שוין מער פון דעם סטאניסלאוו דאמבע־דעמבא־דעמביצקי נישט געהערט און נישט געזען, און האבן שוין גאר פארגעסן, אז זיי האבן אמאל געהאט ערגעץ א פעטער סטאניסלאוו. פלוצעם, מיט עטלעכע יאר צוריק, קומט זיי אן א ידיעה, אז אין אמעריקא, אין קאליפארניע, אין דער שטאט סאן־פראנציסקא, איז מיט דרייסיק יאר צוריק געשטארבן איינער א סטאניסלאוו דאמבע־דעמבא־דעמביצקי און האט איבערגעלאזט זייער א גרויס פארמעגן אין די בענק מיט א צוואה, אז דאס געלט זאל ליגן פינף און צוואנציק יאר און עס זאל וואקסן אף דעם פראצענט, און אז עס וועלן איבערגיין די פינף און צוואנציק יאר, זאל מען דאס צעטיילן צווישן זיינע קרובים, איטלעכן באזונדער א גלייכן חלק. און אזוי ווי פון אלע דאמבע־דעמבא־דעמביצקים זיינען פארבליבן נאר ער, מיין פריץ הייסט דאס, מיט זיינע צוויי שוועסטער, לכן זיינען זיי די איינציקע יורשים אפן גאנצן פארמעגן, וואס טרעפט אן אצינד, ווי איך האב אייך געזאגט, ניין־און־נייַנציק מיליאן, דאס הייסט פונקט צו דריי און דרייסיק מיליאן אף א חלק.

— איך זאל פארמאגן דאס פראצענט פונעם געלט, וואלט איך זיי באוויזן אין קלוב, ווער עלטער איז! — כאפט זיך אויף ארקאדי.

— לאם איך פארמאגן כאטש די הוצאות, וואס דארף קאסטן פארן ברענגען דאס געלט פון דארטן אהער, וואלט איך שוין געוווסט וואס צו טאן! — זאגט דער מחבר.

— האט קיין פאראיבל נישט, איר זייט בײדע נאראנים! — זאגט בראנזענטאלער. — איר ווינטשט מיר בעסער, איך זאל דורכפירן אט דאס, וואס איך ווייס, וועט איר בעסער מאכן.

— אמן, לאז אייך גאט העלפן! — זאגן בײדע שכנים מיט א מאל, און דער בעל־הבית דערציילט ווייטער:

— שא, וווּ־זשע האלטן מיר? יא, בא די ניין־און־נייַנציק מיליאן. דערהערט פון אים אזא מעשה, פארשטייט איר דאך, ווי אזוי איך בין אונטערגעשפרונגען און זאג צו אים, צו מיין פריץ הייסט דאס: „סטײטש,

אַדוני פּריץ, נײַן־און־נײַנציק מיליאָן, וואָס שווייגסטו?״ מאַכט ער צו מיר: „ביסט אַ נאַר, דאָ העלפט ניט קיין שרײַען! מע דאַרף, זאָגט ער, פאָרן און נעמען געלט״. „נו, זאָג איך, פאָרט מען און מע נעמט געלט!״ „אָט אַזוי גיך, זאָגט ער, פאָרט מען און מע נעמט געלט? מע דאַרף, זאָגט ער, נעמען מיט זיך אַן אַדוואָקאַט, און פּאַפּירן אַ סך דאַרף מען אַרויסנעמען; דאָס קאָן מען נישט מאַכן כאַפּנדיק; מע דאַרף דערצו האָבן, זאָגט ער, געדולד און געלט, זאָגט ער, געלט, פּיעניאָנדזע!״... אַזוי זאָגט ער צו מיר און פּיפּקעט דעם לולקע־ציבעק גאַנץ רויִק. און איך? איך ברען, איך גלי, איך עק מיך! „וואָס איז מיט דיר, פּאַני מאָשקע, זאָגט ער, וואָס ביסטו אַזוי צעקאָכט?״ „סטײַטש, זאָג איך, אַזאַ מטמון מיט געלט! אַזאַ אַן אוצר! אַ קלייניקייט נײַן־און־נײַנציק מיליאָן!? פון אונטער דער ערד, זאָג איך, וואָלט איך אויסגעגראָבן געלט אויף הוצאות און וואָלט אַוועקגעפאָרן נאָך די מיליאָנען!״ אַזוי זאָג איך צו אים, און ער זיצט זיך גאַנץ קאַלטבלוטיק, פּיפּקעט דעם לולקע־ציבעק, טוט זיך אפילו ניט אַ קנייטש, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָל איך טאָן? זאָל איך מיר מפקיר זײַן צוליב די מיליאָנען? דאָס לעבן איז טײַערער!״ בקיצור, וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? איך האָב מיך גענומען צו מײַן פּריץ אים פּיקן אין קאָפּ אַרײַן אַלע טאָג, אַלע טאָג: „פּריצאָני, וואָס שווײַגסטו? איך וועל מיך פּרוּוון, זאָג איך, בײַ מײַנע ייִדן, טאָמער וועל איך קריגן פון דײַנעט־וועגן די עטלעכע קערבלעך, וואָס מע דאַרף״. „מהכתיתי, מאַכט ער, אַז דו ווילסט, פּרוּוו זיך, אפשר וועסטו קריגן? איך וויים, זאָגט ער, אַז מיט ייִדן קאָן מען אַלצדינג מאַכן, וואָרעם ייִדן זײַנען, זאָגט ער, אַ רײַך פאָלק און אַ קלוג פאָלק און אַ פאַרשטענדיק פאָלק. אויף דער גאַנצער וועלט, זאָגט ער, איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, ווי ייִדן! צוויי, זאָגט ער, פעלקער זײַנען פאַראַן אויף דער וועלט: פּוילן און ייִדן! די דאָזיקע צוויי פעלקער, זאָגט ער, מוזן אַמאָל גובר זײַן די גאַנצע וועלט און געוועלטיקן איבער דער גאַנצער וועלט! אַלע פעלקער, זאָגט ער, וועלן אונטערגיין, אויפּפּרעסן איינס דאָס אַנדערע, נאָר ייִדן און פּוילן — די וועלן בלײַבן אייביק! „פּאָ־לאַקי אי איזראַעליטי״ — טאַקע מיט דעם דאָזיקן לשון, ווי איר זעט מיך אַ ייִדן!

— וואָס טויג מיר זײַנע קאָמפּלימענטן? — מאַכט אַרקאַדי. — איר דערציילט בעסער, וואָס האָט איר געמאַכט מיט די ייִדן?

— הערסטו? — זאָגט בראָנזענטאָלער. — אָט דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה!

— טאַקע באמת? — מאַכט אַרקאַדי שווייצער. — וואָס־זשע איז געווען ביז אַהער?

— אַ הקדמה. — רופט זיך אָן דער מחבר.

— אמת, טשײַדרעלע איז גערעכט, דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ הקדמה; נאָר שרעקט זיך נישט, די הקדמה איז גרעסער פונעם ספר.

אזוי זאָגט בראָנזענטאָלער דער בעל־הבית און דערציילט ווײַטער די געשיכטע מיט די מיליאָנען.

## ט.

— שאַ, וווּ־זשע האַלטן מיר? יאָ, בײַ אונדזערע ייִדעלעך. אונדזערע ייִדעלעך זײַנען, ברוך־השם, אַזאַ פאָלק, וואָס קאַטאָרע זיי ווען זיי וועלן אײַך קויפן און פאַרקויפן, האַנדלען־וואַנדלען, דריי־שמיי וואָס איר ווילט, כל השפּעקולאַציעס שבעולם! דערציילט זיי אָפּן הימל אַ יריד — וועלן זיי אוועקוואַרפן האַק און פּאַק און פליִען גלײַך אין הימל אַרײַן און שפּרינגען אין פײַער אַרײַן; און קומט לייגט זיי פאָר אַ ריין געשעפט, אַ כשרע ירושה, אַ מזומנע זאַך, וואָס אָט ליגט דאָס, גיי הייב עס אויף און נעם דאָס צו — ניין, איז נישטאָ קיינער אין דער היים! וואָס איז די מעשה? ס'איז צו גוט, זאָגן זיי, צו פיל געלט, צו אַ גרויס גליק — און גיי מאַך מיט זיי! סטײַטש, בהמות בצורת אדם, נײַן־און־נײַנציק מיליאָן! ניין, זאָגן זיי, מיר זײַנען אײַך מוחל די מיליאָנען, גיט אונדז בעסער אַ געשעפט פון טויזנטער... אַנדערע מאַכן נאָך חוזק, דאָס גרעסטע געלעכטער, לצעווען אַף וואָס די וועלט שטייט: „וואָס הערט זיך מיט א ײַ ע ר ע מיליאָנען?” ס'איז מיר געווען, הערט איר, אַ בזיון פאַר מײַן פּריץ, וואָס האַלט אַזוי פון ייִדן, לויבט זיי אין טאָג אַרײַן, רעכנט זיי פאַר די ערשטע חכמים אין דער וועלט — צום סוף, נאַט אײַך, ריינע בהמות, כשרע קעלבלעך, פערד, ווי איך בין אַ ייִד, פערד! תחילת האָבן זיך אפילו יאָ געפונען אַ פּאָר מענטשלעך, וואָס האָבן אײַנגעשטעלט עטלעכע קערבלעך אַף הוצאות, נאָר אַז ס'איז געקומען, מע האָט באַדאַרפט האָבן נאָך הוצאות, פּאַפּירן, דעפּעשן, האָבן זיי זיך מיישב געווען: סטאָפּ! וואָס איז

די מעשה? געגוג, זאָגן זיי, ס'איז בא זיי ניט קיין קוואַל, זאָגן זיי, א ברונען נעמט זיך אויך אויסעט... געפעלט אייך אביסל חכמים? זיי וואָלטן א בעלן געווען אַף מיליאָנען און ס'זאָל זיי קיין געלט ניט קאָסטן! געבראָטענע טײַבעלעך אין מויל אַרײַן! אנדערע האָבן אָפּגעשווינדלט, און פון אנדערע האָבן מיר נאָך געהאַט בזיונות אויך; זיי האָבן געסטראַשעט מיטן פּראָקוראָר... וואָס דאַרפט איר מער, אַז זיי האָבן ארויפגעפירט מײַן איינן ווײַב, זי זאָל בא מיר נעמען גט.

— וואָס? איר זײַט א באַווײַבטער? מזל טוב אײַך! — כאַפּט זיך אויף אַרקאַדי.

— געווען א באַווײַבטער, — זאָגט בראָנזענטאַלער — הײַנט שוין ניט. זאָרגט זיך נישט, מיר האָבן זיך געגט. קרובים האָבן זיך אַרײַנגע־מישט און גלאַט גוטע פרײַנט: „וואָס טויג אײַך, זאָגן זיי, מיליאָנען? היט בעסער אָפּ אײַער געשעפט, א מזומנער גראָשן איז טײַערער פון אַלע חלומות, און וואָס טויג אײַך, זאָגן זיי, ארומפירן זיך מיטן דאָזיקן אָדון? גאָט ווייס, וואָס פאַר א נפש דאָס איז? אפשר איז דאָס אַן אדם־בפקדך?" און נאָך כדומה אַזעלכע שטעכווערטער זאָגן זיי מיר, און מײַן ווײַב האָט זיך צוגעזעצט צו מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל: גט און גט. „שטיא! — טענה איך צו איר — וואָס הערסטו זיי? דײַנע גוטע פרײַנט, זאָג איך, זײַנען דיך מקנא, פאַרגינען דיר נישט אַזאַ גליק!" גיי טענה מיט א ייִדענע. „פאַר דיר, זאָגט זי, דאָס גליק, בינד מיך אויף און גיב מיר גט!" וואָס טויג אײַך, מיר האָבן זיך געמוזט גטן, און פאַר גריזאַטע מיט בזיון בין איך אָפּגעטראָטן פון מײַן שטאָט און בין אריבערגעפאָרן אַהערצוצו קיין יעהופּעץ אײַנאײַנעם מיט מײַן פריץ, הייסט דאָס, זוכן, טאָמער וועלן מיר דאָ געפינען געלט אַף הוצאות. פאָרט א גרויסע שטאָט מיט אַלערליי געשעפטן, מיט מעקלערס א סך, מיט מענטשן, וואָס ווילן, חלשן פאַרדי־נען א קערבל, און האָב אים באַזעצט, מײַן פריץ הייסט דאָס, אין א שיי־נעם נומער פון א האָטעל, און אַליין האָב איך מיר אָפּגעדונגען אָט־אָ־דעם דאָזיקן בוידעם, ווי זאָגט איר, נענטער צו גאָט, און אַלע פרימאָרגן נעם איך מיר דאָס שטעקעלע און גיי מיר ארוים אַף דער בעדזע, אין דרויסן הייסט דאָס, דאָרט ווו אַלע ייִדן דרייען זיך ארום, און שלים קענטשאַפט מיט דער וועלט, און ס'איז א סברה, אַז מיר מאַכן דאָ א קאָמפּאַניע, דאָס הייסט, עטלעכע מענטשן לייגן זיך צונויף מיט א קאַ־

פיטאַל פון היפּשע עטלעכע טויזנט קערבלעך אַף חלקים, דאָס הייסט, וויפל איטלעכער גיט, אַזוי פיל חלקים האָט ער אין געשעפט, אַף יעדן הונדערטער נעמט זיך אָן צען טויזנט, אַף טויזנט — הונדערט טויזנט, אַף צען טויזנט — אַ מיליאָן. און ווי פאַרשטייט איר, האָט איצטער מײַן ווײַב חרטה? זי שיקט אונטער צו מיר אַלע מאָל אַ גוטן פרײַנט, און די גוטע פרײַנט ווערן צעפּיקעט פאַר קנאה, וואָרעם ווי קאָנען זיי דאָס גאָר איבערטראָגן, אַז זייער קרוב, משה בראָנזענטאָלער, אַ ייִד אַ חלפן, זאָל מיט אַ מאָל אַזוי אויפגעריכט ווערן, באַקומען דרײַ מיליאָן קאַרבן?!

— וואָס? דרײַ מיליאָן קאַרבן? — כאַפּט זיך אַרויס אַרקאַדי שווייצער און שפּרינגט אַראָפּ פונעם בעטל. — וואָס הייסט דרײַ מיליאָן קאַרבן?

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? — מאַכט צו אים בראָנזענטאָלער און פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און קוקט־אַראָפּ צו זיך אַף די פיס גאַנץ קאַלטבלוטיק, גלײַך ווי מע רעדט דאָ פון אַ דרײַערל. — וואָס זײַט איר דאָ אַזוי נתפּעל געוואָרן? איך האָב קאַרג האָרעוואַניע דערבײַ?

— אָבער דרײַ מיליאָן? — זאָגט אַרקאַדי און צענעמט די הענט.

— דרײַ מיליאָן. אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט! און נישט נאָר גערעדט — טאָקע צעשריבן זיך אַף פּאַפּיר און געחתמעט באַם נאָטאַריוס, וואָרעם מען איז דאָך ניט מער ווי לעבעדיקע מענטשן, דער פּריץ איז שוין אַן אַלטער פּריץ, אַליין בין איך אויך נישט קיין יונגערמאַן, איך האָב ברידער אַ סך מיט שוועסטער אָרעמע, אַ מענטש איז ניט באַ זיך אין די הענט, אַ קשיא אַף אַ מעשה? נאַט לייענט!

און בראָנזענטאָלער עפנט־אויף דאָס טישקעסטל, שלעפּט אַרויס שוין אַביסל אַ פאַרגעלטן בויגן פּאַפּיר, געחתמעט מיט אַ מאָדנע פאַרדרייטער, פאַרצוקטער, פאַרפּלאָנטערטער חתימה מיט שלענגלעך, מיט דריידלעך, מיט בייגעלעך און מיט ווײדעלעך, און רופט זיך אָן צו אַרקאַדין:

— איר זעט אַ חתימה? דאָס מאַכט: „יאַן־קאַזימירזש־זיגמונד, גראַף־דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי"...

און אַרקאַדי שווייצער שטייט און קוקט זיך אײַן אין דער דאָזיקער קינצלעך פאַרדרייטער חתימה, וואָס זעט אויס אַפן פּאַפּיר, ווי אַ שלאַנג מיט אַ פויגל האָבן זיך אַרומגענומען, אײַנגעפּלאָנטעט איינס אינעם אַנ־

דערן, און אין מיטן אַ קלעק, און מע ווייסט ניט, ווו הייבט זיך אָן שלאַנג און ווו לאָזט זיך אויס פויגל. און ער בלייבט שטיין ווי אַפּהענטיק אין מיטן חדר מיט דער ציגאַר אין מויל, די הענט צענומען, די פיס צעשפּרייט, די פּלייצעס אויפגעהויבן און דאָס פּנים שטאַרק אויסגעצויגן, און קאָן לאַנג־לאַנג נישט אויסריידן אַ וואָרט. נאָכדעם טוט ער זיך אַ פּאַטש מיט די הענט איבער די ליטקעס און צעלאַכט זיך מיט אַ קוויטש, ווי זײַן שטייגער איז, און ציט אויס:

— דרײַ מיליאָן קאַרבוינים! כאַ־כאַ־כאַ! אָט דאָס הייסט אַ מטבע! דרײַ מיליאָן! ווען איך האָב, אַשטייגער, אָט די דרײַ מיליאָן אײנציקע! אַך טי, רבונו של עולם!!!...

י.

די דרײַ מיליאָן, וואָס בראָנזענטאָלער וועט אַמאָל באַקומען, האָבן אונדזער אַרקאַדין, ווי מע זאָגט, אונטערגעטראָגן. ער האָט נישט אויפגעהערט אַרומצושפּאַנען, היצן זיך, שיטן מיט ווערטער, ווי פון אַ זאַק, און דער האַלב־נאַקעטער בעל־הבית איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן, באַקומען חן בײַ אים אין די אויגן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן צולאַסטשען זיך, צושאַרן זיך צו אים, ווי אַ קעצעלע, אָדער ווי אַ געטרײַער הונט, אַז ער וויל זיך צוחנפענען צו זײַן בעל־הבית.

אַרקאַדי שווייצער האָט דאָס געטאָן ניט מחמת ער האָט אַרויסגעקוקט דערפון עפּעס אַ טובה פאַר זיך. ער האָט דאָס געטאָן נאָר צוליב דעם כח המושך פון געלט, וואָס האָט אים תמיד געצויגן צו זיך, ווי אַ מאַגנעט. ער האָט ליב געהאַט געלט ניט מחמת דעם, וואָס ער דאַרף דאָס אַזוי נייטיק האָבן, נאָר מחמת דעם וואָס ס'איז ג ע ל ט, מחמת דעם, וואָס „געלט איז אַ גוטע, ליבע זאַך". אונדזער אַרקאַדי האָט געקאָנט אויסשטיין אויף די פיס צען שעה כסדר אין קלוב אַרום דעם גרויסן קײַלעכיקן טיש און באַטראַכטן דאָס שפּיל, קוקן ווי דאָס רויטע קלינגענדיקע גאָלד שיט זיך אָן אין עק, אָן אין אויפהער, גייט־איבער פון איינעם צום אַנדערן, גיסט זיך ווי וואַסער. אָט ליגט בײַ איינעם אַ גאַנץ בערגעלע גאָלד, דאָס גאָלד וואַקסט און וואַקסט, אָט גייט דאָס אַריבער צו יענעם, און אָט איז דאָס ווידער געקומען צוריק. אַרקאַדי שטייט און קוקט, ווי יענער „וואַרפט די

קאַרט״, און כאָטש ער האָט אין דעם שפּיל קיין שום חלק נישט, וואָרעם ער איז „נקי״ (אויף זײַן שפּראַך), „ריין ווי אַ טעלער״, נאָר גלאַט, דער גלאַנץ פון גאָלד און דאָס קלינגען פון גאָלד און דאָס גאָלד אַליין פאַר־אינטערעסירט אים אַזוי ווײַט, אַז עס קלאַפּט אים דאָס האַרץ פאַר יענעם, ער קוועלט־אָן אינאיינעם מיט דעם, וואָס „נעמט־אויס״, און העלפט מיט אַ זיפץ יענעם, וואָס האָט אײַנגעשטעלט און איז „אַרײַן ווי קורח״.

ס׳איז שווער צו זאָגן, וועלכעס שטייט בײַ אים העכער — צי דאָס שפּיל, צי דאָס געלט? ביידע זאַכן אינאיינעם זײַנען בײַ אים ווי צונויפ־געפלאָכטן, אײַנגעפלאָנטעט איינס אינעם אַנדערן, ליב, אײַנגעבאַקן אין האַרצן, טײַערער פון אַלצדינג אויף דער וועלט, און נאָר אין די צוויי זאַכן ליגט זײַן נשמה, און נאָר אַרום די צוויי זאַכן דרייען זיך זײַנע מחשבות. וואָס עס זאָל זיך אים ניט חלומען — חלומען זיך אים „פּאַסען״ (גע־ווינס) אָדער „פּראָוואַלן״ (פאַרלוסט), און נאָר קאָרטן און נאָר גאָלד זעט ער פאַר די אויגן. אַז ער דערזעט פאַר זיך געלט, איז די ערשטע מחשבה זײַנע: „וויפל קאָן מען מיט דעם מאַכן, ווען גאָט העלפט, עס קומען אָן די רעכטע „פּאַסען״, דער דרײַצנטער, דרײַצנטער פּאַס?״ און ער הייבט אָן ריידן מיט גאָט, ווערן אַ מאַמין.

אַרקאַדי שווייצער איז, ווי דאָס רוב קאָרטנשפּילער, אַ גרויסער, גרויסער מאַמין, און נישט נאָר אַ מאַמין אַליין, נאָר אַן אַבערגלייבער, גלייבט אין גוטע און שלעכטע חלומות, גייט נישט אין קלוב אַרײַן שפּילן מאָנטיק, נישט דעם דרײַצנטן, קערט זיך אום צוריק טאָמער באַגעגנט ער אַ גלח, און עס לויפט אים איבער דעם וועג אַ קאַץ, ווייס ער געוויס, אַז יענע נאַכט מוז ער „באַגראָבן ווערן״; האָט מורא פאַר אַ גוט אויג ערגער ווי אַ ייִדענע, טאָמער געווינט ער, זאָגט ער, אַז ער האָט פאַרשפּילט, און בייט נישט קיין געלט יענעם בשעת שפּילן, און וועט אײַך נישט לײַען פונעם קאָן, איר זאָלט זיך פאַר אים אויסציִען! און כאָטש ער איז איצט „נישט בײַ געלט״ שוין פון אַ צײַט און ווייס נישט, פון וואַנען קאָן ער האָבן געלט, דאָך גלייבט ער, ווי אַן ערלעכער ייִד גלייבט אין משיחן, אַז דער „גאָט פון קאָרטן״ קאָן נאָך מאַכן אַזוי, אַז אַרקאַדי שווייצער זאָל נאָך האָבן געלט, און גרויס געלט! דער עיקר איז — דער ערשטער כף־הא׳ער מיט די ערשטע שיינע פּאַסען, וועט שוין נאָכדעם גיין, אם ירצה השם, ווי אַ מזמור!

דער ערשטער געדאַנק זיינער איז געווען נאָכדעם, אַז ער האָט זיך אַביסל באַרויִקט פון די דריַי מיליאָן: אפשר איז דאָס אַ באַשערטע זאַך פון גאָט, וואָס ער האָט זיך דאָ באַזעצט מיט דעם דאָזיקן בראָנזוענטאָלער? וואָרעם וואָס האָט ער עפּעס גראָד אָנגעטראָפן אַהערצו און נישט ערגעץ אַנדערש? אפשר הייבן זיך אָן פון דער מינוט „זיַינע זיבן יאָר"? באַ אָט אַזאַ מין סומע פון דריַי מיליאָן — ווי וועט אים נישט אַראָפּפאַלן כאָטש עטלעכע טויזנטער, איך זאָג שוין נישט קיין צענער הונדערטער טויזנטער! און אַרקאַדי הייבט־אָן זיך אונטערשמירן צום בעל־הבית שוין גאָר מיט אַן אַנדער ניגון:

— זאָגט־זשע מיר, מיַין ליבער רב משה, — אַזוי, דאַכט זיך, רופט מען איַיך, האַ? — אַשטייגער, כדומה למשל, ווען איר טרעפט צו מיר פריִער מיט אַ קליין שטיקל ציַיט, בשעת מיר איז, ניט היַינט געדאַכט, געווען גראָם אין קאָפּ, ענג אין קעשענע און דאָס קערבל איז געווען אַ ממזר, — סטיַיטש, נעם איך דאָך אַרויס די האַרטע הונדערטערס בשמחה רבה ואָמרו כולם און זאָג: זה כפרתי, זה חליפתי, זה הטויזנטער ילך לחיים אַרוכים טובים ולשלום, וואָרעם אַרקאַדי שוויצער פאַרשטייט מיט גאָטס הילף אַן עסק, דער מוח איז אים ניט אויסגעטריקנט. עלעהיי, ס'איז אַ קאָרט און איך שטעל אַף איר. וואָס, אפשר ניט אַזוי, רב משה?

— געוויס אַזוי! — כאַפּט זיך אַרויס דער מחבר טשיַידעלע פאַרן בעל־הבית און כאַפּט אָבער באַלד אַ מיאוסן פּסק פון אַרקאַדין, ער זאָל זיך נישט מישן ווו מע דאַרף ניט. מערקווירדיק! אַף וויפל בראָנזוענטאָלער האָט באַ אַרקאַדין אין די אויגן געוווּנען, אַף אַזוי פיל, אָדער נאָך מער, האָט באַ אים דער מחבר פאַרלאָרן, און אַרקאַדי האָט זיך נישט געקאָנט איַינהאַלטן און האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ גאַנצער פּאָמעניצע:

— סקאָצל קומט, מיַין ליבער דיַיטש, בעל־מחבר פון דער חלירע, שוטה בן פּיקהאָלץ, איר זיַיט אויך דאָ? און איך האָב געמיינט, אַז איר האַלט שוין העט־וויַיט אין זיסן שלאָף, און עס חלומען זיך איַיך מכשפות מיט ווילדע ציגן, פּיפּערנאָטערס, וכדומה אַזעלכע ענינים, וואָס איר באַשריַיבט זיי דאָרטן אין איַיערע ביכלעך.

דאָס קליינע מחברל האָט נעבעך געמוזט, ווי אַ טשערעפּאַשקעלע, אַריַינציִען אין זיך דאָס קעפּל און ווערן נאָך קלענער, ווי ער איז, און אָפּשוויַיגן דעם דאָזיקן גראָבן נפש, וואָס קאָן מאַכן יעדן מיט דער בלאָטע.

„אָן עם־הארץ בלײַבט אַן עם־הארץ — לאָז מײַנס איבערגיין"... — קלערט ער זיך, און ארקאַדי לאַשטשעט זיך ווידער צום בעל־הבית, ווי אַ קעצעלע.

— אפנים, רב משה, איר זײַט אַזאַ ייִד, וואָס קאַטאָרי איר האָט פײַנט יענעם אָנצומוטן, זיך צוזעצן, ווי אַנדערע זעצן זיך צו, דעקוטשען יענעם אַזוי לאַנג, ביז יענער מוז זאָגן „באָם!" איך אַף אײַער אָרט וואָלט שוין לאַנג אָנגעשפּאַרט מיט אַ זאַ גליקלעך געשעפט, ווייסט איר וואָ? אַ קלייניקייט — אַ פּראָצעס פון נײַן און נײַנציק מיליאָן! אַ ווערטל אויסצורײדן — נײַן־און־נײַנציק מיליאָן!

— נײַן־און־נײַנציק מיליאָן! — העלפט אים אונטער דער מחבר, און ארקאַדי פּאַלט־אָן אַף אים ווידער אַ מאָל און מאַכט אים מיט דער בלאָטע:

— דײַטש, איר רעדט אויך פון מיליאָנען? אַנו, שווערט מיר אַף אײַערע הייליקע נאמנות, מײַן טײַער שפּילפויגעלע פון דער חלירע, אַז איר האָט אמאָל אַף אײַער לעבן געזען מיט אײַערע אייגענע אויגן אַ הונ־דערטער אַ גאַנצן, וועל איך אײַך צאָלן קנס וויפל „זיי" וועלן הייסן!

און ארקאַדי ווײַזט אָן מיט דער האַנט אַפן בעל־הבית, אָנגעבויגן דאָס קעפּל אַף אַ זײַט און צוגעמאַכט איין אויגל.

— מיינט איר דאָך, אַז איר האָט געטראָפן? — האַקט אים אָפּ דער בעל־הבית. — זאָג איך אײַך, אַז איר האָט, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ גרויסן טעות! טשײַדעלע האָט, ווי איר קוקט אים אָן, אַ סך הונדער־טערס! אַ גאַנץ פּאַרמעגן! טשײַדעלע, זאָלט איר וויסן, איז אַ ייִד אַן עושר, אַ גביר!

דאָס וואָרט „גביר" האָט בראַנזענטאַלער אָפּגעהאַקט, ווי מיט אַ האַקמעסער, און דער עפעקט דערפון איז געווען אַזוי גרויס, אַז ארקאַדי שוויצער האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעגלײַכט, ארויסגעכאַפּט די ציגאַר פון די ציין און געקוקט פונעם מחבר אַפן בעל־הבית און פונעם בעל־הבית אַפן מחבר און געפינטלט מיט די אויגן, ווי איינער רעדט: „וואָס טוט זיך עס מיט מיר?"

## יא.

מחמת אונדזער מחבר טשײַדעלע איז, ווי דער לעזער האָט שוין באַמערקט, אַ שטיל מענטשל, וואָס האָט פּײַנט, ווי אַנדערע, באַרימען זיך, דערציילן גוזמות, מאַכן פון זיך אַ גאַנצן וועזן, דערפאַר האָט געמוזט ריידן פאַר אים בראָנזענטאַלער דער בעל־הבית, דערציילן פאַרן דריטן שכן רוב גדלו ורוב עשרו, און טשײַדעלע האָט נאָר אַלע מאָל אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט מן הצד, נישט געקוקט בשעת מעשה אַף קיינעם, נאָר אָדער אַראָפּ צו זיך אַף די שפּיץ פּיסלעך, אָדער אַרויף אַהין ערגעץ אין דער הייך, צווישן דער וואַנט און צווישן דער סטעליע, ווו עס האָט זיך באַזעצט אַ שפּין, אויסגעבויט אַ קונציקע קײַלעכיקע דירה, בריהש געבליבן הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און אַרויסגעקוקט, גאָט זאָל צושיקן עפּעס פּרנסה...

— אונדזער טשײַדעלע — אַזוי זאָגט בראָנזענטאַלער און קאַטשעט אַ פּאַפּיראָס — איז אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַזאַ פאַרמעגן, וואָס האָט קיין מורא נישט פאַר קיין פײַער און נישט פאַר קיין וואַסער, פאַר פאַרלירן אָדער פאַר אַוועקגנבהנען; אים קאָן קיינער נישט קאָנקורירן, איבערשלאָגן, צונעמען; זײַן סחורה איז תמיד געלט און זײַן געלט איז שטענדיק מיט אים!

ארקאַדי שווייצער קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן און טוט אַ פרעג:

— וואָס־זשע איז באַ אים פאַר אַ מין סחורה: דימענטן? בריליאַנטן?

— נאָך טײַערער פון בריליאַנטן! — זאָגט בראָנזענטאַלער, און טשײַדעלע לאָזט אַראָפּ די אויגן. — וואָרעם וואָס איז דען, אייגנטלעך, בריליאַנטן? בריליאַנטן איז דאָך נישט מער ווי שטיינער, אַ צירונג, אַ מאָדע אַזעלכע; לאָז דאָס ווערן אויס מאָדע — מעגט איר דאָך נעמען אײַערע בריליאַנטן און אַרויסוואַרפן זיי אַף אַ ריין אָרט. דאָס אָבער, וואָס אונדזער טשײַדעלע פאַרמאָגט, איז אַזאַ סחורה, וואָס וועט קיינמאָל נישט אַרויס פון דער מאָדע, און כּל זמן די וועלט איז וועלט, וועלן זיך מענטשן אָן דעם נישט באַגיין.

— אַהאָ! — מאַכט אַרקאַדי. — אַ ייִדישע נשמה קאָן מען נישט שאַצן, ווי מײַן באָבע עליה השלום האָט אַמאָל געזאָגט, אַז זי האָט געזוכט

א פארפאלענעם זעקסער און אויסגעטרייסלט אים בא מיר אין קעשענע...

און אין הארצן טראכט זיך ארקאדי: „דאכט זיך, אזא פּימפּערל? גי־כער גערינכט זיך אף אים א מפּלה!״... נאר דער בעל־הבית שטויסט זיך, וואס ער מיינט, און רעדט ווײַטער:

— פארשטייט איר מיך, אונדזער טשײַדרעלע האט גאט געשענקט א מתנה, וואס ניט איטלעכער פארמאגט דאס, דהיינו: אלץ וואס ער זעט מיט די אויגן...

— נעמט ער מיט די הענט? — כאפּט אונטער שווייצער. — פּונקט ווי מײַן פעטער לייביש; איך האב געהאט א פעטער לייביש, האט ער אויך געהאט אזא טבע...

— ווילט איר הארכן, איז גוט; אניט — גייט אײַך מיט אײַער פע־טער לייביש וווהין איך וויים! — מאכט צו אים דער בעל־הבית.

שווייצער בלײַבט זיצן ווי א סטאטיק, און בראנזענטאלער רעדט ווײַטער:

— איז אלץ, וואס ער זעט מיט די אויגן, באשרײַבט ער מיט די הענט; און הענט האט אים גאט געגעבן גאלדענע; ער, אז ער זעצט זיך אוועק שרײַבן, קאן ער אײַך שרײַבן און שרײַבן אן אן אויסלאז און אן אן אויפהער; סע שרײַבט זיך בא אים אזוי לאנג, ביז עס גייט אויס מא־טעריאל, איך מיין טינט און פּאפּיר.

— ער דארף זײַן א ווילדער בעל־הוצאה אף די צוויי מינים? — ווארפט ארײַן ארקאדי.

— וואס פאר א ווערדע האט דאס אבער קעגן דעם, וואס ער ברענגט־ ארויס דערפון! מיט איין פלעשל טינט קאן אײַך טשײַדרעלע אנשרײַבן א בוך פון טויזנט בלעטלעך.

— און פאר נויט — זעצט־צו ארקאדי — גיסט מען אונטער וואַ־סער, ווי די ווײַנשענקערס טוען, אז עס קומט צו די אנדערע טעג יום־טוב און דער ווײַן הייבט אן צו טאגן, און עס ווילט זיך ניט ארויסלאזן קיין פדיון...

— טאמער וואלט איר פארשטעקט דעם צאפּן? — מאכט צו אים בראנזענטאלער און דערצייילט ווײַטער: — בקיצור, אונדזער טשײַדרעלע איז א גאלדשפּינער, ס׳איז בא אים א קוואל, וואס לאזט זיך קיינמאל ניט אויס. זעט איר אן דארטן אונטערן בעט א קעסטל? איז דאס פול ווי אן

אויג, אָנגעפּאַקט מיט ספרים שוין אָנגעשריבענע, און נאָך וואָסערע ספרים! אנטיקן שבאַנטיקן! ער האָט זיי מיר כמעט אַלע איבערגעלייענט. די ספרים, ווען מע דרוקט זיי אָפּ און מע לאָזט זיי אַרויס אַף דער וועלט, פֿאַרצוקערט מען זיי! דער גאַנצער חסרון איז, וואָס ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו דרוקן זיי!

— ניטאָ קיין פּאַדעס, הייסט עס? — שטעלט־אַרײַן אַרקאַדי שוויי־צער. — ס'איז בא אײַך, הייסט דאָס, אַ „געלט־מאַנגל", ווי דער דײַטש זאָגט, פּונקט דאָס זעלבע חולאת, וואָס בא מיר: „בײַטל־פֿיבער" רופֿט מען דאָס בלשון הדאָקטאָריע. וויפֿל באַדאַרף מען דערויף, למשל, געלט?

— וואָס איז די נפקא־מינה, — זאָגט בראָנזענטאַלער — אַז ס'איז ניטאָ? און דערצו איז טשײַדעלע, ווי איר קוקט אים אָן, אַ מאָדנע מענטשל, גאָר נישט דאָס, וואָס אַנדערע מחברים; אַנדערע מחברים גייען־אַרום מאַכן געלט...

—בעטלען? — כאַפּט זיך אויף דער מחבר. — גיכער שטאַרבן! — און די אויגן צינדן זיך אָן בא אים, און די בעקלעך ווערן אים רויט, ווי דער רויטער שניפּס, וואָס ער טראָגט אַפּן ווײַסן פּאַפּירענעם קאָלנער. און דער בעל־הבית ווײַזט־אָן אַף אים מיט דער האַנט, ווי אַ געטרײַער פֿאָטער אַף זײַן אײַנגעשפּאַרט קינד.

— אַ גדלן — מאַכט בראָנזענטאַלער, — אַ גדלן און אַן עקשן! וויפֿל איך טענה ניט מיט אים, איז דאָס ווי אַן אַרבעס אין וואַנט. איך טענה מיט אים: לאָמיר דערווײַל אַרויסלאָזן איין ביכל, און נאָכדעם וועלן מיר שוין זען וואָס מיר האָבן צו טאָן. דערויף איז געווען דערווײַל די ערשטע עטלעכע הונדערט קערבלעך.

— סך הכל? — מאַכט אַרקאַדי. — וואָס פֿאַר אַ ראָלע שפּילט אַזאַ קליינע סומע בא אַזעלכע קאַפּיטאַליסטן, ווי איר, כּלעבן, ובפרט נאָך אַף אַזאַ גאָלדן געשעפֿט, ווי ביכער?

— לאַכט איר דאָך? — זאָגט צו אים בראָנזענטאַלער מיט פֿאַר־דראָס. — וועל איך אײַך ווײַזן, אַז איר זײַט, מחילה, אַ גרויסע בהמה און איר הייבט ניט אָן צו פֿאַרשטיין פֿון דאַנען אַהין. איר האָט נאָר אַ מויל און סע רעדט, און ווײַטער איר זאָלט פֿאַרשטיין אַן עסק, אַרומנעמען אַ זאַך — דאָס ניט! אָט וועל איך אײַך מאַכן אַ פּראָסטן חשבון. זאָגט

מיר, וואָס איך וועל אײַך פרעגן, פּאַני שווייצער, אַז איר זײַט יאָ אַזאַ חכם: וויפל, רעכנט איר, געפינען זיך, אַשטייגער, ייִדן?

— ווו? דאָ, אין יעהופּעץ? — פרעגט ארקאדי — עס ווענדט זיך וואָסערע ייִדן; אויב סוואָלעטשעס מיט פּאַרכעס — איז, קיין עין־הרע, אַ סך . . .

— ניין, — ענטפערט אים בראָנזענטאָלער, — נישט דאָס מיין איך! איך מיין אַלע ייִדן אַרום און אַרום?

— אומעטום — העלפט אים אונטער טשײַדעלע — אַף דער גאַנצער וועלט.

— אַף דער גאַנצער וועלט? — מאַכט שווייצער און פאַרקאַטשעט דעם שטערן. — מע זאָגט, קיין עין־הרע, היפּשלעך, אַזוי פיל מכות אַלע אַנטיסעמיטן אינאיינעם.

— וויפל זאָלן מיר רעכענען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס לייענען בי־כער? — פרעגט בראָנזענטאָלער.

— וואָס לייענען ביכער ווייס איך נישט, — מאַכט ארקאדי — נאָר אַזעלכע, וואָס שפּילן אין קאָרטן, זײַנען געווים מער; דאָס בין איך אײַך ערב.

— לאָז זײַן אַזוי! — לאָזט אים צו דער בעל־הבית. — וועלן מיר רעכענען, אַז פון עטלעכע מיליאָן איז פאַראַן נאָר צוויי מיליאָן ייִדן, וואָס לייענען ביכער. פון זיי וועלן מיר אראָפּרעכענען אַ מיליאָן, וואָס קאָנען נישט אויסגעבן קיין קערבל אַף אַ ביכל, אָדער זיי ווילן נישט קויפן קיין ביכער. בלײַבט אונדז איבער איין מיליאָן ייִדן, וואָס ווילן יאָ אַמאָל לייע־נען אַ בוך. הײַנט לאָמיר רעכענען שוין אַף דעם פאַל, אַז צוויי ייִדן וועלן קויפן פאַר איין קערבל איין ביכל אַף צו לייענען.

— רעכנט איין ביכל אַף דרײַען, — פאַרריכט אים דער מחבר אַליין.

— אַן עק! — זאָגט דער בעל־הבית — לאָז זײַן אַ ביכל אַף פירן, אַף פינף אירע! וויפל־זשע האָט איר דעמאָלט? ניט קיין צוויי הונדערט טויזנט קאַרבן?

— פונקט דאָס גרויסע געווינס, — מאַכט אַרקאַדי, וואָס הייבט ערשט איצט אָן רעכנט צעקײַען. — אוי וויי, ס'איז דאָך עפּעס טאַקע גאָר נישקשהדיק פון אַ געשעפטל, ווי איך בין אַ מענטש!

— וואָס זשע דען האָט אי ר געמיינט? — מאַכט צו אים דער

בעל־הבית, און דער מחבר ווערט גרעבער ווי לענגער — הײַנט שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איך וויל גאָר ניט רײַך ווערן מיט אַ מאָל און איך שטעל־אַוועק דעם מקח נאָר אַ האַלב קערבל פֿאַר אַ ביכל?

— אַ חצי פֿויגל איז בזיל הזול, אַ מציאה פֿאַר אַ גנבֿ! — מאַכט אַרקאַדי, ווי אַ מענטש, וואָס איז אַ מבֿין אויף די זאַכן.

— דאָס האָט איר פֿאַרן ערשטן ביכל, — ציט דער בעל־הבית דעם חשבון נאָך ווײַטער, — הײַנט וואָס וועט איר זאָגן, מײַן ליבער הער שווייצער, אַז אַזעלכע ביכער זײַנען פֿאַראַן באַ אונדזער טשײַדעלע אַ שטיקלעך דרײַסיק?

— אָהאָ! קיין עין הרע ניט! — מאַכט אַרקאַדי און שפּרינגט אַראָפּ פֿונעם בעטל. — דאָס שמעקט דאָך שוין גאָר מיט מיליאָנען, ווי איך בין אַ מענטש!

— וואָס־זשע דען האָט אי ר געמיינט? — זאָגט בראָנזענטאָלער, און טשײַדעלע ווערט צעשמאָלצן פֿאַר תענוג. — לאָמיר נאָר דערטאָפּן די ערשטע עטלעכע הונדערטער, אַזוי לאָזן מיר אַרויס תיכף ומיד דאָס ערשטע ביכל, לייזן מיר אָפּ אַ מאה אלף, לייגן מיר דאָס אַרײַן טיף אין קעשענע און נעמען זיך צו די איבעריקע ביכער, אײַנציקווײַז; אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מיר לאָזן אַרויס אַלע דרײַסיק שטיק, פֿאַרשטייט איר דאָך שוין, וואָס פֿאַר אַ פּנים מיר באַקומען דעמאָלט אין דער וועלט?! איך בין אײַך שוין מוחל דאָס געלט — איך רייד פֿונעם כּבֿוד, וואָס טשײַדעלע וועט דעמאָלט האָבן, אַז זײַנע ביכער וועלן פֿאַרפֿלייצן די גאַנצע וועלט! איר מעגט פֿון מיר לאַכן, הערט איר, זאָגן, אַז איך בין אַן אַלטער נאַר, — איך בין אים באמת מקנא, דאָס הייסט, פֿאַרגינען פֿאַרגין איך אים מיטן גאַנצן האַרצן, נאָר מקנא בין איך אים אוודאי זייער גוט. אַ קלייניקייט — אַ זאַ כּבֿוד! אַ זאַ נאָמען!

באַ אַרקאַדי שווייצער האָט זיך פֿאַרדרייט דער קאָפּ ניט אַזוי נאָך פֿונעם כּבֿוד מיטן נאָמען, ווי פֿון די מיליאָנען, וואָס שטייט־פֿאַר טשײַ־דעלע זאָל דאָ פֿאַרדינען. און דער מחבר איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן באַ אים אין די אויגן, געוואָרן שענער גאָר אויפֿן אויסזיכט און גרעסער אויף דער וווּקס. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז טשײַדעלע האָט טאַקע אַ פּנים פֿון אַ... אַ... עפּעס נישט קיין געוויינלעכער פֿאַרשוין. עפּעס די האָר מיט די קליינע הענטלעך עפּעס... בלעבן, ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעזען,

כמעט פון דער ערשטער מינוט, אז דאָס איז אַ מענטשל ניט ווי אַלע מענטשן... און אונדזער אַרקאַדי שווייצער האָט זיך נישט געקאָנט איינ־האַלטן און איז צוגעגאַנגען צום מחבר און האָט אים אָנגענומען בײַ איינע פון זײַנע קליינע הענטלעך מיט די דינע פינגערלעך און האָט אים אָפּגע־געבן אַ שיינעם אַ ברייטן מזל־טוב, אים געווינטשעוועט, ער זאָל דערלעבן וואָס גיכער אַרויסלאָזן אַלע זײַנע באַרימטע ביכער, וואָס וועדליק ער, אַרקאַדי שווייצער, זעט אַרויס, באַדאַרף דאָרטן שטעקן עפּעס אַזעלכעס, אַזעלכעס, וואָס ער קאָן עס מיט קיין ווערטער נישט אַרויסגעבן. און פּלו־צעם האָט ער זיך געגעבן אַ פּאַטש אין שטערן, אַ ביסל פאַרטראַכט זיך און אַ זאָג געטאָן:

— שאַט, ווייסט איר גאָר וואָס? ס'איז דאָ אַ פּלאַן בײַ מיר! אַ טײַערער פּלאַן! אַ גאָלדענער פּלאַן! אַזאַ יאָר אויף מיר!

ביידע צוויי, דער בעל־הבית און דער מחבר, האָבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן, האָרכן וואָס פאַר אַ פּלאַן האָט פאַר זיי דער נײַער שכן? און אַרקאַדי שווייצער האָט זיך געווענדט צו זיי בזה הלשון:

— הערט זשע אויס, מײַנע ליבע ייִדן, וואָס איך וועל אײַך זאָגן; גאָר בעטן וועל איך אײַך, אַז קיין פאַראיבל זאָל ניט זײַן און איר זאָלט נישט האָבן קיין טבע פון בלאָזן זיך. מען איז דאָך היימישע מענטשן. מיר אַלע דרײַ זײַנען, ברוך השם, גלײַכע נגידים, אחוץ אונדזער שאָדן אויף אַלע אַנטיסעמיטן געזאָגט געוואָרן! טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, למשל, מיר זאָלן שליסן צווישן זיך אַ מין... אַ מין געזעלשאַפט, אַ שותפות?

— אַ שותפות? אויף וואָס אַ שותפות? אויפן דלות? נאָל־שמאָל־עט־קאָמפּאַניע? — פרעגן ביידע מיט אַ מאָל, דער בעל־הבית מיטן מחבר, און אַרקאַדי פאַלט בײַ זיך נישט אַראָפּ און צעקײַט זיי די ווערטער, בכדי זיי זאָלן פאַרשטיין וואָס ער מיינט:

— איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט. איך וויל, פאַרשטייט איר מיך, מיר זאָלן זיך געבן דאָ איינס דאָס אַנדערע דאָס הייליקע וואָרט, אַ תקיעת־כף, אַזוי ווי קיינער וויים ניט וועמענס מאָרגן עס איז, צי איך מיט מײַנע דרײַצן פּאַסען אין קלוב, צי איר מיט אײַער כפול־שמונהדיקן פּריז דעמ־באָ־דאָמבע־דעמביצקי אין אַמעריקאַ, צי זיי, דער מחבר הייסט דאָס, מיט זייערע ביכלעך? — איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ווער פון אונדז עס

זאָל פריִער נישט אויפגעריכט ווערן, באַדאַרף עס זײַן יחדיו. איר פאַר־שטייט? מע זאָל זיך טיילן גלײַך, און אַלצדינג זאָל זײַן אינאיינעם, יחדיו, איין מאָל פאַר אַלע מאָל יחדיו!

בשעת מעשה האָט אַרקאַדי שווייצער אויפגעהויבן די רעכטע האַנט אין דער הייך, דעם קאָפּ אָנגעבויגן אויף אַ זײַט, און דער בעל־הבית מיטן מחבר זײַנען געזעסן אַ פּאָר מינוט פאַרטומלט, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און געשוויגן. דער פּלאַן איז געווען אַזוי אויסגעריכט און דער טאָן אַזוי ערנסט, אַז בראָזענטאַלער איז אויפגעשטאַנען דער ערשטער פונעם טיש, צוגעגאַנגען צום נײַעם שכן, אויסגעצויגן אים די לאַנגע דאַרע האָריקע האַנט און אַרויסגעלאָזט הויך אויף אַ קול: „יחדיו!” און אויף אים קוקנדיק, האָט זיך אויך דאָס מחברל אַראָפּגעכאַפּט פונעם בעטל, אויס־געצויגן ביידע שכנים זײַן קליין הענטל און אויסגעקוויטשעט אויף זײַן דינער שטימע: „יחדיו!” און אַלע דרײַ שכנים האָבן זיך פרײַנטלעך גע־קוקט איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַרײַן, עטלעכע מאָל גוט־גוט גע־קוועטשט זיך בײַ די הענט און איבערגעחזרט נאָך עטלעכע מאָל דאָס ליבע זיסע וואָרט „יחדיו!” און פּלוצעם האָט זיך דער מחבר אַ וואָרף געטאָן צום קעסטל וואָס אונטערן בעט, אַרויסגעכאַפּט פון דאָרטן אַ בויגן פּאַ־פּיר, געבראַכט צו טראָגן אַ טינט און פען, אָנגעשריבן אין דער ברייט פונעם בויגן פּאַפּיר מיט גרויסע געכתיבהטע אותיות:

**א׳ ב׳ ג׳ ד׳**

און אַ זאָג געטאָן צו די שכנים מיט אַ פאַרפּלאָמט פּנימל:

— חתמעט זיך, זײַט־מוחל, אויפן דאָזיקן פּאַפּיר. דאָס איז אונדזער קאָנטראַקט.

— וואָס באַדײַטן די דאָזיקע אותיות? — פרעגן בײַ אים די איבע־ריקע צוויי שכנים שטאַרק פאַרוווּנדערט.

— די דאָזיקע אותיות — זאָגט טשײַדעלע — באַדײַטן: א מ ת, ב ר כ ה, ג נ ב ה, ד ל ו ת. דאָס הייסט, דער פּשט איז אַזוי: **אַז** מיר וועלן גיין מיטן אמת, וועט זײַן ב ר כ ה, און אַז מיר וועלן גיין מיט ג נ ב ה, וועלן מיר האָבן ד ל ו ת... פאַרשטייט איר שוין? הײַנט לייגט זיך, זײַט מוחל, מיט די חתימות!

דעם מחברס אײַנפאַל איז אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז דער בעל־הבית

האָט אים אונטערגעטראָגן אַ פּאַפּיראָס מיט אַזאַ מינע, גלײַך ווי מע טראָגט אונטער אַ ליב קינד אַ צוקערלעקעכל אָדער אַ קאָנפּעקטל, און אַרקאַדי האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט אים דערלאַנגט אַ רעכטן זעץ אין פּלייצע.

— בראַוואָ! ווו תורה דאָרט איז חכמה! אַזוי פּלעגט זאָגן דער זיידע מײַנער, דער „שומר־בגדים" אַליין, בשעת מנשהקע דער רופא פּלעגט פּריוואַטיק אין באָד אַ גאָל טאָן אַ ייִדן דעם קאָפּ, אַוועקוואַרפן אין מיטן און גיין צום אַנדערן ייִדן.

און ס'איז געבליבן, אַז דער שותפות זאָל הייסן „אי בי גי די עט קאָמפּאַניע"...

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן בײַ די נײַע שותפים די צערעמאָניע פון אונטערשרײַבן זיך. פריִער פון אַלע, געוויינלעך, האָט זיך געחתמעט דער בעל־הבית, משה בראָנזענטאָלער, אַנידערגעזעצט אַ פײַנע בעל־הבתישע חתימה מיט אַ פּאָר קוועטשלעך און מיט אַ בעל־הבתיש דריידל. נאָך אים האָט זיך באַדאַרפט אונטערשרײַבן אַרקאַדי שווייצער, האָט ער געזאָגט, אַז כל ימיו האָט ער ליב זיך חתמענען צום לעצט, לכן זאָל זיך טשײַדעלע מוחל זײַן חתמענען פריִער. און אַז דער מחבר אַליין האָט זיך שוין צעשריבן פײַנטשיק מיט אַ היפּש דריידל און מיט אַ שיינעם ציק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שרײַבער, און ס'איז געקומען צו אַרקאַדין, האָט ער גענומען די פּען צווישן די פינגער, ווי מע נעמט אַ פּראָפּנציִער אַף אַרויס־צושלעפּן אַ קאָרעק פון אַ פלעשל, און האָט אָנגעדראַפּעט פּאַוואָלינקע אַפן פּאַפּיר עטלעכע פּאַסיקלעך מיט אַ צוויי־דרײַ רעדעלעך, און אויסגע־לאָזט מיט אַ קלעק; — די דאָזיקע חתימה האָט געקאָנט מאַכן וואָס איר ווילט אין דער וועלט, נאָר ניט „אַרקאַדי שווייצער". און בשעת מעשה האָט אַרקאַדי רעכט געשוויצט און געזאָגט, אַז מחמת ער האָט ייִנגלווײַז זייער אַ סך געשריבן, האָט דאָס אים שטאַרק געשאַדט צו דער ראיה, האָבן אים די דאָקטוירים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך היטן פון אַ פּען, ווי אין אויג אַ שטאָך, נאָר הלוואַי, זאָגט ער, וואָלט ער געהאַט דאָס געלט — וואָס ער וואָלט נאָך געקאָנט פונדעסטוועגן אַפן ניכטערן האַרצן אָנ־שרײַבן מיט הוילע ציפערן אַליין!

און די דרײַ שכנים, וואָס האָבן געשלאָסן שותפות, האָבן זיך שפּעט, מיטן טאָגלעכן שײַן, אָפּגעזעגנט, זיך געווינטשעוועט אַ גוטע נאַכט מיט

זיסע חלומות, זיך אויסגעטאָן און געלייגט שלאָפֿן, און גאָט וויים, אויב אַף דער גאַנצער וועלט זייַנען געווען אַזעלכע דרייַ צופֿרידענע מענטשן, וואָס זאָלן שלאָפֿן אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, און זאָלן זען אַזעלכע זיסע גיל־דענע חלומות, ווי עס האָבן געזען אין דער דאָזיקער נאַכט, אינעם דאָזיקן שטאַרק־אָנגערייכערטן פֿינצטערן חדרל, כמעט אונטערן דאַך, אונדזערע דרייַ פֿאַרשוינען.

געשריבן אין יאָר 1903

# עולם הבא

## דערציילונג

אַז איר ווילט, וועל איך אײַך דערציילן אַ שיינע מעשה, ווי אַזוי איך האָב אַף זיך געהאַט אַמאָל אַ פּעקל, וואָס איך האָב עס אַליין גענומען אַף זיך, און בין שיער־שיער ניט אומגליקלעך געוואָרן! און איר מיינט, איבער וואָס? נאָר איבער דעם, וואָס איך בין געווען אַ יונגערמאַן ניט קיין גע־ניטער, ניט קיין איבערגעשפּיצטער, דאָס הייסט, עס קאָן זײַן, איך בין נאָך הײַנט אויך ווײַט פון אַ חכם, וואָרעם איך זאָל זײַן אַ קלוגער, וואָלט איך דאָך, ווי זאָגט איר, געהאַט געלט; אַז מע האָט געלט, איז מען דאָך אי קלוג, אי שיין, אי מע קאָן זינגען.

בין איך, הייסט דאָס, געווען אַ יונגערמאַן, געזעסן אַף קעסט בײַ שווער און שוויגער, געזעסן און געלערנט, אַביסל אַרײַנגעקוקט אין די ביכלעך בסוד, די שווער און שוויגער זאָלן ניט וויסן, ניט אַזוי דער שווער, ווי די שוויגער. איך האָב, דאַרפט איר וויסן, אַ שוויגער אַ מאַנצביל, דאָס הייסט: אַ ייִדענע, וואָס גייט אין ספּאָדעק. פירט אַליין אַלע געשעפטן, אַליין געטאָן שדוכים, אַליין געקליבן חתנים פאַר די טעכטער. און אויך מיך האָט זי אַליין אויסגעקליבן, אַליין פאַרהערט, אַליין געבראַכט צו פירן קיין זוואָהיל פון ראַדאָמישלי — איך בין אַליין אַ ראַדאָמישלער בין איך, מסתמא האָט איר געהערט ראַדאָמישלי, מע האָט דאָס ניט לאַנג באַשריבן אַפן בלאַט...

בין איך, הייסט דאָס, געזעסן אין זוואָהיל אַף קעסט, געקוועטשט דעם

מורה־נבוכים, נישט אַרויסגעטראָטן מפּתח ביתי, ביז ס'איז געקומען די צײַט, מע דאַרף זיך פֿאַרשרײַבן צום פּריזיוו, מוז מען זיך מטריח זײַן דורכפֿאָרן אַהיים קיין ראַדאָמישלי צורעכט מאַכן די פּאַפּירן, זיך אויס־סטאַרען די ליגאָטע. אַרויסנעמען אַ פּאַס, ווי געוויינטלעך. דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, מײַן ערשטער אַרויספֿאָר אויף דער וועלט. האָב איך מיך געלאָזט אין מאַרק אַרײַן דינגען אַן עגלה איינער אַליין, צו באַווײַזן, אַז איך בין שוין אַליין אַ מענטש. און גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ מציאה, איך האָב דערטאַפּט אַן ערל פֿון ראַדאָמישלי מיט אַ שליטן, — ווינטער איז דאָס געווען — מיט אַ ברייטער פּלייצע, אַ געפּאַרבטע, און מיט צוויי פֿליגלען בײַ די זײַטן, ווי אַן אָדלער; נאָר דאָס פֿערדל האָב איך גאָר אַרויסגעלאָזט פֿונעם קאָפּ, אַז ס'איז אַ ווײַס, און אַ ווײַס פֿערדל, זאָגט די שוויגער, איז אַן אומגליק. „הלוואי, זאָגט זי, איך זאָל ליגן זאָגן, די דאָזיקע נסיעה וועט זײַן, האָב איך מורא, מיט שלים־שלים־מזל"... — „בײַס דיר אָפּ די צונג!" — כאַפּט זיך אַרויס דער שווער מיט אַ וואָרט און האָט באַלד חרטה, וואָרעם ער באַקומט זײַן פּסק אָפּן אָרט; נאָר צו מיר זאָגט ער שטילערהייט: „ווײַבערשע זאַבובאָנעס!", און איך הייב מיך אָן גרייטן צו דער נסיעה: דעם טלית ותפֿילין, פּוטערגעבעקס, עטלעכע קערבלעך אויף דער הוצאה און קישנס דרײַ: אַ קישן אויף צו זיצן, אַ קישן אויף אָנצושפּאַרן זיך און אַ קישן אויף די פֿיס, — און דאַוואַי געזעגענען זיך. געקומען צום געזעגענען זיך — ניטאָ קיין ווערטער! פֿון תּמיד אָן איז בײַ מיר אַ טבֿע, אַז סע קומט צום געזעגענען זיך, בלײַב איך אָן לשון! איך ווייס ניט, וואָס זאָגט מען? עפּעס קומט דאָס אויס בײַ מיר גראָבלעך, ווי אַזוי דרייט מען זיך אויס צו איטלעכן, מחילה, מיטן הינטן און מע לאָזט זיי איבער גלאַט אַזוי? איך ווייס ניט, ווי אַזוי איר, נאָר בײַ מיר איז דאָס געזעגענען זיך עד היום על אַפּי ועל חמתי! נאָר שאַ! מיר דאַכט, איך הייב שוין אָן פֿאַרקריכן קיין בוידעריק...

האָב איך מיך, הייסט דאָס, גאַנץ פֿײַן אָפּגעזעגנט און פֿאַשאָל אין וועג אַרײַן קיין ראַדאָמישלי. געווען איז דאָס תּחילת ווינטער, דער שניי האָט זיך געלייגט פּאַר־פּרי, אַ שליטס־וועג גאָר אַן אַנטיק. דאָס פֿערדל, כאָטש ס'איז אַ ווײַס, נאָר גיין גייט עס ווי אַ ממזור, און אַן ערל האָב איך דערטאַפּט אַ שווײַגנדיקן, פֿון די ערלים, וואָס אויף אַלצדינג וועט ער אײַך ענטפֿערן אָדער „עהע", דאָס הייסט יאָ, אָדער „באַ—ני", דאָס הייסט

ניין, — און ווײַטער כּאַטש גיב אים אַ קרענק! ארויסגעפאָרן פון דער הײם נאָכן עסן, גאַנץ אויפגעלייגט, אַ קישן פון אונטן, אַ קישן אין די פּלייצעס און אַ קישן אױף די פּיס; דאָס פערדל שפּרינגט, דער ערל סמאַצ־קעט, דער שליטן שליטלט, דער ווינט בלאָזט, און אַ שנייעלע רײַסט זיך פון אויבן, קײַקלט זיך און פאַלט, לײגט זיך, ווי פעדערן, אַפן ברייטן גרויסן טראַקט, און אַפן הארצן מיר איז גוט, משונה גוט, ברייט און פרײַ און ליכטיק אױף דער נשמה, פּאַרט דאָס ערשטע מאָל ארויס אױף גאָטס וועלטל, איינער אַליין, אַ בעל־הבית, הייסט עס, פאַר זיך! און איך שפּאַר מיך אָן און צעלייג מיך אין שליטן גאָר מעשה פּריץ... נאָר ווינטער, ווי וואָרעם איר זאָלט ניט גיין אָנגעטאָן, נאָר אַז דער פראָסט נעמט גוט דורך, גלוסט זיך אָפּשטעלן זיך אָנוואָרעמען, איבערכאַפּן דעם אָטעם און פאָרן ווײַ־טער. און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אין דמיון געווײנטלעך, אַ קרעטשמע אַ וואָרעמע, אַ סאַמאָוואַר אַ זודיקער און אַ ראָסלפלייש־ל אַ פּרישינקעס מיט אַ הייסער יויך... פון אַזעלכע מחשבות הייבט מיר אָן קלעמען דאָס האַרץ, פּשוט עס ווילט זיך עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. איך הייב אָן אַרײַנשמועסן מיט מײַן ערל מכּח אַ קרעטשמע, איך וויל געוואָר ווערן, צי ס'איז נאָך ווײַט? ענטפערט ער מיר: באַ—ני, ניין הייסט דאָס. פרעג איך אים: שוין נאָענט? ענטפערט ער מיר: עהע, יאָ הייסט דאָס. וויפל נאָענט — דאָס איז שווער באַ אים ארויסצוציִען פונעם מויל, כּאָטש טו זיך אָן אַ מעשה! און איך שטעל מיר פאָר, וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען אַפן ערלס אָרט זאָל זײַן אַ ייִד, להבדיל, וואָלט ער דאָך מיר קלאָר געמאַכט ניט נאָר ווו די קרעטשמע איז, נאָר אַפילו ווער עס האַלט די קרעטשמע, ווי אַזוי מע רופט אים, און וויפל קינדער ער האָט, און וואָס ער צאָלט פאַר דער קרעטשמע, און וואָס ער האָט פון איר, און וויפל יאָר זיצט ער דאָ, און ווער איז געזעסן פריִער — גאַנצע פּעק וואָלט ער מיר דערציילט. אַ מאָדנע פאָלק דאָס איז! איך מיין טאַקע אונדזערע ייִדעלעך זאָלן געזונט זײַן. ס'איז גאָר אַן אַנדער בלוט, כּלעבן!... האָב איך מיר, הייסט דאָס, געטרוימט וועגן אַ קרעטשמע אַ וואָרעמע, געפאַנטאַזירט מכּח אַ סאַמאָוואַר אַ הייסן, וכדומה אַזעלכע גוטע זאַכן, ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט, מיין ערל האָט אַ סמאַצקע געטאָן צום פערדל, פאַרקערעוועט דעם שליטן אַביסל אױף אַ זײַט, און עס האָט זיך באַוויזן אַ קליין גרוי שטיבל, באַשאָטן מיט ווײַסן פון אויבן ביז אַראָפּ, אַ פעלד־קרעטשמע, וואָס איינעם

ווײַסן שנייעדיקן פעלד זעט זי אויס איינע אליין עפּעס משונה עלנט, ווי א פאַרוואָרפענע, א פאַרגעסענע מצבה... צוגעפאָרן צו דער קרעטשמע גאַנץ ברייטלעך, האָט זיך מײַן ערל געגומען מיטן פערד און שליטעלע אין שטאַל אַרײַן, און איך האָב מיך געלאָזט גלײַך אין קרעטשמע אַרײַן, געגעבן אַן עפן די טיר און... געבליבן שטיין אויף דער שוועל, ניט אַהער, ניט אַהין! וואָס איז די מעשה? די מעשה איז א שיינע מעשה, נאָר א קורצע: אין מיטן דער קרעטשמע אויף דער ערד ליגט א מת, איבערגע־דעקט מיט שוואַרצן, צוקאָפּנס שטייען א פּאָר מעשענע לײַכטער מיט קליינע ליכטלעך, אַרום און אַרום זיצן קליינע קינדער, אָפּגעריסן־אָפּגע־שליסן, שלאָגן זיך מיט די הענטלעך אין קאָפּ, קלאָגן, וויינען, יאָמערן, שרײַען: „מאַ—מע! מאַמע!" און עפּעס א הויכער מיט לאַנגע פּיס, מיט א זומערדיקער צעריסענער נאַקידקע, עפּעס גאָר נישט נאָכן סעזאָן, שפּאַנט אַרום הין און צוריק מיט די לאַנגע פּיס און ברעכט די הענט און רעדט צו זיך אליין: „וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? און וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?"... אוודאי האָב איך פאַרשטאַנען אויף וואָס פאַר א חתונה איך בין דאָ אָנגעקומען! דער ערשטער געדאַנק מײַנער איז אפילו געווען: נח, אַנטלויפן! און איך האָב זיך א נעם געטאָן צוריק און געוואָלט מאַכן פּיס. נאָר עס האָט זיך צוגעמאַכט הינטער מיר די טיר און עס האָט מיך עפּעס ווי צוגעקאָוועט צו דער שוועל, און כ'האָב נישט געקאָנט רירן פון אָרט. דערזען פאַר זיך א פרישן פאַרשוין, האָט דער הויכער ייִד מיט די לאַנגע פּיס זיך א לאָז געטאָן צו מיר, אויסגעצויגן צו מיר ביידע הענט, ווי א מענטש וואָס בעט ראַטונעק:

— וואָס זאָגט איר אויף מײַן אומגליק? — מאַכט ער צו מיר און באַ־ווײַזט מיר אויף דער חברה, וואָס זיצן און וויינען. — געשטאָרבן בײַ זיי די מאַמע נעבעך! וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? און וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?

— ברוך דיין אמת! — זאָג איך צו אים און וויל אים אָנהייבן טרייסטן מיט גוטע ווערטער, ווי געוויינטלעך, שלאָגט ער מיר איבער אין מיטן די רייד און מאַכט צו מיר אַזוי:

— פאַרשטייט איר מיך, אויך די אייגענע מעשה. זי איז געווען א געשטאָרבענע, מײַן ווײַב הייסט דאָס, נאָך פון פאַר־א־יאָרן, געהאַט די גוטע קרענק, די אמתע טשאַכאָטקע; זי האָט נעבעך אליין געבעטן אויף זיך

דעם טויט. נאָר וואָס דען? אָט דאָס, וואָס מיר זיצן דאָ אין אַ העק, אין מיטן פעלד. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? און וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? זאָל איך גיין ערגעץ אין אַ דאָרף קריגן אַ פורל און אָפּפירן זי אין שטעטל אַרײַן, — ווי אַזוי לאָזט מען איבער דאָ די קינדער אַליין אין מיטן פעלד? און דאָ גייט צו נאַכט. גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? און וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט זיך מײַן ייִד עפּעס מאָדנע צעווייִנט, אָן טרערן, גלײַך ווי צעלאַכט זיך, און האָט אַרויסגעלאָזט אַ משונה קול פונעם האַלדז, גלײַך ווי געהוסט: „הו־הו־הו!" — אַ שטיק געזונט האָט בײַ מיר צוגענומען דער דאָזיקער ייִד! וואָס מיר הונגער? וואָס מיר קעלט? איך האָב פאַרגעסן אַלצדינג מיט אַלע מיט אַנאַנדער און רוף זיך אָן צו אים:

— איך פאָר פון זוואָהיל פאָר איך קיין ראַדאָמישלי, און אַ פור האָב איך זייער אַ ווײַלע. איז אויב דאָס שטעטל, וואָס איר זאָגט, איז נישט ווײַט פון דאַנען, קאָן איך אײַך צוליב טאָן געבן די פור, און אַליין וועל איך צוּוואַרטן דאָ, אויב עס דאַרף נישט געדויערן.

— אוי, לאַנג לעבן זאָלט איר פאַר דער מצווה! עולם הבא וועט איר זיך קויפן, ווי איך בין אַ ייִד, עולם הבא! — מאַכט ער צו מיר און כאַפּט מיך שיער אַרום קושן. — דאָס שטעטל איז ניט ווײַט פון דאַנען, סך־הכּל אַ ווערסט פיר אָדער פינף. געדויערן וועט דאָס אָפּפירן ניט מער ווי אַ שעה צײַט, און איך שיק אײַך באַלד אָפּ דאָס פורל צוריק. עולם הבא וועט איר זיך קויפן, ווי איך בין אַ ייִד, עולם הבא! קינדער! שטייט אויף פון דער ערד און דאַנקט, קושט דעם דאָזיקן יונגנמאַן אין די הענט אַרײַן, אין די פּיס אַרײַן, ער גיט אונדז זײַן פור גיט ער אונדז, וועל איך אָפּפירן די מאַמע אָפּן הייליקן אָרט! עולם הבא, ווי איך בין אַ ייִד, עולם הבא!

דאָס וואָרט „שמחה" איז ניט שײַך אַהער, וואָרעם די קינדער האָבן דערהערט „אָפּפירן די מאַמע", זײַנען זיי צוגעפאַלן צו איר און ערשט אָנגעהויבן וויינען איבער־אַ־נײַס נאָך מיט מער פרישקייט. נאָר אַ בשורה איז דאָס בײַ זיי געווען אוודאי אַ גרויסע, וואָס סע האָט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס טוט מיט זיי אַ חסד; נאָר גאָט אַליין האָט אים אַהער געבראַכט! מע האָט אָף מיר געקוקט, ווי אָף אַן אויסלייזער, עפּעס אַ מין

אליהו הנביא, און איך מוז אײַך זאָגן דעם ריינעם אמת, איך אַליין האָב אַף זיך געקוקט בשעת מעשה ווי אַף ניט קיין געוויינלעכן מענטשן און בין אויסגעוואַקסן מיטאַמאָל בא זיך אין די אויגן, געוואָרן אַט דאָס, וואָס מע רופט אָן „העלד”. אין דער מינוט בין איך גרייט געווען איבערטראָגן בערג, איבערקערן וועלטן; נישטאָ, דאַכט זיך, די זאַך, וואָס זאָל זײַן פאַר מיר שווער. און עס האָט זיך אַרויסגעריסן בא מיר פונעם מויל:

— ווייסט איר וואָס? איך וועל זי טאַקע אַליין אוועקפירן מיט מײַן ערל הייסט דאָס, פאַרשפאָרן אײַך מטריח זײַן, אָפּרײַסן פון די קינדער.

און וואָס ווײַטער איך האָב גערעדט, האָט דאָס דאָזיקע געזינדל אַלץ מער געוויינט, געוויינט און געקוקט אַף מיר, ווי אַף אַ מלאך פונעם הימל, און איך בין בא זיך אין די אויגן געוואַקסן אַלץ העכער און גרעסער, כמעט ביזן הימל, פאַרגעסן בשעת מעשה, אַז בסך־הכל האָב איך נאָר מורא זיך צוצורירן צו אַ מת, און האָב אַליין מיט מײַנע הענט גע־האָלפן אים אַרויסטראָגן און אַרויפלייגן אַפן שליטן, צוגעזאָגט מײַן ערל נאָך אַ חצי פויגל מיט נאָך אַ מזומנעם טרונק־בראָנפן. תחילת האָט זיך מײַן ערל אַפילו אַביסל געקראַצט אין דער פּאָטיליצע, אונטערגעוואָרטשעט אונטער דער נאָז, נאָר נאָכן דריטן קעלישעק איז ער געוואָרן ווייכער, און מיר זײַנען אוועק אין וועג אַרײַן אַלע דרײַ, דאָס הייסט, איך און, להבדיל, דער ערל און די געשטאָרבענע קרעטשמערקע חווה־נחמה, אַזוי האָט מען זי גערופן, חווה־נחמה בת רפאל־מיכאל, איך געדענק דאָס אַזוי ווי הײַנט, וואָרעם אַ גאַנץ וועג האָב איך מיר געחזרט דעם נאָמען, וואָס דער מאַן אירער האָט מיר אָנגעזאָגט עטלעכע מאָל, וואָרעם בשעת מע וועט זי באַ־דאַרפן מקבר זײַן, טאָן איר רעכט און בעטן זי מחילה וועט מען מוזן וויסן איר אמתן נאָמען. האָב איך אַ גאַנץ וועג געחזרט אַף אויסווייניק: חווה־נחמה בת רפאל־מיכאל! חווה־נחמה בת רפאל־מיכאל! חווה־נחמה בת רפאל־מיצאל! און מחמת חזרן האָב איך פאַרגעסן איר מאַנס נאָמען, כאָטש נעמט מיר אַראָפּ דעם קאָפּ! ער האָט מיר איבערגעגעבן זײַן נאָמען אויך און צוגעזאָגט, אַז איך וועל קומען אין שטעטל אַרײַן און וועל נאָר אָנרופן זײַן נאָמען, אַזוי וועט מען באַלד צונעמען בא מיר דעם מת, און איך וועל מיר קאָנען פאָרן ווײַטער, מחמת ער איז דאָרטן, אין יענעם שטעטל, זאָגט ער, כמה וכמה יאָרן אַ יום־טובניק, דאָס הייסט, אַלע ימים נוראים פאָרט ער אַהין אַף יום־טוב און עס קאָסט אים געלט אין שול

צו דער שיסל און, להבדיל, אין מרחץ און אומעטום, זאָגט ער, גיט ער זיי צו לייזן גוזמי־גוזמאות! און נאָך עפּעס האָט מיר אָנגעזאָגט דער קרעטשמער, אָנגעטורקעט אַ פולן קאָפּ, וווּהין איך זאָל צופאָרן, און וואָס איך זאָל זאָגן, נאָר ס'איז אַלצדינג מיטאַמאָל ארויסגעפלויגן באַ מיר פונעם מח, איר זאָלט זאָגן, ס'זאָל איבערבלייַבן כאָטש אַ האַלב וואָרט — גאָלע גאָרניט! מייַנע אַלע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט נאָר ארום איין זאַך: איך פיר אַ טויטן — און דאָס אַליין איז שוין געוועזן גענוג, עס זאָלן מבולבל ווערן באַ מיר אַלע מייַנע מחשבות און איך זאָל פאַרגעסן אַפילו, ווי אַזוי מע רופט מיך, וואָרעם פון קינדווייַז אָן האָב איך מורא פאַר אַ טויטן אימת־מות! בלייַבן איינער אַליין מיט אַ טויטן נאָך עד־היום —איר זאָלט מיך אָפּגילטן! עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז די האַלב־צוגעמאַכטע כלומרשט־פאַרגלאָצטע אויגן קוקן אַף מיר און זעען מיך, און די צוגעשלאָסענע טויטע ליפּן וועלן זיך אָט באַלד אויפעפענען און עס וועט זיך לאָזן הערן אַ משונה קול, ווי פון אונטער דער ערד, וואָס פונעם כח־הדמיון אַליין קאָן מען פאַלן חלשות! ניט אומזיסט דערציילט מען זיך אָן באַ אונדז מעשיות וועגן מתים, ווי אַזוי מענטשן זייַנען פון שרעק אַליין געפאַלן חלשות, אַראָפּ פון זינען אָדער גאָר געבליבן אַפן אָרט...

זייַנען מיר, הייסט דאָס, געפאָרן אין דרייַען מיטן מת. דעם מת האָב איך אָפּגעטראָטן איינע פון מייַנע קישנס און אַנידערגעלייגט אין שליטן אין דער ברייט באַ מיר צופוסנס, און בכדי עס זאָל מיר נישט פּלאָנטען זיך קיין אומעטיקע מחשבות, האָב איך גענומען קוקן ארויף אין הימל אַרייַן און שטילערהייט געחזרט זיך: חווה־נחמה בת רפאל־מיכאל! חווה־נחמה בת רפאל־מיכאל! אַזוי לאַנג, ביז עס האָבן זיך די נעמען אָנגעהויבן פּלאָנטען באַ מיר אין זכרון און ס'איז שוין אויסגעקומען: חווה־רפאל בת נחמה־מיכאל, און רפאל־מיכאל בת חווה־נחמה, און האָב גאָר ניט באַ־מערקט, אַז עס הייבט עפּעס אָן ווי צו ווערן אַלץ טונקעלער און טונקע־לער, דער ווינט בלאָזט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און דער שניי הערט נישט אויף צו שיטן און צו פאַרשיטן דעם וועג אַזוי, אַז דער שליטן גייט אַף גאָטס באַראָט, אין דער וועלט אַרייַן, און מייַן ערל עפּעס הער איך וואָרטשעט, פריִער שטילערהייט, נאָכדעם העכער און שטאַרקער, און איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ער בענטשט מיך מיט אַ דרייַגאָרנדיקער ברכה... פרעג איך אים: גוי, וואָס איז מיט דיר? ענטפערט

ער מיר מיט אַ שפּיַי און מיט אַ רציחה, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן, און עס עפנט זיך בײַ אים דאָס מויל און ער פאַרשיט מיך מיט ווערטער: סטײַטש, זאָגט ער, איך האָב אים גאָר אומגליקלעך געמאַכט מיט זײַן פערדל! איבער דעם, וואָס מיר האָבן גענומען אַ טויטן אָפּן שליטן, איז דאָס פערדל אַראָפּ פונעם וועג, און מיר בלאָנדזשען, און גאָט ווייס ביז וואַנען מיר וועלן נאָך אַזוי בלאָנדזשען, וואָרעם אָט ווערט נאַכט, זײַנען מיר גאָר פאַרפאַלענע!... אוודאי האָט ער מיר אָנגעזאָגט אַ שיינע בשורה, און איך בין גרייט געווען פאָרן צוריק אין קרעטשמע אַרײַן, אָפּפירן צוריק די מצווה, אַן עק, אויס עולם־הבא! זאָגט מיר אָבער דער ערל, אַז איצטער איז שוין פאַרפאַלן, נישטאָ ניט קיין אַהין און נישט קיין צוריק, וואָרעם מיר דרייען זיך ערגעץ אין מיטן פעלד, דער שוואַרץ־יאָר ווייס וווּ!... דער וועג איז פאַרשאָטן, דער הימל איז פינצטער, ס'איז שוין שטאָק־נאַכט, דאָס פערדל איז אויסגעמוטשעט צום טויט. אַ מיתה משונה זאָל קומען, זאָגט ער, אױף דעם קרעטשמער און אױף אַלע קרעטשמערס פון דער גאַנצער וועלט! נעבאַי וואָלט ער זיך, זאָגט ער, פריִער אויסגעבראָכן אַ פוס, אייד־דער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער דאָזיקער קרעטשמע! נעבאַי־בי וואָלט זיך, זאָגט ער, אים געשטעלט פּאַפּעריק דאָס ערשטע גלעזל בראָנפן, איידער ער האָט זיך געלאָזט צוריידן טאָן אַזאַ נאַרישקייט — נעמען צו זיך אַן אומגליק אין שליטן אַרײַן, און איבער אַ האַלבן שמאַרדאָווינעץ פאַרפאַלן ווערן דאָ אין מיטן פעלד, צו אַלדי רוחות, מיטן פערדל אינאייי־נעם! מילא ער, זאָגט ער, איז נאָך ווי עס איז, אפשר איז אים באַשערט אָט דאָ אַ מיתה משונה אײַננעמען, אָבער דאָס פערדל נעבעך? וואָס האָט ער געהאָט צו דעם דאָזיקן פערדל? אַן אומשולדיקע בהמה, אַ סקאָטינע, וואָס ווייס זי?...

איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז טרערן הערן זיך בײַ אים אין קול... איך וויל אים אויסריידן דאָס האַרץ, זאָג אים צו נאָך אַ חצי פויגל מיט נאָך צוויי גוטע טרונק בראָנפן, ווערט ער מלא כעס און זאָגט מיר גאַנץ אָפן, אַז טאָמער וועל איך נישט אַנשווײַגן ווערן, נעמט ער און וואַרפט מיר גאָר אַרויס די מציאה פונעם שליטן! און איך טראַכט מיר: וואָס טו איך, אשטייגער, אַז ער נעמט טאַקע חלילה און וואַרפט מיר אַרויס דעם מת פונעם שליטן מיט מיר אינאיינעם? אַ קשיא אױף אַן ערל, אַז ער ווערט אין כעס?... און איך מוז שוין שטומען, זיצן אין שליטן אײַנגענאָרעט אין די

קישנס און היטן זיך, איך זאָל כאָטש נישט אַנטשלאָפן ווערן, וואָרעם, ראשית, ווי אַזוי שלאָפט מען, אַז ס'ע ליגט אַ מת פאַר די אויגן? והשנית, האָב איך געהערט, אַז ווינטער אַפּן פראָסט טאָר מען ניט שלאָפן; מע קאָן אַזוי פאַוואָליִנקע אַנטשלאָפן ווערן אַף אייביק... נאָר, ווי אַף־צו־להכעיס, קלעפּן זיך מיר די אויגן דווקא צו כאַפּן אַ דרעמל. איך וואָלט אין דער מינוט, דאַכט מיך, אַוועקגעגעבן פאַר איין דרעמל מי יודע וויפל!... און איך רײַב מיר די אויגן, און די אויגן פאָלגן נישט, און זיי שליסן זיך פאַ־וואָליִנקע, און עפענען זיך אויף, און שליסן זיך ווידער אַמאָל, און דער שליטן שליטלט זיך איבערן ווײַסן, טיפן, ווייכן שניי, און עפּעס אַ מאָדנע זיסקייט צעגיסט זיך אין אַלע מײַנע אברים, און איך פיל עפּעס אַ משונה גוטסקייט, און עס גלוסט זיך מיר, אַז די זיסקייט מיט דער גוטסקייט זאָל געדויערן נאָך און נאָך, אַ סך זאָל עס געדויערן, לאַנג זאָל עס געדויערן... נאָר אַ זײַטיקער כח, איך ווייס נישט פון וואַנען, שטייט און טאָרעט מיך: „שלאָף ניט, נח, שלאָף ניט". און איך רײַב אויף מיט גוואַלד די אויגן, און פון יענער זיסקייט לאָזט זיך אויס אַ מין קעלט אינעווייניק אין אַלע אברים, און פון יענער גוטסקייט — אַ מין מרה־שחורה מיט אַ מורא, מיט אַ פחד, מיט אַן אומעט, זאָל זיך דער אייבערשטער מרחם זײַן! עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז מײַן מת רודערט זיך, דעקט זיך אָפּ און קוקט אַף מיר מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, ווי איינער רעדט: „וואָס האָסטו געהאַט צו מיר, יונגערמאַן, אומברענגען אַ טויטע ייִדענע, אַ מאַמע פון קליינע קינ־דער, נישט ברענגען זי צו קבר ישראל?"... און דער ווינט בלאָזט, פײַפט מיט אַ קול פון אַ מענטשן, פײַפט מיר גלײַך אין אויער אַרײַן, רוימט מיר אײַן אַ שרעקלעכן סוד... און שרעקלעכע מחשבות, מוראדיקע געדאַנקען, דמיונות קריכן מיר אין קאָפּ אַרײַן, און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז מיר אַלע זײַנען דאָ אונטערן שניי, אַלע: איך און, להבדיל, דער ערל און דאָס פערדל זײַנס און דער מת... מיר אַלע זײַנען טויט, נאָר דער מת — מערק־ווירדיק! — נאָר דער מת אַליין, דעם קרעטשמערס ווײַב, איז לעבעדיק...

און פּלוצעם דערהער איך, מײַן ערל סמאָצקעט דעם פערדל עפּעס זייער פרייליך, דאַנקט גאָט און צלמט זיך אין דער פינצטער און זיפצט, און אַ נײַע נשמה זעצט ער אַרײַן אין מיר, און איך דערזע פון דערווײַטן בלישטשעט אַרויס אַ פײַערל. דאָס פײַערל באַווײַזט זיך, ווערט באַלד פאַר־שווונדן און באַווײַזט זיך נאָך אַ מאָל. „אַ ישוב", טראַכט איך מיר, און

דאַנק און לויב גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, און רוף מיך אָן צו מײַן ערל: אַפּנים, מיר זײַנען שוין, זאָג איך, אױף אַ שטיקל דרך? עס ווײַזט אויס, זאָג איך, אַז מיר זײַנען באַלד אין שטעטל?״ — „עהע!״ — מאַכט צו מיר דער ערל מיטן פֿריִערדיקן קורצן, שטילן טאָן, שוין אָן אַ שום כעס, און עס ווילט זיך מיר אַרומנעמען אים פֿון הינטן און אים געבן אַ קוש אין פּלײצע פֿאַר דער גוטער בשורה, פֿאַר זײַן גוטן קורצן שטילן „עהע״, וואָס איז טײַערער בײַ מיר איצטער פֿון דער שענסטער קלוגער דרשה. „ווי אַזוי רופֿט מען דיך?״ — פֿרעג איך אים, און עס וווּנדערט מיך, פֿאַרוואָס האָב איך אים ביז אַהער נישט געפֿרעגט זײַן נאָמען. „מיקיטאַ״ — ענטפֿערט ער מיר קורץ מיט איין וואָרט, ווי זײַן שטייגער. „מיקיטאַ?״ — חזר איך איבער נאָך אַ מאָל, און דער נאָמען „מיקיטאַ״ באַקומט בײַ מיר אַ מאָדנעם חן. „עהע!״ — ענטפֿערט ער מיר דערויף, ווי געוויינטלעך, און עס גלוסט זיך מיר זייער, אַז מיקיטאַ זאָל מיר נאָך עפּעס זאָגן, כאָטש צוויי־דרײַ ווערטער ווילט זיך מיר פֿון אים האָרכן, און מיקיטאַ ווערט מיט אַ מאָל טײַער בײַ מיר אין די אויגן. אויך דאָס פֿערדל זײַנס ווערט בײַ מיר טײַער, מלא חן. און איך מאַך מיט אים אַ שמועס וועגן זײַן פֿערדל; איך זאָג אים, אַז בײַ אים איז אַ וווּיל פֿערדל. זייער אַ וווּיל פֿערדל! ענטפֿערט מיר מיקיטאַ: „עהע״. „און אַ שליטן איז בײַ דיר, מיקיטאַ, זאָג איך, אויך אַ וווילער!״ ענטפֿערט ער מיר: „עהע״. און מער וויל מײַן מיקיטאַ קיין וואָרט נישט זאָגן, כאָטש בראָק אים אױף צען שטיקלעך! „האָסט פֿײַנט, זאָג איך צו אים, ריידן, מיקיטאַ־סערדצע?״ — ענטפֿערט ער מיר: „עהע״. און איך צעלאַך מיך, ס׳איז מיר פֿריילעך, גוט און פֿריילעך, גלײַך ווי איך האָב דאָ אײַנגענומען אָטשאַקאָוו, אָדער געפֿונען אַן אוצר, אָדער אַנטדעקט אַ נײַס, וואָס קיינער האָט דערפֿון נישט געווּסט, — מיט איינעם וואָרט, איך בין גליקלעך־איבערגליקלעך! טאָמער ווייסט איר וואָס? עס האָט זיך מיר געוואָלט אויפֿהייבן דאָס קול און אָנהייבן זינגען, ווי איר זעט מיך לעבן! ס׳איז בײַ מיר פֿון תמיד אָן אַזאַ טבע, אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, ס׳איז מיר גוט אױפֿן האַרצן, זינג איך. מײַנע זאָל לעבן ווייס שוין מײַן כאַראַקטער, פֿרעגט זי מיך: „וואָס איז שוין, נח? וויפֿל האָסטו פֿאַרדינט, וואָס דו האָסט זיך אַזוי צעזונגען?״ בײַ די ווײַבער קומט אויס, נאָך זייער ווײַבערשן שכל, אַז פֿריילעך איז אַ מענטש נאָר דעמאָלט, ווען ער פֿאַרדינט; אַנדערש קאָן גאָר אַ מענטש ניט

זײַן אויפגעלייגט. פון וואַנען נעמט זיך דאָס, אַשטייגער, וואָס אונדזערע ווײַבער זײַנען אַ סך מער להוט נאָך געלט, ווי מיר, מאַנצפּאַרשוינען? דאַכט זיך, ווער האָרעוועט אָפּ געלט? מיר, צי זיי? נאָר שאַ! מיר דאַכט, איך בין שוין ווידער פאַרקראָכן קיין בויבעריק...

זײַנען מיר, הייסט דאָס, געקומען מיט גאָטס הילף אין שטעטל אַרײַן נאָך פאַר־פרי. דאָס שטעטל האָט געהאַלטן נאָך אין רעכטן שלאָף, ס'איז נאָך געווען ווײַט צו טאָג, קיין פײַערל זעט מען נישט אין ערגעץ. קוים דערזען אַ שטיבל מיט אַ גרויסן טויער און מיט אַ בעזעמל אויף טויער — אַ סימן פון אַן אַכסניא, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעקראָכן און גענומעןביידע, איך מיט מיקיטאַן, קלאַפּן מיט די קולאַקעס אין טויער אַרײַן. געקלאַפּט־געקלאַפּט, קוים מיט צרות, גאָט האָט געהאָלפן, מיר האָבן דערזען אַ פײַערל אין פענצטער; נאָכדעם האָבן מיר דערהערט, עמעצער שליאַפּעט מיט די פּיס און עס לאָזט זיך הערן אַ קול פון יענער זײַט טויער: ווער איז?

— עפנט, זאָג איך, פעטער, וועט איר פאַרדינען עולם־הבא!

— עולם־הבא? ווער זײַט איר? — מאַכט דאָס קול פון יענער זײַט און הייבט אָן עפענען דעם שלאָס.

— עפנט אויף, זאָג איך, איך האָב געבראַכט צו פירן אהער אַ מת.

— אַ וואָס?

— אַ מת!

— וואָס הייסט אַ מת?

— אַ מת הייסט אַ געשטאָרבענער. אַ געשטאָרבענע יידענע האָב איך אהער געבראַכט צו פירן פון אַ דאָרף, פון אַ קרעטשמע.

און פון יענער זײַט טויער איז געוואָרן שטיל. מע האָט נאָר געהערט, ווי עס האָט זיך צוגעמאַכט צוריק דער שלאָס און די פּיס האָבן אוועקגע־שליאַפּעט ווײַטער, און אויך דאָס ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן — און גיי שריי חי וקיים! האָט דאָס מיך שוין פאַרדראָסן, און איך רוף מיך אָן צו מײַן ערל, ער זאָל מיר העלפן קלאַפּן מיט די קולאַקעס אין פענצטער אַרײַן. און מיר האָבן זיך גענומען ביידע קלאַפּן אַזוי געשמאַק, אַז דאָס פײַערל האָט זיך ווידער אָנגעצונדן און דאָס קול האָט זיך ווידער געלאָזט הערן פון יענער זײַט טויער:

— וואָס ווילט איר האָבן פון מײַן לעבן? וואָס פאַר אַ פּריטשעפּע?

— אין גאָטעס ווילן, — בעט איך זיך בא אים ווי בא אַ גזלן, — האָט רחמנות, איך בין דאָ מיט אַ מת!

— מיט וואָסער אַ מת?

— דעם קרעטשמערס ווײַב.

— וואָסער קרעטשמער?

— איך האָב פאַרגעסן ווי ער הייסט, נאָר זי רופט מען חווה־מיכאל בת חנה־רפאל, מיין איך חנה־רפאל בת חווה־מיכאל, חנה־חווה־חנה, מיין איך...

— איר וועט ניט אוועקגיין פון דאַנען, שלים־מזל! אָט גיט איך אײַך אָפּ מיט אַן עמער וואַסער!

אַזוי מאַכט צו מיר דער בעל־אכסניא און שליאָפּקעט אוועק פונעם פענצטער און פאַרלעשט דאָס פײַערל — און גיי טו אים עפּעס!... ערשט העט־העט, אין אַ שעה אַרום, אַז עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט זיך אויפגעעפנט אַ שטיקל טויער און עס האָט זיך אַרויסגעשטעקט אַ שוואַרצער קאָפּ מיט ווײַסע פעדערן און רופט זיך אָן צו מיר:

— דאָס האָט איר געטאַראַבאַנעט אין די פענצטער אַרײַן?

— איך, ווער דען?

— וואָס האָט איר געוואָלט?

— איך האָב געבראַכט אַ מת.

— אַ מת? פירט אים צו צום שמש פון חברה־קדישא.

— ווו זיצט דאָ דער שמש אײַערער? ווי אַזוי רופט מען אים?

— יחיאל רופט מען אים, דעם שמש, און זיצן זיצט ער באַרג־אַראָפּ, טאַקע ניט ווײַט פון באָד.

— ווו איז דאָ בא אײַך ערגעץ די באָד?

— די באָד ווייסט איר ניט? איר זײַט, אַפּנים, נישט קיין היגער? פון וואַנען איז אַ יונגערמאַן?

— פון וואַנען איך בין? פון ראַדאָמישלי, אַ ראַדאָמישליער בין איך, נאָר פאָרן פאָר איך פון זוואַהיל, און דעם מת פיר איך פון אַ קרעטשמע דאָ ניט ווײַט, טאַקע דעם קרעטשמערס ווײַב, זי איז געשטאָרבן פון דער טשאַכאָטקע.

— ניט דאָ געדאַכט! וואָס זשע געהער זיך עס אָן מיט אײַך?

— מיט מיר? גאָר נישט. איך בין דורכגעפאָרן פאַרבײַ, האָט ער

מיך געבעטן, דער קרעטשמער הייסט דאָס, ער זיצט אין מיטן פעלד מיט פיצלעך קינדער, ניטאָ זי וווּ צו באַהאַלטן, האָב איך מיך מיישב געווען, יענער בעט פאַרדינען עולם הבא, פאַר וואָס ניט?

— די מעשה איז עפּעס נישט גלאַט. — מאַכט ער צו מיר — איר וועט זיך מוזן זען פריִער מיט די גבאים.

— ווער זײַנען באַ אײַך, אשטייגער, די גבאים? ווו, זאָג איך, זיצן זיי?

— די גבאים ווייסט איר ניט? רב שעפּסל אַ גבאי, זיצט אַף יענער זײַט מאַרק. רב אלעזר־משה אַ גבאי, זיצט סאַמע אין מיטן מאַרק. און רב יוסיע, אויך אַ גבאי, זיצט נעבן אַלטן בית־מדרש. דער עיקר וועט איר דאַרפן זען זיך מיט רב שעפּסלען, ער איז דער גאַנצער טוער באַ אונדז. אַ האַרטער ייִד, זאָג איך אײַך פריִער, איר וועט אים אַזוי גיך ניט אײַנבײַסן.

— אַ שיינעם דאַנק אײַך, זאָג איך, איר זאָלט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות! ווען וועל איך קאָנען זיך מיט זיי זען?

— וואָס הייסט ווען? אם ירצה השם, אין דערפרי נאָכן דאַווענען.

— מזל־טוב אײַך! וואָס־זשע זאָל איך טאָן דערווײַל? לאָזט מיך כאָטש אַרײַן אַביסל אָנוואַרעמען זיך. ס'איז באַ אײַך אַ מין סדום, אפּנים?

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט מײַן בעל־אכסניא גאַנץ פײַן פאַרשלאָסן צוריק דעם טויער — און שאַ, שטיל, ווי אַף אַ בית־הקברות. וואָס טוט מען ווײַטער? מיר שטייען מיטן שליטן אין מיטן גאַס, מיקיטאַ פײַערט, וואָרטשעט, קראַצט זיך אין דער פּאָטיליצע, שפּײַט און שיט מיט דרײַגאָרנדיקע ברכות: „אַ מיתה משונה זאָל קומען, זאָגט ער, אַפן קרעטשמער און אַף אַלע קרעטשמערס פון דער גאַנצער וועלט. מילא ער אַליין, זאָגט ער, כאַפּט אים דער רוח! אָבער זײַן פערדל! וואָס האָט מען, זאָגט ער, צו זײַן פערדל, וואָס מע מאָרעט דאָס פון הונגער און פון קעלט? אַן אומשולדיקע בהמה, אַ סקאָטינע, וואָס ווייס זי?... ס'איז מיר אַ חרפּה, אַ בושה פאַר דעם ערל, און איך טראַכט מיר בשעת מעשה: וואָס קלערט, אשטייגער, זײַן קאָפּ וועגן אונדז, ייִדן? וואָס פאַר אַ פּנים האָבן מיר, ייִדן, רחמנים בני רחמנים, קעגן זיי, ערלים, גראָבע לײַט, אַז איין ייִד דעם אַנדערן וויל די טיר נישט עפענען, לאָזט נישט אַרײַן זיך אָנוואַרעמען אפילו, זײַנען מיר דאָך טאַקע ווערט דרײַ מאָל אַזוי פיל,

וואָס מיר האָבן!... און אַט אַזוי בין איך מצדיק את הדין, דאָס הייסט, איך געפין פאַר רעכט אַלצדינג, וואָס מיר האָבן, און מאַך שולדיק דעם גאַנצן כּלל, ווי געוויינטלעך אַ ייִד בשעת דער אַנדערער ייִד וויל אים נישט טאָן קיין טובֿה: קיין אומה ולשון רעדט ניט אָף אונדז אַזוי פֿיל שלעכטס, ווי מיר אַליין. טויזנט מאָל אַ טאָג קאָנט איר האָרכן פֿון וואָסער אַ ייִדן איר ווילט אַזעלכע מינים ווערטער: „אַ ייִד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט!" „מיט אַ ייִדן ווילט איר עפּעס מאַכן?" „מיט אַ ייִדן איז גוט קוגל עסן!" „דאָס קאָן נאָר אַ ייִד!" „הערסטו, דערויף איז דאָך עס אַ ייִדענע!" „אוי, אַ ייִד, אַ ייִד!" וכדומה אַזעלכע שיינע אַטעסטאַציעס, קאָמפּלימענטן. איך וואָלט אַ בעלן געווען וויסן, ווי אַזוי איז בא „זיי", אַז עס מאַכט זיך, איינער דעם אַנדערן וויל ניט העלפן, — פֿאַלט מען אויך אָן אָפּן כּלל און מע זאָגט, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק איז ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט דאָס? נאָר שאַ! איך בין שוין, דאַכט מיר, ווידער אַוועק קיין בויבעריק...

שטייען מיר, הייסט דאָס, מיטן שליטן אין מיטן מאַרק און וואַרטן ביז עס וועט ווערן רעכט טאָג און די שטאָט וועט אָנהייבן אַרויסווײַזן סימנים, אַז זי לעבט. און כּך הווה. עס האָט זיך געלאָזט הערן ערגעץ אַ רוק פֿון אַ טיר, אַ קרעכץ פֿון אַן עמער, פֿון אַ צוויי־דרײַ קוימענס האָט זיך באַוויזן אַ רויך, און אַ קרייען פֿון הענער האָט זיך געלאָזט הערן אַלע מאָל שטאַרקער און לעבעדיקער; עס האָבן זיך געעפֿנט אַלע טירן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן גאַטס באַשעפֿענישן אין געשטאַלטן פֿון בהמות, קעלבלעך, ציגן און, להבדיל, ייִדן, ווײַבער און מיידלעך, פֿאַרבונדן מיט וואַרעמע שאַלן און פֿאַרוויקלט ווי די ליאַלקעס, אײַנגעהויקערט אין דרײַען און איבערגעפֿרוירן ווי די קיסליצעס — הקיצור, מײַן שטעטל האָט אויפֿגעלעבט, ווי אַ לעבעדיקער מענטש, אַשטייגער. עס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, געכאַפּט אָף זיך דאָס מלבוש און גענומען זיך צו דער אַרבעט: די מאַנצבילן צו עבֿודת־הבורא, דאַוונען, לערנען, זאָגן תּהילים, און די ווײַבער צו די אויוונס, צו די באַקדייזשעס, צו די קעלבלעך מיט די ציגן, און איך האָב מיך גענומען צו נאָכפֿרעגן זיך אָף די גבאָים: ווו זיצט דאָ ערגעץ רב שעפּסל, רב אליעזר־משה, רב יוסיע? נעמט מען מיך צום עקזאַמען: וואָסער שעפּסל, וואָסער אליעזר־משה און וואָסער יוסיע? פֿאַראַן, זאָגן זיי, דאָ אין שטעטל עטלעכע שעפּסלען, עטלעכע אליעזר־משהס און עטלעכע יוסיעס. און אַז איך האָב

זיי געזאָגט, אַז איך דאַרף צו די גבאים פון חברה־קדישא, האָבן זיי זיך ווי דערשראָקן און גענומען אויסטאַפּן בא מיר, וואָס באַדאַרף עס אַ יונ־גערמאַן אַזוי פרי צו די גבאים פון חברה־קדישא? האָב איך מיך געלאָזט לאַנג מאַפּן און האָב זיי אַנטפּלעקט מײַן האַרץ, אויסגעזאָגט דעם גאַנצן סוד מיט דער באַמבע, וואָס איך האָב אָפּ זיך גענומען. האָט איר באַ־דאַרפט זען וואָס עס האָט זיך געטאָן! איר מיינט, מע האָט זיך געכאַפּט מיך באַפרײַען פונעם אומגליק? חס ושלום! מע איז נאָר געלאָפן איטלע־כער באַזונדער אין דרויסן אַ קוק טאָן אָפן שליטן, צי עס ליגט טאַקע דאָרטן אַ מת, צי ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה? און דערווײַל איז געוואָרן אַרום אונדז אַ רעדל פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געביטן, דאָס הייסט, מחמת קעלט זײַנען די מענטשן אַוועק און אָפּ זייער אָרט האָבן זיך צונויפגעקומען אַנדערע מענטשן, געקוקט אין שליטן אַרײַן, געשאָקלט מיט די קעפּ, געקנייטשט מיט די פּלייצעס, זיך צעפרעגט, ווער איז דער בר־מינן, און פון וואַנען, און ווער בין איך, און ווי קומט ער צו מיר, און נישט געגעבן מיר קיין הילף פון דאַנען אַהין. קוים־קוים האָב איך געפּועלט, מע זאָל מיר אָנווײַזן, ווו זיצט דאָ ערגעץ רב שעפּסל דער גבאי. האָב איך אים געטראָפן שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט, אײַנגעוויקלט אין טלית ותפילין און דאַווענען אַזוי געשמאַק, מיט אַזאַ זיסן ניגון און מיט אַזוי פיל התפעלות, אַז ממש די ווענט האָבן געזונגען. ער האָט גע־קנאַקט מיט די פינגער, געבאָמקעט און געדבקעט זיך, געמאַכט משונה־מאָדנע העוויות. איך האָב מיך, הערט איר, גאָר מחיה געווען, וואָרעם, ערשטנס, האָב איך ליב גלאַט הערן אַזאַ מין דאַווענען, והשנית, האָב איך געקאָנט דערווײַל אָנוואַרעמען אַביסל די איבערגעפרוירענע ביינער. און אַז דער רב שעפּסל האָט אויסגעדרייט צו מיר דאָס פּנים, זײַנען אין די אויגן בא אים נאָך געשטאַנען טרערן, און אויסגעזען האָט ער בא מיר אין די אויגן ווי אַ געטלעכער מענטש, אַ קדוש, וואָס די נשמה זײַנע איז אַזוי ווײַט פון דער ערד, ווי דער גרויסער פעטער גוף זײַנער איז ווײַט פונעם הימל. און מחמת ער האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן דאַווענען און האָט ניט געוואָלט מפסיק זײַן, האָט ער זיך אויסגעשמועסט מיט מיר אָפּ „לשון־קודש", דאָס הייסט, אָפּ אַזאַ מין שפּראַך, וואָס באַשטייט פון מאַכן מיט די הענט, ווינקען מיט די אויגן, קנייטשן מיט די פּלייצעס, דרייען אַביסל מיטן קאָפּ און אַביסל מיט דער נאָז און אַ פּאָר לשון־קודש־ווערטער

וואָרפֿט זיך אויך דורך בתוכם. אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך איבערגעבן דעם דאָזיקן שמועס וואָרט באַ וואָרט; מסתמא וועט איר שוין אַליין פֿאַרשטיין וועלכס האָט געקערט צו מיר און וועלכס צו אים.

— שלום עליכם אײַך, רב שעפּסל.

— עליכם שלום. אי־אָ... על הספסל...

—אַ דאַנק, איך בין שוין גענוג געזעסן.

— נו־אָ?... מה? מה?

— איך האָב צו אײַך אַ בקשה, רב שעפּסל. איר וועט פֿאַרדינען עולם הבא.

— עולם הבא? טוב... אלא מה? מה?

— איך האָב אײַך געבראַכט אַ מת.

— מת? מי מת?

— אָט דאָ נישט ווײַט איז פֿאַראַן אַ קרעטשמע, זיצט דאָרט אַ ייִד אַן אָרעמאַן נעבעך, איז באַ אים, ניט דאָ געדאַכט, געשטאָרבן דאָס ווײַב פֿון דער טשאַכאָטקע, געלאָזט קינדער קליינע, אַ גאָטס רחמנות. ווען איך דערבאַרעם זיך נישט אָף זיי, ווייס איך ניט וואָס עס וואָלט נעבעך געטאָן דער קרעטשמער אין מיטן פֿעלד מיט אַ בר־מנין.

— ברוך דיַין אמת... אלא נו?... מעות? חברה־קדישא?...

— וואָסער מעות? ווער מיר מעות? יענער איז אַן אָרעמאַן, אַן עני ואביון, אַ מטופּל מיט קינדער! איר וועט פֿאַרדינען עולם הבא, רב שעפּסל.

— עולם הבא? טוב, טוב מאד! אלא מה? מה? הקדש? יהודים! נו? גם כן קבצנים! אי־אָ! נו־פֿע!

און מחמת איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט, האָט ער זיך מיט כעס אויסגעדרייט ווידער אַ מאָל מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט שוין גענומען דאַווענען נישט מיט אַזאַ היץ ווי פֿריִער, שוין אַביסל שטילער, נידעריקער מיט אַ טאָן, כמעט אָף אַ קוויטש, און געשאָקלט זיך גיך־גיך, מיטן קוריער־צוג, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם טלית ותפֿילין און אָנגעפֿאַלן אָף מיר נאָכדעם מיט אַ מין כעס, גלײַך ווי איך וואָלט אים קאַליע געמאַכט אַ יריד, געקווילעט די קאַפּאָטע, סטײַטש, זאָגט ער, דאָס שטעטל איז אַן אָרעם שטעטל, האָט אָף זיך גענוג אייגענע קבצנים, וואָס אַז זיי שטאַרבן, מוז מען זיי נאָך מאַכן אָף תכריכים,

קומט מען אהער נאך פון פרעמדע ערטער, פון דער גאנצער וועלט אהער! אלע אהער!... האב איך מיך פארענטפערט ווי ווײַט מעגלעך, אז איך בין נאר דא אוודאי גאט די נשמה שולדיק, אז דאס איז נישט מער ווי א מת־מצווה. עלעהיי, מע האט געפונען, זאג איך, אין גאס א טויטן און מע דארף אים טאן זײַן רעכט, ברענגען צו קבר ישראל! איר זײַט דאך, זאג איך, אן ערלעכער ייִד, א פרומער, מע קאן דאך דערמיט פארדינען עולם הבא! איז ער נאך מער אנגעפאלן אף מיר, כמעט, קאן מען זאגן, ער האט מיך דורכגעטריבן. דאס הייסט, נישט געטריבן ממש, נאר דער־גאנגען די יארן מיט ווערטער:

— אזוי? איר זײַנט א יונגערמאן פון עולם הבא? גייט זשע זיך דורך אביסל בא אונדז אין שטעטל, טוט עפעס דערצו, מע זאל אזוי גיך נישט שטארבן פון הונגער און פרירן פון קעלט, וועט איר זיך קויפן עולם הבא! אן עולם־הבא־ייִד! א יונגערמאן, וואס האנדלט מיט עולם־הבא! גייט אײַך געזונטערהייט מיט אײַער סחורה צו די הולטײַעס, אפשר וועלן זיי בא אײַך האנדלען עולם הבא? מיר האבן אונדזערע אייגענע מצוות און מעשים־טובים, און אז עס וועט זיך אונדז פארגלוסטן א חלק לעולם הבא, וועלן מיר זיך געפינען אן עצה אן אײַך!

אזוי זאגט צו מיר דער גבאי רב שעפסל און באגלייט מיך ארויס מיט כעס און מיט א רעכטן קנאק מיט דער טיר, און איך שווער אײַך בנאמנות, — מיר זעען זיך דאך מיט אײַך דאס ערשטע מאל און אפשר דאס לעצטע מאל, — פון יענעם פרימארגן אן האב איך באקומען עפעס א באזונדערע מין שנאה צו ערלעכע אלט־פרענקישע ייִדן, פײַנט געקריגן די, וואס דאווענען הויך און דבקהן זיך און באמקען און מאכן העויות, פײַנט געקריגן פרומאקעס און אלע מינים ייִדן, וואס ריידן מיט גאט, וואס דינען גאט און וואס טוען אלצדינג נאר לשם שמים, כלומרשט פון גאטס וועגן. אמת, איר וועט מיר זאגן, אז בא די הײַנטיקע, בא די אויפ־געקלערטע, איז פאראן נישט מער, און אפשר נאך ווינציקער, יושר ווי בא די אמאליקע, בא די פרומאקעס? עס קאן זײַן, אז גערעכט זײַט איר, נאר וואס דען? דער פארדראס איז כאטש ניט אזוי גרויס, מע רעדט כאטש ניט מיט גאט. אי, וועט איר פרעגן, למאי שלאגן זיך די הײַנטיקע אזוי פארן אמת, לייגן־אײַן די וועלט, גלײַך ווי דער רוח כאפט זיי אוועק,

און קומט צו עפּעס — לאָזט זיך אויס, אַז סע הייבט זיך גאָר ניט אָן? נאָר שאַ! איך בין שוין, דאַכט זיך, ווידער אין בויבעריק?...

האָט מיך, הייסט דאָס, דער גבאי ראשון רב שעפּסל, מחילה, דורכ־געטריבן. וואָס טוט מען ווײַטער? דאַרף מען גיין ווײַטער, צו די אי־בעריקע, הייסט דאָס, גבאים. האָט זיך אָבער דאָ געטראָפן אַ נס, אַ נס מן השמים; איך האָב פאַרשפּאָרט גיין צו די גבאים, וואָרעם די גבאים זײַנען געגאַנגען צו מיר, זיך באַגעגנט מיט מיר אַ נאָז קעגן אַ נאָז בײַ דער טיר, און אַ מאַך געטאָן צו מיר:

— דאָס זײַט איר אפשר דער יונגערמאַן פון דער ציג?

— פון וואָסער ציג? — פרעג איך.

— דער יונגערמאַן, הייסט עס, וואָס האָט געבראַכט צו פירן אהער אַ מת — זײַט דאָס איר?

— יאָ, ס'איז איך; וואָס איז דען?

— קומט צוריק, צו רב שעפּסלען, וועלן מיר זיך אַלע אינאיינעם האַלטן אַן עצה.

— האַלטן אַן עצה? — זאָג איך — וואָס איז שוין דאָ אַן עצה? נעמט־צו בײַ מיר דעם מת און לאָזט מיך אָפּ, וועט איר זיך קויפן עולם הבא.

— עמעצער האַלט אײַך דען? — מאַכן זיי צו מיר — פאָרט אײַך מיטן מת ווּהין איר ווילט, אפילו קיין ראַדאָמישלי, מיר וועלן אײַך נאָך זאָגן אַ דאַנק.

— אַ דאַנק אײַך פאַר דער עצה — זאָג איך צו זיי.

— ניטאָ פאַר וואָס — מאַכן זיי צו מיר, און מיר כאַפּן זיך אַרײַן אַלע דרײַ צו רב שעפּסלען, און אַלע דרײַ גבאים צווישן זיך הייבן־אָן ריידן, שפּאַרן זיך, קריגן זיך, כמעט מע זידלט זיך. יענע צוויי זאָגן אַף רב שעפּסלען, אַז ער איז תמיד אַ מחביר, אַ האַרטער ייִד, וואָס אים איז שווער אײַנצובײַסן; און רב שעפּסל וואַרפט זיך, שמיצט זיך, דרינגט זיי אויס מיט פסוקים: „עניי עירך קודמין" — אַז די שטאָט־אָרעמעלײַט זײַנען בילכער. פאַלן־אָן אַף אים יענע צוויי:

— אם כן, איז וואָס? ווילט איר, הייסט דאָס, דער יונגערמאַן זאָל פאָרן מיטן מת צוריק?

— חס ושלום! — זאָג איך. — וואָס הייסט, איך וועל פאָרן מיטן

מת צוריק? איך בין געקומען אהער קוים א לעבעדיקער, שיער נישט אומ־געקומען אין פעלד. דער ערל האָט מיך, לאַנג לעבן זאָל ער, געוואָלט אַרויסוואַרפן אין מיטן וועג פונעם שליטן. איך בעט אייַך, האָט רחמנות, באַפרייַט מיך פונעם מת, איר וועט אייַך קויפן עולם הבא.

— עולם הבא איז אוודאי א גוטער ביסן — ענטפערט מיר איינער פון יענע צוויי, א הויכער ייִד א דאַרער מיט דינע פינגער, דער וואָס מע רופט אים אלעזר־משה. — דעם בר־מינן וועלן מיר בא אייַך צונעמען און טאָן זייַן רעכט, נאָר עטלעכע קערבלעך וועט דאָס אייַך קאָסטן.

— וואָס הייסט? — זאָג איך — לאָ־די איך האָב געגומען אף זיך אַזאַ מצווה, שיער נישט אומגעקומען אין פעלד, דער ערל האָט מיך, לאַנג לעבן זאָל ער, געוואָלט אַרויסוואַרפן פון שליטן, זאָגט איר נאָך געלט?

— האָט איר דערפאַר עולם הבא! — מאַכט צו מיר רב שעפּסל מיט אַזאַ פּאַסקודנע שמייכעלע, אז סע גלוסט זיך מיר אים אָפּבאָדן, ווי סע געהער צו זייַן, נאָר איך האַלט מיך איַין מיט אַלע כחות, וואָרעם איך בין דאָך בא זיי אין די הענט!

— לאָזט זיך דינען! — זאָגט צו מיר איינער פון די אַנדערע צוויי גבאים, דער וואָס מע רופט אים רב יוסיע, א ייִדל א קליינס מיט א האַלב בערדל אַן אויסגעפּליקטס — איר דאַרפט וויסן, יונגערמאַן, אז איר האָט אף זיך נאָך א באָמבע: איר האָט נישט קיין פּאַפּירן, קיין פּאַ־פּירן האָט איר נישט.

— וואָסערע פּאַפּירן? — פרעג איך אים.

— פון וואַנען ווייסן מיר, ווער דער בן־מינן איז? אפשר איז דאָס גאָר ניט דער, וואָס איר זאָגט? — מאַכט צו מיר דער הויכער מיט די דינע פינגער, אלעזר־משה הייסט דאָס.

איך שטיי און קוק פון איינעם אפן אַנדערן, און יענער, דער לאַנ־גער מיט די דינע פינגער, וואָס מע רופט אים אלעזר־משה, שאָקלט־צו מיטן קאָפּ און טייַט מיט די דינע פינגער און זאָגט צו מיר:

— יאָ, יאָ, יאָ. אפשר האָט איר אַליין ערגעץ געקוילעט א ייִדענע, און אפשר טאַקע אייַער אייגן ווייַב, און געבראַכט צו פירן אהער און דערציילט א מעשה: א פעלד־קרעטשמע, דעם קרעטשמערס ווייַב, טשאַ־כאָטקע, קליינע קינדער, עולם הבא?...

אפנים, אז איך בין געוואָרן רעכט טויט פון די דאָזיקע דבורים,

מחמת יענער, דער קליינער, וואָס מע רופט אים רב יוסיע, האָט מיר גע־נומען אויסריידן דאָס האַרץ, אַז, אייגנטלעך, זיי אַליין וואָלטן נישט גע־האַט קעגן דעם גאָרנישט, וואָרעם וואָס האָבן זיי צו מיר? זיי זײַנען מיך, חלילה, ניט חושד, זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז דאָך בין איך ניט קיין גזלן און ניט קיין קוילער, נאָר איך בין דאָך פאָרט, זאָגט ער, אַ פרעמ־דער, און אַ בר־מנין איז ניט קיין זעקל קאַרטאָפּלעס, מע האָט צו טאָן מיט אַ טויטן מענטשן, מיט אַ מת... ס'איז, זאָגט ער, באַ אונדז פּונקט אַ ראַבינער און, להבדיל, אַן אוריאַדניק, אַ פּראָטאָקאָל מוז מען מאַכן...

— יאָ, יאָ, יאָ! אַ פּראָטאָקאָל! אַ פּראָטאָקאָל! — שטעלט אַרײַן דער לאַנגער, וואָס מע רופט אים אלעזר־משה, און טײַט מיטן פינגער און קוקט אויף מיר פון אויבן אַראָפּ מיט אַזעלכע אויגן, גלײַך ווי איך וואָלט דאָ באמת אָפּגעטאָן עפּעס אַזעלכס, וואָס סע קומט מיר קרימינאַל... איך האָב שוין מער קיין ווערטער ניט; איך פיל נאָר, ווי אַ שווייס איז מיר אַרויסגעטראָטן אויפן שטערן, און ס'איז מיר געוואָרן, ניט פאַר אײַך געדאַכט, נישט גוט אויף צו חלשן. איך האָב גוט פאַרשטאַנען די וויסטע־פינצטערע לאַגע מײַנע, ווי מיאוס איך האָב מיך דאָ אַרײַנגעכאַפּט; ס'איז מיר געווען אַ בזיון מיט אַ פּאַרדראָס מיט אַ האַרצווייטיק אינאיינעם. האָב איך מיך מיישב געווען: וואָס וועל איך דאָ מאַכן מיט זיי לאַנגע מחזקות? גיי איך און נעם אַרויס דאָס טײַסטערל און רוף מיך אָן צו די דרײַ גבאים פון חברה־קדישא:

— הערט־זשע אויס, ייִדן, די מעשה דערפון איז אַזוי: איך זע שוין, אַז כ'האָב מיך דאָ גוט אַרײַנגעכאַפּט. דער גוטער יאָר האָט מיך געטראָגן, איך זאָל זיך אָפּשטעלן אין אַ פעלד־קרעטשמע אָנוואָרעמען זיך און טרעפן אַקוראַט דעמאָלט, ווען דעם קרעטשמערס ווײַב פאַרגלוסט זיך מאַכן אַ שטאַרב, און הערן ווי אַ ייִד אַן אָרעמאַן, אַ מטופל מיט קינדער, בעט זיך, רעדט מיך צו, איך זאָל זיך קויפן עולם הבא, — באַדאַרף עס מיך קאָסטן רבי־געלט. אָט האָט איר אײַער טײַסטער מיט געלט, איך פאַרמאָג אַרום און אַרום בסך הכּל אַ קערבלעך עטלעכע און זיבעציק; נעמט אײַך און טוט אײַך, ווי איר פאַרשטייט; מיר לאָזט נאָר איבער אויף דער הוצאה ביז ראַדאָמישלי, און נעמט־צו באַ מיר דעם בר־מנין און לאָזט מיך אַרויס פון דאַנען מיטן לעבן.

אפנים, אַז מײַנע ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן מיט האַרץ, וואָרעם

אַלע דרײַ גבאים האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך, נישט געוואָלט זיך צורירן צו מײַן טײַסטערל מיט געלט, און האָבן מיר געזאָגט, אַז ס׳איז בא זיי, חלילה, ניט סדום; אמת, דאָס שטעטל איז טאַקע אַן אָרעם שטעטל, און קבצנים זײַנען בא זיי פאַראַן אַ סך מער פון נגידים, נאָר נעמען אָנ־פאַלן אַף אַ פרעמדן מענטשן און זאָגן אים: „זשיד, דאַוואַי ראָשע״ — דאָס פע! מהכתיתי, וויפל איך וועל געבן מיט מײַן גוטן ווילן, איז גוט; פּטור בלא כלום — דאָס גייט ניט, ס׳איז אַן אָרעם שטעטל. הײַנט עפּעס שמשים, חברה־המטה, תכריכים, בראָנפן, קרקע־געלט, געוויינטלעך, צו ביסלעך, שיטן דאַרף מען ניט, וואָרעם שיטן האָט קיין שיעור נישט!

מילא, וואָס זאָל איך אײַך נאָך דערציילן ווײַטער? דער קרעטשמער זאָל פאַרמאָגן די רי״ש אלפים, וואָלט זײַן ווײַב ניט געקאָנט האָבן אַזאַ לוויה, ווי זי האָט געהאַט! דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן אָנקוקן דעם יונגנמאַן, וואָס האָט געבראַכט אַ בר־מינן. איינער דעם אַנ־דערן האָט איבערגעגעבן די מעשה מיט אַ יונגנמאַן און מיט אַ בר־מינן זייער אַ רײַכן, אַ רײַכע שוויגער (פון וואַנען האָבן זיי גענומען, אַז ס׳איז מײַן שוויגער?), איז מען געקומען מקבל פּנים זײַן דעם רײַכן יונגנמאַן, וואָס האָט געבראַכט די רײַכע שוויגער און שיט מיט געלט... מע האָט ממש געטײַט אַף מיר מיט די פינגער. און אָרעמע לײַט? כחול הים! זינט איך לעב, זינט איך שטיי אַף מײַנע פיס, האָב איך אַזויפיל אָרעמע לײַט ניט געזען! ערב יום כפור פאַר דער שול איז גאָר קיין דמיון ניט! מע האָט מיך געשלעפּט פאַר די פּאָלעס, געריסן אַף שטיקלעך. אַ קליינינקייט, אַ יונגערמאַן, וואָס שיט מיט געלט? אַ גליק, וואָס די גבאים האָבן זיך אָנגענומען מײַן קריוודע, נישט דערלאָזט מיך, איך זאָל אוועקגעבן דאָס גאַנצע געלט, און איבערהויפּט יענער הויכער, וואָס מיט די דינע פינגער, אליעזר־משה הייסט דאָס, איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר אַף קיין רגע און האָט ניט אויפגעהערט צו טענהן מיט מיר און טײַטן מיט די פינגער: „יונגערמאַן! שיט נאָר נישט מיט קיין געלט! שיטן האָט קיין שיעור ניט!״ נאָר וואָס מער יענער האָט געטענהט, איך זאָל ניט „שיטן״, האָבן זיך אַלץ מער געקליבן אַרום מיר שלעפּערס און געריסן פון מיר שטיקער פליייש: „נישקשה! — האָבן געשריִען די אָרעמע לײַט. — נישקשה, אַז מע באַגראָבט אַזאַ רײַכע שוויגער, מעג מען זיך לאָזן קאָסטן נאָך אַ פּאָר

גראַשנס! די שווינגער האָט אים געלאָזט געגוג געלט! כוץ זײַן שאָדן אַף אונדז געזאָגט געוואָרן!"

— יונגערמאַן! — שרײַט איינער אַ שלעפּער און שלעפּט מיך בײַ דער פּאָלע. — יונגערמאַן! גיט אונדז אַף צווייען איין האַלב קערבל! כאַטש אַ פּערציקער גיט אונדז! מיר זײַנען צוויי געבוירענע קאַליקעס, איינער אַ בלינדער, דער אַנדערער אַ קרומער, גיט אונדז כאַטש אַ גילדן, אַ גילדן אַף צוויי קאַליקעס, צוויי קאַליקעס איין גילדן זײַנען תמיד ווערט!...

— וואָס הערט איר, וואָס ער וועט אײַך דערציילן קאַליקעס? — שרײַט נאָך אַ שלעפּער און שטופּט־אָפּ יענעם שלעפּער מיט די פּיס. — אָט דאָס הייסט בײַ אים קאַליקעס? אַ קאַליקע איז מײַן ווײַב, אָן הענט, אָן פּיס, אָן לײַב און לעבן, און מיט קליינע קינדער אויך קראַנקע. גיט מיר כאַטש, יונגערמאַן, נאָך אַ פּיטאַקל, וועל איך זאָגן קדיש נאָך אײַער שווינגער, זי זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן!

איצטער לאָך איך; דעמאָלט בין איך געווען ווײַט פון געלעכטער, וואָרעם די חברה אָרעמעלײַט זײַנען געוואַקסן ווי אַף הייוון. מען האָט אין איין האַלבע שעה פאַרפלייצט דעם גאַנצן מאַרק; ס'איז אוממעגלעך געווען זיך רירן מיט דער מטה. די חברה שמשים האָבן מיט שטעקנס געמוזט נעמען זיך צעטרײַבן דעם עולם; איז דערפון ארויס אַ געשלעג; האָבן זיך שוין אָנגעהויבן קלײַבן ארום אונדז גויים אויך און גויעס און שקצימלעך און שיקסעס לרוב, ביז עס האָט דערגרייכט אין די הויכע פענצטער, פאַרשטייט איר, און עס האָט זיך באַוויזן דער אָדון דער אוראַדניק, רײַטנדיק אַף אַ פערד, מיט אַ בײַטשל אין האַנט, און האָט מיט איין קוק און מיט עטלעכע גוטע בײַטשלעך צעטריבן דעם גאַנצן עולם, ווי די פיי־געלעך, און אַליין איז ער אראָפּ פונעם פערד און צוגעגאַנגען צו דער מטה חוקר ודורש זײַן, וואָס דאָ טוט זיך, ווער איז דאָס געשטאָרבן, פון וואָס איז מען געשטאָרבן, און וואָס איז אַזוי פאַרפלייצט דער מאַרק? צום ערשטן איז אים געפעלן אַ פרעג טאָן מיך, ווער בין איך, פון וואַנען און ווּהין פאָר איך דאָס? איז מיר געוואָרן „פרחה נשמתי", און בין גע־בליבן אָן לשון. איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז? דערזעט איך אָן אוראַדניק, לאָז איך אָפּ הענט און פּיס, כאָטש איך האָב אַף מײַן לעבן נישט אָנגע־רירט, ווי מע זאָגט, קיין פליג אַף דער וואַנט, און איך ווייס גאַנץ גוט,

אז אן אוראדניק איז א מענטש, א בשר־ודם גלייך מיט אלע מענטשן. אדרבה, איך קען א ייִדן, וואס לעבט מיטן אוראדניק, ווי אנדערע צוויי, גייען איינס צום אנדערן צו־גאסט, קומט יום־טוב, עסט דער אוראדניק באם ייִדן פיש און דעם ייִדן איז דער אוראדניק מכבד מיט אייער, קאן זיך גאר נישט אפּלויבן, וואס פאר א גוי דאס איז! און פונדעסטוועגן, אז איך דערזע אן אוראדניק, אנטלויף איך. אפּנים, אז ס'איז א ירושה־זאך, ווארעם איך אליין, דארפט איר וויסן, קום ארויס פון „געשמיסענע", פון די סלאוויטער הייסט דאס, טאקע פון די אמתע סלאוויטער וואס בימי וואסילטשיקאוו, וואס וועגן דעם האב איך אייך צו דערציילן און צו דער־ציילן גאנצע פעק! נאר שא! איך בין שוין, דאכט מיר, אף יענער זייט בוויבעריק?...

האט מיך, הייסט דאס, דער אדון דער אוראדניק גענומען אפּן צימבל: ווער בין איך און וואס בין איך און פון וואנען און וווּהין פאר איך? גיי דערצייל אים א מעשה, אז איך זיץ באם שווער אין זוואהיל אף קעסט און דאס פאר איך קיין ראדאמישלי נאך א פאס! לאנג לעבן זאלן טאקע די גבאים, וואס זיי האבן מיך אויסגעלייזט פון א צרה: איי־נער פון יענע צוויי גבאים, דער קליינער וואס מיטן אויסגעפליקטן בערדל, האט אוועקגערופן דעם אדון אף א זייט, מיט אים עפּעס געסודעט זיך דארטן, און דער הויכער וואס מיט די דינע פינגער האט מיך דערווייַלע געלערנט און אייַנגעטייַט מיט די פינגער, וואס איך זאל זאגן:

— יהודי בלאָ! איר דברט אים, אז איר זייט א היגער, נאר איר זיצט ניט ווייַט סמוך לעיר, און דאס איז אייַער חמותי, הייסט דאס די שוויגער אייַערע איז נפטר געווארן, זייט איר געקומען אהער זי מקבר זייַן און בשעת איר וועט אים נתנען אין יד אריין, זאלט איר אויסקלערן עפּעס א נאמען פון דער הגדה, און דעם ערל אייַערן וועלן מיר אוועקרופן אין בית אריין און מכבד זייַן מיט א צנצנת יי"ש, לאז ער זיך ניט דרייען דא פאר די עינים, וועט זייַן טוב מאד!

און דער אדון דער אוראדניק איז אריין מיט מיר אין א שטוב און האט מיך גענומען צום פּראטאקאל. עס זאל מיך אזוי וויסן בייז מיט אייַך אינאיינעם, ווי איך וויים, וואס איך האב אים דארטן אנגעבעבעט. איך געדענק נאר, אז איך האב עפּעס געבעלעבעטשעט מיט דער צונג,

וואָס ס'איז מיר געקומען אפֿן זינען, דאָס האָב איך געזאָגט, און ער האָט פֿאַרשריבן אויף פּאַפּיר.

— ווי אַזוי רופֿט מען דיך?

— מאָטשע.

— דעם טאַטן?

— איצקאָ.

— וויפֿל ביסטו אַלט?

— ניינצן יאָר.

— אַ באַווײַבטער?

— אַ באַווײַבטער.

— קינדער פֿאַראַן?

— פֿאַראַן.

— וואָס איז דײַן טועכטס?

— אַ סוחר.

— ווער איז דאָס געשטאָרבן?

— מײַן שוויגער.

— ווי אַזוי האָט זי געהייסן?

— יענטע.

— איר פֿאָטער?

— גרשן.

— וויפֿל אַלט איז זי געוועזן?

— פֿערציק יאָר.

— פֿון וואָס איז זי געשטאָרבן?

— פֿון אַ דערשרעק.

— פֿון אַ דערשרעק?

— פֿון אַ דערשרעק.

— וואָס הייסט פֿון אַ דערשרעק? — מאַכט ער צו מיר און לייגט־אַוועק די פֿען, פֿאַרדרייבערט אַ פּאַפּיראָס און באַטראַכט מיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און איך פֿיל, אַז אָט־אָט קלעפּט זיך מיר צו די צונג צום גומען. האָב איך מיך מיישב געווען, איך האַלט שוין במילא אין באַקן שקרים, דאַרף מען באַקן ווײַטער! און איך האָב אים דערציילט אַ גאַנצע מעשׂה, ווי אַזוי מײַן שוויגער איז געזעסן איינע אַליין איבער אַן אַרבעט,

געאַרבעט אַ זאַק, און האָט זיך פאַרגעסן, אַז אין שטוב זיצט אירס אַ יינגל, אפרים הייסט ער, שוין אַ בחורל פון אַ יאָר דרײַצן, נאָר אַן אָפּ־געריסענער נאַר, אַ לעקיש, שפּילט זיך נאָך מיטן שאָטן. איז ער זיך מיישב און לייגט צונויף אונטער דער שוויגערס פּלייצעס בײדע הענט און מאַכט אַ ציגעלע אַף דער וואַנט פונעם שאָטן און עפנט אויף דאָס מויל און טוט אַ געשריי „מעעעע!” איז זי אַראָפּגעפאַלן פונעם בענקל, די שוויגער הייסט דאָס, און איז געשטאָרבן.

אַזוי וועב איך אים אַ לאַנג־מאָדנעם ליגן, און ער קוקט, לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון מיר די גאַנצע צײַט, און איך רייד, שיט, בעלעבע־טשע מיט דער צונג, איך וויים אַליין נישט וואָס... אויסגעהערט מיך ביזן סוף, שפּײַט ער אויס, ווישט זיך אויס די רויטע וואָנצעס, גייט־אַרויס מיט מיר אין דרויסן אַרוים צו דער מטה, דעקט אויף די שוואַרצע דעק, טוט אַ קוק דער געשטאָרבענער אין פּנים, טוט אַ מאַך מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „ס׳איז עפּעס ניט גלאַט”!... איך קוק אַף אים, ער אַף מיר, נאָכדעם רופט ער זיך אָן צו די גבאים:

— נו, די געשטאָרבענע קאָנט איר באַהאַלטן, און אים, דעם דאָזיקן חברה־מאַן, מוז איך דאָ פאַרהאַלטן, ביז איך וועל אויספאָרשן די זאַך, צי ס׳איז אמת, אַז דאָס איז זײַן שוויגער און אַז זי איז געשטאָרבן פון אַ דערשרעק.

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי ביטער און פינצטער מיר איז געוואָרן פון דער דאָזיקער בשורה! פאַר צרות האָב איך זיך אָפּגעקערעוועט אָן אַ זײַט און האָב זיך צעוויינט — ווי אַזוי, מיינט איר, צעוויינט? ווי אַ קליין קינד.

—יונגערמאַן! וואָס וויינט איר? — מאַכט צו מיר יענער, דער קליינטשיקער, וואָס מע רופט אים רב יוסיע, און ער טרייסט מיך, רעדט מיר אויס דאָס האַרץ, אַז ס׳וועט מיר גאָר נישט שאַדן, וואָרעם ממה נפשך: בין איך דאָ ריין — וואָס־זשע האָב איך מורא? „אַז מע עסט ניט קיין קנאָבל, הערט זיך ניט פונעם מויל” — לייגט־צו רב שעפּסל דער גבאי מיט אַזאַ שמייכעלע, אַז עס גלוסט זיך מיר אויפוואַרפן אים צוויי פלאַם־פײַערדיקע פּעטש אין בײדע גראָבע באַקן... גוואַלד! וואָס האָט מיר גענוצט אויסטראַכטן אַזאַ מיאוסן גראָבן ליגן, אַרײַנמישן אַהער די שוויגער מײַנע? עס גייט מיר טאַקע מער ניט אָפּ צו מײַנע זײדענע

קליידער, עס זאָל דערגיין צו איר די דאָזיקע מעשה, ווי אַזוי איך האָב זי לעבעדיקערהייט באַגראָבן דורך אַ דערשרעק!...

— יהודי בלאָ, שרעקט זיך נאָר ניט אַזוי, גאָט איז מיט אײַך! דער אָדון איז גאָר ניט אַזאַ בייזער אָדון, ווי איר מיינט. איר נתנט אים נאָר אײַן יד אַרײַן... און דברט אים, ער זאָל מיטן פּראָטאָקאָל מאַכן בלאָ... דער אָדון איז אַ קלוגער אָדון, אַ דורכגעטריבענער; עס ווייס גאַנץ גוט, אַז אַלצדינג, וואָס איר האָט דאָ געדברט, איז מחילה שקר וכזב.

אַזוי מאַכט צו מיר רב אלעזר־משה און טײַטלט מיר מיט די דינע פינגער. איך זאָל קאָנען, וואָלט איך אים צעריסן אויף צווייען, ווי מען צערײַסט, אַשטייגער, אַ הערינג. אײַנגאַנצן האָט ער דאָך מיך אַרויפגע־פירט אויף דעם דאָזיקן גליטש, ימח שמו וזכרו!...

איך קאָן מער נישט דערציילן. איך קאָן אַפילו נישט דערמאָנען מיך וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַט! איר פאַרשטייט דאָך שוין אַליין, אַז די עטלעכע גילדן האָט מען בײַ מיר צוגענומען, און קאָטשומענט אַרײַן האָט מען מיך אײַנגעזעצט און אַ משפט האָב איך אויף זיך געהאַט — נאָר דאָס איז נאָך אַלץ בלאָטע קעגן דעם, וואָס כ'האָב געהאַט נאָכדעם, אַז ס'איז דערגאַנגען צו מײַן שווער און שוויגער, אַז זייער איידעם זיצט פאַר אַ מת, וואָס ער האָט געבראַכט צו פירן פון ערגעץ... סע פאַרשטייט זיך, אַז זיי זײַנען גלײַך געקומען צו פאָרן און האָבן זיך געמעלדעט, אַז זיי זײַנען מײַנע שווער און שוויגער — אָט דאָ האָט זיך ערשט פאַרקאָכט די רעכטע חתונה: פון איין זײַט פּאָליציע נעמט מיך אָפּן צימבל: „שיינער בחור וואָס דו ביסט! וויבאַלד אַז די שוויגער דײַנע, יענטע בת גרשון, לעבט, הײַנט ווער איז געוועזן די געשטאָרבענע?"... דאָס איז נומער איינס. והשנית, האָט זיך גענומען צו מיר די שוויגער זאָל לעבן: „איך פרעג דיך נאָר איין זאַך: זאָג מיר נאָר, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר, נעמען און באַגראָבן מיך אַ לעבעדיקע?!"... זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אָפּן משפט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין ריין, ווי גינגאָלד; עס האָט געקאָסט געלט, מע האָט אַראָפּגעבראַכט עדות, דעם קרעטשמער מיט די קינדער, און מע האָט מיך פון געפענקעניש באַפרײַט. נאָר וואָס איך בין דעמאָלט אויסגעשטאַנען, און איבערהויפּט פון דער שוויגער — דאָס ווינטש איך נישט דעם גרעסטן, דעם ערגסטן שונא! — — —

פון דעמאָלט אָן אַנטלויף איך פון עולם הבא...

געשריבן אין יאָר 1904.

# אָרעמע און פרייליכע

## צווייט בוך

# אינהאַלט:


א „וויגרישנע בילעט" — — — — — — — — — — — — — — 201

מיטן עטאַפּ — — — — — — — — — — — — — — — 235

הונדערט איינס — — — — — — — — — — — — — — 273

מיין ערשטער ראָמאַן — — — — — — — — — — — — 283

צוויי אַנטיסעמיטן — — — — — — — — — — — — — 308

אָפּגעשלאָגענע הושענות — — — — — — — — — — — 317

מען איז זיך מוחל — — — — — — — — — — — — — 337

מען הוליעט — — — — — — — — — — — — — — — 357

# א „ווינגרישנע ביליעט״
## (אַ לאָטעריי - צעטל)
### דערציילונג

### א.

— בנימטשיק — דאָס וואַקסט באַ מיר אַ ווינגרישנע ביליעט.
אַזוי האָט געזאָגט ישראל דער שמש פון דער אַלטער שול אויף זײַן זונדל בנימין, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוט יינגל נאָך בשעת ער האָט געלערנט באַ ירחמיאל־משה דעם מלמד אין חדר. ירחמיאל־משה האָט זיך נאָר נישט געקאָנט אָפּלויבן פון אים.

— אַזאַ קליינער — האָט ער איינמאָל געזאָגט צו ישראל דעם שמש — איז באַ מיר, קיין עין־הרע, פון די בעסטע. ערשטנס, איז ער אַ גרויסער מתמיד, אַ ווילער וואָס אַ ווילער הייסט; הײַנט דאָס פּעקל זײַנס, די תפיסה, מיין איך, דער זכרון — איז אַזעלכעס, וואָס מע באַדאַרף עס זוכן; ווען באַ אים זאָל זײַן דער זכרון אַזוי ווי די תפיסה, מיין איך פאַרקערט, די תפיסה אַזוי ווי דער זכרון — עהע - הע!

דעם „עהע־הע!״ ציט - אויס ירחמיאל־משה דער מלמד מיט אַ ניגון, און ישראל דער שמש ווערט ברייטער ווי לענגער.

— גאָט זאָל אײַך געבן געזונט און פרנסה! — בענטשט ער דעם מלמד און העלפט אים צונויפלייגן דעם טלית־ותפילין. דאָס איז גלאַט אַזוי, אַ מתנה הייסט דאָס; שכר־למוד פאַר זײַן קינד צאָלט ישראל דער שמש גלײַך מיט אַלע בעלי־בתים, צוויי קאַרבן אַ זמן, אַ חוץ חנוכה־געלט און פּורים־געלט, כאָטש ישראל דער שמש לעבט אַליין כמעט נאָר פון

חנוכה־געלט און פורים־געלט. נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? דער מנהג העולם איז שוין אַזוי פון קדמונים, אַז מיר מוזן לעבן אומעטום איינער פונעם אַנדערן: איך נעם בײַ יענעם און גיב אײַך; איר נעמט בײַ מיר און גיט יענעם. אמת, עס מאַכט זיך גאַנץ אָפּט, אַז נעמען בײַ מיר נעמט איר צוויי מאָל אַזוי פיל ווי מע באַדאַרף, און געבן גיט איר יענעם אַ מכה; דערפאַר, אַז כ'וועל נאָר קאָנען, וועל איך בײַ יענעם נעמען דרײַ מאָל אַזוי פיל און וועל אַ ײַ ד געבן אַ מכה. מיר וועלן זיך מיטן חשבון, האָט קיין יסורים ניט, אויסגלײַכן. חכמים רופן דאָס אָן מיט פאַרשיידענע נעמען: „געזעץ פון דער נאַטור", „לעבנס־מלחמה", „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" וכדומה; נאָר אַזוי ווי מיט אונדזער מעשה קער זיך עס שוין נישט אָן, לכן גייען מיר ווײַטער.

שפּעטער, אַז בנימטשיק איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן קורס בײַ ירחמיאל־משהן, האָט אים ישראל דער שמש זייער געוואָלט אָפּגעבן צו רב אלי־מאיר דעם גמרא־מלמד, האָט אים אלי־מאיר נישט געקאָנט צונעמען: ראשית, איז שוין בײַ אים געווען דער חדר פול ווי אַן אויג; והשנית, האָט ישראל ניט געקאָנט צאָלן אַזאַ שכר־למוד, ווי די נגידישע בעלי־בתים. האָט בנימטשיק געטאָן דאָס, וואָס אַנדערע טוען: אַז מע האָט ניט מיט וואָס צו צאָלן, לערנט מען אַליין. דערווײַ איז פאַראַן אַ גרויס בית־המדרש מיט אַ סך סטענדערס, מיט אַ סך שטיקלעך ליכט פון די יאָרצײַטן, מיט אַ סך ספרים: חומשים, פּסוקים, משניות, גמראָס מיט מדרשים — און וואָס ניט? אַבי מע וויל נאָר, קאָן מען לערנען אַף אַ בוידעם אויך. קאַרג גרויסע מענטשן, גאונים, זײַנען אויסגעוואַקסן בײַ אונדז אָט אַזוי, ערגעץ בײַ אַ סטאָטשיק אין בית־המדרש? אַזעלכע גרויסע מענטשן, גאונים, מפורסמים וואָלטן מיר, קאָן זײַן, געהאַט איצטער אָן אַ שיעור; דער חסרון איז אָבער, וואָס אין די לעצטע פּערציק־פופציק יאָר האָט זיך פאַרגנבעט אין אונדזער ווינקל אַרײַן אַ שטראָל פון ליכטיקייט און האָט אָנגעשפּאַרט דווקא אין בית־המדרש אַרײַן, דווקא דאָרטן, צווישן די אָרע־מע בחורים, און אָנשטאָט דעם, מע זאָל לערנען „יורה־דעה", האָט מען בגנבה גענאַשט אַ שטיקל „ביאור", שטילערהייט געשלונגען מליצה־ספרים, זיך געוואָרגן מיט אַ רוסישער גראַמאַטיקע און פאַרביסן מיט מאַפּוס אַ ראָמאַן. פון אַזאַ מין לערנען האָבן קיין גאונים, רבנים מפורסמים, געוויינטלעך, ניט געקאָנט אַרויס. ייִדישע קינדער האָבן זיך צעקראָכן איבער דער וועלט, געוואָרן אַ תל; דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, משוררים,

מחברים, שרײַבערס, לערערס און גלאַט אַפּיקורסים. קיין רב — נישט איינער אַ רעכטער. דאָס הייסט, רבנים זײַנען אַרוים פון זיי אַ סך; נאָר וואָסערע רבנים? קאַזיאָנע! „קאַזיאָנע" איז דער טײַטש אָנגעהאָנגענע — אשטייגער, ווי מען הענגט אָן עמעצן אַ לונג און לעבער אַף דער נאָז; צי איר ווילט, צי איר ווילט נישט — נאָט אײַך אַ באָמבע און האַלט זיך מיט איר... נאָר אַזוי ווי מיט אונדזער מעשה געהער זיך עס נישט אָן, לכן גייען מיר ווײַטער.

אונדזער בנימטשיק האָט געלערנט אין בית־המדרש נישט אַליין — מיט נאָך צוויי חברים, אויך אַזעלכע אָרעמע בחורימלעך ווי ער, און דאָס איז טאַקע געווען דער חסרון, וואָרעם איין מענטש אַליין קאָן אַזוי גראָב ניט זינדיקן, ווי מיט יענעם בשותפות. אַ סימן האָט איר פון אדם הראשון: כל זמן ער האָט זיך געשפּאַצירט אין גן־עדן איינער אַליין, איז געווען שטיל, אַ מחיה; און אַז עס האָט זיך נאָר אַרײַנגעמישט די מוטער חווה, אַזוי האָט זי אים באַלד אָנגערעדט, ער זאָל פאַרזוכן פונעם עץ־הדעת, און מי יודע אַף וואָס זי וואָלט אים נאָך אַרויפגעפירט, מע זאָל זיי ניט באַצײַטנס אַרויסטרײַבן... דער משל איז געזאָגט געוואָרן אָקעגן בנימינען. בנימין זאָל געווען זיצן און לערנען אין בית־המדרש איינער אַליין, וואָלט געווען אַז וויל איז אים; ער האָט דאָך אָבער געלערנט מיט נאָך חברים, אויך אַזעלכע נאַקעטע און באָרוועסע, הונגעריקע און דאָרשטיקע, ווי ער — האָט מען תמיד זיך נאָר געריסן אַהין, אַף דער גרויסער ליכטיקער וועלט, אַף דער וועלט פון חכמה און פון וויסנשאַפט. אַליין זײַנען זיי געווען דאָ, און זייער קאָפּ איז געלעגן דאָרטן, צווישן די גרויסע, צווישן די געלערנטע, צווישן די גליקלעכע. עס האָט זיי געצויגן אַהין, ווי אַ מאַגנעט, ווי אַ קליין קינד ציט אוים די הענט־לעך צו דער מאַמע... איז שוין עפּעס אַ חידוש, אשטייגער, אַז איינמאָל אין אַ שבת־צונאַכטס האָבן דרײַ בית־מדרש־בחורים, איציק, יוסל און בנימטשיק, ניט געסטײַעט? וואָס הייסט נישט געסטײַעט? — נישטאָ און אַ סוף! מע האָט זיי אויסגעזוכט אין שטאָט, וווּ די וועלט האָט אַן עק! מילא, יענע צוויי חברה־לײַט, איציק און יוסל, זײַנען קבצנישע קינ־דער, יתומים, אָן אַ טאַטן אָן אַ מאַמען, — וועמען זײַנען זיי אָפּגעגאַנ־גען? אָבער בנימטשיק! ישראל דער שמש האָט אײַנגעלייגט די וועלט, איבערגעקלערט גאָט ווייס וואָס, און האָט זיך באַרויִקט ערשט אַף מאָרגן, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ בריוול פון אַלע דרײַ ווײַסע־חברהניקעס, אַז מע

זאָל גאָר נישט איבערטראַכטן, זיי זײַנען, ברוך השם, געזונט און שטאַרק; זיי האָבן אַרויסגעזען (אַזוי שרײַבן זיי), אַז דאָ אין בית־המדרש איז פאַר זיי קיין תכלית ניט, לכן האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ישיבה אַרײַן, קיין ווילנע, קיין וואָלאָזשין אָדער אין „דער מיר"... זיי האָבן מיט אַ כיון אויסגערעכנט אַלע דרײַ ישיבות, בכדי מע זאָל ניט וויסן, אין וואָסער אַ שטאָט זיי צו זוכן. אָט דאָס הייסט אָפּגעאַרבעט קלוג, מיט שכל!...

ס'איז אָבער געווען אומזיסט דאָס פאַרשטעלן זיך מיטן באַהאַלטן זיך מיטן אַנטלויפן. ס'איז זיי קיינער מיט קיין פּאַטשט נישט נאָכגע־לאָפן. די שטאָט איז געווען, אדרבה, צופרידן. ערשטנס, וועט זײַן ווינצי־קער מיט אַ צוויי־דרײַ אָרעמע בחורים, וואָס מע מוז זיי אויסהאַלטן ווי ס'ניט איז; מע קאָן דאָך זיי נישט לאָזן אַזוי, זיי זאָלן אויסגיין פון הונ־גער. והשנית איז טאַקע גלאַט שיין, אַז אָרעמע קינדער ווילן לערנען. הלוואַי וואָלטן אַלע ייִדן געקאָנט, וואָלטן זיי זיך אויך אַוועקגעלאָזט ערגעץ אין עק וועלט, אַבי מע זאָל ניט דאַרפן מוטשען זיך, טראָגן דעם עול פון פּרנסה...

## ב.

וואָס איז געווען דער סוף פון יענע בחורימלעך, איציק און יאָסל — ווייסן מיר נישט, נאָר פון בנימטשיקן האָט ישראל דער שמש אין אַ האַלב יאָר אַרום מקבל געווען אַ בריוו ניט פון וואָלאָזשין, ניט פון ווילנע און ניט פון „דער מיר", נאָר פון אַן אַנדער שטאָט פון אַ גרויסער שטאָט, אַז ער זאָל זיך גאָר ניט זאָרגן, וואָרעם ער, בנימטשיק הייסט דאָס, געפינט זיך אויפן „רעכטן וועג", עס וועט פון אים, מיט גאָטס הילף, זײַן אַ לײַט, גאָט זאָל אים נאָר העלפן, ער זאָל אָפּגעבן דעם עקזאַמען און אַרײַן אין גימנאַזיע, וועט ער, אם ירצה השם, גיין ווײַטער און „שטו־דירן דאָקטער"; און אַז ער וועט „אויסשטודירן דאָקטער", וועט ער האָבן אַ פײַנע בכבודיקע פּרנסה אין האַנט, און וועט קאָנען אויסהאַלטן טאַטע־מאַמע אויף דער עלטער; דער טאַטע וועט פאַרשפּאָרן האָרעווען, זײַן אַ שמש, און די מאַמע אַ שמשטע; און די שוועסטער וועט ער, בעזרת השם, חתונה מאַכן אַלע דרײַ, און מע וועט זיצן אַלע אינאיינעם בשלום ושלוה, און מע וועט האָבן פיל נחת. „און דאָס וואָס איז שייך צו ייִדיש־

קיט, — אזוי האט בנימין געשריבן — זאָלט איר זיך, מײַנע ליבע און געטרײַע, גאָר ניט זאָרגן; מע קאָן זײַן געלערנט ווי די גאַנצע וועלט, און פונדעסטוועגן וואָס צו גאָט איז צו גאָט. איך דאַוון, זאָלט איר וויסן, אַלע טאָג, און לייג תפילין, און וואַש זיך צום עסן, אַבי ס'איז נאָר פאַראַן וואָס, מחמת עסן — עסן מיר דאָ איין מאָל אין צוויי טאָג, וואָס גאָט גיט, אַמאָל אַ טרוקן שטיקל ברויט, און אַמאָל אַ ײַ נ ג ע ט ו נ ק ע ן  א י ן  ז א ל צ־וו א ס ע ר , און אַז עס מאַכט זיך, ס'איז נישטאָ גאָרניט, סמאָטשקעט מען אַ שטיקל צוקער. צוקער איז אַ סגולה צום הונגער, פאַר־שלאָגט דעם אַפּעטיט. דערפאַר לערנט מען אָבער געשמאַק! פאַרגעסט נישט: פיר גראַמאַטיקעס באַדאַרף מען אויסלערנען! הײַנט ווי איז געאָ־גראַפיע? ווי איז היסטאָריע? און ווי איז „שאר ירקות”? מאַטעמאַטיקע איז בלאָטע; אַלגעברע, זאָל אײַך צו קיין חרפה ניט זײַן, האָבן מיר נאָך געלערנט אין דער היים, אין בית־המדרש, און די מליצה־ספרים, וואָס מיר האָבן זיך דעמאָלט אָנגעלייענט, קומען אונדז הײַנט צונוץ באַם שרײַבן „סאָטשיניעניעס”. איין שטיקל חסרון, וואָס דאָס לשון איז בײַ אונדז אַ ביסל ניט אזוי שאַרף, ווי מע באַדאַרף. נאָר צו גאָט אַ האָפענונג, מיר וועלן דאָס אויך איבערקומען בשלום. איר זאָלט זיך גאָר ניט זאָרגן, עס וועט, אם ירצה השם, אַלצדינג זײַן אזוי ווי מע באַדאַרף. דער עיקר — נאָר ניט געזאָרגט און געהאָפּט אַף דעם וואָס לעבט אייביק!”

ישראל דער שמש, אַז ער האָט באַקומען דאָס דאָזיקע בריוול, איז ער באַלד אַוועק צו ירחמיאל־משה דעם מלמד, — אַן אַלטער גוטער ברודער, אַן ערלעכער ייִד און אַ בעל־סוד.

— זײַט־זשע מוחל, לייענט־דורך דאָס דאָזיקע בריוול, און אַז איר וועט דאָס דורכלייענען, וועט איר זיך מטריח זײַן טאַקע אין איינוועגס אָנשרײַבן אַן ענטפער, דאָס הייסט, איך וואָלט געקאָנט אַפילו אַליין אָנ־שרײַבן, נאָר אַלץ הייסט געשריבן. אוודאי וועט איר בעסער אָנשרײַבן פון מיר, למאי זאָל איך לייקענען?

ירחמיאל־משה דער מלמד ווייס גאַנץ גוט, אַז ישראל דער שמש זאָגט נעבעך אַ גרויסן ליגן. אזוי לאַנג שמײַסט מען אים, ווי לאַנג ער קאָן אָנ־שרײַבן אַן ענטפער! נאָר ארויסבאַווײַזן אים, אַז ער איז אַ ליגנער — איז ער ניט מחויב. למאי זאָל ער מבייש שטעלן אַ מענטשן? האָט ער אָנגע־זאָלט די נאָז מיט אַ פּאָר משונה־מאָדנע ברילן, וואָס זײַנען באַשטאַנען פון אַ שטיקל דראָט מיט צוויי בענדלעך: אין איין אויגל איז געשטאַנען

א בלעכל, און דאָס אַנדערע איז געווען ליידיק, גלאַט אַ לעכל. האָט ישראל נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס טויג אייך, רבי, אַזאַ בריל? איר זעט דען עפּעס אויף איר?

— אַלץ גלייכער ווי אָן אַ בריל, כ'בין שוין איינגעוווינט! — האָט אים ירחמיאל־משה געענטפערט, גענומען דאָס בריוול אַ ביסל פון דער־ווייטן, איין אויג (יענס וואָס אונטערן בלעכל) צוגעמאַכט, און מיטן אַנ־דערן אויג (יענס וואָס אונטערן לעכל) האָט ער געלייענט גיך ווי אַ וואַ־סער, און אויך אויף אַ קול, זיך אָפּגעשטעלט אַלע מאָל און געקוקט אויף ישראלן, ווי איינער רעדט: „הייַנט פאַרשטייט איר, וואָס הייסט געקאָנט לייענען?" און ישראל איז געשטאַנען בשעת מעשה דעם קאָפּ אַ ביסעלע אויף אַ זייַט און פאַרריסן אַרויף מיט גדלות, ווי איינער רעדט: „הייַנט פאַר־שטייט איר, וואָס הייסט געקאָנט שרייַבן?"...

— נו, רבי, וואָס וועט איר הייַנט זאָגן? — האָט זיך ישראל אָנגע־רופן צו ירחמיאלן, נאָכדעם אַז ירחמיאל־משה האָט אויסגעטאָן די ברילן און אַוועקגעגעבן אים דאָס בריוול.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — האָט אים ירחמיאל־משה געענט־פערט מיט אַ זיפץ. — אוודאי, אוודאי! מהכתיתי, זייער פייַן, אבי ער דאַוונט אַלע טאָג און לייגט תפילין. הלוואי ווייַטער ניט ערגער, חלילה...

— איך שמועס עס אָקעגן דעם, וואָס ער וואַקסט, מייַן בנימטשיק הייסט דאָס, אַ מענטש, אָט דאָס מיין איך! — אַזוי מאַכט צו אים ישראל דער שמש, און מיינען מיינט ער גאָר עפּעס אַנדערש. באַ אים אויף דער צונג ליגן גאָר די ווערטער: „גימנאַזיע", „דאָקטאָר"... נאָר אַרויסלאָזן דאָס פונעם מויל האָט ער מורא, רופט ער זיך אָן צו ירחמיאל־משהן:

— איך שמועס אָקעגן דעם, וואָס איר זאָגט, ער לערנט זיך אויף... דאָקטאָר? האַ? וואָס זאָגט איר? איר זייַט דאָך עפּעס אַ ייִד אַ חכם.

ירחמיאל־משה ווייס, אַז ער איז אַ ייִד אַ חכם, נאָר וואָס קאָן ער אים דערויף זאָגן? אוודאי, ווען ס'זאָל זייַן געווענדעט אָן אים, אָן ירחמיאל־משהן, וואָלט ער אים נישט געלאָזט שטודירן אין די גימנאַזיעס; צו וואָס טויג ישראל דעם שמש אַ זון פון גימנאַזיעס מיט דאָקטוירים גאָר? נאָר, אַפּנים, עמעצער פרעגט באַ אים אָן עצה? און ירחמיאל־משה דער מלמד קוקט מיט פאַרגלעזערטע אויגן אויף דער וואַנט און לאָזט־אַרויס אַ טיפן זיפץ. ישראל דער שמש פאַרשטייט, וואָס באַדייַט דער דאָזיקער זיפץ: ער איז מיט זיך אַליין אויך נאָך נישט אינגאַנצן פאַרטיק; ער איז אַליין אויך

נישט אזוי צופרידן מיט דער גימנאזיע. נאָר צוריק שמועסנדיק: סטײטש, זײַן זון, זײַן בנימטשיק װעט זײַן „דאָקטאָר"!

— עלעהיי — זאָגט ער צום מלמד און פאַרגנבהט זיך מיט װערטער — עלעהיי אַ בעל־מלאכה? „דאָקטאָריע" איז דען ניט קיין מלאכה? ובפרט ער דאַוונט אַלע טאָג און לייגט תפילין, הלוואי ווײַטער, חלילה, ניט ערגער...

ישראל דער שמש שטייט אַ ווײַלע, נאָכדעם רופט ער זיך אָן צום מלמד און קווײנקלט זיך:

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, רבי, אַז כ'האָב צו אײַך אַ „בקשה, מטריח זײַן זיך אָפּענטפערן אַפּן בריוול. נאָר וואָס דען? איר קענט דאָך אונדזער שטעטל... מע האָט ליב האַלטן יענעם אין מויל... און אַליין בין איך אַ פאַרקויפּטער מענטש... די וויסטע פּרנסה... איך האָב אײַך געוואָלט בעטן, ס'זאָל דערווײַלע זײַן בסוד. איר פאַרשטייט?...

— איך פאַרשטיי, פאַרוואָס זאָל איך נישט פאַרשטיין? — זאָגט ירחמיאל־משה און זאָטלט זיך אָן נאָך אַ מאָל מיט זײַנע מאָדנע ברילן, נעמט אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ טינט־און־פעדער, טונקט אײַן די פּען און וואַרט וואָס דער שמש וועט אים זאָגן וואָס צו שרײַבן.

— שרײַבט אים, זײַט מוחל, — דיקטירט אים ישראל דער שמש — לבני היקר מוהר"ר בנימין. ראשית שרײַב איך דיר, אַז מיר זײַנען אַלע, ברוך השם, אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון אים צו הערן אַף ווײַטער נישט ערגער, אמן. והשנית, שרײַבט אים, אַז איך און סימע, מײַן ווײַב הייסט דאָס, לאָזן אים גריסן גאָר פרײַנטלעך, און בעטן אים, ער זאָל אונדז שרײַבן אָפטע בריוולעך פון זײַן מאַכן וואָס ער מאַכט אין גע־זונט, און שרײַבט, אַז מיר ווינטשן אים אַלדאָס גוטס און הצלחה, ער זאָל מצליח זײַן דאָרטן, און שרײַבט אים, ער זאָל זיך גאָר ניט זאָרגן, גאָט איז אַ פאָטער, דער עיקר, ער זאָל זיך אָפּהיטן אין געזונט זאָל ער זיך אָפּהיטן, און זײַן אַ ייִד, וואָרעם דאָס איז דער עיקר, און שרײַבט אים, אַז איך שיק אים אַ קערבל שיק איך אים (ישראל קראַצט זיך אין אַלע קעשענעס), און שרײַבט אים, אַז איך וואָלט געשיקט מערער, האָב איך ניט, מחמת די פּרנסה איז איצטער זייער געשלאָגן, עס פאַרדינט זיך ניט קיין געלט פאַר־דינט זיך ניט, נישטאָ קיין יאָרצײַטן, און פון חתונות מיט בריתן שמועסט מען ניט, איך געדענק שוין ניט די צײַט, ווען ס'זאָל זײַן בײַ אונדז אַ חתונה, פון זינט רב הערש האָט חתונה געמאַכט די לעצטע טאָכטער איז

ניט געווען ביז אהער איין חתונה. דאָס הייסט, ס'איז געווען אַ פּאָר חתונות, נאָר אַלץ הייסט חתונות. אויך מיר חתונות!...

— ששש... כאַפּט ניט אַזוי! — זאָגט צו אים דער מלמד. — איר פאַרט, ווי מיט פּאָטשטאָווע פערד, איך קאָן אייַך נישט דעריאָגן. נו, ווייַטער?

— און ווייַטער שרייַבט אים, אַז מער איז נישטאָ וואָס צו שרייַבן, און שרייַבט אים, אַז איך לאָז אים גריסן גאָר פרייַנטלעך, און סימע, די מאַמע הייסט דאָס, לאָזט אים גריסן גאָר פרייַנטלעך, און אַלע שוועסטער לאָזן אים גריסן, פעסל און סאָסיע און ברכהצי, גאָר פרייַנטלעך, און שרייַבט אים, ער זאָל אָפּהיטן ייִדישקייט און זאָל זייַן אַ ייִד, דאָס איז דער עיקר, און ווייַטער... אַז איר וועט אָפּשרייַבן, וועל איך זיך אָפּחתמענען...

אַז דער מלמד האָט דאָס אַלצדינג אָנגעשריבן, האָט ישראל דער שמש פאַרקאַטשעט די אַרבל, גענומען די פען פּאַוואָלינקע מיט צוויי פינגער און האָט זיך אָנגעברייט צו טאָן אַן „איידעלע מלאכה", אָנידערגעלייגט אַפן פּאַפּיר זייַן אייגענעם נאָמען ישראל, און דעם נאָמען פון זייַן טאַטן נפתלי, עליו השלום, און די פאַמיליע ריטעלמאַן, געדרייט בשעת מעשה מיט דער צונג אין אַלע זייַטן, עס וועגדט זיך באַ וואָסער אַן אות; למשל: אַ „למד" גייט רעכטס — גייט די צונג רעכטס, אַ „נון" גייט לינקס — גייט די צונג לינקס. פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אַזאַ טבע נישט נאָר בשעת זיי אַליין — אַפילו בשעת יענער טוט עפּעס אַן אַרבעט און זיי שטייען באַ דער זייַט און קוקן, דרייען זיי מיט דער צונג...

סע פאַרשטייט זיך, אַז אין שטעטל איז מען גיך געוואָר געוואָרן פון דעם סוד, אַז ישראל דעם שמשס זונדל שטודירט אין די גימנאַזיעס „אַף דאָקטאָר", און עס האָט אים נישט געשאַדט חלילה, צו דער פּרנסה גאָר נישט; מע האָט אים נאָר דעקוטשעט מיט ווערטער:

— וועט איר האָבן, הייסט דאָס, אַ זון אַ „דאָקטאָר" אָן אַ היטל? און אפשר נאָך מיט אַ קנעפּל? וואָס פאַר אַ פּנים וועט איר דעמאָלט האָבן, רב ישראל? ווי אַ הון זיצט־אויס קאַטשקעלעך; די קאַטשקעלעך לאָזן זיך שווימען אַפן וואַסער, און די הון שטייט און קוואָקעט...

ישראל דער שמש האָט דאָס אַלצדינג איבערגעטראָגן שטילערהייט און געטראַכט באַ זיך אין האַרצן: „לאַכט, לאַכט פון מייַן בנימטשיקן; דאָס איז באַ מיר אַ „ווינגרישנע בילעט"!...

## ג.

איינמאָל — ס'איז געווען ערב פסח, סימע די שמשטע און אַלע דריַי טעכטער, פעסל און סאָסל און ברכהצי, האָבן געראַמט אַף יום־טוב — עפנט זיך די טיר און עס קומט־אַריַין עפעס א יונגערמאַנטשיק מיט וויַיסע קנעפּ, מיט א מאָדנע היטל אַפן קאָפּ, און פאַלט סימען אַפן האַלדז. און נאָכדעם פעסלען און סאָסלען און ברכהצין, און עס ווערט א קושעריי.

דאָס איז געווען בנימין.

סימע האָט זיך אַזש צעוויינט פאַר פרייד.

— זונעניו! קדיש מיַינער!

איז אָנגעקומען ישראל א פאַרסאַפּטער, א דערשראָקענער, און האָט זיך צעשריַיגן אַפן וויַיב.

— שאַ, שאַ! זע נאָר, זי האָט זיך א ביסל צעיאָכמערט, טאָמער ווייסטו וואָס איז דאָס געווען וואָס?

און אַליין, אַז ער האָט באַטראַכט בנימינען, ווי ער איז אויסגע־וואַקסן, האָט ער זיך אויך קוים איַינגעהאַלטן פון געוויין. נאָר א מאַנצ־ביל איז ניט קיין יידענע. א יידענע אַז זי וויינט, מוז זי באַלד אָנהייבן שנײַצן די נאָז; און א מאַנצביל אַז ער וויל אפילו וויינען, קאָן ער מאַכן אַזוי, אַז מע זאָל מיינען, אַז ער לאַכט.

— ווען ביסטו געקומען ווען? אַנו, דריי זיך נאָר אויס צו מיר מיטן הינטן! — מאַכט ער צום זון. — וואָס איז דאָס פאַר א מין הלבשה אַף דיר? טו זיך אויס, פאַר וואָס טוסטו דיך ניט אויס?

און אַז בנימין האָט זיך אויסגעטאָן און איז געבליבן אין א בלויען מונדיר מיט א סך זילבערנע קנעפּלעך, און די בעקלעך זיַינען געווען רויט, און די בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט, — האָט ער טאַקע געהאַט דעם זי־בעטן חן ניט נאָר באַ זיי — באַ איטלעכן אין די אויגן. ווער עס האָט אים געזען, האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אין אים. „קיין עין־הרע, אויסגעוואַקסן ישראל דעם שמשס זונדל, געוואָרן א פאַרשוין!"... פייגע־לאה דער שכנהס טעכטערל מינצע, א מיידל פון א יאָר נײַנצן מיט שוואַר־צע אייגעלעך און מיט א געדיכטן שוואַרצן צאָפּ, פאַרפלאָכטן אונטן מיט א רויט סטײנגעלע, וואָס פאַסט איר זייער צום פּנים, איז אַריַינגעקומען צו סימען כלומרשט א פרעג טאָן, אפשר געפינט זיך באַ איר אַן איבעריק טעפּל, וואָס זי דאַרף עס נישט? — כאָטש זי ווייס גאַנץ גוט, אַז סימע

האָט אַף איר לעבן נישט געפּרוּווט האָבן קיין איבעריקע טעפּלעך. דאָס איז נאָר געווען אַן אויסרייד אַף אָנצוקוקן בנימינען, אַ גלאַנץ טאָן מיט די שוואַרצע אייגעלעך און אַ וואָרף טאָן הין און צוריק מיטן געדיכטן שוואַרצן צאָפּ און מיטן רויטן סטיינגעלע, זיך אויסדרייען און אַנטלויפן, און שפּעטער אביסל נאָך אַמאָל אַרײַנלויפן, מיט אַ נײַעם אויסרייד און ווידער אַ מאָל דאָס איינענע, אַזוי, אַז בנימינס דרײַ שוועסטער, פּעסל און סאָסל און ברכהצי, אַלע דערוואַקסענע שוין, האָבן אַ קוק געטאָן איינס אַפּס אַנדערע, ווי איינער רעדט: „טאָמער ווייסטו וואָס איז דאָס דרייען, וואָס זי דרייט זיך?”... און בנימין האָט דערווײַלע אַוועקגערופן די מאַמע אַף אַ זײַט און האָט איר עפּעס געגעבן אַ מטבע, אַרײַנגערוקט אין האַנט אַרײַן, זי זאָל מאַכן „אַ שיינעם פּסח”. סימע האָט אַף איר לעבן אַזוי פיל געלט נישט געהאַלטן אין האַנט! און פאַר די שוועסטער האָט ער גע־בראַכט צו פירן מתנות און מתנות: סטענגעס, מיט קעמעלעך, מיט שפּי־געלעך, מיט שמאַכטעליאַקעס אָן אַ שיעור! און דער מאַמען אַ זײַדענע פעטשיילע, אַ געלע מיט רויטע און מיט בלויע קווייטן. סימע די שמשטע האָט זיך אַזש צעוויינט פאַר פרייד.

— וואָס איז דאָס? ווי קומט צו דיר געלט? — פרעגט אים ישראל מיט אַ געלעכטער.

— וואָס הייסט, ווי קומט צו מיר געלט? — ענטפערט אים בנימין מיט גדלות. — איך פאַרדין שוין הײַנט, ברוך השם, אַכט קאַרבן אַ חודש. איך גיב „שטונדן”. איך לערן, הייסט דאָס, מיט קינדער, צאָלט מען מיר. איך בין שוין אין גימנאַזיע אין פינפטן קלאַס. אַכט קלאַסן איז פאַראַן. נאָך דרײַ קלאַסן, דרײַ יאָר הייסט דאָס, ענדיק איך די גימנאַזיע און טרעט־אַרײַן אין אוניווערזיטעט, שטודירן אַף דאָקטאָר...

בנימין דערציילט און דערציילט, און אַלע שטייען און לאָזן נישט אַראָפּ פון אים קיין אויג, און טראַכטן זיך: „אַט דאָס זאָל טאַקע זײַן בנימין? יענער באָרוועסער בנימטשיק, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין בית־המדרש?... אַכט קאַרבן אַ חודש... אַכט קלאַסן... אַ זײַדענע פאַ־טשיילע... אוניווערזיטעט... דאָקטאָר”...

גאָט ווייס, אויב עס האָט נאָך עמעצער געהאַט אַזאַ פריילעכן פּסח, אַזאַ געהויבענעם סדר, ווי עס האָט געהאַט ישראל דער שמש. מילא, פון ווײַן אַף ארבע־כוסות און פון פּסחיקן בראָנפן, פון פיש און קניידלעך און פאַלירטשיקעס, שמועסט מען ניט; איך רייד פון דער הגדה, וואָס ישראל

און בנימין האָבן געזונגעןביידע איינס איבער דאָס אַנדערע — ס'איז געווען אַ מחיה צו הערן! אַז ס'איז געקומען צו „רבי אליעזר אומר מנין שכל מכה ומכה...", האָבן זיי זיך ביידע געשאָקלט און גענומען אַ הויכן טאָן, האָט סימע, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צײַט און געקוקט אַף איר טרייסט, אַף בנימינען, מיט אַ מאָל אָנגעהויבן מאַכן פּיסקעס אַף צו וויי־נען, האָבן זיך אַלע דרײַ שוועסטער, פעסל און סאָסל און ברכהצי, נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָבן זיך צעלאַכט, און אַף זיי קוקנדיק האָבן אַלע אָנגעהויבן לאַכן און סימע אויך — ס'איז שוין געווען אַ פּסח בײַ זיי, וואָס זאָלט איר קלערן!

יום־טוב אין דער פרי, אַז בנימין איז געקומען אין שול אַרײַן, האָט מען באַטראַכט דאָס „סטעדענטל" מיט די זילבערנע קנעפּ, ווי אַ ווילדע חיה. יינגלעך, קונדייסים, האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן, געטײַט מיט די פינגער און געלאַכט אין פּנים אַרײַן. נאָר בנימין איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט מיטן סדורל און האָט געדאַוונט, און אַז ס'איז געקומען, אַז מע האָט אים אויפגערופן צו דער תורה (רב מאָניש דער גבאי האָט צוליב געטאָן ישראל דעם שמש און האָט געשענקט זײַן זון אַן עליה), און בנימין האָט געמאַכט די ברכה הויך אַף אַ קול מיטן יום־טובדיקן ניגון, איז אין שול געוואָרן אַ הו־האַ: „וואָס זאָגט איר אַף אונדזער ישראלס זונדל!"

פאַרן אַרויסגיין פון שול האָט דער נגיד פון שטעטל, רב הערש, אַ זאָג געטאָן צום שמש, ער זאָל אים צופירן זײַן זונדל.

— ישראל! — האָט געזאָגט רב הערש צום שמש ברייטלעך, ווי אַ נגיד באַדאַרף צו זאָגן בשעת ער רעדט מיט אַ קלענערן פון זיך, האַלט זיך בשעת־מעשה באַם זײַדענעם גאַרטל, קוקט נישט גלײַך אין די אויגן אַרײַן און רעדט מיט אַ צווייענדיק הוסטל פונעם האַלדז און פון דער נאָז. — ישראל! אַנו, קום נאָר אַהער, המ... המ... מיט דײַן זונדל; לאָם איך אים... המ... המ... אויך אָנקוקן!

דערהערט, אַז רב הערש וויל ריידן מיט ישראל דעם שמשס „סטעד־דענטל", האָט זיך דער עולם אַ לאָז געטאָן האַרכן, וואָס וועט מיט אים עפּעס ריידן דער נגיד און וואָס וועט ער אים ענטפערן. בנימין איז צוגע־גאַנגען צו רב הערשן, ווי צו זײַנעם אַ גלײַכן, גאָר נישט געשעמט זיך, אים אָפּגעגעבן שלום, ווי אַן אַלטער, און רב הערש האָט אַ קוק געטאָן אַף בנימינען פון אויבן אַראָפּ, נישט געוווּסט, ווי אַזוי זאָל ער מיט אים

ריידן: זאָל ער אים זאָגן „איר" — אַזאַ וועוורוק? צופיל כבוד פאַרן שמש'ס זונדל! זאָגן אים „דו" — איז עפּעס אויך נישט אַזוי, פאַרט אַ „סטעדענטל" מיט קנעפּ, אַ גאַנץ פּריצל... איז רב הערש געפאַלן אויף אַן עצה און האָט מיט אים אָנגעהויבן ריידן גאָר בלשון נסתר: „וואָס מאַכט מען? ווען קומט מען? ווען פאָרט מען צוריק?" בנימין האָט אַרויסגע־שטעלט דעם רעכטן פוס אויף צו־פריִער, איין האַנט האָט ער אַרײַנגעלייגט אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האָט ער געשטשיפּעט די אייבערשטע ליפּ, אָפּגעענטפערט אויף איטלעכס וואָרט גײַציק, גאָר נישט אָנגעהויבן צו שעמען זיך אַפילו! רב הערשן איז דאָס יאָ געפעלן און נישט געפעלן: „נישט קיין נאַריש בחורל, נאָר, דאַכט זיך, אַן עזות־פּנים אַ גרויסער"... אַזוי טראַכט זיך רב הערש און לאָזט זיך אַרײַן מיט בנימינען אין אַ ברייטן שמועס אַרײַן מכח קלאַסן, וויפל איז פאַראַן קלאַסן? און צו וואָס באַדאַרף מען דאָס דווקא אַכט קלאַסן? פאַרוואָס נישט קיין נײַן קלאַסן? און וואָס איז דער חילוק פון איין קלאַס ביזן אַנדערן קלאַס?... „אויף דער טאַבליצע אַזאַ שיינער ייִד — און אַזאַ בהמה!"... אַזוי טראַכט זיך בני־מין און גיט אים צו פאַרשטיין דעם שכל, וואָס איז דער חילוק פון איין קלאַס ביזן אַנדערן. רב הערשן שטייט נישט אין די מעשה, וואָס אַזאַ שנעק גיט אים צו פאַרשטיין דאָס, וואָס ס'איז נישטאָ גאָר צו פאַרשטיין, מאַכט ער צו אים:

— מילא בקצור, דאָס פאַרשטייט אַ מינדסט קינד. אָבער פאַר וואָס איז דער שכל פון אַכט קלאַסן, נישט קיין נײַן?

— וואָרעם ווען סע זאָל זײַן נײַן קלאַסן, וואָלט איר געפרעגט פאַר וואָס עפּעס דווקא נײַן קלאַסן, נישט קיין צען?

אַזוי ענטפערט אים אָפּ בנימין, און דער עולם צעלאַכט זיך; נאָר איין רב הערש לאַכט נישט. ער קלערט זיך בשעת מעשה: „אָ, אַ רעכטער שייגעץ!" און טוט אַ הוסטל פונעם האַלדז און פון דער נאָז: „המ... המ... צײַט גיין אַהיים... המ... המ... מאַכן קידוש"...

ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט דעמאָלט ישראל דעם שמש, וואָס איז געשטאַנען באַ דער זײַט, געקוקט פון איינעם אויפן אַנדערן און געשלונגען בנימינס ווערטער, דער האָט נישט געזען קיין גליקלעכן מענטשן קיינמאָל אויף זײַן לעבן. ער האָט געוואַרט ביז רב הערש וועט שוין אָפּלאָזן זײַן זון און ער וועט קאָנען גיין מיט אים אַהיים; דאָרט קוקט מען שוין אַרויס אויף אים, די מאַמע מיט אַלע דרײַ שוועסטער; אויפן טיש ליגן שוין אָנגעגרייט

מסתמא די שיינע מצות און אין אויוון זידט א געשמאקער באָרשט א פסח־דיקער, און הייסע קניידלעך מיט שמאַלץ, און אפשר נאָך א טייגעכץ אויך... און אַז רב הערש האָט זיך אויסגעהוסט און איז געגאַנגען מיט זײַנע מקורבים צו זיך אַף קידוש, האָט ישראל דער שמש פאַרבעטן צו זיך אַף קידוש זײַן איין־און־איינציקן גוטן פרײַנט, זײַן בעל־סוד, ירחמיאל־משה דעם מלמד, האָט אים מכבד געווען מיט א גלעזל ווײַן פונעם אמתן ראָזינקעס־ווײַן, און סימע האָט זיך אויסגעפײַנט פאַר אים מיט אַזעלכע מינים כרעמזלעך, וואָס ס'איז שווער געווען צו זאָגן מבינות, וואָס ליגט אין זיי: צי מער האָניק, צי מער שמאַלץ, מחמת זיי זײַנען געווען אי גענוג זיס, אי גענוג פעט, זיי האָבן זיך אַזש געקלעפּט צום גומען, און די שמאַלץ האָט גערונען איבער דער באָרד. ירחמיאל־משה, וואָס האָט גע־האַט א טבע פון שווײַגן און זיפצן, אַז ער האָט גענומען דאָס ערשטע גלעזל ווײַן פונעם אמתן ראָזינקעס־ווײַן, האָט זיך אים שוין אָנגעהויבן דרייען דער קאָפּ און די צונג האָט זיך בײַ אים אויפגעבונדן, און ער איז מיטאַמאָל געוואָרן באַריידעוודיק, האָט פאַרהערט בנימינען, צי ער גע־דענקט נאָך דעם חומש מיט רש"י, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט מיט אים אין חדר.

בנימין האָט געדענקט אי דעם חומש, אי די רש"י, און ישראל דעם שמש'ס האַרץ איז שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר תענוג.

— וואָס זאָגט איר אַף אים? — האָט ער זיך אָנגערופן צום מלמד שוין אַף יענער זײַט טיר.

— א כלי שלימה! — מאַכט צו אים ירחמיאל־משה, נעמט־צונויף די ליפּן און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— אָבער א ייִד, האַ? — זאָגט צו אים ווײַטער דער שמש און קוקט אים אין די אויגן אַרײַן.

— מיט גאָטס הילף! — מאַכט ירחמיאל־משה.

— איאָ, א „ווינגרישנע ביליעט", — האַ?

דערויף טוט ירחמיאל־משה א מאַך מיטן קאָפּ, מיט די אויגן און מיט די הענט; ער מאַכט אַזאַ מינע, וואָס ס'איז שווער צו פאַרשטיין, וואָס ער מיינט; מע קאָן רעכענען אי אַזוי, אי אַזוי, יאָ א ווינגרישנע ביליעט און נישט קיין ווינגרישנע ביליעט. וואָס ווייס א מענטש?...

— א גוטן יום־טוב! — זאָגט ער און קושט נאָכאַמאָל די מזוזה. — גאָט זאָל העלפן דערלעבן איבער א יאָר, און מע זאָל זײַן

געזונט און מע זאָל גיין איינער צום אַנדערן אויף שמחות, אין גיכן אויף א חתונה בײַ אײַערע טעכטער, און נאָכדעם, אם ירצה השם, בײַ אײַער זון, און ייִדן זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון אַלע צרות, און מע זאָל הערן בשורות טובות ישועות ונחמות אויפן כלל ייִדן, וואָרעם ס'איז שוין צײַט גאָט זאָל עפּעס רחמנות האָבן. ייִדן זאָלן עפּעס אויפגעריכט ווערן, און ס'זאָל זיך פאַרבעסערן אין די פּרנסות, און ס'זאָל גלאַט עפּעס ווערן גוט אויף דער וועלט און פריילעך אויפן האַרצן, און ס'זאָל זײַן... ס'זאָל ווערן... ס'זאָל... ס'זאָל... ס'זאָל...

ירחמיאל־משה דער מלמד ווייס שוין אַליין נישט וואָס ס'זאָל זײַן און וואָס ס'זאָל ווערן. ער האָט שוין, דאַכט זיך, אויסגעשעפּט אַלצדינג, וואָס ער האָט געהאַט. איז ער געבליבן שטיין נישט אַהין און נישט אַהער; ווי אַזוי גייט מען אַוועק גלאַט אַזוי, אינמיטן דרינען, אָן אַ זײַ־געזונט? אַ גליק, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט:

— און ס'זאָל... קומען משיח!

— אָמן! — האָט אים געענטפערט ישראל דער שמש און אין האַרצן בײַ זיך האָט ער געטראַכט: לאָז פריִער מײַן בנימין ענדיקן דאָק־טער און נאָכדעם לאָז קומען משיח...

## ד.

ווי לעבעדיק און ווי פריילעך עס איז געווען בײַ ישראל דעם שמש אין שטוב בשעת בנימין איז אָנגעקומען, אַזוי איז דאָרטן געווען אומעטיק און טרויעריק בײַ זײַן אַוועקפאָרן צוריק אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן. וויינען האָט קיינער נישט געוויינט, נאָר ס'איז גלאַט געווען איט־לעכן באַזונדער אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן, ווי צו אַ לוויה חלילה. סימע האָט זיך אַפילו אַ פּאָר מאָל יאָ אַ נעם געטאָן צום פאַרטעך, האָט ישראל, וואָס אַלע אין שטוב האָבן געציטערט פאַר אים און געהאַט דרך־ארץ, נעגעבן אויף איר אַזאַ קוק, אַז זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף נישט וויינען. ישראל האָט געוואָלט, ס'זאָל דווקא זײַן פריילעך, האָט ער פריִער באַוואָרנט, אָנגעזאָגט דעם ווײַב און אַלע דרײַ טעכטער, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן לאָזן אַ טרער. נאָר אַז בנימין האָט זיך אָנגעהויבן קושן און ס'איז געקומען צו דער מאַמען, האָט סימע אַרויסגעלאָזט עפּעס אַ מאָדנעם קוויטש פונעם האַלדז און איז פאַרשטאַרבן געוואָרן אויף בני־

מינס האַלדז; דעמאָלט האָבן זיך אַלע דרײַ שוועסטער גענומען שנײַצן די נעזער, מחמת זיי האָבן דערפילט, אַז בײַ זיי אַף די ברעמען טאַנצן טרערן און אין האַלדז איז בײַ זיי געוואָרן מיט אַ מאָל שרעקלעך ענג... נאָר איין ישראל האָט זיך געהאַלטן, ווי אַ מענטש; ער האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן פון דער „ווײַבערײַ" מיט זייערע „וואָלוועלע טרערן", כאָטש אַליין האָט ער געפילט, ווי טויזנט קעץ גראַבלען אים מיט די נעגל בײַ דער נשמה, און ס'איז אים אָפּגעגאַנגען אַ מינוט ער זאָל זיך צעוויינען. נאָר אַ מאַנצביל איז פאָרט אַ מאַנצביל; ער האָט זיך מיישב געווען און האָט גאָר אָנגעהויבן ווערטלען זיך, כאָטש עס האָט זיך נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און אַרומטאַנצן הין און צוריק, ווי אַ משוגענער, געהאָלפן בנימינען זיך אָנטאָן, געמאַכט חוזק פון די זילבערנע קנעפּ מיט דער פּאַדקע וואָס פון הינטן, און סוף כל סוף, נאָך אַלע ווערטלעך זאָגן מיטן אַרומטאַנצן, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס האַלט בײַ אַרויסרײַסן זיך אַ צאָן.

נאָך איין נשמה איז געווען פאַרצאָרנט און שטאַרק טרויעריק פון בנימינס אַוועקפאָרן, כאָטש יענע נשמה האָט זיך אָנגעקערט מיט אים אַ ווילד־פרעמדע. דאָס איז געווען פייגע־לאה דער שכנהס טעכטערל מינצע מיט די שוואַרצע אייגעלעך, מיטן געדיכטן שוואַרצן צאָפּ און מיטן רויטן סטענגעלע. וואָס פאַר אַ מחותנתטע איז דאָ געווען מינצע? וואָס האָט זיך אָנגעקערט מיט איר בנימין, וואָס זי איז אַרויסגעגאַנגען אים באַגלייטן אַזש אין דרויסן אַרויס, געשטאַנען צונויפגעלייגט די הענט אָפן האַרצן און געזיפצט? און וואָס האָט באַדײַט דאָס קוקן, וואָס זיי האָבן זיך ביידע אַזוי געקוקט אין די אויגן אַרײַן? ווען האָבן זיי צײַט געהאַט צו באַקענען זיך, אַז אַ גאַנץ פּסח איז בנימין געווען אין געפּענקעניש בײַ זײַנע דרײַ שוועסטער, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט אַף קיין מינוט? נאָר אויך די אייגענע מעשה, ווער קאָן דאָס ערוב זײַן פאַר אַ בחור מיט אַ מיידל, אַז זיי זיצן־אָפּ אַ פּאָר וואָכן אונטער איין דאַך און עס ציט זיי איינס צו דאָס אַנדערע, ווי אַ מאַגנעט? אפשר האָבן זיי זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער און זיך נאָך אַ קוועטש געטאָן די האַנט אויך — ווער קאָן דאָס וויסן?... אפשר האָבן זיי זיך באַגעגנט פאַרנאַכטלעך אין הויז ערגעץ אין אַ ווינקעלע און האָבן זיך אין דער פינצטער שטילערהייט צעקושט — איך ווייס? למאַי זאָל איך זאָגן אַזעלכעס, וואָס איך האָב ניט געזען מיט די אויגן?... אַ קונץ נעמען און אויס-

טראַכטן פונעם קאָפּ גלאַט אַ בבא־מעשׂה? מילא בנימין — גאָרנישט; ער וועט אָוועקפאָרן צוריק אין דער גימנאַזיע און וועט פאַרגעסן דעם זײַ־געזונט; אָבער מינצע? מינצע איז אַ מיידל צו לײַטן, און אַ שיין מיידל דערצו! זי באַדאַרף חתונה האָבן, איר קאָן דאָס חלילה שאַדן צום שידוך!... אוודאי וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַז דער ראָמאַן זאָל זיך נישט ענדיקן אַזוי גיך, אַז די ליבע צווישן זיי זאָל ברענען ווי אַ העליש פֿײַער, אַז עס זאָלן גיין הין און צוריק פּלאָמפּײַערדיקע בריוו־לעך, אַז בנימין זאָל ענדיקן דאָקטער, און באַלד אַרויסגנבענען מינצען דורכן פֿענצטער און אַנטלויפֿן מיט איר קיין פּאַריז, אַהין ווו עס לויפֿן אַלע העלדן פֿון אונדזערע ייִדישע נאַטירלעכע „העכסט־אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען... אַי, וואָס ווענלן זיי טאָן אין פּאַריז? זיי ווענלן דאָך דאָרט פֿגרן פֿאַר הונגער! אַ דאגה מיר — אוודאי דאַרף איך גיין פֿאַרזאָרגן דעם תּכלית פֿון ישׂראל דעם שמשׂ זון מיט פּיינע־לאה דער אלמנהס טאָכטער! וואָס איז? איך קאָן נישט באַשטיין, אַז בנימין אָדער מינצע זאָל פּלוצעם באַקומען עפּעס אַ צען מיליאָנטשיקלעך ירושה פֿון אַ רײַכן פֿעטער, וואָס איז געווען פֿריִער אַ באַנדיט און נאָכדעם אַ באַראָן, ווי אין אַלע „העכסט־אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען? צי איך קאָן נישט אויס פֿירן, אַז בנימין אַליין זאָל געפֿעלן ווערן אין פּאַריז און זאָל ווערן פּרעז־זידענט? אָדער אין מינצען זאָל זיך פֿאַרליבן אַ פּרינץ (וואָס מאַכט אײַך אויס וואָסער פּרינץ? קאַרג פּרינצן פֿאַרהאַנען אויף דער וועלט — טאַ־טעניו!), און זי זאָל פֿאַרלייקענען פֿאַר אים, אַז זי איז אַ כּלה פֿאַרן פּרעזידענט, דאָס הייסט פֿאַר בנימינען, און ער, דער פּרינץ הייסט דאָס, זאָל זי אָפּגילטן פֿון קאָפּ ביז פֿיס, און אַז עס קומט צו דער חופּה, וואַקסט־אויס בנימין, געוויינטלעך פֿאַרמאַסקירט, מיט נאָך צוויי באַנ־דיטן, און גנבעט־אַוועק די כּלה פֿון אונטער דער חופּה און אַנטלויפֿט מיט איר קיין לאָנדאָן — און גיי לאָד מיך! יענער, דער פּרינץ, איז אָבער אויך נישט קיין פֿראָמאַך, יאָגט ער זיי נאָך מיט אַ געזונטן פֿאָלק זשאַנדאַרמען און וויל זיי כאַפּן; וואַרפֿט־אַראָפּ בנימין די מאַסקע, מע טוט אַ קוק — שאַ, ס'איז גאָר דער פּרעזידענט פֿון פֿראַנקרײַך! פֿאַלן זיי אין אָנמאַכט, און מע טוט פֿאַר אים קניִען און בוקן, און מע פֿירט אים מיט גרויס פּאַראַד קיין פּאַריז אײַנאײַנעם מיטן מינצען, און פֿון דאָרטן פֿאָרן זיי גלײַך אַהיים, אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד און מיט ברי־ליאַנטן, און קומען־אָן פּונקט אין דער צײַט, ווען ישׂראל ליגט פֿאַר צרות

און פאר הונגער טויט־קראנק, סימע איז שוין לאנג געשטאָרבן (סע שפּילט אַ גרויסע ראָלע, טאָמער שטאַרבט אַ ייִדענע אין אַ ראָמאַן!), אַלע דרײַ שוועסטער, פּעסל און סאָסל און ברכהצע, שטייען אַף די קני באַם טאַטנס בעט און גיסן מיט טרערן, און פייגע־לאה די אלמנה ברעכט די הענט און באַוויינט איר מינצען מיט זודיקע טרערן.

— שוין באַלד אַ יאָר — רופט זיך אָן צו איר ישראל מיט זייער אַ שוואַכער שטימע — שוין באַלד אַ יאָר זינט אונדזערע ליבע קינדער זײַנען פאַרשוואונדן געוואָרן, און מיר הערן נישט אויף צו וויינען. מײַן סימע נעבעך איז געשטאָרבן; איך שטאַרב אַוועק און לאָז איבער מײַנע דרײַ טעכטער, ווי אַפן וואַסער. וואָס וועט זײַן פון זיי? גוואַלד, גאָטעניו, וואָס שווײַגסטו?!

פּלוצעם עפנט זיך די טיר, און עס פאַלן אַרײַן אין שטוב אַרײַן בנימין דער פּרעזידענט פון פראַנקרײַך און מינצע די פּרינצעסן פון לאָנדאָן, אָנגעטאָן בגדי־מלכות.

— ליבער פּאָטער!

— ליבע מוטער!

— ליבער ברודער!

— ליבע שוועסטער!

— טײַערע טאָכטער!

— ווו זײַט איר געווען אַזוי לאַנג?

— אין פּאַריז און אין לאָנדאָן.

— וואָס איז בײַ אײַך דאָרטן אין די זעק און אין די טשעמאָדאַנ־קעס?

— גאָלד! סאַמע אימפּריאַלן! דאָס האָבן מיר אײַך געבראַכט אַ מתנה... יאָ, איר ווייסט, אַז אונדז קומט מזל־טוב?

— וואָס איז דען?

— מיר זײַנען דאָך חתן־כּלה!

— אויב אַזוי, קומט דאָך אונדז אַלעמען מזל־טוב!

— מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב!!!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַזוי וואָלט איך געטאָן, ווען איך זאָל שרײַבן אַ נאַטירלעכן „העכסט־אינטערעסאַנטן ראָמאַן". נאָר איך דערצייל גלאַט אַ מעשה פון אַן אָרעם־בחור, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט נישט קיין פּאַריז און נישט

קיין לאָנדאָן, נאָר גלאַט אַזוי אין אַ גרויסער שטאָט אַרײַן זיך לערנען, — האָבן מיר נישט נייטיק אויסצוטראַכטן פונעם קאָפּ נסים ונפלאות, וואָס נישט געשטויגן נישט געפלויגן, און דערציילן בעסער די מעשה וואָס איז געווען.

ח.

דרײַ יאָר זײַנען איבערגעגאַנגען פון יענעם גליקלעכן פּסח, וואָס מיר האָבן באַשריבן. אַ סך וואַסערן זײַנען אָפּגעלאָפן, אַ סך צרות זײַנען אויסגעשטאַנען ישראל דער שמש דאָ און זײַן זון בנימין דאָרטן; אַ סך נעכט איז נישט געשלאָפן ישראל דער שמש דאָ און בנימין זײַן זון דאָרטן: ישראל דער שמש איז נישט געשלאָפן קיין נעכט, ווײַל ער האָט איבערגעטראַכט און געהאַט יסורים פון זיין בנימינען, וואָס ער האָרעוועט נעבעך אַזוי שטאַרק, און בנימין איז נישט געשלאָפן קיין נעכט, ווײַל ער האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען.

„גאָט זאָל מיר העלפן, איך זאָל שוין אַריבערשפּרינגען דעם עקזאַמען, — אַזוי האָט בנימין געשריבן אַהיים — וועל איך דעמאָלט קומען צו פאָרן צו אײַך, מײַנע ליבע און געטרײַע, אויף אַ גאַנצן זומער זיך אויסרוען די ביינער!"...

און ישראל דער שמש האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גוטער בשורה פונעם „עקזאַמענט", ווי מע קוקט אַרויס אויף משיחן. אים האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז בנימין קומט צו פאָרן אַ פאַרטיקער דאָקטער, אַ גרויסער דאָקטער; די גאַנצע שטאָט לויפט זיך צונויף אָנקוקן „ישראל דעם שמשס דאָקטער"; מע שלאָגט אים אָפּ די טירן, דער מיט אַזאַ בקשה און דער מיט אַזאַ בקשה; איטלעכער זוכט זיך אַ צד; אפילו הענזל דער אײַנבינדער, אַ שלים־מזל מיט אַ קרום פּיסל, — אַז ער גייט שפּרינגט ער אונטער, — איז אויך געקומען צו שפּרינגען.

— וואָס ביסטו דאָ פאַר אַ רב שמעלקע, האַ? — פרעגט אים ישראל.

הענזל דער אײַנבינדער, געגנוג ער הינקט־אונטער אויף אַ פוס, רעדט ער נאָך שעפּיליאַווע אויך, קאָן נישט אויסריידן קיין רי"ש.

— סטײַטש, יב ישיאל, איך בין דאָך אײַעיעי אַן אייגענער קיוב.

— וואָס פאַר אַ קרוב ביסטו? — פרעגט אים ישראל, כאָטש ער

ווייס גאַנץ גוט, אַז ער איז אַ קרוב, אַפילו אַ וויַיטלעכער, נאָר פאָרט אַ קרוב.

— מיַין עלטער־פעטער יאָזבן און אונזער זייער אייגענע מוטער סימעס מומע ייזל זיַינען געווען אייגענע שוועסטער און ברידער.

— אוודאי קערסטו זיך אָן מיט מיַין זון אַ קנעפּל! — זאָגט צו אים ישראל. נאָר הענזל דער איַינבינדער מאַכט אַזאַ קרום פּנים, אַז ער האָט אַף אים רחמנות און לאָזט אים צו.

— נו? — פרעגט אים ישראל באַם ארויסגיין פון בנימינען. — וואָס הערט זיך, שלים־מזל?

— הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלט איר לעבן! — ענטפערט אים הענזל, האַלט אַ זשמענע מיט גאָלד, שפּרינגט אַפן פיסל און דאָס פּנים פלאַמט אים און שוויצט אַזש.

— די משפּחה דיַינע! — זאָגט ישראל צו סימען מיט אַ שטאָך און באַוויַיזט איר מיט די אויגן אַפן שלים־מזל הענזל דעם איַינבינדער.

— נעבעך אַ גרויסער אביון! — פאַרענטפערט אים סימע.

— דערימאַך איז וואָס? קאַרג אָרעמע לייַט פאַראַן אין שטאָט?...

— אַזוי זאָגט ישראל, נאָר מיינען מיינט ער עפּעס אַנדערש; ער האָט מורא, אַז מע וועט אַזוי שלעפּן באַ זיַין זון כסדר, וועט מען אים מאַכן פאַר אַ קבצן.

— גענוג! — זאָגט ישראל און שליסט צו די טיר. — גענוג איַיך שוין צו גיין אויף־און־אָפּ! לאָזט אים אָפּרוען זיך כאָטש אַביסל פונעם וועג!...

ישראל דער שמש איז אין זיַינע לופטיקע גילדענע מחשבות פאַר־גאַנגען אַזוי וויַיט, אַז ער האָט אָנגעהויבן מאַנקירן מיט דער שטעלע; ס'איז אים נמאס געוואָרן דאָס שמשות, זיַין איטלעכן אַ משרת, אויס־שטיין יעדנס קאַפּריז, טראָגן אַפן קאָפּ איטלעכנס יאָרציַיט, חנפהנען איטלעכן באַזונדער, יוצא זיַין פאַר, קיין עין־הרע, אַזאַ עולם מיט ייִדן, וואָס אַלע ווילן דווקא דעם אויבן־אָן אין מזרח, אַלע ווילן דוקא שישי אַלע ווילן דווקא דעם ערשטן פּסוק פון „אתה־הראית"! און אַז די גבאים צווישן זיך קריגן זיך, איז ווער דאָס כפרה־הינדל? דער שמש! אַז צוויי נגידיתטעס אין שול צעאַמפּערן זיך איבערן אתרוג, וואָס מע האָט צו איינער געשיקט פריִער ווי צו דער אַנדערער, איז וועמען פּליט דעמאָלט אין טאַטן אַריַין? — דעם שמש! ווער האָרעוועט מער פון אַלע?

ווער קומט אַהיים שבת און יום־טוב שפּעטער פון אַלעמען? ווער זעצט זיך צום טיש דעמאָלט, ווען אַלע שלאָפן שוין? אַלץ דער שמש — אַז אָך און ווי איז אים! און טאָמער ווייסט איר, וואָס האָט ער דערפון? צרות האָט ער דערפון, מיט עגמת־נפש, מײַנע שונאים, מיט בזיונות, מיט גריזאָטע, אַז קיין שכירות נעמט ער נישט, בלײַבט נאָר די הכנסה, דאָס וואָס עם מאַכט; איז ווי באַלד עם מאַכט זיך, מאַכט דאָס, און אַז עם מאַכט זיך נישט, מאַכט דאָס מכות...

— ישראל! וועסט מוחל זײַן אַ לויף טאָן צו מיר אַהיים — אַזוי האָט אים אין יענער צײַט אַ זאָג געטאָן איינמאָל רב הערש דער נגיד און האָט זיך בשעת מעשה געגלעט דאָס בײַכל און געגעבן אַלע מאָל אַ צווייענדיק הוסטל — טו אַ שפּרונג אַף איין פוס צו מיר אַהיים, זײַ מוחל, און המ... המ... זאָג מײַן שרהן, אַז באַ מיר אונטערן קישן המ... המ... האָב איך איבערגעלאָזט די שליסעלעך; טאָמער וועט זי זיי זוכן, זאָל זי וויסן המ... המ... ווו זיי צו זוכן.

ישראל דער שמש איז געוווינט געוואָרן שטיין פאַר רב הערש דעם נגיד, ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַ גענעראַל, און איידער ער לאָזט־אַרויס דאָס וואָרט „גיי", לויפט ער שוין; נאָר איצטיקס מאָל האָט זיך ישראל עפּעס נישט אַזוי געבאַפּט און האָט געמורקעט אונטער דער נאָז:

— שליסעלעך... טאַטנס משרת... לאָז מען גיין, אַז מע דאַרף... אַבי טרײַבן יענעם ווי אַ הונט...

— וואָס מורקעסטו? — פרעגט אים רב הערש דער נגיד, וואָס איז נישט געווווינט געוואָרן צו אַזעלכע זאַכן.

— ווער מורקעט ווער? איך מורקע דען? גלאַט איך זאָג, לאָז מען גיין, אַז מע דאַרף... דאָס הייסט, איך גיי, אַטאָ גיי איך... אַטאָ...

ישראל לאָזט זיך לויפן מכח די שליסלעך און שילט בשעת מעשה רב הערש דעם נגיד מיט אַלע נגידים, זיי זאָלן גיין כף־הקלע. לאָז נאָר גאָט העלפן זומער, אַז ס'וועט קומען צו פאָרן זײַן זון — שלאָגט ער מיט זיי אַלעמען כפּרות!...

## ו.

גאָט האָט געהאָלפן, דער זומער איז געקומען, נאָר בנימין איז נישט געקומען. און בריוו האָט ער אויך אָנגעהויבן שיקן נישט אַזוי אָפט,

ווי פריִער, און די בריוו אליין זיינען עפּעס אויך געוואָרן וואָס ווייטער אי קירצער, אי אומעטיקער. ער האָט נאָר מודיע געווען, אַז דעמאָלט און דעמאָלט באַדאַרף זיין בּאַ אים אַזאַ און אַזאַ עקזאַמען.

„דער דאָזיקער עקזאַמען — אַזוי האָט געשריבן בנימין אין זיין לעצטן בריוו — דאָס איז בּאַ מיר דער יום־הדין, וואָרעם טאָמער פעלט מיר, חס ושלום, איין זעכצנטל, וועל איך נישט קאָנען אַריין, און אַז איך וועל נישט אַריין איצט, וועל איך מוזן בלייבן אַף איבער־אַ־יאָר, און ווער ווייס, וואָס וועט זיין איבער־אַ־יאָר, טאָמער איז איבער־אַ־יאָר נאָך ערגער? וואָס זשע וועל איך דעמאָלט טאָן? וואָס וועט זיין ווייטער? אַף וואָס האָב איך באַדאַרפט אַזוי פיל האָרעווען, פאַרשוואַרצט ווערן? אַזוי פיל לערנען, חזרן אַף אויסווייניק, הונגערן גאַנצע טעג, נישט שלאָפן קיין נעכט און פרירן, ווי אַ הונט? נישט איך אַליין פרעג די דאָזיקע קשיא — עס זיינען דאָ נאָך אַ סך אַזעלכע, וואָס זיינען פאַר־בליבן נאָך פון פאַר־אַ־יאָרן און קאָנען נישט אַריין, ווייל עס פעלט זיי צו דער נאָרמע, און אָט שפּרינגט־אונטער דער פּריזיוו, און אָפּן עקזאַמען שניידט מען — ס'איז שלעכט!... ביטער און פינצטער!"...

ישראל דער שמש איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס זיינען עפּעס בנימינס בריוועלעך געוואָרן מיט אַ מאָל אַזוי אומעטיק? ער האָט געבעטן ירחמיאל־משה דעם מלמד, ער זאָל שרייבן בנימינען, וואָס איז דאָס פאַר נאָרמעס, און וואָס הייסט „עס פעלט אַ זעכצנטל"? מע מעסט דען באַם עקזאַמען אויך מיט אַ מאָס, אַזוי ווי באַם פּריזיוו? און וואָס הייסט „מע שניידט באַם עקזאַמען"? ווער שניידט? פאַר וואָס שניידט מען? הכלל, ער זאָל אים אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות, און זאָל גאָר נישט זאָרגן, ער זאָל זיך פאַרלאָזן אַף דעם וואָס לעבט אייביק, ער קאָן אַלץ, און דער עיקר, ער זאָל זיין אַ ייִד, וועט אַלצדינג, אם ירצה השם, זיין גוט...

אויף דעם דאָזיקן בריוו און אַף אַלע איבעריקע בריוו האָט שוין אָבער ישראל דער שמש מער קיין ענטפער נישט באַקומען. ישראל איז נישט געוווינט געוואָרן, אַז פון בנימינען זאָל אַזאַ צייט קיין בריוו נישט זיין. ער האָט אַזוי לאַנג אים געשריבן און געשריבן, ביז ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן. ס'איז אים געווען אַ בזיון פאַר ירחמיאל־משה דעם מלמד...

— וואָס קאָן עס זיין, וואָס ס'איז נישטאָ קיין בריוו אַזוי לאַנג?

— פרעגט סימע בא ישראלן און באקומט פון אים א פסק, ווי גע־ווינטלעך.

— כשרע בהמה! ער האָט מער נישט וואָס צו טאָן, נאָר שרײַבן בריוולעך? וואָרט־אויס אביסל, לאָז ער אָפּגעבן דעם „אקזאמענט", וועט ער דיר דעמאָלט שרײַבן!...

באקומען אירם,טרעט סימע אָפּ, ווי א הונט בשעת ער חנפהט זיך צו צום בעל־הבית, דרייט מיטן ווײדל און באקומט א „פּשאָל־וואָן!"

ישראל איז ארומגעגאנגען מיט א געשוואָלן הארץ און מיט א שווער געמיט; ער האָט זיך גאָר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. וואָס זײַן קאָפּ האָט איבערגעקלערט אין דער צײַט — זאָל קיין פּאָטער נישט וויסן, און די חלומות, וואָס ער האָט געזען באנאכט, זײַנען געווען מוראדיקע, שרעקלעכע חלומות. איינמאָל חלומט זיך אים, אז ער פאָרט צו־גאַסט צו זײַן זון אינאיינעם מיט סימען. געפאָרן־געפאָרן, איבער בערג, איבער טאָלן, וואַלד־אײַן וואַלד־אויס. געקומען צו פאָרן צו א גרויסן פּאַלאַץ, פרעגט ער: „דאָ זיצט ריטעלמאַן דער דאָקטער?" זאָגט מען: „זיצן זיצט ער דאָ, נאָר מע קאָן אים נישט זען". פרעגט ער: „פאַר וואָס?" זאָגט מען אים: „דערפאַר, ווײַל מע לאָזט קיינעם נישט צו". רופט זיך אָפּ ישראל: „גייט זאָגט אים, זײַט מוחל, אז דער טאַטע איז געקומען". „און די מאַמע" — רופט זיך אָן סימע. „אָט האָסטו דיר, ס'קאַצל קומט, זי איז אויך דאָ אין מיטן!" — זאָגט צו איר ישראל. און אזוי ווי זיי ריידן, דערזעט ער פון דער ווײַטן א „ידנעראל מיט פּאַליעטען"; ער וואָלט געמעגט שווערן, אז ס'איז בנימין. ישראל לאָזט זיך גיין, און סימע נאָך אים, נאָר וויפל זיי גייען, קאָנען זיי צו אים נישט גרייכן. „גיכער אביסל! זע־נאָר, ווי זי שלעפּט זיך? נו, ריר זיך! ריר זיך!" — שרײַט ער צו סימען, און ביידע לאָזן זיי זיך לויפן, לויפן מיט אַלע כחות, און ישראל הערט נישט אויף צו שרײַען אף סימען: „גיכער! גיכער! שלעפּט זיך ווי א טשערעפּאַכע! סימע, פאַרברענט זאָלסטו ניט ווערן!!"...

— גאָט איז מיט דיר, וואָס שרײַסטו? — זאָגט צו אים סימע און טאָרעט אים פונעם שלאָף. ישראל כאַפּט זיך אויף, שטעלט־אויס א פּאָר אויגן, שפּײַט־אויס דרײַ מאָל, קערט זיך איבער אף דער אנדערער זײַט, ווערט אנטשלאָפן און זעט א נײַעם חלום, נאָך אַן ערגערן ווי פריִער: א שווארצע חופּה... שווארצע ליכט... א שווארצע מטה... עמעצער שטייט

מיט אַן אָפּצווענגע און וויל אים אַרויסרייסן אַ צאָן. לאָזט ער זיך נישט, באָרעט זיך. דערהערט ער בנימינס קול:

— טאַטע!... טאַטע!... ס'איז פון דײַן טובה וועגן...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ז.

פון לעמל דעם סטאַראָסטאַ האָט איר געהערט אַמאָל? צי איר הערט דאָס ערשטע מאָל לעמלס נאָמען? ווי קומט דאָס? ער איז דאָך אַ ייִד, וואָס האָט אַ שם אומעטום. אַ חוץ וואָס ער איז אַ סטאַראָסטע אין אופּראַווע און אַ קאָכלעפל און פירט דאָס גאַנצע שטעטל בײַ דער נאָז, איז ער אַ גאַנצער מאַכער דאָרט אין דער „גובערניע", אויסגעבונדן מיט אַלע גרעסטע. אַז ער קומט צו פאָרן אין דער „גובערניע", זאָגט ער, ווייס ער נישט, וווּהין ער זאָל גיין פריִער; איטלעכער, זאָגט ער, שלעפּט אים צו זיך: „פּאַני לעמל! גאָספּאָדין לעמל! רב לעמל!" — סע טוט זיך! אַלע מאָל, ווען ער קומט צו פאָרן פון דער „גובערניע", מוז ער ברענגען עפּעס אַ נײַס, וואָס זאָל זײַן נאָכדעם אויף דרײַ חדשים צו ריידן: אַ גרויסן אָנזעץ פון דרײַ מאָל הונדערט טויזנט, אַ מוראדיקע שרפה, וואָס פינף און זיבעציק נפשות זײַנען פאַרברענט געוואָרן, אָדער אַ שרעקלעכע הריגה אין מיטן שטאָט, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. און כאָטש בײַ לעמלען זײַנען די אָנזעצן אביסל צו אָפט, די שרפות מיט די הריגות כמעט אַלע וואָך, פונדעסטוועגן איז קיינעם ביז אַהער נישט אײַנגעפאַלן, ער זאָל זיך אָנידערשטעלן דערויף. אויף קיין מעשה פרעגט מען קיין קשיא נישט; למאי די גאַזעטן? די גאַזעטן מעגן? איר דאַרפט נאָך געדענקען מן הסתם די שרעקלעכע מעשה, וואָס איז געווען באַשריבן אַנומלטן אויף אַלע גאַזעטן. פאַרלאָפן האָט זיך דאָס אין ביאַליסטאָק, אין ריגאַ אָדער אין זשיטאָמיר — איך געדענק שוין נישט אַקוראַט. אַזוי איז געווען די מעשה: איינמאָל איז געזעסן אַ פרוי מיט אַ זייגנדיק קינד אויף די הענט. פּלוצעם צעווײנט זיך דאָס קינד. וויל די פרוי דעם קינד געבן זייגן און צעשפּיליעט זיך. שפּרינגט־אַרויף אַ שלאַנג צו איר אָפּן שוים און כאַפּט די ברוסט אין מויל אַרײַן און לאָזט נישט אַרויס שוין באַלד דרײַ מעת־לעת. אַלע דאָקטוירים מיט די גרעסטע פּראָפעסאָרן קומען צו פאָרן און פאָרן אַוועק. זיי ווייסן נישט וואָס צו טאָן: אָפּרײַסן

די שלאַנג מיט גוואַלד — האָבן זיי מורא, טאָמער לאָזט זי דעם גיפט, איז די פּרוי אַ פאַרפאַלענע; לאָזן זי זאָל זייגן — וועט זי פון איר אַרויס־ציִען דאָס דם־התמצית! וואָס דער סוף וועט זיַין — וועלן מיר מסתמא מודיע זיַין אונדזערע לעזער... אַזוי לאָזן־אויס די גאַזעטן, און שוין מער אַז דריַי יאָר שריַיבן מיר אויס און לייענען די גאַזעטן און ווייסן נישט עד היום דעם סוף פון דער שרעקלעכער מעשה, און וואָס מאַכט די אומ־גליקלעכע פּרוי נעבעך? רעכענען, אַז די שלאַנג זייגט נאָך — איז עפּעס נישט צו גלייבן, עס קומט אויס אַביסל חוץ לדרך הטבע; און ווידער, אַז די פּרוי זאָל האָבן געשטאָרבן — וואָלטן דאָך די גאַזעטן געשריבן. לכן מוזן מיר אָנקומען דערצו, אַז ס'איז נישט קיין פּרוי, נישט קיין ברוסט און נישט קיין שלאַנג. וואָס דען איז דאָס? אַפּנים, אַ ליגן!

אָדער נישט לאַנג האָבן מיר געלייענט אַף די גאַזעטן אַזאַ מעשה: אין אַ קליין שטעטל (דאַכט זיך, אין באָברויסק) איז געווען אַ ייִדישע חתונה. די כלי־זמר האָבן געשפּילט. די מחותנים האָבן געטאַנצט. די סאַרווערס מיט די סאַרוועקעס זיַינען אַרומגעלאָפן פאַרטאַרעראַמט, ווי געוויינטלעך אַ חתונה. פּלוצעם זאָגט די כלה, ס'איז איר נישט גוט, און לייגט זיך צו אַף אַ וויַילעטשקע. און אַזוי ווי זי האָט זיך צוגעלייגט, אַזוי איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן. די כלי־זמר שפּילן, די מחותנים טאַנצן, די סאַרווערס מיט די סאַרוועקעס לויפן־אַרום פאַרטאַרעראַמט — די כלה שלאָפט. מע האָט שוין אָפּגעשפּילט, אָפּגעטאַנצט, אָפּגעגעבן די גילדענע יויך — די כלה שלאָפט. דער עולם איז זיך צעגאַנגען אַהיים, מע פאַרלעשט די ליכט — די כלה שלאָפט. מע שטייט אויף אינדערפרי — די כלה שלאָפט. מע לייגט זיך שלאָפן — די כלה שלאָפט. מע שטייט אויף — די כלה שלאָפט. הקיצור, ס'איז שוין דריַי וואָכן נאָך דער חתונה — און די כלה שלאָפט! „וואָס מיט איר איז געשען, וועלן מיר מסתמא באַלד געבן צו ווייסן אונדזערע לעזער"... סע פאַרשטייט זיך, שוין דאָס אַנדערע יאָר אַז מיר שריַיבן אויס נאָר דאָס דאָזיקע בלאַט, מיר האָבן מורא, טאָמער כאַפּט זיך אויף די כלה און מיר וועלן אַפילו נישט ווייסן ווער ס'האָט אונדז געשלייערט — עס איז אָבער אַרויסגע־וואָרפן די טרחה; אַלע טאָג, אַז עס קומט אָן דאָס בלאַט, איז דאָס ערשטע פרעגט מיך מיַין וויַיב:

— וואָס הערט זיך מיט דער באָברויסקער כלה?

—נישטאָ גאָרנישט. די משמעות, אַז זי שלאָפט נאָך. — אַזוי

ענטפער איך מײַן ווײַב, און בײַ זיך אין הארצן טראכט איך מיר: „אויוויי, איך האָב מורא, אויב די גאַנצע מעשה איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, שקר וכזב?"...

אזוי איז מיט אונדזער לעמלען אויך. דער חילוק איז נאָר, וואָס די גאזעטן, אַז עס מאַכט זיך, זיי האקן אַרײַן אַמאָל אַ ליגן, טוען זיי דאָס מיט אַ מיין — זיי מיינען געלט; און אונדזער לעמל דער סטאַראָסטע איז גלאַט אַ שקרן און אַ פּלאַפּלער. הײַנט שטעלט זיך פֿאָר, וואָס פאַר אַ יום־טוב ס'איז געווען פאַר אונדזער סטאַראָסטע, אַז ס'איז אָנגעקומען פּלוצעם אין דער אופּראַווע פון דער „גובערניע" אַ פּאַפּיר, מע זאָל אויסשליסן פונעם ייִדישן קהל בנימינען, דעם זון פון ישראל ריטעלמאַן, מחמת ער האָט אָנגענומען אַן אַנדער גלויבן...

לעמל דער סטאַראָסטע, אַז ער האָט נאָר איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר, האָט ער פאַרגעסן אַלע געשעפטן מיט דער אופּראַווע, געכאַפּט דאָס פּאַפּיר און איז אַוועקגעלאָפן אין גאַס אַרײַן, זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, אײַנגערוימט איטלעכן באַזונדער אַ סוד אַפן אויער און צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט.

פאַראַן צײַטן, וואָס מע קאָן זיי אָנרופן די „שטילשווײַגנדיקע טעג". דער הימל איז לויטער, קיין שפּרינקעלע, קיין ווינטעלע, שאַ־שטיל אַרום און אַרום; אַלע שלאָפן, ווי אויסגעשטאָרבן די גאַנצע שטאָט, — פּלוצעם, מע ווייס נישט פון וואַנען, עס פאַלט־אַראָפּ אַ באָמבע און רײַסט־אויף די גאַנצע וועלט. אַלע כאַפּן זיך אויף און לאָזן זיך לויפן: „האַ? וואָס? ווו? וואָס איז געשען?" — עס ווערט לעבעדיק, פריילעך אין שטעטל.

די מעשה מיט ישראל דעם שמשס זונדל איז געווען יענע באָמבע, וואָס האָט אויפגעריסן דאָס גאַנצע שטעטל און אויפגעוועקט אַלע ייִדן. איטלעכער באַזונדער איז געווען אַזוי צעקאָכט און אויפגעטראָגן פון דער מעשה, גלײַך ווי ס'איז אים נוגע אין נפש אָדער אין פּרנסה, גלײַך ווי עס גייט אים מער נישט אָפּ, נאָר דאָס. אַ סך האָבן אַוועקגעוואָרפן דאָס געשעפט, דאָס עסן אין מיטן, און אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק „הערן וואָס הערט זיך?" אַרום רב הערש דעם נגידס שטוב זײַנען געשטאַנען גאַנצע רעדלעך מענטשן, און רב הערש אַליין איז געשטאַנען אין אַ כאַלאַט און אין דער יאַרמעלקע באַם גאַניק פון שטוב, אַרומגערינגלט מיט זײַנע מקורבים און מיט גלאַט ייִדן ווילד־פרעמדע, וואָס חנפהנען און לעקן אים, טאָמער וועט דערפון עפּעס אַרויס אַמאָל אַ שטיקל טובה,

א קשיה אַף אַ מעשה?... רב הערש דרשהט, און די לעקערם פּאַדטאַקעווען אים:

— מסתמא! וואָס דען? זיי זײַנען נישט גערעכט? זיי זײַנען זייער גערעכט!

— אַ שמש, אַ פֿערד, אַ קבצן — וויל ער זײַן קליגער פון דער גאַנצער וועלט! — זאָגט רב הערש מיט זײַן צווייענדיק הוסטל. — המ... המ... אַ דאָקטער האָט זיך אים גאָר פאַרוואָלט מאַכן פון זײַן זונדל! און אַז ער וואָלט זײַן אַ שמש ווי דער טאַטע, צי, חלילה, אַ מלמד, ווייס איך נישט, וואָס ס'וואָלט געווען! איך וואָלט אַ בעלן זײַן הערן, וואָס זאָגט דער שמש אונדזערער אצינד? צי ער ווייס נאָך נישט פון דער בשורה, המ... המ...? עפּעס זעט מען אים נישט, דעם שלים־מזל. וווּ קאָן ער זײַן?

עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געפוילט גיין אין שול אַרײַן און צום שמש אַהיים — און האָבן ישראלן נישט געקאָנט געפינען אין ערגעץ.

## ח.

די וואָס זײַנען געוווינט געוואָרן צו די „העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" וואָלטן אַ בעלן געווען, אַז ישראל דער שמש זאָל זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, אָדער ער זאָל לויפן צום טײַך זיך טרינקען, אָדער ער זאָל אַרויף אין בית־מדרש אַפן בוידעם און זיך אויפהענגען אַף די באַנטענעס, ווײַב און קינדער זאָלן יאָמערן און קלאָגן, די שטאָט זאָל זיך וויגן, קאָכן ווי אין אַ קעסל — הכלל, עס זאָל דונערן און בליצן! עס קאָן זײַן, אַז איצטיקס מאָל וואָלט איך זיי צוליב געטאָן. נאָר וואָס קאָן איך מאַכן, אַז ישראל דער שמש ווייס נאָך גאָרנישט פון קיין פּותר און פון קיין חלום? דעמאָלט, ווען די גאַנצע שטאָט האָט זיך אַרומגע־טראָגן מיטן „פּאַפּיר", איז גאָר ישראל געזעסן בײַ זײַן איין־און־איינציקן גוטן פרײַנט און בעל־סוד ירחמיאל־משה דעם מלמד. אין דער אייגענער צײַט, וואָס ס'איז אָנגעקומען אין דער אופראַווע דאָס געוויסע „פּאַפּיר", האָט ישראל דער שמש אָפּגענומען פון דער פּאָסט אַ גאַנצן פּאַקעט, וואָס איז אים אָנגעקומען פון זײַן זון. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ גרויסן, אַזאַ לאַנגן בריוו נישט געהאַט פון בנימינען — אַ גאַנצע מגילה! דורכ־

געלייענט מיט גרויס מי אַ פּאָר בלעטלעך און נישט פאַרשטאַנען כמעט איין וואָרט, איז ער אַוועק צו ירחמיאל־משה דעם מלמד.

— ס'איז דאָ! — האָט ישראל אויסגעשריִען נאָך פון דער טיר מיט אַ שמחה.

— אַ בריוול פון אײַער זון?

— און נאָך אַ מין בריוול, אַף דרײַ בייגעלעך פּאַפּיר!

דערהערט דרײַ בייגעלעך פּאַפּיר, האָט דער מלמד אַוועקגעלייגט שער־און־אײַזן, און די תלמידים האָבן זיך דערווײַל מחיה געווען. אַ קלייניקייט, מע וועט קאָנען שפּילן דערווײַל אין „פּאַטשערלעך" און אין „טרעפעניש", און גלאַט אַזוי זיך אָפּרוען פונעם חומש איז אויך עפּעס ווערט! ירחמיאל־משה האָט אָנגעטאָן די באַקאַנטע ברילן אַף דער נאָז און האָט זיך גענומען לייענען דעם בריוו בקול רם און מיט אַ ניגון. נאָר כל זמן עס האָט זיך געלייענט, האָט זיך געלייענט; וואָס ווײַטער־ווײַטער האָט ער אָנגעהויבן אַביסעלע זיך פּאַראיקען און אָפּשטעלן זיך, ווי מע גייט אַף שטיינער, ווײַל ס'איז אַוועקגעגאַנגען האַרבע עברי, מאָדנע ווערטער, אַזעלכע, וואָס ער האָט זיי אַף זײַן לעבן אין ערגעץ נישט באַגעגנט. ער האָט אַלע מינוט צורעכט געמאַכט די בריל אַף דער נאָז, צוגעטראָגן דאָס בריוול נעענטער צום פענצטער, געקנייטשט מיט די פּלייצעס און געקײַט די ווערטער:

— המ... המ... עפּעס מלאכים־שפּראַך... נאַציע, מאַנציפּאַציע... פּצפּציה... לאָז מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע!

ישראל איז געזעסן, געזעסן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַף דער האַנט באַם עק טיש, געקוקט, געקוקט ירחמיאל־משהן אין מויל אַרײַן, זיך צו־געהערט מיט מח צו איטלעכס וואָרט, געוואָלט כאַפּן דעם רעכטן גע־דאַנק — און נישט געקאָנט בשום אופן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס באַדײַט דאָס, וואָס בנימין פּלוצעם פאַרענטפערט זיך און שווערט זיך מיט שבועות, אַז ער איז דער אייגענער מענטש וואָס פריִער, אדרבה, נאָך מיט מער ליבשאַפט און נאָך מיט מער געטרײַשאַפט... ישראל האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָל ער איצטער נישט זײַן דער אייגענער וואָס פריִער? און וואָס באַדײַט דאָס דאָזיקע, וואָס ער בעט פון אים, ער זאָל אים מוחל זײַן? וואָס זאָל ער אים מוחל זײַן?... „עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זײַן, שרײַבט ער, ער האָט געגעטעג געמוטשעט זיך, ווײַל ער וויס, זאָגט

ער, גאַנץ גוט, וואָס פּאַר אַ ווייטיק ער טוט־אָן זײַנע עלטערן; נאָר דאָס שלאָגן זיך פון קינדווייַז אָן צו דער ליכטיקייט, דאָס רײַסן זיך צו דער וויסנשאַפט איז בײַ אים אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט גובר געווען".

דאָ דערמאָנט זיך ישׂראל אינעם חלום, וואָס סע האָט זיך אים געחלומט, און עס טוט אים אַ טיאַכקע דאָס האַרץ, ווי אַ מענטש, וואָס דערמאָנט זיך, אַז מע באַדאַרף אים מאַכן אַן אָפּעראַציע... ער טוט זיך אַ כאַפּ:

— וואָס? וואָס? נאָכאַמאָל, לייענט נאָכאַמאָל, וואָס שרײַבט ער וואָס?...

ירחמיאל־משה טוט אַ רוק די ברילן אַרויף און וויל לייענען נאָכאַמאָל, פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן...

בתיה־הינדע די רביצן, ירחמיאל־משהס ווײַב, אַ ייִדענע נישט אַזאַ גראָבע ווי אַ הויכע, און נישט אַזאַ שיינע ווי אַ געלע, מיט אַ גרויסן קאָשעק פונעם מאַרק. אין קאָשעק האָט זיך געפונען פון כל טוב: קאַר־טאָפּלעס, און ציבעלעס, און צוויי שוואַרצע רעטעכער, און אַ שטיקל לונג־און־לעבער, וואָס זי האָט קוים אויסגעוויינט בײַ שמחה־לייב דעם קצב, מחמת לונג־און־לעבער איז אַזאַ סחורה, וואָס אויף דעם איז, ברוך השם, פאַראַן תמיד הונדערט בעלנים; ווײַבער שלאָגן זיך איבער דעם אין מאַרק, ווי, להבדיל, אין שול די מאַנצבילן איבער „אתה־הראית", — און ס'איז גאָר קיין חידוש נישט: אַז קאָסטן קאָסט דאָס וואָלוול, און קיין ביינער האָט דאָס נישט, דאָס אַז מע קאָכט מיט קאַרטאָפּלעס און מיט ציבעלעס און מיט גענוג פּעפער און סע דושעט זיך גוט אײַן און ס'איז מאַסטעקע — איז דאָך עס טעם גן־עדן!...

אַרײַנגעקומען און דערזען דעם שמש זיצן בײַם טיש מיט איר מאַן און לייענען, האָט בתיה־הינדע אַ קוק געטאָן אויף זיי ביידן און געוואָלט זען, צי דער שלים־מזל ווייס שוין, צי ניין? נאָר פון זייערע פּנימער האָט זי נישט געקאָנט אַרויסזען גאָרנישט, האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם קאָשעק און אַ ווונק געטאָן צו איר מאַן, בשעת מעשה זיך אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים פון אונטן אַרויף.

— חמיל־משה, קום־נאָ אַהער! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן.

ירחמיאל־משה האָט זיך געשטויסן, אַז בתיה־הינדע וויל אים מסתמא עפּעס זאָגן, האָט ער אויסגעטאָן די ברילן און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט

אף א מינוט אין הויז אַרויס, און דאָרט, אף יענער זײַט טיר, איז פאָר־געקומען צווישן מאַן און ווײַב שטילערהייט, אונטער פיר אויגן, אַזא מין געשפּרעך:

זי: ער ווייסט שוין?

ער: ווער

זי: דער שלים־מזל.

ער: וואָסער שלים־מזל?

זי: דער שמש.

ער: פון וואָס?

זי: פונעם זון.

ער: פון וואָסער זון?

זי: פון בנימינען.

ער: אַז וואָס?

זי: די גאַנצע שטאָט האָט צו טאָן!

ער: מיט וועמען?

זי: מיט זײַן זון.

ער: מיט וועמענס זון?

זי: מיטן שמשס זון.

ער: אַז וואָס?

זי: טפו זאָלסטו ווערן!...

גאָט ווייס, וויפל דאָס געשפּרעך וואָלט זיך נאָך געצויגן, ווען דער שמש אַליין זאָל נישט געוועזן אונטערקומען א דערשראָקענער און א פרעג טאָן:

— האַ? וואָס? וואָס דערציילט איר עפּעס? וואָס האָט איר עפּעס געזאָגט בנימין — וואָס?

בתיה־הינדע האָט נישט געוווּסט, וואָס זאָל זי טאָן, ווי אַזוי דרייט מען זיך דאָ אויס? למאי זאָל זי זײַן דער שליח? אַמער, וועט זי אים בעסער אָפּשיקן גלײַך צו לעמל דעם סטאַראָסטע, לאָז ער זיך מיט אים שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט.

— גאָרנישט, ווייס איך! — מאַכט בתיה־הינדע און ווישט זיך דאָס פּנים מיט דער האַנט אַרויף. — עפּעס א פּאַפּיר, זאָגט מען, איז אָנגעקומען מכח אײַער זון.

— וואָסער אַ פּאַפּיר? — פרעגט ישראל, טויט ווי די ליים.

— אין דער אופּראַווע דאָרטן. — זאָגט בתיה־הינדע.

— וואָסער אופּראַווע?

— צום סטאַראָסטע.

— מכח וואָס?

— לעמל, הייסט דאָס.

— אַז וואָס?

— אײַער בנימין, הייסט דאָס.

— וואָס בנימין? בנימין? — פרעגט שוין ישראל מיט כעס.

— איך וויים וואָס? פרעגט מיך בחרם! זײַט זיך מטריח אַהין, צו לעמלען הייסט דאָס, ער איז איצטער אין מאַרק, לעמל הייסט דאָס, מיטן פּאַפּיר.

„פּאַפּיר... לעמל... אופּראַווע... בנימין... די גאַנצע שטאָט... וואָס זאָל דאָס באַדײַטן?" — טראַכט זיך ישראל, און ער פילט, אַז עס פלאַמט אים אַ באַק און עס פּײַפט אים אין אויער. ער רוקט־אָן דאָס היטל, בייגט זיך אײַן אין דרײַען און לאָזט זיך גיין.

## ט.

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב אָנקוקן יענעם בשעת אומגליק, אַרײַנקוקן יענעם גלײַך אין פּנים אַרײַן דווקא בשעת ער וויינט, נאָכקוקן יענעם, ווי אַזוי ער גייט נאָך דער לוויה, זיך צוקוקן, ווי יענער ברעכט די הענט, שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, וכדומה. איך האַלט נישט פון אַזעלכע סצענעס. לאָז מען זאָגן וואָס מע וויל — איך האָב פײַנט טרויעריקע בילדער. מײַן מוזע טראָגט נישט קיין שוואַרצן שלייער אויפן פּנים; מײַן מוזע איז אַן אָרעמע, נאָר אַ פריילעכע... ווּהין האָט זיך געלאָזט לויפן ישראל דער שמש? מיט וועמען האָט ער זיך געזען? וואָס האָט ער געהערט? וואָס האָט ער געזאָגט? — פרעגט גאָר נישט, איר וועט דערפון קיין תענוג נישט האָבן. וואָס וועט אײַך אַרויסקומען, אַשטייגער, אַז איר וועט געוואויר ווערן, אַז ס'איז פאַראַן מענטשן, וואָס יענעמס צרה איז באַ זיי נאָר אַ „נײַס", יענעמס הארץ איז אַ פידל, יענעמס נערוון זײַנען סטרונעס, יענעמס וויינען איז אַ ניגון און יענעמס נשמה — אַ שפּילעכל? וואָס וועט אײַך אַרויסקומען, למשל, אַז איר וועט שוין געוואויר ווערן, אַז עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן

דערלעבט אַ נקמה אין ישׂראל דעם שמש, דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך אַרומגעטראָגן טאָג ווי נאַכט מיט זײַן „וויגרישנע ביליעט"?

— אַ מצווה! — האָט געזאָגט הנגיד רב הערש מיט זײַן צווייענדיק הוסטל און געגלעט זיך בשעת מעשה דאָס בײַכל. — אַ מצווה! לאָז אַ קבצן המ... המ... נישט שפּרינגען אין פּנים אַרײַן! דאָקטוירים גאָר, המ... המ..!

אַ סך האָבן, געוויינטלעך, רחמנות געהאַט אָפּן שמש נעבעך. נאָר איך מיין, אַז עס באַדאַרף אײַך זײַן קענטלעך דאָס וואָרט „נעבעך".

—לאָז אײַך גאָט היטן פֿון אַ יִדישער טובה און פֿון אַ יִדישן „נעבעך", — אַזוי פֿלעגט זאָגן מײַן באָבע מינדע עליה השלום — וואָרעם פֿון אַ יִדישער טובה קאָן האַרט ווערן דער קאָפּ און פֿון אַ יִדישן „נעבעך" — הײליק די ציין...

ערשט אַרום פֿאַרנאַכטלעך האָט זיך ישׂראל פֿאַרשלעפּט אַהיים, קוים אַ לעבעדיקער, שטיל זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד, אויסגעטאָן די שטיוול, געריסן קריעה און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ שעה „שבעה". דאָס אייגענע האָבן געטאָן סימע און אַלע דרײַ טעכטער — פּעסל, סאָסל און ברוכהצי, — געוויינטלעך, גענוג געוויינט, גענוג געיאָמערט און גענוג געשלאָגן זיך קאָפּ אָן וואַנט, כאָטש זיי האָבן גענוג אײַנגעלייגט די וועלט נאָך פֿריִער, איידער ישׂראל איז געקומען.

שפּעטער, אַז ירחמיאל־משה דער מלמד איז געקומען זיי מנחם־אָבל זײַן, האָט ער געטראָפֿן אַזאַ מין בילד: ישׂראל איז געזעסן באַהאַלטן דעם קאָפּ צווישן די קני; סימע האָט זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט און געוויינט שטילערהייט, און פּעסל, סאָסל מיט ברכהצין זײַנען געזעסן מיט רויטע געשוואָלענע אויגן און געקוקט מיט פֿאַרגלי־ווערטע פּנימער איטלעכע אין אַן אַנדער ווינקל. דער ווייטיק מיטן בזיון איז פֿאַר זיי אַלעמען געווען, אַפּנים, אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט קוקן איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַרײַן...

אַרײַנגעקומען איז ירחמיאל־משה שטיל, אָן אַ גאָט־העלף, ווי געוויינטלעך מע קומט אַרײַן צו אַן אָבל, זיך אַוועקגעזעצט פּאַוואָלינקע באַ דער זײַט, אַף אַן עק בענקל, אַ זיפֿץ געטאָן און שאַ — שטום ווי די וואַנט. שפּעטער אַביסל — נאָך אַ זיפֿץ, און אַנטשוויגן געוואָרן, און ווײַטער אַ זיפֿץ, און ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ס'איז עפּעס נישט קיין תכלית

זיצן אזוי און שווייַגן, מע באַדאַרף עפּעס זאָגן אַ גוט וואָרט. נאָר וואָס זאָגט מען? מילא, נאָך אַ בר־מינן, אַז עס מאַכט זיך, חלילה, מע זיצט שבעה און מע קומט מנחם־אבל זײַן, געפינט זיך נאָך ווערטער: ד׳ נתן ד׳ לקח"... אָדער: „אַ מענטש איז, משטיינס געזאָגט, געגליכן צו אַ פליג"... אָדער: „דער טויט — דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס אויסדרייען זיך דערפון קאָן מען נישט"... אָדער: „עט, הבל הבלים, גלייבט מיר, מיר וועלן אַלע שטאַרבן"... וכדומה אַזעלכע ווערטער, וואָס שטאַרק פרייל׳עך אַפן האַרצן קאָן פון זיי נישט ווערן; נאָר דאָך איז דאָס אַ שטיקל רפואה: מענטשן ריידן־אויס דאָס האַרץ, ווערט אַביסל גרינגער. אָבער וואָס קאָן מען זאָגן דאָ, באַ אַזאַ מין „שבעה" זיצן נאָך אַ לעבעדיקן?... ירחמיאל־משה טוט זיך אַ דריי אַפן בענקל מיט אַ הוסטל, וויל עפּעס אַ זאָג טאָן, נאָר סע זאָגט זיך נישט. ער פּרוּווט זיך עטלעכע מאָל, ביז קוים־קוים — ער האָט זיך צערעדט. און אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער נישט געקאָנט זיך אָפּשטעלן, נישט געוווּסט דורך וואַנען מע כאַפּט זיך אַרויס.

— טאַ, מילא, אויך די אייגענע מעשה. ס׳איז דאָך נאָר, ווי זאָגט ער, אַ נסיון, מיין איך, פון גאָט, וואָרעם אַלצדינג, הערט איר, איז פון אים, אָן אים טוט זיך נישט קיין זאַך, אַ מינדסטן פינגער הייבט אַ מענטש נישט אויף פון אונטן ביז מע הייסט אים נישט דאָרטן פון אויבן... ער איז, וואָס טויג מיר מעשיות, אַ רעכטער בעל־הבית, אוי, אַ בעל־הבית!... און אים פאָלגט מען, נאָך אַ מין פאָלגן, אוי־אוי־אוי!... דערימאַך איז געדרונגען, איר הערט, אַז עס באַדאַרף זײַן אַזוי ווי עס איז. אַ סימן האָט איר, עס זאָל באַדאַרפן זײַן נישט אַזוי, וואָלט געווען נישט אַזוי, וואָרעם ווער נויט דאָס אים, ס׳זאָל דווקא זײַן אַזוי און נישט אַזוי? און אַז ער זאָל וועלן, ס׳זאָל זײַן נישט אַזוי, וועט אים עמעצער זאָגן אַ דעה: ניין, לאָז בעסער זײַן נישט אַזוי, מיין איך, לאָז בעסער זײַן אַזוי און נישט אַזוי?...

ירחמיאל־משה האָט געפילט, אַז ער הייבט עפּעס אָן צו ריידן אַזעלכעס, וואָס ס׳איז נישטאָ וואָס צו הערן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, גענומען אַ שמעק טאַבאַק, אָנגעבויגן דעם קאָפּ אַף אַ זײַט און אַרויסגע־לאָזט אַ טיפן זיפץ, און האָט באַ זיך געפּועלט, אַז מע באַדאַרף זיך אויפהייבן גיין. נאָר ס׳איז גרינג צו זאָגן „אויפהייבן זיך"; גיי הייב זיך אויף, אַז מען איז צוגעקאָוועט צום בענקל! נישטאָ, הערט איר,

קיין ערגערער וויזיט אױף דער װעלט, װי מנחם־אָבל זײַן. װיפֿל מאָל מיר מאַכט זיך קומען צו יענעם מנחם־אָבל זײַן, קאָן איך קיינמאָל נישט אױפֿהײבן זיך און אַװעקגײן אָן אַ זײַט־געזונט. איך בעט גאָט אַלע מאָל, עס זאָל זיך עפּעס טרעפֿן אַ נס מן השמים: אָדער דער װאָס זיצט זאָל אַנטשלאָפֿן װערן זיצנדיק, װעל איך מיך פֿאַװאָלינקע אױף די שפּיץ פֿינגער ארויסגנבֿענען פֿון שטוב; אָדער ס׳זאָל זיך מאַכן עפּעס פּלוצעם אין דרויסן אַ געשלעג, אַ שׂרפֿה, אַן אײַנגעלויף, װעל איך מיך דערװײַל קאָנען ארויסכאַפּן פֿון געפּענקעניש... ירחמיאל־משה איז געזעסן נאָך אַביסל, ביז ער האָט אַ קוק געטאָן פֿריִער אױף דער סטעליע און נאָכדעם אױף אַלע פֿיר װענט, געזוכט, אַפּנים, אַ זייגער, און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— מע באַדאַרף אָנהייבן טראַכטן מכּח גײן... די װײַסע־חבֿרהניקעס װעלן איבערקערן דעם חדר מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף.

און נאָך עטלעכע מאָל לאָזנדיק זיך צו דער טיר און אומקערנדיק זיך צוריק, האָט ער קוים אַריבערגעשפּאַנט מיט איין פֿוס אױף יענער זײַט שװעל, און ערשט דאָ האָט ער זיך דערמאָנט זײ אױסריידן דאָס הארץ, טרייסטן, זײ זאָלן אױפֿהערן זאָרגן, װאָרעם גאָט איז אַ פֿאָטער, ער קאָן... און ער האָט זײ אָנגעזאָגט נאָכאַמאָל, אַז על־פּי דין, דאָס הייסט, װי דער מנהג איז, באַדאַרפֿן זײ זיצן נישט מער װי אַ שעה, און טאָמער, חלילה, אַביסל מער, איז אױך אָן אָן אומגליק, און אם ירצה השם, אָפּדערנאָכט נאָך מעריבֿ װעט ער זיך אַרײַנכאַפּן נאָכאַמאָל אַביסל זיצן, און זאָרגן זיך זאָלן זײ זיך נישט זאָרגן, מחמת גאָט איז אַ פֿאָטער, װאָס ער קאָן מאַכן, קאָן דאָס קיין מענטשן־פֿאַרשטאַנד נישט משׂיג זײַן... ובפֿרט זײ האָבן קינדער, זאָלן געזונט זײַן, שוין דערװאַקסענע, קיין עין־הרע...

די שעה איז איבערגעגאַנגען, און ישׂראל מיט זײַן הויזגעזינט זײַנען אױפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד שטיל, אָן װערטער, אָנגעטאָן די שיך און צעקראָכן זיך איטלעכער אין אַ באַזונדער װינקל... ישׂראל (איך זאָל נישט מורא האָבן פֿאַר אַ גוזמא, װאָלט איך געזאָגט, אַז ער האָט זיך אין דעם אײנעם טאָג אַ רוק געטאָן אױף צען יאָר!) האָט אױף דער גיך אָפּגעכאַפּט מנחה, זיך אָפּגעקלאַפּט תּחנון, אױסגעשפּיגן „עלינו" און געלאָזט זיך גײן אין בית־המדרש אַרײַן, ער זאָל כאָטש פֿאַרכאַפּן צו מעריבֿ. דערװײַל איז ער דאָך שמש, אַ פֿאַרקויפֿטער מענטש, מוז ער זײַן אױפֿן אָרט.

פרנסה, הערט איר, — אוי איז דאָס אַ סגולה, אַ מיטל צו פאַרטרײַבן אַלע זאָרגן, פאַרגעסן אַלע צרות!...

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַער „וויגרישנע בילעט״? — האָבן זיך געפּונען אַזעלכע לײדיקגײערס, וואָס האָבן אים אַ פרעג געטאָן.

— וואָס מאַכט עפּעס אײַער זון?

— עליו השלום, ווּ האָב איך אַ זון? — ענטפערט ישראל מיט אַ ביטער שמײכל...

אין דעם דאָזיקן שמײכל איז געלעגן אַזוי פיל גאַל, אַז די לײדיק־גײערס איז אַזש געוואָרן איבער דער טבע, און זײ זײַנען אָפּגעטראָטן אויף אַ זײַט. ס'איז געוואָרן געווענ, מע זאָל אים נאָר אַ קוק טאָן אין פּנים אַרײַן, אַז מע זאָל מיט אים שוין מער נישט וועלן רײדן פון זײַן זון.

* * *

וואָס איז געוואָרן ווײַטער? וואָס איז דער סוף מיט בנימינען? צי האָט ער געשריבן נאָך בריוו? און וואָס האָט ער געשריבן? און צי האָט אים דער פאָטער געענטפערט, צי ניין? און אַז ער האָט אים געענטפערט — וואָס האָט ער אים געענטפערט? — קוועטשט מיך נישט; אַצינד וועל איך אײַך נישט זאָגן גאָרנישט. איך בין אײַך נאָר מחויב צו זאָגן, אַז פאַר ישראל דעם שמש איז שוין נישט געווען מער קײן בנימין. גע־שטאָרבן בנימין.

דער „וויגרישנע בילעט״, דאָס לאָטערײ־צעטל, איז פאַר ישראל דעם שמש אַרויס אין טיראַזש...

געשריבן אין יאָר 1902.

# מיטן עטאַפּ

דערציילונג

## א.

### המן איוואַנאָוויטש פּליסעצקי

אַזוי האָט מען גערופן דעם נײַעם פּריסטאַוו, וואָס איז אַראָפּגעקומען קיין טעפּליק. דאָס הייסט, דער אמתער נאָמען זײַנער איז געווען גאָר אַ ה אַ מ ע מ נ אָ ן אַ פּ אָ נ ע ג ע נ אָ וו י ט ש, נאָר די טעפּליקער ייִדן, וואָס האָבן ליב צונעמענישן, האָבן אים משנה־שם געווען איבער צוויי טעמים: ערשטנס, איז המן איוואַנאָוויטש אַ סך קירצער און אַ סך גרינגער אויסצורײדן; גייט, אַשטייגער, נעמט־אָן אַ פול מויל מיט צונג און רעדט־אויס „אַ־האַ־מעמ־נאָן אַ־פּאָ־נע־גע־נאָ־וויטש"! דאָס איז נומער איינס. והשנית, זינט טעפּליק איז אַ שטאָט, געדענקט מען נאָך נישט אַזאַ המן אַ פּריסטאַוו, ווי דער דאָזיקער נײַער פּריסטאַוו המן איוואַנאָוויטש פּליסעצקי. אין טעפּליק זײַנען שוין געווען אַלערליי פּריסטאַוועס, אי גוטע, אי שלעכטע, אי נעמערס, אי נקי־כפּימניקעס, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס פּשוט נעמען זיי נישט, סײַדן אַמאָל אונטער אַ יום־טוב „לשנה־טובה", וואָס רעכנט זיך נישט, אָדער אַ מתנה צום טאָג פון געבאָרן, און ווער זאָגט זיך אָפּ דערפון?... מיר זײַנען אַלע אַמאָל געבאָרן געוואָרן, און דער טאָג פונעם געבאָרן איז בײַ יעדן מענטשן אַ יום־טוב, אײַנגעפירט פון קדמונים, נאָך פון פּרעה מלך מצרים, ווי מיר ווייסן דאָס פון דער הייליקער תורה, אַז אינעם טאָג פון זײַן געבאָרן האָט פּרעה געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע זײַנע קנעכט, דעם שר־המשקים אַרויסגעלאָזט פון טורמע און דעם שר־האופים אויפגעהאָנגען אַף אַ בוים,

אַזוי ווי יוסף האָט זיי פּותר־חלום געווען מיט דרײַ טאָג פריִער... אָנגע־קומען קיין טעפּליק, האָט ער זיך, צום אַלעם ערשטן, גענומען רייניקן דאָס שטעטל, נאָר רייניקן וואָס רייניקן הייסט. די טעפּליקער פערד־גנבים, וואָס האָבן אַ שם אַף דער גאַנצער וועלט, האָט ער אין איינע צוויי חדשים אויסגערייכערט, נישט געלאָזט פון זיי, איר זאָלט זאָגן, איינעם אַף אַ רפואה. אַף וועמען ער האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל אויג, האָט ער אים געפּאַקט, נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין הייסין אין טורמע אַרײַן, — לאָז מען זיך מיט אים דאָרטן רעכענען. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו די גאַסן און צו די ייִדן. די גאַסן האָט ער געוואָלט, מע זאָל האַלטן ריין, נישט וואַרפן קיין מיסט גלײַך אין פּנים אַרײַן, נישט גיסן קיין פּאָמעניצעס באַ דער טיר און נישט טאָן קיין אַנדערע זאַכן וואָס נישט שיין... און די ייִדן, האָט ער געוואָלט, זאָלן זונטיק פאַר האַלבן טאָג נישט עפענען קיין קלייטן, מלמדים זאָלן נישט קנעלן אָן שײַנצעטלעך און קיין עירוב אין שטאָט זאָל נישט זײַן; מע וועט זיך באַגיין, האָט ער געזאָגט, אָן דעם דאָזיקן „טעלעגראַף" אויך... און אַפילו אין שול, טאָמער האָבן זיך ייִדן צעשלאָגן, צעקאַמפּערט פאַר „אתה־הראית", מכבד געווען איינס דאָס אַנדערע מיט פּעטש, האָט ער זיך אויך ליב געהאַט אַרײַנצומישן. אָט אַזאַ רשע איז דאָס געווען!

מילא, די קלייטן מע זאָל האַלטן צוגעמאַכט — האָט ער געפּועלט. אַי, טאָמער נישט אַזוי פּינקטלעך ביז דווקא צוועלף אַזייגער? — האָט ער זיך שוין געמאַכט נישט ווויסנדיק, וואָרעם ער האָט שוין קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. וואָס ער האָט געקאָנט, האָט ער געטאָן; נאָר זײַן אַ שומר באַ די ייִדישע קלייטן, אַכטונג געבן, טאָמער עפנט אויף אַ ייִד אַ האַלבע טיר — דאָס איז דאָך אַ זאַך וואָס אוממעגלעך. זעט איר, מיטן עירוב האָט ער די ערשטע צײַט יאָ געהאַט אַביסל צרות. אַלע פרײַטיק־צו־נאַכטס פלעגט מען דעם עירוב אָנציִען, און שבת אינדערפרי פלעגט ער אים אַראָפּרײַסן, און אַף איבעראַכטאָג שבת איז אויסגעוואַקסן אַ פרי־שער עירוב, און אַזוי עטלעכע מאָל כסדר. און וויפל ער האָט נישט נאָכ־געקוקט דורך די שומרים, ווער סע ציט אָן דעם עירוב, האָט ער נישט געקאָנט כאַפּן דעם גנב, ביז ער האָט זיך אַליין מיט זײַן כבוד געמוזט איינמאָל באַהאַלטן אין דרויסן, אין אַ ווינקעלע, און איז אויסגעזעסן די גאַנצע נאַכט און געלאָקערט, און ערשט העט־העט אַרום פאַרטאָג האָט ער געפּאַקט פייסי דעם שמשס ייִנגל סאַמע באַ דער רעכטער אַרבעט,

ווי ער פאַרדרייט דאָס שטריקל. האָט ער אים אָנגענומען פאַרן לינקן אויער און אָפּגעפירט אים אין סטאַן אַריין און פאַרשפּאַרט אױף אַ גאַנצן טאָג אין „חדר". פון דעמאָלט־אָן איז טעפּליק געבליבן אָן אַן עירוב עד היום הזה, און דער עולם האָט אָנגעהויבן טראָגן אום שבת נאָז־טיכלעך און זייגערס אױף וואָס די וועלט שטייט.

נישט אַזוי גרינג איז אים אָנגעקומען די מלחמה, וואָס ער האָט געפירט מיט די מלמדים. די מלמדים האָבן אים געטאָן צום טויט. אָט האָט ער געפּאַקט אַ מלמד מיט צוואַנציק תלמידים און צוגעמאַכט דעם חדר, און אָט האָט ער אים געכאַפּט מיט די אייגענע תלמידים שוין אין אַן אַנדער געסל. צוגעמאַכט דעם דאָזיקן חדר אויך און געמאַכט אַ פּראָ־טאָקאָל, ער טוט אַ קוק — אַהאַ! ער האָט זיך פאַרקליבן ערגעץ אױף אַ בוידעם אין דער ווייַבערשער שול און פון דאָרטן זיך געלאָזט הערן מיטן געזאַנג פון זיינע צוואַנציק תלמידים — אַן אומגליק מיט די ייִדישע קינדער! מען קאָן זיי גאָרנישט אָפּטרייַבן פונעם לערנען! „ממה נפשך, האָסטו זיך שוין פאַרקליבן אױף אַ בוידעם קנעלן, טאָ זיץ דאָרטן און קנעל צעזעצטערהייט אין דער קרענק, נאָר ליאַרעם נישט אַזוי, לאָזן כאָטש מײַנע אויערן נישט הערן!"... אַזוי האָט געטענהט פּליסעצקי מיטן מלמד און האָט אים געשוואָרן, אַז טאָמער כאַפּט ער אים נאָכאַמאָל, שיקט ער אים אַרויס פון טעפּליק אין פיר און צוואַנציק שעה. דער מלמד האָט די מעשה גאַנץ גוט אויסגעהערט און געטאָן זיינס, אַראָפּגעלאָזט זיך פון דער ווייַבערשער שול און אַראָפּגענידערט ערגעץ אין אַ קעלער און דאָרטן געקנעלט, און דווקא מיט אַ ניגון, מיטן געוויסן מלמדישן ניגון, וואָס אָן אים האָט דאָס ייִדישע לערנען פונקט אַזאַ טעם, ווי דער קאַלטער קוגל וואָס די הײַנטיקע אַריסטאָקראַטן אין די גרויסע שטעט עסן אײַנדערוואָכן... המן איוואַנאָוויטש האָט אַזוי לאַנג „געוואָיעוועט" מיט די מלמדים, ביז ער האָט אַ שפּײַ געטאָן אױף זיי און האָט זיך גע־מאַכט כלא ידע...

## ב.

## דער טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק

מחמת אין טעפּליק זײַנען די אײַנוווינער, צום מייסטן, ייִדן, האָט דער נײַער פּריסטאַוו געהאַט צו טאָן כמעט נאָר מיט ייִדן, און ער האָט

זיך אין אַ קורצער צײַט באַקענט מיט אַלע טעפּליקער בעלי־בתּים, גע־וווּסט יעדן אײנציקן באַם נאָמען, געוואָר געוואָרן באַ זײ אַלצדינג, די גרעסטע סודות, גערעדט מיט זײ האַלב אױף ייִדיש און גיך געוואָרן צוגע־לאָזט, װײך װי װאַקס — אַ גוטער ברודער!

די נגידים, די פֿײַנע־בריהס, די קאַכלעפּלען, די וואָס האָבן ליב געווועלטיקן, אַז זײ האָבן דערזען, אַז דאָס פּריצל לאָזט זיך צו, האָבן זײ אָנגעהויבן זיך אײַנקויפֿן צו אים תּחילת מיט אַ שטיקל שבתדיקע פֿיש („זשידיוווסקאַ ריבאַ"), אַ גלעזל פּסחדיקן בראָנפֿן („פּייסאַכאָווקאַ"), פֿאַר־ביסן מיט אַ שטיקל ייִדישע מצה („זשידיוווסקאַיאַ מאַצאַ"), און נאָכדעם האָבן זײ זיך שוין געפּרוּווט אונטערפֿאָרן צו אים מיט אַ שמײכעלע — נתנען אים עפּעס אין יד אַרײַן. האָבן זײ אָבער געכאַפּט פֿונעם דאָזיקן המן אַזאַ מיאוסן פּסק, אַז זײ װעלן שוין פֿאַרזאָגן קינד־קינדער, אַז מע זאָל יענעם אין יד אַרײַן קײן מעות נישט נתנען, אײדער מע וויים אים, ו ו ע ר ער איז און ו אַ ס ער איז...

— טי דומאַיעש, יאָסקאַ, פֿאַדשמיראַוואַט מעניאַ טוואָאימי מעות־אַמי, זנאַטשיט טי גרויסער מאַשעניק! אַ נעם אים אַ חדר!*

די ווערטער „אַ נעם אים אַ חדר" זײַנען באַ אים תּמיד געווען פּאַרטיק אױף דער צונג, און געהײסן האָט דאָס אײַנזעצן, פֿאַרשפּאַרן, אָדער אָפּשיקן מיטן עטאַפּ אין דער שטאָט אַרײַן, קײן הייסין. און האָט ער די דאָזיקע ווערטער אַרויסגעלאָזט פֿונעם מויל, איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן, כּל מלכי מזרח ומערב האָבן שוין דערצו נישט געקאָנט העלפֿן גאָרנישט! אָט אַזאַ מין נפֿש איז דאָס געווען! און דער גוטער יאָר זאָל אים וויסן — האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אים אין די הענט אַרײַן אַן אָרעמאַן, וואָס האָט נישט מיט עפּעס צו גײן, האָט דער דאָזיקער רשע אַרויסגענומען פֿון זײַן אײגענער קעשענע אַ קערבל אָדער צוויי און גע־שענקט אַ נדבה, און אַ זאָג געטאָן דערבײַ אױף זײַן אויסגעמישט לשון:

— נאַ טיבע מילאָסט חסד נאַ וועצאָוועסט**.

נאָר אױף וויפֿל ער האָט רחמנות געהאַט אױף אַן אָרעמאַן, אַזוי פֿיל

---

*) דו דענכסט, יאָסיע, מיר אונטערשמירן מיט געלט, איז אַ סימן, אַז דו ביסט אַ גרויסער שווינדלער, זעצט אים אײַן!

**) נאַ דיר אַ גמילות חסד אױף הוצאות.

האָט ער פּײַנט געהאַט אַ נגיד. און װער שמועסט אַ טעפּליקער נגיד, און װער שמועסט נאָך דעם טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פֿון טעפּליק — אים האָט ער גאָרנישט געקאָנט סובל זײַן און לאַנג־לאַנג געזוכט אַף אים אַ חטא און נישט געקאָנט געפֿינען, ביז גאָט האָט אים געהאָלפֿן, ער האָט אים געפּאַקט. ומעשה שהיה כך היה:

דער דאָזיקער שלום־בער טעפּליקער פֿון טעפּליק, אַ חוץ װאָס ער איז געװען אַ ייִד אַ נגיד, איז ער געװען אַן עקשן און אַ גדלן און אַ גרויסער בעל־נצחון. האָט זיך אים עפּעס פֿאַרװאָלט אַ זאַך, און האָט ער זיך שוין אײַנגעשפּאַרט איז געװען גרינגער נעמען און אַריבערטראָגן טעפּליק אַף אַן אַנדער אָרט, איידער איבערשפּאַרן שלום־בערן. אַז המן איװאַנאָװיטש האָט אַרויסגעגעבן זײַן באַפֿעל, אַז מע זאָל דאָס מיסט אין דרויסן נישט װאַרפֿן און די פּאָמעניצע באַ דער טיר נישט גיסן, האָט שלום־בער טעפּליקער פֿון טעפּליק געפֿרעגט אַ קשיא: „װעמענס עסק איז דאָס? ס'איז מײַן מיסט מיט מײַן פּאָמעניצע, מעג איך מיר טאָן מיט דעם װאָס איך װיל".

— רב שלום־בער, — האָט מען זיך געפּרוּװט אים איבערשפּאַרן — דער המן װעט דערזען די פּאָמעניצע, װעט זיך טאָן חושך!

— מיטן קאָטער! — האָט דערויף געענטפֿערט שלום־בער, װאָס האָט פּײַנט געהאַט צו ריידן אַ סך װערטער.

— רב שלום־בער, איר װעט כאַפּן אַן אַקט!

— זיבן און זיבעציק אַקטן!

— רב שלום־בער, מע װעט זיך, חלילה, אויסגליטשן נעבן אײַער שטוב, און די שעה זאָל נישט זײַן אויסברעכן אַ פֿוס.

— האַלדז־און־נאַקן! — האָט שלום־בער געענטפֿערט און געהייסן, מע זאָל שיטן מיסט און גיסן פּאָמעניצעס אַף װאָס די װעלט שטייט!

איז געקומען צו אים פּליסעצקי מיט פּאָליציי און האָט אים געמאַכט אַן אַקט, האָט שלום־בער זיך אַנידערגעשטעלט מיט אים אַביסל אויסטעהנען גאַנץ ברייטלעך, װי אַ נגיד קאָן. האָט אים פּליסעצקי געלאָזט בעטן, ער זאָל בעסער שװײַגן, און בשעת מעשה געזאָגט אים אַ פּאָר האַרבע װערטער: „ייִדישע חוצפּה" („זשידאָװסקאַיאַ נאַכאַל־סטװאָ"), „שװײַג, דו ייִדישע צורה!" („מאָלטשי, זשידאָװסקאַיאַ ראָ־זשאַ"), וכדומה נאָך אַזעלכע מינים קאָמפּלימענטן. האָט דאָס אונדזער נגיד פֿאַרדראָסן, און ער האָט מכבד געװען דעם פּריסטאַװ מיטן נאָמען

ה מ ן, געזאָגט אים פּאַר עדות, אַז ער איז אַן אמתער המן, אָט דער המן וואָס אין דער מגילה! — האָט מען דאָס פאַרצייכנט אין פּראָטאָקאָל און אונטערגעפירט אונטער אַזאַ „סטאַטיאַ", אַז מע האָט אונדזער שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק פאַרמשפּט, מחילה, זיצן צוויי וואָכן — און עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום רבונו־של־עולם!

סע פאַרשטייט זיך, אַז גאַנץ טעפּליק האָט זיך געוויגט, געגאַנגען כּאַדראַבּם פון אַזאַ מעשה. סטייטש, מע האָט פאַרמשפּט דעם נגיד צוויי וואָכן טורמע! די גאַנצע שטאָט איז אַרויסגעגאַנגען אָנקוקן, ווי מע פירט שלום־בערן אין „חדר" אַריין. סע איז נישט געבליבן, ווי מע זאָגט, קיין קינד אין וויגל, און שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק, אַז מע האָט אים דורכגעפירט איבערן מאַרק אין „סטאַן" אַריין, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און זיין ווייב סטיסע־פּערל די נגידית האָט זיך פאַר בזיון באַהאַלטן אינדערהיים, און דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען, געקוקט און געשוויגן, אינעווייניק אין האַרצן דווקא געווען צופרידן: ערשטנס, אַ מצווה; לאָז אַ ייִד אַ נגיד נישט זיין באַ זיך אַזוי תקיף. און צווייטנס, האָט מען שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק גלאַט נישט ליב געהאַט אין שטאָט, דערפאַר וואָס ער איז געווען, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ גרויסער דבר־אחר", אַ קמצן, און זיין ווייב סטיסע־פּערל האָט געזשאַלעוועט אַ ייִדן אַ שטיקל ברויט, כאָטש זיי זיינען געווען, ווי מע זאָגט אין טעפּליק, „אָנגעשטאָפּט מיט געלט", און קיין קינדער האָבן זיי אויך נישט געהאַט. „ווען איך זאָל האָבן זייער געלט, — האָט זיך יעדער טעפּליקער געווינטשעוועט און האָט באַלד געמאַכט אַ גרויסע הנחה — ווען איך האָב כאָטש האַלב, כאָטש אַ דריט־חלק פון זיי, וואָלט די שטאָט פון מיר אַ סך מער הנאה געהאַט!"... און עס קאָן זייער זיין; נאָר אַזוי ווי אין טעפּליק האָט געהאַט געלט נאָר איין שלום־בער טעפּליקער און זיין ווייב סטיסע־פּערל, און ווייטער קיינער נישט, האָט דערפון אין טעפּליק קיינער קיין הנאה נישט געהאַט: נישט די שטאָט, נישט שלום־בער נגיד, נישט זיין ווייב די נגידית. און אפשר האָבן די צוויי יאָ געהאַט הנאה פון דעם? עס ווענדעט זיך, וואָס באַ אייך ווערט אָנגערופן „הנאה"? באַ די טעפּליקער ייִדן ווערט אָנגערופן „הנאה", אַז איר פאַרנעמט אומעטום דעם אויבן־אָן, סיי אין שול, סיי אויף אַן אסיפה, סיי אויף אַ שמחה; אַז איטלעכער טראָגט אייך אַקעגן דעם גוט־שבת, דעם גוט־יום־טוב, דעם גוט־מאָרגן; אַז בשעת איר רעדט,

שוויַיגט מען, און וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, איז דאָס אַ חכמה. הנאה הייסט, אַז איין מאָל אין יאָר שמחת־תורה קומט זיך צונויף דער גאַנצער עולם צום נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק כלומרשט אַף „פּראַ־קעס", ער זיצט כמלך בגדוד אויבן־אָן און הייסט דעם עולם נעמען צו ביסלעך בראָנפן, און סטיסע־פּערל די נגידית קוקט אין די גלעזלעך אַריַין... מע זינגט אַ ניגון, און מע כאַפּט אַ טענצל, וכדומה אַזעלכע מינים פאַרגעניגן, וואָס אויב איר זיַיט נישט קיין טעפּליקער, קאָנט איר גאָרנישט האָבן אין דעם קיין שום געפיל. און גלאַט וואָס איז ווערט דאָס, אַז אַ מענטש פילט, אַז ער איז איינער, אַז נאָר ער איז דער „עפּעס" — ער, און וויַיטער קיינער?

אין טעפּליק איז געווען נאָר איין שלום־בער טעפּליקער; אין טעפּ־ליק איז געווען נאָר איינער אַזוינער, און וויַיטער קיינער.

ג.

## אַ פריילעכער קבצן

אין טעפּליק זאָלן נישט זיַין קיין מסירות און קיין מוסרים, דאָס הייסט, מענטשן, וואָס גיבן אַכטונג איינס אַפּס אַנדערע, אַז מע זאָל נישט מאַכן קיין פאַרברעכן און קיין פאַלשקייטן, — וואָלטן ניַין און ניַינציק חלקים עבירות פאַרבליבן אומבאַשטראָפט, און טעפּליק וואָלט געווען פול מיט בעל־עבירהניקעס, ווי, להבדיל, סדום. נאָר מחמת אין טעפּליק גיט מען שטאַרק אַכטונג איינס אַפּס אַנדערע, און אַז מע דער־זעט עפּעס אַן עוולה אַף יענעם, אָדער מע דערהערט, אָדער מע שמעקט־אָן, אָדער סע דאַכט זיך נאָר אויס, אַז יענער האָט געטאָן אַן עוולה, נעמט מען און מע שריַיבט אַוועק „צו נאַטשאַלסטווע" עטלעכע ווערטער: אַ ז ו י א ו ן אַ ז ו י איז די מעשה, טאָמער גלייבט איר נישט, זיַיט זיך מטריח אַ ה י ן א ו ן אַ ה י ן — וועט איר ד אָ ר ט געפינען ד אָ ס א ו ן ד אָ ס... אַי, טאָמער לאָזט זיך נאָכדעם אויס אַ בוידעם — איז אויך אָן אַן אומגליק; קומען קומט דערפאַר גאָרנישט, וואָרעם אונטערשריַיבן דעם אייגענעם נאָמען איז נישט נייטיק, איר קאָנט זיך חתמענען פאַרשטעלט: אָדער „איש־אמת", אָדער אַ „אַ גוטער פריַינט", אָדער אַ „פריַינט פונעם דין", אָדער גאָר אָן אַ שום חתימה מאַכט אויך

נישט אויס, אַבי איר זאָלט אַנווייַזן וו ו ה י ן מען זאָל גיין און וו אַ ס מע זאָל זוכן... פֿליסעצקי האָט זיך, נישקשה, געמעגט באַרימען, אַז קיין שפּיאָנען באַדאַרף ער נישט האָבן, די טעפּליקער בעלי־בתים זייַנען אַליין גוטע שפּיאָנען.

נאָך אַזאַ מין הקדמה וועט אייַך שוין קיין חידוש נישט זייַן, וואָס מע האָט איינמאָל אין אַ שיינעם פּרימאָרגן באַלאַגערט בערל דעם רויטן מיט דעם קרומען פּוס פּונקט אין דער מינוט, ווען ער איז געזעסן אויף דער ערד, די פּאָלעס פֿון דער קאַפּאָטע פֿאַרקאַטשעט און אונטערגעשטעקט אין גאַרטל אַרייַן, איבער אַ גרויסן בוטל מיט ראָזשינקעס־וויַין און צעגאָסן אים אין קליינע פֿלעשלעך, וואָס ער אַליין טאַקע פֿלעגט זיי נאָכדעם פּריַיטיק צעטראָגן אויף קידוש, געשמאַק געקייַט מיטן מויל די פּראָבקעס און צוגעקלאַפּט פֿון אויבן מיט דער האַנט און שטאַרק געשוויצט. פֿליסעצקי האָט פֿאַוואָלינקע אויפֿגעעפֿנט די טיר, באַטראַכט בערל דעם רויטן, ווי געשמאַק ער אַרבעט, געשטאַנען אַ פּאָר מינוט אויף דער שוועל, זיך איבערגעקוקט מיט פּאָליציע, און אַז בערל האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און דערזען — המן איוואַנאָוויטש שטייט בייַ דער טיר, איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד, צוגעגאַנגען צו אים מיטן קרומען פּוס, אַ קוק געטאָן אים גלייַך אין די אויגן אַרייַן, ווי איינער רעדט: „דו וועסט מיך מסתמא שטראָפֿירן? שטראָפֿיר מיך, וואָס וועסטו בייַ מיר נעמען? דעם דלות?"

ווי קומט דאָס, וואָס אונדזער בערל איז געווען אַזוי תקיף? וויַיל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו שרעקן זיך. אמת, ער האָט געמאַכט פֿון ראָזשינקעס וויַין, צעגאָסן אים אין פֿלעשלעך און צעטראָגן אים צווישן באַקאַנטע אויף קידוש, און דערפֿון טאַקע געלעבט, נאָר אַז אָך און ווי איז געווען צום וויַין און אַז אָך און ווי איז געווען צום לעבן! דער וויַין איז נישט געווען קיין וויַין, דאָס לעבן איז נישט געווען קיין לעבן; גאָרנישט, אַבי יוצא זייַן, מאַכן אַ ברכה „בורא פּרי הגפֿן" — פּאָרט נישט קיין פּראָסטער בראָנפֿן, און אַ שטיקל טועכטס, אַ פּרנסה, איז דאָס פּאָרט, כאָטש האָבן האָט ער דערפֿון געהאַט משטיינס געזאָגט, וואַסער אויף חלה, נאָר אַלץ גלייַכער ווי גאָרנישט... ווייַ־וויי, וויפֿל ייִדן זייַנען פֿאַראַן אין טעפּליק, וואָס טוען גאָרנישט און פֿאַרדינען גאָרנישט און האָבן גאָרנישט, אָבער טאַקע לחלוטין גאָרנישט!

און טאַקע אָט די דאָזיקע „גאָרנישטדיקע" ייִדן, וואָס טוען גאָרנישט

און פאַרדינען גאָרנישט און האָבן גאָרנישט, האָבן זיך מתקנא געווען אין בערל דעם רויטן, וואָס לעבן „ווי אַ מאַגנאַט", האָט אַלע שבת פיש און פלייש, זאָגט מען, און קוילעטש אַוודאי, און קינדער אין חדר האַלט מען, און דעם אַ קליידל מאַכט מען, און אַ ציג אַן אייגענע האָט מען — און דאָס אַלץ פונעם ביסל ראָזינקעס, וואָס ער „פּאַרקאַלעפּוטשעט" און מאַכט דערפון ווײַן אױף קידוש! האָט מען גענומען און מע האָט אַוועקגעשריבן פּליסעצקין אַ בריוו מיטן געוויסן נוסח, וואָס הייבט זיך אָן בזו הלשון:

„אַזוי ווי מיר האָבן שטענדיק אין זינען נאָר קאַזנאַ מיט אירע אינטערעסן, און אַזוי ווי פאַר דער קאַזנאַ איז דאָס געוויס אַ גרויסער היזק טאָמער האַנדלט איינער אָן אַ פּאַטענט, און אַזוי ווי בערל דער רויטער, אָ ן ז ש ע ב ע ר ק אָ ק ר י וו א ק, האַנדלט מיט ווײַן אָן אַ שום פּאַטענט שוין אַזוי פיל יאָרן, און אַזוי ווי ער אַליין, בערל דער רויטער, אָ ן ז ש ע ב ע ר ק אָ ק ר י וו א ק, מאַכט אים טאַקע מיט זײַנע אייגענע הענט, און אַזוי ווי די רעכטע פאַבריקאַציע קומט־פאָר באַ בערל דעם רויטן, אָ ן ז ש ע ב ע ר ק אָ ק ר י־וו א ק, און אַזוי ווײַטער".

דאָס תקיפות פון אַן אָרעמאַן איז גאָר קיין קאַטאָוועס נישט: וואָס אָרעמער דער אָרעמאַן איז, איז ער באַ זיך מער תקיף, אַ סך מער תקיף ווי דער גרעסטער נגיד. איך האָב אַליין געהערט פון אַן אָרעמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעטענהט מיטן אַנדערן אָרעמאַן:

— וואָס גלײַכסטו זיך צו מיר, דו פּאַרך איינער? דו פּאַרמאָגסט נאָך אַ פּאָר גאַנצע שטיוול מיט אַ שטיקל פּאַלטאָ, און איך האָב דערויף אַפילו קיין השגה נישט!

די ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ גרויסקייט, אַז ווען עס שטייט דערבײַ רויטשליד, פּאַלט ער אַראָפּ באַ זיך.

המן איוואַנאָוויטש האָט דערווײַל באַטראַכט בערל דעם רויטנס אַפּאַרטאַמענטן, וואָס זײַנען באַשטאַנען פון דרײַ חדרים, דאָס הייסט, צוויי אַלקערם מיט אַ קיך, און אַלע דרײַ חדרים זײַנען געווען פאַרשטעלט מיט בעטלעך, און די בעטלעך זײַנען געווען באַזעצט מיט קינדער, און די קינדער זײַנען געווען האַלב־אָנגעטאָן און האַלב־נאַקעט, דאָס הייסט, פונעם האַלדז ביזן פּופּיק זײַנען זיי געווען אָנגעטאָן, און פונעם פּופּיק און ווײַטער זײַנען זיי געווען נאַקעט, און באָרוועס אַוודאי. פאַר דער

דאָזיקער האַלב־נאַקעטער און באָרוועסער חברה איז דער פּריסטאַוו געווען אַן אָנגעלייגטער פאַרשוין, וואָס זיי האָבן אַזעלכעס קיינמאָל נישט געזען. זיי האָבן זיך נישט געפוילט, אַראָפּ פון די בעטלעך, פּאַוואָלינקע זיך אונטערגעגנבעט צום פּריץ און געקוקט אים אין פּנים אַרײַן, באַטראַכט די גילדענע קנעפּ און אַ טאָפּ געטאָן דעם קוטאַס פונעם שווערד, און פּליסעצקי האָט דערווײַל געפירט אַ שמועס מיט בערל דעם רויטן, וואָס מיר גיבן אים דאָ איבער וואָרט בײַ וואָרט:

פּליסעצקי: וועדליק מע שרײַבט אויף דיר, באַדאַרפסטו פאַרדינען שיין געלט?

בערל: נישט צו פאַרזינדיקן, הלוואי ווײַטער נישט ערגער, בעסער האָט קיין שיעור נישט.

פּליסעצקי: וואָס־זשע גייען בײַ דיר די קינדער נאַקעט און באָרוועס?

בערל: בכדי זיי זאָלן בעסער וואַקסן.

פּליסעצקי: און מיטן געלט וואָס טוסטו?

בערל: איך טו אַזוי ווי די גמרא לערנט אונדז.

פּליסעצקי: די גמרא? ווי אַזוי לערנט אײַך די גמרא?

בערל: די גמרא לערנט אונדז טיילן דאָס געלט אויף דרײַ חלקים: אַ דריטל אין דער ערד, אַ דריטל אין מזומן, אַ דריטל אין מסחר.

פּליסעצקי: איך זע אַרויס, אַז דו ביסט אַ גאַנץ פרײלעכער פאַרשוין.

בערל: וואָס האָב איך צו זאָרגן? וואָס פעלט מיר און וואָס האָב איך? זאָג מיר בעסער, אדוני פּריץ, וואָס שרײַבן דיר אויף מיר די ייִדן און וואָס קאָן מיר קומען נאָך דײַן איצטיקן וויזיט?

פּליסעצקי: וועסט אַלצדינג וועלן וויסן, וועסטו גיך אַלט ווערן. דו ווײַז מיר נאָר אַקאָרשט אַלע דײַנע שאַפעס. איך דאַרף בײַ דיר נאָך עפּעס אַ זוך טאָן, טאָמער וועל איך בײַ דיר געפינען, אַ חוץ ווײַן, נאָך עפּעס גוטע זאַכן...

בערל: אָך, מיטן גרעסטן כבוד! טאָמער געפינסטו ערגעץ אַסיגנאַציעס, אָדער גאָלד, אָדער זילבער, איז יחדיו, חצי שלי וחצי שלך.

פּליסעצקי: ביסט מיר עפּעס צו פרײלעך, ווי איינער וואָס פאַרן טויט.

בערל: עס קאָן זײַן, קיינער וויים נישט וועמענס מאָרגן, ווי

אין דער גמרא בא אונדז שטייט געשריבן: „זאָלסט תשובה טאָן אַ טאָג פאַרן טויט". און אַזוי ווי אַ מענטש ווייס דאָך נישט, ווען דער מלאך־המות קאָן אים אַ כאַפּ טאָן פאַרן גאָרגל, לכן...

דאָ האָט אים דער פּריסטאַוו איבערגעשלאָגן די רייד, אַ רוף געטאָן פּאָליציע פון דרויסן און געהייסן, מע זאָל אים נעמען אין „חדר" אַריַין. דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז בא בערלען פּאַרקילט געוואָרן אינעווייניק, און אין שטוב איז געוואָרן אַ געוויין, גליַיך ווי מע וואָלט אַרויסגעטראָגן אַ טויטן.

סע פאַרשטייט זיך, אַז באַלד איז מען אין טעפּליק געוואָר געוואָרן פון דער מעשה פון איין עק שטאָט ביזן אַנדערן, און מען איז צונויפגעלאָפן פון אַלע גאַסן זען, ווי מע פירט נאָך אַ ייִדן אין „חדר" אַריַין, מע ווייס נישט פאַר וואָס. דאָס הייסט, פאַר וואָס — איז מען שוין געוואָר געוואָרן; וואָס הייסט, מע וועט אין טעפּליק נישט געוואָר ווערן? ובפרט מע האָט געזען, אַז המן איוואַנאָוויטש האָט געטראָגן אַ פלעשל מיט וויַין, וואָס בערל מאַכט אָפּ צו פאַרקויפן אין אַ פּאַטענט. די זאַך איז נאָר — וואָס קאָן אים דערפאַר קומען? שטראָף, צי טורמע? אָפּ דערויף האָבן די טעפּליקער ייִדן זיך געשאַרפט די מוחות, און רחמנות געהאַט אָפּ בערל דעם קבצן אַ סך מער, ווי אָפּ שלום־בער דעם נגיד, און נישט געקאָנט העלפן אים דערצו גאָרנישט, סײַדן מיט אַ קרעכץ.

ד.

## נאָך אַ פאַרברעכער

המן איוואַנאָוויטש האָט דעם טאָג גענומען זיך צו די טעפּליקער ייִדן גאָר אָפּ אַן אַנדער אופן. ער האָט דעם אייגענעם טאָג געפּאַקט נאָך אַ ייִדן, אַזעלכן, וואָס האָט, אייגנטלעך, גאָרנישט פאַרזינדיקט, נאָר ס'איז אַזוי געווען די מעשה: ס'איז געווען אין טעפּליק אַ באַהעלפער, הענעך דער בחור. האָט דער דאָזיקער הענעך געהאַט אַן עלטערן ברודער דוד־לייב. האָט דער דוד־לייב באַדאַרפט שטיין הײַנטיקס יאָר צום פּריזיוו און האָט געוואָלט האָבן אַ לגאָטע, ווײַל זײַן אַנדערער ברודער הענעך איז נאָך נישט אַלט געווען אַכצן יאָר, — אַזוי האָט געזאָגט דוד־לייב און אַזוי האָבן אויסגעזען זײַנע פּאַפּירן, וואָס ער האָט צוגעשטעלט

אין דער פּריסוטסטוויע אין הייסין. נאָר דאָס איז נאָך אַלץ ווייניק, וואָס אַ ייִד קאָן זאָגן און „צושטעלן“ פּאַפּירן; מע באַדאַרף אַ קוק טאָן אויפֿן קליינעם אַליין, וועט מען שוין וויסן, וויפֿל ער איז אַלט. איז אָנגעקומען צו פּליסעצקין אַ פּאַפּיר, ער זאָל צושטעלן הענעכן קיין הייסין, און פּליסעצקי, אַז מע שרײַבט אים „צושטעלן“, באַדאַרף זײַן „צוגעשטעלט“. האָט ער צוגעשיקט צו אים דעם אוריאַדניק און מע האָט דעם בחור גענומען און געבראַכט צו פֿירן צום פּריסטאַוו אין „סטאַן“ אַרײַן.

דער קאַליר פֿון הענעכס פּנים איז געווען דאָס, וואָס מען רופֿט אָן אַ „מיתה־משונה־קאַליר“, און דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ בעלמע אויף אַן אויג, און געקוקט האָט ער אויף אַ זײַט, אַביסל צוגעשאָקלט מיטן קעפּל אויך; הײַנט דער איבערשרעק, וואָס מע האָט אים אויפֿגעכאַפּט, ווי ער שטייט און גייט, ער ווייס נישט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען — דאָס אַלצדינג האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדער מין ווילדקייט, און ער האָט געמאַכט אויפֿן פּריסטאַוו גאָר נישט קיין גוטן אײַנדרוק, און צווישן זיי איז פֿאָרגעקומען אַ קורצער, נאָר אַ לעבעדיקער שמועס:

— דאָס ביסטו, הענעך טעלערלעקער? — האָט אים פּליסעצקי אַ כאַפּ געטאָן און באַטראַכט אים פֿון אויבן אַראָפּ.

— דאָס בין איך הענעך טעלערלעקער, — האָט אים הענעך געענטפֿערט גאָר גײַציק, און האָט באַלד באַרעכנט, אַז דאָס רופֿט מען אים מכוחן פּריזיוו פֿון זײַן ברודער דוד־לייב, האָט ער פֿאַרכאַפּט פֿריִער, נאָך איידער מע וועט בײַ אים פֿרעגן: — איך בין נאָך נישט אַלט קיין אַכצן יאָר, ווי איך בין אַ ייִד, אַז נישט!...

— אַזוי? אַ חוץ שבתים און יום־טובים! — האָט אים פּליסעצקי געענטפֿערט און אַ קוק געטאָן אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן און דערזען די בעלמע. פֿון דעם דאָזיקן קוק איז הענעכן געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן, קאַלט אין בויך און קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן, און ס'איז אים דורכגעפֿלויגן אין איין רגע אַ טרויעריקע מחשבה אין קאָפּ: „אויס לגאָטע, פֿאַרפֿאַלן דוד־לייב!... און הענעך האָט שטאַרק חשק געהאַט אַ טובה טאָן דעם ברודער נעבעך, און ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ שתדלן און האָט באַקומען לשון און מיטאַמאָל צערעדט זיך פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער: „איך שווער אײַך, אַז איך בין מער נישט אַלט ווי זיבעצן יאָר מיט אַ חודש, אָדער אפֿשר נאָך אָן אַ חודש, איך זאָל דערלעבן קומען אַהיים בשלום! קוקט נישט דערויף, וואָס איך זע אויס

אפשר עלטער, ס'איז בא אונדז אזא גדלע, אזא וווקס הייסט דאָס, וואָס פון פופצן יאָר אָן הייבט זיך אָן שיטן בא אונדז א בערדל"...

פליסעצקי האָט אַף הענעכן געקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ און גע־שמייכלט, ווי איינער רעדט: „צו דײַן בעלמע, וואָס דו האָסט אַפּן אויג, און צום מיתה־משונה־קאָליר פון דײַן פּנימל פּאַסט דיר טאַקע דאָס בערדל, כ'לעבן"... נאָכדעם האָט ער א זאָג געטאָן צום סאָטסקי, אַז ביז ער וועט דאָ איבערקוקן זײַנע פּאַפּירן זאָל ער אים אַראָפּפירן אַראָפּ אין „חדר" אַרײַן, און הענעך האָט אָנגעוואָרן מיטאַמאָל דעם גאַנצן מוט, דאָס פּנים איז אים געוואָרן נאָך מער טויט ווי תמיד, און אין האַרצן בא זיך האָט ער באַגראָבן דעם ברודער נעבעך אַף אייביק: „אוי, ביסט אַף צרות, דוד־לייב, אַז אָך און ווי איז דיר!"...

---

— הער נאָר אויס, דו, אָדם מענטש, צפור א פויגל, קאַטשקע רוק זיך! ווי קומסטו אַהער אין קאַטשומענט אַרײַן? וואָס פאַר א מעשה האָסטו פאַרשטופּט און ווער האָט דיך געמסרט?

אַזוי האָט זיך אָנגערופן בערל דער דוויטער צום נײַעם פאַרשוין, צו הענעך דעם בחור, און דער נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק האָט אים פונדערווײַטן געגומען באַטראַכטן פונעם קאָפּ ביז די פיס, ווי מען באַטראַכט א גנב, וואָס מע האָט אים נאָר־וואָס געכאַפּט מיט א גנבה. הענעך פון זײַן זײַט האָט באַטראַכט דעם נגיד, ווי א דולער, און פון גרויס התפעלות, וואָס ער זעט פאַר זיך אָט דעם נגיד, האָט ער אָנגעהויבן בעלעבעטשן מיט דער צונג, אַליין נישט געוווּסט וואָס ער רעדט. און בערל דער רויטער, וואָס איז פון תמיד אָן, ווי מיר ווייסן שוין, געווען א פריילעכער פאַרשוין, ליב געהאַט זאָגן ווערטלעך דעמאָלט אפילו, ווען ער האָט נישט געהאַט אַף שבת, האָט זיך דאָ איצט פאַרן נגיד אויסגעשטעלט, געמאַכט חוזק פונעם נאַרישן בחור, ווי דער שטייגער איז פון אָן אָרעמאַן, אַז ער באַגעגנט זיך מיטן אַנדערן אָרעמאַן, נאָך א גרעסערן שלים־מזל פון זיך, און בכדי דער נגיד זאָל האָבן פאַר־געניגן, טרעט ער צו יענעם מיט די פיס.

— ס'איז א מעשה דאָ מיט מיר, איך ווייס נישט אַליין נאָך וואָס, מײַן דוד־לייב, ווי איז מיר! טאָמער, איך ווייס, א קשיא אַף א מעשה, עטוואָס מער פון אַבצן איך, איז ער א פאַרפאַלענער חלילה...

אַזוי בעלעבעטשעט העגעך, דערציילט די מעשה, ווי אַרום ער קומט אַהער, און בערל דער רויטער שלאָגט אים איבער:

— וואָס פּאַטשטו מיט די ליפּן, דו שוטה בן פּיקהאָלץ? זאָג ווער־טער! מירקע, גיב לשון!

— איך זאָג וואָס מײַן דוד־לייב נעבעך, — מאַכט צו אים העגעך און שטעלט זיך פּלוצעם אָפּ אין מיטן און טוט אַ פרעג בײַ בערל דעם רויטן:

— ווי אַזוי זע אויס בײַ אײַך אַשטייגער אין די אויגן איך?

— ווי אַזוי דו זעסט אויס? דו זעסט אויס ווי אַ פּרא־אדם, — ענטפערט אים בערל און צעלאַכט זיך אַליין פון דער חכמה, און קוקט אָפּן נגיד, צי דער נגיד לאַכט אויך... דעם נגיד אָבער לאַכט זיך נישט. ער באַטראַכט דעם שלים־מזל העגעך, ווי ער גייט אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, און וווּנדערט זיך, צו וואָס, אַשטייגער, לעבט אַזעלכעס אויף דער וועלט?

— ניין! — זאָגט העגעך און קוקט מיט איין אויג אָפּן נגיד און מיט דער בעלמע אויף בערלען — נישט דאָס מיין איך! איך מיין, וויפל, אַשטייגער, וואָלט אַ י ר געגעבן מיר?

— וואָס געגעבן?

— יאָרן, הייסט דאָס, מיין איך.

— אַ? וויפל דו ביסט אַלט? איך רעכן, אַז נישט מער ווי אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, און אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק?

העגעך האָט פאַר הארצווייטיק און פאַר כעס אַזש אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און איז אָנגעפאַלן אויף בערל דעם רויטן, גלײַך ווי יענער האָט אים געוואָלט קוילען.

— משוגע, צי חסר דעה? וואָס רעדט איר וואָס? ערשט נישט לאַנג צוואַנציק דוד־לייב געוואָרן יאָר הייסט דאָס, און מיט דריטהאַלבן עלטער פון מיר סך־הכל, הײַנט דער חשבון אײַערער ווו איז? אַבי הייסט דאָס גערעדט!

און העגעך האָט בשעת מעשה אויסגעוויזן אַזוי וויסט, אַזוי טרויע־ריק, אויף זײַן פּנים איז געלעגן אויסגעצויגן אַזוי פיל רחמנות, אַז דער נגיד אַליין האָט זיך פאַראינטערעסירט און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— איר זײַט הייסט דאָס, צוויי ברידער, אַפּנים, ווי סע זעט אויס?

— צוויי ברידער מיט אַן אַלטער מאַמע הייסט דאָס, און אַ מיידל פון אַ יאָר דרײַצן דינט, און נאָך אַ ברודערל אַ קלענערס אין אַ קלייט

כלומרשט, און נאָך מיידלעך צוויי קליינע, מיט איינעם אין דער תּלמוד־תּורה אַ יינגעלע, און אַף זיין קאָפּ אַלע, און טאָמער חלילה וחס גייט אַוועק ער, מעגן נעמען די טאָרבעס מיר און גיין איבער די הייזער אַלע...

און הענעך דערציילט, ווי אַזוי ער קאָן, די גאַנצע מעשה מיטן פּריזיוו, מיט דער לגאָטע, וואָס, אַפּנים, עמעצער האָט אים געמסרט, אַז ער איז עלטער פֿון אַכצן יאָר, כאָטש ער קאָן גיין שווערן אַ שבועה דאורייתא, אַז ער איז נאָך נישט אַלט קיין אַכצן, נאָר עפּעס מעשה־שטן, ווי אַף צו להכעיס, שיט זיך אים, הענעכן, אַ באָרד, און אַלע זאָגן אַף אים, אַז ער זעט־אויס פֿון אַ יאָר צוואַנציק, אויב נישט מער; ווי באַלד אַזוי, האָט דאָך נישט דוד־לייב קיין לגאָטע אפילו אַ ברעקל נישט, היינט וואָס וועלן זיי טאָן, טאָמער חלילה „קריכט ער אַוועק"?...

און הענעך קערעוועט זיך אָפּ מיט דער בעלמע אַף אַ זייט, הייבט אָן הוסטן כלומרשט, שנייצט־אויס די נאָז און ווישט זיך די אויגן.

— נעבעך אַ רחמנות... — האָט זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט באָם נגיד.

— אַ שלים־מזל! — האָט אים בערל דער רויטער צוגעגעבן מיט אַ האַלב שמייכעלע, וואָס האָט באַדייט אי חוזק געמאַכט, אי רחמנות געהאַט. — ער, ווי איר קוקט אים אָן, איז אַ שלים־מזל, און דער ברודער זיינער — איך קען אים — איז גלאַט אַ צעקוועטשטער; ער טויג אַזוי פֿאַר אַ סאָלדאַט, פּונקט אַזוי ווי איך...

און בכדי מע זאָל זען, אַז ער, בערל דער רויטער, טויג טאַקע נישט פֿאַר קיין סאָלדאַט, שטעלט ער אַרויס דאָס קרומע פֿיסל זיינס.

## ה.

## דער עטאַפּ האָט געווירט

ביז דעם דאָזיקן טאָג, וואָס עס קומט פֿאַר אונדזער געשיכטע, און ביז דער לעצטער מינוט האָט זיך דעם טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּ־ליקער פֿון טעפּליק נישט געגלויבט, אַז מע וועט אים נעמען און שיקן מיטן עטאַפּ אין הייסין. ער האָט זיך די גאַנצע צייט געבריהט, געשריבן פּאַפּירן, געזוכט זכות־אבֿות. נאָר פּליסעצקי האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז אונדזער טעפּליקער נגיד זאָל מאַכן אַ שפּאַ־

ציר פון טעפּליק קיין הייסין מיטן עטאַפּ, און דווקא צופוס.

— טי פּאַידיאָש און מעניא מיט די רגלים! — האָט אים המן אי־וואַנאָוויטש געזאָגט האַלב אויף רוסיש און האַלב אויף לשון־קודש, ווי זײַן שטייגער איז. און ווי אויף צו להכעיס, איז דער טאָג געווען אַ ליכטיקער, אַ וואַרעמער זומער־טאָג. ווי אַ חתן פון דער חופּה איז אַרויסגעגאַנגען דער קײַלעכדיקער פֿײַערדיקער זון־קוגל, פרייליך ווי אַ גבור, אָנגעגרייט צו מאַכן די גרויסע הימלדיקע רײַזע, באַלײַכטן אַלעמען מיט זײַן שײַן און באַגיסן איטלעכן מיט זײַן וואַרעמקייט, קיינער וועט זיך נישט אויס־באַהאַלטן פון זײַן היץ, בשעת ער צעברענט זיך גוט און גליט אָן די ערד, ווי אַ קאַלך־אויוון. קרעמער האָבן איבערגעלאָזט זייערע קראָמען, בעלי־מלאכות — זייערע וואַרשטאַטן, מלמדים — זייערע חדרים, און מען איז געגאַנגען קוקן, ווי מע פירט דעם נגיד מיטן עטאַפּ. און די טעפּליקער יידן, באַטראַכט דעם נגיד, ווי ער שטייט מיט אָן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ, האָבן זיי געזאָגט איינס דאָס אַנדערע, אַז מע באַדאַרף זיך נאָר אַראָפּנעמען אַ מוסר; און אינעווייניק באַ זיך אין האַרצן האָט מען געקוועלט, דערלעבט אַ נקמה. רחמנות האָבן זיי נאָר געהאַט אויף בערל דעם רויטן נעבעך און אויף הענעך דעם בחור. פון דעם נגידס וועגן האָט מען אַרויסגעטראָגן געפּלאָכטענע קוילעטשן, געבראָטענע קאַטשקעס מיט נאָך אַנדערע מינים עסנווארג אין וועג אַרײַן. און בערל דעם רויטן האָט דאָס ווײַב מיט די קינדער געבראַכט צו טראָגן אַ בולקע, פּיש־קאַרטאָפּליעס מיט אַ זשמוט יונגן קנאָבל. נאָר איין הענעך איז געבליבן אָן אַ שום שפּײַז אין וועג אַרײַן; האָבן זיך אַרומגעקוקט ווילד־פרעמדע, זיך צונויפגעלייגט פאַר רחמנות און געקויפט פון זײַנעטוועגן אַ ברויט, אַ פּאָר פישלעך מיט ציבעלעס. און די אַלע מאכלים האָט מען איבערגע־געבן דעם עטאַפּ אויף די הענט, און דער עטאַפּ האָט דאָס אַלצדינג צוגענומען גאָר פרײַנטלעך, צוגעזאָגט, אַז ס'וועט זײַן גאַנץ, ס'וועט נישט געמינערט ווערן דערפון אַ האָר אפילו. און המן איוואַנאָוויטש האָט זיך באַוויזן באַ זיך אויפן גאַניק און אַ זאָג געטאָן צום עטאַפּ, ער זאָל רירן, און דער עטאַפּ האָט גערירט, און נאָך אים גאַנץ טעפּליק.

דער עטאַפּ איז באַשטאַנען פון איין לאָווריע דעם סאָטסקי, אַ האַ־ריקער נפש מיט אַ האָריקער סוויטקע, מיט אַ הויך האָריק היטל און מיט אַ גרויסן סוקעוואַטן שטעקן, פון אויבן מיט אַ גרויסער הילצערנער גאָלקע און פון אונטן מיט אַ שאַרף שטיק אײַזן ווי אַ שפּיז. די גע־

בראָטענע קאַטשקעס מיט די געזאַלצענע פישלעך האָט ער פאַרנומען אונטער איין אָרעם, די בולקעס מיטן קנאָבל מיט די שאָר ירקות — אונטערן אַנדערן אָרעם, דעם ראַפּאָרט האָט ער פאַרשטעקט פאַרנט אין בוזעם, און דער עולם האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין גיך, אַ סך גיכער, ווי מע קאָן זיך פאַרשטעלן. די גיכקייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אונדזערע אַרעסטאַנטן האָבן געוואָלט שוין פּטור ווערן, אַרויס גיכער פון דער שטאָט, געבעטן לאַוורען דעם סאָטסקי, ער זאָל צעטרייבן דאָס קליינוואַרג, וואָס האָבן זיך נישט געפוילט אַרויסבאַגלייטן זיי העט־ווייט, אַזש אַף יענער זייט מילן; האָט לאַוורע אויפגעהויבן דעם לאַנגן שטעקן מיטן אייזערנעם שפּיץ, און חברה קונדייסים זיינען זיך צעלאָפן, ווי די איבערגעשראָקענע פייגעלעך, און די אַרעסטאַנטן זיינען געבליבן אַליין אַפן פרייען פעלד, אויפגעהערט לויפן מיט אַזאַ אימפּעט, אָנגעהויבן מאַכן אַביסל קלענערע טריט און אַ שמועס געטאָן מיטן עטאַפּ מכוח צוזעצן זיך אַביסל אַפן גרינעם גראָז און אַביסל איבערכאַפּן דעם אָטעם.

דער עטאַפּ, דאָס הייסט לאַוורע דער סאָטסקי, איז גאָרנישט געווען אַזאַ שלעכטער מענטש. מע האָט דאָס באַ אים דווקא גיך געפּועלט, ובפרט, אַז ער האָט אַליין אויך געוואָלט אַביסל שוין אָפּרוען זיך און האָט שטאַרק חשק געהאַט איבערכאַפּן, פאַרזוכן פון יענע געבראָטענע קאַטשקעס, וואָס דער ריח האָט אים אַ גאַנצן וועג געקיצלט אין נאָז. פון די יידישע קוילעטשן האָט ער שוין אַפילו געפּרוווט אָפּברעכן אַ פּאָר שטיקלעך און האָט געפונען, אַז זיי זיינען גאַנץ גוט אַפן טעם; אויך פון די פישעלעך האָט ער פאַרזוכט, וואָס אינאיינעם מיטן קנאָבל איז דאָס געווען גאַנץ נישקשהדיק. און מחמת די אַרעסטאַנטן זיינען געגאַנגען פריער און דער עטאַפּ פון הינטן, האָבן די אַרעסטאַנטן נישט באַמערקט, אַז דער עטאַפּ קייט, און אַז זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָבן זיי צווישן זיך איבערגעשמועסט זיך אַף יידיש.

— דער ערל אַכלט גאַנץ געשמאַק. — זאָגט דער נגיד און קוקט אַף לאַוורען, ווי ער קנייפּט דעם קוילעטש און רוקט אין פּנים.

— זאָגט כאָטש „קיין עין־הרע נישט“. — מאַכט בערל דער רויטער פריילעך, ווי זיין שטייגער איז. — איך קאָן אייך שווערן בנאמנות, אַז איך האָב, אַף אים קוקנדיק, באַקומען אַפּעטיט צום עסן. וואָס זאָגסטו, הענעך? סע חלשט דיר נאָך נישט אונטערן טלית־קטן?

הענעך דער בחור האָט אַ געשמאַקן שלונג געטאָן די שליים, ווי אַן

אָקס בשעת ער איז מעלה גרה, און דערבײַ א זאָג געגעבן אַף זײַן אײַ־בערגעקערטער שפּראַך:

— זאָגן שטאַרק קאָן איך נישט, אַז איך בין הונגעריק, נאָר אין מויל, מהכתיתי, עפּעס געגומען וואָלט איך, ס'זאָל זײַן וואָס.

— באַ מיר איז פאַראַן אַלצדינג — רופט זיך אָן דער נגיד און כאַפּט אַ קוק אַפן עטאַפּ.

— באַ מיר, אָן אַביסל בראָנפן, הייסט נאָך נישט אַלצדינג — מאַכט בערל דער רויטער און חזרט דאָס איבער מיט אַ כיוון נאָכאַמאָל אַף רוסיש, בכדי דער ערל זאָל פאַרשטיין פון וואָס מע רעדט.

— טשי פּראַוודאַ, לאַוורע, שאָ בעז הורילקי שאָ בעז זובאָוו?*

— טוט בערל דער רויטער אַ מאַך צום עטאַפּ.

— אַווזשעזשו!** — ענטפערט אים דער עטאַפּ גאַנץ ערנסט.

און מע האָט זיך אַזוי לאַנג איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, ביז ס'איז געבליבן באָם עולם: אַזוי ווי ס'איז נישט ווײַט פון דאַנען קיין גראַנאָוו, סך־הכל אַ פּאָר ווערסט, זאָל איינער פון די אַרעסטאַנטן, הענעך דער בחור געוויינטלעך, ער איז יונגער, אַ שפּרונג טאָן אהינצוצו אַף איין פוס און ברענגען אַ פלעשל בראָנפן, און די איבעריקע צוויי אַרעסטאַנטן, שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק און בערל דער רויטער, נעמען אים אַף זיך, אַף זייער ערבות, אַז ער וועט נישט אַנטלויפן. און מע האָט זיך צוגעזעצט אַפן גראָז אין מיטן פעלד, אַף אַ בערגל אונטער אַ בוים, בײדע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס, און דער עטאַפּ האָט זיך באַזעצט נעבן זיי און געקוקט אהין, אַפן וועג קיין גראַנאָוו.

## ו.

## ער דערמאָנט אים אַלטע חטאים

ווען איך זאָל זײַן אַ מאָלער אָדער כאָטש אַ פאָטאָגראַף, וואָלט איך אַראָפּגענומען די דאָזיקע גרופּע, די דרײַ נפשות, וואָס זיצן זיך אַזוי שיין אין מיטן פעלד, אַפן בערגל, אונטער אַ באַרנבוים מיט קליינע גרינע

---

*) ס'איז אמת, לאַוורע, אַז אָן בראָנפן איז ווי אָן צײַן?

**) אַוודאי.

בלעטלעך, אַ בוים, וואָס סע וואַקסן אויף אים פעלד־באַרלעך, יענע מינים באַרלעך, וואָס זײַנען האַרטער פון שטיינדלעך, און וואָס מען קאָן זיי ניט נעמען אין מויל אַרײַן, און וואָס מע ווייס נישט, אויף וואָס האָט זיי גאָט באַשאַפן אויף דער וועלט... צווישן לאַוורע דעם סאַטסקי מיט דעם הויכן האָריקן היטל פון איין זײַט און בערל דעם רויטן מיטן קרומען פוס און מיטן רויטן רירעוודיקן פּנים מיט ווײַמפּערלעך פון דער אַנדערער זײַט, האָט אונדזער טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק מיט די קליינע אייגעלעך און מיטן שיטערן בערדל, מיט דער נײַער שוואַרצער געוואַנטענער קאַפּאָטע און מיטן שבתדיקן זײַדענעם קאַשקעט אויפן קאָפּ, אויסגעזען ווי אַ מחותן צווישן בעלי־בתים, אָדער ווי אַ געהויבענער פּאַר־שוין צווישן פּראָסטע מענטשן, וואָס האָבן די ערע צו זיצן מיט אים אינ־איינעם. אַזאַ מענטש ווייס שוין, ווי אַזוי זיך צו האַלטן, דאָס הייסט, האַלטן האַלט ער זיך כּלומרשט פּראָסט, כּלומרשט גלײַך מיט אַלעמען, נאָר פּאָרט נישט דאָס, וואָס אַלע. פון וואָס ער וויל, פון דעם רעדט מען, וואָס ער זאָגט, באַדאַרף מען הערן, און אַז יענער רעדט, מעג ער איבערשלאָגן אין מיטן.

— וואָס זאָגט איר אויף דער היץ? — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו בערל דעם רויטן מיט אַ זיפץ און אַ קוק געטאָן אַרום און אַרום, פּאַרקאַ־טשעט די אַרבל ביז די עלנבויגנס און זיך געפּאָכעט מיטן זײַדענעם קאַש־קעטל איבערן קאָפּ.

— יאָ ס׳איז נישט קאַלט — האָט אים בערל געענטפערט און אויך אַ קוק געטאָן אַהין, וווּ דער נגיד קוקט.

— ס׳זאָל כאָטש נישט זײַן קיין רעגן — טוט זיך דער נגיד ווײַטער אַ זאָג און אַ קוק אַרויף אויפן הימל.

— יאָ, עס פּאַסט אונדז טאַקע צו די זײַדענע קליידער! — גיט אים נאָך בערל און קוקט אַהין, וווּ דער נגיד קוקט.

— ניט קיין שלעכטער ערל אונדזער שומר — זאָגט זיך ווײַטער דער נגיד און קוקט אויף אַ לאַנגן וואָגן אַ ליידיקן, וואָס פּאָרט־דורך פאַרבײַ מיט אַ פּאָר גרויסע אָקסן און אַ קליין שייגעצל זיצט אויפן וואָגן און דרייט מיט דער בײַטש.

— אונדזער שומר? — מאַכט בערל און קוקט אַהין, וווּ דער נגיד קוקט. — עס מעגן זײַן פּאַר אים די כּפּרה דרײַ ייִדן אַזעלכע, וואָס גייען מסרן אַן אָרעמאַן, אַז ער מאַכט עטלעכע פלעשלעך ווײַן פון ראָזשינקעס

און צעטראָגט זיי צווישן באַקאַנטע אַף קידוש און לעבט דערפֿון מיט ווײַב און קינדער שוין כּמה וכּמה יאָרן.

— ווי מיינט איר? — שלאָגט אים איבער דער נגיד אין מיטן די רייד און קוקט אַפֿן וועג, וואָס גייט קיין גראַנאָוו. — ווי מיינט איר? ער קאָן נישט פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן, מיין איך מאַכן פּליטה, אָט דער דאָזי־קער בחור, ווי אַזוי רופֿט איר אים?

— אָט דער שמינדער בגעץ? — מאַכט בערל און קוקט אַפֿן וועג, וואָס גייט קיין גראַנאָוו. — ער האָט דען עפּעס חוטא בעגל געווען, געטאָן אַ קרימינאַל, וואָס ער זאָל דאַרפֿן אַפּטרעטן? ער איז אַזאַ פֿאַרברעכער, פּונקט אַזוי ווי איך, למשל.

— וואָס קאָן אײַך, אַשטייגער, קומען פֿאַר אַזאַ מעשׂה? — טוט אים דער נגיד אַ כאַפּ און קוקט אַף בערלען פֿון אויבן אַראָפּ מיט איין אויג; דאָס אַנדערע האָט ער צוגעמאַכט, קײַט בשעת מעשׂה אַ גרעזל אונטער די ציין.

— פֿאַר וואָסער מעשׂה? פֿאַרן ראָזינקעס־ווײַן? קיין „רעסטאַנסקע ראָטע" פֿאַר דעם „קרימינאַל" אוודאי נישט. נאָר איך ווייס, וואָס מע קאָן אַף מיר אַרויפֿלייגן פֿאַר אַ שטראָף? לאָז מען מיך שטראָפֿירן — וואָס הער איך זיי? וואָס וועט מען בא מיר נעמען? דעם דלות? סײַדן זיצן? מילא, וועלן מיר זיצן אַ פּאָר טעג. למאַי א י ר ? איר זײַט דאָך עפּעס, קיין עין־הרע, אַ ייִד אַ נגיד, כ'לעבן! איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת, רב שלום־בער, האָט קיין פֿאַראיבל נישט, איך אַף אײַער אָרט וואָלט נישט געזעסן אין „חדר" איבער אַזאַ נאַרישקייט, איבער אַ פּאָמעניצע גאָר. ערשטנס, וואָלט איך נישט געפֿירט מיט פּאָליציע קיין עקשנות, און צווייטנס, ווען איך בין אין אײַער שטאַנד, וואָלט מען מיך נישט געפֿירט מיטן עטאַפּ פֿאַר אַזאַ זאַך. טעפּליק אַליין וואָלט דאָס גאָר ניט באַדאַרפֿט דערלאָזן, אַז דער נגיד פֿון שטאָט זאָל גיין מיטן עטאַפּ, ווי אַ פּראָסטער מענטש, גלײַך מיט אַלע קבצנים...

אין אַן אַנדער צײַט וואָלט בערל דער רויטער פֿאַר אַזאַ שפּראַך געקאָנט כאַפּן אַ מיאוסן פּסק פֿונעם טעפּליקער נגיד; ער וואָלט געוויס „געעפֿנט בא אים מיטן קאָפּ די טיר" פֿאַר אַזעלכע ווערטער. נאָר איצט, גייענדיק מיטן עטאַפּ קיין הייסין, האָט שלום־בער מקבל באהבה געווען אַף זיך אַלצדינג. איצט האָט מען אים געקאָנט זאָגן וואָס מע וויל. און בערל דער רויטער האָט זיך גערעכנט מיט אים, ווי ווײַט ער האָט נאָר

געקאָנט, און דווקא מיט גוטע ריידעלעך, דווקא נישט געקריגט זיך. ער האָט זיך צוגערוקט מיט זײַן קרומען פוס צום נגיד אַזוי נאָענט, אַז דער נגיד האָט זיך געמוזט אַביסל אָוועקרוקן פון אים, און בערל האָט אָנגע־הויבן בזו הלשון:

— איר ווייסט, רב שלום־בער, פון ווען אָן מיר קענען זיך שוין? מיר קענען זיך שוין פון אַ צײַט מיט יאָרן! איך געדענק אײַך, אַז איר זײַט נאָך געווען אָט אַזאַ ווערוריקל (בערל האָט באַוויזן מיט דער האַנט הארט בײַ דער ערד). איר באַדאַרפט זײַן אין מײַנע יאָרן, אפשר עלטער מיט אַ יאָר אָדער צוויי, און איר דאַרפט מיך געדענקען, וואָרעם מײַן זיידע און אײַער פאָטער זײַנען געווען... שרעקט זיך נישט, נישט קיין קרובים, דאָס הייסט, אפילו יאָ שטיקלעך שני־שבשלישים, זייער ווײַטע קנעפּלעך פון דער מאַמעס צד, נאָר גאַנץ נאָענטע שכנים אין אַלטן בית־המדרש, אַ שטאָט אַקעגן אַ שטאָט, אײַער פאָטער אין מזרח־וואַנט און מײַן זיידע איז שפּיגל־באַנק, אַזוי אַז איר פלעגט זיך שטעלן שמונה־עשרה, האָבן מיר אײַך געזען פון הינטן. איך געדענק נאָך אפילו אײַער פאָטערס אַטלעסענע, גלאַנצנדיקע פלייצע מיט די ברייטע אַקסלען, מיט דער גרויסער זילבערנער עטרה פונעם טלית, און מײַן זיידע, רב נפתלי דער ווײַנער, איר דאַרפט אים געדענקען, פלעגט אָנרוקן דעם געלן טלית איבערן קאָפּ און מיך קנײַפּן, איך זאָל אַרײַנקוקן אין סדור אַרײַן, וואָרעם איך האָב אַזוי געוואָלט דאַווענען מסתמא ווי איר. איך האָב גאַנץ גוט געזען, — איך בין דאָך געשטאַנען פון הינטן — אַז בשעת שטילע שמונה־עשרה האָט איר גאָר געקוקט אַראָפּ אויף די שטיוועלעך, וואָס האָבן בײַ אײַך געסקריפּעט, און ווי אַזוי האָב איך אײַך, למשל, מקנא געווען אויף אײַערע תמיד נײַע שטיוועלעך, אַז מײַנע זײַנען געווען תמיד אַלט, שטענדיק מיט לאַטעס, וואָרעם איבער מײַן קראַנקן פוס האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט האָבן קיין רעכטע שטיוול, און איבער דעם דאָזיקן קראַנקן פוס האָב איך תמיד געהאַט צרות: אַ חוץ וואָס ס'איז מיר שווער געווען צו גיין, פלעגט מען נאָך פון מיר שטענדיק לאַכן און רופן מיך „קריוואַק" און נאָכקרימען זיך מיר, ווי איך גיי, און מער פון אַלע טאַקע איר, רב שלום־בער, ס'זאָל אײַך צו קיין חרפּה נישט זײַן, מיט נאָך אַזעלכע נגידישע קינדער, פאַנסקי צאַפּיקלעך, ווי איר...

— איך? — טוט זיך דער נגיד אַ כאַפּ און דערמאָנט זיך, אַז

ס׳איז אמת, מע פלעגט אים טאַקע נאָכמאַכן, ווי ער שפּרינגט אַף איין פוס.

— דאָס נאָכמאַכן אַליין וואָלט נאָך געווען נישקשה; איר פלעגט מיך נישט וועלן אַרײַננעמען אין דער חברה, מיך טרײַבן מיט שטעקנס און אָנטרעטן מיר אַפן קראַנקן פוס, זיך שטעלן כלומרשט אומגערן מיטן אָפּצאַס אַף די פינגער, אַזוי אַז איך זאָל פילן, איך זאָל טאַקע שרײַען. פלעג איך שרײַען, און איר פלעגט לאַכן, זיך האַלטן בּאַ די זײַטן...

— דאָס טראַכט איר אוים שוין מסתמא פונעם קאָפּ, — רופט זיך אָן צו אים דער נגיד און ווערט רויט פאַר בזיון, וואָס ער פלעגט זיך אַזוי רעכענען מיט אַ קאַליקע, און ער דערמאָנט זיך, ווי אַזוי ווילד געבאַלעוועט ער איז געווען קינדווײַז, געקאָנט טאָן וואָס ער האָט גע־וואָלט.

— אַ סימן וועל איך אײַך זאָגן: איך האָב דערציילט דעם זיידן, האָט דער זיידע דערציילט אײַער פאָטער, האָט אײַער פאָטער נישט געוואָלט גלייבן און האָט זיך צעשריִען אַף מײַן זיידן, אַז זײַן זון איז אַ שטיל קינד און וועט זיך נישט אָנהייבן מיט „קבצנישע קינדער“. איר הערט? ק ב צ נ י ש ע  ק י נ ד ע ר !... פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָר געוואָרן, ווער איך בין, אַז איך בין אַ קבצניש קינד... האָב איך אומיסטנע געפרעגט דעם זיידן, וואָס דאָס באַדײַט. האָט מיך דער זיידע קלאָר געמאַכט, וואָס הייסט אַ קבצניש קינד און וואָס הייסט אַ נגידיש קינד. נאָר איך האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס מעג אַ נגידיש קינד אָנטרעטן אַ קבצניש קינד אַפן פוס, און אַ קבצניש קינד באַדאַרף שווײַגן? האָב איך געפרעגט דעם זיידן. האָט מיר דער זיידע געזאָגט: דערפאַר, ווײַל אַ נגיד איז נישט קיין קבצן און אַ קבצן איז נישט קיין נגיד, דאָס הייסט, אַ נגיד איז אַ נגיד און אַ קבצן איז אַ קבצן... האָב איך דאָס נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און האָב אַ קוק געטאָן דעם זיידן אין די אויגן אַרײַן, טאָמער וועל איך עפּעס פון די אויגן געוואָר געווען אַ פּשט צו די ווערטער. האָב איך אָבער פון זײַנע אויגן נישט אַרויסגעזען גאָרנישט! איך האָב נאָר אַרויסגעזען ווי אַ טונקעלע כמאַרע אַף זײַן פּנים און קנייטשן אַפן שטערן, און ווײַטער גאָרנישט... און איך באַדאַרף זיך מודה זײַן פאַר אײַך, ס׳איז דאָך שוין אַן עברדיקע זאַך: איך האָב פון דעמאָלט אָן פײַנט געקראָגן אַלע נגידים מיט אַלע נגידישע קינדער, און מער פון אַלע האָב איך פײַנט געקראָגן אײַך...

— מיך? — דער נגיד האָט זיך אַזש אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרצן.

— איַיך, איַיך! איר זיַיט דאָך דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ יִינגל, האָט קיין פּאַראיבל נישט — אַ שנעק; מיר זיַינען ביידע, הייסט דאָס, געווען דעמאָלט נאָך יונגע וועוריקלעך; און נאָכדעם אַפּילו, אַז מיר זיַינען אונטערגעוואַקסן, געוואָרן ביידע בר־מצווה־יִינגלעך, בחודימלעך שוין, האָט איר זיך גאָר אָפּגעקערעוועט פון מיר, זיך געמאַכט גליַיך ווי איר קענט מיך נישט, מורא געהאַט קוקן אַף מיר, טאָמער זאָג איך איַיך אַ גוט שבת, וועט איר מיר חלילה דאַרפן ענטפערן אַ גוט יאָר, האָט איר געזשאַלעוועט, אַפּנים; עס האָט איַיך נישט געלוינט....

דער טעפּליקער נגיד, שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק, האָט זיך אַזש אַ רוק געטאָן אַפן אָרט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איי־נער רעדט: „מאַלט איַיך, ס'איז נישט אַזוי די מעשה"... און באַ זיך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ס'איז מעגלעך, וואָרעם זיַין פאָטער פלעגט אים זאָגן שטענדיק, אַז ער איז נישט גליַיך צו אַנדערע יִינגלעך...

— האָט קיין פּאַראיבל נישט, רב שלום־בער, אַ נאַרישקייט גע־דענקט זיך. אַף מיַין ערשטער חתונה (איר האָט פריִער חתונה געהאַט פאַר מיר) האָב איך איַיך געשיקט אַ חתונה־צעטל, האָט איר אַפּילו נישט געענטפערט מיט קיין בריוו.

— כ'לעבן, איך געדענק נישט...

— ווי קומט איר געדענקען? למאַי איר געדענקט נישט דאָס אויך מסתמא, אַז איך בין, נישט היַינט געדאַכט, דאָס ערשטע מאָל געבליבן אַן אַלמן, האָב איך געשיקט מיַין פאָטער יאָסען (דער זיידע איז שוין דעמאָלט געווען אַ שוכן־עפר), ער זאָל איַיך זאָגן, אַז איך בין געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער, ווי אַפן וואַסער, האָט איר אים געענטפערט, אַז איר זיַיט אַ יונגערמאַן, וואָס קאַטאָרי מישט זיך נישט אין קהלשע זאַכן...

— א י ך האָב אַזוי געענטפערט? זעט נאָר, צי איַיער פעטער יאָסע האָט איַיך נישט דערציילט, מחילה, קיין ליגן...

— עס קאָן זיַין, אפשר זיַיט א י ר גערעכט... איך ווייס נאָר, אַז איר האָט מיר נישט געהאָלפן נישט דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל און נישט דאָס אַנדערע מאָל, אַז איך בין, נישט היַינט געדאַכט, אָפּגעברענט געוואָרן, אַרויס ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, און אויך שפּעטער, אַז מיר האָבן זיך באַגעגנט איינמאָל אין הייסין אַף דער אכסניה, אויב איר

געדענקט, בשעת יריד, איר זײַט געקומען צו פֿאָרן קויפֿן, דאַכט זיך, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אַ פּאָר פֿערד, און אפֿשר אַ בהמה, און אפֿשר גאָר פֿאַרקויפֿן קאָרן? —

דער נגיד רײַבט זיך דעם שטערן, ווי אַ מענטש, וואָס וויל זיך דערמאָנען אַ זאַך, וואָס ער געדענקט נישט, און ס'איז אים אַ חידוש, וואָס ער האָט דאָס שוין לאַנג פֿאַרגעסן און יענער נישט. און עס שטייט אים נישט אָן די מעשה, וואָס בערל דער רויטער, וואָס אין טעפּליק וואָלט ער גאָר נישט האָבן די זכיה מיט אים צו ריידן צוויי איבעריקע ווערטער, זאָל האָבן די העזה אים אויסצוזעצן דאָ די פּעלערן, דערמאָנען אים אַלטע חטאים! און סע שטייט אים נישט אָן די מעשה, און ער וויל עפּעס אָנהייבן ריידן, קומט אָן הענעך פֿון גראַנאָוו מיט אַ פּלעשל בראָנפֿן, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם, אַזוי איז ער געלאָפֿן, מורא געהאַט, טאָמער פֿאָרט עמעצער אָן און מע פּאַקט אים מיטן בראָנפֿן. און אַלע דרײַ פֿאַרבערעכער זעצן זיך צו דער סעודה, נעמען פֿריִער צו קאַפּלעך בראָנפֿן, זײַנען מכבד אויך דעם עטאַפּ מיט אַ פּאָר גלעזלעך; דער עטאַפּ זאָגט זיך נישט אָפּ, נאָר ער פֿאַרקרימט זיך, ווישט־אָפּ מיט דער האָריקער סוויטע די גראָבע וואָנצעס און שיקט־אָפּ צו אַלדי שוואַרצע יאָר גראַנאָוו מיט זײַן שטאַרקן בראָנפֿן.

— דוזשע הירקאַ, נעכײַ יאָמו סים טשערטיוו!* — מאַכט לאָווּרע און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אַ מענטש, וואָס גיט זיך אַ נדר, אַז מער זאָל ער שוין אין מויל אַרײַן נישט נעמען קיין טראָפּן אפֿילו! פֿונדעסטוועגן, אַז ס'איז געקומען נאָך די פֿיש און מע האָט זיך גענומען צו דער קאַטשקע, האָט מען אים פֿאָרט אײַנגעבעטן, ער זאָל נעמען אַ גלעזל. עס האָט זיי טאַקע געקאָסט אַביסל מי, נאָר מע האָט בײַ אים געפּועלט, ער זאָל דאָס אויסטרינקען ביזן דנאָ, מחמת מע וויל אים אָנגיסן נאָך אַ גלעזל.

איבערגעביסן, האָט זיך דער עולם צוגעלייגט אַביסעלע אונטערן שאָטן פֿונעם באַרנבוים, נישט חלילה דרעמלען, נאָר גלאַט אַזוי קוקן אַרויף אין בלויען הימל אַרײַן, זען ווי קליינע כמאַרעס רוקן זיך אָן, צערײַסן זיך, ווערן צעגאַנגען אַזוי ווי רויך, און אַ מחנה וואָראָנעס, וואָס האָבן זיך

---

*) צו ביטער, זיבן רוחות זאָל אים זײַן.

אויסגעמושטירט אין צוויי פּאַסן, ווי אַ דל״ת, שוועבן און שטייען אַף איין אָרט.

ליגן מיטן פּנים אַרויף און קוקן אין הימל אַרײַן נאָכן עסן איז אַ טײַערע סגולה אַף צו אַנטשלאָפן ווערן. דער ערשטער האָט דאָס באַוויזן דער עטאַפּ אַליין, וואָס ס׳האָט זיך גיך געלאָזט הערן פון אים אַ מוראדיקער כראָפּ, ווי פון אַן איבערגעשראָקן פערד, און תיכף נאָך אים האָט זיך געלאָזט הערן אַן אַקאָמפּאַנימענט פון הענעכס נאָזלעכער, וואָס האָבן אויך געאַרבעט נישט שלעכט, כאָטש ער האָט זיך אַלע מאָל אַליין אויפגעכאַפּט פון זײַן כראָפּען און געבעלעבעטשעט מיט דער צונג, ווי זײַן שטייגער איז:

— אײַנגעמידט זייער וואָס בין געלאָפן איך פיר ווערסט גוטע, אַלץ מורא געהאַט טאָמער חלילה פאָרט ער אָן און פּאַקט מיך, דער פּריסטאַוו הייסט עס...

נאָר דער טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק און בערל דער רויטער זײַנען נישט געשלאָפן. דער נגיד האָט זיך שטאַרק פאַר־אינטערעסירט צו וויסן, וואָס פאַר אַ בקשה האָט צו אים בערל געהאַט דעמאָלט אין הייסין אַפן יריד. און בערל דער רויטער האָט אים צוליב געטאָן און האָט אים דערציילט די מעשה, וואָס מיר גיבן זי איבער מיט זײַן אייגענער שפּראַך, וואָרט באַ וואָרט.

## ז.

## אַ נאַרשיקייט געדענקט זיך

— האָט קיין פאַראיבל נישט, אַ נאַרישקייט געדענקט זיך. — אַזוי הייבט אָן בערל די מעשה מיט אַ לעבעדיקן טאָן, ווי זײַן שטייגער — געקומען בין איך קיין הייסין נישט אַפן יריד; מײַנע אָקסן האָבן זיך נאָך געהאָדעוועט און מײַנע שיפן אַפן ים זײַנען נאָך געווען ווײַט. וואָס־זשע האָב איך געטאָן אין הייסין אַפן יריד, ווילט איר וויסן? איך בין געקומען אָנקוקן אַ חתן פאַר מײַן מיידל, די עלטערע הייסט עס, פונעם ערשטן ווײַב. כ׳האָב מיך מיישב געווען, פאַרשטייט איר מיך, דאָס ערשטע קינד, אַ יתומה, כאָטש אפילו אַ יונג קינד, נאָר אַ שטיפ־מאַמע פּיקט אין קאָפּ אַרײַן, איך זאָל זי חתונה מאַכן, כאָטש פרעגט

זי, וואָס וועט איר אַרויסקומען, אַז איך וועל זי שוין חתונה מאַכן? ווער וועט איר העלפֿן קאָכן און באַקן און צוואָגן די קליינע קינדער, און וועמען וועט זי שילטן, טראָגן פֿאַר די צעפּ? נאָר גיי רייד מיט אַ ייִדענע! בקיצור, ס'איז געבליבן חתונה מאַכן. נאָר ס'איז גרינג צו זאָגן: חתונה מאַכן! מיט וואָס? מיט די פֿינף פֿינגער? אין אונדזער גראַד, ווי נישט ווי — אויסקליידן דאַרף מען. עס רעדט זיך אַזוי „אויסקליידן"; מיינען מיינט מען אַ קליידל אַ סיצנס, און אַ פּאָר שיך און זאָקן, און העמדער כאָטש אַ האַלב טוץ, און פֿון בעט־געוואַנט שמועסט מען נישט, אַ פּאָר קישנס, אַן איבערבעט, אַ שטיקל קאָלדרע... און ווי אַזוי, איך בעט אײַך, גיט מען נישט כאָטש אַזאַ הונדערטער נדן? און דאָ איז נישטאָ קיין הונדערט קאָפּיקעס אַפֿילו. און ווי אַף צו להכעיס, זעצט ער מיר מיט בריוו, משה־אהרן דער שדכן, ימח שמו, איר דאַרפֿט אים קענען, איין בריוו נאָכן אַנדערן, אַז ס'איז פֿאַראַן אין הייסין, שרײַבט ער מיר, אַז אַנטיקל, אַ מציאה, איינס באַ גאָט, דאָס אַנדערע באַ יענקל דעם סטאָלער, אַ בחורל פֿון געמיינעם גראַד, נאָר אַ געראָטענער, מיט לערנען און שרײַבן און מיט שפּילן אַפֿן פֿידל — סע עקט זיך גאָר די וועלט מיט אים! שרײַב איך אים אַוועק, משה־אהרנען הייסט עס, אַ בריוול, אַז ערשטנס, האַלט איך נאָך נישט באַ קיין שדוך, צווייטנס, דאַרף איך וויסן, וויפֿל וויל ער נדן, טאָמער איז דאָס נישט פֿאַר מײַן בײַטל? און דריטנס, לאָז קומען יענקל דער סטאָלער פֿריִער אָקאָרשט אָנקוקן די כּלה... קומט מיר אָן צוריק אַ בריוו פֿון אים טאַקע, פֿון משה־אהרנען הייסט דאָס, אַז דאָס, וואָס איך שרײַב, אַז איך האַלט נישט באַ קיין שדוך — איז בלאָטע, וואָרעם ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז אַ מיידל איז נישט קיין ייִנגל — וואָס זאָגט איר אַף זײַן אויפֿטו? — און דאָס, וואָס איך פֿרעג זיך נאָך מכוח נדן, איז דאָס גלאַט, זאָגט ער, פֿון מיר אַ גרויס נאַרישקייט. מע רעדט דען פֿון אַן אָקס, מע זאָל זיך, זאָגט ער, דאַרפֿן דינגען? אַזוי טאַקע שרײַבט ער מיר. און מכוח אָנקוקן מײַן טאָכטער איז, זאָגט ער, אַן איבעריקע זאַך גאָר. וואָרעם ס'איז גלײַך ווי אָנגעקוקט. געווען עפּעס איינער אַ הייסינער באַ מיר אין שטוב, קאָן ער זיך, זאָגט ער, גאָר פֿון איר נישט אָפּלויבן! בקיצור, בריוו אַהער, בריוו אַהין — איך האָב גענומען די פּיס אַף די פּלייצעס און האָב עולה רגל געווען, צופֿוס הייסט דאָס, קיין הייסין. געקומען קיין הייסין און דערזען דעם בחור, בין איך צו אים צוגעזאָדן געוואָרן! וואָס זאָל איך אײַך זאָגן?

איך האָב נאָך אַזאַ מין אַנטיק זינט איך לעב, זינט איך שטיי אַף מײַנע פיס, נישט געזען און נישט געהערט אפילו! מילא, אַ פּנים — אַ פּרינץ; אַ קאָפּ — אַ מיניסטער; אַ מויל — פּערל; אַ האַנט — גאָלד! דאָס לערנט, דאָס רעדט, דאָס שרײַבט און דאָס לייענט — אויסקושן דאַרף מען אים איטלעכס אבר! הײַנט שפּילט דאָס אַפֿן פידל — אַ כּפּרה, הערט איר, אַלע שפּילערס מיט אַלע כּלי־זמר פון דער וועלט! איך ווייס גאָרנישט, ווו ווערט אַזעלכס געבוירן? וואָס טויג אײַך, ער האָט מיך געפּלעפט, דער שקאָץ, און איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, אַז ס'זאָל זיך קערן די וועלט, איך מוז אים נעמען פאַר אַ חתן! נאָר גיי נעם, אַז סע נעמט זיך נישט! נישטאָ מיט וואָס, כאָטש לייג זיך און שטאַרב! איין הונדערטער איך זאָל כאָטש האָבן, דאָס הייסט, כאָטש אַף איבער־דרייען זיך, איר פאַרשטייט אַ מעשה? וואָרעם דעם בחור אַליין האָט נישט אויסגעמאַכט גאָרנישט, גיב אים יאָ, גיב אים נישט; דער סטאָלער, ימח שמו, האָט זיך אָבער געשטעלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, עס מעג קומען די בת־מלכּה אַליין, וועט ער אים אָן נדן נישט לאָזן גיין צו דער חופּה, מע זאָל אויפלויפן. „רב משה־אהרן, זאָג איך, וואָס שווײַגט איר?" „וואָס, זאָגט ער, זאָל איך שרײַען? גיט זיך עפּעס אַן עצה, זאָגט ער, וואָרעם ס'איז שלעכט. מיט דעם סטאָלער, זאָגט ער, וועט איר גאָרנישט מאַכן, ס'איז אַ ביטערער יונג, איך האָב אים שוין, זאָגט ער, אַליין געוואָלט געבן נעכטן מיטן העבל איבערן קאָפּ!" איר הערט ווערטער? און דאָ דער חתן דרייט זיך פאַר די אויגן, נעמט צו בײַ מיר אַ שטיק חיות. איך פיל, אַז ממש איך עק זיך, איך גיי אויס, איך שטאַרב. אָט־אָט שטאַרב איך!... דערווײַל, איך טו אַ קוק אַף דער אכסניה — רב שלום־בער טעפּליקער! גאָט אַליין, טראַכט איך מיר, האָט אײַך געבראַכט! און איך בין נישט פויל אַף דער פעןן און גיי־צו צו אײַך און שטעק אײַך אָפּ אַ ברייטן שלום־עליכם, אַשטייגער, ווי דאָ אַצינד. וואָס מיין איך? איך מיין, אַז מסתמא וועט איר מיך אַ פרעג טאָן, וואָס טו איך אין הייסין? וועל איך אײַך זאָגן — אַ שידוך; וועט איר מיך פרעגן: וואָסער שידוך? וועל איך אײַך זאָגן — מיט יענקל דעם סטאָלער; וועט איר פרעגן: וואָס גיב איך נדן? וועל איך אײַך זאָגן — אָט דאָס איז טאַקע דער גאַנצער אומגליק, וואָס דער סטאָלער הייסט זיך אַנידערלייגן אַ הונדערטער, און איך האָב אַ פײַג, נישט קיין הונדערטער — וועט שוין זײַן רעכט, איר פאַרשטייט, צי ניין? ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז

איר האָט מיך אַפילו נישט אָנגעהויבן צו פרעגן, וואָס איך טו אין הייסין? האָב איך מיך נישט געפוילט און האָב אײַך אַליין דערציילט, אַז איך בין געקומען נישט צוליב דעם יריד, נאָר מכח אַ שידוך. וואָס האָב איך געמיינט: ווי ווערט איר מיך נישט אַ פרעג טאָן, וואָסער שידוך? וועל איך אײַך זאָגן: מיט יענקל דעם סטאָלער; וועט איר פרעגן: וואָס גיב איך נדן? וועל איך אײַך זאָגן — הערסטו, אָט דאָס איז דאָך דער גאַנצער אומגליק!... צום סוף — ווער? וואָס? איר הייבט אַפילו נישט אָן צו פרעגן! בין איך מיך מיישב און דערציילט אײַך אַליין, ווער דער שידוך איז, און לויב דעם בחור אין טאָג אַרײַן, ווי דער אמת איז. הקיצור, איך רייד און איר שווײַגט! איך זע אַרויס, אַז מײַנע ווערטער קריכן אײַך, אַפּנים, ווינציק־וואָס אין קאָפּ אַרײַן, ווי זאָגט מען, אין איין אויער אַרײַן, פונעם אַנדערן אַרויס; האָב איך מיך מיישב געווען: וואָס וועל איך דאָ שפּילן פּאָליטיק? אָמער, לאָם איך שוין אָפּזאָגן אַלצדינג, ווי זאָגט איר, אַ צאָן אַרויסרײַסן — מיטן וואָרצל! אַוודאי האָט איר מיר דעמאָלט אָפּגעזאָגט, ווי אַ טויטן, און נאָך גוט אָפּגעבאָדן אויך!

— איך האָב אײַך אָפּגעבאָדן? וואָס האָב איך אײַך דען געזאָגט?

— ווילט איר, איך זאָל אײַך זאָגן מיט אַ סימן? אַ נאַרישקייט געדענקט זיך. איר האָט מיך אַפילו געפרעגט, וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט אײַך, וואָס איר זאָלט זיך צעוואָרפן אַף מיר מיט הונדערטערס?

— מסתמא האָט איר מיר נישט געזאָגט, אַף וואָס איר דאַרפט...

— נאָך אַ מין זאָגן! אַ סימן האָט איר, איר האָט מיר אַפילו דעמאָלט אַ זאָג געטאָן: למאַי איר וואָלט וועלן אַ שידוך טון מיט רויט־שילדן?... און אַז איך האָב אײַך געזאָגט, אַז ער שפּילט אַפן פידל, דער חתן הייסט דאָס, האָט איר מיך אַ פרעג געטאָן — אַ נאַרישקייט געדענקט זיך: „וואָס עפּעס אַפן פידל? פאַרוואָס נישט אַפן טרומייט?"... מיר האָט זיך געעקט דאָס חיות, געפּאַלן שטיקער פלייש, און איר האָט געמאַכט חוזק, געזאָגט ווערטלעך. אַפּנים, ס'איז אײַך געווען גוט אַפן האַרצן?...

דער טעפּליקער נגיד, שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק, האָט אויסגעהערט די מעשה, געשוויצט און געשוויגן. ער זאָל געדענקען אַקוראַט, ווי די מעשה איז געווען, געדענקט ער נישט; נאָר געווען איז עפּעס אַ מעשה מיט אַ הונדערטער — דאָס ווייס ער געוויס... און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין, פאַרוואָס האָט ער דעמאָלט אָפּגעזאָגט אַ געמיינעם ייִדן

אין אזא זאך, וואס פאר אים איז דאס געווען א קלייניקייט — ער האט געגוג הונדערטערס, און פאר יענעם וואלט דאס געווען כמוצא שלל רב. און די מעשה אליין פאראינטערעסירט אים שטארק, און ער טוט א פרעג בא בערל דעם רויטן:

— נו, און מיטן שידוך וואס איז געווארן בא אייך?

— גארנישט.

— וואס הייסט גארנישט?

— ער האט נישט געוואלט, דער סטאלער הייסט דאס, כאטש גיב אים א קרענק!

— און אייער טאכטער? אייער מיידל?

— מיין טאכטער? אז אך און ווי איז מיר! זי ליגט שוין לאנג אין דער ערד... איך אליין האב זי באגראבן... גענומען און באגראבן א קינד... דאס הייסט, וואס בין איך שולדיק פון זיך האב איך קיין געלט נישט געקאנט מאכן!... געווארט נאך א יאר, נאך צוויי, קיין ייִדישער מאנאסטיר איז נישט פאראן, און דא די שטיפמאמע פיקט — בקיצור, איך האב זי חתונה געמאכט פאר אן איינגבינדער, אן ארעמאן נעבעך, א גאנץ ערלעכער אפילו, נאר א קראנקער, א טשאכאטניק, אפגעמוטשעט זיך עטלעכע יאר און אוועקגעשטארבן און איבערגעלאזט מיר א ירושה דריי אייניקלעך יתומים, ווארעם זי האט זיך אנגענומען פון אים די טשאכאטקע און איז אין א יאר ארום אים נאכגעשטארבן, זיי צו לענגערע יאר. איר פארשטייט א מעשה? — און אצינד, לא די איך האב אליין, קיין עין־הרע, קינדער פוןביידע ווייבער, באדארף איך האבן אף זיך נאך דריי יתומימלעך. דערפאר זאלט איר אבער אנקוקן קינדער, קיין עין־הרע, — איך ווייס נישט, צי ס'איז פאראן אזעלכע געראטענע קינדער באם גרעסטן נגיד, מע זאל אויספארן די גאנצע וועלט! „זיידע, ווּהין פירט מען דיך?” — האבן זיי נעבעך א פרעג געטאן בא מיר, בשעת דער המן האט געהייסן מיך נעמען אין „חדר” אריין. „קיין הייסין, האב איך זיי געזאגט, אף איין טאג פאר איך אהינצוצו. איך וועל אייך ברענגען פון דארטן, זאג איך, טשיקעלאד!” מיינט איר, זיי האבן נישט פארשטאנען, אז איך זאג א ליגן? איר האט באדארפט אנקוקן, ווי זיי האבן זיך אלע דריי ארומגעשטעלט ארום מיר, ווי די שעפעלעך, נישט געוויינט, ניין! נאר טרערן זיינען געשטאנען בא זיי אף די אייגעלעך. איר קאנט פארשטיין, וואס דאס איז פאר קינדער, אז המן איוואנאוויטש

אַליין האָט אַרויסגענומען פון זײַן אייגענער קעשענע אַ גילדן און האָט זיי געשענקט, זיי זאָלן זיך קויפן קאָנפעקטן.

## ח.

## שייך צו הענעך דעם בחור און צו זיין הויזגעזינט

בערל דער רויטער איז באַצײַטנס אַנטשוויגן געוואָרן, אויפגעשטאַנען פונעם אָרט, זיך אויסגעגלײַכט אַביסל דעם קראַנקן פוס און איז צוגעגאַנגען צו הענעכן, האָט אים מכבד געווען מיט אַ שנעל אין נאָז אַרײַן.

— הער נאָר דו, שמינדער בגעץ, האָסט זיך גוט אויסגעשלאָפן?

הענעך מיט דער בעלמע האָט זיך פונעם שנעל אויפגעכאַפּט, זיך אויסגעווישט די אויגן און דערזען, דער נגיד קוקט אַף אים, האָט ער זיך געשווינט אויפגעהויבן פון דער ערד, אָנגעהויבן בעלעבעטשען מיט דער צונג, ווי זײַן שטייגער איז:

— בין גאָר נישט אָנגעהויבן שלאָפן, אַלץ געטראַכט האָב איך, טאָמער חלילה, ווי איך בין אַ ייִד, מײַן דוד־לייב, מע זאָגט מיר מער פון אַכצן אַלט, מיט די קינדער וואָס וועט זײַן?

— אַביסל אַ לשון, ברענען זאָל ער! — מאַכט בערל דער רויטער צום נגיד. — אַ רעכטער שלים־מזל! איר קאָנט פאַרשטיין, אַז איך בין קעגן אים דער נגיד. דאָס האָט ער מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס זײַן דוד־לייב האָט איצט אַזאַ שטעלע און קאָן אויסהאַלטן, קיין עין־הרע, אַזאַ געזינדל פון אַכט פּיקערס.

— ניין, קערט איר מיינען. — פּאַריכט אים הענעך מיט זײַן איבערגעקערט לשון אַף דער לינקער זײַט. — צוויי ברידער מיט אַ מאַמע אָן אַלטע, און אַ מיידל פון אַ יאָר דרײַצן דינט, און נאָך אַ ברודערל אַ קלענערס אין אַ קליינט כלומרשט, און נאָך מיידלעך צוויי קליינע, מיט איינעם אין תלמוד־תורה, אַ ייִנגערער, הײַנט ווו בין איך?

— דו ביסט אין דער ערד! — מאַכט צו אים בערל. — ביסט געווען אַ בהמה און וועסט בלײַבן אַ פערד! אַזוי ווי איר קוקט אים אָן, אָט דעם פּעטאַך, — מאַכט בערל צום נגיד — האָט ער אַ ברודער דוד־לייב, איז ער אַ מיניסטער אַקעגן אים. דאָס הייסט, איבעריק קלוג איז

ער אויך נישט; ער איז אַ מיטלמעסיקער, דאָס הייסט, נישט קיין גרויסער און נישט קיין קליינער נאַר. איין מעלה האָט ער — ער איז אַן ערלעכער. דאָס הייסט, זיי זײַנען אַלע ערלעכע, כאַפּן נישט קיין בייגל פונעם מאַרק. קומט צו גיין צו מיר איינמאָל דוויד־לייב און דערציילט מיר אַ גאַנצע מעשה: באשר אין הייסין האָט זיך אויסגעבויט אַ צוקערניע, און זי געהער, די צוקערניע הייסט דאָס, צו רב זלמן ראַדעמישלער, און רב זלמן ראַדעמישלער איז אַ סאַדעגירער חסיד, און איך בין אַ סאַדעגירער חסיד, און זײַן פאָטער בעגיע טעלער לעקער, עליו השלום, איז געווען אַ סאַדעגירער חסיד, — בכן וויל ער, דוויד־לייב הייסט דאָס, איך זאָל מיך זען מיט רב זלמן ראַדעמישלער און זאָל בײַ אים פועלן, אפשר וועט ער אים צונעמען, דוויד־לייבן הייסט דאָס, קיין הייסין אַף דער צוקערניע, אים געבן עפּעס אַ שטעלע. „וואָס פאַר אַ שטעלע, כדומה למשל, קאָנסטו, זאָג איך, פאַרטרעטן?" זאָגט ער צו מיר: „וואָסער ס'נישט איז, זאָגט ער, אַבי אַ שטעלע". „שטיין זאָלסטו, זאָג איך, אין געהאַקטע ווונדן, וואָס קאָנסטו?" „וואָס איך קאָן? — זאָגט ער — איך קאָן אַלצדינג: איך קאָן אי חשבונען, אי רעכענען, אי בוכהאַלטעריע, אי שרײַבן, אי פאַרשרײַבן"... „ווי, זאָג איך, האָסטו דאָס אַלצדינג אויסגעלערנט זיך?" „פון זיך אַליין", מאַכט ער צו מיר און נעמט־אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר און גיט מיר, איך זאָל באַווײַזן רב זלמנען זײַן כתב. בקיצור, וואָס טויג אײַך, ער האָט מיר אַזוי לאַנג דעקוטשעט, ביז איך האָב אים אויסגעבטלט אַלע בייזע חלומות, און האָב זיך אַוועקגעלאָזט קיין הייסין צו רב זלמן ראַדעמישלער, און דווקא, ווי זאָגט ער, המן איוואַנאָוויטש, מיט די רגלים. געקומען קיין הייסין צו רב זלמנען — לאָזט מען מיך נישט אַרײַן. וואָס איז די מעשה? זאָגט מען מיר: אויב איך בין געקומען גלאַט אַזוי, האָט רב זלמן קיין צײַט נישט, און אויב איך דאַרף האָבן „פּאָ־דיעלו", זאָל איך מיך מטריח זײַן אין קאַנטאָר אַרײַן. בין איך מיך מיישב: פּע, סע שטייט מיר נישט אָן די גאַנצע מעשה! וואָס איז דאָס פאַר אַ דבורים — נישטאָ קיין צײַט? פּאָ־דיעלו? קאַנטאָר? בײַ אונדז, סאַדעגירער, גייען נישט אָן אַזעלכע שטיק! „גייט, זאָג איך, זאָגט רב זלמנען, אַז איך בערל דער רויטער פון טעפּליק, בין געקומען צו אים מכוח זייער אַ נייטיקן ענין, און דווקא נישט פּאָ־דיעלו, און דווקא באַלד, ווארעם איך האָב קיין צײַט נישט!" זאָגט מען מיר: רב זלמן דאַוונט, ער האַלט פון פאָרנט. „אויב אַזוי, זאָג איך, איז עפּעס

אנדערש! דאַוונען פֿון פֿאַרנט דאַוון איך אויך". כאָטש אַפֿילו, אַז מע וויל שמועסן צוריק, וואָס געהער זיך אָן איינס מיטן אַנדערן? מע קאָן דאַוונען פֿון פֿאַרנט און אָפּמאַכן בשעת מעשה טויזנט געשעפֿטן. נאָר ווי די מעשה איז — אַ נגיד איז ער דאָך, און פֿאַר אַ נגיד דאַרף מען האָבן דרך־ארץ; אַ סימן — ווען איך בין, למשל, אַ נגיד, וואָלט פֿאַר מיר די גאַנצע וועלט געהאַט דרך־ארץ... בקיצור, איך זעץ מיך אַוועק און וואַרט. איך וואַרט אַ שעה און צוויי און דריַי, און דווקא אין דרויסן בײַ דער טיר — אַ מעשה אָן אַן עק. איך זע: מענטשן גייען אויף־און־אָפּ, דער אַריַין, דער אַרויס. פֿון קיך דערוויַיל טראָגט מען סאַמאָווארן מיט כל המינים גוטע זאַכן... קלער איך מיר: ע, דאָס טויג דאָך אַף כפּרות! מע זאָל מיך אַזוי פֿירן אין באָד אַריַין — דאָס שטייט מיר שוין נישט אָן! און בין מיך מיישב, וואָס וועל איך וואַרטן אַף כבוד? אָן עפּן־אויף די טיר, און אַריַין גלײַך אין שטוב אַריַין, און „שלום־עליכם, רב זלמן!" „עליכם שלום, פֿון וואַנען איז אַ ייִד?" „פֿון טעפּליק, זאָג איך, איר האָט מיך נישט דערקענט? בערל הײַמס איך, געווען אינאיינעם אַמאָל אין סאַדעגירע". „סע קאָן זײַן, מאַכט ער, נאָר איך האָב אײַך נישט דערקענט און קען אײַך איצטער אויך נישט; ס'איז בײַ מיר, זאָגט ער, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, שטאַרק געשלאָגן די ראיה. געווען, זאָגט ער בײַ מאַנדעלשטאַמען, מיר פֿאַרשריבן שוואַרצע ברילן און אָנגעזאָגט, איך זאָל נישט לייענען גאָרנישט און נישט שריַיבן און היטן זיך פֿון דער שײַן"... „ע, טראַכט איך מיר, רב זלמן, איר פֿאַררעדט מיר די ציין"... און רוף זיך אָן צו אים: „הערט זשע אויס, רב זלמן, די מעשה דערפֿון איז אַזוי. בעניען האָט איר דאָך געקענט, מסתמא?" מאַכט ער צו מיר: „וואָסער בעניען?" „בעניע טעלערלעקער, זאָג איך, פֿון טעפּליק". — „ניין, מאַכט ער, איך הער דאָס ערשטע מאָל אַזאַ נאָמען — טעלערלעקער". „וואָס טויג מיר, זאָג איך, רב זלמן, פּוילע תנועות? איר האָט אים גאַנץ גוט געקענט, מיר האָבן אינאיינעם, זאָג איך, געטרונקען מיט אים וויַין אין סאַדעגירע, און געטאַנצט בײַם רבין אַפֿן טיש, און נישט איין מאָל אַפֿילו געקושט זיך, לאָז ער זײַן וויַיט אָפּגעשיידט, ער איז שוין אַף דער אמתער וועלט, דאָ נישט לאַנג געשטאָרבן, אײַך צו לענגערע יאָר". דערהערט די דאָזיקע ווערטער „געשטאָרבן", ווערט מײַן רב זלמן גאָר אַן אַנדער מענטש — די נגידים האָבן, אַפּנים, שטאַרק מורא פֿאַרן טויט! — און רופֿט זיך אָן צו מיר: „וואָס זשע

ווילט איר פון מיר?" „וואָס, זאָג איך, זאָל איך וועלן? איך וויל נאָר מקיים זײַן צוואת המת; דער דאָזיקער בעניע טעלערלעקער, עליו השלום, האָט אַ פּאָר שעה פאַרן טויט צוגערופן מיך און נאָך ייִדן און דערציילט אַ מעשה, אַז ער איז געווען בײַ אײַך אַ פּאָר מאָל אין הייסין, געוואָלט מיט אײַך עפּעס איבערשמועסן, האָט מען אים נישט צוגעלאָזט, און מחמת ער איז געווען אַ מענטשל, פאַרשטייט איר מיך, אַ שטילס, לאָז ער מיר מוחל זײַן, אָן חכמות, האָט ער געזען, מע לאָזט נישט צו, האָט ער פאַרקערעוועט דעם דישל און מאַרש צוריק אַהיים. אַצינד, אַז ער האָלט בײַ גיין אין אַזאַ ווײַטער נסיעה, וואָס צוריק קומט מען שוין נישט, געזעגנט ער זיך מיט איטלעכן באַזונדער און לאָזט גריסן פריִער דעם רבין און נאָכדעם אײַך, און בעט, מע זאָל אײַך איבערגעבן, אַז ער פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אױף אײַך, אַז איר וועט מסתמא די אלמנה מיט די יתומים נישט פאַרלאָזן". „וואָס־זשע קאָן איך פון זייערטוועגן טאָן?" מאַכט ער און נעמט זיך צו דער קעשענע. טראַכט איך מיר: אַ נדבה? צדקה תציל ממות? פע! „וויל איך, אַז איר זאָלט, זאָג איך, צונעמען זײַן עלטערן זון דוד־לייבן, אים געבן עפּעס אַ שטעלע". אַ נגיד, אַז ער דערהערט דאָס וואָרט „שטעלע", באַקומט ער דעם שלאָק. „ווי קומט צו מיר אַ שטעלע? ווּ האָב איך הײַנט שטעלעס? פאַרנומען אַלע שטעלעס!" „דאָס וועט איר, זאָג איך, דערציילן אַן אַנדערן, און מיט מיר טאָרט איר אַזאַ שפּראַך נישט ריידן, און בעניעס ייִנגל באַדאַרפט איר צונעמען גאָר אָן אַ שום תירוץ. ער קאָן, זאָג איך, חשבונען, און רעכענען, און בוכהאַלטעריע, און שרײַבן, און פאַרשרײַבן, און הייסט, זײַט מוחל, געבן אַביסל בראָנפן און עפּעס צובײַסן, וואָרעם איך האָב נאָך הײַנט אין מײַן מויל נישט געהאַט".

בקיצור, וואָס זאָל איך אײַך לאַנג מאַריך זײַן — די סאַדעגירער זײַנען בײַ זיך פּראָסט; ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער נעמט אים צו, און איך האָב עולה רגל געווען אַהיים און האָב צוגעשיקט צו אים דוד־לייבן, און ער האָט זיך דאָרט פריִער אַביסל אָפּגעוואַלגערט, וואָרעם רב זלמן האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז איבעררײדן פריִער מיטן זון, מיט רב יוסעלען, און רב יוסעלע איז נישטאָ. נאָכדעם, אַז ס'איז געקומען רב יוסעלע, איז נישט געווען רב זלמן. וואָס טויג אײַך מעשיות, מע האָט אים צוגענומען, און ער איז הײַנט דאָרטן גאָר אַ גאַנצער פלאַקנשיסער.

— אַ קאַסירער, — פאַריכט אים העניעך און גיט צו פאַרשטיין אױף

זיין לשון, וואָס באַדײַט קאַסירער: — ער פֿאַרנעמט זיך מיט געלט הייסט דאָס, ער נעמט־צו געלט און אַרויס גיט ער געלט.

— אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט זיי קלאָר געמאַכט, וואָס הייסט קאַסירער, אַנישט, וואָלטן זיי נישט געוווּסט — מאַכט צו אים בערל דער רויטער און גייט צום עטאַפּ און טוט אים אַ טאָרע בײַ דער סוויטע און וועקט אים אויף.

— עי, לאַוורע, מיטן קאָפּ זאָלסטו אָנלייגן, פּאָראַ נאַ פּאָכמעליע!

און לאַוורע פֿאָלגט אים, שטייט־אויף פּאַוואָליע פֿון דער ערד, פֿאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט און קוקט אין הימל אַרײַן, ווו האַלט די זון, נעמט דעם שטעקן, ציילט איבער די דרײַ אַרעסטאַנטן און לאָזט זיך אין וועג אַרײַן.

## ט.

## דער נגיד שלאָגט זיך על־חטא

די זון האָט שוין געהאַלטן ווײַט באַרג־אַראָפּ אינעם שפּאַציר איבערן טיפֿן בלויען הימל, די היץ האָט אָנגעהויבן ווערן אַביסל קלענער, און דער עטאַפּ האָט געהאַלטן בײַ אַרײַנצוקומען קיין גראַנאָוו — דער ערשטער פּונקט פֿון זייער נסיעה, און בכדי מע זאָל קומען פּאַרטיק אָפֿן אָרט, האָבן זיך אַלע דרײַ אַרעסטאַנטן אָוועקגעשטעלט הינטערן שטאָט, נעבן אַ ווינט־מיל, מיטן פּנים צו מזרח, דאַוונען מנחה, און לאַוורע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָפֿן גרויסן שטעקן, וואָס מיטן אײַזערנעם שפּיץ פֿון אונטן, דאָס היטל פֿאַררוקט אַביסל צוריק, און געקוקט, ווי די ייִדן שאָקלען זיך און שלאָגן זיך מיט די הענט אין הארצן. געשמאַקער פֿון אַלע האָט געדאַוונט דער נגיד. שלום־בער טעפּליקער פֿון טעפּליק האָט שוין לאַנג מיט אַזאַ כוונה נישט געדאַוונט, ווי אַצינד. ער האָט זיך באמת געשלאָגן: אשמנו, בגדנו, גזלנו, מיטן גאַנצן הארצן, חרטה געהאַט אָף דעם, וואָס ער האָט געזינדיקט פֿאַר לײַטן, געקאָנט העלפֿן אָן אָרעמען ייִדן און נישט געהאָלפֿן, געקאָנט אים גליקלעך מאַכן אפשר און האָט דאָס נישט געטאָן. פֿאַר וואָס? ווייס ער אַליין נישט! און ער האָט גענומען פֿאַרגלײַכן זיך צו אָט דעם קבצן, בערל דעם רויטן, און ס'איז אים געוווען בזי־בזיון פֿאַר זיך אַליין. אָט דער דאָזיקער קבצן, וואָס האָט אַליין

קוים א טאָג איבערצוקומען, האָט זיך נישט געפּוילט פון יענעמס וועגן גיין צופוס, אונטערפאַלן צו א גביר, זיך מאַכן מיט דער בלאָטע, אבי טאָן א טובה אַן אָרעמען ייִדן. און ער? שלום־בער טעפּליקער פון טעפּ־ליק האָט נישט געוואָלט הערן, נישט זען יענעמס צרות — קאַלט, קאַלט ווי אײַז. און עס האָט אים שטאַרק־שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס סע האָט זיך אַזוי געמאַכט, און מער פון אַלץ האָט אים פאַרדראָסן די מעשה מיטן שידוך אין הייסין אָפן יריד... ער האָט דערפילט, אַז ער, שלום־בער, איז פאַר בעךל דעם רויטן א גרויסער חייב, און אפשר האָט ער א גרויסן חלק אין בערל דעם רויטנס טאָכטערס טויט, וואָרעם ווען ער הערט זיך דעמאָלט צו צו זײַן בקשה, ווען ער לייגט־צו כאָטש א לויט רחמנות, כאָטש איין טראָפּן ליבשאַפט צו אַן אָרעמען ייִדן, בשעת יענעם ליגט דער חלף אָפן האַלדז, וואָלט איצט אפשר יענעמס טאָכטער געלעבט און געווען אפשר גליקלעך?... און שלום־בער פילט זיך, אַז ער זאָל קאָנען פאַריכטן כאָטש וויפל ס׳נישט איז זײַן פאַרברעכן, עפּעס ברענגען א קרבן, מיט וואָס נישט איז פאַרשמירן, באַפּוצן, פאַרהיילן די דאָזיקע מכה, וואָלט אים צוגעקומען א שטיק געזונט. נאָר ער ווייס נישט, ווי אַזוי ער זאָל דאָס טאָן? און ער פאַרטיפט זיך אינעם דאַוונען, און דאָס גאַנצע לעבן זײַנס שטייט־אויף פאַר זײַנע אויגן, ווי פון א קבר, און כמעט דאָס ערשטע מאָל אָף זײַן לעבן טראַכט ער וועגן אַזעלכע זאַכן, כמעט דאָס ערשטע מאָל אָף זײַן לעבן דערזעט ער זיך ווי אין א שפּיגל; ער דערזעט זיך דורך און דורך, און ער פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי איז ער געווען ביז אַהער אַזוי בלינד? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט מיינען אָף זיך, אַז ער איז אַן ערלעכער ייִד און א לײַטישער מענטש? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט מיינען, אַז ער איז יוצא דערמיט, וואָס ער דאַוונט אַלע טאָג און וואָס ער רוקט־אַרײַן אַמאָל א האַרטן דרײַער א נדבה?...

און דער טעפּליקער נגיד, שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק, הייבט זיך אָן דערמאָנען, ווי אַזוי ער האָט „געטאָן צדקה", זיך געדונגען פאַר איטלעכן גראָשן, וואָס מע האָט בײַ אים געריסן ווי מיט צוואַנגען, און ער דערמאָנט זיך, ווי אַזוי ער האָט אַרײַנגעגעבן אַמאָל א ספר־תורה אין שול אַרײַן, געטאָן דאָס פאַר זײַן נשמה, מחמת ער האָט נישט קיין קינדער, האָט נישט קיין קדיש, געמאַכט א סיום־התורה, נישט געזשאַ־לעוועט קיין לעקעך און בראָנפן, געהוליעט א גאַנצע נאַכט, און אָף מאָרגן, אַז דער סופר רב שמשון איז געקומען צו אים בעטן א גמילות־

חסד, האָט ער אים אָפּגעזאָגט ווי אַ טויטן... וכדומה אַזעלכע „מעשים טובים" הייבט ער אָן דערמאָנען זיך אַצינד, און ער ווערט פֿאַרברענט פֿאַר בושה פֿאַר זיך און פֿאַר אַ סך אַזעלכע שיינע ייִדן נגידים ווי ער, וואָס זײַנען פֿאַרקאָכט אין זייער געלט, וואָס קאָנען זיך מיט דעם נישט צעשיידן. און שלום־בער דערפֿילט, אַז זײַן נשמה איז ביז אַהער געשלאָפֿן, אַז זײַן האַרץ איז געלעגן ערגעץ אונטער אַ פּרעס, מיט אײַז באַדעקט. קיין קאַפּ וואַרעמקייט, קיין ברעקל רחמנות! און עס ווילט זיך אים עפּעס טאָן אַצינד פֿון בערלס וועגן, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל פֿאַריכטן דעם גרויסן פֿעלער, פֿאַרגעבן די גרויסע עבירה קעגן אים, אָפּווישן זײַן שולד! נאָר ער ווייס נישט, וואָס ער זאָל טאָן און ווי אַזוי ער זאָל דאָס טאָן. און ער לאָזט זיך אַראָפּ גאַנץ טיף צו זיך אין האַרצן, אין דער נשמה אַרײַן, און פֿאַרשטייט נישט בכלל, וואָס איז געווען ביז אַהער זײַן לעבן אַף דער וועלט, און וואָס האָט ער דאָ מתקן געווען? אָפּגעלעבט זעקס און פֿופֿציק יאָר, מער ווי דרײַ פֿערטל פֿון זײַן לעבן, געפֿירט אַ לאַנגע מלחמה, געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, נישט געגעבן יענעם, נישט פֿאַרגונען זיך אַליין, — פֿון וועמענס וועגן וועט דאָס אַלצדינג זײַן? וועמען וועט ער דאָס איבערלאָזן, אַז קיין קינדער האָט ער נישט, און די קרובים זײַנען אים שונאים — זיי זאָלן קאָנען, וואָלטן זיי אים דערטרונקען אין אַ לעפֿל וואַסער! און שלום־בער הייבט־אָן אונטערפֿירן אַ חשבון צו אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, און איבערקלערן, פֿאַר וואָס האָט ער אַזוי פֿיל שונאים? פֿאַר וואָס האַלט נישט פֿון אים די וועלט? און עס שטייען־אויף פֿאַר אים זכרונות שוין לאַנג פֿאַרגעסענע און מחשבות, וואָס זײַנען געלעגן בײַ אים ביז אַהער טיף אַפֿן דעק פֿון זײַן נשמה, און ער ווערט אים קאַלעמוטנע אַפֿן האַרצן... און ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַף די עלטערע יאָרן כאָטש פֿאַרבעסערן זיך, און זײַן נשמה כאַפּט זיך אויף, און זײַן האַרץ ווערט צעגאַנגען, און אין זײַנע אויגן ווערט ליכטיק — ער דערזעט אַזעלכעס, וואָס ער האָט ביז אַהער נישט געזען, און דערפֿילט אַזעלכעס, וואָס ער האָט ביז אַהער נישט געפֿילט. ער פֿילט זיך ווי אַ נײַגעבאָרענער, עפּעס אַזוי פֿריש און לעבעדיק, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זײַן לעבן.

אָפּגעדאַוונט מנחה, לאָזן זיך אונדזערע פֿאַרשוינען מיטן עטאַפּ ווײַטער אין וועג אַרײַן. בערל שפּרינגט־אונטער מיט איין פֿוס, מאַכט חוזק פֿון הענעכן, און דער נגיד גייט פֿאַרטראַכט, אַלע מאָל גיכער און

גיבער. זײַן קאָפּ איז איצט פול מיט מחשבות, זײַן האַרץ פול מיט גע־פילן! עפּעס קלערט ער, עפּעס טוט ער, עפּעס בויט ער.

— וואָס לויפט איר אַזוי? — מאַכט צו אים בערל דער רויטער —איר פליט אַזוי, אַז איך קאָן אײַך מיט מײַן קראַנקן פוס נישט אָניאָגן.

— ס'איז אײַך שווער צו גיין, רב בערל? — אַזוי מאַכט צו אים דער נגיד מיט אַזאַ ווייכקייט, וואָס ער האָט דאָס פון אים נאָך קיינמאָל נישט געהערט. — האַלט זיך אָן באַ מיר, נאַט אײַך מײַן האַנט, רב בערל. אם ירצה השם, אַז מיר וועלן קומען בשלום צוריק אַהיים, זאָלט איר באַ מיר זײַן, און דו אויך, הענעך, וואָרעם איך דאַרף אײַך זייער נייטיק האָבן, איך דאַרף אײַך עפּעס זאָגן.

בערל האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ נייטיקע זאַך באַדאַרף ער זיי זאָגן? און פאַר וואָס עפּעס אין דער היים דווקא? פאַר וואָס זאָל ער עס נישט זאָגן באַלד? און בכלל, וואָס איז ער עפּעס פּלוצעם געוואָרן אַזוי ווייך און האָפּערדיק?...

פון הענעכן שמועסט מען נישט; יענער האָט גאָר געעפנט דאָס מויל, נישט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט אים דער נגיד קומען? ער האָט זיך אײַנגעשטעלט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב נאָר ער וועט רחמנות האָבן דער אייבערשטער, דוד־לייב מײַנער וועט אַרוים...

—סײַ ווי סײַ, — מאַכט צו אים דער נגיד, — טאָמער אפילו ניין — נעם איך אים אויף זיך, דאָס הייסט, אײַך נעם איך אויף זיך, אַלעמען נעם איך אויף זיך... האַלט זיך אָן אָן מיר, רב בערל, ס'איז אײַך שווער צו גיין...

* * *

אַז דער עטאַפּ איז אַרײַנגעקומען קיין גראַנאָוו, איז שוין די זון געווען אַ פאַרגאַנגענע, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ סימן, אַ גרויסן גילדע־נעם פּאַס אויפן ברעג הימל. און באַגעגנט האָט מען אונדזערע פאַרשווינען מיט מוזיק — אַ גאַנצער כאָר, וואָס איז געווען אויסגעמישט פון אַ קוואַקען פון זשאַבעס און פון אַ מעקען פון דער טשערעדע שאָף און ציגן, וואָס האָבן אויפגעהויבן אַ מוראַדיקן שטויב — און דאָס איז געווען דאָס גליק, וואָס איבער די גראַנאָווער ציגן האָבן די גראַנאָווער

ייִדן דורכגעלאָזט דעם עטאַפּ, נישט באַמערקט אַפילו, וו ע מ ע ן מע האָט דאָ דורכגעפירט פאַרביַי גראַנאָוו! אַנישט, וואָלטן זיי די גראַנאָווער ייִדן דאָרט מקבל פּנים געווען מיטן זעלבן כבוד און אַרויסבאַגלייט מיט דעם זעלבן פּאַראַד, ווי מע האָט זיי מקבל פּנים געווען נאָכדעם אין מיי־ כאַילאָווקע, אין מיטשולגע, אין קראַסנאָפּילקע, אין זדאַקאָוויץ און אין אַלע איבעריקע עטאַפּנע פּונקטן, וואָס צווישן טעפּליק און צווישן הייסין.

געשריבן אין יאָר 1903

# הונדערט אײנס

## אַ מעשה

### א.

דער שײנער אַלטער טײַך בוג, װאָס לױפֿט איבערן יוג צװישן דניעפּער און צװישן דניעסטער און פֿאַלט־אַרײַן, װי זײ, אין שװאַרצן ים אַרײַן, שנײַדט־דורך לױפֿנדיק צװײ גובערניעס, כערסאָנער און פּאָדאָליער, דאָרט װוּ עס ליגן צעװאָרפֿן אָן אַ שום סדר צװײ ייִדישע שטעטלעך: ה אָ ל ט ע און ב אָ ה אָ פּ אָ ל י ע. די דאָזיקע צװײ שטעטלעך — דאָס איז, אײגנטלעך, אײן שטאָט, נאָר דער טײַך האָט זײ צעשײדט, װי צעריסן אַף דער האַלב, און מענטשן האָבן זײ צוריק צונױפֿגעבונדן מיט אַ בריק, אַזױ אַז פֿון בײדע שטעט איז געװאָרן װידער אײן שטאָט: אָט זײַט איר, דאַכט זיך, אין באָהאָפּאָליע, עס גײט נישט אַװעק קײן פֿינף מינוט — זײַט איר שױן אין האָלטע; און דאָס אײגענע צוריק: אָט זײַט איר נאָר־װאָס געװען אין האָלטע, איר טוט אַ קוק — אַהאַ, איר זײַט שױן װידער אין באָהאָפּאָליע!

האָלטע האָט אַ צײַט מיט יאָרן זיך גערעכנט פֿאַר אַ דאָרף, און באָהאָפּאָליע — פֿאַר אַ שטעטל. איז דערפֿאַר אַף האָלטע געפֿאַלן דער גורל פֿונם 3טן מײַ 1882, אַז ייִדן טאָרן זיך דאָרטן איבעראַנײַעם נישט באַזעצן.

פֿון דעמאָלט אָן איז האָלטע געװאָרן שטאַרק חשוב בײַ די באָהאָפּאָליער ייִדן, װאָס האָבן אַלע מיטאַמאָל באַקומען חשק זיך באַזעצן דװקא אין האָלטע, און דװקא נאָכן 3טן מײַ.

פֿון יענעם 3טן מײַ אָן האָבן די באָהאָפּאָליער ייִדן אָנגעהױבן זיך שטילערהײט אַריבערפּעקלען קײן האָלטע. נאָר ס'איז זײ נישט געראָטן;

מע האָט זיי געבעטן מחילה זייער שיין איבער דער בריק צוריק קיין באָהאָפּאָליע: „גאָספּאָדין איצקאָ, פּאָזשאַלאָיטיע נאַזאַד דאָ באָהאָפּאָלס־קאהאָ ראַבינאַ!" אָדער מע האָט אים פּארקערעוועט דעם וואָגן אָן ווערטער און אַ זאָג געטאָן מיט אַ געלעכטער: „אַ פּאָר־פּאָר נאַ באַרדיטשעוו".

— סטײַטש! — האָט נעבעך יענער געטענהט — איך בין אַ האַל־טער פון כמה וכמה יאָרן! יאַ מאָיע סאָבסטווענע גאָרעד און שקאָלע — איך האָב דאָרט אָן אייגענע שטאָט אין בית־מדרש! יאַ מאָיע סקילקע ראָדיטשי נאַ קלאַדבישטשע — איך האָב דאָרט קרובים אַפן בית־עולם!

די אַלע טענות האָבן אָבער געהאָלפן, ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי.

— דאָקומענטע — פּאַפּירן! — האָט מען אים געענטפערט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה מיט „פּאַפּירן". ייִדן האָבן דעמאָלט געגעבן צו לייזן געלט פאַר פּאַפּיר... די האָדאָטאַיעס האָבן מאַסף ממון געווען, די מוסרים האָבן געהאַט וואָס צו טאָן... ווען עס האָט גע־גאָלטן, און ווען נישט. אַ סך האָבן ייִדן אַליין קאַליע געמאַכט זיך מיט זייערע מסירות; איבער זייערע מסירות האָבן נעבעך אַ סך משפּחות געמוזט פאַרנעמען די בעבעכעס און עמיגרירן איבער דער בריק פון האַלטע קיין באָהאָפּאָליע, און ס'זײַנען צוגעקומען נײַע קבצנים, נײַע עסערם, וואָס עסן איינס דאָס אַנדערע... ייִדן האָבן זיך נישט געוואָלט אַזוי גיך אונטערגעבן, האָבן זיי מלחמה געהאַלטן (אָף פּאַפּיר, געוויינט־לעך). און ס'איז אַוועק אַ מלחמה צווישן ייִדן מיט פּאָליציע און צווישן ייִדן מיט ייִדן; עס זײַנען געפלויגן פּאַפּירן אין פּאָליציע, פון פּאָליציע אין דער גובערניע, פון דער גובערניע אין סענאַט, פון סענאַט אין דער גובערניע און פון דאָרט צוריק אין פּאָליציע — און די מלחמה האָט זיך אַזוי געצויגן צוואַנציק יאָר כסדר. איך האָב מורא, אַז דער היסטאָריקער, וואָס וועט אַמאָל קומען באַשרײַבן די געשיכטע פון די דאָזיקע צוויי שטעטלעך, וועט ער מוזן דאָס דאָזיקע שטיקל צײַט אַ נאָמען געבן: „די געשיכטע פון דער צוואַנציק־יעריקער מלחמה". די האַלטער מיט די באָהאָפּאָליער ייִדן וועלן שוין וויסן וואָס מע מיינט...

צווישן די אַנשי־מלחמה זײַנען געווען צוויי מענטשן: ירחמיאל־משה באָהאָפּאָלסקי פון האַלטע און זײַנער אַ בלוטיקער שונא נחמן־לייב האַל־טיאַנסקי פון באָהאָפּאָליע.

## ב.

עס זאָל אײַך גאָר נישט זײַן קיין חידוש און איר זאָלט נישט פרעגן קיין קשיות, וואָס ירחמיאל־משה איז אַ האָלטער און הייסט באָהאָפּאָלסקי און נחמן־לייב איז אַ באָהאָפּאָליער און הייסט האָלטיאַנסקי? למאי איך קאָן איינעם אַ טשערקאַסקי, וואָס וווינט אין ביעלאָצערקאָוו, און איינעם אַ ביעלאָצערקאָווסקי, וואָס וווינט אין טשערקאַס? הײַנט קאָן איך איי־נעם אַ טאַראַשטשאַנסקי, וואָס וווינט אין קרעמענטשוג, און אַ קרעמענ־טשוצסקי, וואָס זיצט אין טאַראַשטשע? דאַכט זיך, וואָס וואָלט געווען אַזוי שלעכט, אַז טשערקאַסקי, וואָס קומט אַרויס מסתמא פון טשערקאַס, זאָל זיך זיצן אין טשערקאַס, ביעלאָצערקאָווסקי אין ביעלאָצערקאָוו, טאַ־ראַשטשאַנסקי אין טאַראַשטשע און קרעמענטשוצסקי אין קרעמענטשוג? איז דער תירוץ: ווען איטלעכער מענטש זאָל דאַרפן זײַן צוגעבונדן צו זײַן שטאָט, וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט!... נאָר מיר קערן זיך אום צום 3טן מײַ 1882.

נחמן־לייב האָלטער, וואָס איז כל ימיו געווען אין באָהאָפּאָליע, האָט באַדאַרפט פּונקט דעם 2טן וואָס אָקעגן יענעם 3טן מײַ נעכטיקן אין האָלטע און זײַן דאָרטן פאַרשריבן באַם אוריאַדניק אויף אַ פּראָטאָקאָל — און דאָס האָט אים געדינט פאַר אַ באַווײַז, אַז ער איז אַ האָלטער תושב. אָט דאָס הייסט, אַז סע באַשערט איינעם אַ גליק, דעם אַנדערן אַן אומגליק!

סע פאַרשטייט זיך, אַז ירחמיאל־משהן האָט די דאָזיקע מעשה רעכט פאַרדראָסן, און ער האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס ער האָט געקאָנט, און האָט אַזוי לאַנג געגראָבן אויף נחמן־לייבן, ביז ער האָט דערוויזן מיט אותות ומופתים, אַז נחמן־לייב איז אַ באָהאָפּאָליער. אַוודאי איז נחמן־לייב אויך נישט געשלאָפן און אויסגעוויזן מיט פּאַפּירן, אַז דעם 2טן אָקעגן 3טן מײַ 1882 איז ער געווען פאַרשריבן אין האָלטע באַם אוריאַד־ניק אין די ביכער; אַ סמן איז: דערנאָמען אַליין, האָלטיאַנסקי, באַווייזט, אַז ער, נחמן־לייב, איז אַ האָלטער, און ירחמיאל משה איז אַ באָהאָ־פּאָליער, ווי דער נאָמען זײַנער באַווײַזט: באָהאָפּאָלסקי פון באָהאָ־פּאָליע...

אַזוי האָט געשריבן נחמן־לייב אין דער גובערניע אַרײַן אויף ירח־

מיאל־משהן. ירחמיאל־משה האָט אָבער אויך נישט געשוויגן. ער האָט ארויסגענומען פּאַפּירן און אויסגעוויזן מיט עדות, אַז נחמן־לייב, כאָטש ער רופט זיך האָלטיאַנסקי, איז ער אַ באָהאָפּאָליער. אַ סימן: ער האָט אין באָהאָפּאָליע אַן אייגענע דירה מיט אַ שטאָט אין דעם מגידם קלויז. וואָס דאַרף אַ האָלטער ייִד אַ דירה אין באָהאָפּאָליע מיט אַ שטאָט אין דער באָהאָפּאָליער קלויז?

הקיצור, מע האָט זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט פּאַפּירן אין דער גובערניע אַרײַן, און די צוויי ייִדן האָבן זיך אַזוי צוגעגעסן, ביז ס'איז אָנגעקומען, מע זאָל זיי ביידן אַרויסמשלחן פון האָלטע און אַכטונג געבן, מע זאָל זיי אַהינצו נישט אַרײַנלאָזן, אַ חוץ באַטאָג.

ג.

— בהמה, וואָס שווײַגט איר?

— וואָס וועט מיר העלפן, אַז איך וועל שרײַען?

— פאַראַן אַ סענאַט, גיט אײַן אין סענאַט!

— וואָס זאָל איך אײַנגעבן אין סענאַט, אַז די גובערנסקי פּראווּלעניע האָט געפונען, אַז איך בין אַ באָהאָפּאָליער?

און דערצו האָט זיך אַרײַנגעמישט ירחמיאל־משהכע:

— מע דאַרף נישט גיין אין סענאַט! סענאַט פעלט אים נאָך! דו ווילסט, אפנים, מע זאָל אונדז אַרויסשיקן פון באָהאָפּאָליע אויך?

אומעטום פלעגט ירחמיאל־משהכע אויספירן. נאָר דאָ האָט זי נישט געקאָנט פועלן גאָרנישט. ירחמיאל־משה איז געווען אַ גוטער עקשן און איז אַוועק מיט אַ פּאַפּיר אין סענאַט אַרײַן, און שטעלט אײַך פאָר אַ מעשה:

ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ היפּש שטיקל צײַט, איך האָב מורא אויב נישט אַ יאָר צוואַנציק; איינמאָל זיצט ער זיך אַזוי בײַ זיך אין קלייט, תחילת זומער איז דאָס געווען, ער האָט אפילו נישט אין זינען געהאַט דעם סענאַט אין דער לינקער פּאה, כמעט פאַרגעסן גאָר, אַז ס'איז פאַראַן אַ סענאַט אויף דער וועלט, קומט מען צו גיין און מע רופט אים צום פּריסטאַוו.

— וואָס איז שוין עפּעס אַ נײַס בײַ דיר? ווידעראַמאָל „סוויטשנע

סבאָר״? זייַנע עסקים! — רופט זיך אָן ירחמיאל־משהכע צו ירחמיאל־משהן.

— לאָז מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע מיט דיר אינאיינעם!

— מאַכט ירחמיאל־משה — אַ פּריסטאַוו רופט, קאָן מען קיין דבר־אחר נישט זייַן און מע מוז גיין.

— זע נאָר, מע זאָל דיך דאָרט כאַטש נישט „רעשטעווען״! — באַגלייט אים אַרויס ירחמיאל־משהכע פון קלייט מיט אַ יברכך.

עס האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, איז ירחמיאל־משה אַרייַנגעפלויגן אין קלייט אַרייַן, קוים געקאָנט אויסריידן:

— מזל־טוב!... אָנגעקומען פון סענאַט... געקומען, אַז איך בין אַ באָהאָפּאָליער... איך מעג שוין, הייסט דאָס, זיצן אין באָהאָפּאָליע...

ירחמיאל־משהכע האָט אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט:

— אַ גדולה אַף דער באָבע! וואָס זאָגט איר אַף דעם מזל־טוב? ער מעג שוין זיצן אין באָהאָפּאָליע!

— טפו, וואָס זאָג איך באָהאָפּאָליע? איך מיין האָלטע מיין איך!

— האָלטע? אַזוי זשע רייד!... נו, ירחמיאל־משה, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— וואָס האָסטו מיר געזאָגט?

— איך האָב דיר נישט געזאָגט, זאָלסט גיין אין סענאַט?...

ירחמיאל־משה איז געווען אַזוי צופרידן, אַזוי גליקלעך, אַז ער איז אַרויסגעלאָפן אין שטאָט און אויסגעפּויקט פון איין עק ביזן אַנדערן, אַז ס׳איז אָנגעקומען פון סענאַט, אַז ער איז אַ האָלטער און מעג זיצן אין האָלטע, און ער קלייַבט זיך אַריבער, אם ירצה השם, אין גיכן קיין האָלטע. יריחמיאל־משה האָט דעם טאָג נישט געגעסן, נישט גערוט; ער איז געלאָפן פון איינעם צום אַנדערן. עס האָט אים עפּעס געטראָגן אין דער לופטן. וועמען ער האָט באַגעגנט, האָט ער אָפּגעשטעלט.

— געהערט?

— וואָס? פון סענאַט? געהערט, ווי דען? מזל־טוב אייַך.

— מיט מזל זאָלט איר לעבן.

— ווען רעכנט איר אַריבערפאָרן?

— אם ירצה השם, נאָך שבועות.

— לאָז גאָט געבן אין אַ גוטער שעה.

— אַ דאַנק!

## ד.

א ישועה, אז גאָט העלפֿט אַ מענטשן, איז אַוודאי זייער גוט, נאָר אַ ישועה מיט אַ נקמה אינאיינעם — דאָס איז איינע פֿון די גרעסטע זאַכן אַף דער וועלט, וואָס דאָס פֿאַרגעניגן דערפֿון לאָזט זיך נישט באַשרײַבן; זען, ווי יענער איז מקנא, ווי דער שונא ווערט צעזעצט קוקנדיק, נעמט־אײַן אַ מיתה משונה — דאָס גיט־צו דעם מענטשן אַזוי־פֿיל מוט, שטאַרקייט און אכזריות, אַז פֿאַר נצחון פֿאַרגעסט ער זיך און הייבט אָן צו טאָן נאַרישקייטן.

אונדזער ירחמיאל־משה האָט נישט אויפֿגעהערט צו גראַגערן מיטן סענאַט אַף יעדן טריט און שריט, אַזוי אַז עס האָט זיך אַלעמען צוגע־געסן, געוואָרן נמאס, טריף ווי חזיר. עס האָט שוין פּשוט געשלאָגן צו דער גאַל אויסהערן פֿון אים נאָך אַ מאָל סענאַט, און ווידער אַ מאָל סענאַט, און אָבער אַ מאָל סענאַט!

נאָר אויב דאָס איז געווען נמאס צו הערן דער גאַנצער שטאָט, הײַנט ווי האָט דאָס געקאָנט בראָטן און ברענען נחמן־לייבן נעבעך, אַז ער האָט באַדאַרפֿט אַליין אויסהערן פֿון אים אַלע מינוט, אַלע רגע? יריחמיאל־משה האָט שטענדיק געזוכט מיט די אויגן נחמן־לייבן, און ווּ נחמן־לייב איז געשטאַנען — אַהין איז ער צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— אַפֿנים, אַז אין סענאַט זיצן טאַקע פֿאַרט מענטשן!...

נחמן־לייב טרעט־אָפּ אַף אַ זײַט און באַהאַלט זיך, נאָר ירחמיאל־משה זוכט אים אָפּ און רעדט ווײַטער, נישט צו אים, צו אַנדערע, נאָר אַזוי, אַז ער זאָל אויך הערן:

— איך בין אומיסטנע נעכטן איבערגעבליבן נעכטיקן אין האָלטע אַף באַנאַכט, געוואָלט, דער פּריסטאַוו זאָל צו מיר קומען; איז ער, אַף צו להכעיס, נישט געקומען!

צווישן ירחמיאל־משהן מיט ירחמיאל־משהכען איז געווען, ברוך השם, אַז גוט לעבן, אַז אומעטום, ווּ זי האָט נאָר געקאָנט, האָט זי אים געטאָן אַף קידער־ווידער; נאָר דאָ, בײַ נחמן־לייבס מפּלה, איז זי אים געקומען צו הילף און האָט אים געהאָלפֿן פֿויקן איבער דער שטאָט און דערקוטשען נחמן־לייבן מיט נחמן־לייבעכן, אַזוי אַז יענע האָט שוין געבעטן גאָט, עס זאָל שוין אַוועקגיין שבועות און ירחמיאל־משה מיט

ירחמיאל־משהכען זאלן שוין ארויספארן צו אלדי שווארצע יאר. — „מע קאן גאר קיין קאפ נישט אויפהייבן פון זיי!" און גאט האט רחמנות געהאט, ס'איז אוועקגעגאנגען שבועות און ירחמיאל־משה מיט ירחמיאל־משהכען כאפן זיך נישט אריבערצופארן קיין האלטע. וואס האבן זיי קיין צייט נישט? זיי ווילן פארשפעטיקן שפעטער מיט א וואך? אבי, דאנקען גאט, זיי מעגן שוין! — ביז ס'איז געקומען זונטיק, דער 25טער מיי, און די בלעטער (ווער האט אויסגעטראכט אט די „בלעטער"?) האבן געבראכט צו טראגן א ידיעה פון הונדערט איין שטאט, וואס יידן מעגן דארטן זיצן, בויען הייזער, קויפן ערד, פלאנצן גערטנער! הונדערט איין שטאט, און האלטע אויך בתוכם — אזא מעשה איז נישט געהערט געווארן! ירחמיאל־משה האט נישט געגלויבט קיינעם.

— עס קאן נישט זיין, ס'א ליגן! — האט ער געשריִען — צוואנציק יאר כסדר האט מען נישט געטארט איבערנעכטיקן א נאכט, פלוצעם וועט מען מעגן בויען הייזער, קויפן ערד, פלאנצן גערטנער? און גראדע הונדערט מיט איין שטאט, און גראדע האלטע אויך בתוכם! דאס האבן שונאים אויסגעטראכט, דאס וואקסט מסתמא פון נחמן־לייבן, נחמן־לייבס קאפ דערביי, פארכאפט זאל ער ווערן!

— דעמאלט ווען בא מיר וועט אויסוואקסן האר אף דער דלאניע, דעמאלט וועט מען מעגן זיצן אין האלטע!

אזוי האט ירחמיאל־משה געשריִען, און ירחמיאל־משהכע, וואס האט אויך געהערט אין מארק עפעס א נייס מכח הונדערט איין שטאט און האלטע אויך בתוכם, האט אים צוגעברעמלט, פאדטאקעוועט:

— אויב ס'איז אמת די מעשה מיט דיין סענאט, מעגסטו זיך טאקע באגראבן מיט אים אינאיינעם.

אזוי זאגט ירחמיאל־משהכע און ברענט און פלאמט, ווי א פאר־פלאמטער שבת־קוילעטש.

פלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין דער שמש פונעם מגידס קלויז מיט א יידיש בלאט־צייטונג.

— נאט אייך, רב ירחמיאל־משה, דאס האט מען אייך געשיקט א בלאט, איר זאלט מוחל זיין איבערלייענען וואס דא שטייט; דא איז פאראן עפעס א נייס, זאגן זיי, מכח באהאפאליע און מכח האלטע, הונדערט איין שטאט, פארקנייטשט אן־א און אונטערגע־שטרייכט נומער 94.

ירחמיאל־משה האָט שוין פאַרשטאַנען, ווער האָט זיך דאָס מטריח געווען. ער האָט גענומען דאָס בלאַט, אָנגעטאָן די ברילן, און עס האָט זיך אים אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן אַרײַן דער נומער 94 און דאָס וואָרט „האַלטע". דאָס איבעריקע האָט ער שוין גאָרנישט געוואָלט לייענען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די מעשה איז אַן אמת, און איז צוגעגאַנגען צו ירחמיאל־משהכע. ירחמיאל־משהכע האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדײַט, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו ירחמיאל־משהן מיט אַ ביטער געלעכטער:

— נו? דײַן סענאַט!...

— וואָס עפּעס מײַן סענאַט?

— וועמענס דען סענאַט? ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ סענאַט האָט זיך אים פאַרגלוסט! קומען זאָל אַף אײַך אַלע אַ שרפה, רבונו של עולם!

## ה.

אַ ווייסטער טאָג איז דעמאָלט געקומען אַף ירחמיאל־משהן מיט זײַן ווײַב. שטיל, אָן ווערטער, האָט זי געגרייט צום טיש, געקלונגען שטאַרק מיט די טעלער און מיט די לעפל, געשמיצט מיט די גאָפּלען.

— גיי שוין, גיי וואַש זיך שוין! — רופט זיך אָן ירחמיאל־משהכע צו ירחמיאל־משהן. — זיבעצן מאָל באַדאַרף מען אים בעטן צום טיש!

— זיבעצן מאָל? דוכט זיך, נאָך אַפילו איין מאָל ניט? — מאַכט ירחמיאל־משה מיט אַ זיפץ און גייט זיך וואַשן און הייבט ביידע הענט אין דער הייך און זאָגט „שאו ידיכם" און טראַכט זיך בשעת מעשה: „הונדערט מיט איין שטאָט... פראַנק און פרײַ... און האַלטע אויך בתוכם"... ער זעצט זיך צום טיש, מאַכט אַ המוציא און זוכט עפּעס אַפן טיש און קען ניט געפינען, און מחמת מע טאָר ניט מפסיק זײַן, מאַכט ער מיט די הענט, קוקט אָן אַ זײַט און רעדט אַף לשון־קודש:

— אי־אָ־נו־מלח — זאַלץ!?

— מלח, זאַלץ, שמאַלץ! אָט שטייט דאָך די זאַלץ בײַ דיר אונטער דער נאָז! אָטאָ, וואָס אָקעסטו, וואָס?

ירחמיאל־משה האָט קוים אַראָפּגעשלונגען דאָס שטיקל ברויט, זיך

שיר ניט דערוואָרגן מיטן ערשטן ביסן, און האָט זיך געכאַפּט צום לעפל ווען מע האָט באַדאַרפט א גאָפּל, און צום גאָפּל ווען מע האָט באַדאַרפט א לעפל. א גאַנץ עסן זײַנען זיי געזעסן דער אַהער, דער אַהין, און געשוויגן ביידע. עס האָט זיך געהערט א קלינגען פון די כלים, א זופּן און ניאַמקען פונעם עסן. איין מאָל נאָר האָט ירחמיאל־משהכע א זאָג געטאָן:

— א שטילער מלאך דורכגעפלויגן...

ירחמיאל־משה האָט גאָרניט געענטפערט, און אַזוי איז איבערגעגאַנגען דער גאַנצער וואַרעמעס שטיל, מע האָט געקענט הערן א פליג. נאָכן עסן האָט ירחמיאל־משה געקאַלופּעט מיטן גאָפּל די ציין און א זאָג געטאָן צו דער סטעליע:

— מים־אחרונים־וואַסער...

ירחמיאל־משהכע האָט אים א קוק געטאָן אין די אויגן אַרײַן, אײַנגעבויגן דעם קאָפּ א ביסל אויף א זײַט:

— זאָג נאָר, ירחמיאל־משה, אויף וועלכער זײַט ביסטו דאָס אויפגעשטאַנען הײַנט?

ירחמיאל־משה האָט איר דערויף ניט געענטפערט גאָרניט. ער האָט נאָר אָפּגעגאָסן מים אחרונים, א שמיץ געטאָן דעם טעלער פון זיך און האָט אָנגעהויבן בענטשן שטילערהייט.

אַצינד איז געוועזן די בעסטע צײַט, אַז ירחמיאל־משהשע זאָל זיך מיט אים קענען אָפּרעכענען, דאָס הייסט, דערגיין אים די יאָרן מיט ווערטער, עסן אים און טאָטשען, ווי א וואָרעם, און אים געבן וויפל סע וועט אין אים אַרײַן, ער זאָל ניט זײַן משוגע, ניט אַרויסבאַווײַזן דעם כּחַ און ניט שמיצן זיך מיט קיין טעלער.

— זע נאָר, ער שמיצט זיך דאָס א ביסל! גלײַך ווי מע ווערט פון אים גליקלעך... א מאַנצביל... מיינט ער שוין, אַז ער מעג אַלצדינג... א מאַנצביל און א חשוב אין סענאַט! א קלייניקייט? פּסנו!

ירחמיאל־משה האַלט דעם קאָפּ אַראָפּ, די אויגן צוגעמאַכט, שאָקלט זיך און בענטשט שטילערהייט: „הזן ומפרנס לכל ומטיב לכל"... און ירחמיאל־משהכע טוט זיך אירס; זי טאָטשעט אים:

— פרעג אים וואָס? וויס ער אַליין ניט! וואָס ביסטו, א שטייגער, אין קאַקעס (אין כעס) א גאַנץ פּרימאָרגן? ס'איז דאָך דײַן סענאַט, ניט מײַנער!

ירחמיאל־משה הייבט אָן בענטשן א ביסל העכער:

— „כּכּתוב ואָכלת ושבעת..." און לאָזט אוים מיט אַ ניגון און ציקלט זיך: „על האָ־אָ־אָרץ ועל המזון".

ירחמיאל־משהכע לאָזט דורך אַ מינוט און הייבט אָן ווײַטער:

— אַ מין רציחה! אַ מין כּעס! עס האָט זיך אין אים אַ ביסל צע־ברענט אַ פֿײַער! מע זאָל באַהיט און באַוואָרנט ווערן!

ירחמיאל־משה העכערט דאָס קול נאָך שטאַרקער:

— „לעד לחן ולחסד ולרחמים ולרוח הצלה והצלחה"...

— דוכט זיך, פאַרקערט? — זאָגט ירחמיאל־משהכע — אַז מע דערהערט ישועות ונחמות אַף ייִדן, באַדאַרף, אַדרבה, הנאה טאָן?

ירחמיאל־משה העכערט דאָס קול נאָך שטאַרקער:

— „ברכה וישועה נחמה פּרנסה וכלכלה ורחמים וחיים ושלום וכל טוב!"...

ירחמיאל־משהכע וויל ניט אַנטשוויגן ווערן:

— פרעג אים, אַ שטייגער, וואָס אַרט דאָס אים? וואָס דערלייגט ער דאָ? נחמן־לייב וועט מעגן זיצן אין האַלטע? לאָז ער זיצן אין גע־האַקטע ווונדן! עס זאָל מיך אָנהייבן צו אַרן!... צעזעצטערהייט!...

ירחמיאל־משה זידט ווי אַ קעסל, האַלט אײַן דעם כּעס אין זיך ווי ווײַט ער קען און הייבט אָן זאָגן די „הרחמנס" נאָך העכער און מיט אַ וויינענדיקן ניגון.

אַ מענטש איז דאָך אָבער ניט פֿון אײַזן. ירחמיאל־משהכע טאָטשעט אים אַזוי לאַנג, ביז ער נעמט צונויף ביידע קולעקעס אַקעגן איר פּנים, קריצט מיט די ציין און שרײַט אוים אַף אַ קול:

— אוי, הרחמן הוא יברך אותי ואת אשתי ואת זרעי ואת זרע זרעי! טפו!... — און לויפט אַרוים פון שטוב, ווי אַ משוגענער.

:: :: ::

נחמן־לייב מיט נחמן־לייבעכע זײַנען אַריבערגעפאָרן קיין האַלטע, און ירחמיאל־משה מיט ירחמיאל־משהכען זײַנען פאַרבליבן אין באַהאָ־פּאָליע עד היום הזה!

געשריבן אין יאָר 1903.

# מײַן ערשטער ראָמאַן

## א.

## די ערשטע שטעלע און דער כוח פון פּראָטעקציע

ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון זיצן שפּעט באַנאַכט אַ הונגעריקער באַ אַ שמעלצנדיק ליכטל, אײַנגעהילט אין אַ צעריסן פּעלצל, און חזרן גראַמאַטיקע: — אימעניטעלנעי — ביעלעי סוויעזשעי כליעב; ראָדיטעלנעי — ביעלאַהאָ סוויעזשאַהאָ כליעבאַ; דאַטעלנעי — ביעלאָמו סוויעזשעמו כליעבו, און בשעת מעשה זאָל זיך גלוסטן כאָטש אַ שוואַרץ אַלט געבאַקן שטיקל ברויט — און ס'איז ניטאָ... ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון שלאָפן אַף אַ האַרטער באַנק מיט אַ ווייכן קולאַק צוקאָפּנס, און דאָס לעמפּל טשאַדעט, און דאָס קינד וויינט, און די אַלטע וואָרטשעט... ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פּאָר שטיוול, וואָס איין אָפּצאַס איז אָפּגעשפּרונגען און אַ פּאָדמעטקע שלעפּט זיך נאָך און קוואַטשקעט, און איר קענט פון איר בשום אופן נישט פּטור ווערן... ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אָפּטראָגן דעם זייגער אין לאָמבאַרד אַרײַן, און דער לאָמבאַרד וויל אים ניט אָננעמען, מחמת די קאָפּערטע איז ניט פון ריין זילבער און די געדערים זײַנען ניט ווערט קיין פּירער... ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון בעטן באַ אַ גוטן פרײַנט אַ גמילת־חסד, און ער לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן, לייגט אַרײַן די האַנט אין קעשענע און כאַפּט אַרויס דאָס בײַטעלע און שווערט אײַך, אַז ער האָט ניט אַ גראָשן... ווער עס האָט דאָס אַלצדינג פאַרזוכט, אַליין איבערגעלעבט, — דער וועט מיך אפשר פאַרשטיין, וויאַזוי מיר איז געווען אַף דער נשמה, אַז איך האָב באַקומען אַ שטעלע — די ערשטע שטעלע — פון צוועלף קאַרבן אַ חודש מיט קעסט און קוואַרטיר און אַף אַלעם גרייטן!

וויאַזוי איך האָב די שטעלע באַקומען — וויל איך אײַך ניט באַמיען, און איך מיין, אַז איך בין גאָר ניט מחויב אײַך אַלצדינג דערציילן,

אַז איך האָב אַ פעטער, און דער פעטער האָט אַ מומע, און די מומע האָט אַ באַקאַנטן, און דער באַקאַנטער האָט אַ קרוב, און די מומע האָט אַ מחותן זייער אַ רײַכן, נאָר אַ פּראָסטן בעל־הבית, וואָס וווינט אין אַ דאָרף, האָט אַ זון אַ בן־יחיד און זוכט אַ לערער אויף יידיש און אויף רוסיש און אויף דײַטש און אויף בוכהאַלטעריע, און זאָל זײַן אַ טאַטנס אַ קינד, און זאָל קאָסטן וואָלוול — פּונקט אָנגעמאָסטן פאַר מיר! און איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מײַנע כוחות און איך בין אַוועקגעלאָפן צום פעטער און האָב געבעטן דעם פעטער, ער זאָל בעטן די מומע, אַז זי זאָל בעטן דעם באַקאַנטן, אַז ער זאָל בעטן דעם קרוב, אַז דער קרוב זאָל פּועלן בײַ זײַן מחותן דעם רײַכן בעל־הבית, אַז ער זאָל נעמען מיך, ניט קיין אַנדערן, וואָרעם אַ חוץ מיר איז פאַראַן אין מאַזעפּעווקע נאָך אַזעלכע בחורימלעך, וואָס קענען יידיש און רוסיש און דײַטש און בוכהאַלטעריע, און וואָס זײַנען אײַך גרייט צו פאָרן אין דער וועלט אַרײַן, אַבי אַ שטיקל ברויט. ניט אַזוי גיך האָט מײַן בעל־הבית אַרויסגערעדט דאָס גוטע וואָרט, אַז ער נעמט מיך; ער האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה: ערשטנס, צי זאָל ער נעמען אַ לערער, צי ניין? און צווייטנס, אויב נעמען, צי זאָל ער נעמען מיך, צי אַן אַנדערן? ביז גאָט האָט געהאָלפן, ס'איז בײַ אים געבליבן, אַז ער זאָל יאָ נעמען, און דער גורל איז געפאַלן אויף מיר, מחמת די קענטעניש (אַזוי האָט ער געזאָגט) שפּילן בײַ אים אַ קליינע ראָלע; קענערס, האָט ער געזאָגט, זײַנען הײַנט פאַראַן ווי די הינט; דער עיקר איז בײַ אים, אַז דער לערער זאָל זײַן „אַ טאַטנס אַ קינד". און אַזוי ווי איך בין אַ טאַטנס אַ קינד, דערפאַר „נעמט ער מיך". אַזוי האָט ער מיר געזאָגט, מײַן נײַער פּרינציפּאַל. נאָר איך האָב מורא, אַז ער האָט געזאָגט, מחילה, ליגן: מײַנע איבעריקע קאָנקורענטן זײַנען אויך „טאַטנס קינדער" ניט ווינציקער פון מיר. נאָר וואָס דען? זכות־אָבות, פּראָטעקציעס.

יאָ, גרויס און שטאַרק איז דער כוח פון פּראָטעקציע! און אַז ווייל איז דעם מענטשן, וואָס האָט אַ פעטער, וואָס ער האָט אַ מומע, וואָס זי האָט אַ באַקאַנטן, וואָס יענער האָט אַ קרוב, וואָס ער האָט אַ מחותן אַ רײַכן בעל־הבית, וואָס וווינט אין אַ דאָרף און האָט אַ בן־יחיד און זוכט אַ לערער אויף יידיש און אויף רוסיש און אויף בוכהאַלטעריע, און זאָל זײַן אַ „טאַטנס אַ קינד", און ס'זאָל קאָסטן וואָלוול!...

ב.

## מיין פרינציפּאַל פאַרזויגט מיך מיט זיינע גוזמות, און איך כאַפּ אַ דרעמל

ווער איז געווען מיין פּרינציפּאַל? וואָס איז ער געווען? וואָס פאַר אַ פּנים האָט ער געהאַט: צי אַ הויכער, צי אַ נידעריקער? צי אַ דיי־נער, צי אַ גראָבער? צי אַ געלער, צי אַ שוואַרצער? איך מיין, אַז ס'איז אייך ניט אַזוי נייטיק צו וויסן. וויאַזוי מע רופט אים — איז אייך, דוכט מיר, אויך ניט נוגע אין לעבן. עס קען זיין, אַז ער לעבט נאָך ער־געץ, פּאַסט מיר גאָר ניט, איך זאָל אַרויסשטעלן דעם נאָמען זיינעם לאָם איך אייך בעסער איבערגעבן דעם שמועס, וואָס מיר האָבן געהאַט דאָס ערשטע מאָל, בשעת ער האָט מיך גענומען צו זיך אין וואָגן אַריין — אַ גאַנץ פיינער עקיפּאַזש מיט צוויי שיינע פערד — און האָט מיך מכבד געווען מיט אַ ציגאַר — דער ערשטער ציגאַר, וואָס איך האָב אַף מיין לעבן פאַררייכערט און וואָס האָט מיך אָפּגעקוילעט אַף אייביק.

— פאָרט איר אַרויס, הייסט דאָס, יונגערמאַן, דאָס ערשטע מאָל פון שטאָט אין דאָרף אַריין? — אַזוי מאַכט ער צו מיר און קוקט אַפּן גרויען אַש פון דעם שוואַרצן ציגאַר. — איר קערט אוודאי מיינען, יונגער־מאַן, אַז אַ דאָרף איז מי יודע וואָס, און מיר, דאָרפס־יידן, וויסן ניט וואָס גוט איז? איר וועט זיך פאַרגינען אָנקוקן, יונגערמאַן, אַ זיצעכטס פון אַ דאָרפס־ייד, אַ שטוב מיט אַ הויף מיט אַ גאָרטן — אַ פּאַלאַץ, אַ דוואָרעץ! חדרים און חדרימלעך, איך זאָל אייך זאָגן, יונגערמאַן, בלא גוזמא, כמעט ביז צוואַנציק. וואָס זאָג איך צוואַנציק? אַריבער דרייסיק! אי, צו וואָס דאַרף איך אַזויפיל חדרים? איך וויים אַליין ניט: צוליב די געסט. עס קומען צו מיר אָפטמאָל געסט. וואָס זאָג איך אָפטמאָל? אַלע וואָך, אַלע טאָג. ניטאָ דער טאָג, סע זאָל ניט קומען קיין גאַסט, צוויי געסט, דריי געסט, און נאָך וואָסערע געסט! אַ פּריץ, אַ פּריסטאַוו, אַן איספּראַווניק, אַ מיראָוואָי... איך לעב מיט זיי אַלע זייער גוט. לאָם איך האָבן די ברכות, וויפל מאָל סע מאַכט זיך: איך זע אַ קאַרעטע מיט פיר פערד פאָרט צו גלייך צום גאַניק; פרעג איך: ווער איז דאָס געקומען? זאָגט מען מיר: יעוואָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, דאָס הייסט, דער גובער־נאַטאָר אַליין... נו, קען מען ניט זיין קיין דבר־אחר, און מע מוז אים

אויפנעמען, ווי סע קער צו זײַן, אים אָפּטרעטן די גרעסטע הדרים מיטן גאַנצן גאָרטן. און באַ מיר אַ גאָרטן — מעג מען אים אָנקוקן! אַ וואַלד, ניט קיין גאָרטן! מײַנע עפּל, מיט מײַנע באַרן, מיט מײַנע פֿלוימען! הײַנט ווײַנטרויבן? אַלצדינג איז באַ מיר, ברוך השם, פֿאַראַן אייגנס: ווישניק פֿון מײַנע ווײַנשל, און ווײַן פֿון מײַנע ווײַנטרויבן, און ראָזינקעס אייגענע, און אַפֿילו פֿיש אויך אייגענע פֿונעם אייגענעם טײַך, און נאָך וואָסערע פֿיש, קאַרעסן און קאַרפּן און שלײַען און לעשטשעס — לעשטשעס אָט אַזעלכע אָ... — דערבײַ טוט מײַן פּרינציפּאַל אַ מאַך מיט ביידע הענט אין דער ברייט, און איך בייג זיך אָן אַ ביסל אַף אַ זײַט, בכדי איך זאָל אים קענען דורכלאָזן זײַנע לעשטשעס...

ער הערט ניט אויף צו דערציילן גוזמות, און איך האָרך, האָרך מיט קאָפּ, שלינג, שלינג די ווערטער. די קאַרעטע וויגט זיך ווי אַ וויגבעטל, די פֿערדלעך שמײַסן מיט די ווײדלען און לויפֿן, לויפֿן אָן אָן אָפּשטעל, און איך קען אײַך אַקוראַט ניט זאָגן, צי פֿונעם וויגן זיך אין דער ווייכער קאַרעטע, צי פֿון די פֿערדס שמײַסן מיט די ווײדלען, צי אפֿשר פֿונעם פּרינציפּאַלס גוזמות — איך הייב אָן צו כאַפּן אַ דרעמל... עס איז אַ שיינע וואַרעמע זומער־נאַכט! אַ גרינג ווינטל פֿאַרגנבעט זיך אַלע מאָל און טוט מיך אַ שמיר, אַ גלעט, ווי מיט סאַמעט, איבערן פּנים, און איך ווער אַנטשלאָפֿן, און פֿונעם שלאָף הער איך, אַז מײַן פּרינציפּאַל כראָפּעט געשמאַק.

אַז מיר זײַנען געקומען צו פֿאָרן אַפֿן אָרט, האָט שוין די זון געהאַט אײַנגעפּאָרן אַ שטיק הימל; ריין איז זי געווען, די יפֿהפֿיה, ריין און לויטער, ליכטיק און לעבעדיק, געשמייכלט צו מיר גאָר פֿרײַנטלעך און אָפּגעגעבן מיר אַפֿן נײַעם אָרט אַ שיינעם, אַ ברייטן גוט־מאָרגן.

ג.

## אַ צעטל פֿון ליגנערס, אַ קאַלטער קוק און אַ וואַרעמע רעקאָמענדאַציע

פֿאַראַן אַלערליי מינים ליגנערס אַף דער וועלט. פֿאַראַן ליגנערס אַזעלכע, וואָס קיינער גלויבט זיי ניט, קיינער שלעפּט זיי ניט פֿאַר דער צונג, נאָר גלאַט אַזוי — ס'איז דאָ אַ מויל און סע רעדט. צווישן די

דאָזיקע ליגנערס זײַנען פֿאַראַן דרײַערלײ מינים: אַ ליגנער אױף נעכטן, אַ ליגנער אױף הײַנט און אַ ליגנער אױף מאָרגן. דער נעכטיקער ליגנער װעט אײַך דערציילן בבא־מעשיות, װאָס ניט געשטױגן, ניט געפֿלױגן; ער װעט אײַך שװערן, אַז ער איז דערבײַ אַלײן געװען — און גײט זײַט חוקר ודורש, זוכט עדות, לײקנט אים אָפּ!... אַ הײַנטיקער ליגנער — דאָס איז ניט קײן ליגנער, אײגנטלעך, נאָר אַ באַרימער; ער װעט אײַך דערציילן, אַז ער האָט, אַז ער װײס, אַז ער קען — און גײט פֿאַרהערט זיך מיט אים!... דער מאָרגנדיקער ליגנער — דאָס איז גלאַט אַ גוטער מענטש, װאָס זאָגט אײַך צו גילדענע בערג: ער װעט גײן, ער װעט רײדן, ער װעט טאָן פֿון אײַערטװעגן — און איר דאַרפֿט אים גלײבן אױף נאמנות. די אַלע דרײַ מינים ליגנערס װײסן, אַז זײ זאָגן אַ ליגן, נאָר עס מאַלט זיך זײ אױס, אַז יענער גלײבט זײ. פֿאַראַן אָבער אַזאַ מין ליגנער, װאָס בשעת ער זאָגט אָפּ דעם ליגן, מײנט ער אַלײן, אַז ער האָט געזאָגט אַן אמת און איז איבערצײַגט, אַז יענער מײנט אױך, אַז ס'איז אַן אמת, און בשעת מעשה האָט ער באמת הנאה. דאָס איז אַ מענטש, װאָס לעבט אינעם עולם־הדמיון, אַ מענטש, װאָס פֿאַנטאַזירט, מע קען זאָגן: דאָס איז אַ מין מחבר, װאָס קלערט אױס אַלע מאָל אַ נײַע מעשה, פֿאַרגעסט װאָס ער האָט נעכטן דערציילט, און די פֿאַנטאַזיע אַרבעט בא אים אַלע מאָל אַ פֿרישן געדאַנק, אַ שפּאָגל־נײַע אידעע.

אָט פֿון דעם לעצטן מין ליגנערס איז געװען מײַן פּרינציפּאַל. איר פֿאַרשטײט שױן אַלײן גאַנץ גוט, אַז פֿונעם דװאָרעץ האָט זיך אױסגע־לאָזט אַ גאַנץ געװײנלעכער הױף, פֿונעם פּאַלאַץ — אַ גאַנץ געװײנלעכע שטוב מיט אַ סך װינציקער פֿון דרײַסיק חדרים און חדרימלעך. דער גאָרטן איז געװען אַ גאַנץ געװײנלעכער גאָרטן. אױפֿן אָרט פֿון װײַנטרױבן זײַנען געװען גרינע אַגרעסן, אױפֿן אָרט פֿון װײַן — פּשוטער עפּל־קװאַס, און אױפֿן אָרט פֿון די גרױסע לעשטשעס זײַנען געװען קלײנע העכטלעך, אי דאָס — ניט פֿונעם אײגענעם טײַך, נאָר געבראַכטע פֿון מאַרק...

באַגעגנט האָט אונדז אַ גראָבע ייִדענע מיט אַ פּאַק שליסלען. דער קוק, װאָס זי האָט אױף מיר געװאָרפֿן, איז געװען אַ קאַלטער קוק, און מע קען זאָגן, אַז ס'איז מיר געװען זײער שטאַרק אָנגענעם. דער דאָזיקער קוק האָט באַדײַט: „װאָס איז דאָס פֿאַר אַ שלים־מזל?"... מײַן בעל־הבית האָט דעם קוק פֿאַרשטאַנען און האָט מיט אַ חניפֿהלע װי פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר איר:

— דאָס האָב איך געבראַכט אַ נײַעם לערער פאַרן „קינד“... ווו איז דאָס „קינד“?

— דאָס קינד שלאָפט נאָך — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ קול פון אַ מאַנצביל און האָט מיך מכבד געווען מיט נאָך אַ קאַלטן קוק, וואָס קען פאַרקילט ווערן פון אים אין די געדערים. אַ גליק, וואָס דער פּרינ־ציפּאַל האָט געהייסן, מע זאָל עפּעס געבן צום טיש, און האָט מיך באַ־זעצט לעבן זיך און האָט מיר אין עטלעכע מינוט, ביז מע האָט דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר, אויסדערציילט וואָס זײַן זון קען, ווי גוט ער לערנט און ווי שיין ער שרײַבט.

— זײַן שרײַבן האָט אַ שם! די וועלט טראָגט זיך אַרום מיט זײַנע בריוו! דײַטש איז בײַ אים די מוטער־שפּראַך. הײַנט רעדט ער פראַנ־צויזיש!

די בעל־הביתטע מיט די שליסלען האָט דערלאַנגט צום טיש קעז און פּוטער און סמעטענע און מילך און האָניק, און נאָך גוטע זאַכן, און עס וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט, ווען זי זאָל אַליין זיך ניט געווען אַוועקזעצן אַקעגן און וואַרפן אויף מיר מיט אירע זיסע אויגן. מײַן פּרינ־ציפּאַל האָט פאַרשטאַנען איר קוק און האָט איר אויף אַ מינוט אויסגע־רעכנט דעם יחוס מײַנעם, ווער איך בין און וואָס איך קען, און איך האָב געפילט, אַז עס ברענט בײַ מיר דאָס פּאָנעם מיט די אויגן מיטן קאָפּ און מיט די האָר אויפן קאָפּ. נאָך מײַן פּרינציפּאַלס וואַרעמער רעקאָמענ־דאַציע איז אויסגעקומען, אַז איך בין דעם בעל־שמס אַן אייניקל און קום אַרויס פון סאַמע רבנים מיוחסים און גבירים אדירים, און קענען קען איך מער פון אַ סטודענט און פון אַ דאָקטער און פון אַ פּראָפעסאָר און פון דרײַ פּראָפעסאָרן... צי האָט זי געגלייבט די דאָזיקע פּזמונות — ווייס איך ניט. נאָר דער קאַלטער האַרטער קוק אירער איז געוואָרן, דוכט מיר, אַ ביסל וואַרעמער און ווייכער.

ד.

## דאָס „קינד“ עסט פאַר דריי סאָלדאַטן, און דער לערער גייט אויס פאַר הונגער

דאָס קינד איז געווען אַ הויכער, אַ גראָבער, אַ געזונטער, אַ ווײַ־סער, אַ שיינער, אַ לעבעדיקער, אַ פרייליכער בחור מיט ווײַסע רויט־

פּאַרביקע באַקן, מיט היפּשע פּעטע פּיסקעס, מיט אַ הויכן ווײַסן שטערן, מיט גוטע גרויע אויגן, מיט פּעכקע ווײַסע הענט, ווי פּאַמפּושקעס, און האָט ליב געהאַט דרײַ זאַכן: עסן און שלאָפן און לאַכן. נאָר מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט דאָס עסן. און עסן האָט מען דאָרט געגעסן פון אינדערפרי ביז באַנאַכט. אַ חוץ טיי און קאַווע און איבערבײַסן און אָנבײַסן און וואַרמעס און מיטאָג און וועטשערע, האָט די מאַמע אַלעמאָל אַרײַנגעשיקט דעם „קינד" אַ גלעזל שאָקאָלאַד, אַ בייגל, אַ קיכל, אַ לעקעכל, אַ ביסל אײַנגעמאַכטס, און אָפּטמאָל אַ לעבערל, אַ פּופּיקל, און גלאַט אַ שטיקל בולקע, דאָס האַרץ זאָל ניט חלשן... און דער לערער האָט דאָס באַדאַרפט צוזען, שלינגען די שלינגען שליים און פאַרשטילן דעם הונגער מיט אַ ציגאַר-טיטון...

די ערשטע צײַט, ביז דער רבי איז זיך ניט צוגעוווינט צו זײַן תּלמיד, האָט ער געליטן דעם אמתן טעם פון הונגער, וואָרעם דעם תּלמידס מוטער, די בעל-הביתטע מיט די שליסלען, האָט אים געגעבן מכּות, ניט קיין עסן. אין שטוב האָט זיך תּמיד געפונען עסנוואַרג, און איבערהויפּט מילכיקס, לרוב, נאָר אַלצדינג איז געווען אונטערן שלאָס. דער פּרינציפּאַל פלעגט זיך אָפּטמאָל אַרײַנמישן, מע זאָל געבן דעם לערער עסן; דערויף פלעגט די בעל-הביתטע אָנהייבן קלינגען מיט די שליסלען — אַ סימן, אַז זי איז אין כּעס — און זאָגן:

— סטײַטש, ווי דען? מע גיט אים עסן דרײַ מאָל אַ טאָג, האָסטו געהערט אַ ביסל!...

און דאָס איז געווען אַ גרויסער ליגן! ניט נאָר דרײַ מאָל אַ טאָג — אפילו איין מאָל ניט. איך האָב וויפל מאָל באַמערקט פון דער ווײַטן, ווי מע וואַרפט אַרויס שטיקער פלייש, ווי מע גיסט אויס קריגלעך מיט מילך — אין דער צײַט, ווען איך האָב געחלשט באַ זיך אין חדר נאָך אַ שטיקל ברויט. די טעג, וואָס דער פּרינציפּאַל איז ניט געווען אין דער היים, בין איך פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער. מײַן גליק איז געווען, וואָס איך בין באַצײַטנס געוואָרן חבר מיט מײַן תּלמיד.

## ה.

## דער רבי מיטן תלמיד שלאָגן בלאַט און מע לעבט אַ גוטן טאָג

— אויב איר ווילט זיך האַלטן דאָ און מיר זאָלן זײַן חבר — אַזוי האָט זיך אָנגערופן איינמאָל אין אַ פרימאָרגן צו מיר דאָס „קינד", בשעת מיר זײַנען געזעסן אַליין אין אונדזער באַזונדער חדר מיט אָפענע פענצ־טער אין גאָרטן אַרויס — אויב איר ווילט, מיר זאָלן זײַן חבר און איר זאָלט ניט אַוועקפאָרן, זאָלט איר די ספרים מיט די ביכער פאַרוואַרפן אונטערן טיש, און אַליין זאָלן מיר אָדער שפּילן אין „דאַמקעס", אָדער אין „זעקס־און־זעכציק", אָדער מיר זאָלן זיך גאָר אויסציִען אַף די בעט־לעך מיטן פּנים אַרויף און שפּײַען אַף דער סטעליע.

און ניט לאַנג געטראַכט, נעמט מײַן תּלמיד און טוט אַ שלײַדער די ספרים מיט די ביכער אונטערן טיש, טוט זיך אַ וואָרף אָפּן בעטל מיטן פּנים אַרויף און טוט אַ שפּײַ דורך די ציין, נאָר אַזוי קונציק, אַזוי בריהש, אַז ער דערלאַנגט גלײַך צו דער סטעליע, און מיר ביידע הייבן אָן לאַכן.

פון דעמאָלט אָן איז אַוועקגעגאַנגען בײַ אונדז אַ לעבן, ווי גאָט אין אָדעס. דער תּלמיד האָט אויסגעלערנט דעם רבין שפּילן אין „דאַמקעס" און „זעקס־און־זעכציק" (איך בין זיך מודה, אַז ביז דעמאָלט האָב איך ניט געוווּסט קיין צורה פון קיין קאָרט, און אַז איך האָב מיך באַקענט מיט דעם שפּיל, האָב איך ליב געקראָגן אַ קערטל דאָס חיות!). דער רבי האָט געשלאָגן בלאַט מיטן תּלמיד און האָט פאַרוואָרפן אַלע ספרים מיט אַלע ביכלעך און האָט געשפּילט מיטן תּלמיד אין „דאַמקעס" אָדער אין „זעקס־און־זעכציק", אָדער געלעגן און געשפּיגן אַף דער סטעליע, אָדער געגעסן אינאיינעם מיט אים, פאַרזוכט פון אַלע מאכלים צו ביסלעך, און האָט זיך אַרום אים גוט אונטערגעפּיטערט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט ער פאַרבײַגייענדיק אַ קוק געטאָן אַף זיך אין שפּיגל, דערזען אַ פּאָר באַקן — און האָט זיך אַליין ניט דערקענט...

צו אונדז אין חדר איז ניט אַרײַנגעקומען קיינער, אַ חוץ דער דינסט מיט עסנוואַרג. מײַן פּרינציפּאַל איז זעלטן געווען אין דער היים, און די בעל־הביתטע מיט די שליסלען האָט געהאַט צו טאָן טאָג ווי נאַכט מיטן

מילכיקס און מיט די קרינגלעך און האָט ניט אַרײַנגעשמעקט צו אונדז. מיר האָבן דאָס געלעבט באמת אַ גוטן טאָג, געווען פראַנק און פרײַ, ניט געהאַט אַף זיך קיין שום עול פון קיין שום זאַך און פון קיין שום מענטשן — ממש אַ גן־עדן!

נאָר איין מאָל האָט מיך דער פרינציפּאַל אַ כאַפּ געטאָן:

— נו? וויאַזוי לערנט ער?

— אויסגעצייכנט! — זאָג איך און פאַרקרים זיך ניט אפילו.

— איאָ? וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? — מאַכט ער צו מיר, און איך וווּנדער זיך, וויאַזוי איך קוק אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

אין דער דאָזיקער שטוב, ווו איינער האָט גענאַרט דעם אַנדערן, ווו אַלע האָבן געפאַלשט, געזאָגט ליגן, ווו דער שקר איז געהאַנגען אויבן־אויף, געשוועבט, זיך געלאָזט הערן אין דער לופט, — אין דער דאָזיקער שטוב האָט מען געקענט זיך אויסלערנען זאָגן אַ ליגן.

## ו.

## די ערשטע ליבע־בריוולעך צווישן חתן־כלה און דאָס ערשטע פּייערל צינדט זיך אָן

איין אַרבעט איז בײַ אונדז יאָ געווען: אָפּנעמען די פּאָסט און ענט־פערן אַף די בריוו. און בריוו האָבן מיר געהאַט כמעט אַלע טאָג; איך זאָג „מיר" האָבן געהאַט, ווײַל מיר ביידע האָבן באַדאַרפט אַף זיי געבן תשובה. די בריוו זײַנען געווען געשריבן צו מײַן תלמיד פון זײַן פיל־געליבטער כלה, כאָטש ער אַליין האָט זיך מיר מודה געווען, אַז ער האָט זי ווינציק וואָס ליב.

תחילת זײַנען די בריוו געווען ניט אַזוי אָפט — איין מאָל אין צוויי וואָכן, איין מאָל אין וואָך; נאָר פון זינט איך בין אָנגעקומען, איז דאָס שרײַבן געוואָרן פאַרגרינגערט, און די בריוו האָבן אָנגעהויבן גיין הין און צוריק אָפטער.

— נאַט לייענט איבער און ענטפערט איר אָפּ. וואָס דולט זי מיר אַ מוח! — אַזוי האָט מיר מײַן תלמיד איינמאָל געזאָגט און אַ וואָרף געטאָן מיר אין פּנים אַרײַן זײַן פיל־געליבטער כלהס אַ בריוול.

איך האָב איבערגעלייענט דאָס בריוול, און ס'איז מיר געפעלן גע־וואָרן וואָס זי שרײַבט:

מײַן ליבער טײַערער חתן! דו ווייסט, עס האָט זיך מיר צוגעגעסן דײַנע גרוסן, וואָס זײַנען געראָטן איינס אינעם אַנדערן, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, וואָס גייען פון איין טײַך. איך וויל הערן פון דיר עפּעס אַ פריש וואָרט, אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל מיר דערוואַרעמען דאָס האַרץ און באַלײַכטן די נשמה. צו קאַלט איז דאָס האַרץ, צו טונקל די נשמה!...

פון מיר דײַן געטרײַע כלה...

איך האָב ניט לאַנג געטראַכט און האָב דערויף אָפּגעענטפערט פאַר מײַן תּלמיד בזה הלשון:

מײַן ליבע געטרײַע כלה! דו שרײַבסט מיר, אַז מײַנע ווערטער זײַ־נען געראָטן איינס אינעם אַנדערן, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט; ווי קען דען אַנדערש זײַן, אַז איין געפיל האָט זיי געבוירן? דו זאָגסט, אַז זיי זעען אויס, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, וואָס גייען פון איין טײַך; ווי קען דאָס אַנדערש זײַן, אַז זיי גייען פון איין קוואַל, פון איין האַרצן? דו בעטסט בײַ מיר אַ פריש וואָרט; קען דען זײַן פרישער ווי דאָס וואָרט „ליב"? קען דען זײַן ניט ליכטיק אויף דער נשמה, אַז איך דערמאָן זיך אין דיר, טײַערע כלה?!

פון מיר דײַן געטרײַער חתן...

דערויף האָבן מיר אין גיכן באַקומען אַ תּשובה:

ליבער טײַערער חתן!

דײַנע זיסע ווערטער האָבן מיך איצטיקס מאָל דערפרישט און דער־וואַרעמט, און ס'איז מיר ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב דערהערט אַ נײַ מין געזאַנג, אַ גן־עדן־מעלאָדיע פון אַ טײַערער, אַ ליכטיקער נשמה, און איך האָב דערפילט עפּעס ווי אַ נײַע הויט אויף זיך. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עס וואַקסן בײַ מיר פליגל, און איך שוועב, איך שוועב אין דער לופטן, און אַ גאַנצע קאַפּעליע מלאכים גייען מיר אַקעגן, באַגריסן מיך, טראָגן מיר אַ גרוס פון מײַן ליבן טײַערן זיסן חתן, וואָס שרײַבט אַזעלכע זיסע

ווערטער, וואָס מײַן האַרץ און מײַן נשמה זײַנען אים אינגאַנצן, אינ־גאַנצן איבערגעגעבן פֿון איצט אָן אַף תמיד, אַף אייביק!

פֿון מיר דײַן דיך ליבנדע און תמיד געטרײַע כלה...

ליבע, זיסע, טײַערע און געטרײַע נשמה מײַנע!

ניין, דו האָסט זיך ניט טועה געווען, מײַן טײַערע כלה! ניט קיין פּשוטע קאַלטע ווערטער זײַנען דאָס געווען, נאָר געפֿילן, וואָס גיסן זיך אַרויס גלײַך פֿונעם האַרצן און גיסן זיך אַרײַן צו יענעם; פֿעדעם, וואָס ציִען זיך גלײַך פֿון דער נשמה און ציִען צו צו זיך און פֿאַרבינדן און פֿאַרקניפּן צוויי יונגע נשמות אַף שטענדיק, אַף אייביק, אַף אייביק. אָט־אָ־יענע אייגענע קאַפּעליע מלאכים, וואָס האָבן דיר אָפּגעגעבן אַ גרוס פֿון מיר, האָבן מיר געבראַכט צו טראָגן פֿון דיר נאָך אַ סך אַ פֿרײַנט־לעכערן גרוס, און מיט דער אייגענער קאַפּעליע מלאכים שיק איך דיר איבער איצטער, מײַן טײַער האַרץ, אַ הייסן קוש, אַ הייליקן קוש פֿון דײַן אייביקן, אייביקן פֿרײַנט, וואָס טראָגט דײַן ליכטיק געשטאַלט באַ זיך אין האַרצן תמיד, אַף דער וואָר און אין חלום.

פֿון מיר דײַן ברענענדיק פֿאַרליבטער חתן...

ז.

## מאַטעריאַל פֿאַר אַ נייעם בריוונשטעלער

אַ פֿונק ווערט אומגערן פֿאַרטראָגן גאָט ווייס פֿון וואַנען און פֿאַלט אַף אַ שטרויענעם דאַך, צינדט זיך אָן פֿון דעם אַ פֿײַערל; קומט דער ווינט און צעבלאָזט דאָס פֿײַערל, און עס ווערט אַ העליש פֿײַער, אַ שׂרפֿה, אַ שׂרפֿה!

די ערשטע בריוולעך זײַנען געווען דער ערשטער פֿונק, וואָס האָט זיך צעבלאָזן, צעברענט און צעפֿלאַקערט אין אַ העליש פֿײַער. די בריוו־לעך זײַנען געווען וואָס ווײַטער אַלץ הייסער און הייסער; דאָס פֿײַער איז געוואַקסן וואָס ווײַטער אַלץ גרעסער און שטאַרקער. עס האָט אויס־געבראָכן אַ גרויסע, אַ מוראדיקע שׂרפֿה באַ מיר אין האַרצן, אַ פֿײַער האָט זיך צעוואָרפֿן אין מײַן גאַנצן לײַב, אָנגעצונדן אַלע מײַנע נערוון,

אויפגעזאָטן און אויפגעקאָכט מײַן בלוט, מיך געמאַכט קראַנק, אויס מענטש. איך האָב פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט צום עסן, איך האָב אויפגע־הערט שלאָפן, איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. מײַן נשמה איז געלעגן דאָרטן, אין די בריוולעך, און אין זיי טאַקע איז געווען מײַן איינציקע טרייסט און מײַן פרייד. אַ בריוו אַז עס פלעגט אָנקומען, איז געווען בײַ מיר אַ יום־טוב; איך האָב דעם בריוו געעפנט, איך האָב אים געלייענט און איך האָב אַף אים געענטפערט. מײַן תלמיד האָט נאָר באַ־דאַרפט איבערשרײַבן מיט זײַן האַנט, און איך האָב אים באַדאַרפט אונ־טערטרײַבן צו דער אַרבעט. און וויפל האָט דאָס מיך געקאָסט בלוט, אַז איך האָב באַדאַרפט טראָגן דעם וויטיק אינעווייניק בײַ זיך אין האַרצן טיף־טיף פאַרבאָרגן, זיך באַהאַלטן בחדרי־חדרים מיטן קאָפּ אין קישן און שטילערהייט זיך אויסוויינען, אויפשטיין און מאַכן אַ פריילעך פּנים און זיך זעצן מיט מײַן ליבן תלמיד צו דער אַרבעט — שפּילן אין „דאַמ־קעס” אָדער אין „זעקס־און־זעכציק”.

איין שטיקל גליק איז געווען, וואָס קיינער האָט ניט באַמערקט אַף מײַן פּנים, אַז איך גיי אויס, אַז איך צאַנק, ווי אַ ליכט. איין שטיקל גליק, וואָס מײַן תלמיד האָט זיך צו מיר ניט אַזוי שטאַרק צוגעקוקט; ווען ער זאָל זיך צו מיר שטאַרק צוקוקן, וואָלט ער מיך געווים געפּאַקט. איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ פּנים איך וואָלט בײַ אים געהאַט אין די אויגן, ווען ער זעט מיך קושן זײַן כלהס בריוולעך פון אַלע זײַטן!... און וויאַזוי קושט מען ניט אַזעלכע בריוולעך? זעט אַליין וואָס זי שרײַבט צו מיר:

מײַן ענגעל, מײַן נשמה, מײַן טרייסט!

איך דאַרף דיר זאָגן דעם אמת. איך בין זיך מודה פאַר דיר, מײַן טײַערער, אַז איך האָב דיך ביז אַהער ניט געקענט. איך האָב מיר קיינ־מאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל געפינען אין דיר אַזאַ קוואַל פון סאַמע געהויבענע געפילן, פון סאַמע הויכע געדאַנקען, פון סאַמע טיפן פאַרשטאַנד, און אַזאַ אַן אוצר פון וויסנשאַפט! פון דײַנע קלוגע ווער־טער זע איך אַרויס, ווי ווײַט דו ביסט באַלעזן, ווי ווײַט דו ביסט פול אומעטום!

און עס וווּנדערט מיך זייער, פאַרוואָס האָב איך דאָס ניט געוווּסט פריִער? דאָס באַווײַזט מיר נאָר דײַן תמימות מיט דײַן פּראַסטקייט, וואָס גיבן דיר צו חן אין מײַנע אויגן נאָך מער ווי ביז אַהער. זאָל איך

מיך ניט שעצן פאר איינע א גליקלעכע, וואס מיין גורל איז געפאלן אף א מענטשן, וואס אין אים שפיגלען זיך אפ אלע בעסטע מעלות: שיינ־קייט, קלוגשאפט, קענטעניש, תמימות און גוטסקייט? דיין גוטסקייט קוקט ארויס פון דיינע זיסע קלוגע ווערטער. דו טוסט מיך באשענקען מיט דיינע ליבע בריוו פון דיין מילדער האנט, און איך דאנק דיר טויזנט מאל, און איך בעט דיך אף ווייטער ניט פארגעסן.

דיין געטרייע און אף אייביק דיך ליבנדע כלה...

דערויף האב איך איר געענטפערט א ביסל פארשטעלט:

מיין טייערע, מיין ליבע, מיין קלוגע און מיין וווילע! דו האסט מיך ניט געקענט דערפאר, ווייל דו האסט מיך ניט געזען, און דער, וואס דו האסט אים געזען, איז געווען ניט איך, נאר אן אפשיין פון מיר. שטעל דיך פאר, אז מיר האבן זיך נאר וואס באקענט, אז מיר האבן זיך נאך גארניט געזען, אז מיר בײדע זײנען נײגעבארן, און אך! ווי גליק־לעך זײנען מיר, וואס מיר קענען ניט די וועלט, די פאלשע ביטערע וועלט מיט די פאלשע ביטערע מענטשן!..

פון מיר דיין שטערבלעך פארליבטער חתן...

האב איך באקומען פון איר אזא מין ענטפער:

מיין ליבער, מיין טייערער, מיין מלאך פון גאט! דיין זיסן בריוו, וואס איך האב פון דיר דערהאלטן, איז פאר מיר געווען א ספר החתום, א רעטעניש. דו שרייבסט אזוי פארשטעלט, אז איך באדארף מיר לאנג ברעכן דעם מוח, ביז איך זאל דיך פארשטיין, און מיר דוכט, אז איך מעג מיך איבערנעמען און זאגן, אז איך פארשטיי דיך אקוראט. דו זאגסט, אז מיר דארפן זיך שעצן גליקלעך, וואס מיר קענען נאך ניט די פאלשע ביטערע וועלט מיט די פאלשע ביטערע מענטשן. ס'איז א סימן אז איך בין טאקע איינע אן אומגליקלעכע, ווארעם איך קען שוין גראדע יא די פאלשע ביטערע וועלט מיט די פאלשע ביטערע מענטשן! און ווי זים איך מיר צו דענקען, אז ס'איז פאראן כאטש איינער א לייטישער און א פיינער, אן אמתער, א קלוגער און א גוטער מענטש, און דער איינער — דאס ביסטו, מיין אויסדערווײלטער באשערטער. זײ געזונט, מיין טײערער. שרײב מיר, וואס לײענסטו אצינד און וואס פאר א ביכער

קענסטו מיר רעקאָמענדירן צום לייענען? איך קוועטש דיר די האַנט מיט גרויס ליבשאַפט און בלײַב אַף אייביק

דײַן געטרײַע, געטרײַע כלה...

האָב איך דערויף געענטפערט בזו הלשון:

מײַן לעבן, מײַן זעלע, מײַן גן־עדן!

אַז דו ווונדערסט זיך אַזוי אַף מיר, הײַנט וואָס פאַר אַ חידוש, וואָס פאַר אַ רעטעניש באַדאַרפסטו שוין זײַן פאַר מיר? איך האָב מיר קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט אין חלום אַפילו, אַז איך זאָל האָבן אַזעלכע בריוו פון דיר! פון די געציילטע לשון־קודש ווערטער, וואָס וואַרפן זיך דורך אין דײַנע בריוו, זע איך אַרויס, אַז דיר איז ניט פרעמד אונדזער הייליקע שפּראַך. אָ, דערפאַר אַליין שעץ איך דיך אַזוי הויך, אַז איך האָב מורא, איך בין ניט ווערט דײַן נאָמען צו דערמאָנען! איך קוק אַף דײַן פאָרטרעט און זאָג זיך אַליין: אָט דאָס איז זי, די אמתע ייִדישע טאָכטער! אָט דאָס איז מײַן אידעאַל און פאַר דיר בין איך גרייט אַלע מינוט זיך מקריב זײַן מיט מײַן גאַנצן לעבן! דו פרעגסט מיך, וואָס זאָלסטו לייענען? איך שיק דיר דאָ אַ גאַנץ צעטל פון די בעסטע רוסישע און אויסלענדישע קלאַסיקער, ווי גאָגאָל, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָ־יעווסקי, פּושקין, לערמאָנטאָוו, שעקספּיר, געטע, שילער, היינע, בערנע. איך האָף, אַז דו וועסט געווים הנאה האָבן. און שרײַב מיר באַלד ענט־פער, וואָרעם דער טאָג, וואָס איך האָב פון דיר אַ בריוו, איז באַ מיר אַ יום־טוב. לעב וואויל, מײַן טײַערע! לעב וואויל, מײַן געטרײַע! ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן האַרצן

דײַן דיך ליבנדער און איבערגעגעבענער חתן...

האָט זי מיר דערויף אַזוי געענטפערט:

מײַן קרוין, מײַן שאַץ, מײַן טרייסט, מײַן האַרץ!

איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו ביסט אַזוי נתפּעל געוואָרן פון אַ פּאָר לשון־קודש־ווערטער, וואָס דו האָסט באַגעגנט אין מײַנע בריוו! לשון־הקודש — דאָס איז דאָך אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך, דאָס חומש — דאָס איז דאָך אונדזער איינציקער נאַציאָנאַל־פּאָנד, אונדזער גאַנץ פאַר־

מעגן! וואָס פאַר אַ דאַנק פאַרדינט אַ ייִדישע טאָכטער דערפאַר, וואָס זי פאַרשטייט ייִדיש? שעמען באַדאַרף זיך אַ ייִדישע טאָכטער, אויב זי וויים ניט כאָטש עטלעכע שירים פון יהודה הלוי אויסוויייניק; אַ חרפה און אַ בושה באַדאַרף זײַן אונדז אַלעמען, אַז אַ ייִדיש מיידל וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ גימנאַזיע, וויים ניט ווער איז מאַפו, לעווינזאָן, סמאָ־לענסקין, גאָרדאָן וכדומה אונדזערע אייגענע קלאַסיקער!... פאַר דײַן צעטל דאַנק איך דיר פיל מאָל. עס טוט מיר באַנג, וואָס איך האָב די אַלע קלאַסיקער, וואָס דו האָסט מיר אויסגערעכנט, שוין לאַנג דורכגעלייענט אינאיינעם מיט נאָך בארימטע שרײַבערס און פּאָעטן, ווי, למשל: בײַראָן, סוויפט, סערוואַנטעס, דיקענס, טעקערײַ, שעלי, באַלזאַק, דאָדע, הוגאָ, סענקעוויטש, אָרזשעשקאָ, און נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע. איך האָב געוואָלט עפּעס נײַס, עפּעס אַ פרישע זאַך אַף צו לייענען, און ניט קיין ראָמאַן, נאָר אַן ערנסט וואָרט.

פאַרבלײַב געזונט, מײַן ליבער און מײַן זיסער, און שאַץ מיך ניט צו הויך, וואָרעם וואָס צו איז איבעריק; איך בין אַ גאַנץ געוויינלעכע ייִדישע טאָכטער, וואָס איז דיר איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן.

דײַן געטרײַע כלה...

האָב איך איר דערויף געענטפערט...

נאָר טאָמער וואָלט געווען געגוג שוין צו ברענגען בריוו פון בײדע צדדים, פון כלהס צד? איך האָב מורא, עס וועט אויסקומען ניט קיין ראָמאַן, נאָר אַ בריוונשטעלער. איך דאַרף דאָ זאָגן נאָר איין זאַך: די דאָזיקע בריוו ליגן נאָך עד היום בײַ מיר אין טישקעסטל באַהאַלטן, פאַררוקט העט־ווײַט אין אַ ווינקעלע. קיין בן־אדם האָט זיי ניט אָנגעקוקט. זיי זײַנען בײַ מיר טײַער, ווי אַלטע־אַלטע כתבים, שטילע עדות פון מײַנע ערשטע פריידן און לײַדן. זיי זײַנען אויסגעטריקנטע אָפּגעבליאַקעוועטע בלומען אַפן קבר פון מײַן ערשטער ליבע, פון מײַן ערשטן ראָמאַן.

## ח.

## איך באַד זיך אין ליגן און גלי ווי אַף פּאָקן

דער מענטש, וואָס איז פאַרליבט, קען מען דאָס איבערלייענען באַ אים אַפן פּנים, אַרויסזען נאָך דער נאָז; מע באַדאַרף זיך נאָר רעכט צוקוקן צו אים, ווי די אויגן בלאַנדזשען באַ אים אַרום, ווי ער שמייכלט עפּעס מאָדנע, ווי ער ענטפערט ניט צו דער זאַך, ווי ער קוקט אַלע מינוט אין שפּיגל, בײַט אַלע טאָג דאָס האַלדזטיכל, און אַז ער גייט, טאַנצט ער, און איז אַ גוטער פרײַנט דער גאַנצער וועלט — ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר לײַטן, וואָלט ער זיך צעקושט מיטן קוימענקערער...

נאָך מיר איז אָבער ניט געווען ווער עס זאָל נאָכקוקן. אמת, אַ פּאָר מאָל האָט מיך מײַן תּלמיד אַ פרעג געטאָן, בשעת מיר האָבן געשפּילט אין „דאַמקעס”, וואָס בין איך עפּעס אַזוי צעטראָגן, וואָס איך שלאָג מײַנע אייגענע ציגלעך? האָב איך מיך געוווּנדערט און געפרעגט: „וואָ־סערע ציגלעך?” אויך מײַן פּרינציפּאַל האָט באַם טיש זיצנדיק מיך אַ כאַפּ געטאָן, וואָס האָב איך אַזאַ שלעכט פּנים? האָט אים די בעל־הביתטע מיט די שליסלען אַ זאָג געטאָן (כּלומרשט מיט אַ רחמנות־פּנים, און אין האַרצן איז איר צוגעקומען אַ שטיק געזונט), אַז פון אַ צײַט אַז דער לערער עסט גאָרניט!...

— וואָס איז די מעשה? — האָט מיך דער פּרינציפּאַל אַ פרעג געטאָן און האָט אַליין געענטפערט פאַר מיר: — ס'איז פון צופיל אַר־בעטן, פון צופיל לערנען; גאַנצע טעג זיצט איר פאַרשפּאַרט אין צווייען און לערנט. גייט זיך אַמאָל דורך!...

— ווען האָבן מיר צײַט גיין, אַז מיר האָבן אַזויפיל אַרבעט? — האָט זיך אַרײַנגעמישט מײַן תּלמיד אַזוי תּמעוואַטע־נאַיִוו, אַז עס האָט זיך מיר געגלוסט אים אָנשפּײַען אין פּנים און אויסשרײַען אַף אַ קול:

— געוואַלד, געוואַלד, יִדישע קינדער, וואָס פאַרא ליגנערס איר זײַט! אַ ליגנער אַף אַ ליגנער, איין ליגנער גרעסער פונעם אַנדערן!...

איך האָב דאָס אָבער ניט געזאָגט; אָנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל זאָגן דעם אמת, האָב איך בעסער געזאָגט אַ ליגן:

— איך האָב מיך פאַרבענקט אַהיים...

— נשקשה, ער מעג בענקען! — האָט מיר מײַן פּרינציפּאַל אונ־טערגעהאָלפֿן דעם ליגן מיטן גאַנצן כּוח פֿון זײַן רײַכער פֿאַנטאַזיע. — ער האָט נאָך וועמען צו בענקען; זייער משפּחה איז די ערשטע, די איינ־ציקע משפּחה, ניט נאָר בײַ זיי אין שטאָט — מע קען זאָגן, אַז אין גאַנצן קאַנט געפֿינט מען ניט אַזאַ משפּחה. דער קאָוונער רבֿ איז, דוכט זיך, אײַערער אַן אייגענער געווען?

— אַ פֿעטער, — זאָג איך אומפֿאַרשעמט.

— און דער פֿאָרעצער מגיד איז, דוכט זיך, אויך געווען אײַערער אַ פֿעטער?

— אַן עלטער־פֿעטער, — זאָג איך.

— און עפּשטיין, דער גרויסער עפּשטיין — וואָס קער זיך מיט אײַך אָן?

— אַ שני שבשלישי, — זאָג איך.

— און רבֿ משהלע האַלפּערין איז, דוכט זיך, אויך אײַערס אַ פֿריינטל...

— פֿון דער מאַמעס צד, — זאָג איך.

— נו, און די טאָלטשינער — זאָגט ער — די טאָלטשינער גבֿירים, האָב איך געהערט, זײַנען אײַך גאָר נאָענטע קרובֿים, דוכט זיך?

— שוועסטער־קינדער — זאָג איך — פֿון דער מאַמעס צד, אייגענע שוועסטער־קינדער.

און איך בין העכסט צופֿרידן, ניט אַזוי מיט מײַנע נײַ־געבאָרענע קרובֿים, ווי מיט דעם, וואָס איך קען מיר זײַן רויִק, וואָס איך קען מיר בלײַבן אַליין מיט מײַנע זיסע חלומות, מיט מײַנע הייליקע געפֿילן און מיט די ליבע, זיסע, טײַערע בריוולעך פֿון מײַן תּלמידס כּלה, וואָס זײַנען בײַ מיר טײַערער פֿון אַלע מײַנע אויסגעטראַכטע און אמתע פֿרײַנט, פֿון אַלע מײַנע ווײַטע און נאָענטע קרובֿים.

אָט וואָס זי שרײַבט מיר אין איינעם פֿון אירע ווײַטערע בריוו:

מײַן איינציקער טרייסט! מײַן מלאך פֿון הימל!

וואָס זאָל דאָס באַדײַטן, וואָס דו ביסט אַזוי טרויעריק? פֿאַרוואָס זעען אויס דײַנע לעצטע בריוו אַזוי מעלאַנכאָליש? למאַי רעדסטו פֿונעם טויט? וואָס באַדײַטן דײַנע רעטענישן, וואָס דו לייגסט מיר פֿאָר? פֿאַר־וואָס זאָגסטו אָפּ זיך, אַז דו ביסט דער אומגליקלעכסטער פֿון אַלע אומ־גליקלעכע? למאַי זאָלסטו מיר אָנטאָן אַזויפֿיל יסורים? פֿאַרוואָס זאָלסטו

מיר ניט אַנטפּלעקן יענעם גרויסן סוד, וואָס דו טראָגסט באַהאַלטן? וואָס פאַרא סודות קענען בא דיר זײַן פאַר דער, וואָס האָט אַזוי ליב נאָר דיך און ווײַטער קיינעם ניט, און וואָס קוקט שוין אַרויס, ציילט שוין די טעג פון אונדזער גיכן גליקלעכן פאַרבינדן זיך אויף אייביק!...

דערויף איז אָוועקגעגאַנגען פון חתנס צד אַזאַ מין תשובה:

מײַן הייליקע נשמה, מײַן שוואַרצאַפּל פון עם אויג! מײַן גאָטהייט! איך בעט דיך, זײַ מיר מוחל מײַנע לעצטע בריוו! פאַרגעס, וואָס איך האָב דיר געשריבן! דו ביסט גערעכט, מײַן טײַערע, דו ביסט גערעכט. איך טאָר מיך ניט באַקלאָגן, איך טאָר מיך ניט אָנרופן מיט דעם נאָמען „אומגליקלעכער". אומגליקלעך איז דער, וואָס האָט קיינמאָל ניט ליב געהאַט, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען געליבט!... איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז פאַר מיר איז גענוג דײַנע בריוו אַליין, פאַר מיר איז גענוג, איך זאָל דערלעבן נאָר איין קוק טאָן אויף דיר — און שטאַרבן... נאָר ניין, איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל מער ניט ריידן פון עם טויט! דו ווילסט וויסן יענעם גרויסן סוד? אוי, ניין, דו וועסט אים ניט וויסן ביז עס וועט קומען די גליקלעכע (אָדער די אומגליקלעכע) שעה פון זען זיך פאַר דער חופּה; דעמאָלט וועסטו געוואָרע ווערן פון אַלצדינג... דערווײַל זײַ מיר געזונט, מײַן טײַערע, מײַן הייליקע, און שרײַב מיר, שרײַב מיר, שרײַב מיר!

דײַן אומגליקלעכער גליקלעכער, אָדער דײַן גליקלעכער
אומגליקלעכער, וואָס וואָלט אַ בעלן געווען, די צײַט זאָל זיך
ציִען און ציִען... אייביק און אייביק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ט.

**דאָס גרייטן זיך צו דער חתונה און מײַנע נאַרישע חלומות**

דער וואָס איז אַמאָל אַליין געווען פאַרליבט כאָטש אַ דריט־חלק פון דעם וואָס איך — דער וועט פאַרשטיין מײַן האַרץ, בשעת ס'איז גע־קומען די גליקלעכע אָדער די אומגליקלעכע צײַט פון אונדזער גרייטן זיך צו דער חתונה; און דער וואָס האָט געלייענט מיט קאָפּ די פריִערדיקע קאַפּיטלעך — דער וועט פאַרשטיין מײַן האַרץ, בשעת מע האָט אָנגע־

מאָסטן מײַן תּלמיד די חתונה־מלבושים, וואָס מע האָט אים גענייט דרײַ וואָכן כּסדר. חיבוט־הקבר איז גאָרניט אַקעגן מײַנע שמערצן; דער גיהנום — איז אַ גן־עדן אַקעגן מײַן גרויסן, גרויסן ווייטיק.

איך רעכנט מסתּמא: קנאה, שׂנאה? חלילה! איך האָב געוווּסט גאַנץ גוט, אַז ליב האָט מען ניט מײַן תּלמיד, נאָר מיך — מיך, דעם אמתן מחבר פֿון די בריוו. איך האָב געוווּסט גאַנץ גוט, אַז בשעת זען זיך וועל איך איר באַדאַרפֿן נאָר אַנטפּלעקן דעם סוד, יענעם הייליקן סוד, זאָגן נאָר איין וואָרט, וועט זי מיך פֿאַרשטיין, און עס וועט אַלצדינג זײַן רעכט. נאָר ווי.אַזוי טוט מען דאָס אָפּ? ווי.אַזוי מאַכט מען, אַז איך זאָל קענען מיט איר ריידן אונטער פֿיר אויגן כאָטש עטלעכע מינוט? איך האָב מיר געבראָכן דערויף דעם קאָפּ, געבויט זיבעצן טויזנט פּלאַנען, איינער ערגער פֿונעם אַנדערן, און זיבעציק טויזנט פֿאַנטאַזיעס, איינע נאַרישער פֿון דער אַנדערער. איך בין זיך מודה ומתוודה, אַז עס זײַנען מיר געקראָכן אין קאָפּ אַזעלכע מיאוסע מחשבות, וואָס איך שעם זיך זיי איבערגעבן אַף פּאַפּיר, כאָטש ס'איז שוין אַוועקגעגאַנגען פֿון דעמאָלט אָן אַ היפּשע שטיק צײַט. מיינט ניט, חלילה, אַז איך האָב געוואָלט אומברענגען מײַן קאָנקורענט, סמען דעם תּלמיד מײַנעם! לאָז גאָט אָפּהיטן אַלע ייִדישע קינדער פֿון אַזעלכע מיאוסע מחשבות! איך האָב נאָר געבעטן גאָט, ער זאָל אַזוי עפּעס טאָן אַ נס, אַז מײַן תּלמיד זאָל פֿון זיך אַליין ווערן קראַנק, זיך אַוועקלייגן און אָפּטראָגן זיך אַף יענער וועלט, אָפּרייניקן מיר דעם אָרט...

איך בין זיך מודה ומתוודה, אַז איך האָב געטראַכט פֿון דעם טאָג מיט נאַכט, אַרויסגעקוקט, אַז מײַן תּלמיד זאָל כאַפּן ערגעץ אַ פֿאַרקילונג, זיך דערשוויצן און כאַפּן אַ ווינטל, אָנהייבן הוסטן, אָדער ליגן אַף אַ היציקער שלאַפֿקייט, אָדער אויסגליטשן זיך אַפֿן גלײַכן וועג, זיך ברעכן האַלדז־און־נאַקן, אָדער אומגערן כאַפּן פֿון עמעצן אַ שטיין אין קאָפּ אַרײַן, אָדער אַ משוגענער הונט זאָל אים באַפֿאַלן, און ער זאָל אַראָפּ פֿונעם זינען, אָדער אַ שטורעם־ווינט זאָל אויסרײַסן אַ בוים מיטן וואָרצל און אומוואַלגערן גלײַך אַף אים, אָדער אַן אַנדער נס זאָל געשען, — אַבי ער זאָל מיר אָפּרייניקן דעם פּלאַץ.

און בשעת מעשׂה האָט מיר געקלעמט דאָס האַרץ, ווי געטאָן אַף אים. נעבעך אַן אומשולדיקער נפֿש — פֿאַרוואָס קומט דאָס אים? פֿאַרוואָס זאָל ער גיין אַזוי יונג פֿון דער וועלט? און אין האַרצן האָב איך

אים שוין באַוויינט, באמת באַוויינט, אָנגעשריבן אַף אים אַ קלאָג־בריוו צו מײַן געליבטער און צו מײַן טײַערער, אויסגעלאָזט מיט זייער אַ טרויע־ריק ליד. אינעם ליד באַוויין איך און באַקלאָג גאַנץ ערנסט מײַן יונגן תלמיד, וואָס איז אַוועק נעבעך פאַר דער צײַט; די וועלט האָב איך געגליכן צו אַ בית־עולם און אים צו אַ יונגן בוים. אַפן בוים —

שטייט און קלאָגט, אָוי ווי,
דער בית־עולם־סאָלאָווײ,
און די שטערן גיסן טרערן...

וואָס ווײַטער שטייט — געדענק איך ניט.

און ווידער חלומט זיך מיר אין דער פאַנטאַזיע, אַז ס'איז שוין אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר נאָך זײַן טויט, און מיר ביידע, איך און מײַן געליבטע, זײַנען געקומען צו אים אַף „קבר־אָבות" אַ ביסל זיך אויס־וויינען, אים געבראַכט אַ מתנה פרישע שמעקנדיקע בלומען מיט אַ ליד, וואָס לאָזט זיך אויס אַזוי:

אַף דײַן קבר די בלומען זאָלן בליִען,
אין גן־עדן דײַן נשמה זאָל רוען!...

אַז בלומען אַף אַ קבר זאָלן בליִען — דאָס איז עפּעס ניט אַזוי מעג־לעך; נאָר אַז מײַן תלמיד האָט געבליט, געבליט, ווי אַ רויז — דאָס איז געוויס. ער איז געוואָרן וואָס אַ טאָג געזינטער, דאָס פּנים ליכטיקער, דאָס קלאָר־ווײַסע לײַב פאַרוואַקסן מיט שמאַלץ, און איז געווען צופרידן, פריילעך, לעבעדיק און גליקלעך — גליקלעך ניט פון ליבע, נאָר פון דעם, וואָס ער פאָרט אַריבער אין אַ נײַ אָרט, אין אַ גרויסער שטאָט, צווישן נײַע מענטשן, און וועט ניט אָנקוקן מער זײַנע אייגענע, וואָס האָבן זיך אים צוגעגעסן, געווען נמאס ווי דער טויט.

אַזוי האָט ער זיך מיר אַליין מודה געווען ניט איין מאָל, כאָטש אין די אויגן האָט ער זיי נאָכגעגעבן, אַז ער וועט שטאַרק־שטאַרק בענקען נאָך זיי, אַז ער וויים גאָרניט, ווי־אַזוי ער וועט דאָס גאָר איבערטראָגן אַפילו.

— אָבער נאָך מיר וועסטו בענקען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מײַן תלמיד.

— געוויס! געוויס! — האָט ער מיר געענטפערט און האָט מיך

ארומגענומען גאָר פריינטלעך. — דיך וועל איך נעמען מיט זיך! מיר וועלן דאָרטן לעבן אַ גוטן טאָג. מיר וועלן שפּילן אין „דאַמקעס”, גיין אין טעאַטער, איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן פון זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט!

איך האָב געוווּסט, אַז ס'איז אַ גרויסער ליגן.

געבאָרן, אויפגעוואַקסן און אויפגעצויגן געוואָרן אַף שוא ושקר, האָט ער דאָ אויך געזאָגט אַ ליגן.

י.

## ברוך הבא — געסט

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס אויפנעמען מיטן כבוד, וואָס מע האָט אונדז אָפּגעגעבן, אַז מיר זיינען געקומען אַף דער חתונה. קודם כל האָט מען אונדז אַרויסגעשיקט אַ גרויסאַרטיקע קאַרעטע צום וואָקזאַל און מע האָט אונדז פאַרפירט אין זייער אַ שיינער שטוב, אָפּגע־געבן איטלעכן באַזונדער אַן אַנדער חדר און מכבד געווען מיט דער גוטער קאַווע מיט פּוטערגעבעקס, און נאָכדעם מיטן שיינעם אַנבייסן, פרישע פיינקוכנס מיט געבראָטענע קאַטשקעס, און מענטשן — מענטשן ווי מיסט זיינען געקומען אונדז מקבל פנים זיין, אָפּגעבן שלום, אַלע מאָל נייע פאַרשוינען.

באַ מיר האָבן דאָ אַלע מענטשן אויסגעזען ווי מוראַשקעס, געשעמערירט אין די אויגן, געזשומעט ווי די פליגן. איך בין געווען פאַרנומען מיט מיינע אייגענע מחשבות, מיט מיינע זייער נישט פריילעכע געדאַנקען: „ווי אַזוי מאַכט מען דאָ, איך זאָל זיך קאָנען מיט איר זען? מי יודע, צי עס וועט מיר געראָטן? און וואָס וועט זיין, אַז זי וועט געוואָרן וווערן פונעם הייליקן סוד? און טאָמער חלילה וחס...” איך האָב גאָר מורא זאָגן וואָס... אַ שרעק! אַ שרעק!...

אין קעשענע איז באַ מיר געווען, נאָך פון דער היים אַרויספאָרנדיק צוגעגרייט... שרעקט זיך נישט — נישט קיין פּיסטאָליעט, חלילה, נאָר אַ בריוו צו „איר”, אַ בריוו אַף דריי בויגן פּאַפּיר, באַשריבן מיין ראָמאַן, ווי אַזוי ער האָט זיך אָנגעהויבן, און מיין ביאָגראַפיע אין קורצן. נאָר ווי אַזוי גיט מען איר איבער דעם בריוו? דורך וועמען? און ווען וועט זי צייט האָבן אים איבערלייענען?

און די מחותנים מיט די מחותנתטעס פון כּלהס צד לויפן אַרום הין און צוריק, ווי די פאַרסמטע מײַז, טרײַבן די סאַרווערס, זיי זאָלן זיך גרייטן צו דער חופּה־וועטשערע, און טרײַבן די שמשים, זיי זאָלן ברענגען די כּלי־זמר מיטן רב, מע זאָל שטעלן די חופּה וואָס פריִער, וואָרעם חתן־כּלה פאַסטן.

אַז דער חתן האָט נישט געפאַסט — בין איך אַן עדות; ער האָט בײַ מיר אין חדר זייער פֿײַן איבערגעביסן מיט אַ האַלבער קאַטשקע, און געזאָגט האָט ער, אַז ער פאַסט, בריהש אָנגעצויגן אַף זיך אַ פּנים פון אַ חתן, וואָס פאַסט און וואָס דער קאָפּ איז אים פאַרטיפט אין זייער ערנסטע מחשבות.

געבאָרן, אויפגעוואַקסן און אויפגעצויגן געוואָרן אַף שווא ושקר, האָט ער דעם טאָג פון דער חופּה אויך געזאָגט אַ ליגן.

און דערווײַל זײַנען אָנגעקומען די כּלי־זמר און מע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום באַדעקנס. ס'איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער טומל, ווי פריִער; אַלע האָבן גערעדט, אַלע האָבן זיך געכאַפּט, אַלע האָבן זיך געמאַכט גלײַך ווי מע טוט עפּעס — „גיכער, גיכער! לאָז מען גיין! קומט־קומט!"...

און מע האָט אונדז גענומען — וועך ווייס איך נישט; און מע האָט אונדז געפירט אונטער די הענט — וווּהין ווייס איך נישט; און מע האָט צו אונדז עפּעס גערעדט, עפּעס געזאָגט — וואָס ווייס איך נישט. מיר האָט זיך געדרייט דער קאָפּ, געשעמערירט אין די אויגן, געזשומעט אין די אויערן, און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ — טיק־טאַק! טיק־טאַק!

די כּלי־זמר האָבן געשפּילט. עס האָט געוויינט אַ פידל, עס האָט געטערעלייקעט אַ טאַמיט, עס האָט געפּײַפט אַ פלייט, עס האָט געבאַראַבאַנעט די קעסל־פּויק — באַם־באַם־באַם! און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ — טיק־טאַק! טיק־טאַק!...

יא.

## דער „עפּילאָג" פונעם ראָמאַן

צווישן אַלע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט און געשעמערירט פאַר מײַנע אויגן, האָב איך באַמערקט איינעם, וואָס האָט זיך

ארומגעדרייט גלײַך מיט מיר, ווי אַ ווילד־פֿערמדער. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט ברילן און מיט לאַנגע האָר, וואָס האָט געהאַט אַף זיך נאָר איין ארבעט; זײַן ארבעט איז געווען — אַף אַלצדינג קוקן און אַלצדינג זען, און ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָט ער די ארבעט געטאָן גאַנץ געשמאַק: ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן.

אַז זײַנע ברילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף מיר, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער זעט מיך דורך און דורך, אַז ער זעט מײַן האַרץ, אַז ער זעט מײַן סוד, מײַן הייליקן־הייליקן סוד, און איך האָב אַראָפּ־געלאָזט די אויגן. איך האָב אָבער דערפֿילט אַף זיך די ברילן; איך האָב געפֿילט, אַז ער הערט נישט אויף אַף מיר צו קוקן, און איך האָב נישט ווילנדיק אויפֿגעהויבן די אויגן און האָב זיך ווידער באַגעגנט מיט זײַנע ברילן וואָס האָבן געקוקט מיר אינעווייניק אין האַרצן אַרײַן און גע־צויגן מיך צו זיך, ווי אַ מאַגנעט.

איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן, נאָר איך און דער יונ־גערמאַן מיט די ברילן זײַנען געשטאַנען נאָענט איינער נעבן דעם אַנדערן און האָבן גערעדט, געוויינלעך פֿון דער חתונה, פֿונעם באַדעקנס און פֿון חתן־כּלה.

דעם חתן האָבן ביידע מחותנים צוגעפֿירט אונטער די הענט צו דער כּלה, און די כּלה איז געזעסן אין מיטן שטוב אַף אַ בענקל מיט צעלאָזטע האָר, דאָס פּנים פֿאַרשטעלט מיט ביידע הענט — אַפּנים, זי האָט געוויינט. די כּלי־זמר האָבן געשפּילט. עס האָט געוויינט אַ פֿידל, עס האָט געטערעלייקעט אַ טראָמייט, עס האָט געפֿײַפֿט אַ פֿלייט, עס האָט געבאַראַבאַנעט די קעסל־פּויק — באָם־באָם־באָם! און דאָס האַרץ — טיקט־אַק! טיק־טאַק!

„אַט־אַט — האָב איך מיר געטראַכט — אַט־אַט, נאָך אַ מינוט, נאָך אַ מינוט — און אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן!"...

— אַ טעלעצע! — רופֿט זיך אָן צו מיר פּלוצעם דער יונגערמאַן מיט די ברילן גלײַך אין די אויערן אַרײַן.

— ווו איז אַ טעלעצע? — פֿרעג איך אים און קוק זיך אַרום אַף אַלע זײַטן.

— אָט זיצט זי דאָך! — מאַכט ער צו מיר און באַווײַזט מיר מיט די ברילן אַף דער כּלה.

ער האָט דערזען נאָך מײַן פּנים, אַז איך בין שטאַרק פאַרחדושט, מאַכט ער צו מיר שטילערהייט אַפן אויער:

— אַ קאַלב, אַ בהמה, אַ גלאָטע, אַ כשרע בהמה! קיין צלם פאַר קיין אַלף, און אַ מרשעת דערצו! און נעמט אַזאַ פּײַנעם חתן! איר זעט, דאַכט זיך, זײַן לערער?

איך ווייס נישט, צי ער האָט מיר אָוועקגערופן, צי איך האָב אים אָוועקגערופן, צי מיר האָבן זיך ביידע אָוועקגערופן אַף אַ זײַט, נאָר אין צוויי מינוט אַרום זײַנען מיר געזעסן איינער אַקעגן דעם אַנדערן, ווי אַלטע באַקאַנטע, און דער יונגערמאַן מיט די ברילן — ער איז געווען דער כלהס אַ לערער — האָט מיר איבערגעגעבן אַף איר אַזעלכע זאַכן, וואָס עס וואָלט געווען גלײַכער און געזינטער פאַר מיר, איך זאָל דאָס בעסער נישט וויסן...

— סטײַטש, און אירע בריוו? — האָב איך אויסגעשריִען — אום גאָטעס ווילן, אירע בריוו?!

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט דער יונגערמאַן מיט די ברילן זיך געכאַפּט פאַרן הארצן און האָט אָנגעהויבן צו לאַכן און צו קאַטשען זיך פאַר געלעכטער.

— אירע בריוו? כאַ־כאַ־כאַ! אירע בריוו! אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן — אירע בריוו!

— וועמענס דען בריוו זײַנען דאָס?

— אירע כאַ־כאַ־כאַ! אירע בריוו? מײַנע! כאַ־כאַ־כאַ, מײַנע בריוו! מײַנע! מײַנע!! מײַנע!!!

איך האָב געמיינט, אַז דער יונגערמאַן איז נאָר אַראָפּ פון זינען און ער וועט דעם שלאַק באַקומען. ער האָט מיך געכאַפּט פאַר ביידע הענט, מיך גענומען דרייען איבערן שטוב, מיט געשלאָגן אין די פּלייצעס און נישט אויפגעהערט צו לאַכן:

— אירע, כאַ־כאַ־כאַ! אירע בריוו!??

עס האָט זיך אײַך געחלומט אַ זיסער חלום: אַ פּאַלאַץ אַ שיינער, גוטע מאכלים, די בעסטע ווײַנען, פרישע פּירות, נאַר־וואָס פונעם בוים, אַ ריח בשמים, אַ גן־עדן... און איינע עפּעס אַ „זי" אינעם געשטאַלט פון אַ פּרינצעסן מיט גילדענע באַזילבערטע האָר... און איר שוועבט, נישט איר גייט, און איר פליט־פליט אַלץ העכער־העכער, גלײַך אין הימל אַרײַן... פּלוצעם הערט איר אַ פײַפן, וואָס גייט פון אַ וואַלד אַרויס —

פי־יו־יט! און אַ פּאַטש פון פליגלען און אַ משונה־מאָדנע געלעכטער „כאַ־כאַ“, וואָס צעטראָגט זיך איבערן גאַנצן וואַלד און לאָזט זיך אויס מיט אַ לאַנגן גענעץ — אאַאַי!!! פּאַר איַיערע אויגן איז אַ טיפער אָפּ־גרונט, אָט־אָט פאַלט איר אַראָפּ. איר טוט אַ ציטער און כאַפּט זיך אויף מיט אַ קאָפּווייטיק און קאָנט לאַנג נישט קומען צו זיך...

דעם דאָזיקן זיסן חלום האָב איך איבערגעלעבט אין דער מינוט, וואָס דער יונגערמאַן מיט די ברילן איז געשטאַנען איבער מיר און האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן פון מײַנע בריוו און אויסרעכענען די מעלות פון מײַן געליבטע... ער האָט געלאַכט, און מיר האָט זיך געטריפט בלוט, אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, און געפאַלן אַף מײַן פאַרוווּנדעט האַרץ, אַף מײַן פאַרסמטע נשמה.

און דאָרט אין זאַל האָבן געשפּילט די כלי־זמר. די פידל האָט גע־וויינט, די טרומייט האָט געטערעליקעט, די פלייט האָט געפײַפט, דער באַס האָט געברומט, די קעסל־פּויק האָט געבאַראַבאַנעט — באַם! באַם! באַם! און דאָס האַרץ — דאָס האַרץ איז מיר געווען פּוסט און ליידיק, אַף דער נשמה וויסט און פינצטער, חושך, חושך אין אַלע ווינ־קעלעך.

געשריבן אין יאָר 1903.

# צוויי אַנטיסעמיטן

## דערציילונג

### א.

מאַקס בערליאַנט איז אַ געראָויכערטע ליולקע. ער פּאָרט פון לאָדז קיין מאָסקווע און פון מאָסקווע קיין לאָדז עטלעכע מאָל אין יאָר. ער איז באַקאַנט מיט אַלע בופעטשיקעס אויף די וואָקזאַלן, אויסגעבונדן מיט אַלע קאָנדוקטאָרן, געווען שוין אין די טיפע גובערניעס, דאָרט ווו אַ ייִד טאָר נישט זיין מער ווי פיר און צוואַנציק שעה, געשוויצט אין אַלע אוטשאַסטקעס, אויסגעשטאַנען אונטערוועגנס גענוג בזיונות, נישט איין מאָל זיך געערגערט, אָפּגעגעבן דאָס האַרץ — און אַלץ איבערן ייִדנטום. דאָס הייסט, נישט איבער דעם, וואָס ס׳איז פאַראַן אַ ייִדנטום, נאָר דערפאַר, וואָס ער אַליין איז, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ ייִד; און נישט אַזוי דערפאַר נאָך, וואָס ער איז אַ ייִד, ווי דערפאַר, וואָס ער האָט, מחילה, אַ ייִדיש אויסזען. אָט דער צלם אלקים — אוי, דער צלם אלקים! אויגן שוואַרצע, גלאַנצנדיקע, האָר אויך שוואַרצע, גלאַנצנדיקע — אמתע סעמיטישע האָר; אַן אויסשפּראַך אַ געהרגעטע, אַן עכטע אַ ייִדישע, מיט אַ חי״ש, און דערצו אַ נאָז — אוי, אַ נאָז!

און ווי אויף צו־להכעיס, איז אונדזער העלד באַשטראָפט מיט אַ מין פּראָפעסיע (ער איז אַ קאָמיוואָיאַזשער), וואָס ער מוז זיך אַרומפּירן מיט דער נאָז איבער דער וועלט, און דווקא ריידן, און דווקא אַ סך ריידן — מע זאָל אים זען, הייסט עס, און מע זאָל אים הערן. קורץ — ס׳איז אויף אים אַ רחמנות.

אמת, אונדזער העלד האָט זיך נוקם געווען אין דער באָרד. אָנגע־

טאָן זיך און אויסגעפּוצט, טאַקע נאָר ווי אַ כלה, פאַרדרייט די וואָנצעס אַרויף, זיך פאַרלאָזט אַ לאַנגן נאָגל און געטראָגן אַ שניפּס „אשר לא שניפּסו אבותינו", זיך געוווינט צו די מאכלים וואָס אָפּן וואָקזאַל, אויסגעלאָזט זײַן גאַנץ ביטער האַרץ צום דבר־אחר (ס'זאָל אים אָנגיין, דעם חזיר, כאָטש האַלב, וואָס מאַקס האָט אים געווינטשעוועט, בשעת ער האָט אים פאַרזוכט צום ערשטן מאָל!), און וואָס טויג אײַך גרויס? ער האָט זיך אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און האָט אָנגעהויבן עסן ראַקעס.

פאַרוואָס זאָג איך „ער האָט זיך אײַנגעשטעלט דאָס לעבן"? ווײַל אײַערע שונאים זאָלן אַזוי וויסן פון זייער נאָז, ווי מאַקס בערליאַנט האָט אפילו אָנגעהויבן צו וויסן, ווי אַזוי מען איז זיך נוהג מיט ראַקעס: צי מע שנײַדט זיי מיט אַ מעסער? צי מע שטעכט זיי מיט אַ גאָפּל? צי מע עסט זיי גאַנצערהייט?

און פונדעסטוועגן, נאָך די אַלע גליקן, קאָן זיך מאַקס בערליאַנט נישט אויסבאַהאַלטן מיט זײַן יידישקייט — נישט פון אייגענע, נישט פון פרעמדע. מע דערקענט אים, ווי אַ בייזן שילינגער, פּונקט אַזוי ווי דעם פאַרשאָלטענעם קין, און מע גיט אים צו וויסן אויף יעדן טריט און שריט, ווער ער איז און וואָס ער איז. קורץ — ס'איז אויף אים אַ גאָטס רחמנות!

## ב.

נאָר אויב מאַקס בערליאַנט איז געווען אַן אומגליקלעכער מענטש ביז קישענעוו, איז נאָך קישענעוו נישט געווען צו אים קיין גלײַכן. טראָגן אין זיך טיף אין האַרצן אַ גרויסן ווייטיק און שעמען זיך מיט אים — דאָס איז אַ מין גיהנום, וואָס נאָר דער קאָן אים פאַרשטיין, ווער עס פילט אים. מאַקס האָט זיך געשעמט מיט קישינעוו, גלײַך ווי דאָס וואָלט געווען זײַן קישינעוו... און טאַקע עפּעס גאָר ווי אויף צו להכעיס, האָט מען אים פּונקט אין יענער צײַט, וואָס נאָך קישינעוו, אַרויסגעשיקט אַהין, אין יענע מקומות, קיין בעסאַראַביע, און ער האָט געפילט, אַז דאָ הייבט זיך אָן פאַר אים אַ נײַער גיהנום. קאַרג האָט ער זיך אָנגעהערט פון די דאָזיקע שיינע מעשיות דאָרט בײַ זיך אין דער היים? קאַרג האָט אים געקאָכט דאָס האַרץ, פאַרלאָפן מיט בלוט, אויף די רציחות, וואָס מע האָט אַזעלכס נישט געהערט

אַף דער גאַנצער וועלט? ער וועט דען פאַרגעסן יענעם טאָג, בשעת איינמאָל אין שול האָט מען געמאַכט אַן „אל־מלא־רחמים" אַף די „הרוגי־קישינעוו"? אַלטע ייִדן האָבן דעמאָלט געוויינט, ווײַבער זײַנען געפאַלן חלשות...

געווים האָט זיך אײַך געטראָפן אַ מאָל פאָרן אין באַן פאַרבײַ אַן אָרט פון אַ „קאַטאַסטראָפע". איר ווייסט טאַקע גאַנץ גוט, אַז איר קאָנט זיצן רויִק: נאָך אַ מאָל אַזאַ אומגליק, אַ קאַטאַסטראָפע, אַף דעם זעלבן אָרט וועט זיך נישט טרעפן. נאָר איר דערמאָנט זיך, אַז אָט־אַ־דאָ האָבן נישט לאַנג געקאַטשעט זיך באַרג־אַראָפּ איין וואַגאָן נאָכן אַנדערן, און דאָ האָבן מענטשן געלייגט דעם קאָפּ, דאָ האָבן געטרישטשעט ביינער, גערונען בלוט, געשפריצט מאַרך — איר זײַט זיך מחיה, אַז איר פאָרט אַריבער דאָס אָרט בשלום...

מאַקס האָט געוווּסט, אַז דאָ, אין די מקומות, וועלן זײַן אַ סך דבורים, מיט מימרות, מיט מעשיות, מיט זיפצן, מיט קרעכצן פון אייגענע, און אָנצוהערענישן מיט שטעכווערטלעך פון פרעמדע; און וואָס נענטער ער איז געווען צו יענע מקומות, האָט ער אַלץ מער געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צו אַנטלויפן, אויסבאַהאַלטן זיך פון זיך אַליין...

געקומען שוין גאָר נאָענט, האָט ער תחילת געוואָלט בלײַבן זיצן אין וואַגאָן איינער אַליין. נאָכדעם האָט ער זיך באַרעכנט און איז דווקא אַראָפּגעשפּרונגען מיט נאָך פּאַסאַזשירן אַפן וואָקזאַל, דווקא צוגעגאַנגען צום בופעט מיט אַ ברייטקייט, ווי אַ מענטש, וואָס ס'איז אים שטאַרק אויפגעלייגט אַפן האַרצן, דווקא געמאַכט אַ שנעפּסל, פאַרביסן מיט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס אַ ייִד טאָר נישט, פאַרטרונקען מיט אַ גלעזל ביר, פאַררייכערט אַ ציגאַר און איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, ווו מע פאַרקויפט ביכער און צײַטונגען, און דערזען ליגן דאָס געוויסע שיינע אַנטיסעמיטישע בלאַט פונעם געוויסן שיינעם אַנטיסעמיט קרושעוואַן מיטן געוויסן שיינעם נאָמען „ב ע ס אַ ר אַ ב ע ץ". דאָרט, אין יענע מקומות, דאַרפט איר וויסן, ווו עס באַקט זיך דאָס דאָזיקע שיינע בלאַט, ליגט זיך עס גאַנץ רויִק: קיינער נעמט דאָס נישט אין האַנט אַרײַן; די דאָרטיקע ייִדן נעמען דאָס נישט, ווײַל ס'איז „מוקצה מחמת מיאוס", און נישט־ייִדן האָט זיך עס שוין צוגעגעסן. ליגט זיך עס דערפאַר בשלום אין שאַפע און דערמאָנט נאָר דעם עולם, אַז ס'איז פאַראַן אַף דער וועלט איינער אַ קרושעוואַן, וואָס רוט נישט, וואָס שלאָפט נישט און

וואָס זוכט מיטלען, ווי אַזוי צו באַהיטן און באַוואָרענען און באַשירמען די וועלט פון דער געפערלעכער קרענק, וואָס מען רופט זי „ייִדישקייט".

מאַקס בערליאַנט איז געווען דער איינציקער, וואָס איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און האָט זיך געהייסן געבן אַ נומער „בעסאַראַבעץ". צוליב וואָס, למשל? אפשר צוליב דעם אייגנעם טעם, וואָס ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען ראַקעס? און אפשר האָט ער טאַקע געוואָלט זען, וואָס שרײַבט עפּעס אַזאַ כלב שבכלבים וועגן ייִדן? ס'איז אַ סברה, זאָגט מען, אַז דאָס רוב אַנטיסעמיטישע בלעטער לייענען סעמיטן, דאָס הייסט, מיר אַליין טאַקע מיט אונדזער כבוד... די בעלי־בתים פון די בלעטער ווייסן דאָס גאַנץ גוט און גייען מיט דעם גאַנג, אַז „דער ייִד איז טריפה און דער גראָשן איז כשר"...

בקיצור, אונדזער מאַקס האָט געהאַנדלט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", אַרײַנגעגאַנגען מיט אים אין וואַגאָן אַרײַן, אויסגעצויגן זיך איבער דער באַנק און איבערגעדעקט זיך מיטן בלאַט, ווי מע דעקט זיך איבער, למשל, מיט אַ קאָלדרע אָדער מיט אַ פּלעד, און בשעת מעשה איז אים דורכגעפלויגן אַ מחשבה:

„וואָס וועט זיך, אַ שטייגער, קלערן אַ ייִד, למשל, אַז ער וועט צוגיין און דערזען אַ מענטשן ליגן אויסגעצויגן און איבערגעדעקט מיט אַ „בעסאַראַבעץ"? געוויס וועט שוין קיינעם נישט קומען אויף די געדאַנקען, אַז דאָ ליגט אַ ייִד... אַ אידעע, כ'לעבן, אַ טײַער מיטל אויף פּטור צו ווערן פון ייִדן און בלײַבן אַקעגן נאַכט אויסגעצויגן איינער אַליין, ווי אַ שררה, אויף אַ גאַנצער באַנק"...

אַזוי האָט זיך געטראַכט אונדזער העלד, און בכדי ס'זאָל שוין טאַקע קיין בן־אָדם נישט ווייסן, ווער דאָ ליגט, האָט ער זיך איבערגעדעקט מיטן „בעסאַראַבעץ" איבערן פּנים, פאַרשטעלט די נאָז אויך, מיט די אויגן, מיט די האָר, מיטן גאַנצן צלם־אלקים, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד, ווי אַזוי באַנאַכט קריכט אַ ייִד מיט אַ סך פּעקלעך אין וואַגאָן אַרײַן, זוכט נעבעך אַן אָרט אויף צו זעצן זיך, דערזעט ער. עס ליגט אַ פאַרשוין מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ" איבערגעדעקט — געוויס אַ פּריץ, און געוויס אַ רשע אַן אַנטיסעמיט, און אפשר טאַקע קרושעוואַן אַליין — שפּרינגט ער אוודאי נעבעך אָפּ, דער ייִד מיט די פּעקלעך, שפּײַט־אויס דרײַ מאָל, און ער, מאַקס, בלײַבט אַליין, איינער אַליין, ווי אַ גראָף, איבער דער גאַנצער באַנק. כאַ־כאַ־כאַ, כ'לעבן, אַ טײַער

מיטל, נאָך בעסער ווי אַ מענטש זאָל פּלוצעם אין וואַגאָן באַקומען די כאָלערע!...

דער דאָזיקער פּלאַן געפעלט אונדזער מאַקסן אַזוי שטאַרק, אַז ליי־גנדיק אונטערן „בעסאַראַבעץ", צעלאַכט ער זיך אַזש, און אַ מענטש, דאַרפט איר וויסן, אַז ער האָט איבערגעביסן, פאַרטרונקען מיט אַ גלעזל ביר, פאַרריכערט אַ ציגאַר און ליגט אַקעגן נאַכט אין וואַגאָן איינער אַליין אויף אַ גאַנצער באַנק, אויסגעצויגן ווי אַ גראַף, איז אים גוט צו לאַכן...

שאַט, לאָז זיין שטיל. אונדזער העלד מאַקס בערליאַנט, דער קאָמי־וואָיאַזשער, וואָס פאָרט פון לאָדז קיין מאָסקווע און פון מאָסקווע קיין לאָדז, ליגט איינער אַליין אויף אַ באַנק, צוגעדעקט מיט אַ נומער „בעסאַ־ראַבעץ", און כאַפּט אַ דרעמל. לאָמיר אים נישט שטערן.

### ג.

מאַקס בערליאַנט איז טאַקע אַ ייִד אַ חכם, נאָר הײַנטיקס מאָל האָט ער דווקא נישט געטראָפן. ס'איז טאַקע אַרײַנגעקומען אין וואַגאָן אַ פאַרשוין, אַ גראָבער, אַ געזונטער, אַ פאַרסאַפּעטער, מיט עטלעכע טשע־מאָדאַנעס, איז טאַקע צוגעגאַנגען צו מאַקסן, טאַקע באַטראַכט אים, ווי ער ליגט דאָס איבערגעדעקט מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", נאָר ער האָט נ י ש ט אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל און איז נ י ש ט אָפּגע־שפּרונגען. ער איז נאָר געשטאַנען און האָט באַטראַכט דעם דאָזיקן נפש, דעם אַנטיסעמיט מיט דער סעמיטישער נאָז (בשעת שלאָפן האָט זיך דאָס בלאַט אַביסל אַראָפּגעגליטשט, און די חרפּה, די נאָז הייסט עס, האָט זיך אַנטפּלעקט און אַרויסגעוויזן באַ אונדזער העלד מיט איר גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ).

געשטאַנען עטלעכע מינוט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און אַוועק־געלייגט די טשעמאָדאַנעס אויף דער צווייטער באַנק, וואָס אַקעגן מאַקסן, האָט זיך אונדזער נײַער פאַרשוין אַרויסגעכאַפּט אויף אַ פּאָר מינוט אויפן וואָקזאַל, אַרײַנגעקומען צוריק אויך מיט אַ נומער „בעסעראַבעץ", אויפ־געבונדן אַ טשעמאָדאַן, אַרויסבאַקומען פון דאָרטן אַ קישעלע מיט אַ קאָלדרע, מיט אַ פּאָר שטעקשיך, מיט אַ פלעשל אָדעקאָלאָן, זיך געמאַכט גאַנץ היימיש, אויסגעצויגן זיך איבער דער באַנק און איבערגעדעקט

זיך מיטן „בעסאַראַבעץ״, פּונקט אַזוי ווי אונדזער מאַקס בערליאַנט, געלעגן און געדרייבערט, געקוקט אַף מאַקסן און געשמייכלט, צוגעמאַכט פריִער איין אויג, נאָכדעם דאָס אַנדערע, אָנגעהויבן פּאַוואָלינקע דרעמלען.

מיר לאָזן שלאָפן אונדזערעביידע „בעסאַראַבצעס״, אַ באַנק קעגן אַ באַנק; מיר ווילן באַקאַנט מאַכן דעם לעזער מיט דעם צווייטן פאַרשוין, ווער ער איז און וואָס ער איז.

ער איז אַ גענעראַל... נישט קיין גענעראַל פון דער מילחמה און ניט קיין גענעראַל־גובערנאַטאָר, נאָר אַ גענעראַל־אינספּעקטאָר, אַן אַגענט, הייסט דאָס, פון אַ געזעלשאַפט. הייסן הייסט ער ניעמטשיק, דער נאָמען זײַנער איז חיים, נאָר שרײַבן שרײַבט ער זיך אַלבערט, און רופן רופט מען אים פּעטיע.

אין פלוג, קומט דאַך אויס אפילו אַביסל ווילדלעך: מילא, אַז פון חיים וואַקס־אויס אַן אַלבערט — פאַרשטייט זיך נאָך; וואָרעם למאַי ווי אַזוי ווערט באַ אונדז פון וועלוול „וולאַדימיר״, פון ישראל „איסידאָר״ און פון אברהם „אַוואַקום״? נאָר ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן פון חיים „פּעטיע״? מוז מען זיך, אַלזאָ, אַרײַנלאָזן אַביסל אין חקירה, זיך פאַרטיפן אין חכמת הלשון און גיין מיטן שכל־הישר: ראשית חכמה, וואַרפן מיר אַרויס די חית פונעם „חיים״. נאָכדעם בעטן מיר מחילה די צוויי „יודן״ מיט דער „מם״ — בלײַבט שוין נאָר איבער די „אלף״ אַליין. שטעלן מיר צו צו דער „אלף״ נישט מער ווי אַ „למד״ מיט אַ „בית״ מיט אַן „עין״ מיט אַ „ריש״ מיט אַ „טית״ — מאַכט דאָס נישט אַלבערט? נו, און פון אַלבערט ווערט שוין במילא אַלבערטי, בערטי, בעטיע, פּעטיע. Sic transit gloria mundi — אָט אַזוי, הייסט דאָס, ווערט פון אַ קאַטשקע אַן אינדיק.

בקיצור, אונדזער פאַרשוין הייסט פּעטיע ניעמטשיק און איז גענעראַל־אינספּעקטאָר און פאָרט אויס די וועלט, ווי מאַקס בערליאַנט; נאָר ער איז בטבע שוין גאָר אַן אַנדער מין נפש: אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער, אַ באַריידעוודיקער. און כאָטש ער הייסט פּעטיע און איז אַ גענעראַל־אינספּעקטאָר, פונדעסטוועגן איז ער אַ ייִד גלײַך מיט אַלע ייִדן, און האָט ליב אַ ייִדן, ליב צו דערציילן מעשיות און אַנעקדאָטן פון ייִדן.

פּעטיע ניעמטשיק מיט זײַנע אַנעקדאָטן האָט אַ שם אַף דער וועלט.

איין שטיקל חסרון, וואָס ווי ערגעץ אַן אַנעקדאָט, האָט זיך עס, זאָגט ער, געטראָפֿן מיט אים אַליין טאַקע, און בשעת מעשה שווערט ער אײַך אָפּ מיט כל השבועות שבעולם, און אַלע מאָל טרעפֿט זיך מיט אים דער אַנעקדאָט אין אַן אַנדער אָרט; ער פֿאַרגעסט פֿון איין מאָל צום אַנדערן. די משמעות, אַז פּעטיע ניעמטשיק, דער גענעראַל־אינספּעקטאָר, איז אַביסל געכאַפּט אַף דער עברי, דאָס הייסט, ער איז אַ שטיקל בעל־מגזם, אָדער, ווי מע רופֿט דאָס אין אונדזערע קאַנטן, ער איז מחילה, אַ ליגנער. האָט קיין פֿאַראיבל נישט, וואָס מיר דריקן זיך אויס אַזוי גראָב; עס וואָלט, אייגנטלעך, געוווען גענוג, מיר זאָלן זאָגן אַף אים, אַז ער איז אַן אַגענט, און וואָס אַן אַגענט איז — ווייסט איר דאָך אַליין...

אַרײַנגעקומען אין וואַגאָן און דערזען אונדזער מאַקס בערליאַנט ליגן אויסגעצויגן אַף דער באַנק, איבערגעדעקט מיט אַ נומער „בעסאַ־ראַבעץ”, און דערקענט נאָך דער נאָז, אַז דער פֿאַרשוין איז קיין שום מחותן נישט מיט קרושעוואַנען און מיט זײַן שיינעם „בעסאַראַבעץ”, איז די ערשטע מחשבה זײַנע געווען:

— אַן אַנעקדאָט!... אַ נײַער אַנעקדאָט!... ער וועט שוין האָבן, מיט גאָטס הילף, וואָס צו דערציילן און דערציילן!

און פּעטיע ניעמטשיק האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אַפֿן וואָקזאַל, האָט זיך באַוואָרנט אויך מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ” און האָט זיך אָוועק־געלייגט אַקעגן מאַקסן — זען וואָס וועט דאָ זײַן? — און איז אויך אַנטשלאָפֿן געוואָרן...

אַצינד לאָזן מיר איבער דעם „בעסאַראַבעץ” נומער צוויי, דאָס הייסט, דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר פּעטיע ניעמטשיק, און קערן זיך אום צוריק צום „בעסאַראַבעץ” נומער איינס, דאָס הייסט, צום קאָמיוואָיאַ־זשער מאַקס בערליאַנט.

## ד.

מאַקס בערליאַנט האָט געהאַט אַ שווערע נאַכט... אַפּנים, עס האָבן אין אים גערעדט די מאכלים, וואָס ער האָט געכאַפּט אַפֿן וואָקזאַל, מחמת עס האָבן זיך אים געפּלאָנטעט משונה־מאָדנע ווילדע חלומות. למשל, עס האָט זיך אים גערעדט, אַז ער איז נישט מאַקס בערליאַנט — אַז ער איז גאָר קרושעוואַן, דער רעדאַקטאָר פֿונעם „בעסאַראַבעץ”, און

אַז ער פּאַרט נישט אין וואַגאָן, נאָר רײַטנדיק אַף אַ דבר־אחר, און אַ ראַק, אַ רויטער ראַק, אַ געקאָכטער, ווינקט צו אים מיט די הערנער, און עס הערט זיך פון ערגעץ אַ געוויין: „קי־שי־נעוו!"... און ווי עפּעס אַ ווינטל בלאָזט אים אין די אויערן, און ער הערט אַ שעלעשטשען פון בלעטער אָדער פון ווײַבערשע קליידלעך, און ער וויל עפענען אַן אויג און קאָן נישט, און ער טאַפּט זיך באַ דער נאָז — נישטאָ קיין נאָז, קיין סימן פון קיין נאָז; אָפן אָרט פון דער נאָז טאַפּט ער אָן אַ „בעסאַראַבעץ", און ער ווייס נישט ווו ער איז. ער וויל זיך רירן און קאָן נישט. ער פילט, אַז דאָס איז אַ חלום, נאָר ער קאָן נישט גובר זײַן דעם שלאָף, ער קאָן נישט געוועלטיקן אַף זיך, ער קאָן נישט! ער ליגט און לײַדט נעבעך גרויסע יסורים, ער איז ווי אין דער הינער־פּלעט. ער פילט, אַז עס גייען אים אויס די כחות. נעמט ער זיך אָן מיטן לעצטן ביסל קראַפט און לאָזט־ארויס אַ שטילן קרעכץ, וואָס נאָר ער אַליין קאָן אים הערן, און עפנט־אויף אַ שטיקל אויג, קוים־קוים וואָס ער זעט, און ער דערזעט אַ שטראַל פון אַ ליכט און אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס ליגט אויסגעצויגן אַקעגן אים, אויך איינער אַליין, ווי ער, אַף אַ גאַנצער באַנק, און אויך איבערגעדעקט, ווי ער, מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", — און אונדזער מאַקס ווערט נבהל ונשתומם: עס מאַלט זיך אים אויס, אַז דאָס זעט ער טאַקע זיך אַליין אויסגעצויגן אַף יענער באַנק, און ער קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין דעם שכל, ווי קומט ער, מאַקס, אַהין, אַף יענער באַנק? און ווי אַזוי זעט דאָס אַ מענטש זיך אַליין אָן אַ שפּיגל?... ער פילט, אַז איינציקווײַז שטעלן זיך אים די האָר קאַפּויר...

ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז הייבט אָן אונדזער מאַקס קומען צו די געדאַנקען און פאַרשטיין, אַז יענער וואָס ליגט דאָרט אַף יענער באַנק, איז ניט ער, מאַקס, נאָר אַן אַנדערער. איז אים אָבער קשה: פון וואַנען האָט זיך גענומען אַהער דער דאָזיקער פאַרשוין, און גראָד אַקעגן אים, און גראָד מיט אַ „בעסאַראַבעץ"?

אונדזער מאַקס האָט קיין צײַט ניט וואַרטן ביז טאָג, און עס ווילט זיך אים טרעפן דאָס רעטעניש וואָס גיכער, און טאַקע שוין, און טאַקע באַלד; און ער טוט זיך אַ ריר און הייבט אָן צו שעלשטשען מיטן בלאַט, און ער דערהערט, אַז יענער פאַרשוין, וואָס אַף יענער באַנק, טוט זיך אויך אַ ריר און שעלשטשעט אויך מיטן בלאַט. בלײַבט ער שטיל און קוקט זיך אײַן נאָך שטאַרקער, און דערזעט, ווי יענער פאַרשוין, וואָס

אַף יענער באַנק, קוקט אַף אים מיט אַ האַלבן שמייכל. און אונדזערע ביידע „בעסאַראַבצעס" ליגן איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, און קוקן איינס אַפּס אַנדערע, און מע שווײַגט. ביידע אַנטיסעמיטן חלשן, גייען אויס וויסן, ווער מע איז; נאָר מע האַלט זיך אײַן מיט אַלע כוחות און מע שווײַגט. פּאַלט פּעטיע אַף אַ שׂכל און הייבט אָן אויסצופּײַפן שטילערהייט אַ באַקאַנטן ייִדישן מאָטיוו פון אַ באַקאַנט ייִדיש לידל:

„אַפּן פּריפּעטשיק ברענט אַ פּײַערל"...

און מאַקס האַלט אים אונטער אויך שטיל און אויך מיט אַ פּײַפן:

„און אין שטוב איז הייס"...

זעצן זיך אַוועק פּאַוואָלינקע אונדזערע ביידע אַנטיסעמיטן, וואַרפן אַראָפּ פון זיך די „בעסאַראַבצעס" און לאָזן אויס ביידע דעם באַקאַנטן ייִדישן מאָטיוו פונעם באַקאַנטן ייִדישן לידל, שוין ניט מיט קיין פּײַפן, נאָר מיט ווערטער ממש:

„און דער רבי לערנט
מיט די קינדערלעך
דעם אלף־בית!"...

געשריבן אין יאָר 1905.

# אַפּגעשלאָגענע הושענות

## א.

## איסר דער שמש

### I

דערמאָן איך מיך אָן איסר דעם שמש, שטעלט זיך מיר פאָר אײן דער פאַנטאַזיע א מין אַלכסנדר מוקדון, א נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, וכדומה אַזעלכע בילדער, גבורים פון דער היסטאָריע...

א קלײניקײט איסר? א מענטש, וואָס פירט די גאַנצע שול מיט אַלע בעלי־בתים בײַ דער נאָז. א מענטש, וואָס האַלט דאָס גאַנצע שטעטל בײַ זיך אין בוזעם. א מענטש, וואָס דינט בײַ אַלעמען און געוועלטיקט אױף אַלעמען. א מענטש, וואָס איז יעדן אונטערוואָרפן און האָט פאַר קײנעם קײן מורא ניט. א מענטש, וואָס האָט א בײזן קוק, מוראדיקע ברעמען, א מעשענע באָרד, א געזונטן קולאַק מיט א לאַנגן שטעקן. א ווערטעלע אויסצורײדן איסר!

ווער האָט געמאַכט איסרן פאַר אַן איסר? פרעגט מיך עפּעס גרינג־גערס. פאַראַן טיפּן, וואָס מע קען זײ אָנרופן: „פּאַרגליווערטע", „שטײענ־דיקע", דאָס הײסט, אַזעלכע, וואָס רירן זיך ניט פון זײער אָרט: „אַט אַזױ ווי איר האָט זײ געזען דאָס ערשטע מאָל, אַזױ זײַנען זײ געבליבן ווי אױף אײביק. עס ווײַזט זיך אײַך אויס, אַז זײ זײַנען תמיד אַזױ געווען און וועלן אײביק אַזױ בלײַבן. קינדווײַז פלעג איך מיך ניט קענען אָפּ־רײַסן פון דעם איסרן; מיך האָט אינטערעסירט אײן זאַך: וויאַזױ איז געווען איסר, בשעת ער איז נאָך ניט געווען קײן איסר? דאָס הײסט,

בשעת ער האָט נאָך ניט געהאַט אָט די מוראדיקע ברעמען, אָט די גרויסע האָרבאַטע נאָז, וואָס איז שטענדיק אָנגעשטאָפּט מיט טאַבעקע, אָט די מעשענע באָרד, וואָס הייבן הייבט זי זיך אָן, דוכט זיך, אַזוי געדיכט און גראָב, און לאָזן לאָזט זי זיך אויס דווקא דין, מיט עטלעכע שיטערע לאַנגע בייזע האָר? וויאַזוי האָט ער אויסגעזען, למשל, בשעת ער איז געווען אַ יינגל, געגאַנגען באָרוועס, געלערנט אין חדר און געכאַפּט פּעטש פונעם רבין? און וואָס איז געווען איסר, בשעת די מאַמע זיינע האָט אים געטראָגן אַף די הענט, אים געגעבן זייגן, אים אויסגעווישט דאָס נעזל: „איסרל, זיסער קדיש מיינער, ליכטיקער פּנים געטרייער, מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינדעלעך!״? —

אָט אַזוי פלעג איך זיך קינדוויין אַמאָל פאַרטראַכטן, זיך ניט קענען אָפּרייסן פון איסרן.

— אַהיים, ממזרים, אַ רוח אין אייער פאָטער און מוטער אַריין! — פלעגט איסר אַפילו קלערן וועגן אים ניט לאָזן.

דוכט זיך, אַז איך בין אייגער, פונדעסטוועגן הייס איך באַ אים מיט אַ לשון רבים: ממזרים! פאַרוואָס קומט מיר „ממזרים״? איסר האָט פיינט, פאַרשטייט איר מיך, אַז מע שטייט און מע קוקט אים אין די אויגן אַריין. איסר האָט פיינט קליינוואַרג, קען ניט אָנקוקן קיין קינדער! „קינ־דער, זאָגט ער, — דאָס זיינען כל מום רע; קינדער זיינען פּאַקאָסטניקעס, צו־להכעיסניקעס; קינדער זיינען ציגן, וואָס שפּרינגען אין פרעמדע גערט־נער; קינדער זיינען הינט, וואָס סיפּען באַ די פּאָלעס; קינדער זיינען חזירים, וואָס קריכן אָפן טיש; קינדער דאַרפן וויסן דרך־ארץ, דאַרפן ציטערן, קינדער דאַרפן האָבן דאָס נייניעריקע קדחת!...״ און מיר האָבן טאַקע געציטערט, טאַקע געהאַט דאָס נייניעריקע קדחת.

וואָס האָבן מיר מורא געהאַט, פרעגט איר? אַנו, פּרוּווט, אדרבה, האָט ניט מורא, אַז מע טוט אייך אַ נעם פאַרן אויער און מע פירט אייך צו צו דער טיר און מע גיט אייך אין האַלדז־און־נאַקן און מע זאָגט אייך:

— אַהיים, ממזרים, אַ רוח אין אייער פאָטער און מוטער אַריין!

איר וועט זיך אפשר קלאָגן אַף אים פאַר דער מאַמען? נו, אַדרבה, פּרוּווט! וואָס וועט זיין, ווילט איר וויסן? אָט וועל איך אייך זאָגן וואָס ס׳וועט זיין: איר וועט קומען אַהיים און באַווייזן דער מאַמען אָן אָנגע־ריסענעם אויער; וועט די מאַמע אָנפאַלן אָפן טאַטן מיט אַ געוואַלד: „זע נאָר, זע דעם בן־יחיד דיינעם, ווי דער רוצח דער גזלן האָט אים אָנגע־

ריסן אַן אויער!" וועט אײַך דער טאַטע נעמען פאַר אַ הענטל און וועט אײַך ברענגען אין שול אַרײַן און צופירן גלײַך צו איסר דעם שמש, ווי איינער רעדט: „נאַט, זעט וואָס איר האָט געטאָן מיט מײַן בן־יחיד, איר האָט דאָך אים שיר־שיר ניט אָפּגעריסן אַן אויער". וועט איסר געבן אַ הוק אָפּן טאַטן: „גייט אײַך געזונטערהייט מיט אײַערע ממזרים!" (איר הערט? אַ בן־יחיד איז בײַ אים אויך „ממזרים"!). און דער טאַטע וואָס וועט טאָן? דער טאַטע וועט אָנרוקן דאָס היטל און וועט גיין אַהיים. וועט אים די מאַמע פרעגן: „נו?" וועט איר דער טאַטע זאָגן: „איך האָב דאָס אים מכבד געווען, אָט דעם המן הרשע! וואָס נאָך האָב איך אים געקענט טאָן?"...

זייער ניט שיין אַפּילו, אַז אַ טאַטע זאָל זאָגן אַזאַ גראָבן ליגן! נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז מען איז בײַ אַ שמש אין גלות?

## II

מע קען זאָגן, אַז די גאַנצע שטאָט איז בײַ איסרן אין גלות. וואָס ער וויל, דאָס טוט ער. ווײַל איסר ניט הייצן די שול ווינטער אינעם פראָסט, מעגט איר צעזעצט ווערן ריידנדיק, וועט ער אײַך הערן, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. וויל איסר, מע זאָל זיך שטעלן דאַווענען פרי, וועט איר שוין פאַרשפּעטיקן ווען איר זאָלט קומען. ווײַל איסר אײַך ניט געבן קיין עליה אַכצן וואָכן דורכאַנאַנד, מעגט איר קוקן צו אים אַף דער בימה פון היינט ביז מאָרגן, הוסטן צעזעצטערהייט — ער וועט אײַך ניט זען, ניט הערן! דאָס אייגענע איז מיטן טלית, און מיטן חומש, און מיטן מחזור, און מיט אתרוג, און מיט דער הושענה. איסר וועט אײַך ברענגען דעמאָלט, ווען ער וועט וועלן, ניט ווען איר ווילט! וואָס זײַט איר עפּעס פאַר אַ „איר"? „בעלי־בתים — זאָגט ער — זײַנען ווי די הינט, און ער איז איינער, איין שמש, קיין עין־הרע, אַף אַזויפיל עולם — משוגע צו ווערן!".

און איסר שמיצט זיך, וואַרפט זיך, מאַכט איטלעכן מיט דער בלאָ־טע. דער גרעסטער בעל־הבית קען בײַ אים כאַפּן אַ פּסק, ער זאָל ניט טרעפן די טיר. „מיך — זאָגט ער — זאָלט איר בעסער ניט זאַטשעפּען, וואָרעם איך האָב קיין צײַט ניט מיט אײַך צו ריידן! איר זײַט אַ סך, און

איך בין, קיין עין־הרע, איינער!" און קיינער זאטשעפעט אים ניט; איר זײַט געדן, אַז ער טשעפּעט אײַך ניט.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז קיינער וועט זיך ניט אײַנשטעלן פרעגן בא איסרן, ווו קומט אַהין דאָס געלט, וואָס פאַלט אַרײַן פון די „בעבור־שנדרס", פון די יאָרצײַט־ליכט, פון דער פושקע, וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַ־נען שײַך צו באַלעבאַטישקייט. וואָרעם בעל־הבית אין שול איז דאָך ער — הײַנט ווע‍מען דאַרף ער דאָס אָפּגעבן דין־וחשבון? דער עולם איז גערן, אַז ער לאָזט זיי צו רו און וואַרפט זיי ניט די שליסלען פון בית־המדרש אין פּנים אַרײַן: גייט האַלט אויס אַליין אַזאַ שול מיט האָלץ און מיט וואַסער, מיט ליכט און מיט שוועבעלעך, און אַ האַנטעך אויס־וואַשן דאַרף מען אויך, און אַ טאָפּליע אַרײַנשטעלן דאַרף מען אויך, און אויסשמירן די ווענט מיט דער סטעליע דאַרף מען אויך, און אַ סטענ־דער פאַרריכטן דאַרף מען אויך, און אַ סידור צוקויפן דאַרף מען אויך, און אַ סליחה אײַנבינדן דאַרף מען אויך; און ווו איז אַ גרײַגער, ווו איז אַ דריידל, ווו איז אַ חנוכה־ליכטל, ווו איז אַ לולב, ווו איז אַן אתרוג, ווו איז אַ הושענא, און ווו איז אַ דאָס, און ווו איז אַ יענץ?"... און באַטש אַלע ווייסן גאַנץ גוט, אַז אַ גרייגער און אַ דריידל און אַ חנוכה־ליכטל און אַ לולב און אַן אתרוג און אַ הושענא און אַ דאָס און אַ יענץ — זײַנען אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס ניט נאָר מע דאַרף אויף זיי אויסגעבן געלט, אדרבה, זיי ברענגען נאָך אַרײַן געלט, — פונדעסטוועגן וועט זיך קיינער ניט דערוועגן אַרײַנשטעקן די נאָז. דאָס געהער צום שמש; דאָס איז זײַן הכנסה. „די שיינע שכירות, וואָס מע נעמט זיך אָן בא אײַך?... דער קאָפּ קען האַרט ווערן!... וואַסער אויף קאַשע!"... אַזוי זאָגט איסר, און דער עולם שווײַגט.

דער עולם שווײַגט; באַטש דער עולם ווייס גאַנץ גוט, אַז איסר לייגט אָפּ אַ קערבל; דער עולם ווייס גאַנץ גוט, אַז דער שמש איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט. ס'איז גאָר אַ סברא, אַז שטילערהייט פאַרלײַט ער אַמאָל עט־לעכע גראָשנס, מאַכט אַ הלוואהלע, געווינלעך, אויף אַ באַוואָרעניש, אויף אַ משכון. און אַ שטיבל האָט איסר אַן אייגנס, און אַ בהמה אַן אייגענע, און טרינקען טרינקט ער אויס אַלע טאָג, און דווקא פון אַ גרויס גלאָז, און אַ פעלץ טראָגט ער ווינטער, ברוך השם, ווי דער שענסטער בעל־הבית, און שיך טראָגט די שמשטע גאַנצע, און אַ יופּע האָט זי זיך גע־

מאכט ניט לאנג א נייע — פאר קהלס געלט: „פאר אונדזער בלוט, אויס־קרענקען זאָל זי דאָס, רבונו של עולם!"...

אזוי מורמלען די בעלי־בתים צווישן זיך שטילערהייט, אז דער שמש זאָל ניט הערן. און אז דער שמש גייט צו, האקט מען איבער דעם שמועס און מע הייבט אָן ריידן פון עפּעס אנדערש, בליצלען מיט די אייגלעך, סמאָרקען בשעת מעשה מיט די נעז און נעמען בא אים א שמעק טאבעקע מיט צוויי פינגער פון זיין הילצערן פושקעלע: „זייט־זשע מוחל!"...

אָט דער „זייט־זשע מוחל" איז א פאסקודנער זייט־זשע מוחל. אין אים ליגט א חניפהלע: „זייט־זשע מוחל, בא אייך דארף זיין א רעכטער שמעק טאבעקע"... אין אים ליגט אויך אָן אָנצוהערעניש אף אוועקצוגיין: „זייט־זשע מוחל, גיט א שמעק טאבעקע און גייט אייך געזונטערהייט"...

איסר איז א מבין סיי אף דער חניפהלע, סיי אף דעם אָנצוהערעניש. איסר ווייס, אז דער עולם וואָלט וועלן אים מאכן אויס שמש, אזוי ווי מע וויל לעבן. נאָר ער הערט זיי אלעמען, ווי המן דעם גרייגער. איסר האלט זיי רעכט אין די לאפּקעס. איסר ווייס וואָס ער האָט צו טאָן.

## III

ווער עס וויל יוצא זיין פאר אלעמן, דער איז ניט יוצא פאר קיינעם; און אז ס'איז באשערט זיך בוקן, זאָל מען זיך בוקן צום קאָפּ, ניט צו די פיס.

דאָס האָט פארשטאנען איסר, און האָט געשלאָגן בלאָט מיט די גבאים, מיט די עטלעכע געציילטע רעדלפירער פון שטאָט. זיי האָט ער דווקא געפאָלגט, געקראָכן אונטער די נעגל, ניט געפוילט זיך פון זייערט־וועגן גיין אן איבעריקן גאנג, און געחנפהט האָט ער זיי, אז ס'האָט גע־שלאָגן צו דער גאַל! און ווער שמועסט, אז ס'איז געקומען די צייט פון דער קלפי, פון קלייבן גבאים, — דעמאָלט האָט איסר ניט גערוט. ווער עס האָט ניט אָנגעקוקט דעמאָלט איסרן, דער האָט קיין שיינס ניט געזען. א פארשוויצטער, פאררוקט דאָס היטל ארויף, מיטן גרויסן שטעקן און מיט די לאנגע שטיוול, האָט איסר געקנאָטן די בלאָטע, געשפּרייזט פון איין גבאי צום אנדערן, געארבעט, געפלאָכטן, געפירט רכילות מיט אינ־טריגעס, אינטריגעס, אינטריגעס אָן א שיעור!

אף אינטריגעס פירן איז איסר פון תמיד אָן געווען איין בריה אין

דער וועלט. אַ וואַנט מיט אַ וואַנט האָט ער געקענט צונויפפירן, פּאַרקאָכן אַ קאַשע אַזוי קונציק, אַז דער גאַנצער עולם זאָל זיך בלאָזן איינער אָפן אַנדערן, זיך קריגן און זידלען, און עס זאָל דערגיין אַזש צו פּעטש — און ער, איסר, גאַרניט, גאָט די נשמה! איסר, פאַרשטייט איר מיך, האָט געפירט דאָס רעדל דווקא ניט שלעכט. ער האָט זיך געטראַכט: „רײַסט זיך, רײַסט זיך, בעלי־בתים, באַ די נעז, וועט איר פאַרגעסן אינעם שמש"...

פאַרגעסן אינעם שמש — דאָס איז געווען פאַר אונדזער איסרן זייער אַ נייטיקע זאַך, מחמת פון אַ צײַט אַז מע האָט זיך אָנגעהויבן צו אים נעמען, דולן אַ ספּאָדיק, ער זאָל אָפּגעבן דין וחשבון, ווו קומט אַהין דאָס גאַנצע געלט פון שול? און ווער? דווקא די יונגעלײַט, דווקא יונג־וואַרג, דווקא אָט די „ממזרים", וואָס ער האָט זיי אַזוי פײַנט געהאַט פון תמיד, וואָס ער פלעגט זיי אַמאָל דערגיין די יאָר!

פון קינדער, זאָגט מען, ווערן לײַט, און פון לײַט ווערן קינדער. היפּשע עטלעכע דורות זײַנען געוואַקסן, אויסגעוואַקסן און אוועקגעגאַנגען. פון די קליינע ציגלעך זײַנען געוואָרן גרויסע צאַפּעס, פון די קליינע ממזרים זײַנען געוואָרן בעלי־ביתלעך; די בעלי־ביתלעך האָבן חתונה געהאַט, געוואָרן בעלי־בתים; די בעלי־בתים זײַנען געוואָרן אַלטע ייִדן, און איסר איז אַלץ געווען איסר. נאָר מיטאַמאָל איז עפּעס אויסגעוואַקסן אַ דור, אַ נײַער, אַ יונגער, אַ משונה־מאָדנער דור, אַ דור פון סאַמע שקצים, עכברושים, עזות־מחוצף־פּנימער, מזיקים, הולטײַעס — מע זאָל באַהיט און באַוואָרנט ווערן!

— וואָס איז איסר פאַר אַן אויבערהאַר? איסר איז ניט מער ווי אַ שמש, וואָס דינט באַ אונדז, ניט מיר באַ אים! ביז וואַנען וועט גע־וועלטיקן אַף אונדז אָט דער אַלטער איסר מיט די לאַנגע פּיס און מיטן גרויסן שטעקן? חשבון! ווו איז חשבון? דין־וחשבון!...

אַזוי האָט געטענהט אָט דער נײַער דור פון סאַמע שקצים, עכברושים, עזות־מחוצף־פּנימער, מזיקים, הולטײַעס, און דווקא אין מיטן שול־הויף, און דווקא הויך אַף אַ קול... תחילת האָט איסר געמאַכט זיך כלא ידע, אַ ביסל טויבלעך שווין; נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן זיי טרײַבן פון שול, פאַרלעשן די ליכט, פאַרשליסן די טיר; נאָכדעם האָט ער אָנגערייצט אַף זיי די בעלי־בתים פון שטאָט, דערציילט אַף זיי המנס מסירות, אַז די הולטײַעס מאַכן חוזק פון עלטערע מענטשן, אַז זיי לאַכן אָפּ פון די גבאים, — אַ סימן: אָט האָט ער ניט לאַנג געפונען אַ פּאַפּירל, עפּעס

אַ לידל, וואָס איינער פֿון די הולטײַעס האָט פֿאַרלאָרן.

דוכט זיך, וואָס? אַ נאַריש לידל? וואָס פֿאַר אַ חתונה האָט אָבער דאָס דאָזיקע נאַרישע לידל אָנגעמאַכט אין שטאָט! וואָס פֿאַר אַן איבער־קערעניש — אײַ־אײַ־אײַ! הלוואי וואָלט דאָס איסר בעסער ניט געפֿונען און ניט באַוויזן דאָס די גבאים, וואָלט געווען פֿאַר אים אַ סך געזינטער! דאָס דאָזיקע לידל, קען מען זאָגן, איז געווען דער אָנהייב פֿון זײַן מפּלה. די נאַרישע גבאים, אַנשטאָט דעם, מע זאָל דאָס לידל אַראָפּשלינגען און מאַכן אַ שווײַג, האָבן זיי דאָס אַליין צעשמירט. זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דעם פֿון איינעם צום אַנדערן, ביז דער עולם האָט דאָס אויסגעלערנט אויף אויסווייניק, לצים האָבן צוגעזעצט צו דעם אַ ניגון פֿון אַן אַלט באַקאַנט לידל, און מע האָט דאָס לידל געזונגען אויף אַלע שטרעקן: בעלי־מלאכות האָבן עס געזונגען באַם וואַרשטאַט, קעכנס — באַם אויוון, מיידלעך — אויף די פּריזבעס, מוטערס האָבן מיט דעם פֿאַר־וויגט קינדער... אַ נאַריש לידל האָט אין זיך אַ כּוח: בשעת דער האלדז זינגט, טראַכט דער קאָפּ; קלערט, קלערט אַזוי לאַנג, ביז עס דערקלערט זיך עפּעס; מחשבות דרייען זיך, דרייען זיך, פּיקן אין מוח אַזוי לאַנג, ביז עס פּיקט זיך עפּעס אויס, און פֿון אַ מחשבה ווערט אַ מעשה.

די מעשה, וואָס איז אַרויס פֿון דעם לידל, איז געווען אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע. איר מעגט דאָס האָרכן. עס קען אײַך צו נוץ קומען.

## IV

שקצים, עכברושים, עזות־מחוצף־פּנימער, לצים, ווײַסע חברהניקעס, הולטײַעס האָבן אַזוי לאַנג געגראָבן אויף איסרן, געזוכט און געגנישטערט, ביז מע האָט זיך אַרויפֿגעשלאָגן אויף אַ שטיקל דרך. איינמאָל אין אַ שיי־נעם פֿרימאָרגן איז מען אַרויף אַפֿן בוידעם פֿונעם אַלטן בית־המדרש און מע האָט אַנטדעקט דאָרטן אַ גאַנצן אוצר: סטערינאָווע ליכט אַ גוזמא, עטלעכע פּוד וואַקס, אַ פּאָר צענדליק טליתים נאָך גאָר נײַע, אַ גאַנצן טכלאַד פֿון מחזורים נאָך ניט קיין געניצטע, סידורים מיט סליחות מיט קינות מיט נאָך גוטע זאַכן, וואָס באַ אײַך, קען זײַן, האָט דאָס ניט אַזא ווערט, ווי באַ אַ שמש פֿון אַ שול. מיט גרויס פּאַראַד האָט מען דעם דאָזיקן אוצר אַראָפּגעטראָגן פֿונעם בוידעם — און לאָז אײַך שוין אײַער פֿאַנטאַזיע אַליין פֿאַרשטעלן אָט דאָס בילד: פֿון איין זײַט איסר מיט

דער האַרבאַטער נאָז, מיט די מוראַדיקע בּרעמען, מיט דער מעשענער באָרד, וואָס הייבּן הייבט זי זיך אָן, דוכט זיך, אַזוי געדיכט און גראָב, און לאָזן לאָזט זי זיך אויס דווקא מיט עטלעכע שיטערע לאַנגע בייזע האָר... און פון דער אַנדערער זײַט די שקצים, עכּברושים, עזות־מחוצף־פּנימער, לצים, ווײַסע חברהניקעס, הולטײַעס, מיטן אוצר פון סטערינאָווע ליכט, וואַקס, טליתים, סידורים, מחזורים, סליחות און קינות א גאַנצער סקלאַד! מײַנט ניט פונדעסטוועגן, אַז איסר האָט זיך חלילה פאַרלאָרן. איסר איז ניט פון די מענטשלעך, וואָס באַלד עפּעס פאַרלירן זיי זיך. ער איז נאָר געשטאַנען, געקוקט און געחידושט זיך, ווי קומט דאָס גאָר אהער, אין שול אַפן בוידעם?!...

---

אַף מאָרגן גאַנץ פרי האָט זיך באַוויזן אַפן פאָרקאָן פון דער שול אַזא מין אַנאָנס, מיט קרײַד אויפגעשריבן:

„בכאן פאַרקויפט מען יאָרצײַט־ליכט במקח השוה".

אַפן אַנדערן טאָג איז שוין געווען אַן אַנדער אויפשריפט. אַפן דריטן טאָג — ווידער אַן אַנדער אויפשריפט. און איסר האָט געהאַט א גוט שטיקל אַרבעט: אַלע פרימאָרגן פלעגט ער שטיין מיט א נאַסער שמאַטע אָפּרײַבן די דאָזיקע שיינע אַנאָנסן, וואָס זײַנען געוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט אַפן פאָרקאָן פונעם אַלטן בית־המדרש. אויך אין די סטענדערס האָבן בעלי־בתים געפונען אַלע שבת גאַנצע פּעק מיט בריווע־לעך, וואָס לצים האָבן אונטערגעוואָרפן אַף איסר דעם שמש און אַף דעם בינטל גבאים, וואָס איסר האָט געשלאָגן מיט זיי בלאָט.

א שווער שטיקל צײַט האָט דעמאָלט איבערגעלעבט איסר. ער האָט אַרויפגעפירט די גבאים, מע זאָל אויסהענגען אין בית־המדרש א מודעה, אַף פּאַרמעט געשריבן, מיט גרויסע אותיות, בזה הלשון:

„היות ווי עס האָבן זיך באַוויזן בא אונדז, בעונותינו הרבים, יונגע לײַט, ריקים ופוחזים, פאַרדאַרבענע מענטשלעך, וואָס טרעטן אַרוים מיט פאַלשע מסירות קעגן די פאַרנעמסטע לײַט פון שטאָט, לכן זײַנען מיר מוסר מודעה בשם הגבאים דבית־המדרש הגדול, אַז מהיום והלאה וועלן מיר געבן השגחה אַף די דאָזיקע ענינים זייער און זייער, און דעם, וואָס מע וועט כאַפּן, וועט מען מיט אים טאָן על־פּי הזאקאָן"...

פאַרשטייט זיך, אַז די מודעה האָבן חברה באַלד אַראָפּגעריסן, און

אַף איר אָרט איז אַרויסגעוואַקסן אַן אַנדער מודעה. האָט מען זיך ניט געפֿוילט און מע האָט די נייַע מודעה אויך אַראָפּגעריסן, און עס איז אַף איר אָרט אויסגעוואַקסן אַ פֿרישע מודעה, און די בעלי־בתּים האָבן געפֿונען אין די סטענדערס פֿרישע בריוועלעך אָפּן שמש מיט די גבאים. הכּלל, דאָס איז געווען אַ שטיקל צייַט, וואָס דער עולם האָט געהאַלטן אין איין שרייַבן: די גבאים האָבן געשריבן מודעות, און די לצים די ווייַסע חברה־ניקעס האָבן געשריבן בריוועלעך — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז עס זייַנען געקומען די טעג פֿון ימים נוראים, די צייַט פֿון דער קלפּי, פֿון קלייַבן גבאים הייסט עס, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייַט צווישן ביידע צדדים: פֿון איין זייַט איסר מיט זייַנע פּאַטראָנען, די אַלטע גבאים, און פֿון דער אַנדערער זייַט די שקצים, עכּבּרושים, לצים, ווייַסע חברהניקעס מיט זייערע קאַנדידאַטן. איטלעכער צד האָט געצויגן צו זיך דעם גאַנצן איבעריקן עולם, יעדער מיט וואָס גאָט האָט אים געבענטשט: דער מיט הייסע ווערטער, פֿלאַם־פֿייַערדיקע דרשות, דער גלאַט מיט זיסע רייד, און דער מיט געבראָטענע קאַטשקעס, פּופּיקלעך, גוטע הבטחות, צוזאָגעכצן אַף שפּעטער, — און שטעלט אייַך פֿאָר, אַז גובר געווען האָבן — איר וועט גאָרניט טרעפֿן! — דווקא די שקצים, עכּבּרושים, לצים, ווייַסע חברהניקעס! און אויסגעקליבן האָט מען נייַע גבאים, און דווקא פֿון די יונגעלייַטלעך, קורצע ווייטיקלעך, לצים, קבצנים און — אוי־ווי, אַ שאַנד צו דערציילן! — בעלי־מלאכות, פּראָסטע בעלי־מלאכות!...

## V

איך האָב מורא, אַז איר שטויסט זיך אָן, אַז די מעשה נעמט אַ סוף. ביז וואַנען איז דער שיעור צו ציִען? צי איר ווילט, איך זאָל אייַך טאַקע דערציילן, וויִאַזוי אונדזערע נייַע גבאים האָבן זיך גערעכנט מיטן אַלטן שמש? וויִאַזוי מע האָט נעבעך דעם אַלטן איסרן געפֿירט יענעם שמחת־תּורה מיט כּבוד און מיט געזאַנג איבער אַלע גאַסן, און קונדסים, לצים, ווייַסע חברהניקעס האָבן געטראָגן אַף צו־פֿריִער, מיט גרויס פּאַראַד, דעם גאַנצן אוצר מיט סטעריגאָווע ליכט, מיט וואַקס און מיט די אַלע טליתים, סידורים, מחזורים, קינות און סליחות, וואָס מע האָט געפֿונען אָפּן בוי־דעם פֿונעם אַלטן בית־המדרש? — ניין, איך מיין, אַז איר וועט פֿון מיר אַזאַ זאַך ניט פֿאַרלאַנגען.

דערלעבן אַ נקמה אינעם שונא — מהכתיתי; נאָר באָדן זיך אין זײַן בלוט — דאָס ניט. איך קען אײַך נאָר דערציילן ניט מער ווי עט־לעכע ווערטער:

אַף הײַנטיקע ימים־טובים בין איך מיך דורכגעפאָרן אהיים, אין מײַן געבורט־שטאָט. שוין לאַנג ניט געווען. אַ סך, אַ סך וואַסערן זײַנען פון יענער צײַט דורכגעלאָפן. פונדעסטוועגן האָב איך געטראָפן דאָס אַלטע בית־המדרש אַפן זעלביקן אָרט; דער אייגענער אָרון־קודש מיטן זעלבן פּרוכת, מיט דער אייגענער בימה, מיט די אייגענע הענגלײַכטער. נאָר די מענטשן — די מענטשן האָבן זיך איבערגעביטן, שטאַרק פאַרענדערט געוואָרן, אַזוי, אַז ס'איז כמעט ניט צו דערקענען זיי. די אַלטע לײַט זײַנען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן, און אַפן הייליקן אָרט זײַנען מסתמא צוגעקומען אַ שיין ביסל מצבות מיט שיינע אויפשריפטן. די יונגעלײַט האָבן באַקומען גרויע בערדלעך. די גבאים זײַנען נײַע, אַ חזן אַ נײַער, אַ שמש אַ נײַער, מיט נײַע ניגונים, מנהגים נײַע — גאָלע נײַם און נײַם און נײַם!...

איינמאָל — הושענא־רבה איז דאָס געווען — דער נײַער חזן מיטן נײַעם כאָר האָט זייער שיין געזונגען דעם „קול מבשר מבשר ואומר", און דער עולם האָט זיך אַ נעם געטאָן אָפּשלאָגן די בלעטלעך פון די הושענות (דער דאָזיקער מנהג איז, אַפּנים, פאַרבליבן אַף שטענדיק), און איך האָב באַמערקט פון דערווײַטן אַן אַלטעטשקן, אַ גרײַז־גרויען, אַן אײַנגעהויקערטן מיט אַ האַרבאַטער נאָז, מיט מוראדיקע געדיכטע ברע־מען און מיט אַ באָרד, וואָס אָנהייבן הייבט זי זיך אָן, דאַכט זיך, גראָב און געדיכט, און אויסלאָזן לאָזט זי זיך אויס דווקא דין, מיט עטלעכע שיטערע לאַנגע בייזע האָר, — און עס האָט מיך געטאָן אַ צי צום דאָ־זיקן אַלטעטשקן, און איך בין צו אים צוגעגאַנגען און האָב אים אויס־געצויגן די האַנט:

— שלום עליכם אײַך... דאַכט זיך, רב איסר... דער שמש?

—דער שמש? וואָסער שמש? שוין לאַנג אויס שמש. שוין לאַנג אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא — בע־בע!...

אַזוי האָט מיר דער אַלטעטשקער אַ זאָג געטאָן מיט אַ ציטערדיק קול און אַ ווײַז געטאָן מיט אַ ציטעריקער האַנט אַף דער אָפּגעשלאָגענער הושענא, וואָס האָט זיך געוואַלגערט פאַר זײַנע פיס, און אַ ביטער שמייכל האָט זיך געשפּילט אַף דער גרײַז־גרויער באָרד, וואָס אָנהייבן הייבט זי

זיך אָן, דאַכט זיך, גראָב און געדיכט, און לאָזן לאָזט זי זיך אויס דווקא דין, מיט עטלעכע שיטערע לאַנגע נאָך אַליין בייזע האָר...

## ב.

# בועז דער מלמד

## I

דאָס וואָס איך האָב געפילט דעם ערשטן טאָג, בשעת די מאַמע האָט מיך אָפּגעפירט פאַר אַ האַנט צו בועזן אין חדר אַרײַן, באַדאַרף פילן אַ יונג עופעלע, בשעת מע שלאָגט־אָפּ מיט דעם כפרות און מע טראָגט דאָס אָפּ צום שוחט. עס צאַפּלט דאָס יונגע עופעלע, פלאַטערט נעבעך; פאַרשטייט פאַרשטייט דאָס נישט, נאָר פילן פילט דאָס, אַז דאָ שמעקט נישט מיט קיין פּראַסע, נאָר מיט עפּעס אַנדערש... נישט אומזיסט האָט זי מיך געטרייסט, די מאַמע מײַנע, אַז דער גוטער מלאך וועט מיר וואַרפן אַ גראָשן פון דער סטעליע; נישט אומזיסט האָט זי מיר געשענקט אַ גאַנצן עפּל מיט אַ קוש אין שטערן אַרײַן; נישט אומזיסט האָט זי גע־בעטן בועזן, ער זאָל גיין מיט מיר אַביסעלע ווייכער, כאָטש  אַ ב י ס ע ל ע ווייכער, מחמת „דאָס קינד האָט ערשט נישט לאַנג געמאָזלט"...

אַזוי האָט אַ זאָג געטאָן די מאַמע און אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אויף מיר, גלײַך ווי זי וואָלט איבערגעגעבן בועזן אין די הענט אַרײַן עפּעס זייער אַ טײַערע כלי פון קרישטאָל, וואָס טאָמער חלילה איין ריר — איז אויס כלי!

אַ צופרידענע, אַ גליקלעכע איז די מאַמע געגאַנגען אַהיים, און „דאָס קינד וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געמאָזלט" איז איבערגעבליבן אַליין. תחילת אַביסל אַ וויין געטאָן, נאָכדעם אויסגעווישט די אייגלעך און מקבל געווען אויף זיך דעם עול פון דער תורה און פון דרך־ארץ, און אַרויסגעקוקט אויף דעם גוטן מלאך, וואָס וועט אים וואַרפן מסתמא באַלד אַ גראָשן פון דער סטעליע.

אוי, אָט דער גוטער מלאך! אָט דער גוטער מלאך! בעסער וואָלט די מאַמע נישט דערמאָנט דעם נאָמען זײַנעם! וואָרעם אַז בועז איז צוגעגאַנגען צו מיר, מיך געגעבן אַ נעם מיט זײַן טרוקענער באַוואַק־

סענער האַנט און אַ זעץ־אַנידער צום טיש, איז מיר שוין געוואָרן נישט גוט אַף צו חלשן, און איך האָב שוין אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַרויף צו דער סטעליע, און האָב שוין געכאַפּט דעם שיינעם פּסק פונעם רבין מיטן רעכטן צי פאַרן אויער: „ממזר! ווּהין קוקסטו?“

אוודאי האָט זיך „דאָס קינד וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געמאָזלט“ אַביסעלע צעפּעסטעט: „מאַ־מע!“ און ערשט דעמאָלט פאַרזוכט דעם אמתן טעם פונעם רבינס שמיץ: „אַ ייִנגעלע זאָל נישט קוקן אַהין וווּ מע דאַרף נישט!“... „אַ ייִנגעלע זאָל נישט רעווען ווי אַ קעלבל מאַ־מע!“...

## II

די מעטאָדע פונעם רבין איז באַשטאַנען אין איין זאַך: שמיץ. פאַרוואָס עפּעס שמיץ? ער האָט דאָס געגעבן צו פאַרשטיין מיטן שכל און געבראַכט אַ משל פון, להבדיל, אַ פערד: איבער וואָס גייט אַ פערד? ווײַל ער האָט מורא. פאַרוואָס האָט מורא אַ פערד? פאַר אַ שמיץ. פונקט אַזוי איז מיט אַ קינד. אַ קינד באַדאַרף האָבן מורא: מורא פאַר גאָט, מורא פאַרן רבין, מורא פאַר טאַטע־מאַמע, מורא פאַר אַן עבירה, מורא פר אַ שלעכטע מחשבה... און בכדי אַ קינד זאָל טאַקע מורא „האָבן וואָס מורא הייסט, באַדאַרף מען דאָס גאַנץ פײַן אָפּשפּילען, בעל־הבתיש אַנידערלייגן און אַרײַנצימבלען אַ פּאָר צענדליק שמיצלעך. „אוי, שמיצלעך־מוצלח! נישטאָ קיין בעסערע זאַך אַף דער וועלט, ווי אַ רוט, און לעבן זאָל דער קאַנטשיק!“

אַזוי זאָגט בועז און נעמט דעם קאַנטשיק אין האַנט אַרײַן פּאַוואָ־לינקע, נישט געכאַפּט, באַטראַכט אים פון אַלע זײַטן, ווי מע באַטראַכט אַן אתרוג, נאָכדעם נעמט ער זיך צו דער מלאכה ערנסט, מיט ישוב־הדעת, זינגט־צו בשעת מעשה און שאָקלט־צו מיטן קאָפּ:

שמיצלעך!
מוצלח!
שמיצלעך!
מוצלח!

חדושים ונפלאות! בועז ציילט נישט און האָט קיינמאָל נישט קיין טעות. בועז שמײַסט און איז קיינמאָל נישט אין כעס. בועז איז נישט

קיין מענטש פון כעס; אין כעס איז ער נאָר דעמאָלט, ווען אַ קינד לאָזט זיך נישט שמײַסן, רײַסט זיך פון די הענט, דריגעט מיט די פיסלעך. זעט איר, דעמאָלט איז עפּעס אַנדערש. דעמאָלט ווערן די אויגן אָנגע־גאָסן מיט בלוט, און ער שמײַסט שוין אָן אַ ניגון און אָן אַ צאָל: „אַ ייִנגעלע דאַרף ליגן שטיל, אַז אַ רבי שמײַסט!... אַ ייִנגעלע דאַרף האָבן דרך־ארץ אפילו דעמאָלט, ווען מע שמײַסט אים!”...

אויך איז בועז אין כעס, טאָמער לאַכט אַ קינד בשעת מע שמײַסט דאָס (פאַראַן אַזעלכע קינדער, וואָס לאַכן בשעת מע שמײַסט זיי, אַ חולאת, זאָגט מען...). בײַ בועזן לאַכן — איז סכנת־נפשות! בועז האָט אַליין נישט געלאַכט זינט ער לעבט, און האָט פײַנט, אַז דער אַנדערער לאַכט. מע האָט געקאָנט צוזאָגן די גרעסטע פּרעמיע יענעם מענטשן, וואָס וועט שווערן בנאמנות, אַז ער האָט אַליין געזען בועזן לאַכן. בועז איז נישט קיין מענטש פון לאַכן. זײַן פּנים איז גאָרנישט מסוגל דערצו. בועזס פּנים זאָל אָנהייבן לאַכן, וואָלט דאָס געוויס אויסגעזען אַ סך ערגער ווי בײַ איינעם וואָס וויינט (פאַראַן, פאַראַן אַזעלכע פּנימער אויף דער וועלט!). און וואָס איז טאַקע באמת פאַר אַן עובדא לאַכן? לאַכן — לאַכן דאָך מענטשן ליידיקגייערס, פּוסטע קעפּ, לצים, הולטײַעס. אָבער מענטשן, וואָס האָבן אויף זיך דאגות פּרנסה, וואָס טראָגן אויף זיך דעם עול פון תורה און פון דרך־ארץ, האָבן נישט קיין צײַט אויף צו לאַכן. בועז האָט קיינמאָל קיין צײַט נישט. בועז אָדער ער קנעלט, אָדער ער שמײַסט, דאָס הייסט, ער קנעלט שמײַסנדיק, אָדער ער שמײַסט קנעלנדיק — שווער אָפּצוטיילן איינס פונעם אַנדערן און זאָגן: ווו לאָזט זיך אויס בײַ אים „געקנעלט” און ווו הייבט זיך אָן „געשמיסן”.

און געשמיסן האָט אונדז בועז, דאַרפט איר וויסן, קיינמאָל נישט אומזיסט. ס'איז תמיד געווען אַ טעם פאַרוואָס: פאַר נישט גוט געלערנט, פאַר נישט גוט געוואָלט דאַווענען, פאַר נישט געפאָלגט טאַטע־מאַמע, פאַר נישט אַרײַנגעקוקט, פאַר אַרויסגעקוקט, פאַר גלאַט געקוקט, פאַר צו גיך געדאַווענט, פאַר צו פּאַוואָליע געדאַווענט, פאַר צו הויך גערעדט, פאַר צו שטיל גערעדט, פאַר אַן אָפּגעריסענעם לאַץ, פאַר אַ קנעפּל, פאַר אַ ריס, פאַר אַ דראַפּ, פאַר אויסגעשמירטע הענט, פאַר אַ פאַרפלעקטן סדור, פאַר אַ נאַשערײַ, פאַר אַ לויפערײַ, פאַר אַ שטיפערײַ, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, אָן אַן עק.

דאָס זײַנען געווען, קאָן מען זאָגן, שמיץ פאַר „על חטא שחטאנו

לפניך ביודעים". הײַנט זײַנען געװען שמיץ פאַר „על חטא שחטאנו לפניך בלא יודעים", דהיינו: שמיץ אױף להבא, אַלע ערב שבת און אַלע ערב יום־טוב און אַלע ערב־בין־הזמנים, מיט אַ פּירוש דערױף: „טאָמער האָט איר די שמיץ נאָך נישט פאַרדינט, װעט איר זײַ, אם ירצה השם, כשר פאַרדינען"... אָדער שמיץ אַזעלכע, װאָס עמעצער, אַן איינגענער אָדער אַ פרעמדער, האָט אײַך געװאָלט אַ טובה טאָן, צוגע־שטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבין. אָדער שמיץ מיט אַן אָנצוהערעניש פונעם רבין אַליין: „דו װייסט שוין אַליין מסתמא, פאַר װאָסערע מעשים טובים"... אָדער שמיץ אױף ציקאַװעסט: „לאָם איך זען אָקאָרשט, װי אַזױ אַ ייִנגעלע לאָזט זיך שמײַסן"... מיט איינעם װאָרט: „שמיץ", „קאַנ־טשיק", „מורא", „טרערן" — אַט װאָס אין יענער צײַט האָט געטאָן געװעלטיקן אין אונדזער קליין נאַריש קינדעריש װעלטל, אָן אַ שום עצה, אָן אַ שום רפואה, אָן אַ שום שטראָל פון האָפענונג אױף פּטור צו װערן פון דעם גיהנם!...

און דער גוטער מלאך, װאָס די מאַמע האָט געזאָגט? װוּ איז ער ערגעץ, יענער גוטער מלאך?

## III

איך מוז מיך מודה זײַן פאַר אײַך, אַז איך האָב צײַטנװײַז גע־קװיינקלט זיך אין דער שיינער מעשה מיטן גוטן מלאך. אַ פונק פון אפּיקורסות האָט זיך אַביסל צו פרי אַרײַנגעגנבעט צו מיר אינעם קינדעריש הערצל אַרײַן. צו פרי האָב איך אָנגעהױבן צו קלערן: אפשר האָט מיך די מאַמע אָפּגענאַרט? צו פרי האָב איך מיך באַקענט מיטן געפיל, װאָס װערט אָנגערופן „שנאה". צו פרי, צו פרי האָב איך פײַנט געקראָגן דעם רבין בועז!

און װי אַזױ זאָל מען אים נישט פײַנט האָבן? װי אַזױ, פרעג איך אײַך, זאָל מען נישט פײַנט האָבן אַ רבין, װאָס לאָזט נישט קיין קאָפּ אױפהייבן: דאָס טאָרסטו נישט! דאָרט שטיי נישט! אַהין גיי נישט! מיט דעם רייד נישט!... װי אַזױ זאָל מען נישט פײַנט האָבן אַ מענטשן, װאָס האָט נישט אין זיך קיין קאָפּ רחמנות, װאָס האָט הנאה, אַז יענעם טוט װיי, װאָס באָדט זיך אין יענעמס טרערן, שמירט זיך מיט יע־נעמס בלוט?... דאַכט זיך, װאָס קאָן שױן זײַן מער בזיון פונעם װאָרט

„שמײַסן"?... וואָס קאָן שוין זײַן מער בושה, ווי אַז מע טוט־אויס אַ מענטשן אָדם־נאַקעט און מע שטעלט אים אַוועק אין אַ ווינקעלע, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט? ניין, בועזן איז דאָס קאַרג! בועז פאָדערט פון אײַך, אַז איר זאָלט אַליין זיך אויסטאָן, אַליין אַראָפּציִען, מחילה, די תחתונימלעך, אַליין נעמען דאָס העמדעלע איבערן קאָפּ, אַליין זיך אָני־דערלייגן, איך בעט איבער אײַער כבוד, מיטן פּנים אַראָפּ, — און דאָס איבעריקע וועט שוין בועז אַליין טאָן:

שמיצלעך,
מוצלח!
שמיצלעך,
מוצלח!

און נישט נאָר בועז אַליין האָט געשמיסן, עס האָבן געהאָלפן שמײַסן אויך די באַהעלפערס זײַנע, די „משוררים", ווי ער האָט זיי גערופן, געוויינטלעך, אונטער דער השגחה פון בועזן, מע זאָל חלילה נישט פאַרפעלן קיין שמיצל. „ווינציקער מיט אַביסל תורה און מער מיט אַ שמיצל" — אַזוי האָט גערדונגען בועז און געגעבן צו פאַר־שטיין די דאָזיקע טעאָריע מיטן שכל־הישר: אַז מיט צו פיל תורה פאַרשלאָגט מען אַ קינד דעם קאָפּ, און אַן איבעריק שמיצל שאַדט נישט. „וואָרעם לאָמיר דאָס נאָר פאַרשטיין, זאָגט בועז, על־פּי חקירה: דאָס לערנען, וואָס מע לערנט מיט אַ קינד, גייט דאָס גלײַך אין קאָפּ אַרײַן, לכן איז דאָס מבלבל די רעיונות און מטמטם דעם מוח; און דאָס שמײַסן, וואָס מע שמײַסט, איז אדרבה־פאַרקערט: ביז עס דערגייט פון יענעם חלק דורכן גאַנצן גוף ביזן קאָפּ, רייניקט דאָס דערווײַל די געבליטן און עס לײַטערט דעם מוח. הײַנט פאַרשטייט איר שוין?"

און בועז האָט נישט אויפגעהערט צו רייניקן אונדז די געבליטן און צו לײַטערן אונדזערע מוחות. און — אוי־ווײ! מיר האָבן שוין מער נישט געגלויבט אין יענעם גוטן מלאך, וואָס קומט פון אויבן! מיר האָבן שוין צעקײַט, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ פּזמון, אַן אויסגעטראַכטע מעשה אַף צו פאַרנאַרן אונדז צו בועזן אין חדר אַרײַן, און מיר האָבן אָנגע־הויבן צו זיפצן און צו קרעכצן אַף אונדזער גלות פון בועזן, צו מורמלען און צו ריידן און צו זוכן מיטלען, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פונעם דאָזיקן שווערן ביטערן גלות?...

## IV

אין די מרה־שחורהדיקע מינוט וואָס צווישן טאָג און נאַכט, בשעת די רויטפאַרביקע פֿײַעריקע זון באַדאַרף זיך געזעגענען מיט דער טונקע־לער קאַלטער ערד אויף אַ גאַנצער נאַכט; אין די מרה־שחורהדיקע מינוטן, ווען דער פּרײלעכער, הילכיקער טאָג מאַכט אַ ויברח, און אויף זײַן אָרט טרעט־צו מיט שטילע טריט די אומעטיקע שטילע נאַכט מיט איר אומע־יקן שטילן סוד; אין די מרה־שחורהדיקע מינוטן, ווען דער שאָטן קלע־טערט אויף די גלײַכע ווענט, וואַקסט אין דער לענג און אין דער ברייט; אין די מרה־שחורהדיקע מינוטן וואָס בין מנחה למעריב, בשעת דער רבי איז אין שול און די רביצן האָט צו טאָן מיט דער ציג, מיט די קרינגלעך אָדער מיט דער דייזשע באָרשטש, — דעמאָלט זאַמלען מיר זיך צונויף, קליינוואַרג, אין חדר, אַלע אינאיינעם צווישן אויוון, זעצן זיך אוים אויף דער ערד, די פּיסלעך אונטער זיך, שלאָגן זיך צונויף, ווי די אומשולדיקע שעפּעלעך, כשרע לעמעלעך, און דאָרטן, אין דער פֿינצ־טער, ריידן מיר פֿון אונדזער מוראדיקן טיטוס, פֿון אונדזער מלאך־המוות בועז. יינגלעך עלטערע, פֿון דער גרויסער כתה, וואָס לערנען באַ בועזן שוין נישט דעם ערשטן זמן, דערציילן זיך אָן פֿון אים מוראדיקע מעשיות און שווערן מיט כל השבועות שבעולם, אַז בועז האָט פֿאַרשמיסן נישט איין יינגל ביז צום טויט, אַז בועז האָט אַרײַנגעטריבן אין דער ערד אַרײַן שוין דרײַ ווײַבער, אַז בועז האָט באַגראָבן זײַן איין־און־איינציקן זון, וכדומה אַזעלכע ווילדע זאַכן, פֿון וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויר! עלטערע יינגלעך דערציילן, און די קלענערע האָרכן, האָרכן מיט קאָפּ. שוואַרצע אייגלעך אין דער פֿינצטער גלאַנצן, יונגע הערצלעך קלאַפּן, און עס בלײַבט באַ אונדז דער הסכם, אַז בועז דער רבי איז אָן אַ נשמה, אַ מענטש אָן אַ נשמה, און אַזאַ מענטש איז דאָך געגליכן צו אַ חיה, צו אַ מזיק, וואָס ס'איז אַ מצווה אים צו פּטרן... און טויזנטער פּלאַנען, נאַרישע קינדערשע פּלאַנען, וועבן זיך באַ אונדז אין די קינדערשע מוחות, ווי אַזוי מיר זאָלן פּטור ווערן פֿונעם דאָזיקן מלאך־המוות... נאַרישע קינדער! די דאָזיקע נאַרישע קינדערשע פּלאַנען האַלטן זיי איטלעכער באַזונדער טיף פֿאַרבאָרגן באַ זיך אין האַרצן. זיי בעטן גאָט, ער זאָל טאָן אַ נס: אָדער דער סדור זאָל פֿאַרברענט ווערן, אָדער דעם קאַנטשיק זאָל

צונעמען דער רוח, אָדער... אָדער... דעם לעצטן „אָדער" וויל קיינער נישט ארויסזאָגן; מע האָט דאָס מורא ברענגען פאַרן מויל. און דער כוח־הדימיון בא די קינדער אַרבעט, די יונגע פאַנטאַזיע טראָגט, און חלומות, גוטע זיסע חלומות, פּלאָנטען זיך אין דער וואָר, חלומות פון פריי־זײַן, פון לויפן אַראָפּ־אַ־באַרג, פון פּאַליאַסקען זיך מיט באָרוועסע פיס אין טײַך, פון שפּילן אין פערדלעך, פון שפּרינגען איבער פּלויטן — גוטע, זיסע, נאַרישע חלומות, וואָס ס'איז נישט באַשערט. זיי זאָלן מקוים ווערן; וואָרעם אָט הערט זיך אַ באַקאַנטער הוסט פון אַ באַקאַנטן פאַר־שוין, אַ קלאַפּן פון באַקאַנטע פּאָדעשוועס, אַ שליאָפּען פון באַקאַנטע שקראַבעס — און עס ווערן אונדז פאַרקילט די געבליטן, און עס ווערן אונדז פאַרגליווערט, פאַרשטאַרבן אַלע אברים, און מיר זעצן זיך אַוועק צו דער תורה און צו עבודת־ הבורא, צום לערנען און צום דאַווענען, — פּונקט מיט אַזאַ חשק, ווי גיין צום עשאַפאָט, צו דער תליה! מיר לערנען, און אונדזערע ליפּן שעפּטשען: „רבונו של עולם! צי עס וועט קומען אַמאָל אַ צײַט אַף דעם דאָזיקן עמלק, אַף דעם פּרעה, אַף דעם המן, אַף דעם גוג־ומגוג? צי עס וועט קומען אַמאָל אַ צײַט, וואָס מיר וועלן פּטור ווערן פונעם דאָזיקן שווערן, וויסטן, פינצטערן גלות? ניין, קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט!"...

אַזוי האָבן מיר אָפּגעפּסקנט — אומשולדיקע נאַרישע קינדער.

## V

— קינדער! איר ווילט הערן אַ שיינעם פּלאַן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אונדזער גוג־ומגוג?

אַזוי האָט זיך אָנגערופן איינמאָל אין די אויבנדערמאָנטע מרה־שחורהדיקע מינוטן איינער פון דער עלטערער כתה, מיטן נאָמען וועלוול לייב־אריהס, אַ יינגל אַ שייגעץ, און די אויגן האָבן אים בשעת מעשה געבלישטשעט אין דער פינצטער, ווי בא אַ וואָלף, און די גאַנצע חברה קליינוואַרג האָט אַרומגערינגלט וועלוולען אויסצוהערן דעם שיינעם פּלאַן, וואָס ער האָט צוגעקלערט, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אונדזער גוג־ומגוג. און וועלוול לייב־אריהס האָט גענומען אונדז פאַרלייגן זײַן שיינעם פּלאַן פריִער מיט אַ גאַנצער דרשה: ווי אַזוי ס'איז שווין פון דעם בוזן נישט אויסצוהאַלטן, ווי אַזוי דער אשמדאי באָדט זיך אין אונדזער בלוט, ווי

אזוי מיר זײַנען פֿאַררעכנט בײַ אים ערגער פֿון הינט, וואָרעם אַ הונט, אַז מע דערלאַנגט אים מיטן שטעקן, האָט ער כאָטש אַ ברירה צו קוויטשען, און מיר טאָרן דאָס אויך נישט; און אַזוי ווײַטער און ווײַטער... און נאָכדעם רופֿט זיך אָן צו אונדז וועלוול:

— הערט, קינדער, וואָס איך וועל אײַך פֿרעגן? איך וויל אײַך עפּעס פֿרעגן.

— פֿרעג! — זאָגן מיר אים אַלע אין איין קול.

— ווי איז דער דין, אַשטייגער, אַז אַף איינעם פֿון אונדז קומט פּלוצעם אַ קרענק?

— איז נישט גוט! — ענטפֿערן מיר אים אָפּ.

— ניין, נישט דאָס מיין איך. איך מיין עפּעס אַנדערש: למשל, אַז איינער פֿון אונדז ווערט קראַנק — גייט ער אין חדר אַרײַן, צי ער בלײַבט זיצן אינדערהיים?

— פֿאַרשטייט זיך, אַז ער בלײַבט זיצן אינדערהיים! — שרײַען מיר אויס אַלע אין איין קול, און וועלוול פֿרעגט ווײַטער:

— ווי־זשע איז אָבער דער דין, אַז אַף צוויי פֿון אונדז קומט אַ קרענק.

— זיצן צוויי אינדערהיים.

— נו, און אַז אַף דרײַ? — הערט וועלוול נישט אויף צו פֿרעגן, און מיר מידן זיך נישט אײַן צו ענטפֿערן אים:

— זיצן דרײַ אינדערהיים.

— ווי־זשע איז אָבער דער דין, כדומה למשל, אַז אַף אונדז אַלע איז געקומען אַ קרענק?

— זיצן מיר אַלע אינדערהיים.

— לאָז־זשע קומען אַ קרענק אַף אונדז אַלע! — זאָגט וועלוול מלא גדולה. און מיר ענטפֿערן אים מיט כעס:

— לאָז גאָט היטן! ביסט משוגע, צי חסר־דעה?

— איך בין נישט משוגע און נישט חסר־דעה; נאָר איר זײַט בהמות — דאָס יאָ. איך מיין דען, מיר זאָלן קרענקען אַף דער אמתן? אַף צו־כלומרשט מיין איך, בכדי מיר זאָלן נישט גיין אין חדר אַרײַן. הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין?

אַזוי גיט אונדז צו פֿאַרשטיין אונדזער חבר וועלוול, און מיר הייבן אָן דעם פּלאַן צו פֿאַרשטיין, און דער פּלאַן הייבט אונדז אָן צו געפֿעלן,

און מיר הייבן אָן צו טראַכטן, וואָס פאַר אַ מין קרענק זאָל אַף אונדז קומען? דער זאָגט: צווינוויטיק. דער זאָגט: קאָפּוויטיק. דער זאָגט: בויכוויטיק. דער זאָגט: ווערעם. נאָר בלײַבן בלײַבט, אַז נישט קיין ציינוויטיק, און נישט קיין קאָפּוויטיק, און נישט קיין בויכוויטיק, און נישט קיין ווערעם. נאָר וואָס דען? עס דאַרפן אונדז אַלעמען מיט אַ מאָל אָנהייבן ווי־טאָן די פּיס, וואָרעם אַף די אַלע אויסגערעכנטע קרענק איז דער דאָקטער אַ מבין; און אַז איר זאָגט אים: די פּיס טוען אײַך וויי, איר קאָנט נישט רירן מיט די פּיס — לאָז ער גיין טאַפּן!...

— געדענקט־זשע, קינדער, מאָרגן אינדערפרי זאָלט איר נישט אויפשטיין פון אײַערע געלעגערס! און בכדי מיר זאָלן זײַן זיכער, אַז מיר האָבן גענומען יד אחת און קיינער פון אונדז וועט נישט קומען מאָרגן אין חדר אַרײַן, לאָמיר זיך געבן איינס דאָס אַנדערע תקיעת־כּף און איבערשלאָגן מיט אַ ציצה!

אַזוי האָט אויסגערופן אונדזער חבר וועלוול, און מיר האָבן זיך געגעבן איינס דאָס אַנדערע תקיעת־כּף און איבערגעשלאָגן מיט אַ ציצה, און זײַנען געגאַנגען יענעם אַף דער נאַכט פון חדר אַהיים לעבעדיק, פריילעך, און געזונגען לידער, ווי די גבורים, וואָס האָבן אַ מיטל ווי אַזוי גובר צו זײַן דעם שונא, אײַנצונעמען די מילחמה.

---

קינדער! מיר גייען־צו צום סאַמע העכסטן אינטערעס פון אונדזער געשיכטע, און איך פאַרשטיי, אַז איר זײַט נײַגעריק צו וויסן, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פונעם דאָזיקן נארישן קינדערשן פּלאַן, פונעם דאָזיקן משוגענעם סטרײַק? איך פאַרשטיי, אַז איר ווילט וויסן, צי איז דאָס תקיעת־כּף געווען אַ תקיעת־כּף? צי האָבן מיר געהאַלטן וואָרט? ווי אַזוי האָבן אויסגעזען אַזויפיל קינדער, וואָס האָבן פּלוצעם זיך אוועקגעלייגט אַלע אַף איין קרענק? וואָס האָבן געזאָגט די עלטערן? וואָס האָט געטאָן דער רבי? און צי האָבן מיר אויסגעפירט דאָס, וואָס מיר האָבן געוואָלט?...

שאַדע, וואָס איך קאָן אײַך איצט מער נישט דערציילן, קינדערלעך, — ס'איז ערב יום־טוב, און איך מוז איבעררײַסן סאַמע ביים רעכטן שפּיץ, און איבערלאָזן דעם סוף אַף אַן אַנדערש מאָל... און מחמת מיר האַלטן שוין באַם געזעגענען זיך, וויל איך אײַך איבערגעבן אין קורצן,

אַז בועז לעבט נאָך. נאָר אַז אָך און אַז ווײ איז צו זײַן לעבן! ער איז שוין לאַנג אויס מלמד... וואָס טוט ער? פֿון וואָס לעבט ער? ער גײט איבער די הײַזער. אפשר וועט איר אים אַמאָל באַגעגענען (איך וועל אײַך זאָגן אַ סמן: עס שלעפּט זיך אים נאָך אַ פּוס), גיט אים אַ נדבה; נעבעך אַ רחמנות — אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא!...

געשריבן אין יאָר 1905.

# מען איז זיך מוחל

## טיפן וואָס שטאַרבן אָפּ

# אַ קורצע הקדמה

צווישן די פאַרשיידענע טיפּן, וואָס דאָס ייִדישע לעבן גיט־אַרויס, געפינען זיך אַזעלכע, וואָס האַלטן באַם אוועקגיין, וואָס שטאַרבן־אָפּ. מאָלן לעבעדיקע מענטשן איז אַ תענוג; באַשרײַבן די טיפּן, וואָס שטאַרבן־אָפּ, איז אַ מצווה. זיי בעטן זיך: „מאָלט אונדז, באַשרײַבט אונדז; לאָמיר נישט פאַרגעסן ווערן פונעם קומענדיקן דור"... אַזעלכע טיפּן גיב איך אַ גאַנץ בינטל, אַ סעריע. אייניקע פון זיי — אָט דאָ, צוליב עשרת־ימי־תשובה; די איבעריקע — באַ אַנדערע געלעגנהייטן.

## א.

# נח־וואָלף דער קצב

דער טאָג פון ערב יום־כפּור זאָל זײַן דרײַ מאָל אַזוי גרויס ווי ער איז, וואָלט ער אויך געווען קאַרג פאַר נח־וואָלף דעם קצב, ער זאָל פאַרטיק ווערן מיט זײַן אַרבעט ביז דער גרויסער ערב־יום־כּפּורדיקער מנחה.

און אַרבעט האָט נח־וואָלף גענוג — ער דאַרף זיך איבערבעטן מיט אַ שטאָט ייִדן, בעטן מחילה באַ אַלע זײַנע קונים, וואָס קויפן באַ אים פלייש, און באַ אַלע זײַנע שכנים, וואָס וווינען מיט אים אויף איין גאַס, וואָס שטייען מיט אים אַ קלייט נעבן אַ קלייט, און וואָס זיצן מיט אים אַ שטאָט נעבן אַ שטאָט אין דער קצבישער קלויז.

ס'איז נישטאָ אין שטאָט אַ מענטש, וואָס נח־וואָלף דער קצב זאָל מיט אים נישט האָבן געהאַט עפּעס אַ סטיטשקע. נישט מחמת נח־וואָלף דער קצב איז, חלילה, אַזאַ שלעכטער מענטש, נאָר ס'איז באַ אים, ווי

ער אַליין זאָגט אױף זיך, אַ פֿאַדלער כאַראַקטער — זיך קריגן מיט דער וועלט.

קומט איר צו אים אין יאַטקע נאָך פֿלייש, זאָל ער אײַך אָפּבאָדן מיט אַ שעפּל קאַלט וואַסער, ער ווייס אַליין נישט, פֿאַר וואָס.

עס קומט אַרײַן אַ בעל־הביתטע.

— רב נח־וואָלף, האָט איר פֿריש פֿלייש?

ענטפֿערט איר נח־וואָלף:

— ווי קומט צו מיר פֿריש? פֿאַרשטונקען פֿלייש, אויב איר דאַרפֿט, קאָנט איר בא מיר קריגן...

אָדער:

— רב נח־וואָלף, גיט מיר עפּעס אַ גוטן חלק.

— איך וועל אײַך געבן סאַמע דעם חלק, וועלכן איר פֿאַרדינט...

אָדער:

— וואָס גיט איר עס מיר פֿאַר אַ נבלה, וואָלט איך וועלן וויסן?

— ווי קומט אַ נבלה זײַן אַ מבין אױף אַ נבלה?...

אָט אַזוי גראָב באַגייט זיך נח־וואָלף מיט זײַנע קונהטעס די בעל־הביתטעס. פֿון דינסטן שמועסט מען נישט. אַ דינסט, אַז זי דאַרף גיין אין יאַטקע אַרײַן, פֿאַרשעלט זי זיך איר געביין. זי ווייס פֿריִער, אַז פֿון נח־וואָלף דעם קצב וועט זי נישט גוט אָפּשנײַדן: אָדער ער וועט איר דערלאַנגען מיט אַ לעקער איבערן פּנים פֿון אויבן אַראָפּ, אָדער ער וועט איר אָנטאָן דעם קויש אױפֿן קאָפּ, אָדער ער וועט זי גאָר דורכטרײַבן:

— גיי דיר, גיי געזונטערהייט צו אַן אַנדערן, פֿאַראַן גענוג קצבים אָן מיר.

פֿונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך נישט אָן. נח־וואָלף דער קצב איז טאַקע אַ כעסן, אַ משוגענער, און דאָך וועט מען צו קיין אַנדערן נישט גיין, וואָרעם נח־וואָלף דער קצב איז דער ערלעכסטער פֿון אַלע קצבים. אַלע ווייסן, אַז זײַן וואָג איז אַ וואָג און זײַן וואָרט איז אַ וואָרט. זאָגט ער אײַך, אַז דאָס פֿלייש איז נעכטן געקוילעט, דאַרפֿט איר אים דאָס אַנדערע מאָל נישט איבערפֿרעגן. זאָגט ער אײַך צו אַ מיליץ, אַ לונג־און־לעבער אָדער אַ פֿוס אױף שבת — קאָנט איר שלאָפֿן רויִק. הײַנט וועט ער אײַך נישט אַרײַנגיין אין קיין גנבהשע שטיק מיט דער דינסט און נישט מאַכן יד־אחת מיט די קצבים, און דעריבער גראָבן אױף אים די דינסטן, ווי ווײַט זיי קאָנען, און די קצבים וואָלטן אים

דערטרונקען אין א לעפל וואסער. ווי א ביין אין האלדז שטייט זיי נח־וואלף. א ייִד אן עקשן, שפארט ער זיך איַין — איז ווי אן אקס פאר דער שחיטה, פונעם ארט נישט צו רירן.

און אליין זעט ער אוים אויך ווי אן אקס, ווי א ווייזלטיר. א הויכער, א ברייטער, מיט א רויט פנים און א פאר ידים. אז ער נעמט האקן פלייש, איז מיט אזא רציחה, גלייך ווי דער אקס אדער די בהמה האט עפעס חוטא געווען און איז פארמשפט געווארן צעהאקט און צעשניטן צו ווערן פון זיַינע הענט.

— א ייִד א רוצח! — זאגט מען אף אים אין שטאט און מע האט פאר אים מורא.

נאר אויב א גאנץ יאר עסט זיך נח־וואלף דער קצב איַין איטלעכן אין די ביינער אריַין, איז דאס נאר ביז תשובה־טעג; און קומען די תשובה־טעג, איז אים נישט צו דערקענען. פונעם ערשטן טאג ראש־חודש אלול ווערט ער שוין אן אנדער מענטש. ער ווערט פרום, האט מורא פאר גאט און פאר אן עבירה און פאר א בייזן חלום; הערט אויף צו קריגן זיך מיט די קצבים; צו די בעל־הביתטעס ווערט ער ווייך ווי פוטער, צו די דינסטן — גוט, כאטש לייג אים צו צו א מכה — גארנישט דער נח־וואלף. אפילו דאס פלייש האקן האקט ער אן רציחה, ווי אלע מאל, נאר פאוואלינקע, מיט רחמים, גארנישט דער נח־וואלף.

ערב יום־כפור ווערט ער פארטיק פאר פרי; פארשלאסן די יאטקע, דאווענען האט ער געדאווענט מיטן ערשטן מנין, טוט ער אן די יום־טובדיקע קאפאטע און גייט פון שטוב צו שטוב צו אלע זיַינע קונים און שכנים, פריַינט און באקאנטע, זיי איבערבעטן, זיך מוחל זיַין:

— א גוט יום־טוב! טאמער האב איך איַיך אנגערירט מיט א קרום ווארט, בעט איך איַיך איבער און ווינטש איַיך א חתימה טובה.

דערויף ענטפערט מען אים: „גם אתם, לאז גאט מוחל זיַין. — און מע בעט אים זיצן און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

## ב.

## עזריאל דער פיליער

1

זינט די וועלט שטייט, האט זי נאך נישט געזען אזא ביין נפש, ווי עזריאל דער פיליער.

א בייזער ייִד מיט בייזע אויגן, מיט גרויסע ברעמען, און מיט וואָנ־צעס אַזעלכע, וואָס שטעכן זיך, און מיט אַ באָרד, ווי אַן אָנגעקלעפּטע, און אַ וואַטענע לײַבל טראָגט ער זומער און ווינטער, וואָס סע זעען זיך אַרויס פון דעם די ציצית פון טלית־קטן און סע שמעקט מיט רויע פיש פאַר אַ מײַל.

אַ גאַנצע וואָך זעט מען אים נישט. נאָר אַלע ערב־שבת און אַלע ערב־יום־טוב קומט ער אַרויס אין מאַרק אַרײַן מיט אַ הויכן וואָגן פיש. אויפן וואָגן זיצט בײַ אים אַ מיידל מיט אַ שוואַרץ געשטופּלט פּנים און גיט אַכטונג אויף די פיש. און זײַן ווײַב, מייטע די פּיליערן, אַ ייִדענע אַ גע־שוואָלענע, שטייט בײַם וואָגן מיט אַ בעזמען אין האַנט און גיט אַכטונג אויף די פיש.

— פיש — פיש — פרישע — צאַפּלדיקע — ווײַבעלעך — אויף שבת!

אַזוי קלינגט אויס עזריאל דער פּיליער אויף אַ קול מיט אַ שיינעם ניגון איבערן גאַנצן מאַרק און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון די ווײַבער, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם וואָגן פון אַלע זײַטן און כאַפּן די פיש בײַ די קעפּלעך, פּאַרקוקן אין די זשאַברעס, טיטשען מיטן פינגער אין די אויגן אָדער אין די בײַכלעך אַרײַן — און דאָס האָט עזריאל דער פּיליער פײַנט, ווי חזיר, טרײַבט ער אָפּ די ווײַבער פונעם וואָגן:

— אין דער ערד אַרײַן! געגנוג טאַפּן!

אָפּגעזאָגט דאָס דאָזיקע שטיל און גיך, רופט עזריאל דער פּיליער ווידער אויס אויף אַ ניגון מיט זײַן קלינגענדיקן קול:

— פיש — פיש — פרישע — צאַפּלדיקע — ווײַבעלעך — אויף שבת!

איטלעכע ייִדענע, זי מעג זײַן אַ בעל־הביתטע אָדער אַ דינסט, איז בײַ עזריאל דעם פּיליער פאַררעכנט, אַז מע באַדאַרף אויף איר האָבן אַן אויג. דאָס הייסט, ער איז זי נישט חושד, חלילה, אַז זי איז אַ גנבטע, נאָר בײַ פיש איז נישט שײַך. עזריאל דער פּיליער האַלט, אַז די שענסטע נגידית און די ערלעכסטע צדקנית וועט זיך קוואַפּען אַמאָל, צווישן יאָ און ניין, בשעת בהלה, אַוועקצולקחענען אַ פישל, אַז קיינער וועט נישט זען: „פיש, זאָגט ער, איז אַ נסיון, וואָס פאַר אַ בעל־הביתטע איז שווער אויסצוּשטיין"... עס טרעפט אַלע יאָר אַ סקאַנדאַל: אַ ווייבל קריגט פון אים געפּאַטשט מיט אַ העכטל איבער די פּיסקעס. לויפט מען זיך צונויף,

און עס ווערט אַ געטומל. מענטשן שטעלן זיך איין פֿאַרן ווײַבל, גיבן איר אַן עצה, זי זאָל אײַנגעבן צום מיראָוואָי אָדער שלעפּן צום רב, נאָר ווײַל דער בזיון איז גרויס, גרעסער פֿונעם ווייטיק, צעגייט זיך עס מיט גאָרנישט.

אַ סך ווײַבער קענען שוין עזריאלן. זיי ווייסן, אַז אַליין טאָר מען זיך צו זײַנע פֿיש נישט צורירן, אַזוי ווי, להבדיל, צו גאָלד אָדער צו טײַערע שטיינער.

— ווי טײַער איז בײַ אײַך הײַנט אַ פֿונט ברילִיאַנטן? — פֿרעגט אים אַ ווײַבל, שטייענדיק מיטן קויש דערווײַטן און ווײַזנדיק מיטן מינדסטן פֿינגערל אַפֿן וואָגן.

— איך האַנדל מיט פֿיש, נישט מיט ברילִיאַנטן, — ענטפֿערט איר עזריאל און איז זי נישט מזכה אַפֿילו מיט אַ קוק פֿון זײַנע בייזע אויגן, און לאָזט אויס מיט אַ ניגון: „פֿיש — פֿיש — פֿרישע — צאַפּלדיקע — ווײַבעלעך!"

— אַ ייִד אַ נכפּהניק! — זאָגן אָפּ אים די ווײַבער. זיי וואָלטן וועלן אים אויסמײַדן, איז אוממעגלעך: נישטאָ מער קיין פֿיליערס אין שטאָט, אויסער עזריאל דעם פֿיליער, כאָטש ציט זיך אויס און שטאַרבט, אָדער בלײַבט, חלילה, אָן פֿיש אויף שבת, וואָס איז נאָך ערגער ווי געשטאָרבן, וואָרעם אַ מענטש, אַז ער שטאַרבט, ווייס ער, אַז ער איז געשטאָרבן — און אַן עק; און אַ ווײַב, אַז זי קומט אַהיים אָן פֿיש אויף שבת, וועט זי שוין האָבן אַ וואָך פֿון איר מאַן — אויף אַלע שונאים געזאָגט געוואָרן!

— ער זאָל וועלן אָנלייגן מיטן קאָפּ, נישט אום ערב־יום־טוב דער־מאָנענדיק!

אַזוי זאָגן אויף אים די ווײַבער דעם טאָג, וואָס ערב־יום־כּפּור, און לויפֿן מיט די קאָשעקלעך אין מאַרק אַרײַן, האָבן מורא, חלילה, נישט פֿאַרשפּעטיקן, וואָרעם ערב־יום־כּפּור איז עזריאל זיך נוהג אויפֿשטיין כאור, אַז גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך, און אַז ייִדן קלײַבן זיך נאָך אין שול אַרײַן און קוקן־אַרויס אויף לעקעך פֿונעם גבאי, איז שוין עזריאל אַ יום־טובדיקער. דאָס וואָטאָוועס לײַבל האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן און אָנגעטאָן אַ גראָבע לאַסטיקענע קאַפּאָטע, וואָס ער טראָגט נאָר שבת און יום־טוב און וואָס סע שמעקט פֿונדעסטוועגן דורך און דורך מיט רויע פֿיש.

פֿריִער פֿון אַלע וועט זיך עזריאל דער פֿיליער פֿאַרפֿאַסטן. פֿריִער פֿון אַלע וועט ער קומען אין שול אַרײַן, וועט זיך אָוועקשטעלן מיטן

פּנים צו דער וואַנט אויף איינעם פון די לעצטע ערטער אין דרום־זייט, און איבערגעדעקט מיטן טלית איבערן קאָפּ, וועט ער אויסשטיין אַ מעת־לעת אויף די פיס, נישט צוגעזעצט זיך אַפילו אויף אַ ווײַלע. און דאַוונען וועט ער אין דער שטיל, קיינער וועט פון אים אַ וואָרט נישט הערן. און וויינען וועט ער אַ סך, קיינער וועט בײַ אים קיין טרער נישט זען.

נאָר דאָס וועט זײַן ערשט אויף דער נאַכט. דעם גאַנצן טאָג דאַרף ער אַרומגיין צו זײַנע קונים און קונהטעס, זיי איבערבעטן, זיך מוחל זיין:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אײַך אָנגערירט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער און ווינטש אײַך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען אים: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן", — און מע בעט אים זיצן און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

ג.

# גאַנטע דער מלמד

הייסן הייסט ער זימל, נאָר רופן רופט מען אים „גאַנטע". און גאַנטע רופט מען אים איבער דעם, וואָס ער איז אַ גאַנטע, אַ גזלן.

זימל איז טאַקע אַ באַרימטער מלמד, אַ גוטער בעל־תנ"ך און אַ שיינער בעל־לשון־קודש; קיינער שלאָגט אָבער נישט אַזוי זײַנע תלמידים, ווי זימל־גאַנטע. אַלץ הייסט געשלאָגן! זימל הרגעט, ממיתט, מאַכט ברוין און בלוי. און שמײַסן שמײַסט ער — זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען! און מחמת זימל איז שוין אַ זקן, אַריבער שמונים, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אויף זײַן שוים עטלעכע דורות, איז נישטאָ אין שטעטל כמעט איינער, וואָס זאָל זיך קאָנען באַרימען, אַז ער איז נישט געווען אַ געשמיסענער פון זימל־גאַנטע... זימל־גאַנטע — דעם שבח מוז מען אים נאָכזאָגן — לייגט נישט קיין כבוד אויף קיינעם נישט: „יאָ שולדיק, נישט שולדיק, אַ נגידס אַ יינגל, אַ קבצנס אַ יינגל — לייג זיך, וועל איך דיר אַרײַנצימבלען".

אַרײַנצימבלען איז בײַ אים אַ שמעק טאַבעקע. ס'איז געווען צײַטן, אַז גאַנטע איז נאָך געווען יינגער, פלעגט ער ברעכן ביינער, מאַכן יידישע קינדער פאַר קאַליקעס. אַ ווערטעלע — גאַנטע? אַ ייד אַ גבר, אַ הויכער און אַ ביינערדיקער. רייכערט נישט, שמעקט נישט קיין טאַ־בעקע, טרינקט נישט קיין בראָנפן, קוקט אָן אַ בריל, האָט נאָך כמעט

אַלע ציין אין מויל. אַ בערדל איז בײַ אים אַ שיטערס, געציילטע האָר, ווײַס ווי זילבער. די הויט טרוקן און גלאַנציק, געל ווי פּאַרמעט. פון די באַקן שטעקן אַרויס צוויי ביינער. אַפן שטערן מוראַדיקע קנייטשן, אַף די הענט אָדערן, און אַ קול איז בײַ אים פון אַ לעמפּערט. קיין לעבעדי־קער מענטש האָט נאָך נישט זוכה געווען אַף דעם דאָזיקן מוראַדיקן פּנים צו זען אַ שמייכל. זײַן אייגן ווײַב מיט זײַנע אייגענע קינדער האָבן פון אים קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געהערט. נישט קיין מער מוראַ־דיקע זאַך פאַר אָפּצושרעקן קליינע קינדער, ווי: „אָט גיב איך דיך אָפּ צו זימל־גאַנטע אין חדר אַרײַן!" „גאַנטע־גזלן" — אַזוי רופט מען אים אין שטאָט.

נאָר איין טאָג אין יאָר איז פאַראַן, וואָס גאַנטע ווערט ווייך ווי וואַקס. די מוראַדיקע קנייטשן פונעם שטערן ווערן עטוואָס אויסגעגלעט, דאָס טרויעריקע גלאַנצנדיק־געל־פּאַרמעטענע פּנים ווערט עטוואָס פאַר־רויטלט און אַף די אייביק שטרענגע ליפּן באַווײַזט זיך ווי אַ מין טרויע־ריק שמייכעלע, ווי בײַ אַ קליין קינד, בעת עס קלײַבט זיך אָנהייבן צו וויינען. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום־כּפּור.

געקומען פון מרחץ אַן אויסגעצוואָגענער און אַן אָפּגעוואַשענער, צעקעמט די געציילטע זילבערנע האָר אַף אַלע זײַטן און אָנגעטאָן די יום־טובדיקע צעהאַקטע נאָר אַטלאַסענע קאַפּאָטע און דאָס פּליושענע היטל מיטן מוראַדיק ברייטן דעניק, גייט ער אום, שאַרנדיק מיט די פּאַנטאָפל, פון שטוב צו שטוב, צו אַלע זײַנע בעלי־בתים, וואָס זײַנען אַלע אַמאָל געווען זײַנע תּלמידים, זיי איבערבעטן, זיך מוחל זײַן:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אײַך אָנגערירט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער און ווינטש אײַך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען אים: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן", — און מע בעט אים זיצן און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

ד.

## רב משה־וועלוול בעל־עגלה

דער וואָס מיינט, אַז אַ בעל־עגלה איז אַ מענטש, וואָס קיינער איז נישט מחויב צו לײַדן פון אים גלות, האָט אַ טעות,

רב משה־וועלוול בעל־עגלה איז נישט גלײַך צו אַלע אַנדערע בעלי־עגלות. דער נאָמען אַליין: „רב משה־וועלוול״ — זאָגט שוין גענוג. און בסך הכּל איז ער גאָר אַ ייִד אַ בעל־הבית, און אַ ייִד וואָס דאַוונט, און אַ ייִד וואָס קוקט אַרײַן אין די קלײנע אותיות, און אַ ייִד וואָס פֿאַרשטייט אַ פּסוק חומש מיט רש״י און קאָן טרעפֿן אַ שטיקל „באר מים חיים״.

קומט ער אָף אַן אכסניה, אָדער אין אַ קרעטשמע, און ס׳איז דאָ אַ מנין, בינדט ער אָרום די פֿאַרסמאָלעוועטע כּלאָמידע מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע, שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צו דער וואַנט, דאַוונט אָף אַ מנחהלע, אַפֿילו אָף אַ הייזעריק פֿאַרדומפּן קול און אַביסל אונטער דער נאָז, נאָר מיט אַלע דריידלעך, מעשה חזן.

בטבע איז רב משה־וועלוול אַ ייִד דווקא אַ פֿריילעכער און אַ שטיק ווערטלזאָגער, און אָף אַ שמחה — אַ הוליאַק, אַ גאַנצער לץ, אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק. אַ פּנים איז בײַ אים ווי פֿון מעטאַל — נישט מעש, נישט בלעך, נאָר גלאַנצנדיק־רויטלעך, און אַ נאָז כּמו ווי אַ צעפּלעצטע אָדער אַ צעשלאָגענע, וואָס דערפֿאַר קומט־אויס בײַ אים דאָס לשון אַבּיסעלע דאָסיק, פֿאָנפֿעוואַטע. באָרד און פּאות טראָגט ער, ווי אַ גוטער ייִד, אַ כּלאָמידע אַ לײַוונטענע, נאָר אַ לאַנגע ביז דער ערד, מיט אַ בײַטש פֿונדעסטוועגן אין די הענט אַ לאַנגע, שטיוול — גוט אָנגעשמירטע מיט סמאָלע, ווי אַ בעל־עגלה שטייט אָן, און אַן עזות־פּנים איז ער, ווי דרײַסיק בעלי־עגלות אינאיינעם.

לאָז עמעצער זיך אײַנשטעלן אים זאָגן גלאַט „משה־וועלוול״, נישט „רב משה־וועלוול״, איז חיות נישט זיכער!

אָדער, אשטייגער, זײַט אַ בריה, אויב איר זײַט אַ דאָרטיקער בעל־הבית, און פּרוּווט אַוועקזעצן זיך בײַ דער באַן, למשל, אָף אַן אַנדער בעל־עגלה, בעת ער, רב משה־וועלוול, איז דאָ און קוקט־אַרויס אָף פּאַרשוינען, איז דעמאָלט אַז אָך און וויי צו אײַך און צו יענעם בעל־עגלה און צו זײַנע סוסים. ער וועט אײַך מאַכן מיט דער בלאָטע גלײַך. און איר וועט שוין פֿאַרזאָגן אַ צענטן, אַז איר קומט מיט דעם באַן, זאָלט איר אײַך קודם גוט אַרומזען, צי איז נישטאָ ערגעץ רב משה־וועלוול מיט זײַנע סוסים.

אָדער פּרוּווט זיך שאַפֿן מיט אים, ווי מע שאַפֿט זיך מיט אַ בעל־עגלה, און זאָגט אים נישט: „זײַט־זשע מוחל, רב משה־וועלוול!״ אָדער: „איר וועט אײַך מטריח זײַן, רב משה־וועלוול״... און האָט איר זיך

אַרויפֿגעזעצט באַ אים אין וואָגן, באַדאַרפֿט איר געדענקען, אַז איר זיצט נישט באַ אַבי וועמען, נאָר באַ רב משה־וועלוולען, און אַז רב משה־וועלוול וועט אײַך הייסן קריכן אין בויד, וועט איר קריכן, און אַז ער וועט אײַך הייסן אַוועקזעצן זיך פּאָריטש, אַקעגן, וועט איר זיצן, און אַז ער וועט אײַך הייסן גיין אַרויף־אַ־באַרג מחילה צופֿוס, וועט איר גיין. קיין דעות, וועמען ער זאָל נעמען אין וואָגן אַרײַן, וועט איר אים נישט זאָגן. און אַז איר וועט אים זאָגן, וועט זיך אײַך נישט העלפֿן. איר וועט נאָך ווערן אָפּגעזידלט פֿון קאָפּ ביז פֿיס און וועט זײַן גערן, אַז ער וועט אײַך נישט אַרויסזעצן פֿון וואָגן אין מיטן וועג.

שולדיק אין דעם איז נישט רב משה־וועלוול, נאָר טאַקע די שטאָט גופֿא. ווי אַזוי מע פֿאַרוויגט אַ מענטשן, אַזוי פֿירט ער זיך אויף. די שטאָט האָט געמאַכט פֿון אים אַ גאַנצן יש, טראָגט זיך אַרום מיט זײַן תורה, באַרימט זיך מיט זײַן פֿרומקייט און ייִדישקייט, מיינט ער, אַז לעקיש איז זײַן פֿעטער, און קריכט אַלעמען אַפֿן קאָפּ און זידלט איטלעכן באַזונדער, מאַכט אים מיט דער בלאָטע גלײַך.

— אַ מכה אשר לא כתובה בתורה! — רופֿט מען אים אין שטאָט און מע היט זיך פֿאַר אים, ווי פֿאַר פֿײַער. מיט אַן איבעריק וואָרט איז מען מיט אים נישט זיכער. סכנת־נפֿשות!

נאָר איין טאָג אין יאָר איז פֿאַראַן אַזעלכער, — דאָס איז דער טאָג פֿון ערב יום־כּפּור — וואָס דעמאָלט קאָנט איר זײַן זיכער, אַז ער וועט אײַך נישט זאַטשעפּען. אדרבה, ער קומט צו אײַך אַ יום־טובדיקער מיט אַ קנאַקנדיקער ליוסטרינענער קאַפּאָטע און מיט אַ נײַעם קאַשקעט אַפֿן קאָפּ. פֿונעם ווײַסן העמד קוקט־אַרויס אַ מאָדנער ברייטער קאָלנער, אָפּגעלייגט מיט צוויי שפּיצעכיקע עקן אַפֿן האַלדז. אַף זײַן בלעכן־מעשן פּנים איז אויסגעגאָסן דאָס וואָרט „יום־טוב“, און אַליין קומט ער אַרײַן צו איטלעכן מיט אַ ברייטן „גוט יום־טוב“, איבערבעטן, זיך מוחל זײַן:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אײַך אָנגערירט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער און ווינטש אײַך אַ חתימה טובה.

ענטפֿערט מען אים: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן“, — און מע בעט אים זיצן און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

## ה.

# סאַנע דער וואַסערפירער

— די גאַנצע שטאָט איז באַ מיר אין די הענט, כחומר ביד היוצר — ווי אַ פערדל אין אַ וואָגן. ברצותו מקצר וברצותו מפצר — וויל ער — גייט, וויל ער — שטייט ער. אַ רוח זיי אין טאַטן אַריַין, די בעלי־בתים. ווילן זיי וואַסער, זאָלן זיי צו־רעכט מאַכן די גרעבליע. אַנישט — זאָלן זיי טרינקען קדחת מיט רביעית און נישט האָבן קיין טענות צו סאַנע דעם וואַסער־פירער: „רב סאַנע, וואַסער! רב סאַנע, וואַסער!"

אַזוי טענהט זיך אוים סאַנע דער וואַסערפירער מיט זיך אַליין, זיצנדיק אַפן ליידיקן פעסל, און אונטערשמיַיסנדיק דאָס פערדל, קרימט ער איבער די בעל־הביתטעס, ווי זיי שטייען באַ דער שוועל פון זייערע היַיזער און שלעפּן אים יעדע צו זיך: „רב סאַנע, וואַסער! רב סאַנע, וואַסער!"

סאַנע ענטפערט זיי ניט דאָס אַנדערע וואָרט. סאַנע איז בכלל אַ ייִד אַ שוויַיגער. ריידן רעדט ער נאָר אָדער מיטן פערדל, אָדער מיט זיך אַליין. זיצנדיק אַפן פעסל, זאָגט ער תהלים אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל, און אַז ער קומט צווישן מענטשן, שוויַיגט ער. איר קענט אים זידלען, איר קענט אים חנפהנען — פאַר אים איז אַלץ איינס. האָט ער וואַסער אין פעסל — וועט ער איַיך אָנגיסן אַ פולע דייזשע. האָט ער ניט — מעגט איר ריידן פון היַינט ביז מאָרגן. כאַפּן זיך, לויפן, מקריב זיַין צוליב איַיך זיך און דאָס פערדל — דאָס איז ער ניט מחויב.

דערפאַר אָבער אַז עס קומט פריַיטיק, איז די צוויי גילדן מיטן קוילעטש — דאָס מוז זיַין. אַניט — וועט ער בליַיבן שטיין לעבן איַיער שטוב, ניט רירן זיך פונעם אָרט ביז מאָרגן, אַזוי אַז די גאַנצע גאַס וועט וויסן, אַז איר האָט ניט צו צאָלן דעם וואַסערפירער פאַר וואַסער...

אַ מאָדנער ייִד אָט דער סאַנע דער וואַסערפירער. אַליין איז ער אַ קורצינקער און אַ גראָבינקער, כאַפּט דעם אָפּבליק פון זיַין פעסל מיט וואַסער. טראָגן טראָגט ער אַ גוייִש פעלצל מיט אַ שמויסן היטל. די שטיוול זיַינען באַ אים שטענדיק חרוב, די כאָלעוועס — מיט אַ שטריקל אָרומגעבונדן. ווינטער טראָגט ער געפלאָכטענע הענטשקעס אַף די הענט

מיט גרויסע לעכער. וואָנצעס האָט ער האַלבע, נאָר סימנים פון וואָנצעס, און אויגן האָט ער קליינע, קוקט בלינדלעך און זעט ניט, ווי העכער האַלב וואַסער ווערט באַ אים אויסגעפּלעסקעט פונעם שפּונט.

דאָס איז דערפאַר, וואָס די גאַסן זײַנען ניט געפּלאַסטערט, טאַנצט דאָס וועגעלע אַהין און אַהער; און מחמת די רעדער זײַנען באַ אים קיינמאָל ניט געשמירט, קען מען הערן פאַר אַ מײַל, אַז סאַנע דער וואַ־סערפירער פאָרט מיטן פעסל. קומען אַרויס צו אים די בעל־הביתטעס אַקעגן, איטלעכע מיט אַן אַנדער טענה:

— איר האָט מיר אָנגעגאָסן אַ האַלבע דייזשע מיט וואַסער!

— ווען וועט איר שוין ברענגען מיר אויך אַמאָל וואַסער?

סאַנע קוקט אויף זיי מיט די קליינע בלינדלעכע אויגן, ענטפערט ניט דאָס צווייטע וואָרט, גלײַך ווי ניט אים מיינט מען.

— שלים־מזל! — רופט מען אים אין שטאָט און מע לײַדט פון אים דעם גיהנום.

נאָר איין טאָג אין יאָר דאַרף מען סאַנע דעם וואַסערפירער ניט דערמאָנען וועגן וואַסער. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום־כּיפּור.

פון כאור הבוקר ביז האַלבן טאָג ווערן באַ אים אַלע דייזשעס אָנ־געפילט מיט וואַסער, און סאַנע וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס גויִישע פעלצל מיטן שמויסן היטל, טוט אָן די שבתדיקע קאַנגאַרענע קאַפּאָטע מיטן קאַלינקאָרענעם קאַשקעט. אָן אויסגעצוואָגענער און אַ צוגעקעמטער, זעט ער אויס ווי אַ באַיאָרטער אַלמן צו דער צווייטער חופּה. פון שטוב צו שטוב גייט ער צו זײַנע בעלי־הביתטעס איבערבעטן, זיך מוחל זײַן:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אײַך אָנגערירט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער און ווינטש אײַך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען אים: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן". — מע בעט אים זיצן און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

ז.

## רפאל בעל־משגיח

רפאל איז אַ משגיח. ער גיט אַכטונג.

אויף וואָס גיט ער אַכטונג? אויף אַלצדינג. ער גיט אַכטונג אויף דער תלמוד־תורה, די קינדער זאָלן ניט גיין נאַקעט און באָרוועס; אויפן ביקור־

חולים, אָרעמע לײַט זאָלן דאַרט ניט אויסגײן פון הונגער; הײַנט גיט ער אַכטונג אַף די בחורים, וואָס זיצן אין בית־המדרש און לערנען, זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן און ניט גײן אין צעריסענע שטיװל. און גלאַט אַף אָרעמע לײַט אין שטאָט גיט ער אַכטונג, זיי זאָלן האָבן אַף שבת און אַף יום־טוב.

ער אַליין טאַקע גייט דאָס פון זייערטווועגן איבער די הײַזער, קלײַבט קאָפּיקעס, נעמט צונויף פון זייערטוועגן אַף חתונות, אַף בריתן, אַף פּדיון־הבנס און אַף אַנדערע שמחות, לאָזט ניט דורך קיינעם, רײַסט פון טויט און פון לעבעדיק און קריגט זיך, זידלט זיך און שלאָגט זיך פאַר „זײַנע" אָרעמע לײַט.

אַ גאַנצע וואָך גייט ער אום מיט אַ שטעקן. און ערב שבת און ערב יום־טוב — מיט אַ זאַק אַף די פּלייצעס. אין דעם דאָזיקן זאַק וואַרפט איר אים אַרײַן וואָס איר האָט: אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָלקע פון אַן עוף, אַ געבאַקענעם קאַרטאָפל, אַן אוגערקע, אַ קנאָבל, אַ ציבעלקע, אַ ביינדל — אַלצדינג איז אַ סחורה. און פּרוּװט, אדרבה, וואַרפט ניט אַרײַן רב רפאלן אין זאַק אַרײַן גאַרנישט ניט, וועט איר קריגן געזידלט, און אַז איר וועט זיך שטעלן אויסטענהן, קענט איר אים נאָך אַרײַנברענגען אין כעס, און ער קען אײַך געבן מיטן שטעקן.

רפאל איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, אַ ניקאָלאַיעווסקער, און האַלט זיך גלײַך, ווי אַ סטרונע, און גייט, ווי אַ סאָלדאַט. אַז איר ווילט, קענט איר זען באַ אים אונטער דער קאַפּאָטע, אַפן לײַבל, אַ מעדאַל פון ני־קאָלאַיען. צוויי מעדאַלן: איינע אַ זילבערנע, די אַנדערע אַ בראָנדזענע. און ער האָט צו דערציילן פון ניקאָלײַ פּאַוולאָוויטשן מעשיות מיט מעשיות. נאָר ווו האָט ער צײַט צו דערציילן מעשיות, אַז ער האָט אַף זיך אַזויפיל אַרבעט? אַ קליינינקייט — אַ מענטש אַ משגיח!

ווער האָט אים געמאַכט פאַר אַ משגיח — ווייס קיינער ניט. ווער צאָלט אים און פיל באַקומט ער פאַר זײַן אַרבעט — ווייס קיינער ניט. קיינער ווייס ניט און קיינער נעמט ניט אָפּ באַ אים קיין דין וחשבון. מע גלייבט אים. מע ווייס, אַז וואָס רפאל פאַרדינט פאַר זײַן אַרבעט — מעגן דאָס די שונאים האָבן אַף זייער פאַרמעגן, וואָרעם ער אַף זיך אַליין באַדאַרף גאָרניט. און ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז איר באַדאַרפט אויך גאָרניט. ער קען זיך פאַרגינען אײַך זאָגן מוסר, לְמאַי איר גיט אוים געלט אַף דער רוח ווייס וואָס, בעת אין שטאָט זײַנען דאָ אַזויפיל

אָרעמעלײַט. די גאַנצע וועלט איז בײַ אים באַשאַפֿן געוואָרן נאָר פֿון די אָרעמעלײַטס וועגן. דערזעט ער אַף אײַך אַ נײַ מלבוש, וועט ער עס אַ טאַפּ טאָן און וועט אײַך אַ פֿרעג טאָן: „וואָס קאָסט?" און וועט נעמען אויסרעכענען אײַך, וויפֿל אָרעמעלײַט וואָלט מען געקענט דערמיט אויס־קליידן. קומט ער צוגיין אַף אַ חתונה, אַ ברית, אַ פּדיון־הבן אָדער אַזוי אַ שמחה, איז דאָס ערשטע, וואָס קומט אים אַפֿן זינען: „וויפֿל אָרעמע־לײַט וואָלט מען מיט אַזאַ סעודה געקענט אָנהאָדעווען?"... און ער וואַרט אַף, ווען וועט דער עולם אָפּבענטשן און צעגיין זיך, בכדי ער זאָל קענען צונויפֿנעמען די איבערגעבליבענע שטיקלעך פֿאַר זײַנע אָרעמעלײַט.

ווי אַלט איז ער? — דאָס ווייס קיינער ניט, און ער אַליין — אויך ניט. ער איז שוין אַ ביסל טויבלעך. אַז איר רעדט צו אים און ער דער־הערט ניט, צעשרײַט ער זיך אַף אײַך, אַז „איר שפּרעכט אים אָפּ אַ גוט אויג", און איר מוזט ריידן העכער. אויך די ראיה איז בײַ אים די לעצ־טע צײַט אַ ביסל געשלאָגן. אַז ער גייט, קוקט ער גלײַך און טאַפּט מיטן שטעקן. ער טרעפֿט אָבער אַהין, ווו מע דאַרף, און אַז מע גיט אים, דערזעט ער, און אַז מע גיט אים ניט, בייזערט ער זיך, קלאַפּט מיטן שטעקן:

— איר האָט שוין היינט זיך אָנגעפּרעסן, דאַנקען גאָט, און אָנגע־זשליאָקעט, און איצט רייכערט איר זיך אַ פּאַפּיראָסל. אײַך איז, קיין עין־הרע, גאַנץ גוט! און דאָס ווייסט איר, אַז מײַנע אָרעמעלײַט פֿאַסטן נאָך פֿון נעכטן אָן, יאַדראַ וואַשי קאַטשקי!...

דאָס איז זײַן יוונישע קללה, וואָס ער איז מכבד מיט איר קליין און גרויס. ענטפֿערן אים עפּעס דערויף איז אַרויסגעוואָרפֿן — מע קען נאָך הערן פֿון אים ערגערע ווערטער...

— נאַט אײַך אַזאַ אָנשיקעניש! — זאָגט מען אַף אים אין שטאָט, און מע באַהאַלט זיך אויס פֿון אים, טאָמער וועט ער ניט געפֿינען.

קיין קינדער האָט ער ניט. ער האָט זיי אַלעמען איבערגעלעבט. ער האָט נאָר אייניקלעך, וואָס האַלטן אים אויס מיט גרויס צרות — און דאָס גיט אים די מעגלעכקייט, ער זאָל זיך קענען אינגאַנצן אָפּגעבן צו זײַנע אָרעמעלײַט און טאָג ווי נאַכט אַרומגיין איבער דער שטאָט, זשעב־רעווען, שלעפּן, רײַסן, דערקוטשען, אײַנעסן זיך אין די ביינער אַרײַן, זידלען זיך און שילטן זיך אַף יווניש.

נאָר איין טאָג אין יאָר איז פֿאַראַן, וואָס אונדזער בעל־משגיח לאָזט

צורו דעם עולם. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום־כיפור.

ער האָט שוין באַזאָרגט זײַנע אָרעמעלײַט נאָך פון נעכטן, זיך איי־בערגעקריגט מיט דער גאַנצער שטאָט, אויסגעוויזן מיט ראיות, אַז אָרעמע־לײַט באַדאַרפן אויך שלאָגן כפּרות, אַז אָרעמעלײַט באַדאַרפן אויך האָבן מיט וואָס צו פאַרפאַסטן זיך — עס גייט אַזאַ הייליקער טאָג, יאַדראָ וואָשי קאַטשקי!... און איצט מאַרשירט ער מיט זײַנע אַלטע סאָלדאַטסקע פּיס איבער דער שטאָט, שוין אָן אַ זאַק און אָן אַ שטעקן, יום־טובדיק, מיט ביידע ניקאָלאַיעווסקי מעדאַלן אויף דער ברייטער ברוסט. און מחמת דעם שטעקן האָט ער געלאָזט אין דער היים, גייט ער האַרט בײַ די ווענט, פון שטוב צו שטוב, איבערבעטן דעם עולם, זיך מוחל זײַן:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אײַך אָנגערירט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער, און ווינטש אײַך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען אים: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן”. — מע בעט אים זיצן און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

ז.

## גענצע־גובערנאַטאָר

גענצע־גובערנאַטאָר — דאָס איז דער שמש פון אַלטן בית־המדרש. אומעטום, אין אַלע בתי־מדרשים פון דער גאַנצער וועלט, זײַנען אפשר די שמשים — שמשים. גענצע דער שמש פון אונדזער אַלטן בית־המדרש איז מער בעל־הבית, ווי שמש. וואָס זאָג איך? ער איז בעל־הבית איבער אַלע בעלי־בתים.

גענצע לאָזט ניט פירן קיין וועלטן אין בית־המדרש. ער זאָגט, אַז אַ שול איז אַ מקום־קדוש. ווילט איר ריידן געשעפטן — קענט איר גיין אין מאַרק. ווילט איר שמועסן פּאָליטיקע — איז דאָ, להבדיל, אַ מרחץ. בשום אופן וועט איר בײַ אים ניט פועלן, ער זאָל אײַך לאָזן ריידן אפילו שבת צו אויסנעמעניש. גענצע איז אַ ייִד, וואָס לייגט ניט קיין כבוד אויף קיינעם. איר קענט אײַך שטיין אויבנאָן אין מזרח־וואַנט און מעגט אײַך האָבן זיבעצן זילבערנע עטרות אויפן טלית, ווערט ער פאַר אײַך ניט בטל. איר קענט אײַך זײַן דער גרעסטער גביר פון שטאָט, רב יהושע־העשל אַליין, ווילט איר נאָר אויסריידן אַ וואָרט, אַזוי דערהערט איר

א זעץ איבערן שולחן און א געשריי „שששא!" — אז איר ווערט פאר־טויבט.

אָדער פּרוּווט נעמען אַ ספר פון דער בית־המדרש־שאפע און ניט צוריקברענגען צו דער צײַט, וועט איר האָבן פון געצען דעם גרעסטן בזיון.

אָדער זײַט מנדר שבת צו עלית־התורה אַ חצי פונט נרות על הבית־מדרש, אָדער ח"י פּרוטות אַף אָרעמעלײַט, און ווילט ניט אָפּגעבן — זײַט איר שוין אַן אָנזעצער. סײַדן איר האַלט בּאַ עוקר זײַן און אַוועק־לאָזן זיך קיין אַמעריקע.

אָדער לאָז עמעצער אײַנשטעלן זיך שיקן געצען מיט אַ שליחות, וואָס איז ניט שײַך מיט בית־המדרש, וועט ער אויסהערן און אַ זאָג טאָן:

— פיס האָט איר? זײַט זיך מטריח און גייט אַליין! — אָט אַזאַ מענטש איז געצע.

די איינציקע, וואָס דערוועגן זיך אַרויסטרעטן מיט עזות קעגן געצע דעם שמש, איז נאָר יונגוואַרג. ציקאַווע בחורימלעך, חדר־יינגלעך, קונ־דסים, שטאָט־שקצים — פון זיי האָט ער דעם טויט. זיי טוען אים, וואָס מע טוט קיין ייִדן ניט: זיי קערן אים איבער די סטענדערס, אַז קיינער זעט ניט. זיי לאָזן אים אַרויס דאָס וואַסער פונעם האַנטפאַס. פאַרקניפּן אים דעם האַנטוך. קאַפּען אים אָן חלב אַף די בית־המדרש־גמרות. רײַסן אַרויס דעם צווייטן „יקום פורקן" פון אַלע קהלשע סידורים, אַזוי אַז וואָס פאַר אַ סידור מע זאָל ניט עפענען, איז ער נאָר מיט איין „יקום־פורקן".

פון די דאָזיקע ווײַסע חברהניקעס האָט געצע אָפּגעשניטענע יאָר, דעם גיהנם! און ער קוקט זיי נאָך, טאָמער וועט ער עמעצן פּאַקן. און האָט ער געפּאַקט אַ חברה־מאַן, רעכנט ער זיך שוין אָפּ מיט אים פאַר אַלע. אַרויס פון געצעס הענט מיט אַ בײַל, מיט אַ בלוי אויג אָדער אָן אַן אויער — הייסט נאָך גוט אָפּגעשניטן. געצע האָט פײַנט לאַנגע מחזקות, גבית־עדות מיט פּוסטע ספּראָווקעס: אַ נגידס אַ ייִנגל, אַן אָרעמער יתום — אויסגעפּאַטשט, פאַרפאַלן!

געצע קען פּאַטשן. אַז ער לאָזט אַראָפּ אַ האַנט, קען מען דערזען דעם זיידן פון יענער וועלט. אַ ייִד אַ גבר (אַ משפּחה פון גיבורים), כאָטש אפילו אַזוי, אָפּן קוק, וועט איר פאַר אים ניט געבן קיין צוויי צעבראָכענע גראָשן. דאַר, אויסגעטריקנט, הויט און ביינער. נאָר פּאות צוויי גראָבע,

שוואַרצע, און אַליין איז ער אַ שוואַרצער, שוואַרץ ווי אַ טאַטער, מיט שוואַרצע אויגן, בייזע, וואָס קענען ניט קוקן גלײַך אין פּנים אַרײַן, נאָר אַראָפּ. באַקן אײַנגעפּאַלענע, אַ נאָז אַ פאַרלייגטע און וואָנצעס שוואַרצע, אַראָפּגעלאָזטע אַראָפּ. די אַלע זאַכן אינאיינעם מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז אָדער ער וויל געבן אַ נים און קען ניט, אָדער ער האָט אײַך עפּעס צו זאָגן און וויל ניט, אָדער ער איז גלאַט אַ רע, אַ רשע.

— אַ רשע מרושע! — זאָגט מען אויף אים אין שטאָט. — אַן אײַנגעגעסענע בריאה, אַ ייִד אַ צו־להכעיסניק, אַ מה־יעשׂהניק, האָט ניט אויף זיך קיין אויבערהאַר, טוט וואָס ער וויל. וויל ער עפענען די שול — עפנט ער. וויל ער פאַרמאַכן — פאַרמאַכט ער. קומט ווינטער, דאַרף מען זיך אויסצײַען פאַר אים, ער זאָל דורכהייצן דאָס בית־מדרש. און אַמאָל, אַז עס קומט אים אָן, זאָל ער אײַך אָנהייצן, ווי, להבדיל, אין באָד.

אַ שטייגער, לאָז אַן אָרעמאַן אויסגיין, געצע זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן אין בית־מדרש. „אַ שול איז ניט קיין הקדש!" — זאָגט ער און טרײַבט אַרויס אין דרויסן אָן אַ טראָפּן רחמנות.

אַז עס קומט די צײַט פון ימים־נוראים, פירט געצע די ממשלה אין בית־מדרש ביד רמה. האָט ער אויף אײַך געוואָרפן אַן אומחן, וועט איר ניט פועלן בײַ אים, אַז אײַער זון אָדער אײַער איידעם זאָלן זיצן דאָרטן, וווּ איר ווילט; זײַט זיכער, אַז זיי וועלן שוין זיצן דאָרט, וווּ ער וויל. און אַז איר וועט קומען צום גבאי מיט טענות, וועט מען אײַך ענטפערן:

— גייט צום גובערנאַטאָר.

דאַרפט איר שוין וויסן, אַז דאָס מיינט מען געצע דעם שמש. אין די אויגן זאָגט מען אים „דו", און הינטער די אויגן רופט מען אים „גובערנאַטאָר".

דאָס אייגענע איז סוכות מיטן אתרוג. איר ווילט, ער זאָל אײַך ברענגען דעם אתרוג אין סוכה אַרײַן וואָס פריִער — אָט דווקא ווײַל איר ווילט, וויל ער ניט; און אַז איר שרײַט אָן אויף אים, שרײַט ער נאָך העכער:

— איר קענט וואַרטן! איך האָב אויף אײַך מער געוואַרט!

קומט איר אין שול אַרײַן און שטעלט אים צו אַ בענקעלע פאַרן גבאי. זאָגט אײַך דער גבאי:

— וואָס קען מען טאָן מיט אַ גובערנאַטאָר?

און אזוי איז הושענא־רבה מיט די הושענות. און אזוי איז חנוכה מיט די חנוכה־ליכטלעך, פורים מיטן גראגער, פסח מיט מצה־שמורה, שבועות מיט גרינס. אומעטום איז געצע. אלצדינג איז בא געצען אין די הענט. געצע דער שמש פירט די גאנצע שטאט, געוועלטיקט איבער דער שטאט.

און די שטאט ליידט פון אים גלות. די שטאט ליידט, כאטש מע וויל ניט ליידן. א מענטש האט א גאל. קומט שבת אדער יום־טוב, בין מנחה למעריב, מע קלייבט זיך צונויף אין שול און מע שמועסט. כל־זמן מע דאווענט ניט, האט מען קיין מורא ניט פארן שמש און מע קען שמועסן פראנק און פריי. קומט מען ארויף אף גלות־געצע. פרעגט מען זיך איינס באם אנדערן: „עד מתי? ביז וואנען וועט מען טראגן אף זיך דעם דאזיקן גלות?"... און דערביי בלייבט מען. וואס קען מען טאן? עלעהיי א רשע א גובערנאטאר, כא־כא!

נאר איין טאג אין יאר איז פאראן, וואס געצע־גובערנאטאר ווערט אויס רשע. ניט קיין טאג, נאר א האלבן טאג. עטלעכע שעה. דאס איז דער טאג פון ערב יום־כיפור, באלד נאכן אינדערפרייקן דאווענען, איידער דער עולם וועט קומען אין שול צו דער גרויסער מנחה און זיך לאזן פון אים שלאגן מלקות. דעמאלט ווערט געצע אויס שמש, אויס גובערנאטאר. ער איז אנגעטאן יום־טובדיק און לויפט פון שטוב צו שטוב, צעלאזט די גראבע שווארצע פאות, איבערבעטן די בעלי־בתים, זיך מוחל זיין.

— א גוט יום־טוב! טאמער האב איך אייך אנגערירט מיט א קרום ווארט, בעט איך אייך איבער, און ווינטש אייך א חתימה טובה.

ענטפערט מען אים מיט א האלבן מויל: „גם אתם, לאז גאט מוחל זיין". — מע בעט אים זיצן און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

## ח.

# זיסל דער יורד

זיסל איז אן אלטער בחור, א בלאסער, שוין מיט א גרויליך בערדל. ער זיצט אין בית־מדרש מיט אלע בחורים, וואס לערנען. נאר ער אליין

לערנט ניט. ער זיצט גלאַט אַזוי. ער האַלט זיך אויף אין בית־המדרש. ער איז אַן עלנטער. ער איז אַ יורד.

ניט ער. זיין טאַטע איז געווען אַ יורד, אַ געפאַלענער נעבעך. קומט אַרויס פון דער שענסטער משפחה. סאַמע נגידים, גבירים, אדירים.

זיסל דער יורד האָט נאָך היינט אויך רייכע פריינט. כמעט אַלע פיינסטע בעלי־בתים פון שטאָט זיינען זיינע קרובים.

אַ סברה, אַז דער נגיד רב יהושע־העשל אַליין איז זיינער אַ שני־בשלישי, טאַקע אַן אייגענער גליד־־גליד־געשוויסטערקינד. לאָז ער נאָר ווילן, יהושע־העשל הייסט דאָס, אויסרעכענען זיך, וועט אים שוין זיסל באַווייזן, וואָס פאַרא נאָענטע קרובים זיי זיינען.

ערשטנס, פון טאַטנס צד. זיסלס זיידע, דאָס הייסט, זיין טאַטנס טאַטע, אברהם־מרדכי, און יהושע־העשלס באָבע, דאָס הייסט, זיין מאַמעס מאַמע, פייגע־עטל, האָבן זיך אָנגעקערט...

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז מע לאָזט אים ניט ריידן? מע גיט אים אַ נדבה און מע הייסט אים גיין, אַרויסגיין זאָל פון זיי די פּאַרע, טאַקע פון זיינע רייכע קרובים! אַף קיין גוט אָרט זאָלן זיי ניט שטיין! ס'זאָל זיי אָנהייבן גיין פון היינט אָן און ווייטער שלים־שלים־מזל און זיי זאָלן אַריבערקומען אַף זיין שטאַנד, רבונו של עולם!

אַזוי בענטשט זיסל דער יורד זיינע רייכע קרובים, וואָס העלפן העלפן זיי אים, נאָר זיי לאָזן אים ניט אַף די אויגן, זיי האָבן אים פיינט. און אָרעמאַן האָט מען פיינט — דאָס איז שוין אַן אַלטער כלל.

זיצט ער אין בית־מדרש און נעמט קצבה און שילט מיט טויטע קללות. ער שווערט, אַז ער וואָלט בעסער געגאַנגען אַרבעטן, האָלץ האַקן, וואַסער טראָגן, נאָר ווו?

ערשטנס, איז ער אַ יורד, אַ טאַטנס אַ קינד, קומט אַרויס פון סאַמע נגידים, גבירים, אדירים. רב יהושע־העשל אַליין געהער אים אָן אַ שני־בשלישי...

און צווייטנס, איז ער אַ קאַליקע. איין פוס איז בא אים, ניט פאַר אייך געדאַכט, מאָדנע אויסגעבויגן. אַז ער גייט, וואַרפט ער מיט אַ פוס. עס מאַלט זיך אויס, אַז ער איז אין כעס און שליידערט, וויל געבן מיטן פוס אין די ציין אַריין.

און אין כעס איז זיסל טאַקע שטענדיק. ער איז אַ כעסן בטבע. אַף דער גאַנצער וועלט איז ער אָנגעשטויסן. און איז אפשר גאָרניט אומ־

גערעכט אויך. קיין עין־הרע, אַזאַ משפּחה פון סאַמע נגידים, גבירים, אדי־רים, זײַנען זיי קראַנק אויסהאַלטן אַ געפּאַלענעם קרוב אַ קאַליקע, ניט לאָזן אים גיין איבער די הײַזער, ניט לאָזן אים וואַלגערן זיך אַף דער הוילער באַנק אין בית־מדרש, אַז פרעמדע בחורים זאָלן דאַרפן גיין פון זײַנעטוועגן צונויפנעמען אַמאָל אַף אַ מלבוש, אַמאָל אַף אַ פּאָר שיך, — ס׳זאָל אַרוח אין זייער פאָטער און מוטער אַרײַן, טאַקע די דאָזיקע בחורים! איידער מע בעט זיי אײַן, זיי זאָלן אים מאַכן אַ נײַע קאַפּאָטע, יענע איז שוין צעריסן־צעפּיצלט! אָדער אָננעמען זאָגע אַף אַ העמד, נייען וועט ער שוין אַליין אוועקגעבן, נייען זאָל מען זיי תכריכים אַלעמען, אַלע ייִדן פון שטאָט! אַ שטאָט פון סאַמע רשעים! סדום! סדום איז אַ הונט אַקעגן איר!

אַן אַנדער שטאָט וואָלט אין זינען געהאַט: עס זיצט אַן אַלטער בחור, אַ יורד — וואָס וועט ער אויסזיצן? זיי זאָלן זײַן לײַטישע מענטשן, מיט אַ ברעקל יושר אין האַרצן, וואָלטן זיי געזאָרגט פאַר זיסלען עפּעס אַ שידוך!!!

די משפּחה איז ניט קליין צו געבן נדן, געבן זאָל זיי גאָט קרענק מיט קדחת, און אַ כּלה וואָלט זיך שוין געפונען... ניטאָ דען קיין גרע־סערע קאַליקעס פון אים, קרומע, שטומע, בלינדע? פונדעסטוועגן, האָבן זיי דען ניט חתונה געהאַט?

אַף אים, אַף זיסלען, וואָלטן זיך געפונען צען בעלנים פאַר איינעם. ווען־זשע? אַז עמעצער זאָל אים טראָגן אַפן קאָפּ, זיך אָפּגעבן מיט אים.

אָט, למשל, דרייט זיך אַרום בײַ געצע דעם שמש אַ מויד, אַסנע רופט מען זי. זי קומט אַמאָל אויסקערן דאָס בית־המדרש, אַמאָל וואַשן די בענק. אַ געזונטע מויד, אַ שוואַרצע, דער רוח זאָל זי נעמען...

אָן זיסלען וואָלט זיך געצע אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט. ווער איז געצע דער שמש, און ווער איז זיסל דער יורד? ער וואָלט נאָך געמעגט אויסשלאָגן בײַ אים אַ קני ערד, אָט דער שמש, אַ רוח אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן!

בלאָטע! זיסל וועט אָבער ניט גיין צום שמש זיך אָנשלאָגן, ניט דערהאָרן וועט דאָס די שטאָט, קומען זאָל אַף איר אַ שׂרפה, אַ מגפה און אַ כאָליערע הײַנטיקן טאָג, רבונו של עולם, ס׳זאָל זי אויסקײַקלען פון איין עק ביזן אַנדערן!...

אַט אַזוי שילט זיסל דער יורד זײַן משפּחה און די גאַנצע שטאָט, וואָס האַלט אים אויס מיט קצבה.

— אַ רעשטל צו די צרות! — זאָגט מען אַף אים אין שטאָט און מע לאָזט אים ניט פאַלן. מע זעט אים נעמען אַף שבת און אַף יום־טוב, אַלעמאָל צו אַן אַנדער בעל־הבית. מע וויל יוצא זײַן פאַר אים — פאָרט אַ יורד, נעבעך אַ געפאַלענער...

און טאָמער פאַרגעסט מען זיך אָן זיסלען, איז דאָ אַ רפאל בעל־משגיח אין שטאָט, וואָס דערמאָנט, לאָזט ניט, מע זאָל פאַרגעסן אָן דעם יורד.

און דער יורד איז אין כעס. עס מאָלט זיך אים אויס, אַז ניט זײַן משפּחה, ניט די בחורים פון בית־מדרש, ניט רפאל דער בעל־משגיח — קיינער, קיינער איז ניט גענוג יוצא קעגן אים. און ער שילט, שילט זיי אַלעמען מיט דער תוכחה!

איין טאָג אין יאָר נאָר איז פאַראַן, ווען זיסל דער יורד שילט זיך ניט. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום־כּיפּור.

דעם טאָג פון ערב יום־כּפּור טוט זיסל אָן דאָס נײַע העמד, וואָס ער אַליין האָט זיך געגעבן נייען, און די נײַע קאַפּאָטע, וואָס די בחורים האָבן אים געמאַכט, מיט אַ פּאָר גאַנצע, כמעט נאָך גאָר נײַע שטיבלעטן, וואָס רפאל בעל־משגיח האָט ערגעץ אויסגעמאַנטאַטשעט פון זײַנעטוועגן, און ער לאָזט זיך גיין פון שטוב צו שטוב צו אייגענע און צו פרעמדע, שלײַ־דערנדיק מיטן קראַנקן פוס, צו איבערבעטן דעם עולם, זיך מוחל זײַן. אַלע ייִדן גייען זיך מוחל זײַן — מיט וואָס איז ער ערגער פון אַלע? דאָס פּנים איז בײַ אים בלאָס, ווי תּמיד. דער קוק איז בייז. און ער רעדט מיט כעס, ווי תּמיד, און גיט אָפּ דעם „גוט יום־טוב” מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט געשאָלטן אין טאַטן אַרײַן.

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אײַך אָנגערירט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער, און ווינטש אײַך אַ חתימה טובה.

זיסל הוסט און קוקט אין האַנט אַרײַן, טאָמער וועט מען אים עפּעס געבן.

ענטפערט מען אים מיט אַ שמייכל: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן”.

— מע גיט אים אַ נדבה און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

געשריבן לכבוד עשׂרת־ימי־תשובה (אין יאָר 1911).

# מען הוליעט

## טיפּן וואָס שטאַרבן אָפּ

### עטלעכע ווערטער וועגן די „הוליאַקעס"

„חברה הוליאַקעס" — אַזוי רופט מען זיי בא אונדז. דאָס זײַנען ייִדן דווקא שטילע מענטשלעך און דווקא נישקשה פון אָרעמעלײַט און געהערן זיך ניט אָן אַ גאַנץ יאָר איינס מיטן אַנדערן גאָרנישט ניט; נאָר אַז עס קומט שמחת־תורה, ווערט מען לעבעדיק־פריילעך, און גלײַך ווי מע וואָלט זיך אויפגעוועקט: מע נעמט זיך אָרום גאַנץ ברידערלעך און מע גייט איבער די גאַסן, טאַנצנדיק און זינגענדיק פריילעכע ניגונים און מע מאַכט פריילעך די גאַנצע שטאָט. מע קומט אַרײַן צו אַלע בעלי־בתים גוט יום־טוב בעטן, מע רײַסט זיך אַרײַן אויך צו די נגידים און מע מאַכט זיי דעם פריילעכן שמחת־תורהדיקן קידוש, און באַין ברירה מוז געשטעלט ווערן ווײַן אַפן טיש, אָדער ביר, אָדער פּשוטער בראָנפן מיט פאַרבײַסן, אַניט קענען די הוליאַקעס אַליין נעמען. זיי ווייסן, ווו וואָס עס שטייט. זיי קענען טרעפן צום אויוון און אַרויסנעמען וואָס ס'איז דאָ, אַרויסציִען פון די שאַפעס די אײַנגעמאַכטסן, אַראָפּלאָזן זיך אין קעלער און אַרויפטראָגן פון דאָרטן די גוטע „נאַליווקעס" מיט די שיינע געזאַלצענע אוגערקעס מיט די קלוגע געזײַערטע אַרבוזעס, וואָס שטייען בא די נגידים צוגעגרייט אַפן ווינטער, און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס ס'איז גאָרניט צו גלייבן, אַז ייִדן קענען אַזעלכעס טאָן...

דאָס אַליין איז נאָך גאָרניט. אַמאָל (אוי, אַמאָל!) פלעגט מען אַליין זײַן שיכור, ווי לוט, און אויך די „נאַטשאַלסטווע" אָנשיכורן אַזוי, אַז זי פלעגט טאַנצן מיט אַלע ייִדן, איך בעט אײַך איבער אײַער כבוד, אָן קאַפּאָטעס באַם נגיד אַפן דאַך. איצט איז שוין אַנדערע יאָרן מיט אַנדערע

„נאַטשאַלסטווע“. מען איז גערן, אַז זי לאָזט כאָטש ייִדן איין מאָל אין יאָר זײַן שיכור און גיין פראַנק און פרײַ פון שטוב צו שטוב און זינגען פריילעכע ניגונים. וואָרעם אין אַנדערע שטעט, זאָגט מען, טאָר מען דאָס אויך ניט...

פאָרשטייט זיך, אַז פון יאָר צו יאָר ווערט בײַ אונדז די „חברה הוליאַקעס“ שיטערער און ווינציקער. אַ סך זײַנען אויסגעשטאָרבן, און די, וואָס זײַנען געבליבן, האַלטן באַם אָפּשטאַרבן. דעריבער אײַל איך מיך די דאָזיקע באַרימטע הוליאַקעס צו באַשרײַבן, יעדן איינציקן מיט זײַן טיפּ און בײַ זײַן נאָמען — לאָז כאָטש בלײַבן אַ זכר, אַ סימן פון דעם, ווי מע הוליעט בײַ ייִדן אין גלות, אַז עס קומט שמחת־תורה.

## א.

# אליק דער מעכאַניק

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אַ שנײַדער. און נישט נאָר אַ שנײַדער, נאָר אַ שנײַדערל, דאָס מיינט, אַז ער איז אַ קליינטשקער מיט קורצע פיסעלעך, מיט קליינטשקע הענטעלעך, מיט אַ קליין בערדעלע. נאָר אַ קול האָט ער דווקא אַ געמבע, אַ באַסאָווע שטימע. אַלע וווּנדערן זיך: ווי קומט צו אַזאַ קליין ייִדעלע אַזאַ געדיכטע באַסאָווע שטימע? נאָר קשיות פרעגן איז קיין קונץ נישט. למאַי ווי קומט צו אַזאַ קליין ייִדעלע, ער זאָל אַרײַנגיסן אין זיך אַזויפיל בראָנפן, אַז עס קומט שמחת־תורה?

אָבער טאַקע נאָר שמחת־תורה. אַ גאַנץ יאָר טרינקט ער נישט — נישט קיין בראָנפן, נישט קיין ווײַן. נישט מחמת ער האַלט נישט פונעם ביטערן טראָפּן, נאָר איבער אַן אַנדער טעם — ער האָט נישט. ער איז נעבעך אַ גרויסער אָרעמאַן. מע קאָן זאָגן אַן אביון. קינדער, קיין עין־הרע, אַ סך. און אַרבעט — וואָס אַ יאָר, וואָס אַ יאָר ווינציקער. אַן אויסכאַפּעניש זאָל קומען אָפן „גאַטאָוויך פּלאַטיעוו“! זינט עס האָט זיך געעפנט אין שטאָט דער „גאַטאָוויך פּלאַטיעוו“, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן, און ס'איז געוואָרן אַ מאָדע פאַרטיקע קליידער, און נאָך אַף אויסצאָלן דערצו, האָט אליק דער מעכאַניק פאַרלוירן איינציקווײַז אַלע זײַנע בעלי־בתים.

וואָלט כאָטש דער „גאַטאָוויך פּלאַטיעוו“, אַ מיתה־פּאָהיבל זאָל אַף

אים קומען, וועלן צושארן א מאָל א שטיקל ארבעט. איז ווי לאַנג קרענקט ער! למאי זאָל א ייִד פארדינען א שטיקל ברויט? אמער, לאָז א גוי האָבן פרנסה. א גוי איז בילכער. כאָטש אפילו ס'איז א פארדראָסיקע זאך. מילא, אז ער האלט א צושנײַדער א גוי, איז כאפט אים בעניע. א גוי א צושנײַדער שנײַדט אָפּ אָן אנדער פאסאָן. אָבער שטעפּעכטס? פאר־וואַרפעכטס? אונטערנייעכטס? דערויף מוז מען שוין אויך קומען צום גוי? אָן עק! אײַנגייען א קנעפל, צוסטריגעווען א בענדל, אויספּרעסן א קאָלנער — דאָס קאָן שוין אויך נישט א ייִד?

וואָלט דער „גאַטאָוויך פּלאַטיעוו״, דער שלאָק זאָל אים טרעפן, כאָטש אליין געווען א גוי. איז ניין! דווקא א ייִד, און נאָך וואָסער א ייִד! א כשרער ייִד און הייסט רב לייזער. ער איז א געוועזענער חייט, נאָר הײַנט איז ער א בעל־הבית, א חשוב בא נאַטשאַלסטווע, און פאָרט אַלע זומער „זאַגראַניצע״ און ברענגט פון דאָרטן צו פירן אַלע יאָר נײַע מאָדעס מיט נײַע זשורנאַלן. אין שול זיצט ער אויבנאָן. עליות קויפט ער זיך די פעטסטע. שידוכים טוט ער די שענסטע. אז ער איז געווען אמאָל א שנײַדער, האָט ער שוין לאַנג פארגעסן. דעם נאָמען חייט קאָן ער גאָר נישט הערן. א „נאַש־בראַט״ לאָזט ער נישט אָפּ די אויגן. טרײַבט אָרעמע לײַט מיט שטעקנס. און גאָט זעט און שווײַגט!

אדרבה, וואָס א יאָר, ווערט „לייזער גאַטאָוויך פּלאַטיעוו״ רײַכער. צו אים צוטרעטן — דאַרף מען שוין גאָר האָבן א זכיה: א גלעקל בא דער טיר!

א גליק, וואָס ס'איז כאָטש פאַראַן איין טאָג אין יאָר אזעלכער, וואָס מע קאָן דעמאָלט צו איר צוטרעטן אָן זכות־אָבותן, אָן גלעקלעך, אָן קלינגעניש. דאָס איז דער טאָג פון שמחת־תורה.

שוין אינדערפרי, בעת אנדערע ייִדן זײַנען נאָך אין שול, איז אליק דער מעכאַניק, ווי די גאַנצע חברה הוליאַקעס, לאַנג אָן אָפּגעדאַווענטער, אָן אויסגעטרונקענער און אָן איבערגעביסענער. און מע גייט שוין ארומ־גענומען אַלע מיט א געזאַנג איבער די גאַסן, פון איין נגיד צום אנדערן, גוט יום־טוב בעטן. און צום אַלעם ערשטן גייט מען צום נײַעם נגיד, „רב לייזער גאַטאָוויך פּלאַטיעוו״ (לכבוד שמחת־תורה האָט מען אראָפּ־גענומען דאָס גלעקל פון טיר). פון גאַנץ פרי אָן שטייט צוגעגרייט אָפּן טיש בראָנפן און ביר און ווײַן א פלעשל מיט אַלערליי פארבײַסעכצן. רב לייזער אַליין גייט זיי אַקעגן מיט א פאַרטיק שמייכעלע און בעט אליקן,

ער זאָל מאַכן קידוש. טוט אים אליק צוליב און מאַכט דעם ברייטן יום־טובדיקן קידוש אַף זײַן גראָבער באַסאָװער שטימע, דרייט און ציקלט זיך מעשה חזן, און די חברה הוליאַקעס ענטפערט אים מיטן כאָר, ווי זינגערלעך דעם חזן:

— אָ־אָ־אָ־מ־ן!

„לייזער נאַטאָוויך פּלאַטיעוו" קלײַבט כלומרשט נחת פונעם קידוש, און לייזעריכע כלומרשט קוועלט אויך, ציטערט, מע זאָל איר נישט פאַרגינען דאָס טישטוך, נישט צעברעכן אַ גלעזל, אָדער חלילה אַן אַנדער שאָדן. און ביידע שעצן זיי זיך גליקלעך, אַז זיי דרייען זיך אַרוים פון אליקן אָן אַ סקאַנדאַל. וואָרעם אליק דער מעכאַניק, אַז ער איז רעכט אונטערן גלעזל און ווערט גוט פאַרקנאַקט, קאָן ער דערציילן דעם נײַעם נגיד מיאוסע מעשיות. ער קאָן אים אָננעמען פאַר אַ האַנט און זאָגן אים דעם גאַנצן פסוק גאַנץ איידל און פאַרשטעלט:

— הער־זשע אוים, ברודער גאַטאָוויך פּלאַטיעוו! כאָטש דו ביסט די כפרה פאַר אַ גוי, די כפרה מעגסטו זײַן פאַר אַלע גויים, און כאָטש דו האָסט פײַנט אַ ייִדן ערגער ווי אַ ייִד חזיר, נאָר אַזוי ווי מיר האָבן הײַנט יום־טוב אַף דער גאַנצער וועלט, און אַזוי ווי דו האָסט אונדז מכבד געוועזן מיט לעקעך און בראָנפן, טאָ לאָמיר טרינקען לחיים, און לאָמיר זיך ווינטשעווען דערלעבן איבעראַיאָר שמחת־תורה, און זײַן די אייגענע ייִדן וואָס מיר זײַנען, און לאָמיר זיך צעקושן אין די פּיסקלעך, און לאָז די וועלט נישט וויסן, אַז דו ביסט אַ חייט בן חייט, און אַ פאַרך, און אַ שונאי־ישראל, און אַ רוח אין די שונאימס טאַטנס טאַטן אַרײַן!

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן נײַעם נגיד, לאָזט זיך חברה הוליאַקעס מיט אַ געזאַנג צו די איבעריקע נגידים. דאָרט ווערט דער קידוש איבערגע־חזרט נאָכאַמאָל מיטן זעלבן פאַראַד און מיטן כאָר. דערצו ווערט צוגע־זעצט נאָך אַ פאָר שטיקלעך פון ימים נוראים, וואָס אליק איז דערויף אַ גרויסער קינצלער, און אַז איר וועט אים שטאַרק בעטן, וועט ער אײַך באַווײַזן, ווי אַזוי אַן ערשטלינג גייט צו קינד, און נאָך אַזעלכע שטיק, אַבי צו משמח זײַן דעם עולם, מאַכן אים לעבעדיק־פריילעך, וואָרעם ס'איז שמחת־תורה — און שמחת־תורה דאַרף מען הוליען און הוליען.

## ב.

# קאַפּל בעל־מוח

אַזוי רופט מען אים דערפאַר, ווײַל ערג האָט אַ גרויסן שטערן און אַ גלאַנצנדיקן. „אַ שטערן, ווי בײַ אַ מיניסטער", — זאָגט מען אױף אים. קאַפּל איז אָבער נישט קיין מיניסטער. קאַפּל איז אַ בעל־מלאכה. אַ שוסטער איז ער.

בטבע איז קאַפּל אַ ייִד אַ בעל מרה־שחורה. שטענדיק פאַרזאָרגט, פאַרחושכט, אָפּגעריסן, געשטימט טרויעריק, פּעסימיסטיש.

פון וואַנען נעמט זיך עס? אפשר דערפון, וואָס ער קוקט אױף דער וועלט כל ימיו פון אַ פינצטערן קעלער? דאָרט איז זײַן וואַרשטאַט, דאָרט קלאַפּט ער פּלעקלעך. דאָרט איז זײַן היים, דאָרט לעבט ער. שוסטערײַ איז נישט שנײַדערײַ. אַ שנײַדער מוז האָבן ליכט; אַ שוסטער קאָן זיך באַגיין אין דער פינצטער.

דאָס הייסט, אַז מע וויל צוריק, באַדאַרף אַ שוסטער אויך צו זען, וווּהין ער שטעכט מיט דער נאָל און וווּהין ער קלאַפּט אַ פּלעקל. נאָר דערצו איז גענוג אַ קליין פענצטערל, אַ קוואַטירל, וואָס קוקט דורך אַ געל־גרינבלעך גלאָז אינדרויסן אַרויס. אַ מענטש, וואָס זיצט־אָפּ אַזוי־פיל יאָרן אױף אַ קײַלעכיק לעדערן זעסל און קלאַפּט מיטן האַמער אין דער פינצטער, קאָן נישט זײַן קיין אָפּטימיסט.

און אפשר נעמט זיך זײַן מרה־שחורה דערפון, וואָס גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַ ווײַב אַ צרה, וואָס אחוץ דעם, וואָס זי באַגראָבט אים אַ לעבעדיקן, האָט זי אין זיך נײַן מאָס רייד, דאָס מויל מאַכט זיך איר נישט צו?

„שרה די זאָגערן" — אַזוי רופט מען זי צווישן די שכנים, וואָרעם זי האָט אַ מענה־לשון און רעדט אָן אַן אָפּשטעל. עס גייט בײַ איר געבונדן און געקייטלט, און עס לאָזט זיך בײַ איר נישט אויס, ווי פון אַ קוואַל.

מיר קאָנען נישט פאָדערן פון אונדזער פרײַנט לעזער, אַז ער זאָל אונדז גלויבן אױף נאמנות. ער איז עס נישט מחויב. דעריבער גיבן מיר דאָ אַ מוסטער פונעם מענה־לשון, וואָס „שרה די זאָגערן" לייגט־אַוועק אין אַ שיינעם פרימאָרגן, בעת קאַפּל קלאַפּט מיטן האַמער און זײַנע

צוויי שוסטער־יונגען העלפֿן אים אונטער, איינער ציט אַ דראַטווע און דער אַנדערער פּוצט אַ פּאָדעשווע. מיינט נישט: שרה אַליין זיצט אויך נישט צונויפֿגעלייגט די הענט. זי טוט דרײַ אַרבעט מיטאַמאָל: מיט די הענט שיילט זי קאַרטאָפֿלעס, מיט די פֿיס וויגט זי אַ קינד און מיטן מויל רעדט זי, און דווקא צו זיך אַליין.

— גיט זיך אויס אַ טאָג, איז כאָטש עפֿן טיר און טויער, ווי אין אַ מאַנהויז, פֿון כאור אָן הו־האַ, אויף און אָפּ, טאָ דער, טאָ יענער, טאָמער איז קאַרג דאָס קלאַפּן, קלאַפּן זאָל אים אין קאָפּ, ווי ער קלאַפּט מיטן האַמער, איז זי אויך דאָ, טאַקע די שוועסטער זײַנע די קלאַפּעטי־ריכע מיטן צינגל, ווי אַ גלעקל דזין־דזין־דזין, אַ גדולה אַף דער באָבע, זי האָט אַ בריוול פֿון איר דאָליע, אָנגעקומען אַזש פֿון אַמעריקע, קומט אים אַ דאַנק, ער האָט נאָך נישט כאַפּלירע געהאַט, דער שיינער מאַנדיוק, פֿאַר אַן אַנדערע דאָרטן, אַ מכה אים, ווי חיה־קיילעס מאַן האָט דאָרטן אָפּגעטאָן, פֿאַרכאַפּט זאָל עס ווערן, אָט דאָס אַמעריקע טאַקע! וואָרעם אַז מע קומט אַהין, פֿאַרגעסט מען, אַז מע האָט געלאָזט אַ ווײַב אין דער היים, גרינגע פֿייגעלעך, אַ קיש־קיש מיטן קאָפּ אין דער ערד! נישט אויסצו־האַלטן פֿון דער קורעלאַפּניטשקע מיט אירע עופֿות! גייען־אַרום הונגעריקע און וויל האָבן פֿון זיי שמאַלץ, כאָטש ווען אַמאָל זיך לייגן אַף אַ טשיקאַוועס, שענקען אַן איי אַף דער חלה צו באַשמירן באַ דעם דאָזיקן יקרות, וואָס נישט צוצורירן זיך, נישט צו קיין איי, נישט צו קיין קאַר־טאָפֿליע, נישט צו קיין ציבעלע, כאָטש לויף אין דער וועלט אַרײַן, אַ סיפּע אים אין פּנים אַרײַן און אַ געשוויר אים אין זײַט, טאַקע דעם גוי, ווי ער איז קליגער געוואָרן, און וויל שוין אָפּנאַרן אַ ייִדן. קאָפּוי או מענע קאורקו נאַ שאַבעם — לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז אַזוי אַ קאורקו, ווי דו ביסט אַ רב. אַ דע טוואָיאַ קאורקאַ? — שטופּט זי אין פּנים אַרײַן אַ קורטשאַטקע די גרויס ווי אַ מײַזל. כיבאַ צע קאורקאַ? צע בלאָכאַ! — ווערט זי נאָך מלא גזלן און רייצט זיך: או טעבע ראָשע נעמאַ! און באַהאַלט דאָס שיינע הינדל אין בוזעם. אַ קאָטאַ, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! נאַ דיר נאָך טאָמער איז קאַרג, ברוך הבא, אַ קאָטער האָט זיך פֿאַרנאַדעט צו די קעז, ווי פּייסי חיימס צו ריווע־לאה די מאָדניצע, אַלע אין דערפֿרי און אַף דערנאַכט, ווי אַ זייגער, שמעקט אין אַלע טעפּ. נישטאָ גאָרנישט! אויסגעטריקנט! טרוקן זאָל דיר זײַן אין האַרצן, און אין קאָפּ, און...

— ווען שילסטו דאָס? — טוט באַ איר קאָפּל אַ פֿרעג אַף אַ

טשיקאַוועס, הערט־אויף אַ ווײַלע קלאַפּן מיטן האַמער און שטעלט־אַוועק אַף זײַן ווײַב דעם גרויסן גלאַנצנדיקן מיניסטעריש שטערן.

— טאַקע דיך מיט דײַנע ממזרים! — ענטפֿערט אים שרה, גאָרנישט לאַנג געטראַכט, און טוט זיך אירע דרײַ מלאכות ווי פֿריִער, און איז צופֿרידן, וואָס זי האָט פֿרישן שטאָף אַף איר מענה־לשון, וואָס ציט זיך בײַ איר אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג, ווי דער ים, ווי דער ייִדישער גלות, ווי קאָפּלס דלות. אָרעמער קאָפּל! ווּהין וואָלט ער נישט געלאָפֿן, ער זאָל נישט זײַן צוגעבונדן אָט צו דעם לעדערנעם זעסל? מוז ער אָבער פֿאַרענדיקן אַ שטיקל אַרבעט, אַניט — ווער ער נישט האָבן אַף שבת, און אַז ער וועט נישט האָבן אַף שבת, וועט זײַן אָפּגעשניטענע יאָר פֿון שׂרהן מיט איר מענה־לשון.

שוואַרץ, חושך ווי די ערד, זעט אויס קאָפּל דער שוסטער, און דערשלאָגן. מע הערט פֿון אים קיין פּיפּס. שטיל טראָגט ער אַף זיך דעם גלות מיטן דלות מיט אַלע צרות, שטיל האַלט ער עס אין זיך. מע באַדאַרף זײַן אַ פֿילאָזאָף, מע זאָל קאָנען האַלטן אין זיך אַזוי פֿיל. קאָפּל בעל־מוח איז אַ פֿילאָזאָף. אַ שטילער פֿילאָזאָף און אַ פֿאַרזאָרגטער.

נאָר אויב קאָפּל איז אַ גאַנץ יאָר פֿאַרזאָרגט, איז דאָ אַ טאָג, — און דער טאָג איז שמחת־תורה — וואָס ער איז פֿריילעך. וואָס זאָג איך פֿריילעך? נײַגעבוירן, אויסער זיך, משוגע, ריין משוגע! שטעלט אײַך פֿאָר קאָפּל בעל־מוח צווישן חברה הוליאַקעס מער הוליאַק פֿון אַלע הוליאַקעס! ער האָט זיך געביטן מיט אַליק דעם מעכאַניק מיט די היטלען, — אַז דער האָט אַ היטל, ווי אַ שיסל, און יענער האָט אַ היטעלע, ווי אַ פֿײַג די גרייס — קאָן מען נישט פּלאַצן פֿאַר געלעכטער? טשעפּעט נישט, זיי האָבן זיך געוואָלט בײַטן מיט די קאַפּאָטעס אויך, קריכט נישט אַליקס קאַפּאָטקעלע אַף קאָפּלס געזונטע פּלייצעס.

קאָפּל דער שוסטער זעט אויס קעגן אַליק דעם שנײַדער, ווי אַ גלית הפּלשתי. עס איז דעריבער אַ קאָמעדיע אָנצוקוקן, ווי די צוויי נעמען זיך אַרום ברידערלעך, גייען טאַנצן איבער די גאַסן. און כאָטש קאָפּל האָט אַ קול פֿון אַ ריקבעט, מע קאָן זאָגן, כמעט גאָר קיין שטימע נישט, פֿונדעסטוועגן טוט ער זיך אָן אַ כּוח און העלפֿט אַליקן זינגען, ווי אַ געטרײַער משורר דעם חזן. און אַז אַליק שטעלט זיך אַוועק מאַכן דעם פֿריילעכן קידוש, האַלט אים קאָפּל אונטער: „באָם!" און אַז אַליק האָט געענדיקט דעם קידוש אַף זײַן באַסאָווער שטימע מיט אַ געדרייטן „מקדש

ישראל" און מיט א ציקלדיקן „ו־ה־ז־מ־נ־י־ם", און וויל צו־טראָגן דעם כוס צו די ליפּן, כאַפּט־אויס קאָפּל בא אים דאָס גלעזל פון די הענט, און איידער מע קוקט זיך אַרום, איז שוין קאָפּל מיטן כוס פּאַרטיק. ער האַלט שוין גאָר בא לאָזן זיך אין א טענצל. דערווײַל טרײַבט ער אונטער אליקן, אַז אליק זאָל זינגען, וועט ער אים העלפן. טוט אים אליק צוליב, און ביידע זינגען זיי א יום־טובדיק ליח און די גאַנצע חברה הוליאַקעם העלפן־אונטער, ווער מיטן קול און ווער מיטן פּליעסקען פון די הענט. אָט דאָס איז דאָס ליד, וואָס זיי זינגען:

אתה בהרת־ת־נו
מכל הע־מים.
איזאָ וסיעך נאַראָ־ראָ־ראַדאָוו
טי נאַס פּאָליוביל.

— שטאַרקער, יידן, שטאַרקער! — שרײַט קאָפּל בעל־מוח, און דער שטערן בא אים שוויצט סכנות. — נישט געזאָרגט, ברידער! דער עיקר — נישט געזאָרגט זיך, און נאָר געזונגען, און נאָר געטאַנצט, און נאָר געהוליעט, און נאָר געהוליעט!

ג.

## מענדל דער בלעכענער

ריכטיקער וועט זײַן — דער בלעכער, מחמת מענדל איז פון פאַך א בלעכער. נאָר מע האָט אים א נאָמען געגעבן בא אונדז „דער בלע־כענער", ווײַל ער זעט אויס גלײַך, ווי ער וואָלט געווען געמאַכט פון בלעך.

א הויכער ייִד, א גלײַכער, א טרוקענער, אָנגעטאָן אין א לאַנגער האַרטער בלעכענער נאַקידקע, א בלעכן פּנים, א בלעכענע באָרד, און אפילו א קול פון בלעך — א בלעכן קול.

זײַן אַרבעט — איז סאַמאָווארן. ער גלייזט, דאָס הייסט, ער ווײַסט־אויס סאַמאָווארן. נאָר אַזוי ווי סאַמאָווארן גלייזט מען בא אונדז, מייג־סטנס, נאָר אַף פּסח, איז די גאַנצע שפע בא אים ערב פּסח, און די איבעריקע טעג פון א גאַנץ יאָר קוקט ער נישט אָן קיין סאַמאָוואר אין די אויגן. בא אַזעלכע גאָלדענע געשעפטן וואָלט מענדל דער בלעכענער

געהאַט אַ ברירה צו שטאַרבן אַ גאַנץ יאָר פון הונגער, ווען ער זאָל נישט האָבן אין האַנט נאָך עטלעכע פּרנסות.

למשל, ער קאָן היילן בהמות, מאַכן, זיי זאָלן זיך מעלקן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו בלעכערײַ? — קיין שום שייכות נישט. נאָר אַז אַ מענטש האָט אַ טאַלאַנט צו נאָך עפּעס — וואָס מאַכט עס קאַליע? למאי ער קאָן אויסלייגן אויוונס אויך? אויך צונויפלייטן געבראָכענע כלים, אַז מע זאָל גאָרנישט דערקענען? צי, אַשטייגער, אין פאַרבערײַ, מיינט איר, האָט ער שוין גאָר קיין ידיעה נישט? אַז מע שמועסט — אַ מענטש קאָן אַלצדינג, איז דאָך נישט שײַך!

פונדעסטוועגן, שרעקט אײַך נישט. פון די אַלע פּרנסות האָט מענדל דער בלעכענער קוים־קוים וואַסער אויף קאַשע, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, אי דאָס — מוז אים אַמאָל אונטערהעלפן זײַן ווײַב ריסל.

ריסל איז אַ באָבע (אַ הויבאַמע), נאָר אָן פּראַקטיקע, נישט מחמת זי איז אַ שלעכטע הויבאַמע, נאָר איבער די אַקושערקעס. עס איז געוואָרן די לעצטע צײַט באַ אונדז אַ געדרענג אויף אַקושערקעס. נישטאָ באַ אונדז כמעט אַ ייִדישע שטוב אָן אַן אַקושערקע. אַ ייִד האָט דרײַ טעכטער, זײַנען צוויי פון זיי אַקושערקעס און די דריטע שטודירט אויך אויף אַקושערקע.

— אַ שטאָט פון אַקושערקעס! — זאָגט מענדל דער בלעכענער און איז אין כעס און פײַערט מיט סכנת־נפשות. — אויף יעדער געווינערן צוויי אַקושערקעס, און מיט דער געווינערן — דרײַ, וואָרעם די געווינערן אַליין איז אויך אַן אַקושערקע.

אַזוי קריטיקירט מענדל די אַקושערקעס. מענדל איז בכלל אַ שאַרפער קריטיקער. נישטאָ אַ זאַך, וואָס מענדל זאָל נישט קריטיקירן. נישטאָ אַ מענטש, וואָס מענדל זאָל געפינען אויף אים אַ זכות, זאָגן אַ גוט וואָרט. אַזאַ טבע באַ אים. עס גיט זיך אויס אַ מענטש, וואָס עס געפעלט אים נישט קיינער און ער איז מיט קיין זאַך נישט צופרידן. למשל, לאָז גיין אַ רעגן אין דרויסן, וועט אײַך מענדל נישט זאָגן, אַז עס גייט אַ רעגן, נאָר אַ „מבול"; און, פאַרקערט, לאָז נישט גיין קיין רעגן, איז אויך שלעכט: „אַן אויסטריקעניש, אַ דערשטיקעניש, אַ מדבר!" קיינמאָל וואַרעמט נישט באַ אים די זון, נאָר זי „ברענט", זי „שרפהט". אַ שניי איז באַ אים אַ „פאַרשיטעניש". אַ פראָסט אַליין איז אים קאַרג; ער מוז צוגעבן דאָס וואָרט: „ברענענדיקער". שטאַרבט, חלילה, אַ מענטש אין שטאָט — הייסט עס באַ אים אויף זײַן לשון: „דער עולם טראָגט זיך אָפּ,

מע פּאַלט, ווי פליגן"... זײַן אַף אַ לוויה, קומען יענעם מנחם־אָבל זײַן, אָדער אַ קראַנקן מבקר־חולה זײַן — דערויף איז מענדל תמיד פונעם ערשטן מנין. זײַן טרייסטן, זײַן אויסריידן דאָס האַרץ באַשטייט אין דעם, אַז „עס קאָן נאָך זײַן אַ סך ערגער, ווי עס איז". אַ צאָן לאָז אײַך ווײ טאָן, וועט אײַך מענדל זאָגן: „אָט דאָס הייסט בײַ אײַך ציינווייטיק? ציינווייטיק פרעגט מיך!" און ער וועט אײַך דערציילן, וואָס ער האָט געהאַט פון אַ צאָן, אָדער ער וועט אײַך איבערגעבן פון זײַנעם אַ באַקאַנטן, וואָס איז שיער נישט געשטאָרבן פון אַ צאָן, שוין געווען פאַרבײַ, נאָר מע האָט אים אָפּגעשריִען...

אָדער פּרוּווט זיך קלאָגן פאַר אים, אַז איר הוסט, וועט ער אײַך באַלד אַ פרעג טאָן: „מיט בלוט?"... דאָס איז נישט, ווײַל מענדל איז אַזאַ שלעכטער בטבע און וויל, אַז איר זאָלט, חלילה, הוסטן דווקא מיט בלוט. ניין! נאָר ס'איז בײַ אים אַזאַ כאַראַקטער, זען יעדע זאַך אינעם ערגסטן צושטאַנד און ליגן יענעם שטיינער אַפן האַרצן. ער קאָן אַנדערש נישט. אַ געבוירענע זאַך — פאַרפאַלן.

הײַנט גיי ריכט זיך, אַז אַזאַ מיזאַנטראָפּ, ווי מענדל דער בלעכענער, וועט ער זײַן שמחת־תורה צווישן חברה הוליאַקעס אַ גאַנצער קונצנמאַכער, אַ קאָמעדיאַנט און אַ פאַרשלעפּטע קרענק!

קומט שמחת־תורה, ווערט מענדל אַ דײַטש. דאָס הייסט, ער פאַרשטעלט זיך אַף דעם טאָג פאַר אַ דײַטש און רעדט נישט קיין אַנדער שפּראַך, אויסער דײַטש. די לאַנגע בלעכענע נאַקידקע האָט ער אונטערגעבונדן, געמאַכט פון איר אַ פּידזשאַק, די פּאות האָט ער פאַרלייגט אַהינטער די אויערן — קיין סימן פון קיין פּאה, און אַ קאַפּעלוש האָט ער אָנגעטאָן — ייִדן! פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ קאַפּעלוש אַף דער וועלט? ווו האָט ער אים אויסגעקראַצט? כלומרשט אַ צילינדער־הוט, נאָר צעקנייטשט, צעשטעכערט, און הויך, ווי אַ קוימען, און אָן אַ דעק, מיט אַ לאָך פון אויבן — טאַקע ווי אַ קוימען. אַ פאַבריטשנער קוימען. און כאָטש דער דאָזיקער קוימען איז שוין גוט באַקאַנט אין שטאָט פון פאַראַ־יאָרן, פון פאַר־צוויי־יאָרן און פאַר־דרײַ־יאָרן שמחת־תורה, פונדעסטוועגן באַגעגנט מען מענדלען מיט דער זעלבער גדולה און התפעלות, וואָס פאַראַ־יאָרן, פאַר־צוויי־יאָרן און פאַר־דרײַ־יאָרן, און חברה קונדסים מאַכן אים די אייגענע אָוואַציעס, וואָס אַלע שמחת־תורה.

— אַ גוט יום־טוב, דײַטש! קוימען! הוררא, קאַפּעלוש!

נאָר מענדל דער בלעכענער ענטפערט זיי נישט. מענדל האָט נישט צו טאָן מיט קונדסים. מענדל איז באַשאַפן געוואָרן אַף צו משמח זײַן גרויסע. די גאַנצע שטאָט באַדאַרף זיך מיט איר פרייען. עס ווערן אַרויסגעטראָגן אַלע טישן מיט אַלע בענקלעך פון שטוב, און מענדל דער בלעכענער (איצט שוין „מענדל דער טײַטש") מיטן קוימען אַפן קאָפּ, איין האַנט פּאָ־באָקאָם, אין דער אַנדערער האַנט אַ פלעשל, טאַנצט אַ „דײַטש" און זינגט אַ דײַטשעס לידל:

זײַנען מיר דײַטשן
און האָבן קיין זאָרג.
נישטאָ קיין מזומן —
נעמען מיר אַף באָרג.

און די איבעריקע חברה הוליאַקעס כאַפּן־אונטער:
בים ־ באָם, בים ־ באָם,
בים ־ באָם, בים ־ באָם!
און מענדל זינגט ווײַטער:
זײַנען מיר דײַטשן —
איינס, צוויי, דרײַ, פיר.
גיט מען נישט קיין בראָנפן,
טרינקען מיר ביר.

כאַפּט־אונטער די חברה הוליאַקעס:
בים ־ באָם, בים ־ באָם,
בים ־ באָם, בים ־ באָם!

און מענדל זינגט ווײַטער:
זײַנען מיר דײַטשן,
אונדז קען גרויס און קליין;
ווײל מען אונדז נישט געבן,
נעמען מיר אַליין.
און חברה הוליאַקעס כאַפּן־אונטער:
בים ־ באָם, בים ־ באָם,
בים ־ באָם, בים ־ באָם!
און אַזוי ווײַטער. פּלוצעם שטעלט זיך מענדל אָפּ:

— ייִדן! איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס איז נאָך דאָ בעסערס אַף דער וועלט, ווי אַז מען איז אַ ייִד? ניין. איך פרעג נאָר איין זאַך: וואָס קאָן זײַן בעסער, ווי אַז מען איז אַ ייִד?

דער עולם איז מסכים, אַז ס'איז גאָר נישטאָ קיין בעסערע זאַך אַף דער וועלט, ווי אַז מען איז אַ ייִד, און מע ווערט וואָס ווײַטער אַלץ לעבעדיקער און פריילעכער; די פּיס הייבן זיך אַליין, און עס גלוסט זיך אַלעמען מיט אים כאַפּן אַ טענצל. נעמט מען זיך מיט אים פאַר די הענט, און מע מאַכט אַ ראָד, און מע דרייט זיך, און מע טאַנצט, און מע טופּעט מיט די פּיס, און מע הוליעט, און מע הוליעט.

## ד.

# משה־יענקל דער אַפּיקורס

שוין אַ ייִד אין די יאָרן, נאָר ער האַלט זיך יונג. ער האָט נאָך נישט אַפילו איין גרויע האָר אין באָרד. אַזאַ משפּחה בײַ זיי. שטאַרבן — און ווערן נישט גרוי. איין זאַך נאָר, וואָס דאָס פּנים איז אים כאָטש געקנייטשט. זעט אויס, ווי אַ געזײַערטער עפּל, ווי אַ זויערע קיסליצע. אָנגעטאָן גייט ער אַ לאַנגע קאַפּאָטע, טראָגט שיך און זאָקן און גייט־אום אַ פאַרטראַכטער אין עולמות.

ער איז אַ זייגערמאַכער און הייסט משה־יענקל, נאָר רופן רופט מען אים „דער אַפּיקורס".

מחמת ער איז אַ זייגערמאַכער און ווייס דעם גאַנג פון די רעדלעך און פאַרשטייט דעם שכל פונעם מעכאַניזם, פאַרוואָס עס דרייט זיך, האָט ער אַ ידיעה אין אַזעלכע זאַכן, וואָס פאַר אַן אַנדערן איז דאָס אַ סוד. און מחמת ער האָט צו טאָן מיט שקיעת־החמה, ווייס, ווען די זון זעצט זיך און ווען זי גייט אויף, פאַרשטייט ער שוין במילא דעם שכל, פאַר־וואָס איז באַטאָג — טאָג, און באַנאַכט — נאַכט, און למאי איז זומער — זומער, און ווינטער איז — ווינטער, און פאַרוואָס גייט זומער אַ רעגן און ווינטער אַ שניי, און וואָס קומט פריִער: דער דונער אָדער דער בליץ — און נאָך אַזעלכע זאַכן. קורץ: משה־יענקל דער זייגערמאַכער שמט פאַר אַ חקרן, אַ פילאָזאָף און אַן אַפּיקורס.

נאָר לאַ די, וואָס משה־יענקל איז אַליין אַ חקרן, אַ פילאָזאָף און אַן

אַפּיקורס, וואָלט ער אַ בעלן געווען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיין אויפגעקלערטע, פילאָזאָפן און אַפּיקורסים. צוליב דעם האָט ער ליב, אַז מע קומט צו אים מיט אַ זייגער פאַריכטן, זאָל ער זיך אַוועקזעצן חקירהן, פילאָזאָפירן און אָפּלאַכן פון אַ גוט אויג, און פון אַ חלום, און פון באַגעגענען אַ גלח, און פון ליידיקע עמערס, און אָפּלצעווען, להבדיל, פון אַ גוטן ייִדן, מאַכן חוזק פון די חסידים.

אָפּלאַכן פון אַ גוטן ייִדן — דאָס איז בּאַ אים אַ גאַנצער צימעס. ער קאָן אייך אַרומקלייבן אַרום זיך אַ גאַנץ רעדל און דערציילן אייך אַ מאָדנע מעשה, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף, און שטעלט־אַוועק דערביי אַן ערנסט פּנים, קיין שמייכל אפילו נישט צו טאָן, אַזוי אַז איר קאָנט זיכער מיינען, אַז דאָס דערציילט אייך אַ הייסער חסיד אַ מופת פונעם רבין.

— פאָרט ער, הייסט עס, איינמאָל אין וועג — אַזוי הייבט אָן גאַנץ שטיל משה־יענקל צו דערציילן גלייך פונעם מיטן, און איר זייט שוין אַליין מחויב צו וויסן, ווער איז דער „ער" — פאָרט ער זיך אַזוי איינמאָל אין וועג, פּריוויטיק איז דאָס געווען פאַר ליכט־בענטשן, פאָרט ער און פאָרט, פאָרט און פאָרט, פאָרט און פאָרט. ווערט דאָך זיי קשה — ביז וואַנען? ס'איז דאָך שוין באַלד שבת? מאַכן זיי צו אים: וואָס וועט זיין? ענטפערט ער נישט דאָס אַנדערע וואָרט און הייסט פאָרן ווייטער. העלפט זיך נישט: אַז ער הייסט פאָרן, דאַרף מען פאָרן. פאָרט מען און מע פאָרט, פאָרט מען און מע פאָרט, פאָרט מען און מע פאָרט. די זון הייבט שוין אָן צו זעצן זיך. אָט־אָט, נאָך אַ שעה, נאָך אַ האַלבע שעה, און עס ווערט נאַכט. ווערט זיי קאַלעמוטנע, הייבן זיי שוין אָן אַביסל שטאַרקער: גוואַלד, וואָס וועט זיין דער תכלית? מע וועט דאָך שוין באַלד־אָ נישט טאָרן! רוט ער זיך אָן: טפּרררו! בלייבט מען שטיין, שטייט מען און מע שטייט, און מע שטייט און מע שטייט, און מע שטייט און מע שטייט. ווערט זיי נמאס, מאַכן זיי צו אים: אָט דאָ וועלן מיר האַלטן שבת? זאָגט ער: פאַרוואָס נישט? זאָגן זיי: וואָס הייסט? נו, און פיש? ווו וועט מען נעמען פיש אַף שבת? זאָגט ער: עס וועט זיין פיש. זאָגן זיי: פון וואַנען? זאָגט ער: פון טייך. זאָגן זיי: ווו האָבן מיר אַ טייך? זאָגט ער: אָט איז דער טייך. כך הווה. מע הייבט אויף די אויגן, — אַ טייך, אַ ים, אַן אוקינוס! ווערט זיי שוין אַביסל גרינגער אַפן האַרצן. זאָגן זיי: ווו־זשע נעמט מען אַ גוי? זאָגט ער: אַף וואָס דאַרפט

איר אַ גוי? זאָגן זיי: ער זאָל אונדז כאַפּן פּיש. זאָגט ער: און ווו זײַט איר? ווערן זיי מבויש און זאָגן: מיר זאָלן כאָטש האָבן אַ נעץ. זאָגט ער: נאַט אײַך מײַן פּאַטשיילע. האָבן זיי פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט; האָבן זיי גענומען די פּאַטשיילע, און זײַנען אַרײַנגעגאַנגען מיט דער פּאַטשיילע אין טײַך אַרײַן, און זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען — נישטאָ קיין סימן פון קיין פּיש! דרייען זיי אויס דעם קאָפּ צו אים און מאַכן צו אים: סע שלעכט! זאָגט ער: וואָס איז די שלעכטיקייט? זאָגן זיי: עס כאַפּט זיך נישט. זאָגט ער: עס וועט זיך כאַפּן. און כך הווה. ווי נאָר ער האָט אויסגערעדט די דאָזיקע פיר ווערטער, האָבן זיי גלײַך דערפילט, אַז די פּאַטשיילע ווערט וואָס ווײַטער אַלץ שווערער און שווערער, שווערער און שווערער, שווערער און שווערער. אָן עק. זיי בלײַבן אָן כחות. ווערט זיי שוין ווידער מאַרקאָטנע אויף דער נשמה. קוקן זיי צו אים מיט די אויגן, שטויסט ער זיך אָן און זאָגט צו זיי: שלעפּט ווײַטער, שלעפּט! און אַז ער זאָגט: שלעפּט — דאַרף מען שלעפּן. האָבן זיי זיך אַ נעם געגעבן מיט די לעצטע כחות און האָבן גענומען שלעפּן, האָבן זיי געשלעפּט און געשלעפּט, און געשלעפּט און געשלעפּט, און געשלעפּט און געשלעפּט, און געשלעפּט און געשלעפּט...

— אַ, פאַרשלעפּן זאָל מען אים! אַז אַ וועלט זאָגט „אפיקורס”, זאָל מען גלייבן! — און מע שפּײַט־אויס און מע טרעט־אָפּ פון דעם אפּיקורס. נאָר אַ ייִדישע נשמה קאָן מען נישט שאַצן. דווקא אָט דער אפּיקורס, אַז עס קומט שמחת־תורה, ווערט אויף אים אַ נײַע הויט. עס איז אים גאָרנישט צו דערקענען. זײַן טרינקען האָט קיין שיעור — קיינער פון דער חברה הוליאַקעס וועט זיך נישט אונטערנעמען אַרײַנגיסן אין זיך אַזוי פיל משקה, וויפל אָט דער משה־יענקל. און משה־יענקל, אַז ער שטעלט אַרײַן די ערשטע עטלעכע כוסות, ווערט ער שכור? חס מלהזכיר! — נאָר פריילעך. ער ווערט אַליין פריילעך און מאַכט דעם עולם פריילעך. אַ גאַנץ יאָר אַן אפּיקורס, און שמחת־תורה אַ מאַרשעלאָק, און נאָך וואָס פאַר אַ מאַרשעלאָק! עס איז כדאַי אָנצוקוקן משה־יענקלען, ווי ער טאַנצט מיט אַ בעזעם אין האַנט, מיט איין שטיוול און מיט איין באָרפוס און זינגט אַ ליטוויש לידל:

האָפּ - טשוק, בערל!<br>
האָפּ - טשוק, שמערל!<br>
מיט איין באָרפוס און מיט איין זאָק,

מיטן לאַנגן יאַמשנשטאַק,
מיטן ווײַסן לײַבסערדאַק...

דערבײַ ציט־אַרויס אונדזער אַפּיקורס אַ מוראַדיק לאַנגן טלית־קטן און טאַנצט אַזוי גרינג, ווי אַ פֿעדער, קוים־קוים וואָס ער רירט אָן די ערד מיט די פֿיס. און ער נעמט זיך אַרום מיט אַלעמען, און ער קושט זיך מיט אַלעמען, מיט חסידים און נישט מיט חסידים, און טענהט מיט טרערן אויף די אויגן:

— באַרעכנט נאָר, וואָס פֿאַר אַ גרויסן גאָט מיר האָבן! וואָס פֿאַר אַ גרויסן גאָט, און וואָס פֿאַר אַ שטאַרקן גאָט, און וואָס פֿאַר אַ געוואַל־טיגן גאָט, וואָס מען קאָן אים גאָרנישט משיג זײַן מיטל שכל! נו, ווי אַזוי זאָלן מיר זיך נישט איבערנעמען? ווי אַזוי זאָלן מיר זיך נישט פֿרייען, נישט טרינקען קיין לחיים? לחיים, ייִדן! לחיים! לשנה הבאה בירושלים!...

דער עולם האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז משה־יענקל איז אַ חקרן, אַ פֿילאָ־זאָף און אַן אַפּיקורס, און מע טרינקט מיט אים לחיים און מע נעמט זיך מיט אים בײַ די הענט, און מען איז זיך משמח מיטן יום־טוב, און מע הוליעט, און מע הוליעט.

ח.

# שעיה־דוד בעל־תשובה

מסתמא איז ער אין די יונגע יאָרן געווען אַ גרויסער בעל־חטא, אַז ער איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ בעל־תשובה.

אַמאָל האָט ער געהייסן אַן אַנדער נאָמען: שעיה־דוד דער כלי־זמר. ער איז אַ כלי־זמר. דאָס רוב כלי־זמר זײַנען געבאָפּט, זאָגט מען. די פּרנסה זייערע איז אַזעלכע, מע האָט צו טאָן מיט מיידלעך און מיט ווײַבלעך. און ווען? אויף חתונות, אויף פֿאַרשפּילן און אויף חתן־מאָלס. פֿון פֿרומקייט איז מען ווײַט, פֿון ייִדישקייט — אָפּגעריסן. הײַנט די הלבשה זייערע, דאָס אָנטאָן זיך בײַ זיי איז אומעטום און פֿון תמיד אָן מעשה פֿראַנט.

פֿאַראַן מענטשן, וואָס געדענקען נאָך שעיה־דוד דעם כלי־זמר מיט

אַ פֿאַטלע האָר אַפֿן קאָפּ געקרײַזלטע, מיט אַן אונטערגעהאַקטער קאַפּאָטע, און אַ שוואַרצע טענדעווערענדע האָט ער געטראָגן אַף די אַקסלען, און דאָס בערדל — אַ סברא — איז געווען אונטערגעפּוצט.

הײַנט האָט ער זיך פֿאַרלאָזט באָרד און פּאות, אַ קאַפּאָטע טראָגט ער אַ לאַנגע, אַ ייִדישע, און איז דער איינציקער צווישן די כלי־זמר, וואָס לאָזט נישט דורך אין דערפֿרי און אַף דערנאַכט דאָס דאַוונען.

נאָר ס׳איז פֿאַראַן אַלערליי דאַוונערס אַף דער וועלט. שעיה־דוד דאַוונט נישט, ווי אַלע מענטשן. ערשטנס, שרײַט ער. ער גוואַלדעוועט אַזוי, גלײַך ווי דער ייִדישער גאָט וואָלט שוין באמת געווען אַזוי אַלט, אַז מע דאַרף צו אים שרײַען. הײַנט האָט אָט דער כלי־זמר אַ טבע זאָגן צוויי מאָל אַ וואָרט און צוויי מאָל אַ שורה — ער האָט מורא, טאָמער האָט ער דורכגעלאָזט. לאָז, זאָגט ער, מײַנס איבערגיין: „ברוך ברוך, שאָמר שאָמר, והיה והיה — ברוך שאָמר והיה, ברוך שאָמר והיה... העולם העולם, ברוך ברוך, הוא הוא, ברוך ברוך, גוזר גוזר — העולם ברוך הוא ברוך גוזר, העולם ברוך הוא ברוך גוזר״... משוגע צו ווערן! די, וואָס זיצן נעבן אים, זאָגן, אַז ס׳איז פֿון אים נישט אויסצוהאַלטן; ער פֿאַרשרײַט דעם קאָפּ, און מיט זײַן איבערחזרן צוויי מאָל אַ וואָרט שלאָגט ער זיי אָראָפּ, זאָגן זיי, פֿונעם וועג.

וואָס איז די מעשה, וואָס שעיה־דוד איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזאַ פֿרומער ייִד — ווייס קיינער נישט. אַז איר וועט אים פֿרעגן, וועט ער אײַך נישט ענטפֿערן. און אַז איר וועט פֿון אים לאַכן, וועט ער זיך מאַכן נישט וויסנדיק. און בכלל ווייסט איר נישט, וואָס מיט אים טוט זיך. אַ שטילער ייִד, אַ פֿאַרבאָרגענער, אַ בעל־תשובה.

עפּעס האָט מיט דעם מענטשן באַדאַרפֿט פּאַרקומען. אין שטאָט זאָגט מען, אַז דאָס ווײַב האָט אים אַוועקגעוואָרפֿן, נאָך אין דער יוגנט. און מיאוס אַוועקגעוואָרפֿן. אַנטלאָפֿן מיט אַ „פּאַמאָטשניק פּריסטאַוו״. געזעסן אין שכנות, אַ שטילער גוי. ליב געהאַט אַ ייִדן. גיי ריכט זיך, אַז ווען מע וועט אים אַריבערפֿירן אין אַן אַנדער שטאָט, וועט איר איבער־ריידן שעיה־דודס ווײַב, זי זאָל מיט אים מיטפֿאָרן. וואָלט דאָס כאָטש געווען באַטאָג, וואָלט זי אפשר שעיה־דוד איבערגערעדט צוריק, אָדער פֿאַרהאַלטן מיט גוואַלד. האָט זיך עס אָבער באַדאַרפֿט טרעפֿן באַנאַכט, און נישט אין אַ פּראָסטן טאָג, נאָר אין אַ פֿרײַטיק־צו־נאַכטס, — גיי פֿאָר איר נאָך! דער בזיון איז געווען געווען גענוג גרויס, און דער ווייטיק

נאָך גרעסער. זי האָט אים איבערגעלאָזט אַ קינד נאָך אין די וויקעלעך. אַפֿן קינד האָט די שטאָט געשמועסט, אַז... נאָר וואָס מע קאָן באַ אונדז אין שטאָט אויסטראַכטן!... דאָס קינד איז געוואַקסן און אויסגעוואַקסן. אַ מיידל, און נאָך אַ יפֿת־תּואר דערצו, געראָטן אין דער מאַמע, אינגאַנצן די מאַמע, אַפֿילו מיטן כּאַראַקטער... שוין געווען אַ כּלה, געהאַט אַ גאַנץ פֿײַנעם חתן — וועט איר הערן. גייט זי און וואַרפֿט אַוועק דעם חתן מיטן טאַטן און טוט אָפּ אַ זאַך, וואָס נאָר אַזאַ מיידל, וואָס האָט אַזאַ מאַמע, קאָן אַזעלכעס טאָן. לאַנג דערציילן אײַך באַדאַרף מען נישט, עס איז שוין אַן אַלטע מעשה. די שטאָט האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן. נישט פֿאַרגעסן האָט עס נאָר דער פֿאָטער. ווי קאָן אַ פֿאָטער פֿאַרגעסן אַן איין־און־איינציק קינד, זי מעג זיין די גרעסטע בעל־עבירהניצע, די שענד־לעכסטע פֿאַרברעכערן אין דער וועלט? פֿאָרט אַ קינד!

אמת, שעיה־דוד האָט נאָך מיט קיין מענטש דערפֿון נישט גערעדט. מיט וועמען וועט ער ריידן, אַן עלנטער און אַ פֿאַרבאָרגענער? און ווער וועט אים פֿרעגן אַזאַ זאַך? ווער וועט אים גיין זאָלצן אָף די וווּנדן? און וואָס וועט העלפֿן דאָס ריידן? אַ גליק, וואָס עס מאַכט זיך אַמאָל אַ חתונה, אַ פֿאָרשפּיל און אַ חתן־מאָל און מע דאַרף גיין שפּילן. שפּילן איז שעיה דוד געגאַנגען אָף דער אַנדערער וואָך נאָכן אומגליק. וואָס זאָל מען טאָן? — פּרנסה! נישט גיין שפּילן — וועט מען אים אַרויס־וואַרפֿן פֿון אָרקעסטער. איצט האָט ער שוין פֿאַר אַרויסוואַרפֿן קיין מורא נישט. שוין באַלד פֿופֿציק יאָר אַז אַ מענטש שפּילט. מאָלט אײַך, אַלץ הייסט געשפּילט. אַמאָל, אין דער יוגנט, קאָן זײַן האָט ער אפֿשר געשפּילט. הײַנט רימפּלט ער. ער האַלט־צו אָף דער צווייטער פֿידל, אָף דער סע־קונדע.

ראַם־טאַם, טאַם־טאַם
ראַם־טאַם, טאַם־טאַם

און בשעת רימפּלען מאַכט זיך, אַז שעיה־דוד הייבט־אָן צו דרעמלען, באַקומט ער מיטן שטעקעלע פֿון פֿרץ דעם דיריזשאָר איבער דער נאָז: „רב זײַט־זשע־מוחל, שטייט אויף צו סליחות". חברה כּלי־זמר האָבן דען זײַטן פֿון שעיה־דוודן? מע טוט אים, וואָס מע טוט קיין ייִדן נישט. מע גנבהט אַוועק באַ אים די קאַנעפֿאָליע, אַמאָל שמירט מען אים אָן דעם סמיטשיק מיט פּוטער, מע לייגט אים אַרײַן אַ קאַץ אין שיידל — און

שעיה־דווד זאָל דאָס איבערקערן די צונג! אַ שטילער ייִד, אַ „פאַרביסע־נער" — זאָגן אַף אים חברה כּלי־זמר און טוען אים צום טויט.

מער פון אַלע דעקוטשעט אים „פּרץ דער דיריזשאָר" פאַר זײַן פּרומ־קייט. פּרץ איז אַ יונגערמאַן אַ שטשאָגל מיט אַ געל אונטערגעשוירן בערדל, מיט קלײַען אַף די הענט, האַלט זיך פאַר אַ גרויסן מוזיקער, „סאָטשיניאַעט נאָטן" און מאַכט בעת דיריזשירן אַזעלכע אָנשטעלן מיטן אָרקעסטער, אַז מע קאָן שטאַרבן! בײַ פּרצן אַרבעט נישט נאָר דאָס שטעקעלע — בײַ אים אַרבעטן די הענט, און דער קאָפּ, און די אויגן, און די ברעמען, און די נאָז, און די פיס, און וואָס איר ווילט. דאָס שפּילן, זאָגט ער, מאַכט אים נערוועז. נאָר חברה כּלי־זמר רופן עם משוגע. און זײַן משוגעת לאָזט ער אויס, מיינסטנס, צו שעיה־דוודן. אים לאָזט ער נישט אָפּ אַף קיין מינוט. „רב זײַט־זשע־מוחל" — קיין אַנדער נאָמען האָט ער נישט באַם „דיריזשאָר".

— רב זײַט־זשע־מוחל, פאַרשפּילעט די קאַפּאָטע.

— רב זײַט־זשע־מוחל, באַהאַלט די ציצה.

— רב זײַט־זשע־מוחל, איר קאָנט שוין גיין דאַווענען.

— רב זײַט־זשע־מוחל, וויפל קאַפּיטלעך תהלים האָט איר שוין הײַנט אַרײַנגעשלונגען אַפן ניכטערן האַרצן?

חברה כּלי־זמר ווערן צעשמאַלצן פונעם געלן דיריזשאָרס חכמות, און שעיה דווד דער סעקונדניק — שאַ, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען. אַ פאַרטראַגענער מלאך.

ווײַנען ווײַנט שעיה־דווד אין עק שטאָט, ערגעץ בײַ אַ גוי, קאָכט זיך אַליין אָפּ דאָס עסן אין אַ טעפּעלע און טוט אַליין אַלצדינג, וואָס מע דאַרף. זומער קאָנט איר אים באַגעגענען גיין פונעם מאַרק מיט אַ דיניע אָדער מיט אַ רעטעך אונטערן אָרעם. גייט שטילע טריט, דער קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט אַראָפּ, און געקומען אַהיים, זעצט ער זיך אוועק אָדער דאַווענען, אָדער זאָגן תהלים שטילערהייט אַף אַ ניגון, און צוויי מאָל אַ וואָרט, ווי זײַן שטייגער איז: „אשרי אשרי, האיש האיש, אשר אשר, לא לא, הלך הלך — אשרי האיש אשר לא הלך, אשרי האיש לא הלך"... אַ שטילער בעל־תשובה!

פּלוצעם וואַקסט־אויס אונדזער שטילער בעל־תשובה מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער, און פּלוצעם כאַפּט ער זיך אויף, ווערט מונטער, לעבעדיק און פריילעך.

דאָס איז אינעם טאָג פון שמחת־תורה.

ווער רײַסט זיך אַרײַן אַ פּאַרטיקער, אַ פּאַרקנאַקטער מיט אַ הוליאַ־קעס אין שול אַרײַן, בעת דער עולם איז נאָך ניכטער און דאַווענט נאָך? ווער שלעפּט־אָפּ דעם חזן פונעם עמוד און שטעלט־אַוועק אויף זײַן אָרט אַליק דעם מעכאַניק, אַז ער זאָל זיך צעבאָמקען אויף זײַן באַסאָווער שטימע און חברה הוליאַקעס זאָלן אים אונטערהעלפן מיטן גאַנצן פּאַראַד? ווער שטעלט זיך אַוועק בײַם אָרון־קודש אויסטיילן די פּסוקים פון „אתה־הראית" צווישן די הוליאַקעס?

קיינער נישט, נאָר שעיה־דוד דער כּלי־זמר. אָט דער שטילער בעל־תשובה, וואָס מע הערט פון אים קיין הויך וואָרט אַ גאַנץ יאָר, איז דאָס מיט אַ מאָל געוואָרן אַ גאַנצער ברעכער, אַ קאָמאַנדיר, אַ רעדלפירער. ער רופט־אַרויס מיט אַ ניגון די חברה הוליאַקעס איינציקווײַז און איז מכבד יעדן מיט אַ פּסוק פון „אתה־הראית":

— איז מען מכבד התורני רב אליק מעכאַניק מיטן ערשטן פּסוק פון אתה־הראית!

— איז מען מכבד התורני הסנדלר רב קאָפּל בעל־מח מיטן צווייטן פּסוק פון אתה־הראית!

— איז מען מכבד התורני הסאַמאָוואַרניק רב מענדל דער בלעכענער מיטן דריטן פּסוק פון אתה־הראית!

און אַזוי ווײַטער. מען איז שטאַרקער פון אײַזן, אַז מע האַלט דאָס אויס! נאָר מע האָט געדולד. מע לאַכט און מע קוקט, וואָס וועט זײַן ווײַטער. דער עולם ווייס שוין פריִער, וואָס וועט זײַן ווײַטער. מע געדענקט דאָס פון פאַר־אַ־יאָרן שמחת־תורה; מע ווייס, אַז נאָכן אויסטיילן די פּסוקים פון אתה־הראית וועט שעיה־דוד דער כּלי־זמר נעמען אויסטיילן אויך די הקפות צווישן דער חברה הוליאַקעס, מיטן זעלבן ניגון און מיטן אייגענעם סדר, וועמען די ערשטע און וועמען די צווייטע און וועמען די דריטע הקפה, נאָר זיך לאָזט ער אויפן סוף און גיט זיך אַליין אויך אָפּ כּבוד:

— איז מען מכבד התורני הכּלי־זמר רב שעיה־דוד מיט דער לעצטער הקפה!

און נאָכדעם נעמט מען זיך אַלע חברה הוליאַקעס פאַר די הענט, און מע גייט אַרום באַלעמער אַ ראָד, און מע זינגט „עוזר־דלים", און מע טאַנצט, און מע פרייט זיך מיט דער תורה, און מער פון אַלעמען —

שעיה־דוד דער בעל־תשובה. ער האָט צוגעטוליעט די ספר־תורה נאָענט צום הארצן, ווי מע טוליעט צו אַ קינד אַ טרייסט.

— פרייט זיך, ייִדן, מיט גאָטס תורה! — שרײַט שעיה־דוד אויסער זיך פון התפעלות. — הוליעט, ייִדן, הוליעט! קיינער האָט נישט אַזאַ תורה!

און מע פרייט זיך מיט דער תורה, און מע טאַנצט מיט איר, און מע הוליעט, און מע הוליעט.

## ז.

# רבינו יונה

או באַניו — אין באָד אַרײַן!
ייִדעלעך, פּאַמיטסאַ,
שמײַסן זיך, פּאַסטריטסאַ,
קאָסטאָטשקי פּאַפּראַווית,
צרות טאַם אָסטאַווית,
או באַניו — אין באָד אַרײַן!

אָט דאָס לידל קאָנט איר באַ אונדז הערן יעדן ערב־שבת און יעדן ערב יום־טוב.

דאָס זינגט יונה דער בעדער, אַ ייִד אַן אַטלעט, אַ באָרדיקער, אַ האָריקער, אַ געלער, מיט געלע געדיכטע ברעמען, מיט זייער אַ זיסער שטימע, האַלב אױף גויִיש, האַלב אױף ייִדיש — בכדי יוצא צו זײַן לכל הדעות, פאַר ייִדן ווי פאַר נישט ייִדן, וואָרעם כאָטש אונדזער באָד איז אַ קהלשע באָד, געבויט פאַר ייִדיש געלט פון ייִדנס וועגן, און ווערט געהייצט אַלע ערב־שבת, אייגנטלעך, פון ייִדנס וועגן, דאָך איז אונדזער באָד אָפן פאַר אַלעמען, אָן אַ שום אונטערשייד און אָן אַ שום פּראָצענט־נאָרמע פאַר „פרעמדע"... און בכדי אַלע טאָקע זאָלן וויסן, ווּהין מע רופט זיי, האָט יונה דער בעדער אָנגעהאַנגען אױף אַ גאַנץ הויכן שטעקן אַ בעזעם — אַן עמבלעם אױף אין באָד אַרײַן.

דערזעען דעם בעזעם און דערהערט יונה דעם בעדערס געזאַנג, פילן ייִדישע קינדער באַצײַטנס דעם טעם און דעם ריח און דעם תענוג פון באָד, און עס מאָלט זיך זיי אויס, אַז אָט ליגן זיי שוין אױף דער אייבער־

שטער באנק, איינגעהילט אין א געדיכטער היץ, מע זעט נישט איינס דאָס אַנדערע, און איבער זיי, אין דער הייך, געוועלטיקט יונה מיטן בעזעמל, פּאַרעט זיי, בעזעמט זיי, שמײַסט זיי און דרעשט זייערע לײַבער און רעדט בעת מעשה איבער זיי העכער האַלב אַף רוסיש, ווי זײַן שטייגער איז: „עך, דערזשים, בראַטצי, לכבוד שבת בודיעם פּאַרו פּאַדאַוואַט!"...

העכער האַלב אַף רוסיש רעדט יונה דערפֿאַר, ווײַל ער האַלט זיך פֿאַר אַן עכטן פּאָניע, פֿון „טיף ראַסעיאַ", פֿון „סימביר". און ס'איז טאַקע אַזוי. דאָס הייסט, אייגנטלעך, איז יונה דער בעדער, אויב איר ווילט וויסן, גאָר אַן אונדזעריקער, טאַקע פֿון אונדזער שטאָט. נאָר ס'איז מיט אים אַ גאַנצע מעשה, און די דאָזיקע מעשה ווילן מיר אײַך איבערגעבן אין קורצע ווערטער.

אַמאָל — שוין לאַנג — האָט יונה געהאַט אַף זיך אַ „דיעלע". וואָס — ווייס מען נישט, נאָר אַ דיעלע. יונה אַליין זאָגט, אַז די דיעלע איז געווען אַ „פּאָסטיאַשנע דיעלע". אַ פּאָסטיאַשנע, נישט קיין פּאָסטיאַשנע — מע האָט אים געבראַכט צום געריכט, אָפּגעמשפּט און פֿאַרשיקט אַף אַ היפּש שטיקל צײַט אַהין, וווּ מע לאָזט נישט אַרײַן קיין יִדן, סײַדן מע האָט אים געכאַפּט מיט אַ גנבה. און אַז די צײַט איז אַוועקגעגאַנגען און יונה האָט זיך באַדאַרפֿט אומקערן צוריק, האָט אים אונדזער שטאָט אַפֿילו נישט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צוצושרײַבן, און מע האָט אים דאָך צוגעשריבן, און „יונה דער סימבירניק" איז געוואָרן צוריק אַ אונדזעריקער. האָט ער אָבער אין שטאָט נישט געטראָפֿן שוין קיינעם פֿון זײַניקע; מען איז זיך צעקראָכן: דער איז אַרויסגעפֿאָרן, דער איז אַוועקגעשטאָרבן. האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטן די ערשטע צײַט אין בית־מדרש. נאָר וואָס קאָן טאָן אין בית־מדרש, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ ייִד אַן עם־הארץ, וואָס ווייס נישט קיין צלם פֿאַר קיין אלף? עס איז נאָר געווען שטאָף פֿאַר די לצים אַף אָפּצולאַכן. ווי אַזוי אַ ייִד אַ סימבירניק זאָגט עברי, זעצט ווי אַ באָנדער. און ווי אַף־צו־להכעיס, האָט מסתמא יונה ליב, ווי אַלע גראָבע יונגען, דאַוונען דווקא הויך אַף אַ קול, בכדי די גאַנצע וועלט זאָל ווייסן, אַז ער קען נישט קיין שטיקל עברי. אָט דעמאָלט האָט דאָס אים חברה געקרוינט מיטן נאָמען „ר ב י נ ו י ו נ ה", וואָס איז פֿאַר אים ווי אָנגעמאָסטן.

— נו, רבינו יונה! זעצט זיך אָקאָרשט, זײַט מוחל, אַוועק אָט דאָ

ביים אויוון און דערציילט אונדז עפּעס פון די וויַטע מדינות, פון סימ־ביר... יונגע לײַט, דרך ארץ! צערוקט אײַך, קוועטשט אײַך, מאַכט אָן אָרט פאַר רבינו יונהן!...

און „רבינו יונה" זעצט זיך אַוועק, און חברה — אַרום אים, און ער דערציילט זיי מעשיות פון די וויַטע מדינות, פון די קעלטן, וואָס דאָרטן, און פון דער אַרבעט, וואָס מען אַרבעט, און פונעם עסן, וואָס מען עסט, און פונעם שלאָגן, וואָס מע שלאָגט. אין די מעשיות איז דאָ אַ טייל אמת, אַ טייל צוגעשמאָלצן פון יונהס פאַנטאַזיע, נאָר חברה הערט זיך צו מיט אינטערעס און מיט פאַרגעניגן, וואָרעם „רבינו יונה" האָט אין זיך אַ כח — ער קאָן דערציילן. עס גייט בײַ אים גלאַט, נישט צו דערקענען, ווו לאָזן זיך אויס פאַקטן און ווו הייבן זיך אָן פאַנטאַזיעס... גאַנצע נעכט וואָלט מען, דאַכט זיך, אַזוי געזעסן און אויסגעהערט זײַנע שיינע מעשיות. איז אָבער דער חסרון, וואָס עס עסט זיך צו. קרעפּלעך עסן, זאָגט מען, קאָן אויך נמאס ווערן. וואָס ווײַטער, איז גע־וואָרן ווינציקער בעלנים אױף רבינו יונהס מעשיות, און רבינו יונה איז געוואָרן אויס מיוחס, און דער שמש, אונדזער אַלטער באַקאַנטער „געצע־גובערנאַטאָר", וואָס האָט שוין לאַנג געקוקט קרום אױפן „סימבירניק", כאָטש ער אַליין האָט אויך נישט פײַנט געהאַט הערן זײַנע מעשיות, האָט געוואָרפן אױף אים אַן אוס־חן און האָט געזאָגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: אַ מקום קדוש איז נישט קיין הקדש. ווילֹ אַ ייד שלאָפן, זאָל ער שלאָפן אין דרויסן, זאָל ער גאָרנישט שלאָפן, אַבי נישט בײַ אים אין שול...

אַ שווער שטיקל צײַט איז אײַנגעטראָטן פאַר אונדזער „רבינו יונה", אַ ביטערע צײַט. וואָלט ער געווען אַ ייד, וואָס קען לערנען, אָדער וואָלט ער כאָטש געווען אַ קראַנקער, אַ בעל־מום, אַ קאַליקע, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ווי, אַשטייגער, „זיסל דער יורד", וואָלט זיך שוין געפונען אַ ייד, ווי, למשל „רב רפאל בעל־משגיח", וואָס וואָלט זיך פאַר אים געזאָרגט, ווי ער זאָרגט פאַר אַנדערע אָרעמע לײַט. איז ער אָבער, אױף צו־להכעיס, גלאַט און געזונט און שטאַרק, נישט ווי איין גוי, נאָר ווי צען גוים, און גיין בעטלען קאָן ער נישט, כאָטש האַקט אים אױף דעם קאָפּ!

ליגנדיק אין דרויסן בײַם בית־מדרש מיט אַ קולאַק צוקאָפּנס, האָט אונדזער „רבינו יונה", וואָס האָט זיך נישט אױף קאַטאָוועס פאַרבענקט נאָך „יענער ווײַטער מדינה", ווי אַ קליין קינד נאָך אַ מאַמע, נישט איין מאָל געזען אין חלום דאָס ברייטע, דאָס פרײַע, דאָס קאַלטע לאַנד פון

טאיגעם און שנייען, און ער האָט זיך פאַרשאָלטן דאָס געביין — „וועלבער רוח האָט אים געבראַכט צו טראָגן אַהער, אַף זײַן „ראָדינאַ", אין אַזאַ העק, אַ לאָך, ווו יִידן ליגן איינס אַף דאָס אַנדערע, ווי די הערינג אין אַ פעסל, אַף דערשטיקט צו ווערן?!"...

דער גוטער רבונו־של־עולם אָבער פאַרלאָזט נישט קיינעם. געקומען אַ צײַט אויך אַפן אָרעמען עלנטן „רבינו יונה". אים האָט געטראָפן אַ גליק, וואָס נישט ער, נישט קיינער האָט זיך דערויף געריכט: רב אהרן, דער אַלטער בעדער, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן (געווען אַן ערלעכער ייִד), איז אַוועקגעגאַנגען, און ס'איז געבליבן אין שטאָט אַ פרײַע וואַקאַנס אַף אַ בעדער. דאַרף מען דען האָבן נאָך אַ בעסערן פאַרטרעטער, ווי „רבינו יונה"? ס'איז געווען טאַקע נאָר מן השמים.

—לע ראָאַ ע מאָר — וויוו לע ראָאַ! — אַזוי זאָגט דער פראַנצויז. דער טײַטש איז: דער קעניג איז געשטאָרבן — לעבן זאָל דער קעניג. איין מלך אַראָפּ, דער אַנדערער אַרויף — אָט אַזוי פירט זיך עס אַף גאָטס וועלטל.

ווי ווײַט הויך „רבינו יונה" האַלט די פאָן פון בעדערײַ — דאָס האָבן מיר געזען אינעם אָנהייב פון דער דאָזיקער דערציילונג פון זײַן זינגען און פון זײַן רופן דעם עולם „או באַניו — אין באָד אַרײַן". נישט דאָס איז אָבער בײַ אונדז דער עיקר. די הויפּטזאַך איז, וואָס אָט דער „רבינו יונה" איז איינער פון די סאַמע פריילעכע און סאַמע טיכטיקע אין אונדזער באַרימטער „חברה הוליאַקעס". ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט, ווי אַזוי „רבינו יונה" הוליעט שמחת־תורה, דער האָט קיין שיינס נישט געזען. אַ ייִד, וואָס איז אַליין געווען אַ „פאַרשיקטער אַף סימביר", אַליין „געאַרבעט טאַטשקע", געטאָן כל עבודת־פּרך, אויסגעוועזן זײַן צײַט און געקומען בשלום צוריק „נאַ ראָדינו", אין זײַן שטאָט אַרײַן, צווישן זײַנע ייִדן, זאָל ער נישט זײַן פריילעך? זאָל ער נישט אַרומכאַפּן אַלעמען קושן זיך, האַליובען זיך — „עך, בראַטיקי ראָדימיע, גיסט מיר אָן נאָך אַ גלעזל ווײַן!"

אַ ייִד, וואָס איז אויסגעשטאַנען אַזויפיל אין זײַן לעבן, וואָס איז שוין געווען, ווי יונה זאָגט אַף זיך, „נאַ קאָניע און פּיד קאָניאָם", זאָל ער נישט אויסריידן אַלעמען דאָס האַרץ בײַ אַזאַ שלעכטער צײַט, זיך אויסלאַכן פון אַלע הײַנטיקע צרות, יסורים און גלות?

— עך, בראַטצי! — טענהט זיך אויס „רבינו יונה" אַף זײַן גע־

מישטער שפּראַך. — צרות — ניע ביעדאַ! גזירות — פּוסטיאַקי! גלות — נאַפּליעוואַט! ייִדן זײַנען מיר געווען — און ייִדן וועלן מיר בלײַבן...
אַ פּאַטאָמו — לחיים, און דאַוואַיטיע לכבוד שמחת־תורה אַ פריילעכס!

אמת, „רבינו יונה" איז נישט מער טאַקע ווי אַ בעדער, און נאָך אַ „סימבירניק" דערצו. אָבער אַ ייִד איז ער דאָך! אַ ייִד גלײַך מיט אַלע ייִדן, טשאָרט פּאָבעריו! איז דען זייער יום־טוב נישט זײַן יום־טוב? איז דען זייער שמחה נישט זײַן שמחה? איז דען זייער תורה נישט זײַן תורה?

ראַדויסיאַ, איזראַעל,
סעוואָדניאַ שמחת־תורה!

אַזוי זאָגט „רבינו יונה" דער בעדער אויף זײַן העכסטער אָקטאַווע, מיטן קנאַק און מיטן קוויטש, עכט פּאָנישן שטייגער, און אַנו — לאָז עמעצער פון די חברה הוליאַקעס אָדער פונעם איבעריקן עולם נישט וועלן מיטטאַנצן מיט אים אָט מיט דעם פּאָנישן שמחת־תורהדיקן ניגון! ניין, ווער וועט זיך דען אײַנשטעלן אַזעלכעס צו טאָן? סיידן דער, וואָס וויל פאַרזוכן „רבינו יונהס" האַריקע האַנט, וואָס וועט אים אַ נעם טאָן מיט גוואַלד, ער זאָל גיין אין קאָן אַרײַן. שוין גלײַכער מיט גוטן. און אַלע גייען מיט אים דעם דאָזיקן פריילעכן רוסישן טאַנץ. אַלע זינגען, אַלע פּליעסקען, אַלע טאַנצן, אַלע זײַנען זיך משמח מיטן יום־טוב. און מער פון אַלעמען און העכער פון אַלעמען הערט זיך „רבינו יונהס קול, האַלב אויף רוסיש, האַלב אויף ייִדיש:

ראַדויסיאַ, איזראַעל,
סעוואָדניאַ שמחת־תורה;
דאַזשע איוו סיבירי —
פאַר וועמען האָב איך מורא?!...

און עס גיסט זיך בראָנפן, אַזוי ווי וואַסער, און ייִדן טרינקען, ייִדן שכורן, ייִדן הוליען אָן אַן עק.

געשריבן לכבוד שמחת־תורה (אין יאָר 1911)

Este libro se terminó de imprimir el día 22 de agosto de 1955, en los Talleres Gráficos "Optimus" S.R.L., Valentín Gómez 2715-19 - Bs. As.